ISBN:0-657-14679-X
Barcode/EAN: 9780657146795

Old Call #: 6520

בּ. ווײַלנער

אַ שטעטל אין מאָלדאָווע

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 14679

A SHTETL IN MOLDOVE

B. Vilner

*Permanent preservation of this book was made possible
by Mel and Ricki Greenblatt
In memory of Charlie and Minnie Meltzer*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

ב. ווילנער

א שטעטל אין מאָלדאָווע

מלוכה־פאַרלאַג פאַר ליטעראַטור און קונסט
בוקאַרעשט

געווידמעט מיין ווייב מרים.

דער מחבר.

קאַפּיטל א

דער פּריץ און זיין וועקיל

ווייט אין דער מאָלדאָווע, ביים טייך פּרוט. דאָרט ווו דער טייך טיילט אָפּ מאָלדאָווע פון רוסלאַנד, דאָרט האָט געהערשט א גרויסער פּריץ. איז דער דאָזיקער פּריץ געווען זייער א גאַנצפּאַרכטיקער; דהיינו, אויפדערנאכט ווען ער האָט זיך געלייגט שלאָפן, איז ער נישט געגאַנגען צו בעט, נאָר מיט דער ביבל, און אינדערפרי ווען ער האָט די אויגן אויפגעמאכט, איז ער מיט דער ביבל איניינעם אויפגעשטאַנען. א ריר האָט ער זיך נישט געטון אָן דעם דאָזיקן בוך. אים האָט זייער געקרענקט, זעענדיק וויאַזוי גאָטס גאָב גייט צו גרונט, ס'האָט אים אָן א שיר ווי געטון, זעענדיק וויאַזוי זיינע אָרעמע פּויערים — אַזוי פלעגט ער זיי אָנרופן מיט גרויס רחמנות — פּלאָגן זיך אויף זיינע ברייטע פעלדער, און די גאַנצע מי איז ווי אין דער בלאָטע אריין. די תבואות אין די האמבארן פוילן, זיי ווערן אָנגעצינדן, פאַרשימלט. די אייער, די עופות, וואָס די פּויערים ברענגען אים אין הויף אריין — אַזוי ווי ס'איז דער מנהג נאָך פון שנים קדמוניות — איז אויך נישט בעסער; די עופות פּגרן אויס און די אייער ווערן פאַרשטונקען. און דאָס איז נאָר דעריבער, ווייל דאָס דאָזיקע לאַנד האָט נישט קיין סוחרים, קיין אויפקויפערס, וועלכע זאָלן דאָס אַלעס אוועקשיקן אהין אין די גרויסע וועלט שטעט ווו דאָס אַלץ ווערט אויסגעכאַפּט און פאַרצוקערט.

און כאָטש די האָרעוואַניע פון די פּויערים איז אוועק מיטן מיסט, מחמת ס'איז קיינער נישט געווען וואָס ס'זאָל די גערעטעניש צונעמען, דאָך האָט דער פּריץ קאָדאַטוועראַ, געהאַלטן זייער שטאַרק פון דעם דאָזיקן אַלטן מנהג, און ער האָט שטאַרק

פאריבל גנעהאט, טאָמער האָט א פּויערל זיך ארויסגעדרייט און זיין פּאָרציע הינער און אייער נישט געגעבן צו דער צייט. ביים צונעמען דעם דאָזיקן שטייער פון די פּויערים, האָט דער דאָזיקער פּריץ זיך נישט פארלאָזט אויף קיינעמען, נייערט אליין איז ער געשטאנען און די אייער געמאָסטן מיט אזא אייזערנעם רינג און אָך און וויי איז געווען דעם דאָזיקן פּויער וועמענס אייער ס'האָבן זיך דורכן רינג דורכגעגליטשט, אָדער וועמענס עופות ס'זענען געווען צו מאָגער.

— אָט איז דאָס א רשע. האָבן פּויערים געוואָרטשעט, — אליין האָט ער גאָרנישט פון דעם אלעמען און ביי אונדז רייסט ער ארויס דעם ביסן פונעם מויל. און ווען א פּויער האָט פון זיך ארויסגערעדט דעם ווייטיק זיינעם שוין אויף א צו הויך קול, האָט קאָדאטווערמא אים געהייסן אָפּשמייסן אויפן נאקעטן, גאנצע פינפונצוואנציק שמיץ. ס'איז אים נישט געגאנגען דאריין, וואָס מ'האָט זיין כבוד אָנגעריררט, נאָר אין דעם וואָס מ'האָט ווידערגעשפּעניקט אין דעם וואָס ס'שטייט געשריבן אין דער הייליקער ביבל, אז ס'טאָרן נישט אויפהערן צו זיין אָרעמע און אז ס'זענען דאָ אָרעמע, מוזן דאָך שוין זיין רייכע אויך, ווייל אנדערש ווי אזוי וועט מען דערקענען זייער אָרעמקייט?

אזוי זענען פארביי יאָרן. גאָרנישט האָט זיך געביטן. דער פּריץ האָט געמאָנט אלץ מערער און אז די פּויערים האָבן נישט געגעבן, האָט ער געשמיסן. גענומען און געשמיסן, געשמיסן און ווייטער געמאָנט. דער הויף, פול מיט גענדז, הינער און קאטשקעס. קאסטענס אָנגעפּראָפּט מיט אייער. האמבארן פול מיט תבואה. שוין נישטאָ קיין פּלאץ ווו דאָס אלעס אהינצוטון און ער האָט אלץ געמאָנט. איין גליק, וואָס נישט האָבנדיק גענוג פּלאץ, האָבן די עופות נישט געווארט אז מ'זאָל זיי אויסקוילען ווי דער שטייגער איז, נאָר פארלייגט די קעפּלעך און נישטאָ מער זיי. עפּעס א מין טשומע, זאָגט מען, האָט זיך אין זיי ארייננעכאפּט און זיי זענען אויסגעפּגרט און דאָס איז געווען א גרויס גליק, וואָרעם נאָר אזוי איז אין הויף אביסל גרוימער געוואָרן פאר אנדערע עופות. דאָס זעלבע מיט די אייער; פארשטונקען געוואָרן, אוועק מיט זיי צום פּרוט. ביז אין א טאָג איז אָנגעקומען א נייער פרישער גלח, א יונגט, ערשט ארויס פון דער נאָדל, נאָר נישט געווען מיט אזא האריץ ווי דער אלטער. ער האָט אלץ באגומען און פארשטאנען אז ס'איז נישט גוט. האָט ער זיך גענומען דעם פּריץ מוסר זאָגן און אים אויפגעוויזן פון דער היסטאָריע ארויס, אז אויב ער וועט גיין אויף דעם דרך,

וועט ער דער פּריץ האָבן אַ שוואַרצן ביטערן סוף, ער וועט גאָר נישט גוט אָפּשניידן. און ער האָט אים געבראַכט אַ ראיה פון געאָרגע דאָזשאַ און אַנדערע.

— אָבער, — איז אים דער פּריץ אַריין אינמיטן די רייד — וואָס דער סוף איז געווען, היילינקער פּאָטער, ווייסט איר; מען האָט אים, דאָזשאַן געדרייט אויף אַ ראָד, מען האָט אים פאַר־ברענט.

— אָבער ביז דעמאָלט, האָט ס'גלחל געזאָגט, — ביז מ'האָט דאָזשאַן געכאַפּט, האָבן די פּויערים אַסך פּריצים פאַרברענט און אויסגעהרגעט!

אָט די דאָזיקע ווערטער זענען אים טיף אין האַרצן אַריין און ער האָט אַסך געקלערט וועגן דעם; אַז אייגנטלעך איז נאָר ער שולדיק דאַרין, וואָס ער לאָזט צו, אַז די אַלע גוטע זאַכן זאָלן זיך וואַלגערן פאַר די פּויערימס אויגן, אַז אייגנטלעך וואָלט מען געדאַרפט און געמוזט צו נעמען דאָס אַלעם פון דאַנען, און נישט אַרויסוואַרפן אויפן מיסט אָדער אין פרוט אַריין. האָט ער אַזוי לאַנג געקלערט, וואָס עס איז צום טון, ביז ביי אים אין מוח איז געבוירן געוואָרן אַ געדאַנק, אַז ס'וואָלט זייער גוט געווען, ווען דאָ הינטן צופוסנס ביים באַרג, זאָל זיך געפונען אַ שטעטל מיט יידן, סוחרים, וואָס זאָלן זיך קאָנקורירן. און דער פּריץ שטעלט זיך שוין פאָר אין געדאַנק וויאַזוי די סוחרים שמייסן זיך איינס ס'אַנדערע „גייחטו אַזוי פיל, גיב איך צוויי מאָל“. און ער דער פּריץ, ער שמייכט, ער איילט זיך נישט, ער פאַרקויפט נישט, ער וואַרט אויף אַ דריטן. פון דעם דאָזיקן געדאַנק, ווערט אים, דעם פּריץ וואַרעם אין אַלע אבֿרים.

האָט דער פּריץ געלאָזט רופן דעם עלטסטן וואָס ער איז געזעצט איבער זיין גאַנץ פאַרמעגן, וועלכן מען רופט אין מאָל־דאָוויש לשון „וועקיל“ און זיך מיט אים אַ גאַנצן מעת־לעת באַראָטן, וואָס ס'איז צום טון און אַז זיי האָבן געענדיקט, איז ביים פּריץ געבליבן אַז ער זאָל בעטן דעם מלך סטורדזאַ, וועל־כער האָט געקיניגט פון איין עק ביז צום אַנדערן פון מאָלדאָוועס־לאַנד, ער זאָל געבן רשות, אַ חוץ די עטלעכע משפּחות, פאַר נאָך יידן, סוחרים אַז זיי זאָלן זיך באַזעצן ביי אים אויף זיין ערד.

אַזוי ווי ס'האָבן דאָס געטון שוין פריער אַנדערע פּריצים, און זיי האָבן זיך גאָר נישט אָפּגענאַרט היינו, ס'האָט זיי גאָר נישט באַנג געטאָן, יידן זענען געקומען, ווער פון גאַליציע, ווער פון באַסאַראַביע און זיך באַזעצט ביי זיי, אויף זייערע מאַיאָנטעקעס, פּונקט אַזוי האָט אויך געוואָלט קאָדאַטעווערמאַ. „זאָלן זיי קומען,

— האָט ער געזאָגט — זאָלן זיי צונעמען די עופות, די אייער און די תבואות און זאָלן די פּויערים נישט פאַריבל האָבן, פאַר־וואָס גאָטס גאָב ווערט דאָ געטרעטן מיט די פיס״.

און כאָטש דער פּריץ קאַראַמאַווערמא האָט זיך מיט זיין ווערקיל באַראַטן א גאַנצן מעת־לעת צו ברענגען נאָך יידן אז זיי זאָלן זיך דאָרט באַזעצן אין יענעם קאַנט, דאָך האָט דאָס שטעטל נישט געקענט אַרויסוואַקסן, אַזוי פון דער העלער הויט, ווי ס׳האָט זיך עס געוואונטשן דער פּריץ, מחמת, עלטערע יידן האָבן פון זייערע ערטער זיך נישט געוואָלט רירן און ייִנגערע האָבן געזאָגט, אַז זיי ווילן זיך ערשט איבערלייגן, א ישוב הדעת האָבן. וואָרעם; „ס׳איז צו שיין, אַז ס׳זאָל זיין אמת — האָבן א טייל פון זיי אַרויסגעדרינגען — ס׳איז צו גוט, אַז ס׳זאָל נישט שטעקן דאַרין א נאָדל אין פּופּעק, אַז א הונט זאָל דאָ נישט ליגן באַגראָבן, אַז ס׳זאָל אונדז נישט דערנאָך אַרויספאַלן באַקוס, — האָבן אַנ־דערע אַרויסגעדרינגען — וואָרעם, דאָרט ווו ס׳איז צו גוט, צו שיין, האָבן מיר יידן א קימא לן אַז ס׳מוז ערשט אויף סים־סאָט כפּרות. וואָרעם איך בעט אייך, — האָבן יידן ביי די בערד זיך געצויגן און איינס ס׳אַנדערע ביי די לאַצן; — א פּריץ פון מאָלדאָווע גיט פאַר יידן ערד, איז; ראשית פון וואַנעט האָט ער אַזוי פיל ערד, והשנית, אַז ער האָט מאַקע שוין יאָ, פאַרוואָס שענקט ער נישט פאַר זיינע פּויערים? נאָר הלוואי מיר זאָלן זיין ליגנערס, הלוואי ס׳זאָל זיך גוט אויסלאָזן און ווי אַזוי זאָגט דער דייטש? ענדע גוט אַלעס גוט״.

אָט אַזעלכע, און אַסך אַנדערע ווערטער האָבן יידן גערעדט אין די אַלע דאָזיקע ערטער ווו ס׳האָט דערגרייכט דאָס קול, אַז דער פּריץ קאַראַמאַווערמא גיט שטיקער ערד פאַר יידן...

די היסטאָריקער פון יענע צייטן, די, וועלכע פאַרשרייבן יע־דעס געשעעניש, האָבן אויך דאָס דאָזיקע געשעעניש פאַרשריבן און האָבן צוגעגעבן אַז די דאָזיקע בבא־מעשה, איז געווען די אַרבעט פון די אויפבלאָזערס, פון אַזעלכע יידעלעך וואָס האָבן ליב צו פאַרבייטן א פּשוטע קו מיט א באַרנבוים און א פּראָסטע אוגערקע מיט א — גאַנצער סמאַרדע וועלף. דאָס זענען עס געווען, — זאָגן די קראָניקער — אַזעלכע יידעלעך וועלכע געפינען זיך תמיד אין אַזא צייט אויפצובלאָזן יעדע זאַך א שרעק. און אַזוי ווי תמיד, אַזוי אויך דעמלט האָבן די דאָזיקע יידעלעך געוויזן מיטן פינגער און געשריגן; „אהין, אהין זאָלן מיר גיין! א דאָרט, רינט פון די שטיינער האָניק און פון די ווענט צאַפּט מען מילך מיט וויין!״

„ווער געדענקט דען נישט — זאָגן אַלץ די קראַניקער — די מעשה מיט ארגענטינע!“ „ארגענטינע? — האָבן די שיינע מענ־טשעלעך געשריגן — איז א לאנד, וואָס ביי יעדן שפּאַן טרעפסטו גאָלד, און זילבער, כסף מהור, וואַלגערט זיך אין די גאסן. א סמן האָט איר, — האָבן זיי ווייטער געדרינגען — אַז דאָס דאָ־זיקע לאנד, הייסט טאקע; אַ־ר־ז־ש־ע־נ־ט־י־נ־ע! וואָס די טייטש דערפון איז, זילבער.

האָט זיך טאקע געטון אַן איבערקערעניש, מענטשן האָבן זיך געשטעלט בדיל־הדל, אויספארקויפט ביז צום לעצטן פאָדעם, און געלאָזט זיך צו דעם לאנד, ווו ביי יעדן שפאַן טרעפסטו גאָלד, און זילבער, וואַלגערט זיך אין די גאסן. וויי! וויי! וואָס דעמלט איז געשען!

דאָס איצטיקע מאָל, אָבער, האָבן יידן זיך נישט געלאָזט אזוי לייכט פארפירן, זיי האָבן איטלעכס מאָל, ביי יעדער גע־לעגנהייט, ווען אזא מענטשעלע האָט זיך אויף זיי אָנגעזעצט, אים געפרעגט א ווידעראנאנד, א קשיא אויף א קשיא, אזוי אז יענער איז אוועק מיט א נאָז, און מחמת דעם איז טאקע דאָס שטעטל גאָר נישט געוואַקסן“.

און אויב דאָס שטעטל איז דאָך אויפגעבויט געוואָרן, איז דאָס נישט געוועזן דערפאר ווייל דער פריץ מיט זיין וועקיל האָבן זיך באמיט, און אויך נישט דאָס וואָס יידעלעך, פיינע בריות האָבן צוגערעדט און איינגערעדט, נאָר דאָס איז געקומען פון גאָר אנאנדערער זייט, אזוי ווי ס'וועט דאָ ווייטער באשריבן ווערן.

2

ווער איז ער?

אין א הייסן זומער־טאָג, איז א וואָגן, געשפּאַנט צו צוויי שטארקע פערד געבליבן שטיין פארן פריצס קאסטעל, און ס'איז אראָפּ א משונה מאָדנער פארשוין.

נאָך דער פיזאָגנאָמיע פון דעם דאָזיקן פארשוין, האָבן די די־נערס, נישט געקענט דערגיין צו וואָסערע נאציע ער געהערט. ווייל כאָטש ער האָט געהאט א קיילעכיק געשוירן בערדל, ברייטע הויזן, אריינגעטאכטע אין די שטיוול און א סורדוט וועלכע האָט געכאפּט דעם אָנבליק פון א יידישער קאפּאָטע, האָט דאָס אלעס נאָך נישט באַוויזן אז דער גאסט איז א ייד, פארקערט, זיי האָבן אים גיכער

נעקענט אָנעמען פאר א ליפּאָוואַן, ווייל נאָר זיי, די ליפּאָוואַנער, קליידן זיך אזוי און אויב זיי האָבן אים פאר אזעלכן אויך נישט געהאלטן, איז דאָך געווען דורכן הימל. אזא היטל טראָגט קיינער נישט אין דער געגנט, נישט יידן און נישט מאָלדאָוואַנער, א חוץ די באַלעגאָלעס פון יאס און בוקארעשט. זיי אָבער, — זאָגט דער עלטסטער פון די דינערס — זיי זענען נישט קיין מענער, זיי זענען פארשאָלטענע ווייבער, די פּנימער ביי זיי זענען גלאט ווי א טעלער, אָן א פּיצל האָר אויפן פּנים, נישט קיין באָרד און נישט קיין וואָנסעס.

פון וואנען האָט זיך דער פארשוין געיאוועט? ווער איז ער? און וואָס פאר א עסקים האָט ער דאָס מיטן פּריץ, דאָס וועט פארענטפערט ווערן שפּעטער. בכדי אָבער, דאָס אלעס צו דער־גיין, מוזן מיר אָנהויבן פונעם סאמע אָנהויב. דאָס הייסט, פון וואנען דער דאָזיקער פארשוין שטאמט און במילא וועט מען שוין וויסן, וואָס ער איז אויסן געווען מיט דעם וויזיט וואָס ער האָט איצט אין אזא הייסן טאָג אָפּגעשטאט דעם פּריץ.

3

אין באסאראבער לאנד

און דאָס קול, אז דער פּריץ פון מאָלדאָווע גיט גאנצע שטי־קער ערד פאר יידן, אז זיי זאָלן זיך בויען הייזער, אז זיי זאָלן מאכן געשעפטן, כדי זיי זאָלן זיך קענען מפרנס זיין בכבוד מיט זייערע ווייבער און קינדער, איז געהערט געוואָרן אויך אריבער די גרענעצן פון מאָלדאָווע, אריבער דעם טייך פּרוט. און דאָס קול האָט זיך געטראָגן מיט א גרויס געשווינדקייט, איבער בערג און איבער טאָלן, ביז ס'האָט אויך דערגרייכט די שטאָט שווארץ־השך וואָס איז אין באסאראבער לאנד. פארוואָס די דאָזיקע שטאָט האָט זיך גערופן מיט אזא מאָדנעם נאָמען, איז געווען דערפאר, ווייל די דאָזיקע שטאָט איז געלעגן ביי דער סאמע גרענעץ צווישן דער גאָר וואָס אויפגייענדיקער זון איבער אנדערע לענדער און צווישן רוסלאנד. און בכדי צו ווייזן וואָס פאר א השך ס'הערשט אין דעם דאָזיקן לאנד, האָט מען די סאמע גרענעץ־שטאָט א נאָמען געגעבן: „שווארץ־השך“. דאָס הייסט, אז דאָ איז דער אָנהויב פונעם פינסטערניש. און כאָטש, מחמת חשכות, האָט שווארץ־השך זיך שטרענג געהאלטן אין די אלטע מנהגים און איז

פון זיי נישט אָפּגעטראָטן אויף א האָר די גרויס, דאָך האָט זיך עס נישט געקענט באהאלטן פון דער שיין וואָס האָט אריינגע-דרינגען פון ערגעץ אנדערש און דורך דעם ארויסגערופן מחלו-קתן אויף שריט און טריט. ס'אלטע מיטן נייעם האָבן זיך גע-האמפּערט. אומזיסט האָט ס'אלטע פּארהאַנגען די פענצטער און געשריגן: „שטיל זאָל זיין עזות פּנימער, לאָזט איינעם שלאָפן!“ האָט עס גאָר נישט געהאָלפן. ס'איז געקומען דערצו, אז אלטע לייט האָבן געזאָגט: „גאָט מעג זיך שוין דערבארעמען, וואָרעם ס'איז משיחס צייטן. ס'וואסער האָט שוין דערגרייכט ביז איבערן קאָפּ! און ווי אזוי זאָגט דער נביא דאָרט? „א זון וועט זיך אקעגנשטעלן דעם פאָטער, א טאָכטער דער מוטער, און א שנור קעגן דער שוויגער“...

אין ערגעץ, אין קיין שום לאנד און שטאָט, איז דער קידער-ווידער צווישן אָפּגעלעבטן און ניי אויפקומענדיקן נישט געווען אזוי בולט אָנזעעוודיק ווי אין שווארץ-חשך פונעם באסאראבער לאנד. ס'אלטע האָט זיך געקרעמפּעוועט און געהאלטן ביי יעדן מנהג וואָס זיין טעם איז שוין פון לאנג אויסגעוועפּט געוואָרן, זיך מוסר נפש געווען, ווי מ'זאָגט: „אפילו וועגן א שיך-בענדל“. און ס'יונגס — אויף להכעיס, האָט געטרעטן אלעס, נישט גע-וואָלט מער קוקן אויף „מ'טאָר אָדער מ'טאָר נישט“... למשל, דאָרטן האָט מען געקענט יעדן אינדערפרי באגעגענען מענטשן מיט ווילדע בערד און צעשויבערטע פּאות, פון וועלכע דאָס מקוה-וואסער האָט נאָך געטריפט, לויפן אין שיל אָדער אין בית המדרש אריין. ווידער, האָט מען אויך געקענט זען אנדערע מינים יידן, מיט געפּוצטע בערדלעך, מיט העמדלעך איבער די הויזן, מיט ברייטע גארטלען, און מיט הויכע יוכטענע שטיוול. די יידן, מיט די צעשויבערטע בערד און פּאות האָבן אויף זיי געקוקט מיט שנאה און מיט שפּאָט און זיי אָנגערופן „פּויערים“. דאָס הייסט: פארגרעבטע לייט און נישט געוואָלט זיך משדך זיין מיט זיי. די דאָזיקע אָנגערופענע „פּויערים“, כאָטש זייער אָנזען ביי די ווילדע בערד, איז געווען זייער א געפּאלענע, האָבן זיי זיך גאָר נישט גענומען צום הארצן און אויף להכעיס די צוריקגעשטאַ-נענע, זיך געפּרוכפּערט און פארמערט אזוי, אז גאנץ שווארץ-חשך איז פול געוואָרן מיט זיי און פארקערט, די מיט די ווילדע בערד און פּאות, זענען מיט דער צייט אלץ ווייניקער און ווייניקער געוואָרן, ביז ס'האָט אויף זיי אייגער נביאות געזאָגט, אז מיט דער צייט, וועלן זיי אינגאנצן אונטערגיין.

ביז בלוט און מחלוקתן האָבן אויך אָנגעמאכט דאָרט, די צווייּ בעדער. שוין פון שנים קדמוניות, איז דאָרט געווען אן אלט באָד, א זקן. פאר אלטקייט, האָט זיך אזש דער דאך געקושט מיט דער ערד. פונדעסטוועגן, האָבן די דאָרטיקע יידן זיך געלעקט די פינגער פון דעם דאָזיקן באָד און זיך מיט דעם בארימט, אז נאָך אזא באָד איז אויף דער גאנצער וועלט נישט בנמצא און נישט געלאָזט אז מען זאָל חלילה עס איינוואַרפן און אויפבויען א נייס, נייערט מיט בעליקעס האָבן זיי אונטערגעשפּארט, דאָ דעם דאך, דאָ עפּעס א וואנט וועלכע האָבן זיך געגרייט צו צעוואַליען זיך.

און אָט אזוי, האָט אויסגעזען דאָס אלטע באָד אינעווייניק:

לעבן אויוון מיט הייס־אויסגעגליטע שטיינער, אויף וועלכע דער באָד־יונג שמשון הגבור האָט געגאָסן הייסע שעפּלעך וואסער זענען געשטאנען צוויי בימן, איינע מיט הייסע און די אנדערע מיט קאלטע וואסער און פון ביידע האָט געזעצט א פּארע. און כאָטש ס'פלעגט זיך אָפּט מאכן, אז א שוויצער, אראָפּקומענדיק פון די אויבערשטע טרעפּ, וועלנדיק זיך אָפּקילן מיט א קאלט שעפּעלע וואסער, האָט ער א טעות געמאכט און זיך אָפּגעקרילעט מיט זידיק וואסער, דאָך האָט קיינער נישט געטראכט אז ס'וואָלט כדאי געווען אז מען זאָל מאכן עפּעס א — שטיקל סימן פון איין ביט צו דער אנדערער. זאָל כאָטש די הייסע ביט זיין פּאר־דעקט, נישט אזוי אָפן פריי פאר יעדן! האָבן די ווילדע בערד און פּאות געשריגן:

— ניין! אויפטועכצער? נייעסן? „אזוי איז שוין דער דרך פונעם יצר־הרע; הייגט, זאָגט ער אים, דעק איבער די הייסע ביט און מאָרגן עפּעס אנדערש ביז ער רעדט אים צו צו שמד!“

ערשט שפּעטער, איז אויף דער נייער שטאָט, וועלכע איז גע־ווען באוווינט מיט סאמע די, וועלכע די ווילד־בערדיקע האָבן אָנ־גערופן; „פּויערים“, אויסגעוואקסן ווי פון הינטער דער ערד אפיר, א וואזשנע באָד. מיט הויכע פענצטער מיט א שינדל־דאך, מיט אזעלכע קליינע בודקעלעך אויף אויסצוטון דאָס אָנגעטועכטס. א בודקעלע פאר יעדן עקסטער. „זאָל מער נישט זיין, — האָבן זיי געזאָגט — אזא מין תוהו ובוהו, אזא מין מיש־מאש; מיינע גאטיעס, דיין העמד, מיינע שיך, דיינע האָניטשעס. און אזוי ווייּ־טער. האָסטו דיר א בודקעלע? גיי אריין, טו דיך אויס, שא שטיל, קיינער הערט דיך נישט, און גיי, שוויץ דיר וויפל דיין האַרץ באגערט. ישראל, דער שומר־בגדימניק, גיט שוין אכטונג אז קיינער זאָל אהין נישט פארבלאָנדזשעט ווערן“.

און דער גרעסטער אויפטו אין דעם דאָזיקן באָד איז געווען די פּלומפּ. מ'טוט אַ צוויי דריי קוועטש, און ס'פּליוכעט ארויס קאַלט וואסער, וויפל דו ווילסט נאָר אליין. אזוי וואָס האָט שווארץ-חשך קיינמאָל נישט געזען. מחמת אין דער גאנצער שטאָט, האָט זיך נישט געפונען אפילו איין קערניצע. נטע וואַ-סערפירער, פלעג פאר די באלעבאטימס וועגן ברענגען וואסער אזש פון דער סטרומבע און וועמענס וואסער איז נאָר בשעת א מרוקעניש געווען קלאָר, זאָנסט אין אנדערע צייטן פונעם יאָר, ווער שמועסט נאָך אין א רעגנערישער צייט, געווען טריב.

קליין און גרויס זענען געלאָפן אין נייעם באָד אריין זען מיט די אייגענע אויגן די פּלומפּ, וועלכע פּליוכעט ארויס פריש קלאָר ריין וואסער, וויפל דו ווילסט נאָר אליין, און ס'האָבן זיך שוין געהערט שטימען, אז ס'וואָלט געווען א יושר... נאָר דאָ זענען ארויס די אלטע און האָבן פארפירט א מלחמה סיי קעגן די בוד-קעלער און סיי קעגן דער פּלומפּ. די רבנים, האָבן זיך אָפּגעשריבן די פינגער מיט „שאלות ותשובות" צי מעג מען פון דעם דאָ-זיקן וואסער הנאה האָבן, מחמת ס'ליגט זיך נישט אויפן שכל, און דאָס וואָס מ'איז נישט משיג מיטן שכל, איז לפי עניות דעתם, מעשה לצים, פון וועלכן על פּי דין טאָר מען נישט הנאה האָבן.

עס האָט זיי אָבער קיינער מער נישט געהערט, אפילו זייערע אייגענע אויך נישט. און וואונדער איבער וואונדער; אפילו זייערע קינדער, וועלכע זענען תמיד געגאנגען דעם רעכטפארטיקן וועג און זיך נישט אקעגנשטעלט, נישט זייערע עלטערן, נישט די רבנים, האָבן דאָס איצטיקע מאָל, אויף להכעיס די ווילדבער-דיקע, זיך געחברט מיט די „פּוויערים", מיט די אמעראצים, גראָבע-יונגען, וואָרעם פארפאלן! איינמאָל, אז ארויסשטעלן זיך פאר געבילדעטע לייט איז אריין אין דער מאָדע אויך אין שווארץ-חשך, האָט מען דאָס דאָזיקע מער נישט געקענט אונטערברענגען און באליידיקט האָט זיך דער יעניקער וועמען מ'האָט געזאָגט, אז ער איז א פינצטערלינג, נישט קיין מאָדערנער מענטש.

4

די אסיפה

און ס'איז געווען, אז די איינוווינער פון שווארץ-חשך האָבן דערהערט, אז ערגעץ דאָרט אין דער ווייטער מאָלדאָווע געפינט זיך עפּעס א משוגענער פריץ וועלכער גיט אוועק שמיקער ערד

פאַר יידן וועלכע ווילן זיך דאָרט באזעצן, האָבן זיי די דאָזיקע נייעס, קודם אין שיל, אין בית המדרש, דערנאָך להבדיל איןביידע בעדער גאַנץ געשמאַק צעקייעט און ארומגערעדט און ס'האָבן זיך געלאָזט הערן קולות, אז די זאך איז גאָר נישט אזוי קרום, אז ס'ליינגט זיך אויפן שכל און אז מ'וואָלט געדארפט זיך אוועקלאָזן אהינצו, וואָרעם דאָ, ביסטו מיט גאָר נישט זיכער, נישט מיטן פארמעגן, און אפילו נישט מיטן לעבן.

— ביים צאר — זאָגט איינער — ביסטו מיט גאָר ניט זיכער, אַט עסט דו א שטיקל ברויט, און אָט מאכט ער אויף דיר פּאָגראָמען.

— נו, און וואָס זאָגט איר נישט צו דעם שטיקל נייעס? איר האָט געהערט? — מישט זיך אריין א דריטער — ער האָט דאָך ארויסגעגעבן א גזעיזה, אז מען זאָל ביי אונדז צונעמען די פיצלעך קינדערלעך און זיי מאכן פאר זעלנער!

הערט זיך צו, צו דעם שמועס, חנאָ מלמד, פארדריסט אים די מעשה זייער, טוט ער זיך א שטארקן צי ביי דער באָרד, אז ער האָט זי שיר נישט אויסגעריסן און רופט זיך אָן אָט אזוי:

— וואָסזשע וועט זיין דער תכלית הא?

פארוואָס חנאָ מלמד האָט זיך אזוי שטארק דערשראָקן, אז ער האָט זיך אזש ביי דער באָרד געצויגן פאר כעס און געפרעגט; „וואָסזשע וועט זיין דער תכלית?“ דארף מען און מע מוז דער־ציילן, אז אין שווארץ־השך זענען געווען פינעף מלמדים, און קיינער האָט נישט אזוי פיל געשוויצט, קיינער איז נישט ארומ־געלאָפן אזוי שטארק ביז הזמנים, זיך צוריק שטעלן דאָס הדר ווי חנאָ, קיינער האָט נישט אזוי שטארק געבעטן זיך ביי די באלעבאטים אז מען זאָל אים צוריק געבן די קינדער ווי חנאָ און קיינער פון די מלמדים האָט נישט אזוי געציטערט אז מען וועט אים אינגמיטן זמן צונעמען די קינדער אזוי ווי חנאָ. פאר־וואָס? פארוואָס האָט ער מער מוראָ געהאט ווי אנדערע? ווייל חנאָ איז געווען א גרויסער כעסן, א רוצח, א פשוטער שינדער. אז ער איז אריין אין כעס, האָט ער געהרגעט און געשלאָגן אָן א פיצל רחמנות. און דערנאָך אז דער כעס איז אים אריבער, איז ער געלאָפן צום קינדס עלטערן און זיך געשווירן, אז ער האָט אים נאָר אזוי פון דער גרינג אָנגערירט און מער וועט ער דאָס אויך נישט טון און זאָלן אים די הענט אָפּדארן, אויב ער וועט נאָך זיין האנט אויפהויבן. ס'איז אָבער געווען ארויסגעוואָרפענע רייד, ווען דער גזלן (אזוי האָט אים ס'אייגענע ווייב גערופן) איז אין אים אריין, איז מסוכן געווען צו שטיין לעבן אים. און

אין כעס פלעגט ער ווערן פאר סיי וואָס; סיי פאר נישט קענען דאָנערשטיק דאָס חומש, אָדער אפילו פאר נאָר בלויז שאָקלען הינטערן טיש מיט די פיס. איצט ווען ער האָט געהערט פון דעם געזעץ אז מען זאָל צונעמען קליינע קינדער און זיי מאכן פאר סאָלדאטן, האָט ער זיך ביי דער באָרד געצויגן און געפרעגט: „וואָסזשע וועט זיין דער תכלית הא?“ דאָס הייסט, פון וואנען־זשע וועט ער נעמען פרנסה?

שווארץ־חשך וואָס איז אין באסאראבער לאנד האָט אין דער דע־מלטיקער צייט געקאָכט ווי אין א קעסל. די דאָרטיקע יידן, זענען ווייזט אויס נישט געווען צופרידן, נישט פונעם צאר און נישט פון זיינע פאראָנדקעס.

— מילא פאָגראָמען, איז טאקע א ביטערע זאך, — האָבן זיי געטענהעט — ס'איז טאקע ביטער און זויער. אָבער צומאָל קענסטו אנטלויפן, קענסט זיך באהאלטן. נאָר מיט די קינדער, מיט די פיצלעך קינדער וואָס וועט ווערן פון זיי? מ'וועט זיי דאָך נאָך חלילה אויסשמדן! איר שפּילט אייך מיט א געזעץ?

האָבן זיי, די יידן, געשריגן, געזאָגט תהלים, געוואָרט אין גאס, אין שיל און להבדיל אין באָד. געזוכט האָבן זיי עצות, וויאזוי מ'וועט פטור פון די צוויי אָנשיקענישן; פאָגראָמען און קינדער כאפעניש. האָט מען אזוי לאנג געשריגן ביז מ'האָט אויפגעהערט, ווארעם ס'האָט זיך אויפגעשטעלט איינער און נאָך איינער און נאָך איינער, און די דאָזיקע דריי, האָבן איינגעלאדן דעם גאנצן עולם פון קליין ביז גרויס, ווייבער און קינדער, שבת צו נאכטס נאָך הבדלה אין דער קאלטער שיל. — זיי, האָבן זיי געזאָגט, האָבן עצות געגעבן וויארומעט מ'ווערט פטור פון אלע צרות, פון אלע אומגליקן, און — הלואי זאָל מען זיי נאָר פאָלגן.

און ס'איז געווען, אז ס'איז געקומען שבת צו נאכטס, נאָך הבדלה, זענען זיך אין דער קאלטער שיל צונויפגעקומען אלע בירגער פון שווארץ־חשך, פון קליין ביז גרויס. מענער, ווייבער און אפילו קליינע קינדער. און די דריי יידן, וועלכע האָבן איינגעלאדן דעם גאנצן עולם, זענען געשטאנען אויפן באלעמער און עפּעס געשושקעט צווישן זיך שטילערהייט. און אז די שיל האָט זיך שוין אָנגעפולט, אז דער עולם איז שוין געשטאנען אפילו אויף די בענק, אויף די טישן און אפילו אויף די פענצטער־גע־זימסן, האָט איינער פון די דריי דערלאנגט א זעץ איבערן שולחן און איז ארויס מיט אזא מין לשון:

— רבותי! ביז ווי לאנג וועלן מיר דארפן ציטערן פאר פאָ־גראָמען? ביז ווי לאנג וועלן מיר דארפן ציטערן פאר אונדזערע

קינדער, אז מען זאָל זיי ביי אונדז גישט צו ראבעווען? איין עצה איז פאראן, אוועק, אוועקלויפן פון דאנען.

און, ער האָט גערעדט מיט הארץ, מיט נשמה, אזוי לאנג, ביז ביי די מענער זענען געשטאנען טרערן אין די אויגן און האָבן די נעזער געשנייצט אין די פאטשיילעס און די ווייבער האָבן גע־כליפעט הויך אויף א קול און געווישט די נעזער מיט די פאר־טעכער.

געענדיקט ריידן, איז צו דער אנדערער. דער דאָזיקער האָט שוין נישט גערעדט מיט אזוי פיל פייער ווי דער ערשטער, ער האָט, ווי מ'זאָגט; גערעדט צו דער זאך.

— ס'איז גרינג צו זאָגן, אוועקלויפן. אזוי אָטאָ כאפט זיך עס און ס'לויפט זיך? איז ערשטנס. און צווייטנס, מיט וואָס לויפט מען דאָס? — מ'דארף זיך דאָך מיט עפּעס באוואָרענען אויך, מ'דארף דאָך האָבן דערצו געלט. מ'קאָן דאָך נישט בלייבן אינ־מיטן לויפעניש אָן א קאָפּעקע ביי דער נשמה, ווי מ'זאָגט; „כצאן בלי רועה" ווי א פאסטוך אָן א פייפל און ווי א בעל־הבית אָן א קאפּעלוטש! וואָס פאר א טעם וועט דאָס האָבן?

— ווי מיינע צרות אויף דער לינקער זייט, -- האָט זיך אָנ־גערופן עמעצער פונעם עולם.

— גערעכט, ווי איך בין א ייד, — האָט זיך דערפרייט דער רעדנער. — נישט נאָר פון דער לינקער זייט, נאָר פון ביידע זייטן, פון דער רעכטער און פון דער לינקער. צרות ארום און ארום.

און דאָ, האָט זיך דער בעל־דרשער גענומען מאָלן בילדער, איינס פינסטערער און פארחשכטער פונעם אנדערן — ווי אזוי, זיי זענען שוין אוועק פון שווארץ־חשך. איעדערער האָט איבער־געלאָזט זיין באלעבאטישקייט. „אן אָרעמע מלוכה, — צעשרייט זיך דער רעדנער — איז אויך א מלוכה!" „א יעדער הונט איז אויף זיין בערגל מיסט באלעבאָס!"

— א שטיקל ברויט, א טראָפּן מילך פאר די פּיצלעך קינדער איז נישטאָ מיט וואָס צו קויפן. וואָסזשע טוט מען אין אזא צייט? — האָט ער זיך נאָך העכער צעשריגן, און זיך אומגע־קוקט אויפן עולם — וואָסזשע טוט מען, פרעג איך אייך אין אזא אומגליקלעכער צייט? ווען מען ליגט מיט די בעבעכעס אויף די שטראָזן און מען האָט נישט מיט וואָס זיך צו דערכאפּן ס'הארץ... בשעתן ריידן, האָט דער רעדנער געהאלטן איין האנט אין קעשענע, און מיט דער צווייטער האָט ער געביילט א פויסט און געוואָרפן אין דער לופט, גלייך ווי ער וואָלט עמעצן גע־סטראשעט.

— איך וועל אייך זאָגן וואָס מען טוט אין אזא צייט. מ'שטעלט אויף די האנט און מ'בעטלט, אָדער מען לויפט צו די יידישע אָבשטשעס און מען שנאָרעוועט דאָרט. אויב איר געדענקט, — זאָגט ער שוין דער רעדנער אביסל שטילער און א שמייכל צעשפרייט זיך איבער זיין פנים — אז א קהלס־מאן א חברה־קדישאָניק, זאָל רחמנות האָבן אויף מענטשן, אויף אלטע לייט אָדער אויף קינדער. אָדער ס'זאָל זיי אָנכאפּן ביים הארצן ס'געוויינעריי פון ווייבער און קינדער... וואָסזשע דארפן מיר איצט טון? שרייט ער נאָך העכער, לויפן משוגענערהייט אזוי ווי בערישל זאָגט, הייסט זיך און זיין משפּחה א מעשה אָנטון. — מען דארף זיך רבותי, צו אזוי וואָס גוט צוגרייטן, מען דארף רבותי גרינגדן א חברה...

אז דער עולם האָט דערהערט אז מ'וויל גרינגדן א חברה, איז יעדער געבליבן ווי זאטשמעליעט און איינער אויפן אנדערן האָט געקוקט און נישט פארשטאנען, מחמת אזא מין וואָרט, האָט מען נאָך אין שווארץ־השך נישט געהערט. דאָס הייסט, אז הערן האָט מען געהערט, נאָר ווי מ'זאָגט; אויף נישט צו באדארפן. ווי למשל „חברה קדישא“ אָדער „חברה נושאי המטה“ וואָסביידע שמעקן זיי מיט „צדוק הדין“ אָדער מיט קברות בלעטלעך. נאָר דאָ האָט זיך דער רעדנער שטארק צולאכט, אז ער האָט זיך אזש געהאלטן ביים בויך, און אים צוגעהאָלפן האָבן די איבעריקע צוויי. היינו; דער ערשטער רעדנער וועמען דער צווייטער האָט אָנגערופן בערישל, און דער דריטער וועלכער האָט גאָרנישט גערעדט, ער איז נאָר געשטאנען באגלייך מיט די ערשטע אויפן באלעמער און געהאלטן אין די הענט א גרויסן טינטער מיט טינט און א גאנצן פּאק מיט פּאפּירן.

— אוי, איך האלט עס נישט אויס! — האָט ער געשריגן, און בשעת מעשה זיך געווישט די טרערן פון די אויגן. — אוי, ווי קענען יידן וועלכע האָבן קינדער זיין אזוי קינדיש, אזוי נאריש! ווי קענט איר נאָר טראכטן צו אזעלכע זאכן! — א חברה, דאָס איז א סאָציעטעט, א אָבשטשעסטווע, ווו מ'צאָלט איין געלט, חדש־געלט. אונדזער אָבשטשעסטווע, דארף קודם כל צונויפנעמען ביי יעדן יידן דאָס חדש־געלט, און אז מ'וועט שוין האָבן דאָס געלט, וועט מען פאר דעם דאָזיקן געלט איינקויפן; פערד און וועגן, שפּייז פאר די בהמות און פאר להבדיל די מענטשן. און אז אלעם וועט שוין זיין פיקס און פערטיק, וועלן מיר זיך אויפזעצן אויף די וועגן און געבן א פאָר ארויס ווי מענטשן, נישט ווי קיין שנאָרערס, נישט ווי קיין בעטלערס.

.5

געגרינדעט די חברה נוסעים

געענדיקט דאָס ריידן, האָבן זיך די אַלע דריי; די צוויי רעד־נערס מיט דעם דריטן וואָס האָט גאָר נישט גערעדט, נאָר ער האָט צוגעהאָלפן דעם צווייטן לאַכן און געהאַלטן אין די הענט א גרויסן טינטער מיט א פּאַק פּאַפּירן, זיך אראָפּגעלאָזט פונעם באַלעמער, און אריין אין פּאָליש. דאָרט, האָט דער שמש אָנגעצינדן גרויסע ליכט און דער דריטער, האָט זיך באזעצט ביים גרויסן ברייטן טיש, און די צוויי וועלכע האָבן פריער אזוי שיין גערעדט, האָבן זיך אנידערגעשטעלט בייביידע זייטן פון דער טיר און יעדן איינעם וואָס איז ארויסגעקומען געהייסן זיך איינשרייבן אין דער חברה, אין דער חברה „נוסעים“. חברה „פאָרערס“ הייסט עס.

אזוי זענען זיי שוין געווינט געווען די יידן פון שווארץ־חשך, פון תמיד אָן, אז מ׳האָט זיי געזאָגט; צאָלן! האָבן זיי געצאָלט ביזן ווייסן טאָג אריין. נישט פרעגנדיק, וואָס ווער און ווען. און אז עמעצער האָט געפרעגט א ווידעראנאנד; היתכן? ווו איז דאָס געהערט געוואָרן? אָדער ווו שטייט דאָס געשריבן? האָבן זיי געהאַט א פארטיקן מדרש: „נתבעין למשכן ונותנין, נתבעין לעגל ונותנין“ דאָס הייסט אזוי גרויס; יידן, אז מ׳מאָנט זיי וועגן משכן, גיבן זיי, מאָנט מען זיי וועגן עגל, צאָלן זיי. דערפאַר, איז ביי קיין שום אומה ולשון נישט געווען אזוי פיל חברות ווי ביי יידן, און ביי קיין שום אומה ולשון, אז די חברה רעדעלפירערס זאָלן נישט מיינען, אז די „חברה“ דאָס מיינט מען טאקע זיי, און אז צוליב זיי איז טאקע דער גאנצער טאראראם. און אז מ׳האָט געכאפּט איינעם, וועלכער האָט שוין געגעבן צו א חזירשן גראטש אין די פושקע־געלדער, האָבן זיך שוין געפונען אזעלכע יידעלעך מיט ווייכע הערצער, וועלכע האָבן ממליץ טוב געווען און אוועקגעמאכט מיט דער האנט; „ווייסיך וואָס דאָרטן!“... אָדער ביי וועלכן פאָלק געפונען זיך אזוי פיל שנאָ־רערס ווי ביי אונדז יידן. און אז מ׳האָט געגעבן א פרעג: ס׳טייטש? היתכן? איז מען אויך אָפּגעקומען מיט א פארטיקן מדרש; „כל הפושט יד נותנין לו“ „ווער ס׳שטרעקט אויס די האנט, א דעם דארף מען געבן“... זאָל נאָר דער לייענער זיך גוט אריינטראכטן, אויב ס׳איז נישט געווען אזוי, און צי האָט דער שווארץ־חשך ייד, ווי מאָדערנע ער זאָל נישט געווען האָבן געוועזן זיין, געקענט מלחמה האלטן מיט אזעלכע צוויי געזונטע מדרשים!...

יאָרנווייז, יאָרנווייז, שרייבן די קראָניקעס פון יענער צייט, האָבן די שוואַרץ־השך יידן געצאָלט דער חברה „נוסעים" און אַ סימן פון פערד און וואָגן, מיט וועלכע מ'זאָל זיך געבן אַ לאָז ארויס, אַ פּאָר געבן אויף דער וועלט, האָט מען נישט געזען, נישט געהערט.

דאָס דאָזיקע מין איינצאָלן אין דער חברה, איז געוואָרן אַזוי זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז צו די אַלע דאגות וואָס דער ייד האָט געהאַט: פון ווו נעמט מען אויף שבת? פון וואַנעט שכר למוד? איז צוגעקומען נאָך איינע; „גוואַלד! פון וואַנעט זאָל איך נעמען צו באַצאָלן דער חברה נוסעים?"

6.

דער גרויסער ויברח פון די שיינע לייט

אַזוי ווי אָבער אַלעס האָט אַן עק, איז אויך אַ סוף געקומען צו דער דאָזיקער חברה „נוסעים". נישט ווייל מ'האָט שוין גענוג געלט צוגעפּגענומען און ס'איז שוין געקומען די צייט, אַז מ'זאָל זיך געבן אַ פּאָר ארויס, אָדער נישט דערפאַר ווייל יידן האָבן אויפגעהערט צו צאָלן און דעריבער איז זיך די חבֿרה צעפאַלן. ניין! פּשוט, די גלאַוונע מאַכערס די אָנפירערס פון דער חברה האָבן שוין מער נישט געקענט. ס'איז זיי אויסגעקומען, ווי מ'זאָגט, סיידן נאָך פון דער בריק אין טייך אריין, אָדער אראָפּ־שפּרינגען פונעם דאַך און זיך דערהרגענען.

אין אַ פינצטערער נאַכט זענען אַלע דריי, דער פּרעזידענט, דער קאַסירער און דער רואה חשבון פאַרשווינדן געוואָרן און מ'האָט נישט געוווּסט ווּ זייער געביין איז אהין געקומען.

ויהי בחצי הלילה. אינמיטן דער נאַכט הייסט עס, ווען גאַנץ שוואַרץ־חשך האָט געשלאָפן דעם שלאָף פון די גערעכטע, און נעחלומט פון גרויסע שטיקער ערד וואָס דער פּריץ אין מאַלדאַווע האָט זיי געגעבן, האָבן די דריי, זיך שא שטיל איינגעפּאַקעוועט אין אַזעלכע גרויסע ברייטע פורגאַנעס, וואָס נאָר דאָרט אין יענע מקומות געפונען זיי זיך, גוט אָנגעשמירט די רעדער כדי זיי זאָלן חלילה נישט קרעכצן, זיי זאָלן חס ושלום עמעצן אויפוועקן פונעם שלאָף און פּאַשאָל וואָן איבערן טייך און מער האָט שוואַרץ־חשך זייערע צורות נישט געזען.

אַ טאָג איז פאַרביי און נאָך אַ טאָג, איז עס אַ גרויס חדוש. וואָלט מען אפשר נישט געוואָלט געפרעגט; ווו איז דער פּרעזידענט,

ווו איז דער קאסירער, דער רואה חשבון? איז אָבער געווען פּונקט אין די טעג אין וועלכע די יידן האָבן געדארפט צאָלן זייער חדש־געלט, האָבן זיי דאָס שוין נישט געקענט ליידן, וואָס הייסט דאָס, וואָס וועט זיין מיטן געלט? צו וועמען צאָלן? ביז זיי האָבן זיך געגעבן א כאפּ, אז אייגענטלעך דארף מען אריין צום פּרעזידענט מיט גוואלד, אויסזעצן די פענצטער, און אז זיי האָבן געטראָפן די טיר פארמאכט, האָבן זיי קיין סך נישט געקלערט אויפגעבראָכן די טיר און אריין און דאָרט, צו זייער גרויסן וויימיק, האָבן זיי געטראָפן נישט מער; ווי אן איבערגעקערט בענקל, א בענטשערל, אן ערדענעם כשר־טאָפּ אָן אן אויער, און א קימפּעט בריוול.

מ'קען נישט זאָגן, אז די יידן האָבן דאָס דאָזיקע מיאוסע שטיקל ארבעט פונעם פּרעזידענט מיט זיינע צוהעלפערס לייכט אראָפּ־געשלינגען. אוודאי האָבן זיי געליארעמט אויפן פּרעזידענט, אויף זיינע משרתים, און פּיניע ניקאָלאיעווער מער פון אלע, איז שוין געזעסן אויפן פערד און געשריגן: — די קעפּ וועל איך ביי זיי אראָפּדרייען! קומט מיט מיר! מיר וועלן זיי נאָך דעריאָגן, מיר וועלן זיי נאָך כאפּן!

.7

גבריאל לייגט זיך אריין

ס'איז אָבער געווען ארויסגעוואָרפענע רייד. קיינער האָט זיך פונעם אָרט נישט גערירט. קיינעם איז נישט איינגעפאלן, אז ווען מען זאָל זיי אויף דער הייסער מינוט נאָכיאָגן, וועט מען זיי נאָך קענען כאפּן און ווען מ'זאָל זיי אפילו כאפּן, צו מ'וועט זיי די קעפּ אראָפּדרייען אזוי ווי פּיניע ניקאָלאיעווער האָט גע־וואָלט. שווארץ־חשך איז פון תמיד אָן געווען געוווינט אז מען זאָל עס פירן אין באָד אריין. האָט מען עס אצינד אויך אין באָד גע־פירט און גוט דורכגעפּיצקעט, גוט אויסגעשמיסן און ווייטער נאָר גיט... אָבער אויף שרייען, פּילדערן, היצן זיך אויף דעם. זענען די יידעלעך פון שווארץ־חשך גרויסע בעריאקעס. וואָסזשע איז געוואָרן? — וועט מען פרעגן — איז דער ענטפער אז גאָר נישט. זיי האָבן אזוי לאנג געשריגן, געפּילדערט, נעהיצט זיך ביז זיי האָבן אויפגעהערט. זיך אָפּגעקילט.

בשעת דעם גרויסן געפּילדער, האָבן זיך ארויסגעיאָוועט אנ־דערע פארשוינען, אזעלכע מיגים קהל־פארזאָרגערס, וועלכע האָבן זיך ס'מערסטע געהיצט און געשריגן; „אז זיי האָבן דאָס געזאָגט

שוין פון לאנג, אז זיי האָבן געוווּסט אז אזוי וועט זיין דער סוף און — לאָזט אונדז! — ניט קיין „חברה נוסעים", נאָר א „חברה עולה־רגל", פיסגייערס, דארף מען נרינגדן". דעמלט איז אויפגעשטאַנען איינער, מיטן נאָמען גבריאל כתריאל, מיט א פּאָר געזונטע שטארקע פּויערישע הענט, און זיך געשווירן, אז ער וועט דעם דאָזיקן מענטשן אויסהאקן די ציין, אויסרייסן א פוס, וועלכער וועט וואגן אויסצונארן ביי עמעצן א קאָפּיקע, וועגן דעם עסק, אויף צו גרינגדן א חברה נוסעים אָדער עולה רגל. און גבריאלן האָט מען געמעגט גלויבן, ווארעם ער איז געווען א ייד, וועלכער האָט נישט פארשטאנען אומצוגיין מיט שקרים. ביי אים איז געווען דער „יאָ", „יאָ" און דער „ניין", „ניין". איז געווען, אז נאָך איידער די נייע חברה עולה רגל איז געבוירן געוואָרן, האָט זי שוין געלאָזט די נשמה, ווארעם, גבריאל האָט געזאָגט: ניין! און אז די יידן זענען צו אים צוגעשטאנען און געפרעגט: וואָס־זשע וועט זיין דער תכלית?, האָט גבריאל, ווי דער שטייגער זיינער איז געווען, א זעץ געגעבן זיך אין שטערן און זיך געשווירן אז; זאָל זיין נאָמען נישט זיין גבריאל, אויב ער אליין וועט נישט גרינגדן אזא מין חברה. די שווארץ־חשך יידן זענען שטארק צופרידן געווען, ווארעם ווו האָסטו נאָך געזען אזא ערלעכן ווי ס'איז געווען גבריאל כתריאל? און אז מ'וועט אויספאָרן אין דער לענג און אין דער ברייט, וועט מען דען אזא איינעם טרעפן?... האָבן יידן זיך שוין געוואָלט צו צעקנעפּלען און אָנהויבן, ווי דער שטייגער; צאָלן, האָט גבריאל זיך אויף זיי גוט אָנגעבייזערט און זיי געזאָגט; אז נאָר נישט קען זיי אָנלערנען און אז אויף תמיד וועלן זיי שוין בלייבן אזעלכע נארישע יידעלעך, וועלכע גלויבן אלעם און אלעמען.

נאָך דעם דאָזיקן געשעעניש, האָט גבריאל גענומען א בויגן פּאפּיר, אים צעווירעט אויף זעכציק שורות און אָנגעהויבן איינצושרייבן און אז ס'האָט זיך אויסגעפולט דער בויגן, האָט ער אים צונויפגעלייגט און ארייננעלייגט אין בוזעם־קעשענע. אומזיסט האָט מען אים געבעטן, אז ער זאָל נאָך איינשרייבן, און ער, ניין און ניין. קיינער האָט אים נישט געקענט איבעררעדן. און בכדי די איבעריקע יידן, זאָלן נישט בלייבן ביי זיך אזוי געפאלן, האָט ער זיי איינגענומען מיט גוטע רייד און זיי אזוי געזאָגט:

— מיינט נישט, אז דער פּריץ האָט אונדז דאָרט צוגעגרייט פון אלעם גוטן. מיר אלע קענען די פּריצים, מיר ווייסן זייער גוטסקייט. אונדז שטייט דאָרט נאָך פּאָר, אי קאלטס אי ווארעמס. — מיר ווילן ווערן ערד־ארבייטער, פּויערים, ווייסט גאָט, וואָס דער

אַ פּריץ וויל פון אונדז פאר די דאָזיקע שטיקער ערד, וואָס ער־
וועט אונדז געבן. — און, ווער ווייסט צי ס'איז גאָר אינגאנצן
אמת אז ער וויל אונדז געבן ערד...

— איך האָב אויסגעקליבן — האָט ער ווייטער גערעדט —
זעכציק משפחות מיט וועלכע מיר וועלן דאָרט אָנהויבן א ניי
לעבן. די דאָזיקע זעכציק יידן, זענען צו געוווינט צו ארבעט, זיי
שרעקן זיך נישט איבער פאר שלעכטע צייטן, פאר ווינטן, שנייען,
רעגנס און נישט שווערע פרעסט. מיר וועלן בויען, נישט נאָר פאר
אונדז, נאָר פאר אייך אויך. מיר וועלן קיינמאָל נישט פארגעסן,
אז מיר האָבן אייך דאָ איבערגעלאָזט. און אויב איר וועט מוזן
אנטלויפן, דער הלך וועט ליגן אויפן האלדז, זאָלט איר וויסן, אז
אונדזער, איז אויך אייער היים...

אין עטלעכע טעג ארום, זענען צוויי משפחות; גבריאל כת־
ריאל און יונה קאלינע אין צוויי גרויסע וועגענער, געשפּאנט צו
שטארקע פערד אריבערגעפּאָרן דעם פּרוט און אויפן פינפטן טאָג
זענען זיי צוגעקומען צום טויער פונעם פּריצס קאסטעל.

גבריאל כתריאל, איז שטארק שיין אויפגענומען געוואָרן פו־
נעם פּריץ קאָדאטווערמא. אזוי ווי ער איז געשטאנען און געגאנ־
גען, מיט די פארבלאָטיקטע שטיוול און מיט דער בייטש אין דער
האנט האָט אים דער פּריץ פארבעטן אין זאל אריין, אים געבעטן
זיצן און געהייסן די דינער אריינברענגען כבוד.

דער פּריץ, האָט גאָר נישט געקענט באהאלטן די שמחה, וואָס
ער האָט געהאט פונעם גאסט, און אין געדאנק האָט ער אים פאר־
גלייכט, צו דער טויב, וואָס נח האָט ארויסגעשיקט פון דער תבה.
א קלייניקייט? — האָט ער זיך גענאָגט — גאנצע זעכציק משפּ־
חות וועלן זיך מיט אמאָל באזעצן! פאר גדולה, האָט ער אין
זיך אזש אריינגעגאָסן איין גלעזל נאָכן אנדערן, צווינגענדיק דעם
גאסט, אז ער זאָל דאָס זעלבע טון.

אצינד, טראכט ער ביי זיך, וועלן אלעקו באלש, ראָסעט און
אנדערע, נישט זיין נאָר זיי אליין מיט שטעטלעך. איך וועל מיר
אויך האָבן מיינס א גאנץ שטעטל מיט לויטער סוחרים, נישט
אזוי ווי די אָ פונעם ראָטיש, א רוח אין זייער באבן אריין. די
תבואות מיינע וועלן מער נישט פוילן, די עופות נישט פּגרן און
די אייער וועלן מער נישט פארשטונקן ווערן.

— דו ביסט, טייערער גבריאל, — האָט דער פּריץ מיט א
שכורער צונג ארויסגעבעבעט — ווי די טויב וועלכע דער זיידע
נח האָט ארויסגעשיקט פון דער תיבה און פארנאכט צו איז זי
צוריקגעקומען מיט א מאסלינע בלעטל אין מויל. פון וואנעט

זענען אַלץ נישט געקומען יידן און קריסטן, סוחרים, אָט זענען זיי געקומען אָט זענען זיי אוועק. געבליבן איז נישט מער ווי עטלעכע דאָרט אויבן אויפן בארג, ביים ראָטיש, זיי פארשטייען אָבער נישט עפּעס אנדערש ווי נאָר צו טרייבן בראָנפן, א רוח אין זייער באבען אריין. אז זאָלסט גאָר קומען פון שווארץ־חשך, איז מיר אפילו נישט איינגעפאלן. ווו, זאָגסטו ליגט עס? אין באסאראביע?

פון יענעם טאָג אָן, האָבן גבריאל כתריאל און יונה קאלינע געוווינט אין קאסטעל, און ביז ווען גבריאל האָט זיך נישט אויס־געבויעט א שטוב אין דערין באזעצט ביידע משפחות, האָט דער פריץ ז״י נישט געלאָזט אוועקפאָרן צוריק קיין שווארץ־חשך, כדי פון דאָרט ברענגען די איבעריקע משפחות, אזוי ווי גבריאל האָט אין קאָנטראקט זיך מתחייב געווען...

— דארפסט גאָרנישט איבערקלערן, — זאָגט קאָדאטשוערמא — פאָר אהין און ברענג די זעכציק משפחות און פאר אייערע ווייבער און קינדער, זאָרג נישט. מיינע פויערים וועלן אויף זיי אכטונג געבן. מיינע פויערים זענען זייער גוטהארציקע...

„מיינע פויערים זענען גוטהארציקע“, האָט גבריאל, בשעת ער איז געזעסן אין וואָגן, איבערגעחזרט אין געדאנק דעם פריצס ווערטער. ווער ווייסט עס נישט? ווער ווייסט נישט, אז די מאָל־דאָווישע פויערים, זענען גרייט תמיד צו העלפן א פרעמדן? קומסט אריין צו א מאָלדאָווישן פויער, איז פונעם שענקסטן און בעסטן. ער קען זיי. די מאָלדאָוואנעם פון שווארץ־חשך זענען אויך אזוי. נאָר ווען ער דערמאָנט זיך אינעם קאָנטראקט מיטן פריץ, קומט אים ס׳בלוט אין פּנים אריין. ווי אזוי וועלן זיי, וועלכע זענען אויפגעוואקסן געוואָרן מיט מלאכה, זיך נעמען צו סוחרע־רייַ? ווער, זיי? קאָוואלעס, שוסטערס, סטאָליערס, שניידערס, קיזשנערס אָדער הרובע מאכערס, מויערער, זאָלן איבער נאכט ווערן סוחרים? און אז די דאָזיקע באלמעלאָכעס, האָבן קליי־טעלעך וויל דען דער פריץ אזעלכע סוחרים? עך, טראכט זיך גבריאל, ווען דער צאר זאָל נישט מאכן אזעלכע פאראָנדקעס וואָס וואָלט אונדז געפעלט ?...

קאפיטל ב

גבריאלס יחוס

גבריאלס פאָטער, איז געווען א געבוירענער אין שווארץ־השך. נישט נאָר ער, נאָר זיין עלטער פאָטער און אפשר נאָך ווייטער, העט מיט אסך דורות צוריק, זענען דאָרטן געבוירן און פארלוירן געוואָרן אויף דעם זאָגן עדות, די מצבות פון דעם גאָר אלטן און פונעם אלטן בית־עולם, וועלכע זענען אזוי געדיכט באזעצט. ס'איז א סברה, אז נאָך איידער רוסלאנד האָט געהאט א צאר, איז שוין דאָרט פון לאנגסטיקע יאָרן געווען א צווייג פון דער דאָזיקער משפחה. נאָך א סברה איז אז; דער מנהג וואָס האָט זיך פארשפרייט צווישן יידן, צו געבן א נאָמען נאָך א טויטן, שטאמט פון איינעם א גרויסן געלערנטן רב וועלכער איז אויך געווען איינער פון דער דאָזיקער משפחה. דאָס איז דער בעסטער באוויז, ווי שטארק אלט די דאָזיקע פאמיליע איז און; אז פון פריער זענען ביי זיי נישט געווען קיין בעל־מלאכות. אזא איינער האָט זיך באוויזן ערשט ביי גבריאלס פאָטער. ,

.2

כתריאל

כתריאל איז א קאָוועל געווען. און דעם זון זיינעם, האָט ער אויך די דאָזיקע מלאכה אויסגעלערנט. אָבער נישט נאָר דאָס אליין איז געווען זיין טועכץ. ער האָט זיך אויך אָפּגעגעבן מיט ערד־ארבעט. ווי קומט צו אים ערד ארבעט? אויף דעם ענטפערט

מען אסך תירוצים. דער אמתער אמת איז, אז דריי זאַכן האָבן דערצו גורם געווען:

כתריאל, האָט א גאנצן ליבן טאָג, ביז שפּעט אין דער נאכט, געהויבן דעם האמער, געשוויסט רעדלעך, געשארפט אקעראייזענס, געמאכט צוועקעס און צוגעשלאָגן צו פערדישע און אָקסישע קאָ־פּעטעס פּאָדקאָוועס דערביי איז ער געווען זייער א פרומער. דאוו־נען פלעגט ער פּאוואָליע און מיט השק, געגריבעלט זיך צו פאר־שטיין איטלעכס וואָרט, וועלכעס איז אים אזוי לייכט נישט אָנגע־קומען, וואָרעם ס'איז שוין געזאָגט געוואָרן, אז ער איז געווען דער ערשטער וועלכער האָט זיך נישט אָפּגעגעבן מיט לערנען תורה, נייערט ער איז אוועק אויף א וועג וועלכער איז געווען פרעמד פון דער משפּחה. צי האָט אים דאָס שפּעטער באנג געטון, איז נישט באוווסט, ווייל ער איז געווען דער וועלכער איז גאָר נישט צו־פרידן געווען פון די מענטשן וועלכע האָבן זיך געלאָזט פאר זייער תורה מיט געלט באצאָלן. נאָר ווי אזוי ס'זאָל נישט זיין צי אזוי אָדער אנדערש, איינמאָל האָט ער זיך ביי דער שמונה עשרה שטארק פארטראכט. געהאלטן האָט ער ביי דעם קאפּיטל „ברך עלינו" פארטייטשט ער זיך דאָס קאפּיטל אין מוח אויף יידיש אָט ווי אזוי: „בענטש אונדז גאָטעניו דאָס דאָזיקע יאָר און אלע תבו־אות צום גוטן. און גיב, געגנוג רעגן און ראָסע פאר דער ערד, כדי זי זאָל אונדז אָנזעטיקן מיט איר גערעטעניש."

— הער נאָר הער! וווּנדערט זיך כתריאל — נאָך דערצו קיינ־מאָל נישט געטראכט! ווייזט אויס אז דער עיקר פארן מענטשן, איז די ערד. אז אלץ וואָס מיר טוען, דרייט זיך גאָר ארום דער ערד. איז א גערעטעניש, איז אלדינגס פאראן, אלא, טאָמער רעגנט נישט, ווערט אלעס פארשרפעט, איז טאקע גאָרנישט גוט וואָרעם, פאטער געטרייער, מיר ארבעטן דאָך גאָר יע־דער פארן שטיקל ברויט! א דאָס איז דאָך דער עיקר! נאָר וואָס דען? איז מען א בעל־זוכה גיסטו נאָך עפּעס צום ברויט, גיסטו גאָך א שטיקל פוטער אויך. אָבער דער עיקר, איז דאָך נעבעך דאָס שטיקעלע ברויט, דאָס פיצל מַאמעליגע. עפּעס אנ־דערש, קען מען נישט עסן הויל, א נו לאָז מען פרוּוון עסן הערינג הויל, אָן ברויט, מעג מען ווי שטארק הונגעריק זיין, אָבער אז מען האָט נישט עפּעס אנדערש ווי נאָר א שטיקל ברויט, איז ווי פלעג זאָגן די באבע מאָלצע עליה השלום ווען א קינד האָט געוויינט אז ס'וויל צום ברויט?:

— ווילסט מיין קינד עפּעס צום ברויט, קענסט נעבעך נישט עסן הויל ברויט, וועל איך דיר אן עצה געבן, אז זאָלסט עסן

ברויט מיט ציין, מיט ליפּן, מיט צונג, זעסטו ווי איך האָב דיר שוין באַשמאָלצן דאָס ברויט מיט דרייערלײַ טייערע זאַכן?

און כתריאל מאַכט בײַ זיך אָפּ אין געדאַנק, אַז לעבן דעם וואָס מען בעט ביים רבונו של עולם, אַ גוט געראָטעניש, דאַרף מען אויך בעטן פאַרן געזונט פונעם פּויערל, וואָס באַאַרבעט די ערד. וואָרעם, וואָס קומט מיר אַרויס אַז די ערד איז פעט און גוט אַז מען לאָזט זי הפקר, אַז מען מאַכט איר נישט ווי געהעריק איז די זאַך, וואָס עס איז נויטיק, אַז ס'זאָל וואַקסן, אַז ס'זאָל זיין אַ געראָטעניש. ווייל דעמלט, באַהאַלט זי, די ערד, אירע געראָטענישן אין אירע אינגעווייידן.

גייט אַרום כתריאל פון דעמלט אָן, שטאַרק פאַרטראַכט. ער קלערט, אַז אַלעם דאַרף מען אוועקוואַרפן און זיך נעמען צו ערד-אַרבעט, וואָרעם דאָס איז דער עיקר. אָבער ווי אַזוי? אַז ער ווייסט גאָר נישט, ווי אַזוי מען נעמט זיך דערצו. ער טרייסט זיך אָבער און ער זאָגט זיך; אַזוי ווי ס'איז נישט מעגלעך אַז יעדער זאָל זיין אַ קאָוועל, אַזוי איז אויך נישט מעגלעך אַז יעדער זאָל זיין אַ פּויער. איך בין אַ קאָוועל, איך פאַריכט אים דעם אַקער, און ער גיט מיר דערפאַר פון זיין ברויט. נאָר וואָס דען? דער עיקר, איז פאָרט ער, און נישט איך. ער אָן מיר קען זיך באַגיין, אָבער איך אָן זיין שטיקל ברויט נישט.

מאַכט זיך אָבער אַ מעשה, אַז ס'קומט צו פאָרן, דער באַרימטער בדחן אליקום צונזער און ער זינגט פאַר אַסך לידער. אויף וועלכע, שוואַרץ-השך יידן זענען גרויסע מבינים און גרויסע ליבהאָבער. גיט זיך אליקום אַ שטעל, אײַן האַנט אויפן האַרץ און די צווייטע הינטערן אויער און ער זינגט מיט גרויס געפיל:

אין דער סאָכע
ליגט מזל ברכה
דאָס וואָרע גליק פון לעבן
קיין זאַך אין איר ניט פעלט.

אָט דאָס איז עס, טראַכט בײַ זיך כתריאל, די סאָכע איז דאָך טאַקע דאָס אמתע גליק פונעם לעבן ווייל:

עס קומט אָן דער פרימאָרגן,
איך דאַרף נישט לייען באָרגן,
דער מוח דאַרף ניט זאָרגן
אויף טאָג הוצאות געלט.

— זעט איר שוין, קען כתריאל זיך נישט איינהאלטן און שרייט אויס צו די ארומיקע, וואָס זאָג איך? — פעלדער! גיט אהער פעלדער וועט איר שוין זען! וואָרעם, הערט נאָר ווי דאָס פויערל מענהט:

...גיט נאָר גאָט דעם רעגן
פיל איך גליק און זעגן
איך פיר שוין סנאָפּעס וועגן
חיונה פאר דער וועלט.

כתריאל איז אויסער זיך. אזוי אים צו טרעפן אין פינטל, האָט נאָך קיינער נישט. אך גאָט, ווי דערלעבט מען עס שוין! זאָגט ער זיך. און כתריאל מאכט ביי זיך אָפּ, אז זאָל אים נאָר גאָט העלפן, וועט ער נישט אנדערש, נאָר ווען ער וועט יעדן פארנאכט צוריק קומען מיט זיינע קינדער פון דער פעלד־ארבעט, וועלן זיי זינגען אָט דאָס דאָזיקע ליד; „די סאָכע“.

3

געוועזן איז עס פרילינג. דער דרויסן איז געווען פארכמורעט. א פארע זעצט פון דער ערד און הייבט זיך אויף אלץ העכער און העכער. די זון קוקט ארויס מיט אן אויג גלייך ווי פון הינטער א פאָרהענגל. א פויער, שטייט לעבן כתריאלס קוזניע און ווארט אז ער זאָל אים פארכיטן דעם אקער. לעבן פלויטל שטייען צוגעבונדן צוויי אָקסן, ביי וועלכע מ׳דארף צושלאָגן א פאָר גייע פּאָדקאָוועס. די אָקסן זענען אומרויק, שטייען נישט איין אויף א פלאַץ. זיי זענען ווייזט אויס הונגעריק, לאָזן זיי ארויס א שטו־מען „מו“, וועלכן דער פויער פארשטייט גוט, איילט ער צום וואָגן, נעמט ארום מיטביידע הענט א בונט סטראָזשענעס און שפּרייט אויס פאר די אָקסן.

בשעת דער ארבעט, האָט כתריאל זיך ארייגעלאָזט אין א שמועס מיטן פויער און זיך פון אים דערוווסט, אז גאָר ווייניק פויערים, אקערן די ערד מיט אן אייזערנעם אקער. זיי ווילן אפילו דערפון נישט הערן... נאָך האָט אים דער פויער געזאָגט, אז איצט, ווען עסנע צייט, איז נאָך ווייניק ארבעט דאָ אין פעלד און אויב כתריאל וועט אים וועלן צוהעלפן, איז ערשט שפּעטער מיט א צוויי אָדער דריי חדשים.

אזוי זענען אוועק עטלעכע יאָר. קודם מיט צוהעלפן פאַר איי־ניקע פויערים געשווויערענע גוטע ברידער, דערנאָך אליין אָפּגע־דינגען ביי א פויער א שטיקל ערד. זומר; ער מיט זיין גאנצער משפחה אויפן פעלד און אין דער קוזניע, ווינטער נאָר אין דער קוזניע.

אין יענער צייט איז אויפגעקומען א „חברה" וועלכע האָט זיך א נאָמען געגעבן „כל ישראל חברים". אָט די דאָזיקע „חברה" האָט זיך געמיצט צו מאכן פון יידן פויערים. זיי האָבן אויך גע־גרינדעט אזא מין שולע אין וועלכער יידישע קינדער לערנען זיך אוים פעלד ארבעט. כתריאל האָט זייער חשק געהאט צו שיקן אהין גבריאלן, מחמת נאָך אלס קינד פון ניין־צען יאָר האָט ער שוין אויסגעוויזן ווי א בחור פון פיפצן מיט שטארקע הענט און נאָך מער מיט א — קלוגן קאָפּ. איז אָבער די דאָזיקע שולע געווען ערגעץ ווייט אין גאליציען און כתריאל האָט געזען אז ער איז נישט בכח, ביי זיין שווערע משפחה, אראָפּצונעמען וועגן שפּעזן.

שפּעטער, זענען אויך נאָך עטלעכע משפחות צוגעפאלן און נאָכגעטון כתריאלן, ווייל כתריאל האָט געטענהט, אז דער אמתער ערלעכער און פרומער ייד קען נאָר זיין דער וואָס איז א פויער. און אזוי האָט ער געזאָגט:

„אקערט דער פויער, פארזייעט ער די ערד, ציטערט אין אים דאָס הארץ, ווייל ער ווייסט נישט וואָס ס'וועט מיט דער זריעה, וואָס ער האָט אריינגעלייגט אין דער ערד ווערן. זענען די אויגן זיינע געווענדט תמיד צום הימל. בעטנדיק ביי גאָט, אז ער זאָל צו דער צייט רעגן און ראָסע געבן. פונקט ווי אזוי מיר בעטן אין דער שמונה עשרה. מיר זאָגן, אָבער מיר הערן זיך נישט צו וואָס מיר זאָגן. אָבער דער פויער בעט מיטן גאנצן הארצן, ווייל נאָר אז ס'רעגנט, האָט ער ברויט, האָט ער מאמעליגע. ביים שניידן די תבואה, ביים אראָפּנעמען דאָס ברויט פון די פעלדער, קערט ער זיך ווידער צום רבונו של עולם, אז איצט זאָל דווקא נישט רעגנען, אז איצט זאָל זיין שיין, ס'זאָל חלילה דאָס ברויט נישט פארפוילט ווערן. דער פויער איז תמיד מיט גאָט".

די ווילדע מענטשן, מיט זייערע ווילדע תנועות און העויות, האָבן פון אים און פון זיינע חברים געמאכט אויסצודרייען, אָנגע־רופן אים מגושמדיקער גראָבער יונג, פויער און נאָך אסך אנדערע זידל־ווערטער.

גבריאל, נישט נאָר וואָס ער איז געגאנגען אין פּאָטערס טריט, און געווען ווי דער פּאָטער אויך אריינגעלאָזט מיט לייב און לעבן אין ערד-ארבעט, נאָר ער האָט נאָך מער ווי דער פּאָטער צוגערעדט א יעדן יידן, אז מ'זאָל אלעס לאָזן שטיין און זיך אָפּגעבן מיטן אקער, מיט דער סאָכע. „ווי גליקלעך ביסטו, אז דו ווייסט, אז דאָס שטיקל ברויט, דאָס שטיקל מאמעליגע איז פון דיין אייגענער פּראצע". — גבריאל האָט זיך אויך ארומגעטראָגן מיט פּלענער צו גרינדן ערגעץ ווו, א דאָרף פון סאמע יידישע פּויערים. — „גאראָנים וואָס איר זענט, — פּלעג ער טענהן מיט די דאָזיקע וועלכע האָבן נישט געהאט גענוג פּרנסה פון זייער מלאכה און פּלעגן זיך אויך אָפּגעבן מיט סוחרעריי, — צו וואָס טויג אייך אזא מין לעבן! א מער לאָמיר זיך בעסער אויפהויבן און אוועק אהין, קיין אמעריקע, קיין ארגענטיניע, קיין בראזי-ליען. דאָרטן, זאָגט מען, וואלגערן זיך פעלדער און וועלדער און ס'איז נישטאָ ווער ס'זאָל זיך אומקוקן אויף זיי".

און אויך גבריאל, פּונקט ווי דער פּאָטער זיינער, האָט ליב געהאט אין אזא צייט ארויסצוזינגען פון אליקום צונזערס „סאָכע" און אויפווייזן ווי שלעכט ס'איז אז מ'איז א סוחר:

„...דער קרעמער
מוז באָרגן יעדן נעמער
און מוז נאָך קאָנקורירן
און לייזט אויף דריי פּראָצענט
פון וועקסלען טערמינען
דארט דער מארך, דער זינען.
אין קראָם קאָן ער געפונען
נאָר ליידיק געבליבענע ווענט".

איבערדעם, ווען גבריאל האָט געהערט, וויאזוי די שיינע לייט, די קהל-פּארזאָרגערס האָבן אזוי גערעדט מיט אזוי פיל פּייער אין דער קאלטער שיל און איינגעשריבן יידן צו זייער „חברה נוסעים", איז ער פון די ערשטע געווען וועלכע האָבן געצאָלט און געצאָלט אזוי לאנג ביז ס'האָט זיך א טייך אויסגעלאָזט פון דער גאנצער חברה.

גבריאל, האָט אָבער נישט געקענט ליידן, ווען ער האָט דער-זען אז אנדערע הולטייעס ווילן פריש ארייננכאפּן יידעלעך און אים אויך בתוכם, האָט ער זיך געשווירן, אז ער וועט דעם

מענטשן ארויסלאָזן די קישקעס וועלכער ס'וועט וואגן אויסצוגנארן ביי יידן א קאָפּעקע ווענן דער נייער „חברה עולה רגל“.

.5

אויפן גאנצן וועג, ווען ער איז געפאָרן מיט יונה קאלינע קיין מאָלדראָווע, האָבן זיי בײדע געחלומט פון א דאָרף וואָס זיי וועלן גרינדן דאָרט אין דער מאָלדראָווע, א דאָרף פון סאמע יידישע פּויערים.

דעריבער, קען מען גאנץ גוט פארשטיין דאָס הארץ און דאָס געמיט פון גבריאלן, בשעת ער איז צוריקגעפאָרן קיין שווארץ־השך צו ברענגען די אנדערע משפּחות אזוי ווי ער האָט זיך מתחייב געווען אינעם קאָנטראקט. ער האָט געזען אז זיין חלום וועלכן ער האָט אזוי שיין געשפּינען, ווערט נישט וואָרהאפטיק, ער צעגייט זיך, ער האָט נישט מער קיין האפט. שווער איז אים אויפן הארץ געווען, ער האָט זיך געגווימיקט אין עמעצן, פאר וועמען ער זאָל זיך אויסוויינען, אראָפּרײדן פונעם הארצן. ליגט דאָס אָבער נישט אין גבריאלס טבע. ער קען נישט וויינען, ער קען נישט קלאָגן. האָט ער צו יונהן נאָר אזוי פיל געזאָגט:

— ווי אזוי וועלן מיר, וועלכע זענען מיט מלאכה און באלע־באטישקייט אויפגעוואקסן געוואָרן, זיך נעמען גאָר צו סוחרעריי, ווי אזוי?

יונה קאלינע האָט אים גאנץ גוט פארשטאנען, ער האָט גע־ווסט וואָס ס'טוט זיך אין זיין הארץ. האָט ער זיין קאָפּ אראָפּ־געלאָזט און געטראכט: „וויי, וויי דו קלוגער און נארישער גבריאל! האָסט א חלום געחלומט, און ווען דו האָסט זיך אויפ־געכאפּט און געזען אז ס'איז נאָר א חלום געווען, עסט דו דיר אָפּ דאָס הארץ“. — און צו גבריאלן מאכט ער אזוי:

— איי, איי גבריאל, וואָס מאכסטו דעם אָנשטעל. איך ווייס דען נישט וואָס דיך קוועטשט! דו האָסט געוואָלט א יידיש דאָרף, יידישע פּויערים, דאָס האָסטו געחלומט, אָבער א הדוש איז מיר אויף דיר, האָסטו דען, איידער מיר זענען אוועקגעפאָרן קיין מאָלדראָווע, אליין נישט געזאָגט; „ווער ווייסט, וואָס דער דאָזי־קער פריץ פארלאנגט פון אונדז פאר די שטיקער ערד וואָס ער וועט אונדז געבן און ווער ווייסט צי ס'איז גאָר אמת אז ער וויל אונדז געבן ערד“. האָסטו עס נישט געזאָגט?

יונה לאָזט נאָך טיפער אראָפּ דעם קאָפּ און ער זאָגט זיך;
„ווײ, ווײ דו קלוגער נארישער גבריאל! דעמלט ביסט דו נעבעך ניכטער געווען. האָסט די זאך באנעמען קלאָר, אָבער האָסט אליין געמיינט; אפשר, טאָמער, ווער ווייסט?

צי האָט גבריאל שפּעטער געפּרוווט, אז ער זאָל זײן חלום פארווירקלעכן, צי איז אים כאָטש אביסל געלינגען זײן פּלאַן אויסצופירן. דאָס וועט מען זען שפּעטער.

קאפיטל ג

די יידן בויען אויף צוואנציק הייזער... — גבריאל איז אין כעס אויפן פריץ קאָדאַטוועַרמא

שווער, שטארק שווער, איז אָנגעקומען די איינוואנדערער, דאָס אויפבויען די נייע היים, דאָס שטעטל. אסך שוועריקייטן האָט פאר זיי געמאכט מאקע דער פריץ קאָדאטוועַרמא אליין, און דאָס איז געווען ווייל ער האָט זיך נישט איינגעהאלטן דאָס וואָרט. ער האָט נישט רעספּעקטירט דעם קאָנטראקט, דאָס וואָס ער אליין האָט געחתמ'עט.

תחלת, ביים אָפּשליסן דעם קאָנטראקט, האָט ער געהייסן ארייננשרייבן אז געהילץ, וויפל מ'דארף, גאנץ אומזיסט. דערנאָך ווען די איינוואנדערער, האָבן זיך גענומען בויען, האָבן זיך די ערשטע וועגעלעך אומגעקערט צוריק פונעם וואלד ליידיק. — וואָס איז די מעשה? ס'טייטש, דער וועקיל וויל נישט געבן, ער מאָנט געלט.

— געלט גאָר, האָט זיך גבריאל געקאָכט, — ווו איז דאָס געהערט געוואָרן! דער דינער זאָל נישט פאָלגן דעם בעל-הבית? און גבריאל, נישט מאכנדיק קיין לאנגע שהיות, לויפט ער צום פריץ, פארקלאָגן דעם וועקיל, שטעלט זיך ארויס, אז מאקע דער פריץ, האָט אזוי אָנגעזאָגט און דער דינער איז גאָט די נשמה שולדיק. פארדריסט עס שוין גבריאלן, — אזוי גאָר! דאָס וואָרט, איז קיין וואָרט נישט, און דער קאָנטראקט, איז בלויז ווייך פּאַ-פּיר!

נעמט אים איין דער פריץ מיט גוטע ריידעלעך און רעדט אים איין:

ס'איז נישט אזוי, גבריאל. דער קאָנטראקט, איז מאקע א קאָנטראקט, אָבער דער וואָס האָט געשריבן דעם קאָנטראקט האָט

מיך נישט גוט פארשטאנען. געהילץ געבן גאנץ אומזיסט, האָב איך געמיינט נאָר פאר דער שיל, פארן באָד.

און איצט, אויב גבריאל מיט זיינע יידעלעך האָבן נישט קיין געלט, איזגאָר א קליינער אומגליק, זאָל נאָר גבריאל ארויסגעבן א קוויטעלע, אז שפעטער מיט פינעף יאָר וועלן זיי באצאָלן, באַקומען זיי געהילץ וויפל זיי באדארפן.

גבריאל'ן איז שטארק שווער אָנגעקומען, אז ער זאָל חתמע־נען אזא קוויטעלע. — אז שוין ביים ערשטן ארויספאָר, טראכט גבריאל, — ווייזט ער, דער פריץ אזעלכע הונטישע שטיק, וואָס־זשע וועט זיין שפעטער? — מ'דארף זיך גוט אויפמאכן די אויגן...

גבריאל כתריאל, בשעת ער איז געקומען פון באסאראבער לאנד און געבראכט מיט זיך גאנצע זעכציק משפחות, איז ער אזוי ווי עפעס זעלבס פארשטענטלעך געוואָרן דער עלטסטער, דער פאָטער פונעם ניי געבוירענעם ישוב, דער פאָטער פון די זעכ־ציק משפחה. און יעדן איינעמס דאגות האָט ער געטראָגן אויף זיינע פלייצעס, אויף זיין קאָפּ. אז דער, האָט נישט געגוג זאמד צום קאלך כדי די ווענט צו טונקעוון און דעם פעלט ליים צו שמירן די פאָדלאָגעס.

א זומער האָט זיך געשטעלט א הייסער. זענען די פויערים געוועזן פארנעמען אויף זייערע און אויפן פריץ'ס פעלדער. און דאָס האָט פארשאפט גבריאלן אסך דאגות.

— יונה וואָס טוט מען? — האָט גבריאל געפרעגט — וועלכער פויער, וועט וועלן אפילו פאר געלט, דיר עפעס צו העלפן?

— נישט געזאָרגט גבריאל—האָט יונה אוועקגעמאכט גבריאלס דאגות מיט דער האנט — קום נאָר מיט מיר, פאר געלט! עהע!

אין דאָרף האָבן זיי אין קרעטשמע, זיך אָנגעשלאָגן אין אלטן קאָזמעא, א פויער מיט א קלוג און גוט פנים. יענער, ווען ער האָט געהערט זייער פארלאנג, האָט ער זיך אביסל פארטראכט, א ציי געטון פונעם פארלאָשענעם פייקעלע, לאנג אויסגעשפיגן און דערנאָך איבערגעפרעגט וויפל זיי ווילן צאָלן און אז ער האָט געגוי געהערט, האָט ער זיי געהייסן צו ווארטן און איז פאר־שווינדן געוואָרן. און טאקע תיכף האָט ער זיך באוויזן מיט איינעם א הויכן פויער וועמען ער האָט אָנגערופן געאָרגע:

— איר זעט אָט דעם געאָרגע? גילדענע הענט פארמאָגט ער!

אָט אזוי האָבן זיי און נאָך עטלעכע פויערים וועלכע געאָרגע מיט קאָזמעאן האָבן צוגערעדט, זיך אָפּגעריסן פון זייער

ארבעט און צוגעהאָלפֿן די נייע איינוואַנדערער ביים בויען. האָבן זיך אויסגעמישט די קליינע פּויערישע פערד און וועגעלעך, מיט די גרויסע און הויכע פורגאָנעס און די שווערפיסעקע צוג־פערד. האָבן ארומגעשמייעט, אהין און צוריק פּויערים אין קיטשמעס מיט גראָב לייגווענטענע סטאַנעס איבער די הויזן מיט ריסקאַלעס און לאָפּעטעס אין די הענט, אינגיינעם מיט די איינוואַנדערער אין שווארצע העמדלעך, אין שוואַרץ זיידענע, טוכענע, אָדער פּלושענע קאשקעטן.

.2

פּאוואָליע, גאָר פּאוואָליע איז צוגעגאַנגען די ארבעט ביים בויען די שטיבער. אין משך פונעם גאַנצן זומער, זענען בסך הכל נישט מער ווי צוואַנציק שטיבער אויפגעשטעלט געוואָרן, צען פון איין זייט און צען פון דער אנדערער זייט, און דער שטראָז אינגמיטן. און אזוי האָבן די ערשטע איינוואַנדערער גע־בויעט זייערע שטיבער:

ס׳ערשטע פון אלעמען, האָט מען פונעם וואַלד געבראַכט גרויסע בוימער אזעלכע, זיי אויסגעלייגט אויפן פּלאַץ וווּ מ׳וויל זיך נעמען בויען. און אז ס׳איז שוין געווען גענוג בוימער, האָבן זיך פּויערים פאַרוקט די קוטשמעס און די איינוואַנדערער זייערע קאשקעטן און מיט אזעלכע שאַרפע העק און באַרדעס געטעסעט און געליפּעט פון דער קאָזשע ביז פון די קיילעכיקע בוימער איז געוואָרן פיר קאַנטיקע בעליקעס. ביים אָפּפּאַל פון די בוימער האָבן די ווייבער געקאָכט מאַמעליגע, פיש און אייער. און אז די זון איז געשטאַנען אין מיטן הימל האָבן די איינוואַנדערער מיט די פּויערים זיך באַזעצט אויף איינעם פון די בעליקעס און געפּראַוועט די סעודה, און געאָרגע האָט שוין מער נישט געקענט אזויפיל אָפּלויבן די באַטעמטע פיש, די אייער מיט דער זיסער מאַמעליגע.

און אז פון די בוימער איז געוואָרן בעליקעס, האָט מען זיך נאָך נישט געקענט שטעלן בויען. מען האָט דעם בעליק ארויפגע־טאַסקעט אויף אזעלכע צוויי געשטעלן, און, אָדער א פּויער אויבן אויפן בעליק און אן איינוואַנדערער אונטען האָבן מיט א גרוי־סער און ברייטער זעג געשניטען פּאַסעס פונעם בעליק. די דאָ־זיקע ברייטע און גראָבע ברעטער זענען נויטיק געווען ווען בוי־דעם אויף וועלכע מ׳האָט שפּעטער, ווען די שטוב איז פאַרטיק

געוואָרן, גראָב אָנגעשמירט מיט ליים, כדי דער ווינט זאָל נישט דורכיאָגנען און ס'זאָל נישט העלפן, וויפל מ'זאָל נישט הייצן.

אָט די דאָזיקע ארבעט, פון ציען די זעג ארויף און אראָפּ, זענען געווען איינע פון די שווערסטע ארבעטן, צו וועלכן די איינוואנדערער זענען נישט געווען געוווינט קיינמאָל, פונדעסטוועגן זענען זיי נישט צוריקגעשטאנען און געארבעט אויך ביי דער דאָזיקער ארבעט וועלכע האָט, ווי זיי פלעגן זאָגן, ארויסגעריסן די הענט פון די אקסלען, און ביינאכט אויפן געלעגער, האָט זיך דיר געדאכט, אז ס'איז גאָר נישט קיין הענט, נאָר פרעמדע שטיקער העלצער.

ערשט נאָך די אלע צוגרייטונגען און הכנות, איז געקומען דאָס סאמע רעכטע בויען פון די הייזער: די איינוואנדערער, האָבן געגראָבן דעם פונדאמענט. נישט שטארק טיף, וואָרעם ס'איז דאָך נישט קיין ציגל-מויער אָדער א מויער פון שטיינער, וועלכע נויטיקט זיך אין א שטארקן פונדאמענט. געענדיקט דאָס גראָבן, האָט מען ארייגעשטעלט די בעליקעס, און אויף זיי, פון פייכטע צווייגן, אזעלכע פריטעס, ארויפגעפלאָכטן ווענט.

בשעת די מענער האָבן געפלאָכטן די ווענט, זענען די ווייבער אויך נישט געשטאנען ליידיק. אין שיסלען האָבן זיי צונויפגענומען ערד און פערדס קויט, געגאָסן וואסער, און מיט ביז צו די קני פארשארצטע קליידלער, און ארבעל פערקאטשעטע ביז העכער די עלנבויגנס, האָבן זיי מיט נאקעטע פיס דארויף ארומגעטאנצט, און ביי יעדן טאנץ, האָט די בלאָטע, גלייך ווי געענטפערט: „טיאָבק, טיאָבק".

— רבקה, אהער א שיסל בלאָטע! האָט דער מאן געקאָמאנדעוועט. און רבקה האָט געטאָן דעם רצון פון איר מאן, און אים אונטערגעטראָגן א שיסל בלאָטע, מיט א — מינע, גלייך ווי איינער טראָגט א קענן עפּעס א פיין, גאָר א פיין מאכל. און דער מאן האָט ארויסגעכאפּט פון דער שיסעל צוויי פויסטן בלאטע, עס נאָך אמאָל איבערגעקנעטן און זשמעניעסווייז געוואָרפן אויף די ווענט. און דער סימן איז געווען; אויב די בלאָטע איז נישט געווען גוט אויסגעקנעטן ווי א טייג, האָט זי זיך נישט געהאלטן, גאָר צוריק אראָפּגעפאלן. איז דער מאן אריין אין כעס און זיך נאָך אמאָל צעשריגן: — רבקה, שטארקער קנעטן, רבקה! האָט זיך רבקה אויסגעבייזערט: — גיי, ביסט א לעמעשקע! דו טויגסט נישט. מ'דארף גיכער, שנעלער, ווארפן אויף די ווענט, — לאָז מיך! קום דו אהער! און מאן און ווייב האָבן זיך געביטן מיט די פלעצער. און זי, רבקה, האָט טאקע ווונדער באוויזן. געכאפּט א פויסט פול מיט בלאָטע, און א זעץ געגעבן אויף דער וואנט. א

טראסק נאָך א טראסק, מיט דער גיכקייט פונעם ווינט און מיט דער שנעלקייט פונעם בליץ.

— אזוי איז, אזוי איז! — זאָגט געאָרגע פריילעך, — די בלאָטע, ווי גוט זי זאָל נישט זיין אויסגעקנעטן, טאָמער ווייסטו נישט ווי מיט איר אומצוגיין, איז אן עבירה די ארבעט, ארבעטסט און ארבעטסט און ס'איז אָן א שפּאָר. אָן ברכה. ס'פאלט מערער אראָפּ, און ביז ס'כאַפּט זיך אָן צווישן די פריטעס, געדויערט אסך, גאָר אסך צייט.

.3

ווען די יידן פון שווארץ־חשך זענען אין דעם דאָזיקן ווינקל אראָפּגעקומען האָבן זיי געטראָפן העט אויבן, ממש אויפן בארג עטלעכע משפחות יידן וועלכע האָבן די איינוואנדערער אפילו זייער שיין אויפגענומען. ס'האָט אָבער דאָך נישט געקלעקט קיין פּלאץ פאר אלע זעכציק משפחות. אן ארייגפאָר הויז, אָדער ווי אזוי ס'ווערט אין יענע קאנטן גערופן „ראָטיש“ האָט געקענט אין זיך אריין נעמען אזוי פיל מענטשן אויף א טאָג אָדער צוויי. מער נישט. פארוואָס? ווייל דער דאָזיקער ראָטיש איז געשטאנען פונקט אין דער מיט פון די צוויי גרויסע שטעט, און באלעגאָלעס, פויערים, אָדער סיי וואָסערער דורכפאָרער האָבן זיך געמוזט דאָרט אָפּשטעלן כדי זיך, אָדער די פערד אויסרוען אויף עטלעכע שעה אָדער גאָר אויף א גאנצער נאכט און איינגעוועגס נעמען עפּעס אין מויל אריין. אזוי, אז די איינוואנדערער האָבן געזען אז זיי זענען אויפגעוואָרפן ביי די באלעבאטים פונעם ראָטיש.

דעריבער, תיכף ווי אזוי גבריאל מיט יונהן האָבן זיך איינ־פארשטאנען מיט קאָזמעאן און מיט געאָרגען און מ'האָט זיך גענומען צום בויען, האָט גבריאל פארוואָרפן א שמועס מיט מע־רערע פויערים:

— מ'קען דאָך נישט לאָזן מענטשן, מיט קינדער — האָט גבריאל געזאָגט — אויף הפקר אינדרויסן!

— אשאי! אשאי! — אזוי הייסט עס — האָבן די פויערים צוגעשטימט.

אזוי ארום האָט יעדער איינוואנדערער ווער פאר געלט און ווער פאר לויטער פריינטלעכקייט, ביז ס'זענען אויפגעשטעלט געוואָרן די ערשטע צוואנציק הייזער, זיך געהאט זיין פויער, צו וועלכן ער איז יעדן פארנאכט, צוגעפאָרן אָדער צוגעגאנגען צו־

פּיס, געגעכטיקט, און אינדערפרי צוריק צו דער ארבעט. אזוי, א גאנצן זומער. האָט זיך געמאכט, אז רבקה מיט איר מאן ברוך, נאָך גאָר א יונג פּאָרפאָלק, זיי צווי, זענען איינגעשטאַנען ביי געאָרגען. געאָרגע, איז געווען פון דער קאטאָגעריע פויערים, וועלכע האָבן געגומען ביים פריץ א שטיקל ערד, עס בעאַרבעט, און זיך געטיילט מיט'ן פּריץ העלפט אויף העלפט. גאָרגע, האָט אָבער געהאט א שווערע משפחה, האָט ער זיך געווארפן צו אלערליי מלאכות, און איינע, דאָס הייסט די הויפּט מלאכה זיינע, איז געווען: וויאזוי אויפצושטעלן א שטוב, פונעם פונדאמענט ביז צום דאך, מיט אייגענע מאטעריאלן וואָס געפונען זיך אין דאָרף, דהיינו האָלץ, שטרוי און בלאָטע. זיינע אויפגעבויטע שטיבער, קענען זיך בארימען אז זיי וויסן נישט וואָס דאָס איז א שטיקל אייזן, אָדער א צוואָק. פארשטייט זיך אז איצט ביים בויען דאָס שטעטל, האָט געאָרגע געשפּילט א גרויסע ראָל, און ער האָט ארויסגעוויזן גרויס חריפות און בקיאות אין דעם.

פאר געאָרגען, איז רבקה געווען א שטיק נייעס, אָנגעטון ווי די שטעטישע, איז דאָס דאָזיקע שווארץ־הנגעוודיקע ווייבל, אויף א האָר נישט אנדערש געווען פון די היימישע פויערטעס. — ווי זי ווייסט אזוי גוט און בריהש צו קנעטן די בלאָטע מיט די נאקעטע פיס, ווי קונציק זי ווארפט די אויסגעקנעטענע בלאָטע אויף די פרימע־ווענט. אויך האָט געאָרגע באוואונדערט, די באַטעמטע פיש וועלכע רבקה ווייסט צו קאָכן, און ביי דעם אלעמען פארמאָגט זי א לאכן, וואָס, ווען ער הערט זי, דאכט זיך אים אז גאָר זילבערנע גלעקלעך האָבן זיך צעקלינגען, ווער שמועסט נאָך ווען ער דערזעט ביי איר דעם פעך־שווארצן לאָק, וואָס גנבה'ט זיך איר אפיר פון אונטער דעם טיכל און פארשטעלט איר איין אויג, דעמלט פארגעסט ער זיין אָרעמקייט, פארגעסט ער, אז ער האָט א ווייב מיט קינדער, פאר וועלכע ער דארף אזוי שווער און ביטער האָרעווען, ער פארגעסט ווו ער איז ערגעץ אויף דער וועלט און גייט אום ווי א נעבכטיקער. אזוי אז ער איז אין די עטלעכע חדשים אויסגעדארט געוואָרן ווי א כרישטש, און אז ער איז געגאנגען, האָט זיך אויסגעדאכט אז ער שאָקלט זיך אויף די פיס, און אז דער קלענסטער ווינט קען אים אוועק בלאָזן. געאָרגע, כאָטש ער איז געווען דער אויבער מייסטער פון אלע הייזער, דאָך איז דער עיקר ארבעט זיינע געווען ביי ברוכ'ס שטוב און אז מ'האָט אים געדארפט האָבן, האָט מען אים ערגעץ אנדערש נישט געזוכט, נאָר דאָרטן.

פאר רבקה'ן, איז געאָרגע געווען דער ערלעכער, דער אנ=שטענדיקער, דער אמת זאָגער. זי האָט פון אים געהאלטן, פונקט ווי זי האָט געהאלטן פון נאָך אנדערע פויערים, אז זיי זענען ערלעכע, גוטהארציקע און גאסטפריינטלעכע מענטשן, געאָרגע אָבער, — רערפאר ווייל ער איז געווען אין די אויגען, האָט זי דער מוח געצוווּנגען אז זי זאָל איבער אים מערער א טראכט געבן; וואָס איז מיט אים? פארוואָס איז ער אזוי אראָפּ פונעם פּנים? די דאָזיקע געדאנקען זענען איר אָבער נאָר דורכגעפלויגן אזוי ווי פייגעלעך און גיך זענען זיי פארשווּנדן געוואָרן, מחמת איין געדאנק האָט זי באהערשט: ווי אזוי זי וועט באארבעטן דעם גאָרטן, ווי אזוי זי וועט אויסכאָווען אליין עופות און וויאזוי זי וועט ארומגיין ארום דעם באלעבאטישקייט. אנדערש איז אָבער געווען מיט ברוכ'ן. מיט'ן הויש פון א מאן וועלכער האָט זיך ליב זיין ווייב ביז משוגעת, איז אים דאָס אָפּטע ארומדרייען פון געאָרגען, געווען דערווידער, וואָרעם ער האָט פארשטאנען אז רבקה האָט דעם פויער פארכשופט, איז דאָס אים גאָר קיין הדוש געווען. ס'מאכן זיך אזעלכע זאכן, אז א מאן ווען ער דערזעט אזא ווייבל כאפּט אים דער רוח. ער איז אין א געוויסער מאָס נאָך שטאָלץ געווען דערויף, אז זיין ווייב איז איינס אין דער וועלט. אָבער פארוואָס איז זי, רבקה, אויכעט אזוי צעטראָגן? פארוואָס הערט זי אפילו נישט וואָס מ'רעדט צו איר? א דאָס האָט אים געמאכט, אז נאָר ביים סאמע געדאנק אליין זאָל ער אויפציטערן. ברוך האָט געשוויגן און געהאלטן אין זיך, געזאמלט אין געדאנק יעדן חשד, יעדן אויסגעדאכטן שמייכל וועלכע רבקה האָט גע=שמייכלט צו געאָרגען און זיך אליין אויסגערעדט: נאָך א וואָך, נאָך א וואָך, און די הייזער וועלן פארטיק ווערן, דעמלט, וועט געאָרגע זיך מער נישט אומדרייען פאר די אויגן, דעמלט, וועט רבקה נישט טראכטן צו קיינעם, נאָר צו אים אליין. אזוי פלעג זיך ברוך אליין אויסריידן, און זיך מאכן, אז ער איז פריילעך, אָבער דאָס האָט נישט געדויערט קיין סך, וואָרעם דער חשד, אז רבקה זאָל טראכטן צו געאָרגען, האָט אין אים געטאָטשעט, אזוי=ווי דער וואָרם דעם בוים. איינמאָל, ווען ברוך מיט רבקה'ן זענען געלעגן אין א סטאָדאָלע מיט היי (זומער, איז אין שטוב ביינאכט דושנע) און רבקה איז געשלאָפן מיט א געזונטן שלאָף פון א מידן מענטשן און ברוך האָט זיך, ווי געוויינטלעך געדרייט פון איין זייט אויף דער אנדערער, נישט קענענדיק איינשלאָפן, האָט ער נישט געקאָנט מער גובר זיין אין זיך זיין איינגעהאלטנקייט פון ביז איצט און אָנגעהויבן זי צו וועקן.

— רבקה, רבקה, — דו שלאָפסט, רבקה?

רבקה, האָט אים ווי פונעם שלאָף געענטפערט: — הא? וואָס? וואָס ווילסטו? דאָס לעצטע וואָרט, האָט זי שוין נאָר ארויסגעכאָרכלט, ווייל זי איז צוריק איינגעשלאָפן. ברוך האָט זי מער נישט געוועקט, — ס'איז דאָך א גאַנס רחמנות אויף איר, אזויפיל געהאָרעוועט נעבעך. האָט ברוך געדושעט אין זיך זיין פארצווייפלונג...

ווען דאָס טאָג-ליכט האָט זיך קווער אריינגעבראָכן אין שייער אריין האָט זיך רבקה אויפגעכאפט. זי האָט זיך ראפטום געגעבן א זעץ אויף, געקיקט אויף ברוכן, אויף זיין בלאס פנים, און א רחמנות אויף אים האָט זי ארומגענומען. — וואָס איז מיט אים? האָט אים די אָנגעשטרענגטע ארבעט אזוי אָפּגעמוטשעט? — ער איז דאָך פון דער יונגט געוווינט מיט ארבעט. פּלוצעם האָט ביי איר אין מח, א געדאנק א בלישטשע געטון: — געאָרגע, ברוך, — א דער האָט זיך פארליאפעט, און דער איז אייפער-זיכטיק. און ס'גלוסט זיך איר, צו וויינען, צו שרייען, — אוי די מענער! אוי די מענער! און ס'ווילט זיך איר לאכן, לאכן ביז צו טרערן. — אוי, וואָס פאר א נאריש פאָלק, זענען דאָס די מענער און א צאָרן גייט אויף אין איר, אויף ברכ'ן, — וואָזסשע, ער קען מיך נאָך נישט?... צורעכט מאכנדיק זיך דאָס טיכל אויפן קאָפּ, האָט זי זיך שטיל, נישט אויפצוועקן ברכן ארויסגעגליטשט פון דער היי סטאָדעלע...

דעם דאָזיקן גאנצן זומער, האָבן די איינוואנדערער געארבעט ביי די צוואנציק שטיבער, צוזאַגנדיק זיך: אז מ'וועט דערלעבן מיט געזונט, מיט גאָט'ס הילף, נאָך פסח, וועט מען זיך נעמען צו די איבעריקע פירציק הייזער. ס'ברענט דאָך נישט, דערווייל שלאָפט מען דאָך נים אינדרויסן. אין די שוין פארטיק אויפגע-בויעטע הייזער, וועלן יאקאָש האָבן פלאץ אלע זעכציק משפחות. ווי שטייט דאָס געשריבן, אז יעדע פאמיליע, מוז שוין אין דער מינוט, האָבן א שטוב מיט דריי צימערן?

נאָר וואָדען?, האָט גבריאל כתריאל געזאָגט, — די שיל און דאָס באָד. דאָס דאָזיקע פּאָרל, מוזן מיר וואָס גיכער פארענדיקן, פארטיק מאכן. ראש השנה שטייט שוין הינטער די פלייצעס, הינטער דער טיר. און — דו יונה, האָט ער, גבריאל כתריאל, זיך געווענדט צו יונה קאלינע, שפאן איין פערד און וואָגן און פאָר צוריק קיין שווארץ-חשך, ברענג פון דער קאלטער שיל א ספר תורה, און דעם שוחט ר' יואל. א שיל אָן א תורה טויג נישט, עלעהיי ווי א פּראָסטע שטוב. און אָן א שוחט קען מען זיך

אויך נישט באגיין. ס'קריכט שוין צוריק פון האלדז, די עסנס וואָס מ'עסט, איך זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד. נאָך אמאָל אייער און אָבער אמאָל מאמעליגע. ס'בענקט זיך שוין נאָך א שטיקל פליישׁ!...

און די איינוואנדערער, האָבן זיך, אין די צוואנציק שטיבער, ווי עס איז איינגעמאָסטעט, צענויפגעשטופּט, צוגעטוליעט איינער צום אנדערן. און כאָטש מ'האָט א גאנצן ליבן טאָג געהאלטן אָפן טיר און פענצטער, אז די ווינטן זאָלן די ווענט אויסטרוקענען, האָט זיך דאָך געפילט דער הארבער ריח פון ליים און פערדס קויט, אז מ'איז נאָר צו א פענצטער אָדער צו א אָפענער טיר צוגעגאנגען, נאָר זיי, די איינוואנדערער, האָבן זיך ווייניק וואָס געמאכט דער־פון, וואָרעם ראשית(זענען זיי קיינמאָל געווען, איידל געפּעסטעטע בריאות, ווער פון זיי האָט נישט געהאט צו טון, מיט פערד? מיט שטאָל? והשנית, צווייטענס הייסט עס, האָבן זיי אצינד אפילו נישט צייט געהאט, זיך אָפּצוווישן די נאָז. טויט מיד, נאָך א טאָג פון שווערער ארבעט, קנעטן ליים מאכן ציגל (דאָס באַד האָבן זיי געמויערט פון ציגל) זענען זיי אנידערגעפאלן ווי דער־הרגעטע און ביז צום ערשטן שפּראָץ פונעם מאָרגן, האָבן זיי זיך אפילו א ריר נישט געגעבן. ווער שמועסט נאָך, אין דער ערשטער נאכט, נאָכדעם וואָס זיי האָבן געהערט פון גבריאל־כתריאלן: „די שיל און דאָס באָד“ אז, ראש השנה שטייט שוין הינטער די פּלייצעס, „הינטער דער טיר“. אין דער דאָזיקער נאכט, האָט אפילו א מאמע נישט געהערט איר וויינענדיק קינד...

נאָר איינער איז וואך געווען, נישט געשלאָפן, אפילו נישט געפּרוווט זיך צו צושפּארן און דאָס איז געווען: גבריאל־כתריאל. כאָטש ער האָט געארבעט באגלייך מיט א יעדן, האָט זיך צו אים דער שלאָף נישט צוגעטוליעט, ער האָט פון אים געווייכט. ס'האָט אין אים געזאָטן און געקאָכט אויפן פריץ.

אזא ליגנער! אזא אָפּנארער!... ער האָט צוגעזאָגט, אז ער וועט זיי אויסלייזן פון זיין קאסע, געלט, און ער לייגט אָפּ פון איין טאָג אויפן אנדערן.

וואָסזשע וועט זיין דער סוף? און גבריאל־כתריאל גריבלט אלץ ווייטער און ווייטער, ער קאָן נישט איינזיצן אויפן בענקל, ער שפּרינגט אויף און שפּאנט ארום איבערן צימער ווי א ווילדע חיה אין שטייג. — א־ים גבריאלן, זאָל מען אזוי מיאוס ארויסשטעלן, אזוי פאסקודנע אים פירן אין באָד אריין? — ווי אזוי ער האָט דאָס דעמלט צוגעזאָגט, מיט אזא ברייטהארציקייט:

— „אוודאי וועל איך אייך לייען געלט, איר זענט דאָך עפּעס מיינע יידעלעך“.

— היינט, ווען איך בין ביי אים געווען, האָט ער מיר געזאָגט:

— „וואָסזשע, איר יידעלעך האָט אויך נישט קיין געלט?“.

— ער ווייסט נישט, טראַכט גבריאל מיט בּיטערניש, — ווען מיר זאָלן האָבן געלט, וואָלטן מיר זיך שוין בעסער אוועקגעלאָזט קיין אמעריקע, געקויפט ערד, און געגרינדעט דאָרטן א דאָרף און נישט אָנגעקוקט זיין טרפהנע צודה.

און גבריאל, וויינט אריין אין זיך:

— גוואלד! וואָס טוט מען? אין געלט־בייטל איז שוין פון לאנג, א טיפער לאָך. און דאָ דארף מען נאָך אזויפיל!...

און דער שטארקער גבריאל, וועלכער שרעקט זיך נישט פאר גאָרנישט, וועלכער האָט נישט מורא פאר קיינעמען, האָט זיך מיט אמאָל דערפילט צעבראָכן און געקרענקט. איז ער מיטן קאָפּ צום טיש צוגעפאלן און געוויינט:

— פון דאָרט, פון שווארץ־חשך, פונעם ליבן טייערן שווארץ־חשך, זעמיר אויסגעוואָרצלט, ארויסגעריסן געוואָרן, און דאָ? וואָס שטייט אונדז דאָ נאָך פאָר? ווער ווייסט? ווער ווייסט?... מיט אמאָל האָט ער זיך אויסגעגלייכט, אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אביסל נאָכגעטראכט:

— הא, זיך אפשר קלאָגן פארן מלך? פארן וואָדע? ער לאָזט אָבער תיכף אראָפּ פארצווייפלט, דעם קאָפּ, זאָגנדיק אין געדאנק: א תכשיט! נישטאָ וואָס צו זאָגן! ער איז אויך א פויגל! און ווי־אזוי זאָגט דער פויער? „איין פויגל דעם אנדערן פּיקט נישט אויס די אויגן“. — נאָך איין מזל, וואָס די חברה מיינע, זענען שטארק איינגעגלויבט אין מיר, אלאָ נישט, וואָלט איך אויסגעזען, ווי יענער שיפס־קאפּיטאן, מיט וועלכע די מאטראָזן זיינע צעקריגן זיך, בשעת די שיף איז אין א סכנה.

גאָר, נעמט זיך פעסט גבריאל, און גיט א זעץ מיט דער פויסט אין טיש אריין. — מיר גייען נאָך נישט אונטער! און מיר וועלן אויך נישט אונטערגיין! — איך וויים שוין וואָס מיר האָבן צו טון, איך וועל אים שוין ווייזן דעם פּריץ, דעם באָיאר, וויאזוי מ'מאכט חוזק פון מענטשן!

— סוחרים? דו ווילסט מיר זאָלן ווערן הענדלערם? טראכט מיט הנאה, ווייטער גבריאל, — גיב געלט! אלאָ נישט, א מכה דיר אין פּנים. איך בין, שפּינט גבריאל דעם געדאנק ווייטער, א פויער, א געבוירענער ערד־ארבעטער. — נאָך גוט, וואָס מיר האָבן פארזייעט די שטיקלעך ערד פון לעבן די הייזער! ס'איז א גוט

גערעמעניש היי יאָר. ברויט וועט סטייען אויף איבערן ווינטער! — איך וועל אים אָגלערנען!

פון ערגעץ, האָט זיך געהערט א קריי פון א האָן, דערנאָך נאָך איינער און נאָך איינער — דאַרף שוין זיין נאָענט צו טאָג, טראכט גבריאל, — איך זאָל כאָטש פּאָספּיען צו שלאָפן א שעה — צוויי! אין דער גיך זיך אויסגעטון, האָט ער זיך געגעבן א וואָרף אריין אין בעט, און איבערציענדיק איבערן קאָפּ די קאָלדערע, וויל פונעם אָפּענעם פענצטער ציט א קילבלער ווינטל, האָט ער שוין האלב אין שלאָף, דערציוּגן דעם גערדאנקען פאָרעם:

— שוין מאָרגן, וועל איך זיי זאָגן, פאר מיין חברה: ס'גע־צייג! — א יעדער זאָל אויספּאקן ס'געצייג און א יעדער צו זיין מלאָכה!...

.4

ס'זענען נאָך געבליבן, געציילטע עטלעכע וואָכן צו ראש השנה. די איינוואנדערער ארבעטן, כמעט בייטאָג און ביינאכט, ביי דער שיל און ביים באָד. די שיל האָבן די איינוואנדערער געבויעט, נאָכן מאָדעל וואָס זיי האָבן געדענקט פון דער היים, פון שווארץ־השך. ברייט און לאנג, איבערגעטיילט מיט א וואנט און אויבן, כמעט נאָענט צו דער סטעליע, פענצטערלעך כדי די ווייבער זאָלן אריינ־הערן דאָס דאווענען. דאָס באָד אויך נאָך דעמזעלבן מאָדעל פון דאָרט, פון דער היים הייסט עס, און נישט אזוי ווי, ס'האָט אויס־געזען דאָס נייע באָד דאָרט אינדערהיים, נאָר דווקא ס'אלטע באָד, מיט קליינע פארקאלעכטע פענצטערלעך און דער דאך זאָל זיך קישן מיט דר'ערד. אי די שיל און אי דאָס באָד וואָס זיי האָבן אויפגעבויט, האָט געכאפּט דעם אָנבליק פון איינעם, וואָס וויל נישט אז מ'זאָל אים זען, רוקט ער אָן דאָס הימל ביז איבער די אויגן. ווען די ווייבער האָבן דערזען דאָס פּאָרל, די שיל מיטן באָד האָבן זיי געשנייצט די נעזער אין די פארטעכער אריין און מרערן איז זיי געשטאנען אין די אויגן: „קוק קוק! דאָס באָד, ממש ווי צוויי טראָפּן וואסער מיטן אלטן באָד פון דער היים! זע נאָר זע! די שיל! א צווילינג! גלייך איין מאמע וואָלט זיי געהאט, אויסן אויג די קאלטע שיל פון דער היים! און ס'איז אויף יעדן געווען א גדולה. ווער שמועסט נאָך, ווען דער אלטער נפתלי; א געזונטער אייזערנער ייד א הרובע־מאכער, וועלכער האָט מיט זיינע צען פינגער אויפגעמויערט דעם שטיינערנעם שוויץ־אויוון,

ווען ער האָט זיך ארויסגעכאפּט אין וואלד אריין, און געבראכט צו שלעפּן א גאנצן וואָגן מיט דעמבענע בעזעמלעך און, כאָטש יעדער האָט געוווּסט, אז היינט וועט זיין שוויץ, האָט ער, דער אלטער כיטראק געגומען איינעם פון זיינע אייניקלעך, א ייִנגעלע פון צען יאָר, אים ארויסגעשיקט מיט א גרויסער טאלאנקע אין די הענט, און דער קליינער האָט זיך דורכגעשפּאצירט דאָס איינע, קליינע, פּיצל געסל, געקלינגען מיטן גלאָק, און געקוויטשעט אויף א דין קוויטשיק קולכל: „אין באָד אריין! אין באָד אריין!“ איז נישט געווען קיין גלייכן צו זיי, אזוי גליקלעך זענען זיי געווען. וואָרעם ס'האָט זיי דערמאָנט אָן שווארץ־חשך, ס'האָט זיי דער־מאָנט די היים...

קאפיטל ד.

דער פּריץ שלאָגט גבריאלן — די איינוואנדערער נעמען זיך צוריק בויען דאָס שטעטל

צוויי יאָר זענען פאַרביי. דער פּריץ קאָדאַמוועסמא, איז מיט יעדן טאָג אַלץ מער, אין כעס, לאָזט ער אים אויס אויפן וועקילס קאָפּ, צו די דינערס פּלייצעס.

ער שלאָגט, ער הרגעט, און ער איז גערעכט. א טעות, א ביטערן טעות האָט ער געהאַט. — וואָס האָט ער געמיינט, און וואָס איז געוואָרן? געמיינט האָט ער, אז אויב גבריאל וועט ברענגען זיינע יידן, וועט איבערנאכט אויסגעבויט ווערן א שטאָט און מ'וועט האנדלען און וואנדלען, ס'וועט זיך רודערן, ס'וועט זיין לעבעדיק. זיי וועלן ברענגען געלט, וואָרעם וועלכער ייד האָט דאָס נישט קיין געלט? זיי וועלן קויפן און פאַרקויפן און מיט דער צייט וועלן אראָפּקומען אהער גרויסע סוחרים און מיט זייערע יידישע קעפּלעך, וועט מען דאָ אויפשטעלן ווער ווייסט וואָס, אפילו גרויסע פאבריקן. פאַר וואָס נישט?

פון די עטלעכע משפּחות, וואָס זענען שוין געווען פריער, האָט ער נאָר נישט געקענט דערוואַרטן. עפּעס צעקראָכענע יידן. נישט ווערט צו גאָר נישט. ווייסן נישט עפּעס אנדערש ווי נאָר דעם „ראָטיש“, טרייבן בראָנפן, אפילו גוטער בראָנפן, אָבער וואָס קומט ארויס?... ווען ער זאָל קענען, וואָלט ער זיי אלע פון דאָרט פאַרטריבן זאָלן זיי גיין צו אלדי רוחות, און דעם ראָטיש אונטערצינדן. איז אים די האנט צו קורץ. מחמת זיי האָבן גאָר א בריוו נאָך געהתמעט פונעם אלטן מלך. ס'איז אפילו אויף זיין ערד, אָבער ווי אזוי טוט מען ווידערשפּעניקן א מלך?

גייט ער אום ברוגז, און ער שלאָגט, און ער הרגעט, און ער איז גערעכט.

גבריאלן, האָט ער תחלת צוגעזאָגט ס׳מעלערל פונעם הימל, אַבי זיי זאָלן זיך דאָ באַזעצן, צופוסנס פונעם באַרג, נישט אויפן באַרג. איז אָבער דער ייִד עפּעס אַ פאַרשלעפּטע קרענק, וויל ער טאַקע, אַז דער פּריץ זאָל איינהאַלטן, וואָס ער האָט צוגעזאָגט. אַזאַ נאַרישער ייִד! ווו איז דאָס געהערט אָדער געזען געוואָרן! און, — ייִדן פעלט אוים געלט? ווער איז ראָטשילד? ווער איז באַראָן הירש? מאָנטעפיאָרע? זיי האָבן נישט ביי וועמען צו נעמען?

אַזוי, מיט אַזעלכע געדאַנקען האָט זיך דער פּריץ אַרומגעטראָגן און ער איז שרעקלעך אויפגעבראַכט געווען אויף די איינוואַנדערער, אויף גבריאלן, אויף אים נאָך מער ווי אויף זיי, ווייל תמיד שטייט ער אים פאַר די אויגן, גלייך ווי ער זאָל אים אויסלאַכן: „דו לייענסט דאָך די ביבל, טאָר מען אָפּנאַרן? טאָר מען ליגנערן? ליגנער! ליגנער!“ און נאָר גבריאל איז דער וועלכער האָט געזוכט אַן אויסרייד, כדי נישט צו לאָזן די איינוואַנדערער, זיי זאָלן ווערן סוחרים.

אַ שטיק אמת האָט טאַקע דערין געשטעקט. גבריאל האָט נישט געוואָלט, אַז זיינע ייִדן זאָלן ווערן סוחרים. ער האָט טאַקע וואָס אמת איז, געחלומט, ווען זיי זענען אַוועק פון שוואַרץ־השך, צו מאַכן פון זיי פּויערים. ווייט פון מסחר אָבער, זענען זיי דאָך נישט געווען. יעדער פון זיי האָט דאָרט אין דער אַלטער היים, געהאַט ביי דער שטוב אַ קליימל מיט „אויך מיר סחורות“. אַזעלכע סוחרים האָט דער פּריץ אָבער נישט געוואָלט, ער האָט געגלוסט צו זען אַזעלכע, וועלכע פאַרמאָגן אַסך געלט און קענען געבן געלט, וואָרעם דער פּריץ האָט זיך שטאַרק נענויטיקט אין געלט, און פון דעם, וואָס ער האָט געמיינט, אַז ער וועט אָנשאַרן גרידעס גאָלד, ליגט דאָרט אַלעס ווייטער אין די האַמבאַרעס און קיינער נעמט עס נישט אַוועק. אַלדינגס אַזוי ווי פריער.

אין אַ טאָג, האָט זיך דער פּריץ, דורכגעריטן אַ ביסל אין שטעטל אַריין, און וואָס ער האָט דאָרט געזען, האָט אים אַריינגעטריבן אין אַזאַ כעס, אַז דער שלאַק האָט אים שיער געטראָפן: פאַר יעדער טיר, אַנשטאָט סחורה, הענגט גאָר אַן איבערגעקערטער שטיוול, אַ סימן, אַז דאָרט וווינט אַ שוסטער, אַ שער מיט אַ צובראָכן פרעסל, אַ סימן פון אַ שניידער, אַ פערדס־פּאָדקאָווע, אַ קאָוועל. און וווּנדער איבער וווּנדער, דער קאָוועל איז טאַקע נישט קיין אַנדערער, ווי גבריאל־כתריאל אַליין.

— גוט מאָרגן גבריאל, האָט דער פּריץ אים באַגריסט, ווען ער איז צוגעקומען צו דער אָפענער קוזניע און אים געטראָפן

מיט זיינעם אן עלטער, יינגל קלאפּנדיק אויפן אמבאָס איבער א רייף פון א וואָגן־רעדל.

— גוט מאָרגן פריץ, האָט גבריאל געענטפערט, נישט אויפ־הויבנדיק די אויגן אפילו, און אפילו נישט אויפגעהערט צו קלאפּן מיטן קליינעם האמער איבער דער רייף, כאָטש ער האָט עס גאָר־נישט באדארפט צו טון, וואָרעם, געצל, דער בחור זיינער, וועלכער האָט געהאלטן דעם גרויסן שווערן האמער און זיך פארמאָסטן צו געבן א זעץ איבערן האמער וואָס דער פאָטער האָט געהאלטן, איז געבליבן פארגליווערט, מיטן האמער איבערן קאָפּ און גע־קוקט פארחדוש'ט מיט אויפגעריסענע אויגן אויפן פריץ.

דער פריץ, זעענדיק, וואָסער אויפנאמע ער האָט באקומען פון גבריאלן האָט ער זיך אויסגעדרייט און אויפכאפּנדיק זיך אויפן פערד איז ער אוועקגעריטן צוריק צום קאסטעל.

— וואָס וועט זיין טאטע? — האָט געצל געפרעגט, נאָכקוקנ־דיק דעם פריץ מיט איבערגעשראָקענע אויגן. — וואָס וועט זיין? האָט ער איבערגעהזרט.

— כאפּט אים די באבע! האָט גבריאל געענטפערט. — היי האיע נישט! א באלד קומט געאָרגע נאָכן רעדל.

ס'געדויערט גיט קיין סך, גבריאל מיט געצלען האָבן זיך נאָך געפּאָרעט ביים רעדל, איז געקומען א דינער און גערופן גבריאלן אין הויף אריין.

— וואָס איז נייעס? האָט גבריאל געפרעגט — וואָס באדארף ער, דער פריץ דיינער, מיך אזוי געגויטיק?

— ווייסט נישט? האָט דימיטרע געענטפערט, אזוי זענען זיי די פריצים. בעראָש וואָלטן זיי געוואָלט, אז יעדער זאָל פאר זיי שטיין סלוש. און צוגעגעבן האָט דער דינער: — האָסט אים מסתם אָפּגעשטעטן אויפן היגעראויג, ווייל ער איז שטארק אין כעס.

— זאָג אים, אז איך בין נישטאָ אין דער היים, אז איך בין אוועקגעפאָרן צום כאכאם־באשא קיין יאסי.

ווען דער דינער איז אוועק, האָט דער אלטער נפתלי, וועלכער איז געקומען רופן גבריאלן מיטן יינגל צום דאווענען, און ער האָט געזען וויאזוי, גבריאל האָט אויפגענומען דעם פריץ, זיך אזוי אָנגערופן:

— האָסט פארקאָכט א קאשע, גבריאל!

— גייט ער אין ד'רערד אריין! האָט גבריאל זיך געבייזערט.

— דו שיקסט אים טאקע, אָבער ווער ווייסט צי ער'ט דיך וועלן פאָלגן, צי ער'ט וועלן גיין אין ד'רערד אריין. מיך הארט

עס נישט, זאָל אים שוין, אין דער מינוט די ערד צוגעמען. — מיך ארט אָבער, וואָס דימיטרע וועט נעבעך זיכער באקומען פינעפאונצוואנציק איבערן נאקעטן. און דאָס וועסטו, גבריאל, שולדיק זיין. — דער פריץ ווייסט אז דו ביסט אינדערהיים, אז דו ביסט נישט אוועקגעפאָרן צום כאכאם־באשא, אז דו ווילסט פשוט צו אים נישט קומען. און אז דימיטרע איז דיינס א קנעפל. היינט פארשטייסטו שוין?

א רגע איז גבריאל געבליבן שטיין, דערנאָך האָט ער געגעבן א געשריי צו געצלען:

— לויף שוין, אָבער גיכער לויף! הייע נישט! יאָג אים אָן, דומיטרון, זאָג אים, אז ער זאָל איבערגעבן דעם פריץ, אז פאר־נאכט וועל איך צו אים קומען, ווייל איך האָב צו קונטשען עפעס ארבעט. הייע נישט! האָט ער אים נאָכגעשריגן, ווען יענער איז שוין געלאָפן אויפן וועג וואָס פירט צום קאסטעל. — זעסט אין וואָס ס׳גייט!

שפעט ביינאכט. טירן עפענען און מאכן זיך צו. מענטשן גייען און קומען. און יעדער גייט צו גבריאלן.

— וואָס איז געשען? האָט מען איבערגעשראָקן געפרעגט.

— דער פריץ, האָט געשלאָגן גבריאלן. האָט עמעצער שטיל געענטפערט.

גבריאל האָט אָבער דערהערט און כאָטש ער איז געווען צע־שלאָגן, און ער האָט זיך געפילט זייער שלעכט, דאָך האָט ער מיט אלע כוחות זיך אָנגעשטרענגט און אויפגעזעצט זיך אין בעט און גנעסי די טאָכטער זיינע, האָט מיט טרערן אין די אויגן, אים אונטערגעשפארט מיט א קישן.

— נישקשה, האָט ער שווער אָנגעהויבן, ער איז צעזעצט גע־וואָרן פאר ווייטיק. קיין איינציקער פויער, קיין איינציקער דינער האָבן אים נישט געוואָלט פאָלגן, ווען ער האָט זיי געגעבן דעם באפעל, אז זיי זאָלן מיך בינדן און געבן פינפאונצוואנציק. ער איז צעטראסקעט געוואָרן פאר ווייטיק.

די איינוואנדערער האָבן גאָר נישט געוווסט פון די חלוקי דעות וואָס ס׳איז אָנגעגאנגען צווישן פריץ און גבריאלן. מהמת גבריאל איז געווען א מענטש וועלכער האָט געהאלטן אין זיך און קיינעם נישט דערציילט. אצינד, ווען געאָרגע און דימיטרע, האָבן אים אהיים געבראכט אין אזא צושטאנד, זענען זיי געוואָרן אי אויפגעבראכט, אי די זאך איז זיי געווען קשהדיק.

— פארוואָס? פאר ווען? אזוי פון דער העלער הויט? האָבן זיי זיך געפרעגט. ווען זיי זענען געוויר געוואָרן, אז איינגעטלעך

איז ער, גבריאל, איבער זיי געשלאָגן געוואָרן, ווייל ער האָט זיך אָנגענומען זייער קריוודע, ווייל ער לאָזט נישט, אז מ'זאָל די איינוואנדערער אָפּנארן, פירן אין באָד אריין, איז זיי די טרערן געקומען אין די אויגן, פאר רחמנות אויף דעם צעמזיקטן גבריאל און א גרויסער צאָרן האָט אין זיי געבלעזלט אויפן פריץ, אזוי ווייט, ווען זיי האָבן דאָ דעם פריץ אונטער די הענט, וואָלטן זיי אים צעריסן, אויף פיצפיצלעך.

פארוואָס האָט דער פריץ געשלאָגן גבריאלן און אין וואָס איי־געגנטלעך איז עס געגאנגען?

נאָכדעם וואָס גבריאל האָט געזען, אז דער פריץ האלט נישט איין דאָס וואָרט זיינס, ער רעספּעקטירט נישט זיין אייגענע חתימה, געהילץ נאָר מיט געלט, און פון אן הלואה, אזוי ווי ע־ האָט תחלת צו געזאָגט, ווייל ער אפילו נישט הערן, האָט גבריאל, די האנט אוועקגענומען פונעם בויען. דאָס הייסט בויען האָט מען אפילו געבויעט, נאָר שוין נים מער מיט אזא ברען, מיט אזא בליץ־שנעלקייט. ס'זענען שוין אריבער צוויי יאָר, זינט די איינ־וואנדערער זענען געקומען אין דעם דאָזיקן ווינקל, און מער ווי צען הייזער, צו די פאריעריקע צוואנציק האָט מען נישט געמאכט.
די איינוואנדערער האָבן דאָס בשום אופן נישט געקאָנט פארשטיין, וואָס איז געוואָרן מיט גבריאל'ן? ווו איז אהינגעקומען זיין אימפעט? איצט, איז אלץ קלאָר געוואָרן, נאָכן געשעעניש, וואָס דער פריץ האָט געשלאָגן גבריאלן האָט מען פארשטאנען, פארוואָס ער האָט ביז איצט איינגעהאלטן דאָס בויען און די איינוואנדערער האָבן אים אָפּגעגעבן געדעכט. נאָר איין דעה ווי ביז איצט, איז שוין מער נישט געווען. דריי פארשידענע מיינונגען זענען געבוירן געוואָרן. א טייל האָבן געזאָגט, אז מ'זאָל זיך לאָזן צוריק אהיים און אהיים, האָט ביי זיי געהייסן צוריק קיין שווארץ־חשך, אייניקע האָבן געזאָגט, אז ס'זענען נאָך דאָ פריצים, וועלכע ווילן מ'זאָל זיי בויען שטעטלעך און אונדזער פריץ איז נישט קיין בן־יחיד. כאָטש צוריק געהערט, וואָלט א מצווה געווען, מיט די דאָזיקע פריצים, נישט צו לאָזן זיי אויף ערב יום כפור, נאָר אינמיטן יאָר זאָל מען מיט זיי כפרות שלאָגן, זענען יענע דאָך נישט אזעלכע גזלנים, ווי אָט דער דאָזיקער הורג נפש. און אנדערע ווידער, האָבן גע־קוקט גבריאל'ן אין די אויגן, וואָס ער וועט זאָגן, וועט מען אָן מענות פאָלגן.

דעם צווייטן טאָג נאָכן געשעעניש, פילנדיק זיך נאָר אביסל בעסער, האָט ער געשיקט רופן צו זיך, דעם אלטן קאָזמעא, מיט געאָרגען וועלכע האָבן צוגעהאָלפן בויען די ערשטע הייזער, און זיי

אָנגעזאָגט די בשורה, אז ער האָט בדעה, זיך צו נעמען צו די איבע־ריקע דרייסיק הייזער. און, פרעגט ער זיי, צי זיי ווילן איצט אויך צולייגן א פלייצע.

די פויערים האָבן געוווסט וואָס ס'טוט זיך צווישן די איינ־וואנדערער, זיי האָבן געוווסט ווי אויפגעבראכט זיי זענען אויפן פריץ, איז ביי זיי איצט, גבריאלס ווערטער געווען א חדוש.

— אָט נו גבריאל, איך בעט דיך איבער, האָט זיך אָנגערופן דער אלטער קאָזמעא, — פונקט נאָכדעם וואָס ס'האָט זיך גע־טראָפן, ווילסטו זיך נעמען בויען? איך פארשטיי נישט. ביסט דאָך עפּעס א קלוגער! וואָסזשע מיינסטו אז דער פריץ וועט נאָך געבן פונעם וואלד א שפענדל?

— אז דו באהאלסט פון אונדז. איז ארויס יונה קאלינע מיט א טענה. און אים האָבן צוגעהאָלפן; דער אלטער נפתלי, ר' יואל שוחט, ברוך און אנדערע. — אז דו זאָגסט קיינמאָל נישט אויס וואָס דיך קוועטשט. אז דו טראָגסט אלעס אין דיר. אז איטלעכנס דאגות האָסטו. טאקע קלוג, אָבער מ'דארף אמאָל ביי אן אנדערן אויך אן עצה פרעגן. — קאָזמעא איז טאקע גערעכט, וואָסזשע קאָראטווערמא וועט אונדז געבן געהילץ?

גבריאל האָט אויסגעהערט די טענות. ער האָט זיך צעשמיי־כלט. ס'האָט אים הנאה געטון, זעענדיק, דאָס געטרייקייט פון יונהן, און פון די איבעריקע.

— אזויפיל טענות! אזויפיל טענות! אויף וועלכן זאָל איך פריער ענטפערן? האָט גבריאל געפרעגט. — אוודאי זענט איר גערעכט אלע, אלע זענט איר גערעכט. איך האָב מיר אָבער תמיד געטראכט צו וואָס אייך אָנטון צרות, יסורים? — נאָר דווקא איצט, מוזן מיר פארענדיקן דאָס, וואָס מיר האָבן אָנגעהויבן. פארוואָס? פארוואָס דווקא איצט? וועט איר שפּעטער שוין גע־ווויר ווערן.

דער אלטער נפתלי איז אויפגעשפּרונגען ווי אָפּגעבריט:

— זעסטו שוין? ערשט איצט האָסטו געזאָגט אז מיר זענען אלע גערעכט, און אָט האָסטו פארגעסן, וואָס דו האָסט פריער גערעדט, און געזאָגט: „מיר וועלן שוין זען שפּעטער". וואָס הייסט דאָס? וואָס פאר א באהאלטעניש איז דאָ? הא?

— פעטער נפתלי! פעטער נפתלי! פארוואָס זענט איר אזוי הייס געבאָדן? האָט אים גבריאל געזוכט איינצונעמען מיט גוטן. — ווער באהאלט דען עפּעס פון אייך? איר ווילט וויסן? איך זאָג עס אייך. ס'א'ז נישט קיין סוד. — דער מלך, האָט ארויס־

געגעבן א געזעץ, הייסט דאָס דאָזיקע געזעץ: „דער וואגאבאָנדן געזעץ“.

— נו, וואָסזשע געהער זיך עס אָן מיט אונדז? מיר זענען דען וואגאבאָנדן? האָבן כמעט אלע אין איין אָטעם געפרעגט.

— זעט איר, ווי איר פארשטייט נישט! האָט גבריאל געשמייכלט. דער פּריץ אונדזערער, אלעקו, אז ער וועט זען, אז מיר זענען געבליבן די פריערדיקע עקשנים אז מיר בויען נישט, אז מיר ווילן נישט ווערן אזעלכע סוחרים, ווי אזוי ער וויל, ווי אזוי מיינט איר, וועט ער אונדז שאנעווען? וועט ער נישט אָנשיקן אויף אונדז דאָס דאָזיקע געזעץ?

— אָבער מיר זענען דאָך נישט קיין וואגאבאָנדן! האָט עמעצער אויסגעשריגן.

— איי! איי! לאָזט אייך דינען! לאָזט איינעם אויסריידן! האָט גבריאל זיך גוטמוטיק געבייזערט. — דער דאָזיקער, אויף וועמענס נאָמען ס'איז געבויעט די שטוב, וועט בלייבן, און דער וואָס האָט נאָך נישט קיין אייגענע דירה, ער זיצט ביי יענעם, די דאָזיקע פאמיליע וועט מען אריבער שטעלן די גרעניץ. דאָס הייסט, אז דרייסיק משפחות וועלן ווערן מיט אמאָל וואגאבאָנדן, און מיט א וואגאבאָנד וואָס קען מען נישט טון? טאָרן מיר דאָס צולאָזן?

דער עולם האָט געשוויגן.

— ער וועט נישט געבן, זאָגט איר קיין געהילץ? אָדער ווי דער מאָש קאָזמעא זאָגט; א שפּענדל וועט ער נישט געבן? כא, כא, כא! האָט זיך גבריאל צעלאכט. — איר מיינט טאקע יאָ, אז ער, אלעקו, אין אויסן אונדזער טובה? אונדזער גוטס? ער מיינט נישט אונדזער טובה! ער מיינט זיך! ער וויל, מיר זאָלן ווערן גרויסע סוחרים, מיר זאָלן ביי אים אָפּקויפן די תבואות, די אייער, די עופות. ער אליין זאָל ווערן דער סוחר, קען ער נישט, און נישט ער וועט דאָס טון. ס'שטייט נישט אָן זיין טאטן. ער, א וואָרניק, א שר המשקים ביים מלך, וועט גאָר גיין און ווערן א סוחר? א הרפה! א בושה! — און געלט, קינדערלעך, מוז אזא פּריצל האָבן. וועגן וואָס? וועגן וואָס נישט? וועגן בעלער, וועגן זונות, נו און קאָרטן, שפּילן אין קאָרטן, איז ביי אייך א הונט? ווי האָט איר געזען אז א פּריץ זאָל זיך באגיין, אָן א קאָפּטשיק, אָן א זעקס און זעכציק? נו און קינדער? וואָס ס'קאָסט אים אָפּ דאָס זשאָרזשעלע זיינס, וואָס דאָס דאָזיקע זונדל זיינס פארטאכלעוועט אין פּאריז, מיט דעם געלט וואָלטן מיר דאָך געקאָנט לעבן און עסן ווי גאָט אין פראנקרייך!!!...

— און גבריאל, רעדט ווייטער, — מ'דארף נישט זיין קיין געוואלדיקער חכם, אז מ'זאָל פאָרויס זען וואָס ס'וועט זיין, וויאזוי דער פריץ וועט זיך אויפירן קעגן אונדז. אויב ער וועט זען אז מיר בויען שטיבער, הייסט עס, אז ער קען האָפן, אז מיר, באַלמעלאָכעס, וועלן — סוף כל סוף, ווערן דאָס, וואָס ער וויל, אַלאָנישט, פארשטייט איר אליין אויך אז ער וועט זיך כאפן צום קאנטשיק, צום „געזעץ“.

דער אלטער קאָזמעא איז פאר תענוג אזש אונטערגעשפּרינגען, צוגעלאָפן צו גבריאלן, אים ארומגענומען, געקושט און געזאָגט:

— א קלוגער קאָפּ, — גאוורילע! — אלע געזעצן זענען דאָך געמאכט נאָר פאר זיי!

— זעט איר? מאכט גבריאל, — קאָזמעא פארשטייט דאָס גאנץ גוט!

— ס'האָט דאָ עמעצער געזאָגט, רעדט ווייטער גבריאל, — אז מיר זאָלן זיך אויסקלויבן אנאנדערן פריץ. — איך מיין, אז איר ווייסט אויך וואָס די וועלט זאָגט: „אלע הינט האָבן איין פנים“! וואָסזשע באַלש איז בעסער? — און, צוריק אהיים פאָרן? דאָס איז שוין פשוט א נארעשקייט! מיר האָבן שוין נישט קיין אנדערע היים! דאָ, דאָ אין דער מאָלדאָווע איז אונדזער היים!!!...

קאפיטל ה

גרשון גיטו גאָל

אזוי ווי גבריאל האָט פאַרויס געזען, אזוי איז אויך געשען. דער פריץ האָט זיך גאָר נישט מער ווינסדיק געמאכט דערפון, וואָס דער ייד גבריאל, האָט געהאט דאָס עזות און אים נישט שיין אויפגענומען ביי זיך אין דער קוזניע. כאָטש ס׳האָט אין אים געזאָטן, אויף גבריאלן, אויף די איינוואנדערער, האָט ער דעם דאָזיקן השבון אָפּגעלייגט אויף שפּעטער. אויף אנאנדערער צייט זאָלן זיי נאָר ס׳ערשטע פארטיק ווערן מיט׳ן בויען, זאָלן זיי זיך נאָר אָפּלאָזן פון זייערע מלאכות, זאָלן זיי נאָר ווערן סוחרים, זאָל נאָר איינער אָדער צוויי ארויספּליען, ווערן גרויסע עשירים, מאכן פארמעגן, — דעמלט, דעמלט! וועל איך מיך נוקם זיין! — וואָס קען מען זיי איצט טון? וואָס האָבן זיי? וואָס באדארפן זיי?

און דער פריץ טראכט אלערליי טראכטעניש. מאכט אלערליי פּלענער, וויאזוי און וואָס ער זאָל טון, כדי די איינוואנדערער זאָלן חשק באקומען צו פארמעגן, צו ווערן סוחרים. — דעמלט, וועל איך מיט זיי געבן א מאָרדעווע און זיי אויסרעכענען: דאָס האָט איר פאר אייער עקשנות, און דאָס האָט איר פאר דעם וואָס אייערס א יידלעק האָט מיך אזוי באליידיקט. — און ווייטער טראכט ער: וויאזוי גבריאל, מיט די איבעריקע איינוואנדערער, וועלן ליגן ביי זיינע פיס, זיך ביי אים בעטן, צוזאָגן אלץ, אפילו צו ווערן קנעכט. וויאזוי ער וועט אים, דעם שמאָלצן גבריאל, איינברעכן, אים שלאָגן מיט דער רייט-בייטש און נאָכדעם דער-לאנגען ער זאָל א קיש געבן דער בייטש. — אך! זיס איז נקמה! און א שמייכל צעלייגט זיך אויף זיין גלאט נעגאָלט פּנים.

דאָס בויען איז צוגעגאנגען שנעל. אין דעם דאָזיקן זומער פונעם צווייטן יאָר וואָס די איינוואנדערער זענען אהער געקומען, זענען אויפגעשטעלט געוואָרן אלע איבעריקע דרייסיק הייזער. און די דאָזיקע שטוב ביי וועלכע מ'האָט באוויזן נאָר ארויפצוציען דעם דאך־געשטעל און צוגעשלאָגן אויפן סאמע שפּיץ א גרין־צווייגל האָט זיך דער אייגנטימער שוין ארייגעכאפּט און זיך באזעצט, און נישט געווארט ביז מ'וועט ארויפלייגן דעם דאך, ביז מ'וועט אריינשטעלן טיר און פענצטער.

דער פריץ, פלעג זיך מערערע מאָל דורכרייטן דאָס שטעטל, צוגעגאנגען צו די בויענדיקע הייזער און זיך ארייגעלאָזט אין א שמועס מיט די איינוואנדערער געגעבן עצות, וויאזוי מ'זאָל בויען דאָס, אָדער יענץ הויז. די איינוואנדערער האָבן אים אויף צען ווערטער איינס געענטפערט אָדער אים צוגעשאָקלט מיט'ן קאָפּ, וואָס דאָס האָט געהייסן אז זיי זענען מסכים מיט אים, איז ער אָבער אוועק, האָבן זיי געטון אזוי, וויאזוי זיי האָבן בדעה געהאט פריער, ווייל זיי האָבן אים שוין מער נישט געגלויבט, זיי האָבן אים פיינט באקומען. און א מורא, א מורא פאר א כיטראק, פאר א בייזוויליקן האָט זיי ארומגענומען. און זיי האָבן זיך געגריבעלט אין די איינפאכע ווערטער זיינע, זוכנדיק עפּעס אן אָנצוהערעניש, עפּעס א — מיין. וואָרעם זיי האָבן געוווסט, אז וואָס וואָס, נאָר זייער טובה, איז ער זיכער נישט אויסן. — און דאָס האָט זיי שטארק אומרויק געמאכט... און דער עיקר גבריאל'ן.

—וואָס וויל ער דער גזלן? וואָס שמעקט ער, וואָס נישטערט ער? האָט זיך גבריאל געפרעגט.

.2

גבריאל האָט געהאט א ווייטן קרוב. האָט מען אים גערופן גרשון. גרשון גיטו גאָל, אָדער גרשון גיטו לונג. דאָס הייסט, דער לאנג־האלדזיקער. מחמת ער האָט געהאט א לאנגן און א נאקעטן האלדז, אזוי ווי מ'זעט אמאָל ביי הינער אָדער הענער, האָט מען אים דערפאר אזוי גערופן. דאָס וואָלט אָבער זיכער נישט געווען קיין שום חסרון, וואָרעם ווער קען זיך באוואָרענען קעגן פעלער! שווארץ־חשך אָבער, אז ס'האָט עמעצן געגעבן א צונאָמען, איז ער נישט געווען אויסגערעכנט, אויף די פעלערן פונעם גוף, נאָר אויף די פון דער נשמה. און גרשון האָט טאקע געהאט אָט דעם חסרון. ער האָט געהאט אן אויפגעריסענעם האלדז. אָדער ווי

די פון שווארץ־השך פלעגן צו זאָגן: „א מענטש מיט א געשמד'טן האלדז". קיינמאָל האָט אים גאָרנישט געקלעקט, גאָרנישט גענוג געווען. פארמעגן, רייך ווערן, דאָס האָט ער תמיד געחלומ'ט, צו דעם האָט ער נאָר געגלוסט. גבריאל האָט אים פיינט געהאט, פאר זיין זשעדנעקייט, פאר זיין ווענן פארזשעברעווען וואָס מער.

און אז מ'האָט אים דערציילט, אז גרשון גיטו גאָל, פארלייט שוין געלט אויף פראָצענט, אז ער נעמט משכנות, אז ער איז א הויט שינדער, האָט ער אים אין א שבת באַטאָג, אין שיל, פאר יעדן אין די אויגן, אָנגעפּאטשט און אים אָנגעזאָגט, אז ער זאָל זיך גייסט דערוועגן איבערצוטרעטן זיין שוועל.

גבריאל, האָט דעם דאָזיקן גיטו גאָל נישט געוואָלט מיטנעמען.

— אין דער נייער היים, האָט גבריאל געזאָגט, — וויל איך נישט פארפלאנצן קראָפּעווע. — די נייע היים, וויל איך אויפ־בויען, מיט ערלעכע מענטשן. און אז ס'וועט זיך באווייזן ווילד־גראָז וועל איך עס מיטן וואָרצל אויסרייסן.

האָט דער גיטו גאָל געהאט אָבער א טריפה מזל, ער האָט געהאט א ווייב, עטל האָט זי געהייסן. איז זי געווען א צירונג אין דער משפחה. איז עטל געקומען צו גבריאלן אים געבעטן, גע־חלשט, געפאלן ממש צו די פיס.

— סטייטש וואָס וועט ווערן פון מיינע פּיצלעך ווערמלעך?

— האָט זי געוויינט — האָט גבריאל איר אָפּזאָגן נישט געקענט.

— געדענקזשע! האָט זי גבריאל געוואָרנט, — דאָרט אין דער נייער היים זאָל דיין מאנדעלע מער נישט פירן די אלטע שטוקעס...

. . . .

דער פּריץ האָט דערשמעקט, אז גרשון „גיטו גאָל" אָדער וויאזוי ער האָט זיך געלאָזט רופן: גרשון בוץ, איז נישט אזוי איבער־געגעבן צו גבריאלן ווי די אנדערע. האָט ער זיך געטראכט; אז אים, גרשונ'ען הייסט עס, וועט ער קענען אויסנוצן פאר א שטעקן קעגן גבריאל'ן.

— וואָסזשע, דו ווילסט טאקע אזוי אָפּבידעווען דיין גאנץ לעבן? האָט אים דער פּריץ איינמאָל אין א טאָג א פרעג געגעבן. וואָסזשע פון סטאָלערייַ וועסטו קענען לעבן?

גרשון, אָדער ער האָט אים דעמלט יאָ עפּעס געענטפערט אָדער נישט. נאָר צום ווייב זיינעם, צו עטל'ן, האָט ער איינמאָל זיך אָנגערופן:

— מיינסט, אז ער איז נישט גערעכט, דער פּריץ!

ווען עטל האָט דאָס דערהערט, האָט זי זיך אויף אים אויס־געבייזערט:

— סיידן, אז איך וועל נישט לעבן, וועסט דו זיך נעמען צו סוחרעריי! — אז גבריאל זאָגט ניין! דאַרף זיין ניין! האָט זי אויסגעשריגן.

און עטל, האָט זיך אויסגערעדט אין אזא בייזער און פינצטע־רער שעה. וואָרעם מיט איר און מיט איר טויט געבוירענעם קינד האָבן די איינוואנדערער באנייעט דאָס הייליקע אָרט.

— ס'איז אזא פינצטער האָבן געווען. האָט געגענדל די טו־קערן, וועלכע איז פאר מצווה ווען געווען אי הייבאם אי הברה־שמש־טע, געזאָגט: — אלע קינדער פלעג זי ממש פארלירן, זעקס קינדער געהאט, און גאָרנישט, און ביים זיבעטן, נעבעך נישט געווען געגוג כח איבערצושטיין. און גענומען און אוועקגעשטאָרבן...

ביי דער לוויה, האָט ר' יואל שוחט, דעם גאנצן „אשת חיל“ פון שלמה המלך אויסגעטייטשט אויף איר, אויף עטלען און אויסגע־שריגן מיט א וויינענדיק קול:

— „ורחוק מפנינים“, — עטל בת יעקב הלוי איז געווען טיי־ערער פון פיינע פּערל!

— פארוואָס? — ווייל, „דרשה צמר ופשתים“, עטל בת יעקב הלוי, איז נישט געווען פון יענע אָפּגעפּיינטע ווייבער, זי האָט ביי איר שטוב געארבעט און געבויעט באגלייך מיט איר מאן און: „כפּה פּרשה לעני“ איז אן אָרעמאן אריינגעקומען א הונגעריקער, איז ער ארויס א זאטער.

עמעצער האָט געהאלטן, שלמה'לען, א צען יעריק יינגעלע ביים הענטל און אים געגלעט איבער דער פּלייצע — שא! שא! שלמה'לע! וויין נישט! ס'מ נישט קענען זאָגן דעם קדיש. און ווען דער קליינער האָט דערזען, וואָס מ'טוט מיט זיין מאמען, ווי מ'לאָזט זי אראָפּ אין קבר אריין, האָט ער מיט געבייזלטע פויסטעלעך זיך געגעבן א ריס:

— מאמע! מ־א־מע! מ־א־א־א־מע!

און די ווייבער, וועלכע זענען געשטאנען אָן א זייט, זיך נישט אויסגעמישט מיט די מענער, האָבן אויפגעהויבן אזא יללה, אזש די מענער האָבן זיך נישט געקאָנט איינהאלטן און אויך ארויסגע־לאָזט א גרויס געיאָמער.

גרשון האָט זיך געווארפן צו דער ערד. געוויינט און געבעטן; אז מ'זאָל אים באגראָבן אינאיינעם מיט זיין טייערער עטל.

— איך שווער דיר, האָט גרשון אריינגעשריגן אין אָפּענעם קבר אריין, — א שטיף־מאמע וועל איך נישט געבן פאר דיינע קינדער.

צו די שלושים, האָט גרשון אויף איר קבר געשטעלט א מצבה און ר׳ יואל שוחט האָט געלאָזט אויסקריצן א גרויסן „פּה נטמן" דאָס הייסט; אז דאָ רוט עטל בת יעקב הלוי. און נאָכדעם, וואָס ער רעכנט אויס אלע אירע מעלות, קומט די לעצטע שורה: גע־שטאָרבן ערב ראש חדש סיון אינעם יאָר תק׳ץ. דאָס הייסט: ווען אלע מתים וועלן לעבעדיק ווערן, זאָל אויך עטל זיך אויפכאַפּן.

ס׳איז אָבער נישט אריבער קיין פולע צוויי חדשים, האָט זיך פארשפּרייט אין שטעטל א קלאנג, אז גרשון גייט ווידער התונה האָבן.

— וואָסזשע זאָל ער נעבעך טון? האָט אים גנעסי פאר־ענטפערט. באוואָרפן מיט קליינע פּיצלעך ווערמלעך. איינס קלענער פונעם אנדערן — קינדער איז דיר נישט קיין שפּילעכל, קינדער דארף מען אָפּכאָזן, מ׳דארף פארעכטן דעם א העמדעלע, א הוי־זעלע, א רעקעלע, קינדער דארף מען צוואָגן, וואשן, וואָס וואָס נישט! קינדער מוזן האָבן א מאמע!

— ער האָט דאָך געשווירן ביים אָפּענעם קבר? אזא גיטו גאָל!

— נאט אייך א רעטעך פאר אלע שבועות, וואָס דער מענטש שווערט זיך. ווען גאָט זאָל זיך וועלן פּאַטריווען, ער זאָל זיך וועלן נאָכנעמען, אלע שבועות, אלע קללות, וואָס דער מענטש שווערט זיך, וואָס ער שעלט זיך, וואָלט ער ניינאונייינציק מאָל אין טאָג געדארפט פּגר׳ן.

גרשון איז פארשווינדען געוואָרן, איבערגעלאָזט האָט ער די קינדער גנעסין, גבריאל׳ס טאָכטער, וועלכע האָט אליין אויך געהאט עפּעס כמעט א האלב טוץ קינדערלעך.

— נאָך אויף צוויי טאָג, גנעסי קרוין, האָט זיך גרשון געבעטן.

גנעסי איז געווען זייער א גוטע. אויף איר, האָבן די איינ־וואנדערער געזאָגט, אז זי איז א מענטש אָן א גאַל. אז זי האָט געזען קינדערלעך, נישט נאָר אירע, אפילו פרעמדע, האָבן די אויגן ביי איר געלויכטן, האָט זי באגעגנט קינדערלעך יתומים, האָט איר אזוי שטארק פארקוועטשט ביים הארצן, אז די טרערן האָבן איר גערינען פון די אויגן. אליין געבליבן א יתומה, האָט זי געפילט דעם טעם, ווען זי אלס פירצן יאָריק קינד, האָט געמוזט זיין אי די מאמע פאר די איבעריקע קליינע קינדער אי א באלע־באָסטע אין שטוב.

אז רבקה ברוכס אליין שוין א מאמע פון צוויי קליינע קינדער. האָט זיך דערוווסט אז גרשון האָט אָנגעהאָנגען די קינדער גנעסין און איז אוועקגעפאָרן התונה האָבן, האָט עס איר שטארק פארדראָסן.

— שוין נישט געהאט וועמען אָנצוהענגען די קינדער, האָט זי געזאָגט ברוכן און איבערלאָזנדיק קינדער אויף ברוכן איז זי אריבערגעגאנגען אביסל צו גנעסין. דאָרט האָט זי געטראָפן גנעסין, ווי ס'איז איר געפאלן אלעס פון די הענט, מחמת זי האָט נישט געוווסט זיך אן עצה צו געבן מיט אזויפיל קינדער. און צוהעלפנדיק איינצושטילן די קינדער, וועמען מיט א שטיק ברויט, באשמירט פון אויבן מיט סמעטענע, וועמען א שטיקל צוקער צום ברויט און זיי משלה געווען אינדרויסן זיך שפּילן און די קליינע אָפּגעווישט די נעזלעך און זיי געלייגט שלאָפן, און אז ס'איז אביסל שטילער געוואָרן, האָט זי זיך אריינגעלאָזט אין א שמועס; וויאזוי אזא „גיטו גאָל" האָט שוין פארגעסן די שבועה און „אוי די מענער!". נאָר אויף קיין שלעכטס אָרט זאָלן זיי נישט טרעטן, וואָרעם — וואָס זענען מיר אָן זיי? אָבער זיי אָן אונדז! „אוי די מענער!". פונדעסטוועגן זענען דאָ אזעלכע מענער ווי א שטייגער דער טאטע דיינער. און אזא „גיטו גאָל" ס'איז נאָך נישט פארקילט געוואָרן דאָס פּלאַץ פון עטלס קבר.

— נו, ווער קען זיך גלייכן צו מיין טאטן!

ס'זענען אריבער צוויי טעג, און נאָך צוויי, און פון גרשונען קיין סלעד נישט. מ'זעט נישט, מ'הערט נישט. גנעסי איז אומרויק געוואָרן זי האָט ארויסגעזאָגט איר מורא פארן פאָטער:

— ווער ווייסט וואָס מיט אים איז געשען! — היינטיקע צייטן, אין די וועלדער, ס'באהאלטן זיך אוים אלערליי מענטשן, אויך באנדיטן. ווער ווייסט צו מ'האָט אים נישט געהרגעט. א ווייטיק איז מיר, די קינדערלעך וועלן, נישט מיט מיין מויל גערעדט, בלייבן טאָפּלע יתומים.

— זאָרג דיך נישט, האָט זי דער פאָטער געטרייסט, — אזא מציאה גייט נישט פארפאלן. אזעלכער ווי גרשון, קען אָפּנארן צוואנציק באנדיטן. און פאר גויט, ווערט אזעלכער אויך א באנדיט, אליין א גזלן. — מיך קען ער אָבער נישט אָפּנארן. איך בין אויף אים א מבין, גאָר א גוטער מבין.

נאָך צוויי וואָכן איז גרשון געקומען און מיטגעבראכט א ווייב.

דאָס שטעטל איז זיך צונויפגעלאָפן, ווען מ'האָט דאָס פּאָרל דערזען. ער, קיין סמן מער פונעם קיילעכיקן געשווירענעם בערדל.

גלאט, אָפּגעשאָבן ווי א הזיר, האָט מען געזאָגט. און די וואָנסעס, ארויפגעדרייטע, פארקאטשעטע ווי צוויי מויזן־עקלעך. קיין סמן מער פונעם סאמעטענעם היטל מיטן ברייטן דאשעק, אנשטאָט דעם, נאָר עפּעס א הארטן קאפּעלוטש, וואָס מ׳קען אין אים קאָכן מאמעליגע. און אָנשטאָט דער רובאשקע, און דעם גארטל מיט די ברייטע פראנזן, א קורץ רעקל. און די הויזן, אוי די הויזן, אריבערגעצויגן איבער די שטיוול.

— צו מיינע שונאימס קעפּ! א גאנצער דייטש! האָבן ווייבער געזאָגט.

— וואָס ס׳האָט זיך מיר געחלומט די נאכט און יענע נאכט, האָט רבקה ברוכס געזאָגט צום מאן. — אזוי זענט איר אלע מענער! קוק נאָר אָן ווי אזא גיטו גאָל טרויערט נאָכן ווייב. אוי די מענער! אוי די מענער! — ער האָט דאָך געבעטן אז מ׳זאָל אים באגראָבן לעבעדיקערהייט, לעבן זיין עטלען?

און זי, דאָס נייע, פרישע ווייב זיינס?

— זי איז כ׳לעבן נאָר א הדוש, ממש אויף בילעטן צו גיין אָנקוקן, האָבן די ווייבער צווישן זיך גערעדט. — קוק עס אָן! קליין, דאר, פארשווארצט און געשטופּלט ווי א מצה! מ׳זעט דאָך עס גאָר נישט ארויס!

— ווער איז דאָס באשעפעניש? האָט געגענדל די טוקערן גע־פרעגט. און בשעת מעשה פארקאטשעט דאָס טיכל אונטער די אויערן, כדי זי זאָל בעסער הערן וואָס מ׳וועט איר ענטפערן.

— דאָס איז דאָס ווייב זיינס, האָט איר עמעצער געזאָגט.

— משוגע מיינע שונאים!

— פארוואָס משוגע? ער האָט נישט נאָר זי אליין גענומען, ער האָט גענומען א גרויסע פּויטיקע נדן אויך. — קוקט נאָר אָן די וועגענער, די פורגאָנעס! אָנגעלייגט מיט פעסער אָן א שעור!

ווען גבריאל־כתריאל האָט דערזען די פולע פעסער מיט וואָגן־שמירעכץ וואָס גרשון האָט געבראכט צו פירן פון יאס, האָט ער נישט געוווסט, צו זאָל ער ווערן אין כעס, וואָס גרשון האָט אריבערגעטרעטן זיין ווילן, און גרייט זיך צו ווערן א גרויסער סוחר, צו זאָל ער גאָר לאכן, פון אָט דער שיינער סחורה, וואָס דער גיטו גאָל האָט אָנגעבראכט. אריינטראכטנדיק זיך אָבער גוט, האָט ער דערקענט, אז גרשון גיטו גאָל, איז אן אויסגע־סוויסטשעטער באנדיט, אז ער, האָט דעם פּריץ אָנגעפּייפט, אז ער, האָט דעם פּריץ געפירט אין באָד אריין. און אָט ווי אזוי:

דער פּריץ, זעענדיק אז מיט גבריאלן איז ארויסגעוואָרפענע רייד, אז כל זמן, גבריאל, וועט זיין אין שפּיץ פון די איינוואנ־

דערער, וועט קיינער זיך נישט אָפּלאָזן פון זיין מלאכה, קיינער וועט נישט ווערן קיין סוחר, האָט ער אָנגעהויבן צו זוכן, צו זוכן, צו נישטערן, צווישן די איינוואנדערער אזעלכן, וועלכער איז נישט אזוי גאנץ מיט גבריאלן. — ס'קען דאָך נישט זיין האָט ער זיך געטראכט, אז אלע, אלע ביז צו איינעם זאָלן זיך אזוי בלינד איבערגעבן איין מענטשן! האָט ער, אזוי לאנג געזוכט, ביז ער האָט אָנגעטראָפן אויף גרשונען.

גבריאל האָט געוווסט, אז גרשון איז שוין עטלעכע מאָל געווען אין קאסטעל, ער האָט אפילו געוווסט, אז דער פּריץ האָט אים געגעבן געלט, ער האָט געוווסט, וועגן וואָס דער פּריץ האָט אים דאָס געלט געגעבן. האָט ער אים איינמאָל, אין א שבת ביי־טאָג, ווען דער עולם האָט זיך שוין געלאָזט אהיים גיין, אים אָפּגעשטעלט, און געפרעגט: צי ער געדענקט נאָך די פּעטש וואָס ער האָט אים געגעבן, דאָרט אין דער אלטער היים. און אז ער, גרשון, זאָל נישט מיינען, אז א מלאכל שפּילט זיך מיט אים. אז פּעטש וועלן ווייטער פליען, און אז ער וועט אים די געדערים ארויסלאָזן. גרשון האָט זיך ווי עפּעס פארטיידיקט, פארענטפערט, אז ער איז גאָרנישט שולדיק. מ'האָט אָבער גאָרנישט געקאָנט פארשטיין, מחמת ער איז געווען אזוי איבערגעשראָקן, אז ס'האָט אים אזש אָנגעכאפּט א שלוקערץ. איפּדערנאכט, ווען עטל איז געוויר געוואָרן, וואָס ס'האָט זיך פארלאָפן אין שיל, איז זי גע־קומען צו גבריאלן און זיך געשווירן אז: „סיידן נישט ביי איר לעבן, וועט זיך גרשון נעמען צו מסחר".

— ג'עדענקזשע עטל! האָסט מיר שוין איינמאָל, נאָך אין דער אלטער היים צוגעזאָגט; אז דיין מאנדעלע, וועט זיך מער נישט נעמען צו זיינע שטוקעס!

נישט ביי מיין לעבן! נישט ביי מיין לעבן! האָט עטל איבער־געחזרט.

. . . .

גרשון האָט געמיינט אז: ער גנבעט זיך ארויס פארנאכט, הינטער דער שטוב און לויפט מיטן פעלד־וועג צום קאסטעל, ווייסט קיינער נישט, זעט קיינער נישט. ער האָט אָבער געהאט א גרויסן טעות. גבריאל האָט געוווסט פון יעדן טריט זיינעם, אפילו יעדעס וואָרט, וואָס ער האָט מיטן פּריץ גערעדט.

— ביי וועמענס לעבן, ביי וועמענס געזונט וועסטו דיך איצ־טער שווערן? האָט אים גבריאל אָנגעכאפּט, ווען זיי האָבן זיך

ביידע באַגעגנט ביי דער ברונעם אַנפּאַיענדיק די בהמות — ס'ווייב לעבט שוין נישט, ליגט שוין אין דער ערד, ביסט נישט געווען היינט ביים פּריץ? ס'אַליגן? האַ?

גרשון איז בלאַס געוואָרן, האָט זיך דערשראָקן, געציטערט ווי א בלאַט אויפן ווינט. ער האָט מורא געהאַט, אז גבריאל זאָל אים נישט אַזוי דערלאַנגען, אז דאָס גאַנצע לעבן זיינס זאָל ער' זיין א בידנע קאַליקע. און דאָ, איז קיינער נישטאָ, ווער ס'זאָל אים ביי־שטיין, אים ארויסנעמען פון גבריאל'ס הענט. האָט ער מיט ביידע הענט זיך דאָס פּנים פאַרשטעלט און זיך צוריקגעצויגן.

— כ'לעבן גבריאל איך בין נישט שולדיק, ס'איז נישט אמת! ס'אַליגן!

גבריאל זעענדיק די צעשראָקענע צורה פון גרשונען. האָט ער, א מאַך געבנדיק מיט דער האַנט, ווייט אויסגעשפּיגן:

— טפוי! אויף דיין לייב און לעבן, דו פאַרשטינקענע נבלה! און אז דאָס פערד האָט געענדיקט טרינקען פון דער וואַדרע און אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זיך צעהירזשעט, האָט ער דאָס רעסט וואַסער אויסגעגאָסן אויפן פערדס פּיס, און נעמענדיק די וואַדרע אין איין האַנט און אין דער צווייטער דעם שטריק, האָט ער גע־געבן א צי דאָס פערד און געזאָגט: ניע קאַשטאַן ניע! גענוג פאַר היינט! און מיט לאַנגזאַמע שריט זענען זיי ביידע אוועק.

גרשון האָט נישט געוווסט זיך אַן עצה צו געבן, פון איין זייט האָט ער מורא געהאַט, פאַר גבריאלן, פאַרן שטעטל, וועלכע זענען געשטאַנען שטאָל און אייזן פאַר אים, פון דער צווייטער זייט, האָט אים שטאַרק געצויגן צו מאַכן פאַרמעגן, זיך ארויפצודראַפּן, ווערן אַן עושר, האָט ער אָפּגעלייגט דאָס איינקופן סחורה, ווען ער וועט פאָרן קיין יאַס חתונה האָבן.

קומענדיק קיין יאַס, און גייענדיק מיטן ווייבס קרובים, איבער די קליינע איינקויפן סחורה, האָט ער, צו קיין שום סחורה זיך נישט געקאָנט באַשליסן. — ווער דאַרף דאָס? ווער וועט עס קויפן? דעם ווייבס קרובים, האָבן אים אַלץ צוגערעדט:

ער זאָל דאָס, ער זאָל יענץ קויפן. גרשון האָט זיך אָבער גע־זאָגט: — וואָס האַרט זיי, אז איך וועל בלייבן אָנעם געלט און בלייבן נאָר מיט דער מיאוסקייט!

אהיים קומען אבער אָן סחורה, וועט אים דער פּריץ דער־הרג'נען, און ער וועט זיין גערעכט, וואָרעם, ער האָט דאָך ביי אים, וועגן דעם גענומען געלט! ער האָט זיך אָבער אַלץ נישט געקאָנט באַשליסן, ביז ענדלעך; שוין א טאָג צוויי פאַרן אהיים פאָרן, האָט ער מיטן פּריצס געלט אָנגעקויפט פּעסער מיט

וואָגן־שמיר. דאָס איז א סחורה, האָט ער זיך געזאָגט, וואָס ווערט נישט פארשטינקען, מאָנט נישט קיין עסן, סיי וועלכער פויער, וואָס פארמאָגט א פערד און וועגעלע, מוז האָבן וואָגן־שמיר. און דער עיקר, מ׳דארף דערפאר נישט באצאָלן, נישט פאַמענט און נישט קיין שטייערן.

— מיר מעגן לאכן, האָט זיך צו גבריאלן אָנגערופן דער אַלמער נפתלי, — ער אָבער, וועט גוט מאכן.

אָט די ווערטער, זענען טיף אריין אין גבריאלס הארצן. — זאָל עס נישט זיין אן אָנהויב? האָט דער גיטו גאָל, נישט געוויזן א נייעם דרך?

— יאָ! האָט זיך גבריאל געזאָגט. ס׳איז א נייער וועג! א נייער וועג!

.3

תחלת, ווען דער פריץ האָט דערזען, וואָס פאר א סחורה און וויפל גרשון האָט איינגעהאנדלט איז ער צעטומלט געוואָרן. ער האָט זיך אָבער געטראכט! אז דער גרשון האָט מסתם עפּעס א גאָז, אז ער האָט זיכער עפּעס אָנגעשמעקט, און דעריבער האָט ער דווקא די סחורה און נישט קיין אנדערע געבראכט, און דווקא אזוי פיל! ס׳איז אָבער נישט אזוי געווען. אמת, אז ער האָט מאקע געהאט א נאָז, און מאקע דווקא גאנץ פיין אָנגעשמעקט, אָבער נישט אויף אזוי ווייט. ס׳האָט אים אָבער, ווי אזוי די איינוואנדערער האָבן דעמלט געזאָגט; ס׳טרייפענע מזל צוגעשפּילט. ס׳איז געווען זומער צייט. די היצן זענען נישט געווען איבערצוטראָגן, און רעגן, א לעק נישט. מיט אמאָל זענען אזעלכע שלאקס־רעגנס אָנגעקומען, אז ס׳האָבן פארשוועמט און אָפּגעריסן אלע בריקן פון צווישן די גרויסע שטעט פון מאָלדאָווע און די גאנצע געגנט, אזוי ווי אין יוספס צייטן איסגעהונגערט געוואָרן נאָך דזיעגעכץ און מ׳איז פון גאנץ ווייטע דערפער געקומען צו גרשונען. און גרשון האָט פארקויפט אין „הורט“ און אין „לאהדים“. און ווען די בריקן זענען צוריק אויפגעשטעלט געוואָרן און די וועלט איז געוואָרן צוריק ווי געווען, האָט גרשון אפילו אויף א רפואה נישט געהאט מער קיין סחורה.

— דארף מען צוקער, — האָט געגענדל די טוקערן געזאָגט — אז טנופת איז זיס! דארף מען חכמה, אז ס׳נארנישקייט געלונגט!

— מיר מעגן לאכן, — האָט דער אלטער נפתלי נישט אָן קנאה געזאָגט — ער אָבער וועט גוט מאכן.

ביים פּריץ אין די אויגן, איז גרשון שטארק געוואקסן. אים זייער געלויבט אז ער איז דער אמתער סוחר, וועלכער ווייסט וו איין און וו אויס.

אין שטעטל האָט מען געשמועסט, אז דער פּריץ איז אויך א שותף צו גרשונס געשעפטן; ער וויל נישט אז מ'זאָל וויסן וואָרעם ס'פּאסט נישט, ס'שטייט אים נישט אָן, אז א פּריץ, א וואָרניק, א שר־המשקים הייסט עס, ביים וואָדע, זאָל גאָר ווערן סוחר!

קאפיטל ו.

צוויי לויות אין איין טאָג

דאָס שטעטל, איז אויף א נייעם וועג ארויפגעטרעטן. א וועג, וועלכן דער פריץ האָט געוואָלט זען וואָס בעסער אויסגעטרעטן, וואָס גיכער אויסגעפלאסטערט, און גבריאל־כתריאל, וואָס שנעלער פארוואקסן מיט גראָז, באוואָרפן מיט שטיינער.

צען יאָר זענען פארגאנגען, פון דעם טאָג אָן, וואָס גרשון גיטו־נאָל. האָט איבערגעבראָכן און זיך אקעגענגעשטעלט גבריאלן און געוואָרן סוחר.

צען יאָר זענען פארגאנגען, פון דעם טאָג אָן, וואָס גרשון לעבט איינוואנדערער זענען געוואָרן קליינע סוחרימלעך און זיך געריסן ארויף צו עפּעס גרעסערס. די איבעריקע זענען מיט לייב און לעבן געווען מיט גבריאלן.

און כאָטש גבריאל, איז שוין מער נישט דאָס, וואָס אמאָל. אויפן אָרט פונעם קיילעכיקן געשווירענעם בערדל, האָט ער זיך א לאנגע באָרד פארלאָזט, וועלכע איז שניי־ווייס געוואָרן. אין דער קוזניע, האָט ער פון לאנג שוין נישט וואָס צו טון, אויף זיין אָרט שטייט דער זון זיינער געצל, און זיינע צוהעלפערס, געצל'ס געזעלן, זענען וועלפעלע, גנעסים, א צוועלף יעריק יינגל און וואסילע, דעם באדי קאָזמעא'ס איייניקל, און ער, גבריאל, קומט נאָר אין דער קוזניע אריין, אזוי פון יוצא וועגן, וואָרעם ס'מערסטע, איז ער אין שול, ער דאוונט, זאָגט תהלים, אָדער ער רעדט גאָר מיטן שוחט ר' יואל, און דער גאנצער שמועס דרייט זיך ארום. „גן־עדן — ניהנום“. און מיט וועמען ער באגעגנט זיך, סיי מיט די קינדער אָדער מיט היימישע, איז ס'ערשטע:

— איך גרייט זיך אין וועג אריין קינדער, דאַך ווייסן די איינוואנדערער, אז נאָך איצט אויך, האָט גבריאל נאָך נישט שלום געמאכט מיטן נעדאנק אז די יידעלעך זיינע, זאָלן זיך נעמען צו סוהרעריי, און סוהרעריי, האָט ער נאָך איצט אויך אזוי פיינט, אזוי ווי ער האָט פיינט דעם פריץ און אָט וואָס ער האָט געזאָגט:

— ס׳איז נישט ערלעך קינדער, — דער פריץ איז א גנב, א שווינדלער, ער באשווינדעלט די פויערים, ער בארייסט זיי. און דער „סוהר“ אויך דאָסזעלבע, איין מיתה משונה פארביידע אין איין טאָג.

זיי די איינוואנדערער, ווילן נישט ערגערן גבריאלן, ווילן אים נישט אָנטון קיין יסורים, שלעפּן זיי זייער בידנע חיונה פון מלאכה, פון די פיצלעך ערד וואָס יעדער האָט לעבן זיין שטוב, אָבער טיף אין זייערע הערצער זענען זיי מקנא, דעם „גימ־ גאָל“.

ווי ער צעשפרייט זיך דאָס, ווי ער פארזשערעט! קיינמאָל איז אים גאָרנישט גענוג. א יאטקע, און נאָך א יאטקע. ער האָט שוין מענטשן אויך, זיי ארבעטן שוין פאר זיינעט וועגן. דער הויף איז פול, די שטאל איז פול. און נאָר מ׳ברענגט און נאָר מ׳טראָגט. ער זאָגט שוין אז ס׳איז אים ענג, ער דארף נאָך ערד, ער וויל נאָך בויען. מיינסט אז דער פריץ וועט אים נישט געבן ?

אזוי ריידן צווישן זיך, די וועלכע זענען געקומען פון שווארץ־ חשך. און א טרויער צעשפרייט זיך אויף גבריאל׳ס פנים ווען ער הערט די דאָזיקע רייד. ער ווייסט, אז ווען נישט ער, וואָלטן שוין אלע פון לאנג נאָכגעטאנצט גרשונען. און דאָס טוט אים זייער וויי.

— ס׳וועט, ווי דער רויך אוועק דאָס רויקע לעבן. א הו־הא, א געטומל, א גערידער. מ׳וועט זיך פיינט באקומען איינס ס׳אנ־ דערע. מ׳וועט זיך נישט פארגינען איינער דעם אנדערן. טראכט גבריאל און — ער פארטיפט זיך אין תהילימל און גרויסע טראָפּן טרערן קאפּען ארויף אויפן תהילים. — „למה רגשו גויים“? „וואָס שטורמען זיי אזוי די פעלקער“? טייטשט ער זיך איבער אויף יידיש די ווערטער. — וואָס ווילן זיי מיינע ברידער־ לעך? סוחרים ווילן זיי ווערן? שותפים ווערן מיט׳ן באָיאר? הערן זיי דען נישט, וואָס ס׳טוט זיך אויף דער וועלט? הערן זיי דען נישט, ווי די פויערים שטורמען די פריצים? ווי זיי ווילן, אז מ׳זאָל זיי אָפּגעבן זייער ערד. וואָס זיי באארבעטן ?

זעען זיי דען נישט מיינע ברידער די שנאה וואָס שפּריצט פונעם פּויערס אויגן אויפן פּריץ? וועט נישט דער פּויער ווערן אויך זייער שונא? וועט ער נישט זען אינעם איינוואנדערער אז ער איז אויך א פּריץ? — און גבריאל טוט זיך א פיר דורך מיט די פינגער די באָרד, אָנהויבנדיק נאָך אמאָל פון אָנהויב, מיט א — זיכערקייט: „אשרי האיש אשר לא הלך בעצת רשעים". אז ווייל, אז גוט איז דעם מענטשן וואָס ער גייט נישט נאָך די רשעים. „ובדרך חטאים לא עמד" — צעזינגט זיך גבריאל מיטן תהלים ניגון. „און ער שטעלט זיך נישט אויפן וועג פון די זינדיקער": — די רשעים זענען די פּריצים, און די זינדיקער זענען מיינע יידעלער, וואָס ווילן ווערן איין האנט מיט די רשעים. און אז וועלפעלע איז אריינגעקומען אין שול, אים רופן עסן. האָט ער אים געגעבן א פרעג:

— זאָג נאָר וועלפעלע טאטע, וואָס ווילסטו ווערן?

— א פּיזשנער, זיידע, א פּיזשנער וויל איך ווערן.

און כאָטש וועלפעלע איז שוין היינט א גרויס יינגל א צוועלף יעריק יינגל, וועלכער ארבעט מיטן פעטער געצל, איינ־נעם מיט וואסילען אין דער קוזניע, ווייסט ער אָבער אז דער זיידע קוועלט אָן, ווען ער זאָגט אים א „פּיזשנער", ווי ער פלעגט עס צו זאָגן ווען ער איז נאָך געווען נאָר א פּיצל קינד.

א גוטער סמן, — האָט זיך געטראכט, גבריאל — מיינע קינדער, וועלן נישט גיין אינייִנעם מיט די „רשעים" און אויפן וועג פון די „זינדיקער" וועלן זיי נישט שטיין.

דעמלט ווען וועלפעלע איז נאָך גאָר א פּיצעלע געווען און אויף גבריאלס פראגע פלעג ער ענטפערן אינדערניך, אז ער וויל ווערן א „פּיזשנער" פלעגט אים דער זיידע פרעגן:

— פארוואָסזשע א פּיזשנער טאטעלע?

— איך זאָל אָנטון מיט טוטשמעס אלע צעראנעס *, ס'זאָל זיי נישט זיין קאלט. — דער זיידע פלעג אים אויסקושן יעדעס אבר, און דער איידעס, וועלוועלעס טאטע, האָט זיך געברויגזט, נישט אויפהויבנדיק דעם קאָפּ פונעם טעלער:

— זאָל ער נאָר, דערווייל גיין אין חדר אריין, זאָל ער נאָר נישט זיין א שאָלטיק, זאָל ער נאָר נישט אויסצופּן די האָר פונעם קאשטאנס עק. און דער זיידע פּאַטאקעוועט, שאָקלט מיטן קאָפּ. וואָדען? ער וועט גיין זאָגן, אז ער זאָל נישט גיין אין חדר אריין? כאָטש ער ווייסט, אז וועלפעלע האָט גאָרנישט ליב דאָס חדר און גנעסי עסט זיך אויף דאָס הארץ ביז וואנעט

* צעראנעס — פּויערים.

זי זעט אים ארויסגעפּאַרט אין חדר אריין, כאָטש װעלפּעלע האָט שטאַרק ליב דעם רבין. פאַר די שײנע מעשהלעך װאָס ער דערציילט. שאָקלט גבריאל מיט׳ן קאָפּ. ער דערמאָנט זיך, אַז ער אליין האָט אויך נישט געהאַלטן װאַזשנע פונעם חדר, און דער פאָטער זיינער, מיען זאָל ער זיך, פלעג אים ממש א לעבעדיקן אָפּשינדן.

— אזא בלוט שוין ביי אונדז. ער אָבער, גבריאל, פלעגט זיינע קינדער נישט אָנרירן פאַר אַזוי װאָס. זיינע קינדער האָבן פאַר זיין קוק מורא געהאַט און אים געפאָלגט.

2

פון עטלעכע טאָג איז גבריאל שװער קראַנק. ער ליגט פאַר־טראָגן אין אַנדערע װעלטן. די היץ הויבט זיך פון טאָג צו טאָג. מען האָט געמיינט אַז ס׳איז א געלעכטער, ער איז אין די הוילע זאָקן אריין אין דער קוזניע און א שטיקל פון א קאָסע, האָט זיך אים אריינגעשטעקט אין פוס אריין ס׳האָט אים תחלת גאָרנישט װיי געטון. און װען ער האָט אָנגעהויבן פילן עפּעס, האָט ער זיך נישט געמאַכט דערפון. — עט! ס׳װעט דורכגיין.

דער דאָקטער, װאָס מ׳האָט צו אים געבראַכט האָט געזאָגט אַז ס׳איז שוין צו שפּעט, נאָר מ׳קען אים נאָך ראַטעװען, אויב מ׳װעט אים אראָפּנעמען דעם פוס ביז העכר דער קני. געצל מיט גנעסיען האָבן אָנגעשטעלט דעם אַלטן נפתלי און דעם שוחט ר׳ יואל אַז זיי צװיי, זאָלן ריידן מיטן פאָטער און אים דערצו איבערריידן, כאָטש זיי האָבן געװוּסט פאָרויס אַז ס׳איז ארויסגעװאָרפענע רייד.

גבריאל, װען ער איז געקומען אביסל צו זיך און איז קלאָרער געװאָרן, האָט אפילו דערפון נישט געװאָלט הערן:

— ס׳איז נאַרישקייטן! האָט ער זיי געענטפערט, — מיט צװיי פיס בין איך אויף דער װעלט געקומען, און צוריק אויך אַזוי.

װעלפּעלע איז געקומען צולויפן, ער האָט א כאַפּ געטון די אראָפּגעהאַנגענע האַנט, זי באַדעקט מיט קושן און מיט טרערן:

— זיידע! אוי זיידעניו! קוק צו מיר!

גבריאל האָט געהערט װעלפּעלעס קול, און א רחמנות האָט אים ארומגענומען אויפן קינד. דאַכט זיך אים, אַז װעלפּעלע, איז נאָך גאָר א — קליין יינגעלע און קען נאָך נישט גוט ריידן

און דער זיידע לאכט אזוי פון זיין ריידן. פארציט אצינד אויך גבריאל די ליפן זיינע און ער וויל לאכן, קומט אָבער ארויס א מין שטאמלען ווי פון א היקעוואטן:

— לע! לע! לע! און גבריאל פארפאלט צוריק, אין זיינע מחשבות און דער מוח פארטראָגט אים צוריק מיט דריי און זעכציק יאָר, ווען ער איז נאָך געווען א קינד פון דריי יאָר...

דער פאָטער זיינער, א ייד אן אייזן. טראָגט אים, איינגע־הילט אין א טלית, אין זיין גרויסן טלית, ס'ערשטע מאָל אין חדר אריין. ער וואַרפט און דרינגעט מיט די פיסלעך און שרייט; אז ער וויל נישט גיין אין הדר אריין, אז ער האָט אין ד'רערד דעם רבי, טוביה טאפער. און דער פאָטער נעמט אים איין מיט גוטע רייד:

שא וועלפעלע! און דאָס פנים ביי גבריאלן איצט, ווערט ערנסט און געשפאנט.

— ער הייסט וועלפעלע? ער ציט צונויף דעם שטערן, ער שטרענגט זיך אָן צו דערמאנען וויאזוי ער הייסט.

— וועלפעלע, ס'ט באגערן צו לערנען. קלינגען אים אין די אויערן דעם פאָטערס רייד.

וועלפעלע! וועלפעלע? אוודאי אזוי, אז דער טאטע זאָגט.

— א נו, וועלפעלע, זאָג: אלעף, זאָג בית!

גבריאל־וועלפעלע, האלט דאָס אלעף־בית טעוועלע, מיט די הענטלעך, און קוקט דארויף מיט פארוויינטע אויגן. ער מאכט א פויסטעלע און טוט זיך א רייב די אויגעלעך און זיי פאר־קלעבן זיך.

— אוי טאטע! איך זע נישט!

דער טאטע לאכט און ער וויינט; ער לאָזט נידעריקער אראָפּ דאָס פויסטעלע. צי שטיפּט אים דער פאָטער אינמיטן דאָס הענטל צו די ליפּן?

— אוי טאטע ס'איז זיס!

און גבריאל מאכט אויף פארחדושט די אויגן.

— זיס? — יאָ זיס! כ'לעבן!

אז מ'לערנט תורה, איז זיס. הילעכן דעם פאָטערס ווערטער אין זיינע אויערן.

— „זאָגזשע וועלפעלע, געדענק זשע טייערע, וואָס דו לערנסט דאָ". טייט אים דער רבי מיט א ביינערן טייטל.

— „זאָגזשע נאָכאמאָל און טאקע נאָכאמאָל, קאָמעץ אלעף אָ".

ווידער האָט גבריאל געעפנט די אויגן, ער איז געווען קלאָר, ער האָט געוואָלט דערציילן, וואָס ער האָט איצט געזען אין חלום. דעם פאָטער, דעם רבי און דאָס אלף־בית טעוועלע, וואָס איז געווען אָנגעשמירט מיט האָניק. און אז ער פילט נאָך איצט דאָס זיסקייט. באלעקט ער זיך.

— לע! לע! —, און גבריאל פארפאלט צוריק אין זיינע פאר־פלאָנטערטע געדאנקען. און ער זעט זיך אין א שבת אינדערפרי.

דער הימל איז טיף בלוי. די זון נאָר וואָס אויפגעגאנגען און שיינט און בריט גבריאלן אין די פלייצעס. פון פאָרנט בלאָזט א קיל ווינטל, און הינטן, אויף די פלייצעס, גלעט, ברימ, אזוי מהיה'דיק די זון. ער גייט מיטן פאָטער אין שול אריין, ער ווערט היינט דרייצן יאָר און היינט, שבת, גיט מען אים מפטיר. דער פאָטער פירט אים ביי דער האנט.

— טאטע! אוי טאטע! ס'איז מיר קאלט. פון פאָרנט איז קאלט און הינטן ברימ. — דער פאָטער לאכט.

זיי גייען אין דער קאלטער שול. די שטיוועלעך זיינע סקריפן. נייע שטיוועלעך, האָט אים דער פאָטער געלאָזט מאכן און ער האָט געהייסן דעם שוסטער, אריינלייגן סקריפ. ער האָט אים אויך, א נייע רובאשקע, א זיידענע, א בלויע, געלאָזט מאכן, מיט טראָלדן און ביי נחמיה היטל־מאכער, האָט ער אים א נייעם, סא־מעטענעם קאשקעט מיט א ברייטן דעניק, אזוי ווי ער האָט ליב, געקויפט.

— נו ווערפעלע? דעם מפטיר, וויאזוי שטייסטו מיטן מפטיר? וועסטו קענען זאָגן דעם מפטיר? וועל איך נישט פארשעמט ווערן?

און ער, גבריאל־ווערפעלע, ווייזט דעם פאָטער וואָס ער קען. אויסנווייניק זאָגט ער, אויסנווייניק? יאָ כ'לעבן, ווי אויסנווייניק.

דער פאָטער שמייכלט. ס'טוט אים הנאה. ער גלעט אים איבערן קאָפּ איבער דער פלייצע.

די קאלטע שול איז שוין פול מיט יידן. דער מזרח איז אויס־געזעצט מיט לייטער שיינע באלעבאטים, גבירים. אויף די קעפּ טראָגן זיי הויכע, שווארץ־זיידענע קאפעלעך. נאָר דער רב מיטן שוחט, טראָגן פלאטשיקע, שווארץ־סאמעטענע יארמעלקעס. און א חוץ דעם רב מיטן שוחט, זענען ביי די מזרח־יידן אזעלכע שיינע ווייסע טליתים, די זילבערנע עטרות זענען אזוי ברייט און פינקלען אזוי ביי די שטראלן פון דער זון וואָס לאָזן זיך קווער אראָפּ, פון די הויכע קליינינקע שייבעלעך, הינטן צו מערב צו, שטייט א ברייטער, פארשמאָלצענער פון חלב־ליכט, א טיש אויסגעזעצט

מיט שוסטערס, קאַוואַליעס און פישערס און ביי זיי זענען אַזעלכע פאַרקאַלטענעוואַטע בערד און אַזעלכע שוואַרצע טליתים, אַז גבריאל־וועלפעלע וויל אַזש נישט קוקן. ער וויל ליבערשט קוקן אַהין צו, וווּ ס'פעכעלט און ס'פינקען אַזוי שיין, צו דער מזרח־וואַנט.

גדליה דער שמש, ווינקט צו זיי, ער ווייזט זיי אויף שטום־לשון, אַז זיי זאָלן אַרויפקומען אויבן, צו דער מזרח־וואַנט, אָט דאָ לעבן רב, לעבן ארון־קודש. נאָר דער פאָטער מאַכט זיך נישט הערנדיק, נישט פאַרשטייענדיק, וואָס ער, דער שמש ווינקט צו אים, וואָס ער מיינט מיט דעם דאָזיקן ווינקעניש.

דער פאָטער שפּרייט אויס ברייט דעם טלית זיינעם, וויקלט זיך אין אים איין און זעצט זיך אַנידער פּונקט אַקעגן דעם אַלטן פישער, ר' יודאַלע. דער אַלטער, יודאַלע, קוקט אויף אים איבער די ברילן, שמייכלט צום פאָטער, צו גבריאלן, נאָר רעדן רעדט ער נאָרנישט, ווייל מ'האַלט שוין נשמת, און מ'טאָר נישט מפסיק זיין.

גדליה, קומט אַראָפּ, לייגט אַרויף די האַנט אויפן פאָטערנס פּלייצע מאָרגנדיק אים:

— נו אָ! וואָס דאָס האָט געהייסן: „פאַרוואָס קומט איר נישט אַרויף צו דער מזרח־וואַנט?“.

דער פאָטער, מאַכט זיך אַלץ נישט פאַרשטייענדיק, וואָס דער שמש מיינט מיטן „נו אָ“ און אַז דער שמש שטייט אַלץ צו אים צו מיט: „נו אָ!“, ענטפערט אים דער פאָטער צוריק.

— „אָ נו!“ און ער דרייט מיטן קאָפּ אין דער ברייט. דער שמש בלייבט שטיין פאַרחידושט. ס'טייטש! זיך אָפּצוזאָגן פון אַזאַ כבוד?

דער פאָטער פאַרשטייט, וואָס ס'קומט פאַר אינעווייניק אין שמש, בויגט ער זיך אָן צו זיין אויער, און ער רוימט אים איין א סוד, אַז יעדער האָט געהערט.

— כ'האָב מיך פיינט צו רייבן אין יחוס! פאַרשטייט איר שוין, ייד וואָס איר זענט?

גבריאל עפנט די אויגן. און גנעסיע לויפט גיך צו אים צו און מיט א פאַרוויינט קול פרעגט זי אים:

— ווילסט עפעס טאַטע קרוין!

— לע—לע— רייבן זיך אין יחוס. האָט ער דאָס איצטיקע מאָל דווקא קלאָר אַרויסגערעט. — און ער האָט צוריק פאַרמאַכט די אויגן.

— וואָס האָט ער געזאָגט? האָט גנעסיע, מער מיט די אויגן, ווי מיטן מויל געפרעגט.

— דו ווייסט נישט? זיין באַשטענדיק ווערטל: „נישט זיך צו רייבן אין יחוס“, האָט נפתלי געענטפערט.

גנעסיע האָט אויסגעשאָסן אין א געוויין.

— דאָס קומען אים אין מוח אריין, די דאָזיקע געדאנקען.

— ווייי צו מיינע יאָרן! און מיט א קוויטש: מיין כשרער ט—א—א—ט—ע! און אויף איר קוקנדיק האָט זיך אויך געצל צע־יאָמערט.

נפתלי בויגט זיך אריבער דעם קראנקן:

— גבריאל, גבריאל, דערקענסט מיך?

— הא? וואָס? גבריאל? איך הייס גבריאל?

— יעמוד הבחור החתן גבריאל בן כתריאל מ—פ—ט—י—ר ח—ז—ק! טוט א — קלינג אין זיינע אויערן.

— הא? וואָס? גבריאל? ער הייסט גבריאל? און ער קוקט אויפן פאָטער. דער פאָטער לאכט. דער רב, דער שוחט, די באלעבאטים פון מזרח־וואנט און די פונעם גרויסן טיש, וואָס ביי מערב־וואנט, שניידערס, קוזשנערס, פישערס לאכן. אפילו די ווענט לאכן. ווענט קענען לאכן? יאָ! זיי האלטן זיך צו ביי די בייכער און לאכן, שמייכלט ער אויך. טוט אים הגאה וואָס מ׳האָט אים צוריק אָפּגעגעבן דעם נאָמען. ער איז נישט ברוגז אויפן פאָטער, פארוואָס ער האָט אים ביז איצט אנדערש גערופן. — גבריאל! פארשטייט זיך. א דאָס איז זיין אמתדיקער נאָמען!

— זע! זע נאַר! ער שמייכלט! בויגט זיך אויף צוריק נפתלי.

— א גוטער סמן! ער וועט גענעזן ווערן! ער וועט האָבן א רפואה!

— אָ—אָ—מ—; רבונו של עולם! פארגלאָצט פרום די אויגן גנעסיע. צו דער סטעליע. — דאָס הלומט ער עפּעס. — מיין כשערער ט—א—ט—ע! צעלאָזט זי זיך ווידער אין א שטיל געוויין.

— וויי איז מיר! ברעכט זיך געצל די הענט.

גבריאל טוט זיך א וואָרף, עפנט און פארמאכט תיכף צוריק די אויגן. ער זעט זיך, ווי דער פאָטער, טוט אים אָן זיין טלית, ער איז אויף אים צו לאנג, צו ברייט, ער גייט ארויף אויפן באלעמער, שיר וואָס ער האָט זיך נישט פארפּלאָנ־טערט מיט די ציצית, שיר וואָס ער איז נישט געפאלן. גדליה, דער שמש, כאפּט אים אָן ביי דער האנט. ער קושט מיטן

טלית, אזוי ווי מ׳האָט אים געלערנט, די תורה, און קנאקט אויס דעם „ברכו“ און כאַפּט אַ קוק צום פענצטערל אויבן אין דער ווייבערישער שול. ער זעט ווי דאָס פירהענגל, שאָקלט זיך. דאָס שטייט אוודאי אויף יענער זייט די מאמע און די עלטערע שוועסטער, נחמה. דער שוואָגער רחמיאל וועט אים שוין פּיקען די אויערן. אַ שנאָל נאָך אַ שנאָל. אַ מיאוסע טבע, האָט ער, דער רחמיאל. און אַ שמייכל, וואָס איז מער ענלעך צו איינעם וואָס גרייט זיך צו וויינען, האָט זיך צעשפּרייט איבער זיין פּנים.

— פאָלג מיך, ווענדט זיך גנעסי, גיי שפּאַר דיך צו אביסל. וועסט דאָך פאַלן פון די כוחות! אָט בין איך, מיט צו געצל צו נפתלין און ר׳ יואל, אַ באַלד וועלן קומען ברוך מיט רבקהן. ברוך האָט געזאָגט, אַז ער וועט זיצן דאָ אַ גאַנצע נאַכט.

גנעסי, האָט זיך געלאָזט איבערריידן, ווייל זי איז שוין טאַקע געפאַלן פון די כוחות. דריי טעג און דריי נעכט, ווי זי טרעט נישט אָפּ פונעם פאָטערס געלעגער. הייבט זי זיך אויף און גייט זיך נעמען די שאַל. דערווייל גייט זי צו צום פאָטער און וויל אים קודם אַ גלעט געבן, אים ווונטשן אַ רויקע נאַכט, ער זאָל האָבן אַ רפואה שלמה. זי לייגט אַרויף די האַנט אויפן פאָטערס שטערן, כאַפּט זי תיכף צוריק גלייך ווי זי האָט זיך אָפּגעבריט:

— פינצטער איז מיר! ער ברענט דאָך ווי אַ העליש פייער!

גבריאל, האָט אויפגעכאַפּט די ווערטער, און ער שמייכעלט אין זיך:

— אַ פייער, זאָגט זי! ס׳איז דאָך אַ גיהנום ס׳בריט דאָך אים פונעם שפּיץ קאָפּ ביז צו די נעגל פון די פיס. ער האָט זיך דאָך געמוטשט אָנטון אַ ברייטן שטרויענעם קאַפּעלוטש. אַזוי שרפעט זי, די זון!

און ער זעט זיך אויפן פעלד, מיט פּאַרקאַטשעטע אַרבל, מיט אַ ברייטן שטרויענעם קאַפּעלוטש, ווי דער פאָטער, אויך ווי ער אָנגעטון, לערנט אים שניידן, קאָסען די תבואה. פונעם לעדער־נעם ביי־גאַרטל, באַקומט ער אַרויס אַ קליין פלאַטשיק שטיינדל, שפּייט אויף עס, און האַלטנדיק די קאָסע אונטערן אָרעם און די קלינג מיט דער לינקער האַנט, שאַרפט ער די קאָסע פון רעכטס אויף לינקס און פון לינקס אויף רעכטס. שאַרף! שאַרף! שאַרף! ביינט ער זיך איין און גיט אַ פיר מיט דער קאָסע איבער די רייפע זאַנגען, וועלכע פאַלן גלייך אין איין שורה, גלייך מ׳וואָלט נעוווען געמאָסטן מיט דער ווירע.

— נישט אזוי, האלט מען א קאָסטע ביים שנײדן. לערנט אים דער פֿאָטער. און דער פֿאָטער נעמט אַרויס די קאָסטע פֿון זײנע הענט און ווײַזט אים:

— אזוי אָ, זעסטו? — מיטן שפּיץ ארויף, אז נישט, פֿאַרסטו אריין מיט דער קאָסטע אין ד׳רערד, אָדער נאָך ערגער, אויף א שטיין. דערמלט מעגסטו דיך פֿון איר געזעגענען.

אַך ווי שיין קאָסעט דער טאטע! א זעץ אראָפּ און א גלייך זיך אויס. א זעץ אראָפּ און א גלייך זיך אויס. און ביי יעדן אראָפּזעצן זיך, גלייך ווי ס׳הערט זיך: „סי, סי, סי״! דאכט זיך אן אָנהויב פֿון עפּעס א נגונדל: סי־סי־סי־סי ווען זינגט מען דאָס דאָזיקע נגונדל? ווען? טאטע ווען? שטיי! איך ווייס שוין. א יאָ שמחת תורה? א יאָ טאטע?

און ער נעמט די קאָסטע פֿון פֿאָטערס הענט, און ער טוט זיך אויך א זעץ אראָפּ און א גלייך זיך אויס. און ביי אים, קומט אויך ארויס דאָס נגונדל: „סי, סי, סי, סי,״ אָבער נישט אזוי שטארק, ס׳שווישטשעט נישט אזוי שטארק ווי ביים טאטן.

דער פֿאָטער שטייט פֿון ווייטענס און קוקט זיך צו:
גיב אכטונג! גיב אכטונג! קענסט נאָך, מיטן שפּיץ...

דער פֿאָטער האָט נאָך נישט געענדיקט אים צו וואָרענען, און דער שפּיץ פֿון דער קאָסטע, האָט געשטעקט אין שטיוול, העכער די פֿינגער, און א רויט שנירל בלוט האָט זיך געשלענגלט, אראָפּ פֿונעם שטיוול און איז אריין אין ד׳רערד.

— דער פֿאָטער איז צו, אים אראָפּגעשלעפּט דעם שטיוול.

— נו, ס׳איז נאָך מיט חסד, ס׳האָט געקענט ערגער זיין. — טוט ווייי? א דאָס פּאסירט איעדער איינער, כמעט איעדער. איך האָב עס אויך געליטן. וועסט אָבער קענען קאָסען.

— אוי! ס׳טוט ווי טאטע! ס׳טוט ווייי! אוי! און גבריאל טוט זיך א וואָרף און צעבליפּעט זיך ווי א קליין קינד, אָן טרערן:
— ווייי! ווייי!

גנעסי, וועלכע האָט פֿריער, זיך כמעט געלאָזט איבערעדן פֿון געצלען אז זי זאָל זיך גיין ליגן אביסל שלאָפֿן, ווען זי האָט אָבער געזען אין וואָס פֿאר א היץ דער פֿאָטער ליגט, האָט זי צוריקגעלייגט די שאַל, און מיד זיך אראָפּגעלאָזט אויפֿן בענקל. ס׳האָט שוין קיינער נישט געפּרוווט איר צו זאָגן אז זי זאָל גיין זיך צו שפּארן, ווייל מ׳האָט געוווּסט אז ס׳איז אומזיסט די רייד. זי האָט זיך געגעבן א כאפּ אויף און א פּאטש געבנדיק זיך אין פּנים אריין, האָט זי זיך שטיל צעשריגן:

— ווײ! ווײ! ווי איז מײנע יאָרן, וואָס כ'האָב דערלעבט!
און אריבערבײגענדיק זיך איבערן פּאַטער, האָט זי, ווארגנדיק זיך מיט די טרערן, אים אײנגענומען ווי א פּיצל קינד און געזאָגט:

— וואָס טוט דיר ווײ טאטע קרוין?

גבריאל איז געקומען צו זיך. אָבער נישט אינגאנצן. האָט ער אויסגעמישט דעם הײנט מיטן נעכטן, פון מיט אסך יאָרן צוריק. גנעסין האָט ער פארביטן אויף דער מוטער זײַנע, וועלכע איז שוין פון אזויפיל יאָרן טויט.

זשאלעוועט ער זיך, פּעסטעט ער זיך, ווי ס'זשאלעוועט זיך א קינד צו זײַן מאמע.

— מאמע! אוי מאמע! זע! די קאָסע איז אריין אין פוס. ווײ! וואָס וועל איך טון? מ'דארף צולײגן פּאָוועטינע. נישט קײן ערד נײַן נײַן! און גבריאל פאלט צוריק אָן כוחות.

און גבריאל זעט זיך ווי ער קומט, מיט פערד און וואָגן פונעם פעלד. ס'קלענערע ברידערל מאכט אים אויף דעם טויער, און ער פאָרט אריין אין הויף אריין. אין שטוב איז שטארק ליכטיק.

— ס'איז עמעצער געקומען?

— יאָ.

— ווער?

— כ'ווײס נישט, עפּעס א ייד מיט א באָרד.

— מסתם, א שידוך. האָט גבריאל נישט צופרידן גע־וואָרטשעט.

מיט דער בײמיש אין דער האנט, איז גבריאל, אויף דער שוועל שטײן געבליבן און זיך אומגעקוקט. עפּעס ווינקט צו אים דער פּאַטער, ער ווײסט נישט וואָס ס'באדײט דאָס דאָ־זיקע ווינקען. ער גײט אריין אינעם דערבײַאיקן צימער. די מו־טער גײט אים נאָך.

— דער געשוואָלענער האָט געשיקט א שדכן.

— ווער? דער געשוואָלענער? איז ער משוגע געוואָרן? גבריאל, וויל דערפון אפילו נישט הערן.

דעם אנדערן טאָג. דער פּאַטער בײזערט זיך, גבריאל ברוגזט זיך אָן ער ווײכט די שטוב, ער קומט שפּעט בײנאכט אהײם. דער פּאַטער סטראשעט מיט פּעטש. די מוטער גײט ארום מיט גע־שוואָלענע אויגן פון וויינען.

טעג ציען זיך ווי פעך. — אינדערוואָכן איז ער מער אינ=דרויסן ווי אינדערהיים, ער איז ביי דער פעלד=ארבעט. ס'איז דאָ א מעגגע צו טון. דער שבת איז אן אָפּקומעניש.

דער פאָטער רעדט נישט צו אים, דער פאָטער וויל, ער זאָל נעמען דעם געשוואָלענעמס מיידל.

— פאלסט דאָך אריין אין א שמאלץ=גרוב! וויינט די מאמע.— ער וויל דאָך דיך אָפּגילטן!

— ס'שמאלץ רינט אויס, און דער גרוב בלייבט.

— דער טאטע וועט דיך שלאָגן. ברעכט די מאמע די הענט.

— זאָל ער שלאָגן. ענטפערט טראָציק גבריאל. און גבריאל עפנט א פּאָר צאָרנדיקע אויגן, אזא צאָרן האָט מען שוין לאנג אין זיינע אויגן נישט געזען. נאָר אפשר דעמלט, ווען דער פּריץ האָט די איינוואנדערער אָפּגענארט. און זיי נישט געגעבן דאָס וואָס ער האָט אליין איינגעשריבן אין קאָנטראקט. — ער דערזעט גענעסין, מיינט ער אז ס'איז די מאמע. און דער צאָרן לעשט זיך ביי אים ווי רויער קאלך אין וואסער. ער וויל שמייכלען, נאָר א גרימאסע צעלייגט זיך אויף זיין פּנים.

— לע לע, האָ — נישט — מורא מא—מע, ער וועט זיך אי=בערבעטן דער טא—טע. די אויגן=לעפּלעך פאלן אים שווער צו. און די געשעעניש מישן זיך ביי אים אין מוח מיט א גרויס גיכקייט און דאָס פּנים זיינס, ווייזט, באלד צאָרן, שנאה, באלד אנטציקונג, פרייד.

דער פאָטער האָט געמוזט נאָכגעבן. ער האָט חתונה, מיט זיין היהטשן.

— האָב איך נישט געזאָגט, מאמע? אז דער טאטע וועט זען וואָסער שמיק גאָלד דאָס איז, וועט ער אנדערש ריידן?

— ביסט זי נישט ווערט. כ'לעבן ניין!

גבריאל לאכט.

וואָס וויל ער, דער פּריץ? מיר זאָלן ווערן סוחרים? אוודאי זענען די פּויערים גוטהארציקע, ווילע, גרייט צו העלפן א פרעמדן, אין דער נויט. ווער ווייסט עס דען נישט? ער שלאָגט? דער פּריץ שלאָגט? — נו וואָס טוסטו דערצו היהטשע לעבן?

גבריאל עפנט די אויגן, און זעענדיק פאר זיך גנעסין, מיינט ער אז ס'איז דאָס ווייב.

— וואָס איז טאטע קרוין? פרעגט אים גנעסי, מיט א ציטערנ=דיק קול אָנגעזאפּט מיט טרערן.

אזוי פלעגן זיי צו ריידן; ער איר; היהטשע לעבן, און זי אים טאטע קרוין.

— וואָס איז מאמע קרוין?

— ער שלאָגט? חיהטשע לעבן — לע! לע! ער שלאָגט?

— ווער שלאָגט מאמע קרוין? ווער?

— פאָלג מיך גנעסי, האָט איר נפתלי געגעבן א צי בײם אַרבל, און איר שטיל געזאָגט; — פאָלג מיך, גיי דיר אַרויס. פאַרוואָס זאָלסטו אים פאַרשאַפן צרות?

גנעסי האָט נאָך געוואָלט געבן א קוויטש, נאָר זי האָט זיך אַליין פאַרשטאָפּט דאָס מויל מיט דער פויסט.

די מענער האָבן אַרויסגעפירט געצלען, און די ווייבער גנעסין.

גבריאל האָט נאָך צונויפגערעדט, אויסגעמישט מערערע געשעענישן אויף אמאָל.

— איך לאָז נישט אָפּשניידן דעם פוס, — ניין ניין! חיהטשע קרוין וואָס זאָגסטו דערצו? האָב נישט מורא מאמע! אזא גיטו־גאָל, ער איז געוואָרן א סו־חר. א סו־חר א סוחר.

גבריאל האָט נאָך צום לעצטן מאָל געגעבן אַן עפן די אויגן. מיט א קלאָרן בליק האָט ער זיך אומגעקוקט, געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר שוין נישט געקענט. האָט ער מיט די פינגער אויף דער קאָלדרע געפירט אהין און צוריק, אַרויף און אַראָפּ, גלייך ווי ער וואָלט געוועזן געשריבן.

— שא! האָט ברוך צוגעלייגט א פינגער צו די ליפּן, און שטיל געזאָגט: — קינדער, ער שרייבט.

נפתלי, יונה, ברוך און ר' יואל, זענען געשטאַנען שטיל און מיט האַרץ־קלאַפּן נאָכגעקוקט יעדן פיר מיטן פינגער וואָס גבריאל האָט געמאַכט אויף דער קאָלדרע, ער האָט צונויפגעקראַמפּעוועט די פינגער; גלייך ווי ער וויל בעסער אָנכאַפּן די פעדער אין דער האַנט, נאָר זיי האָבן אים שוין נישט געפאָלגט, האָט ער א טיפן קרעכץ געגעבן, און לאַנגזאַם, לאַנגזאַם האָבן זיך זיינע אויגן־דעקלעך ווי צוויי פירהענגלעך אַראָפּגעלאָזט.

איינהאַלטנדיק דעם אָטעם, זענען די פיר חברים געשטאַנען און געזען ווי ס'האָט זיך אויסגעלאָשן דאָס לעבן פון זייער געטרייען חבר און קלוגן אָנפירער פונעם אויפגעבויעטן שטעטל.

נפתלי, האָט פון ערגעץ אַרויסבאַקומען א פעדער, זי צוגעלייגט צו גבריאלס נאָז און אַז זי האָט זיך עטלעכע רגעס נישט גערירט, האָט ער וויינענדיק זיך אָנגערופן:

— ברוך דין אמת! און אים איבערן פנים מיט דער קאָלדרע איבערגעדעקט.

— וואָס ס'קען טון א פאַרזשאַווערט שטיקל קאָסע! האָבן די איינוואַנדערער גערעדט צווישן זיך. — געוועזן א ייד אַן אייזן.

הער האָט זיך גערעכט! — וואָס העלפט געוועןן! מ׳דאַרף שטאַרבן, קומט דער מלאך־המות און פאַרשטעלט זיך פאַר א שטיקל פאַרזשאַווערטע קאָסע.

— דער מלאך־המות שעכט און ער בלייבט גערעכט, האָט געגענדל די טוקערן אים באַוויינט.

אָט אזוי האָבן די איינוואַנדערער גערעדט צווישן זיך, בשעת זיי האָבן באַגלייט זייער גבריאל צו זיין אייביקער רו.

— אָהאָ! פאַרפאַלן! אזא גבריאל ווערט איינמאָל אין טויזנט יאָר געבוירן. האָבן די איינוואַנדערער אויפריכטיק באַוויינט זייער גבריאלן און ווען מ׳האָט אים אַראָפּגעלאָזט אין קבר אריין, האָבן זיי אַרויסגעלאָזט אזא געיאָמער אז ס׳האָט זיך אזש געהערט ביז נאָענטן דאָרף. און די פויערים, די לייבאייגענע האָבן אַראָפּגענומען זייערע קוטשמעס און זיך פרום געצלמט. דאָס האָבן זיי גאָט געבעטן פאַר גבריאלס נשמה, ווייל שטאַרק גע־האַלטן האָבן די פויערים פון גבריאלן, ווייל דערקענט האָבן זיי אין גבריאלן, זייער אמתן גוטן פריינד.

נאָך די פאָר ווערטער, וואָס ס׳האָט גערעדט דער אַלטער שוחט ר׳ יואל, האָט ער מיט א ציטעריק קול זיך אזוי אָנגערופן:

— גו רבותי, איך רעכט מיך אויך אין וועג אריין. א דאָ, זעט איר, נעבן גבריאלן וויל איך, זאָלט איר מיך באַגראָבן. א שכן בין איך געווען מיט אים אויף דער וועלט, וויל איך אויך זיין מיט אים א שכן אויף יענער וועלט. א גוטער פריינד אויף דער וועלט, א גוטער פריינד אויף יענער וועלט.

. . . .

שוין פון עטלעכע וואָכן, טומלט זיך אין פריציש שלאָס. דער פריץ איז שלאָף, צום איסצולעשן, ריידן צווישן זיך די דינערס. דער וועקיל, איז רייטנדיק אויפן בעסטן פערד אוועקגע־ריטן קיין טשערנאָוויץ, און פון דאָרט טעלעגראַפירט צום זונדל זשאָרזש קיין פאַריז, און צו דער טאָכטער מאַדעליין קיין בו־קאַרעשט. די טאָכטער איז אויפן דריטן טאָג געקומען און מיט־געבראַכט א דאָקטער א פּראָפעסאָר וועלכער האָט תיכף באַהויפּ־טעט אז די געהירן ביים פריץ זענען איבערגעדרייט געוואָרן.

— פון וואָס איז אים דאָס געקומען? — האָט מאַדעליין גע־פרעגט — און זיך ביטער צעוויינט.

— וואָס הייסט פון וואָס? — האָט דער פּראָפעסאָר מיט חדוש זי אָנגעקוקט — ער האָט באַקומען איבערן קאָפּ מיט עפּעס א שווער שטיק אייזן.

מאָדרעליין האָט זיך פאַרטראַכט. געוווּסט האָט זי, אַז די דינער האַלטן נישט אַזוי שטאַרק פונעם פאָטער און אַ חשד איז איר אין האַרץ אַריין, אַז נישט אַנדערש, אַז נאָר עמעצער פון די דינער אָדער לייבאייגענע האָבן אים אָפּגעטשאַטשעוועט אין שטאַל און אים דערלאַנגט מיט אַ שטיק אייזן איבערן קאָפּ. האָט זי עפּעס עטלעכע ווערטער אין דער פראַנצויזישער שפּראַך אָנגעשריבן אין אַ בריוו און מיטן וועקיל אַוועקגעשיקט קיין יאַס צום וואָדע. אויפן אַנדערן טאָג איז אָנגעקומען עפּעס אַ פּריץ וועלכער האָט גענומען הוקר ודורש זיין צווישן, די דינערס, צווישן די לייבאייגענע און דער חשד איז געפאַלן אויף דומיטרון.

— פון וואָס זאָגסטו, — פאַרשט דער אַגאַ ביי דומיטרון — פון וואָס, זאָגסטו איז אים דאָס געקומען?

— עפּעס זאָגט מען, אַז אַ שווערע זאַך, אַ שטיק אייזן האָט אים געגעבן אין קאָפּ אַריין.

— אַליין, פון זיך אַליין, איז דאָס שטיק אייזן געקומען און אים געגעבן אין קאָפּ אַריין?

— ווער קען דאָס וויסן? ווער קען דאָס וויסן פּריץ? — געוועזן זאָגט מען אַ — גרויסער זינדיקער אונדזער פּריץ, זאָל ער מיר מוחל זיין.

— קומט אויס, אַז דאָס שטיק אייזן אין שטאַל איז אַליין אַראָפּ ערגעץ פונעם באַלקן, און אים צעפּלעטשעט דעם מוח? — האָט אַליץ ווייטער געפאָרשט דער אַגאַ — ווען דערציילסטו דאָס? זיי מודה דומיטרו, אַז דיין הענטעלע שטעקט אין דעם.

— איך? מיין האַנט? — האָט דומיטרו געמאַכט אַזאַ פאַרוווּנדערט פּנים — אַז דער אַגאַ אַליין איז אויף אַ רגע געבליבן שטיין און געוועזן נישט ביי זיך זיכער צי איז טאַקע דומיטרו, דער, וועמען ער איז חושד.

דומיטרו האָט דאָס באַמערקט און אַנשטאָט ער זאָל געוועזן שווייגן, וואָלט די זאַך געוועזן דורכגעגאַנגען גלאַט, וואָרעם דער אַגאַ האָט פון זיך שטאַרק געהאַלטן אַז ער איז אַ גרויסער מענטשן־קענער און ביי דעם פאַרוווּנדערטן פּנים, וואָס דומיטרו האָט געמאַכט, האָט ער זיך געזאָגט; אַז אַ מענטש וועלכער איז שול־דיק אין אַ מאָרד, זאָל זיך קענען אַזוי ווייט פאַרשטעלן און מאַכן דעם אָנשטעל אַז ער איז ריין ווי אַ לעמעלע, דאָס איז אַ זאַך וואָס איז אוממעגלעך.

האָט אָבער דומיטרו זיך אָנגערופן:

— איך? מיין האַנט? טייערער פּריץ, איך בין דאָך אַפילו דעמאָלט אין שטאַל נישט געווען... אָט די עטלעכע ווערטער האָבן

דעם אגא, נישט נאָר ארייננגעבראכט אין א ספק, נאָר ער איז ביי זיך זיכער געווען, אז ער האָט פאר זיך דעם אמתן רוצח, רופט ער זיך אָן:

— איך בין אויך נישט געווען, און א ראפּניק האָט צעריסן דומיטרוס פּנים אויף שטיקער. — איך בין אויך נישט געווען, דו זון פון א צויג, און דער ראפּניק איז אלץ געפאלן אויף דומיטרוס פּנים, אויף דומיטרוס פּלייצעס. ווען דער אגא איז מיר געוואָרן, האָט מען ארויסגעשלעפּט דומיטרון, איז ער שוין געווען א האלב טויטער.

אין א מאָמענט, ווען דער פּריץ איז צו זיך געקומען, און ער האָט געקאָנט באנעמען מיט זיין צעפּלעטשטן מוח, אין וואָס פאר א לאגע ער געפינט זיך, האָט ער ס'ערשטע געבעטן אז מ'זאָל צו אים שיקן דעם גלח, ער האָט נאָך געוואָלט אפּ־אגדערע זאכן מודיע זיין דעם זון, וועלכער איז נאָך נישט געהאט געקומען, דער טאָכטער, אָבער מער ווי דאָס וואָרט גלח האָט ער נישט געקאָנט ארויסברענגען. ער איז געלעגן מיט אָפענע אויגן, וועלכע האָבן גערעדט, האָבן געמאָנט, און ווען ער האָט דערזען דעם גלח, האָבן זיינע אויגן אויסגעדריקט רציחה און שנאה. אך! ווען ער קען! האָבן זיינע הענט זיך געביילט אין פויסטן. אויף א רגע, האָבן זיינע אויגן זיך פארמאכט: „גע־וואָרגן, געוואָרגן". האָט עס אין אים געשטורעמט. אין זיין צע־קוועטשטן מוח האָבן זיך ארויסגעבאליאָנקעט, שטיקלעך שמו־עסן, רייד, פון דעם דאָזיקן גלח:

— פּריץ, איר וועט אָפּגעבן חשבון, פאר אייערע מעשים.

חשבון? איך חשבון? פאר וועמען, גלח? ווער קען מיך אָנקלאגן? פאר וועמען האָב איך מורא?

— פאר גאָט, פּריץ. פאר גאָט זאָלט איר מורא האָבן. פאר גאָט וועט איר מוזן פארענטפערן, אויף אלע אייערע מעשים. וואָרעם „אין גאָטס פאָרם האָט ער דעם מענטשן באשאפן, נישט קיין חלוק, האר, באָיאר, לייבאייגענער אָדער קנעכט. און אז מ'פּאטשט א קנעכט, איז גלייך ווי מ'וואָלט געפּאטשט דעם „האר".

— פאר גאָט? אוי ביסטו נאריש גלח! „ביז צו גאָט, נעמען דיר די הייליקע ארויס די אויגן".

— די הייליקע, פּריץ, קענען אמאָל ווערן טאקע די לייבאיי־גענע...

מאדעליין, האָט זיך שטארק צעוויינט, ווען זי האָט געהערט, אז דער פּאָטער וויל שוין דעם גלח, און איז ארויסגעלאָפן צו זיך אין איר מיידל־צימער.

דער גלח, האָט זיך גענעמען צו גרייטן צו דער „וידוי". ער האָט דעם גוסס צונויפגעלייגט די הענט, אים אריינגעשטעקט צווישן די פינגער א צלם. אָבער קיין וידוי, האָט דער פּריץ שוין נישט געזאָגט מחמת, די געדאנקען זיינע, דער מוח, האָט נאָר געארבעט וועגן אינעווייניק, דאָס הייסט, ער האָט געהערט אלץ, געוווּסט אלץ, נאָר וועגן מיטצוטיילן אנאנדערן, האָט די צונג שוין מער נישט געדינט. ער איז געלעגן ווי א שטיק ליים און קיין ריר זיך נישט געגעבן, און ווען נישט דאָס, וואָס ער האָט פון רגע צו רגע ארויסגעלאָזט דורך די ליפּן א שטילן פייף, וואָלט מען געקאָנט מיינען אז ער איז שוין טויט.

דער גלח, האָט זיך אויסגעדרייט צום אנא וועלכער איז דערביי געשטאנען און געזאָגט:

— גיכער! באפעלט, אז מ'זאָל אָנהייבן קלינגען אין קלויסטער.

און בשעת דער גלח, מיטן קלויסטער־שמש, גע־נומען צוגרייטן צו געבן דעם גוסס די לעצטע זאַלבונג, זינגענדיק מיט א סקארבאָוון ניגון, ביי וועלכן דער קלויסטער־שמש האָט אים אונטערגעהאָלפן, האָט זיך דער גרויסער קלויסטער־גלאָק, שטיל מיט א באסאָווער שטים צעקלינגען:

— גלין — גלין — גלין — איר רייכע אז וויי צו אייך! וויי צו אייך! טוט תשובה! קומען וועט דער טאָג, קומען וועט דער טאָג, פון חשבון! פון חשבון! פון חשבון! גלין — גלין.

— גלין, גלין, גלין, האָט אים אויף דער גיך אָפּגעענטפערט מיט א געבייזער דאָס דין־קול גלעקעלע:

— פון חשבון? פון חשבון?

— יאָ! יאָ! פון חשבון! פון חשבון! האָט דער אלטער גלאָק מיט חשיבות געענטפערט.

דער קראנקער האָט אויפגעמאכט די אויגן און מיט א שטאַרן בליק געקוקט צום אָפענעם פענצטער אין וועלכן ס'האָט אריינ־געקוקט די אונטערגייענדיקע אָסיען־זון. באוואָרפן מיט שטראלן ליכט דעם גוסס־פנים, האָט עס אויסגעוויזן גלייך ווי עמעצער שטייט מיט א לאמטערן און באלייכט דעם גנבס פנים, און שרייט צו די ארומיקע:

— „כאפּט אים, פּאקט אים! און זעצט אים איין!"

און אויפן הימל, האָט זיך דער זון־אונטערגאַנג צעשפּרייט און אַ — שטיק הימל האָט זיך צעפלאַקערט רויט ווי פייער, רויט ווי בלוט.

— קום! קום! האָט דער גלאָק גערופן און אים אונטער־געהאָלפן האָט ס׳דין קול־גלעקעלע מיט אַ דינעם אויסגעצוי־גענעם קוויטש:

— קום קום! קום קום! דער מויער פונעם גיהנום אָפן, קום — קום!

און מיד זענען צוגעפאַלן די אוינן־לעפלעך ביים גוסס און דער פייף פון צווישן זיינע ליפּן האָט זיך מער נישט געהערט.

און ס׳האָט זיך געטראָפן, אַז דעם דריטן טאָג ווען מ׳האָט אויף אַ — וואָגן, געשפּאַנט מיט צוויי פּאָר אָקסן געפירט דעם פּריץ צו מזרח צו, כדי אים צו באַגראָבן אין קאַוואָ פון זיינע אָבות און די מוזיק קאַפּעליע איז געגאַנגען פאָרויס און געשפּילט אַ טרויער־מאַרש, האָט זיך די לייבע פונעם פּריץ, באַגעגנט מיט דער לוויה פון גבריאלן וואָס איז געגאַנגען, צו מערב צו. דער גלח האָט זיך אָפּגעשטעלט און ער האָט אויסגעזונגען אונ־טער דער גאַז אַ פּראָכאָד אויסגעמיישט מיט פּסוקים פון תהילים.

אביסל העכער פון דער לייבע, האָט יואל שוחט געגעבן אַ מאַך מיט דער האַנט, וואָס דאָס האָט געהייסן אַז מ׳זאָל זיך אָפּשטעלן מיט׳ן אָרון. אונטער דער גאַז האָבן אַלע מלווים גע־זאָגט „ויהי נועם, יושב בסתר".

זיבן מאָל „ויהי נועם" האָט דער גלח, ביז צום צווינטער אויס־געזונגען, זיבן מאָל „ויהי נועם" האָבן די מלווים געשעפּטשעט ביז צום הייליקן אָרט אין דער אַלטער העברעישער שפּראַך און סיי די און סיי די האָבן נישט געוווסט, האָבן נישט באַנומען דאָס וואָס זייערע אויערן הערן, דאָס וואָס זייערע ליפּן פּרייפּלען.

קאפיטל ז

ר׳ ישראל דער נירוזשינעווער רבי מיט זיינע קינדער באזעצן זיך אין סאדאגערע

איז אין נירוזשינעוו, א קליין שטעטל אין וואָלין, אוקראינע, געווען אין יענע צייטן א רבי, א צדיק, א הייליקער וועלכער האָט באוויזן מופתים, וואונדער.

דער דאָזיקער רבי, וועלכער איז געווען באוווסט כמעט אויף דער גאנצער יידישער וועלט, האָט גאָרנישט געהאט דעם דרך פון אנדערע צדיקים פון זיין דור, פון זיין צייט.

און אָט דאָס דווקא, וואָס ער איז נישט געווען ווי אנדערע רבים, ווי אנדערע צדיקים, אָט דאָס האָט אים געשאפן אסך, אסך אָנהענגער, טויזנטער און טויזנטער חסידים.

ווער האָט ביז צו אים, געזען א צדיק, אזוי ארומגעקעמט, ארומגעוואשן, אזוי באַשמעקט? ווער קען זיך פאָרשטעלן א רבי מיט קליינע ביצקאלער פיאותלער, מיט לאקענע שטיוועלער און מיט א זיידענער זשיפּעצע, וואָס ליגט אויף אים אָפּגעטאָקט, אויסגעגאָסן.

היינט, דער אויפיר זיינער, איז דאָך געווען גאָר אויסטערליש, קיינער האָט אים נישט געזען, נישט דאווענען, נישט לערנען. האָט ער דען נישט געדאווענט? האָט ער דען נישט געלערנט? גאָר אליץ איז געווען באהאלטן, פארבאָרגן. אפילו תורה זאָגן ביים טיש, אזוי ווי ס׳זענען זיך נוהג אנדערע צדיקים, האָט ער אויך קיינמאָל נישט געזאָגט. און אז אמאָל איז א יובל איז פון זיין מויל ארויס עפּעס אן אויסטייטש פון א פסוק, האָבן עס הסידים אויפגעכאפּט ווי א בארליאנט און זיך דערמיט גע-צאצקעט יאָרנוויין.

היינט, די שטוב זיינע, האָט גאָרנישט געכאַפּט דעם אויסזע ווי פון א גוטן־יידנס, נאָר זי האָט אויסגעזען, ווי פון נאָר, א גאָר רייכן פריץ, די רביצן, די טעכטער, זענען געווען באקליידט, אין סאמעט און אין זייד, נאָך דער לעצטער פאריזער מאָדע, און באהאָנגען מיט גאָלד, זילבער און בארליאנטן. און דאָס יינגסטע טעכטערל, האָט אפילו געהאט אן אייגן פערדל, א קליינס, וואָס מ׳רופט פאָני, און א רייט־מייסטער וועלכער פלעג זי לערנען רייטן.

און אז דער רבי פלעג זיך זעצן צום טיש עסן, האָט אן אָרקעסטער צוגעשפּילט.

נישט הסידים, האָבן דעם דאָזיקן דרך נישט פארשטאנען. רבנים, רבים האָבן פאריבל געהאט, ס׳טייטש? היתכן ווו איז דאָס געהערט געוואָרן? זיינע חסידים אָבער, האָבן דאָס דאָזיקע התנהגות, דעם דאָזיקן וונדערלעכן וועג פארטייטשט און האָבן געזאָגט:

— דער רבי, איז דער גרעסטער צדיק אין דער וועלט, ער דארף נישט דאווענען, ווייל ער איז לויטער תפלה. ער דארף נישט לערנען און נישט זאָגן קיין תורה, ווייל ער אליין איז הויל תורה.

נאָך האָבן זיי געזאָגט:

— דער רבי, איז א כהן־גדול. איז ראשית; דעם „כהן גדול“ דארף מען געבן אזוי פיל, אז ער זאָל זיין רייכער פון יעדן איינעם, והשנית, צווייטנס הייסט עס, דער כהן גדול, ווען ער פלעג אין בית־המקדש שטיין און טון די עבודה אויפן מזבח, זענען די לויים געשטאנען און האָבן אין כאָר צוגעזינגען און א אָרקעסטער מיט אלערליי אינסטרומענטן האָט צוגעשפּילט. און, ווער ווייסט דען נישט, אז דעם צדיקס טיש איז דער מזבח, און דאָס עסן איז דער קרבן? טוט דאָס דער צדיק מקריב זיין דעם קרבן.

און די חסידים, דערציילן וואָס זיי האָבן געהערט פון דעם צדיק אליין:

— וויאזוי מען געווינט זיך, אזוי גיט דער רבונו של עולם; איינעם איז גענוג נאָר ברויט מיט ציבעלע, באשערט אים דער פאָטער אין הימל נאָר וועגן אזא מין פרנסה. דעם צדיק מוז מען אָבער געבן אסך, גאָר אסך, וואָרעם; ערשטענס, איז ער א כהן, א מלך, און צווייטנס, איז דער צדיק דער משפיע, דאָס הייסט ער ברענגט אראָפּ „פרנסה“ פונעם הימל און אז דו גיסט אים, גיסטו דיר אליין. ווי אין פסוק שטייט געשריבן: „ומידך נתנו לך“ „פון דיין האנט גיב מיר דיר צוריק“.

און אזוי, האָבן הסידים, פון נאָענט און פון ווייט געגעבן און געגעבן אָן אויפהער, געלט אָן א שיעור, און כבוד אָן א מאָס, וואָרעם אז מ'גיט דעם צדיק, גיט מען פאר זיך אליין. גיט מען אסך, איז דער צדיק משפיע אסך, גיט מען ווינציק, איז דער צדיק משפיע נאָר ברויט מיט ציבעלע, וואָס זאָל ער טון?

און אזוי האָט דער דאָזיקער צדיק געקינדעלט, און געבוירן זין און טעכטער. חתונה געמאכט, אריינגענומען איידעמס און גע־האלטן זיי אויף קעסט, אויסגעגעבן זין, און אויך זיי געהאלטן ביי זיך, לעבן זיין טיש. און ס'איז זיי אלע נישקשה גוט געגאנ־גען. דעם רבין מיט דער רביצן מיט זיינע זינגען און שנירן, מיט זייערע טעכטער און איידעמס און מיט אלע זייערע קינדער, גע־באָדן זיך, ווי מ'זאָגט: אין פוטער און אין מילך.

ס'איז זיי נישקשהדיק געגאנגען, ווען נישט די אינטרינעס, צווישן די זין מיט די איידעמס, צווישן די טעכטער און שנירן, איבערן יונגסטן טעכטערל, וועלכע איז געווען אן אמתדיק פרי־צעלע, און דורך דעם אריינגעטראָגן א היפש ביסל סם אין דער משפחה:

— ס'טייטש היתכן? א רביצן? זאָל רייטן איינע אליין, אין וואלד מיט א זכר? און בשעת זיי האָבן גערעדט צווישן זיך, ס'זאָל חלילה נישט געוויר ווערן א פרעמדער, א זייטיקער, האָבן, סיי ביי די ווייבער, סיי ביי די מענער געפינקעלט די אויגן.

די חסידים אָבער, האָבן אלץ פארענטפערט; און אויך דאָס, האָבן זיי געהערט אסך מאָל פונעם צדיקס מויל; אז זיינע קינדער, זענען די נשמות פון דוד המלכס קינדער — און וואָס פרינצען, מעגן זיך דערלויבן טאָרן נישט טון אנדערע.

.2

די זון זענען געווען, הויכע, שלאנקע, מיט שווארצע, אָדער מיט בלאָנדע בערדלעך. מיט טיף־שווארצע, אָדער מיט הימל־בלויע אויגן, און הענטלעך, ווייכע, גלאטע ווי סאמעט. אָט די זין, זענען געווען שטארק שטאָלץ ביי זיך, ווייל זיי האָבן געוווסט, אַז זיי זענען נישט קיין פּראָסטע מענטשן, נישט אבי ווער, זיי זענען פּרינצן, קעניגלעכע קינדער דערפאר האָבן זיי אויף רבעלעך, פּאָ־רערלעך, געקוקט פון אויבן אראָפּ, מיט גרויס גדלות. און סיי די רבעלעך אין סיי די חסידים האָבן גאָר קיין פאריבל נישט געהאט, ווייל זיי האָבן געוווסט אז אזוי דארף עס צו זיין און

נישט אנדערש. וואָרעם ווער ווייסט דען נישט, אז נישט היינט, וועט מאָרגן, איינער פון זיי ארויף אויפן טראָן פונעם מלך המשיח. אויפן טראָן פון „דוד המלך".

און אמאָל אין געציילטע ווערטער, האָט ער אפילו אָנגעוויזן, ווי זיין שטייגער איז געווען, אז ער אליין איז טאקע דער מלך המשיח. און אז מ'האָט אים געבעטן, אז ער זאָל קלאָרער ריידן, האָט ער אזוי געזאָגט:

— ס'איז א משל, צו וואָס איז דאָס גלייך? צו מחותנים, וועלכע זענען זיך צונויפגעקומען אָפּשמועסן דעם זמן־החתונה. נו, איין מחותן רעדט, דער אנדערער מחותן רעדט, זיי האמפּערן זיך, שפּארן זיך, דער זאָגט אזוי, דער אנדערער קאפּויר. צום סוף בעטן זיי זיך איבער, פארשטייען זיי זיך איין. אָבער דער חתן, ער שווייגט, ער מישט זיך נישט.

די חסידים האָבן פארשטאנען, וועמען ער מיינט דאָס „די מחותנים"... און ווער „דער חתן" איז, האָבן זיי זיך אויך אָנגעשטויסן.

אז ס'איז אָבער באשערט געווען צו האָבן יסורים, שלעק און ווייטיקן, קומען זיי אהיים. ס'איז באשערט געווען דעם צדיק צו ליידן, האָט ער געליטן. און דאָס פון אייגענע. נישט חלילה והס אייגענע הסידים האָבן אים געמסרט, וויאזוי וואָלט אזוי וואָס געקענט גאָר געמאָלט זיין! וועמען וואָלט עס געקענט גאָר איבערן מוח, דורכלויפן א געדאנק חושד צו זיין א נירוזשינגעווער חסיד! דאָרט ווי יענע זענען מוכן ומזומן, יעדע רגע, יעדן אויגנבליק זיך מפקיר צו זיין פארן רבין. צו זיין די כפרה פאר זיינע טריט!!!...

נאָר אייגענע, דאָס זענען נאָבלעטשער חסידים. דער נאָבלעטשער רבי, ר" מאָטעלע, אן אייגענער מחותן מיטן נערוזשינגעווער. דער רבי ר' ישראלצע, האָט געמיינט, אז אויב ער וועט זיך משדך זיין, אויב ער וועט אוועקגעבן זיין געליבטן זון, דעם רבי ר' בערוניו פאר אן איידעם צום נאָבלעטשער, וועט אויפהערן די שנאה.

אָט די דאָזיקע „אייגענע" חסידים איז נישט אָנגעגאנגען דאָס מהותנתשאפט און זיי האָבן זיך אָנגענומען זייער רבינס קריוודע דעם רבין ר' מאָטעלעס קריוודע.

פּלוצעם איז דער קיעווער גובערנאטער, א גרויסער כלב, א המן, געוווּיר געוואָרן אז דאָס דאָזיקע יידל, דער נערוזשינגעווער, האָט ברעה צו ווערן מלך, און ווער ווייסט צו וויל ער גאָר נישט

פארכאפּן דעם טראָן אראָפּווארפן ניקאָלאיען, און זיך אליין אָנ־רופן „צאר“, ווער ווייסט?

האָט מען אים, דעם רבין פארמאכט אין א קרעפּאָסט, אין א תּפיסה הייסט עס, און מ'האָט זיך גענומען, חוקר ודורש זיין. האָט מען געזוכט און געזוכט אזוי לאנג ביז מ'האָט געפינען. א גאנצע מציאה;

עפּעס א חסידל, א פארשלעפּטע קרענק, א גרויסער אָרעמאן, קען ער נעבעך נישט געבן, דעם רבין אסך געלט, ווי ס'געבירט זיך צו געבן פאר א מלך, פאר משיחן, וויל ער כאָטש געבן „כבוד“. און כבוד — האָט אזא חסידל, פארן צדיקס וועגן, פולע צעריסענע קעשענעס.

שרייבט אָט דאָס חסידל, א בריוול צום צדיק. שרייבט ער אָן א טיטל פון עטלעכע מייל די לענג, און צווישן די אנדערע ווערטער, וואָס ער האָט דאָרט אויפן פּאפּיר ארויסגעפּלאפּעלט, האָט ער, נישט מער און נישט ווייניקער ארויסגעשריבן: „ישתבח שמך לעד מלכנו“. דאָס הייסט אזוי גרויס: „געאכפּערט און גע־לויבט, זאָל דיין נאָמען זיין, אויף אלע אייביקייטן, אָ, דו, אונדזער קעניג“.

מער האָט מען נישט בּאדארפט, דער צאר ניקאָלאי איז גע־וואָרן אש להבה, ממש פלאם־פייער. „הער! הער!“.

די רייכע חסידים, האָבן געוואָרפן מיט געלט, זיי האָבן אויפ־געוויזן מיט געזונטע ראיות, אז דאָס איז א פּוסטער נארישער טיטל, נישט מער ווי א טיטל. פּונקט ווי מ'האָט גענעבן, נאפּאָ־לעאָן דעם ערשטנס זון ווען ער איז געבוירן געוואָרן, דעם טיטל; „קייזער פון רוים“, אָדער דעם עסטרייכישן קייזער פראנץ יאָ־זעף דעם ערשטן; „אימפּעראַט פון ירושלים“. און נאָך און נאָך...

איז שוין געוואָרן גוט, דארף זיך אונטערקומען אן אנדער מעשהלע, און דאָס האָט פארפולט די מאָס; איינער פון די צוויי וועלכע האָבן דעם רבין געמסרט, האָט זיך אין א פּרייטיק, ר״ה יק געשוויצט אין באָד, און האָט פאר זיך געהאט צוויי קענדעלעך וואסער, איינס מיט זודיקן אָקריפּ, און דאָס אנדערע מיט קאלט וואסער, איז זיך דער דאָזיקער מסור טועה, און טוט אויף זיך א פּליוכע ארויף אויפן קאָפּ דאָס קרילענדיקע וואסער און פאר־שטייט זיך אז אין א פּאָר טעג האָט ער געלאָזט דעם דעך, און ער איז געשטאָרבן... ערשט איצט איז דער צאָרן געוואָרן נאָך שטארקער וואָרעם מ'האָט געפרעגט; „ווער האָט עס געטון“?...

די נערוזשאנעווער חסידים האָבן געטענהנעט, אז נאָר גאָט אליין האָט עס געטון, דאָס איז געווען אן עונש פונעם הימל. די קעגנער

ווידער, האָבן געזאָגט דווקא פאַרקערט, אַז דאָס האָט אַ נערוושי־נעוועזן חסיד געטון, אויפן רבינס באַפעל... די רייכע חסידים האָבן געזען אַז דער רבי שטייט שמאַל, פאַר אַזאַ מעשה, קען נאָך קומען ווער ווייסט וואָס, אַפילו סימביר אויכעט, האָבן זיי גע־כאַפּט דעם רבין און זענען מיט אים אַנטלאָפן, אַזש ביז קיי־עסטרייך.

געקומען קיין עסטרייך, האָט זיך צוגעטשעפעט, צום רבין, צו די חסידים, צו די רייכע הייסט עס, עפּעס איינער אַ באַראָן, וועלכער האָט צוגעזאָגט הרים וגבעות; אַז ער איז אַ חשוב ביים מלכות, ער, אַז ער וועט זאָגן קירהן, דעם קייזער הייסט עס, וועט זיין אין דער בעסטער אָרדענונג, וועט אים קיינער נישט טשעפּען. נאָר בתנאי, ער, דער רבי, זאָל ביי אים אָפּקויפן זיין גוט, איגאַיינעם מיטן שטעטל סאַדאַגורא.

— אין אַנדערן? פאַר קיין שום געלט אין דער וועלט, האָט דער באַראָן געשנהט. — נאָר פאַרן רבין וויל איך פאַרקויפן. ווייל אַז דער רבי וועט זיך דאָ באַזעצן, וועט דאָס שטעטל, וועט די געגנט איננאַנצן אויפלעבן.

דער רבי, די חסידים, האָבן געזען אַז ס'איז גאָרנישט קרום, האָט דער רבי אָפּגעקויפט דאָס גוט, דאָס שטעטל סאַדאַגערע, און דער רבי איז געוואָרן אַ גוטבאַזיצער, אַ פּריץ, וועלכער פאַרמאָגט הונדערטער אַקער־ערד, מיט אַ מעננגע פּויערים וועלכע באַאַר־בעטן אָט די ערד, און קיינער האָט נישט איבערגעקערט די צונג, קיינער האָט אים מער נישט געטשעפּעט.

— „פּה אשב כי אויתיה“. „אָט אַ דאָ וועל איך וווינען, ווייל איך האָב געגאַרט“, האָט דער רבי מיט אַ שטילן קרעכץ, געזאָגט אַ פּסוק פון דוד המלכס תהילים.

האָבן די חסידים, זיך געבויערט, געבראָכן די קעפּ און נישט פאַרשטאַנען דעם פּירוש פון אָט דעם „קרעכץ“.

— דער פּסוק, איז דאָך אַזאַ שיינער! אַזוי גוט צוגעפּאַסט! פאַרוואָסזשע קרעכצט ער דער צדיק? פאַרוואָס איז ער אַזוי טרויעריק?

און כדי אויף צו מונטערן דעם צדיק, ער זאָל ווערן פריילעך, ער זאָל נישט זיין הלילה אין עצבות, וואָרעם אַז דער צדיק איז הלילה טרויעריק, שאַדט דאָך דאָס פאַר אַלע וועלטן! זענען זיי געקומען צום רבין און אים דערציילט אַז זיי האָבן אָפּגע־מאַכט צו בייטן דעם נאָמען „סאַדאַגערע“ אין „ינר שהדותא“. דאָס הייסט אַז דאָס דאָזיקע שטעטל טוט עדות זאָגן, אַז דער רבי איז איינער און ווייטער קיינער.

דער רבי האָט זיי אויסגעהערט און א האלבן שמייכל געגעבן. און דער טרויער איז אויף אים ווייטער געבליבן הענגען...

ערשט שפּעטער, איז מען דערגאַנגען דעם זין פון אָט דעם עצבות, דער טרויער האָט זיך גענומען דערפון, וואָס דער צדיק, האָט זיך געפילט אויסגעריסן פונעם אָרט וו ער איז געבוירן און געוואקסן געוואָרן. ער האָט שטארק געבענקט אהיים, קיין רוס־לאנד. און כאָטש ער האָט תכלית שנאה פיינט געהאט דעם צאר, מיט זיינע פּאראָנדקעס, דאָך האָט זיין נשמה געגארט צו דעם לאנד, פון וואנעט ער איז אנטלאָפן. און בשעת דער חזן זיינער פלעג אויסזינגען נגונים וואָס פלעגן ציען ביים הארצן, פלעגט ער זיך מיט דער האנט דעם קאָפּ אונטערשפּארן און די נשמה זיינע האָט געבענקט און געבענקט. און אז חסידים פון יענער זייט פלעגן אריבערקומען, זענען זיי ביי אים געוועזן געהייכט און גע־קרוינט און ער פלעג זיי ווי טייערע קינדער, צו זיין הארץ צו טוליען. און ער פלעגט מיט זיי שמועסן און שמועסן אָן אויפהער און זיי אויספרעגן און אויספרעגן אָן א שיעור. און אז זיי האָבן שוין נישט געהאט וואָס צו דערציילן, האָט ער זיך פארטראכט און מיט א שטיל קול אין וועלכן ס'האָט זיך געהערט א ציטער פון פרייד געזאָגט:

— „משיח — קינדערלעך, וועט ס'ערשטע קומען קיין רוס־לאנד“.

3

סאדאגערע, אָדער ווי די נערוזשיגעווער חסידים, האָבן עס אָנגע־הויבן רופן: „יגר שהדותא“, אָט דאָס פארשטופּטע שטעטל אין דער בוקאָווינע, איז אויפגערעכט געוואָרן. הונדערטער חסידים, סוחרים פלעגן יעדן טאָג קומען און גיין. מ'האָט געשלאָסן גע־שעפטן, שדוכים. און פרנסה — האָט גערונען איבער אלע גאסן, און ווער ס'האָט געוואָלט איז געקומען און האָט געשעפּט.

וואָרעם, יעדער ניי ארגסטער מלמד, בטלן איז געוואָרן א סוחר און געהאנדעלט. האָט ער נישט געהאנדעלט אליין, איז ער געוואָרן א מעקלער, געדרייט זיך ביי אנדערע, אָדער ארום אנדערע. בקי־צור; ס'איז נישט געווען דער מענטש, וועלכער, זאָל געווען זאָגן: „ס'איז מיר ענג אין סאדאגערע“. דאָס הייסט; „איך האָב נישט ביי וועמען צו לייען א גמילות־חסד, אָדער ס'איז נישטאָ מיט וואָס צו האנדלען“.

האנדלען, סוחרעווען, א דאָס איז אריין שטארק צווישן יידן. דער עיקר, איז דעמלט געבוירן אזוי וואָס, דאָס, וואָס מ׳האָט שפּעטער גענעמען רופן; „בירזשע“. אויף דער בירזשע, האָבן סוחרים, געקויפט און פארקויפט סחורות, וועלכע נישט איינער און נישט דער אנדערער האָבן עס געזען פאר די אויגן.

סאדאגערע האָט געבליט און געוואקסן מיט די אויגן קוקנדיק. פון א שטעטל, א העק, א עפּוש, וואָס מ׳האָט פון עס נישט גע־ווּוסט, צו ס׳עקזיסטערט אפילו, האָט מען אָנגעהויבן צו שמועסן, אין אלע הויכע פענצטער, אין אלע גרויסע שטעט, ווי: ווין, בער־לין, צייטונגס־מענטשן, זענען אראָפּגעקומען אזש פון אמעריקע, פון ניו־יאָרק, כדי זיי זאָלן זען, זיי זאָלן הערן. און צייטונגס־פארקויפער, באַרוועסע יינגלעך זענען ארומגעלאָפן אין די ניו־יאָרקער גאסן און האָבן געשריגן ביז זיי זענען הייזעריק געוואָרן: „סאדאגערע“, „סאדאגערע“.

איצט, האָט דער גערוזשינעווער, בדעה געהאט זיך צו נעמען אויפבויען א הויף, מיט וועלכן די גאנצע וועלט זאָל קלינגען. ער האָט שוין אפילו נעהאט געמאכט דעם גאנצן פּלאן. האָט די נשמה זיינע אָבער געבענקט אהיים, צו דעם פאריתומטן בית־המקדש וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין גערוזשינעוו, דעריבער האָט ער צו די נאָענטע חסידים אזוי געזאָגט:

— דוד המלך, האָט זייער שטארק משתוקק געווען, ער האָט זייער געגלוסט צו בויען דאָס בית־המקדש, ער האָט אפילו גע־קויפט א פּלאץ ער האָט געמאכט דעם פּלאן. אָבער נתן הנביא, איז געקומען צו אים און אים געזאָגט: „לא אתה תבנה לי הבית לשבת“ — דאָס הייסט: „נישט דו וועסט מיר מיין הויז אויפ־בויען“. „שלמה, דיין זון — הוא יבנה לי בית“. — דער זון, דער זון, — ער וועט אויפבויען.

די מקורבים האָבן זייער גוט פארשטאנען, דעם דאַזיקן ווונק. און דער סאווראנער צדיק, האָט אין א שמועס מיט זיינע חסידים געזאָגט:

— „כלו קודש“, ווען דער גערוזשינעווער האָט מיר געוויזן דעם פּלאן, האָב איך געזען אלע כוונות וואָס דוד המלך האָט אריינגעלייגט אינעם פּלאן פונעם בית־המקדש.

. . . .

סאדאגערע האָט געבליט, געוואקסן און זיך צעוואקסן, האָבן זיך מתקנא געווען אנדערע שטעטלעך פון בוקאָווינע, פון גאלי־ציען, האָבן זיי אויך זייער שטארק געגלוסט, כאָטש צו א פּירטל פון דער דאָזיקער ליכטיקייט, כאָטש אביסעלע פון דעם דאָזיקן

גערודער, כאָטש אביסעלע, אביסעלע פּרנסה... האָבן זיי אויסגע־כאַפּט, אָט די ייִנגע־לייטלעך, מיט די טיף־שוואַרצע אויגן און פּעך־שוואַרצע בערדלעך, אָדער די מיט די פּאַרחלומטע בלויע אויגן, מיט די העל־בלאָנדע בערדלעך און מיט די פּוכקע סאַמע־טענע הענטלעך, אַזוי ווי ווייכע זיידענע קישעלעך... און האָבן פּאַר זייערט וועגן אויסגעבויעט פּריצישע קאַסטעלן און זיי באַ־זעצט.

— ס'איז אַ סגולה צו פּרנסה. — האָבן ייִדן געזאָגט.

— אַ סגולה, אַ סגולה צו אַלדעם גוטס. — האָבן פּריצים גע־שמועסט.

.4

ווען יונה קאַלינע, איז אויף גבֿריאַלס באַפעל, צוריקגעפאָרן קיין שוואַרץ־חשך, און ער האָט אים אָנגעזאָגט, ער זאָל מיט־ברענגען אַ ספר תורה, ווייל ראש השנה איז שוין הינטער דער טיר, און דער עיקר אַ שוחט, ער זאָל ברענגען צופירן ר' יואל שוחט. האָט זיך בײַ אים דער שוחט געבעטן:

— איך קען נישט, יונה טייערער, איך קען נישט פאָרן.

יונה איז געבליבן ווי זאַטשמעליעט, וויאַזוי קען ער צוריקפאָרן, אָן אַ שוחט! צו וואָס נוצט דאָס ספר תורה, אַז מ'האָט נישט קיין שוחט. ווער וועט דאַווענען? ווער וועט לייענען?

— סטייטש, ר' יואל, וואָס פאַלט אייך איין? האָט יונה כמעט מיט אַ וויינענדיק קול געזאָגט. — וואָס רעדט איר? ס'קריכט שוין פונעם האַלדז, נאָך אַמאָל מאַמעליגע, און נאָך אַמאָל אייער, און איבעראַמאָל פיש, ס'קריכט שוין צוריק! ס'בענקט זיך שוין נאָך אַ שטיקל פלייש. וואָס רעדט איר ר' יואל? איר ווייסט וואָס איר רעדט? גבֿריאל וועט מיך דערהרגענען וואָס רעדט איר?

— וואָס רעדט איר! וואָס רעדט איר! — האָט אים דער שוחט איבערגעקרומט. — איך האָב דיר דען געזאָגט, אַז איך וויל נישט פאָרן? נאָר נישט שוין, אין דער מינוט. — דו בלייב דאָ ביז איבער שבת, און איך פאָר אַריין צום רבין. איך אָנעב רבין טו נישט גאָרנישט.

— וואָס רעדט איר? האָט מיט זיך יונה געמאָרדעוועט, נאָר ס'האָט אים שוין נישט געהאָלפן. נאָך אין דעם טאָג, איז ר' יואל, מיט אַ געלעגנהייט אוועקגעפאָרן אויף שבת קיין נערוזשינעוו.

זונטיק אינדערפרי, איז ר'יואל אַריינגעגאַנגען זיך פּראַווען. דער רבי האָט פון אים צוגענעמען דאָס קוויטל, און אפילו נישט

אריינקוקנדיק וואָס ס׳שטייט דאָרט געשריבן, האָט דער רבי זיך אָנגערופן:

— א ביימעלע מיינס א ביימעלע, וויל איך מיר פלאנצען אין דער מאָלדאָווע. — מיין טאטע, זכותו יגן עלינו, האָט געזאָגט; אז פון זיינע קינדער, וועט מען וויסן ווער דער פאָטער איז. — און איך זאָג: פון מיינע קינדער וועט מען וויסן, וואָס פאר א גרויסן גאָט מיר האָבן! נו, — דו פאָרסט אין דער מאָלדאָווע, — זאָלסטו געדענקען דאָס ביימעלע — אזוי ווי דו האָסט געדענקט דעם בוים.

ר׳ יואל איז צעמישט געוואָרן, ס׳טייטש, ווען האָט ער דען געזאָגט אז ער פאָרט אוועק פון שווארץ־השך?! א פלא! א גרויסע פלא! האָט ר׳ יואל עטלעכע מאָל איבערגעחזרט אין געדאנק...

קאפיטל ח

דער יונגער פּריץ קאָדאַמוועלמא

נאָכן טויט פונעם פּריץ אלעקו האָט דער יונגער פּריץ זשאָרש, גענומען מאכן אביסל אָרדענונג אין זיין בעל־בתישקייט.

אויפגעצויגן געוואָרן אין פּאריז, איז דעם פּריץ זשאָרזש, שטארק קאלעמוטנע געוואָרן אויפן הארץ, ווען ער האָט דערזען, אז ער מוז בלייבן אינדערהיים. וואָרעם איצט, איז דאָך נישט וואָס ס'איז געווען. פריער האָט דער אלטער געוווסט אז ער מוז שיקן. פון וואנעט? איז דעם יונגען פּריץ נישט אָנגעגאנגען. ער האָט געריסן, געצאפּט, פון די פּויערים, פונעם שטעטל, אָבער איצט איז אדיע מיט פּאריז. איצט מוז ער אין אָט דעם דאָזיקן העק פארבלייבן. נודנע און פאסקודנע, יעדן טאָג זען די אייגענע פּנימער. גאָרנישט וועט זיך בייטן. נישט מער קיין טעאטער, נישט מער אמוזירן זיך, נישט מער שפּילן אין קאָרטן, גאָרנישט, גאָרנישט, לויטער נישט און נישט. פע, אזא מין לעבן פע.

און דער פּריץ שפּייט אויס, גלייך ווי ער וואָלט געווען איינגענעמען א גרויס גלאָז ריצנאייל. ער קוקט זיך אום מיט א פּאָר מוטנע אויגן, גלייך ווי ער וואָלט עמעצן געזוכט, פאר וועמען דאָס הארץ אויסצולאָדן, פאר וועמען זיך קלאָגן אויף זיין ביטער מזל, אָבער עמעצן אנדערש ווי דעם וועקיל, וועלכער שטייט מיט גרויס דרך־ארץ פאר זיין יונגען באלעבאָס, זעט ער נישט. ס'נעמט אים ארום, דעם פּריץ, א רחמנות אויף זיך אליין, אויף וואָס ער איז נעבעך איבערגעקומען — נישט אנדערש, נאָר זיך א מעשה אָנטון. ביי דעם געדאנק האָט ער געגעבן א ציטער, וואָרעם דער יונגער פּריץ האלט גאָרנישט פון אזעלכע זאכן. אפילו דעמלט ווען ער האָט זיך געדארפט שלאָגן אויף א דועל מיט אנאנדערן

פריץ, און די סעקונדאנטן זענען שוין געהאט געקומען אים ארויפ־פירן אויפן פיאקער, אפילו דעמלט האָט ער זיך אויסגעדרייט, און ס'האָט אים ווייניק וואָס געהארט וואָס יענער פריץ האָט אים אָנגערופן מיט אלע נבזהדיקע נעמען. און דאָס איז געווען דער־פאר, ווייל ער האָט מורא געהאט, טאָמער וועט אים יענער פריץ אנידערלייגען און ער וועט מער נישט קענען אויפשטיין. אפילו, ווען יענע יפה־פיה, פאר וועלכער ער האָט זיך געדארפט גיין שלאָגן מיט יענעם פריץ, האָט אים געזאָגט אז ער איז א פאס־קודניאק, א האָז און מער וויל זי זיין פנים נישט אָנקוקן, אפילו דעמלט, האָט ער זיך ווייניק וואָס צום הארצן גענעמען. און דאָס איז דערפאר, ווייל ער האָט זייער שטארק ליב זיין אייגן לעבן. איבער דעם, ווען דער משוגהדיקער געדאנק, אז ער זאָל זיך נעמען דאָס לעבן איז אים דורכגעפלויגן דורכן קאָפ, האָט ער געגעבן א ציטער און זיך געטראכט: — נאָר נישט דאָס! נאָר נישט דאָס!

אָבער וויאזוי חושכט מען אָפ אזא שיין לעבן, אזא שיינע וועלט מיט אזוי פיל שיינע פרויען, מיט אזוי פיל פרייליכקייטן, אין אזא פינצטערניש, אין אזא פארשטופטע ווינקל! ס'איז אים אפילו דורך א געדאנק, אז ער זאָל דאָ אין גוט באזעצן דעם שוואָ־גער זיינעם, מאדעליינס מאן, אָבער ער האָט אויך דעם דאָזיקן געדאנק גיך פארטריבן פון זיך.

אזא שכור! אזא פליט! אזא גזל! ער וועט דאָס גוט נאָך פארטאכלעווען פונקט ווי ער האָט עס געטון, מיט זיין אייגן גוט, און מיט דעם וואָס ער האָט באקומען, פון זיין פאָטער, מיט מא־דעליינס נדן.

צום סוף איז דער געדאנק זיינער צו צום שטעטל. (פונעם פאָטערס בריוו, האָט ער שוין געוווסט, וואָס ער איז אויסן מיטן שטעטל) רופט ער זיך אָפ צום וועקיל:

— דער טאטע האָט גוט אָנגעהויבן, ער האָט אָבער נישט פאר־ענדיקט.

— דער אלטער פריץ, זאָל אים די ערד גרינג זיין, האָט גע־וואָלט אז די יידן פונעם שטעטל זאָלן ווערן סוחרים.

— א דאָס זאָג איך דאָך אויך, איז אים דער פריץ ארײַן אינמיטן די רייד. — סוחרים, זאָלן זיי ווערן, סוחרים אין זייערע מאמעס ארײַן, וועט זיין גוט, אי פאר זיי, אי פאר אונדז.

— ס'איז אומזיסטע ארבעט, אומזיסטע מי, פריץ, ביי זיי איז געווען איינער, „גבריאל", האָט דער דאָזיקער מענטש פיינט געהאט, סוחרים און סוחרעריי און די דאָזיקע שנאה האָט ער

איינגעפלאנצט ביי זיי אויך, און גבריאל איז ביי זיי, ביי די־יידן אזוי הייליק, ווי ביי אונדז דער הייליקער „אנטאָן“. און כל־זמן ס'וועלן נאָך לעבן מענטשן, וואָס זיי געדענקען גבריאלן, וועט קיינער זיך נישט נעמען צו סוחרעריי. זיי ווייסן אפילו נישט, וויאזוי מ'געמט זיך דערצו.

— איך וועל זיי שוין אויסלערנען, איז אריין דער פריץ אין כעס, מיין פאָטער איז מיט זיי צו ווייך אומגעגאנגען.

קאפיטל ט

דער פריץ קאַדאַטווערמאַ, דער וועקיל צונא, ר׳ יואל און ברוך פאַרן אַנקוקן סאַדאַגערע

צונא איז געבוירן געוואָרן אין הויף. דער פאָטער, דער זיידע און אפשר נאָך דער עלטער־עלטער זיידע, זיינע, זענען געווען: וועקילן, דינערס, קנעכט, ביי די פריצים.

אנדערע דינערס, פלעגן אמאָל, ווען דער כעס אויף די פריצים האָט ביי זיי געזאָמט ביז גאָר, זענען זיי ארויס פון די כלים, און גענעמען נקמה, און ס׳פלעגט זיך צו הערן, ווי אזוי דינערס מיט געבויגענע פלייצעס פון דורות, האָבן זיך מיט צאָרן א לאָז געטון אויף זייערע פייניקער און געמאכט פון זיי אש און פאָרער. כאָטש זיי האָבן דערנאָך באצאָלט מיט זייער לעבן.

צונא איז נישט געווען אזעלכער; נישט ער, נישט זיין פאָטער און אויך נישט אפילו זיינע עלטער־זיידעס. זיי האָבן זיך קיינמאָל נישט אקעגן געשטעלט דעם ווילן פון די פריצים. פארוואָס? ווייל: צונא האָט געירשנט פון זיינע עלטערן, און זיי פון זייערע עלטערן דעם געדאנק, אז צון א פערד איז גייטיק א בייטש. און אויב ס׳איז פאראן א פערד וואָס דריגעט אויס, ערשט דעמלט מוז קומען די בייטש און אים לערנען שכל.

— ווו ס׳איז דאָ א פריץ — האָט צונא געלערנט מיט די איבעריקע דינערס — מוזן זיין קנעכט. א פערד און א בייטש, א פריץ און א קנעכט, זענען געגעבן געוואָרן פון גאָט און ווער ס׳שטעלט זיך אקעגן, גלויבט ער נישט אין גאָט...

דעריבער, האָט צונא שטארק אויסגענומען ביים פריץ. מחמת ער האָט געוווסט אז נאָר ער, פאָלגט נאָך געטריי, דאָס וואָס ער האָט געלערנט ביי זיינע עלטערן, דעריבער איז ער געווען די

רעכמע האנט ביים פּריץ און דער פּריץ האָט צו אים גרויס צו־טרוי געהאַט.

וואָלט מען אָבער געקענט מיינען, אַז צונא איז אזעלכער גע־ווען און נישט אנדערש. אַז צונא איז געווען ווי אסך אנדערע קנעכט, וועלכע דער פּריץ האָט אויסגעטיילט צו גוטן פאַר זייער איבערגעבנקייט מיט דער גאַנצער נשמה צום פּריץ.

ניין! צונא איז געווען אַ צעריסענער אויף צוויי שטיקער. אָט איז ער גרייט געווען זיך מקריב צו זיין פאַרן פּריץ און אָט איז ער געווען מיט לייב און לעבן פאַר די קנעכט... וואָסזשע האָט ער געקענט טון? האָט מען אים נישט איינמאָל געטראָפן אין דאָרפס קלויסטער קניענדיק פאַרן בילד פון גאָטס מאַמע און אויסגיסן זיין האַרץ, בעטנדיק, אַז גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען אי־בערן פּריץ און אויסרייסן פון אים דאָס שטיינערנע האַרץ און אריינגעבן אַ מענטשיש האַרץ, כדי ער זאָל זיך באַגיין מיט זיינע דינערס מענטשלעך.

דערפאַר, האָבן די דינערס, אים נישט פיינט געהאַט, זיי האָבן זיך פאַר אים אפילו נישט געהיט, ווען זיי פלעגן ארויסריידן אל־דעם בייז אויפן פּריץ, ווייל זיי האָבן געוווּסט, אַז כאָטש ער איז געטריי דעם פּריץ, וועט ער זיי קיינמאָל נישט מסרן, ווען אפילו ס'זאָל אים דאָס לעבן קאָסטן. און נישט איינמאָל האָט זיך גע־מאַכט, אַז דער פּריץ האָט געהייסן אַ דינער אָפּשמייסן, און צונא איז געווען דערביי, האָט מען געזען אַז ער האָט זיך געעקט פאַר ווייטיק. און ווען דער פּריץ האָט גערופן דעמלט גבריאלן, און ער האָט געזען אַז קיין שום קנעכט וויל אים נישט פאָלגן, האָט ער זיך צעשריגן:

— צונא, שוין זאָלסטו צעשמייסן דעם יידן, אַז בלוט זאָל רינען! צונא, האָט זיך אבער גישט גערירט. און אַז דער פּריץ איז אים ווי אַ משוגענער הונט באַפאַלן און אים מיט קולאַקעס, געהאַקט אין פּנים, אין האַרץ, האָט ער זיך אפילו נישט אַ ריר געגעבן. אַז צונא האָט אָבער דערזען, ווען דער פּריץ שלאָגט גברי־אלן, זאַמירעט זיך יענער צוריק, גלייך ער האָט בדעה אים צו־ריקצושלאָגן האָט ער דאָס נישט געקענט באַגרייפן, דער מוח זיינער, האָט דאָס נישט געקענט באַנעמען.

— ס'טייטש, — האָט ער שפּעטער געטעהנעט צו גבריאלן, אויפהייבן די האַנט קעגן פּריץ? קעגן פּריץ?

שפּעטער, ווען דער אַלטער קאָזמעא און צונא, זענען געקומען זען וואָס ס'טוט דער געשלאָגענער גבריאל, האָט זיך גבריאל אָנ־גערופן:

— צונא, צונא! א גרויס רחמנות אויף דיר! איך וויל דיך, גאָט בעוואָר, נישט פארשעמען. איך האָב עס דיר נישט געוואָלט זאָגן, נאָר איך מוז.

ס'איז פאראן א הונט, ווען דער באַלעבאָס האָט אים גוט אָנ־געשלאָגן, צעבראָכן עטלעכע שטעקענס איבער זיינע פּלייצעס, זאָלסטו זען וויאזוי דער דאָזיקער הונט קומט, שפּעטער מיט עטלעכע מינוט, ווען דער באַלעבאָס רופט אים, צו לויפן, וויאזוי ער לעקט אים די הענט, וויאזוי ער וואַרפט מיטן עק, גלייך ווי איינער רעדט: „זיי מיר מוחל, כ'וועל שוין מער נישט". — ווער ש־יועסט נאָך, אז דער באַלעבאָס טוט אים א גלעט, איז ער גאָר גליקלעך, און אז ווייַ אנאַנדערן הונט וועלכער וויל אָנפאַלן אויף זיין באַלעבאָס פון ה נטן. ער איז דאָך אומשטאַנד, יענעם הונט צו צעררייסן אויף שטיק־שטיקלעך!...

אין יענעם אויפדערנאַכט, ווען צונא און קאָזמעא, זענען צוריק אין הויף געגאַנגען, האָט קאָזמעא געזאָגט:

— ער איז נערעכט גבריאל. ער האָט דיר אָבער נישט געזאָגט אז ס'איז פאראן נאָך א סאָרט הינט, וועלכער נאָכדעם וואָס דער באַלעבאָס האָט אים באַבראָכן די ביינער, פארוקט ער זיך אין א ווינקעלע, און ער וויינט אין זיך שטילערהייט. דאָס ברענט אין אים א צאָרן אויפן באַלעבאָס. און מעג דער באַלעבאָס צעזעצט ווערן, אים רופן. וועט ער אזוי גיך נישט ארויסקומען. און לאַנג, לאַנג, א לאַנגע צייט, געדענקט ער די גרויסע עוולה וואָס דער באַלעבאָס האָט אים געטון. און אין א טאָג דערמאַנט ער זיך, — כאַפּט ער, און בייסט דעם באַלעבאָס אין דער פיאַטע. — אייניקע זאָגן: — דאָס האָט זיך דער הונט א שפּיל געטון מיטן באַלעבאָס. — אַנדערע זאָגן; אז ער איז משוגע געוואָרן. — ס'איז אָבער נישט אמת, האָט קאָזמעא געזאָגט נאָכקלערנדיק אביסל, — נישט ער האָט זיך געשפּילט, דער הונט, נישט ער איז משוגע געוואָרן. ער געדענקט די עוולה, ער געדענקט אסך, אסך יאָרן, די גרויסע עוולה — פארוואָס קומט זיך עס אים, דעם הונט? רעדט ווייטער קאָזמעא. ער איז געטריי, ער שטעלט זיך איין דאָס לעבן פאַרן באַלעבאָס, און צום סוף...

אָט אין די אלע ווערטער פון גבריאלן און פון קאָזמעאן, האָט זיך צונא דערמאַנט, איצט, ווען ער איז געזעסן אינאיינעם מיטן פּריץ אין דער קאַליאַשקע און זיי זענען געפאָרן זען מיט די איי־גענע אויגן, וויאזוי פון א שטעטל, א העק, איז געוואָרן א גאַנצער מיטל־פּונקט פון סוחרים און ס'זשומעט און ס'שווייבלט אזש מ'קען טויב ווערן, און דער דאָרטיקער באַראָן, איז גאָר אויפגע־

רעכט געוואָרן, ער האָט זאָגט מען, געקויפט זיך נאָך א גוט, און דאָס נאָר, ווייל דאַרט האָט זיך באזעצט א רבי.

טראכט זיך צונא: — גערעכט, גערעכט זענען זיי געווען, גבריאל מיט קאָזמעא.ביידע זענען זיי שוין אויף יענער וועלט, אָבער קלוגע מענטשן געווען. און א צאָרן נעמט אים ארום, אויף זיך, אויפן פריץ, וואָס זיצט דאָ לעבן אים.

— מ'וואָלט געקאָנט מיינען, — זאָגט ער אין געדאנק — אז דערפאר, ווייל אָן מיר טוט ער גאָרנישט, בין איך ביי אים דאָס אויבערשטע פונעם שטייסל, האָט דער אלטער פריץ זיך געשעמט, מיך אָנצורירן מיט דער רייט־בייטש, טאָמער אין אמאָל ארויס קאפריר? פלעג ער מיך נישט צו קאראוואשען, אז קיין גאנץ אבר איז אין מיר נישט געבליבן, הא? — וויאזוי־זשע איז דער? — און צונא, כאפט א זייטיקן בליק אויפן יינגן פריץ. — פאלט נישט ווייט, דאָס עפּעלע פונעם ביימעלע? טאָמער גערעט נישט מיין עצה, וועל איך נישט זיין דער שולדיקער? וועט ער זיך נישט באנוצען מיט דער רייט־בייטש? איז ער נישט געראָטן אָנעם פאָטער אין זיינעם? — ער טוט אויך גאָרנישט, אָן מיר. — איך בין שוין אלט, ווייגט ער אין זיך אריין, — מיינע פלייצעס וועלן שוין מער נישט אויסהאלטן.

.2

— וואָס איז דיר צונא? וואָס מאכסטו אזא זויער פנים?

צונא הערט, ווי דער פריץ רעדט צו אים, און אזוי פיל זאָרג, ליגט אין זיין שטימע. און ס'ווערט אים עפּעס אזוי ווי לייכטער אויף דער נשמה. — דער פריץ אליין! טאנצט אין אים דאָס הארץ, זאָרגט זיך אזוי פאר זיין געזונט. די דאָזיקע געדאנקען, באשעפטיקן צונאס מוח נאָר עטלעכע רגעס. א באלד, קומט אים אין קאָפּ דער געדאנק, פון וועלכן ער טראכט שוין פון א שטיק צייט אהער:

— ער זאָרגט פאר מיר, ווייל ער דארף מיך האָבן, ווייל ער קען א טריט נישט מאכן אָן מיר. איך קען זיי שוין גוט, אוי קען איך זיי די דאָזיקע פריצים!

— איך טראכט פריץ, צי ס'וואָלט נישט גלייך געווען, מיט־צונעמען איינעם אָדער צוויי פון די איינוואנדערער, זיי זאָלן קומען מיט אונדז. — זאָלן מיך מיטנעמען, האָט צונא, נאָך אביסל נאָכטראכטן געזאָגט; — זאָלן מיר מיטנעמען דעם אלטן יואל. —

די איינוואנדערער האלטן זייער צו אים, ווי צו גבריאלן. אָט דער דאָזיקער יואל, פלעגט זיין אן אָפּטער גאסט, נאָך ביים אלטן, ראבין זייערן, ווען ער, דער אלטער ראבין האָט נאָך געוווינט, דאָרט, אין רוסלאנד, פלעגט דער דאָזיקער יואל פאָרן צו אים, צום ראבין זייערן. — דער אלטער יונה קאלינע, האָט מיר דער־ציילט, אז ווען ער איז אים געקומען נעמען פון דאָרט אהער צו, האָט דער יואל נישט געוואָלט פאָרן, ביז ער איז נישט געפאָרן קודם צום ראבין, און זיך מיט אים גערעדט.

— אזוי! אזוי! — האָט זיך דער יינגער פריץ געחדושט. — מיר גייען נאָר איינמאָל אין יאָר זיך מתוודה זיין פארן גלח, און זיי, די יידן, טוען נישט א שפּאן, ביז זיי פרעגן נישט ס'ערשטע, זייער ראבין!

— אזוי איז עס פריץ — האָט צונא מסכים געווען — אָבער נישט צו יעדן ראבין, האָט מיר דערציילט ברוך, נאָר צו אזעלכן וועלכער איז אויך א צדיק.

— יא, יא, האָסט עס מיר שוין איינמאָל געזאָגט, האָט אים דער פריץ איבערגעשלאָגן די רייד.

— צונא, האָט אזוי ווי נישט געהערט, ווי דער פריץ איז אים אריין אין די רייד, האָט ער ווייטער גערעדט:

— דער דאָזיקער יואל, ווען ער האָט דערהערט, אז דער אל־טער ראבין איז געשטאָרבן, האָט ער אזויפיל געוויינט, אז מען האָט געמיינט אז ער שטארבט אויך.

— וואָסזשע איז דאָ צו קלערן? איז דער פריץ אים ווייטער אריין אין די רייד, וואָסזשע איז צו קלערן? נעמען, מיר אים מיט, מיט אונדז. און נישט קלערנדיק קיין סך, האָט ער זיך אויפגע־שטעלט אויף די פיס, און מיט דער רייט־בייטש נעגעבן א שטורכע דעם קוטשער. און ווען יענער האָט אויסגעדרייט דאָס פנים, האָט ער אים געזאָגט:

פאר צו, צום אלטן יואל. ווייסט ווו ער וווינט? דער קו־טשער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ.

. . . .

ווען די קאליאשקע מיט אונדזערע פארשוינען איז אריינגעפאָרן, אין סאדאָגערע איז דאָס שטעטל געגאנגען כאַדאָראָם, אויף רעדער. דאָס האָט דער אלטער רבי, דעם נירוזשענעווערס זון, התונה געמאכט א טאָכטער, און חסידים, טויזנטער חסידים פון ווייט און פון ברייט, מיט צדיקים, און רבנים זענען זיך צונויפ־געפאָרן ביי צו זיין אויף דער חתונה.

זענען, דער פריץ מיט צונאן, געזעסן אין דער קאַליאַשקע, און דער קוטשער מיט דער בייטש אין דער האַנט אויף דער ערד לעבן די פערד אינמיטן מאַרק, און נישט געוווּסט ווו זיך אַהינ־צוטון. דער אַלטער יואל, איז מיט ברוכן (אים האָט יואל גע־בעטן אַז מ'זאָל אים אויך מיטנעמען) שוין פון לאַנג אַוועקגעגאַנ־גען, זוכן אַ גאַספּאַדע, פאַרן פּריץ, פאַר די פערד, און זיי זענען נאָך נישט צוריקגעקומען. דער פּריץ איז געפּערלעך אין כּעס, אויף יואלן, אויף ברוכן, וואָס זיי האָבן אים געלאָזט אַ פרעמדן אין אַ פרעמדער שטאָט איינער אַליין, און דאָ נאָגט אים דאָס האַרץ, פּשוט אויף צו חלשן.

צונא, כאַפּט זיך יעדע מינוט, ער וויל לויפן, ער וויל זיי זוכן, ווו זענען זיי דאָס ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן, נאָר דער פּריץ האַלט אים צוריק:

— ווו וועסטו לויפן? דו קענסט נישט די שפּראַך, דו קענסט נישט קיין מענטשן, ווער וועט דיך פאַרשטיין, ווער וועט דיך אפילו אויסהערן.

אַ נס איז געשען, וואָס דער פּריץ האָט געגעבן אַ שטעל אָפּ אַ דורכפליענדיקן יידן, מיט אַ צעפּאַלאָשעטער קאַפּאָטע, און מיט נאָך מער צוויי צעפּאַלאָשעטע פּיאות, און יענער, כאָטש, ער האָט זיך געאײַלט, זייער שטאַרק ערגעץ ווו, האָט ער דאָך נישט געקאָנט מעיז פּנים זיין, ווען ער האָט געזען וועמען ער האָט פאַר זיך. אַ פּריץ, וועלכער רעדט צו אים אין דער דײַטשער שפּראַך.

— אָ ביטע שיין! האָט דער ייד געענטפערט דעם פּריץ אין סאַדאַגערער דײַטש, — דאַ, ביטע שיין, דאַ ניכט ווייט, קאָמען זי נור מיט מיר.

· 3

שפּעטער מיט עטלעכע שעה, איז דער יינגער פּריץ געזעסן, אין לייזער שענקערס, ווײַן־שענק (צונא מיטן קוטשער, האָבן פאַר־זאָרגט די פערד אין לייזערס שטאַלן) און נאָכדעם וואָס ער האָט אַרײַנגעגאָסן אין זיך עטלעכע גלעזער רויטן און ווייסן ווײַן, פאַרביסן מיט אַ זויער אוגערקעלע, (אַ אוגערקעלע, געזייערט אין עסיג, עפּנט דעם אַפּעטיט, אי צום עסן אי צום טרינקען) האָט ער גענומען אויספּרוּוון די שאַרפערע געטראַנקען: אַ גלעזל קאָ־ניאַק, — הם, גאָרנישט שלעכט, — הם, די עסטרייכער, פאַר־שטייען, ווייסן וואָס גוט איז, — אַ נו דאָס דאָזיקע, דאָס רויטע ווי בלוט — ווייזט דער פּריץ מיטן פינגער, אויף אַ פלאַש וואָס

שטייט אין פּאָליצע. — יאמאיקא־ראָם, לאָזט זיך לייזער הערן. דער פריין פארזוכט, אן ס'דאכט זיך אים, אז זינט ער לעבט און פון זינט ער איז א טרינקער האָט ער נאָך אזא פיין ביסל משקה אין מויל נישט גענומען.

— נו, און אניסאָן, געפינט זיך ביי אייך?

לייזער לאכט.

— א דאָס טרינקען די מאָלדאָווענער, די פריצים פון מאָל־דאָווע, איך האָב, ווי הייסט נישט, איך האָב אויך פּיפּערמענט, הייוון־בראָנפן, וועלכס אייער הארץ גלוסט.

דער פריץ טרינקט, און ער קען זיך גאָרנישט געגוג אָפּלויבן.

— אויב אזוי, מאכט לייזער, — אז איר לויבט טאקע אזוי שטארק די דאָזיקע געטרענקע, זע איך אז איר זענט דער אמתער מבין. — האָב איך פאר אייך, א גלעזעלע, איינס אין דער וועלט! און ער נעמט און דערלאנגט אים א פלעשל ווישניק, נאָך מיט די ווײנשל. — נאָר צו דעם איז זייער גוט א שטיקל געפילטן העכט... — חנהלע! חנהלע, שרייט ער אריין אין דער אָפענער טיר פון דער קיך.

עס באווייזט זיך אין דער טיר א יינג מיידל, א שלאנקע, א ברוין־הויטיקע מיט מאנדל־פאָרם געשניטענע אויגן. דער פריץ האָט זי ווי דורך (א זיפּ) געזען, מחמת די אויגן זענען אים געווען ווי מיט א הייטל איבערגעצויגן, און ווען די ברוינהויטיקע, האָט אויף אים א בליק געוואָרפן, און זאָפאָרט איר בליק אראָפּגעלאָזט, האָט זיך אים אויסגעדאכט, אז דאָס איז זי אנטשלאָפן געוואָרן, מחמת די וויעס וועלכע ער האָט צו יידענע פאַרהענגלעך פאר־גלייכט, האָבן די ליכטיקע פענצטערלעך פארשטעלט. און ער, אלס קאוואליער, אויפגעוואקסן און געכאָוועט געוואָרן אלע זיינע יאָרן אין פאריז, דארף, (אזוי האָט זיך אים פארוואָלט) זי פּאַ־וואָלענקע אויף די הענט נעמען, און אויפן ברייטן דיוואן אני־דערלייגן און אליין אויף די שפּיץ נעגל ארויסגיין.

ער איז אויפגעשפּרינגען, ער איז אָבער שווער, מיט א קרעכץ צוריקגעפאלן אויפן בענקל. פון די העכט, די געפילטע, מיטן וויש־ניק, האָט ער זיך די פינגער געלעקט, אזוי אויך, פון דער זופּ מיט געבראָטענס.

— נאָר צו אייך, האָט דער פריץ געזאָגט, און בשעת מעשה געסמאָטשקעט א בייגדל, — נאָר צו אייך וועל איך קומען עסן. — דערנאָך האָט ער זיך בארעכנט, אז ס'איז אביסל צו ווייט, האָט ער געפרעגט: — ווער ווייסט, די יידן ביי מיר אין שטעטל, קענען אויך אזעלכע פיינע עסנס צוגרייטן?

שפעט גאָר שפּעט, איז געקומען צולויפן ברוך, ער האָט קוים געקענט כאַפּן דעם אָטעם:

— קומט, פריץ, קומט. איך האָב פאַר אייך געפונען א גאָס־פּאָדע, איינס א ן דער וועלט. אפילו אין פּאַריז טרעפט איר נישט אזוי וואָס. ווו איז צונא? ווו איז דער קוטשער? גיכער, מ׳דאַרף איינשפּאַנען ס׳איז אויף יענער זייט ראָגאַטקע.

דער פריץ זשאָרזש, מיט א שכור פאַרגאַווערט פּנים. האָט מיט גלעזערנע אויגן געקוקט אויף ברוכן, גלייך ער האָט אים נאָך קיינמאָל אין זיין לעבן נישט געזען, און גלייך ס׳ווילט זיך אים פרעגן: „וואָס וויל אָט דער ייד פון מיר האָבן, וואָס דרייט ער מיר א קאָפּ מיט א גאָספּאָדע?

ברוך האָט אים אָבער נישט געלאָזט, און געזאָגט:

— פריץ, איך בעט אייך, איר זאָלט מיר מוחל זיין, איך בעט אייך, איר זאָלט מיך פאַרשטיין. אז איך זאָג אייך, אז אָט דאָ די דאָזיקע גאָספּאָדע איז נישט פאַר אייך. ווייס איך וואָס איך רעד. — ס׳איז היינט די חתונה, די רבישע חתונה.

דער פריץ שלאָגט אים איבער:

— וואָסזשע ווילסטו, ברוך? — האָט דער פריץ געלאַכט,— ווילסט איך זאָל גיין צו דער חתונה? איך גיי.

ברוך האָט זיך געבראָכן די הענט.

— פאַרשטייט פריץ, חסידים, גייען ארום, פון גאָספּאָדע צו גאָספּאָדע און וועמען זיי טרעפן, שלעפּן זיי ארויס אפילו פון בעט, און מ׳מוז געבן תיקון, און מ׳מוז גיין טאַנצן. — נו, איז דאָס פאַר אייך? פאַר אייער כבוד, איז דאָס?

דעם פריץ, איז עס דווקא געפעלן געוואָרן. טאַנצן? מהיכי תיתי, פאַר וואָס דען נישט? בראָנפן טרינקען? אך, מיטן גרעסטן כבוד. אָבער פאַרוואָס הייסט בראָנפן טרינקען, „תיקון“, אָט א דאָס, האָט געוואָלט דער פריץ וויסן. און דער פריץ איז צוגע־שטאַנען צו ברוכן, ער זאָל אים שווין; אין דער מינ.ט, זאָגן: וואָס איז דאָס תיקון?

אומזיסט האָט זיך ברוך געמיצט, אָנגעשטרענגט דעם מוח, ער זאָל געפינען עפּעס א וואָרט, א פּאַסיק וואָרט, וועלכעס ס׳זאָל דעם פריץ באַפרידיקן, ס׳איז אָבער נישט געגאַנגען. פאַרקערט, דער פריץ, איז פון זיין אויפקלערעניש נאָך מער צומישט געוואָרן:

— תיקון, נו יאָ, תיקון, דאָס א׳ז, אזוי וויאָס, וועלעכס מ׳גיט, ביי א יאָרצייט, „פּאַראַסטאַס“, הייסט עס. — האָט ברוך ארויס־געשאָסן.

— פאראסטאס? יאָרצייט? האָט דער פּריץ פאַרווונדערט גע־
פרעגט — פאראסטאס, יאָרצייט, דאָס איז דאָך ביי א טויטן! —
ביסטו משוגע ברוך?

— תיקון, תיקון, — האָט ברוך עטלעכע מאָל איבערגעחזרט,
געוואָלט געבן צו פארשטיין, ער האָט אָבער נישט געוווסט וויאזוי.

— ווייזט אויס, אז דו אליין ווייסט אויך נישט,— האָט דער
פּריץ געלאכט.

ברוך האָט זיך פארשעמט. — ווי הייסט? האָט ער זיך אליין
געפרעגט, ער זאָל נישט וויסן, וואָס דאָס איז תיקון? וויפל מאָל
אין זיין לעבן האָט ער געטרינקען תיקון: פרעמדן תיקון, אליין
געגעבן תיקון, ביי א יאָרצייט, א חתונה, א ברית, געקומען צום
רבין, תיקון, איז דעם רבינס גבאי געקומען צונויפנעמען מעמדות־
געלט, האָט יעדער געגעבן תיקון, ער האָט דאָך נישט אזוי פיל
האָר אין קאָפּ, וויפל מאָל ער האָט געטרינקען תיקון, היינט, זאָל
ער נישט ווישן, וואָס דאָס איז? ניין, ניין! האָט זיך ברוך געער־
גערט, ער ווייסט נישט, וואָס דאָס איז!

— אָבער פּריץ, האָט זיך ברוך געבעטן, — דער אלטער ר'
יואל וועט אייך שוין זאָגן, וואָס דאָס איז תיקון, נאָר איצט דארפט
איר קומען מיט מיר. ווו איז צונא? ווו איז דער קוטשער?, מיר
דארפן זיך צואיילען, וואָרעם אבאלד קומען די חסידים.

— חסידים? וואָס איז דאָס?

ברוכן, איז שלעכט געוואָרן, ס'הויבט זיך אָן? — טראכט ער
ביי זיך.

— וואָס זאָל איך אים איצטערט זאָגן? — וויאזוי גיט מען
דאָס אים צו פארשטיין?

דער פּריץ קוקט אויף אים, מיט א פרייליך שכור פּנים, ער
זעט ווי ברוך ווייסט אים נישט צו ענטפערן, און דאָס מאכט אים
שפּאס, מאכט אים פארגניגען.

— תיקון! חסידים! — זאָגט דער פּריץ — לויטער פרעמדע
ווערטער. — אהא! איך וויים שוין! — תיקון, דאָס איז אזא
מין געטראנק, און חסידים. דאָס זענען די טרינקערס, — די שכו־
רים. איאָ, איך האָב געטראָפן?

— יאָ געטראָפן און נישט געטראָפן, האָט ברוך געענטפערט,
— אזוי איז עס, און דאָך איז עס נישט אזוי. — גלויבט מיר
פּריץ, איר האָט מאקע געטראָפן, אָבער נישט אינגאנצן.

ברוכן, איז געווען שווער, זייער שווער, צו פארגלייכן חסי־
דים, צו פּשוטע שכורים, צו פּשוטע בראָנפן־זשליאָקערס. וויאזוי
קען ער, פארגלייכן, א ר' יואל, א ר' נחמיה וועלכער פלעג נאָך

אין דער אַלטער היים קומען צונויפגעמען מעמדות־געלט פאַרן רבין, וויאַזוי, קען ער אַזעלכע געהויבענע הייליקע יידן, פאַרגלייכן צו איינפאַכע שכורים! וויאַזוי! — האָט ער זיך אָנגערופן:

— זיי, די דאָזיקע חסידים, זשליאָקען נישט פּשוט אַזוי, — אָבער פריץ, האָט רחמנות אויף אייך, אויף מיר, קומט שוין — איך הער ווי זיי קומען, קומט שוין, אַבאַלד וועט זיין שפּעט. האָט ברוך זיך געבעטן.

— אהא! איך ווייס שוין! האָט זיך דער פריץ דערפרייט. — זיי קענען טרינקען, אַסך טרינקען, און זיי ווערן קיינמאָל נישט שכור. — זעסטו ברוך, אָט אַ דאָס איז דאָך זייער אינטערעסאַנט!

— אָט זענען זיי שוין דאָ, האָט ברוך פאַרברעכנדיק די הענט געזאָגט.

מיט אַ רעש און מיט אַ געפּילדער, האָט זיך די טיר אויפגע־פּראַלט, און ס'איז אַריין אַ קנויל מיט מענטשן, איינער איבערן אַנדערן, איינער אויפן אַנדערן, הענט אויף אַקסל, בערד, פּיאות, גאַרטלען און רויטע פאַרלאָפענע אויגן.

ברוך האָט זיך צו זיי אַ וואָרף געגעבן, ער האָט, ווייזט אויס, ברעה געהאַט, דעם פריץ צו פאַרטיידיקן. זיי, די חסידים אָבער, האָבן דעם פריץ נאָרנישט געזען, זיי האָבן געזוכט דעם באַלע־באָס, דאָ, האָבן זיי גערעכנט, וועלן זיי קענען טרינקען און טרינ־קען תיקון, יענער, אָבער, לייזער, ווען ער האָט זייערע טריט דער־הערט, האָט ער זיך אַרויסגעמאַכט, אַז מען האָט נישט געוווּסט וווּ זיין געביין איז אַהינגעקומען. דערווייל האָט עמעצער דערקענט אין ברוכן. דעם, וואָס האָט מיט זיי היינט אַ גאַנצן טאָג גע־טרינקען, און אַליין אויך געשטעלט תיקון, האָט ער זיך אויף אים אויסגעבייזערט:

— אַ! אַ דאָ ביסטו? דו למדָ, דו, פּעטער, דו, געגאַנגען זיך אַביסל אויסראַסטען ביי לייזער ווײַנשענקער! וואָס איז היינט, דו גולם, דו? דו פּעטער איינער, קום שוין, גיכער קום, וועסט דיך נישט אויסדרייען אָן תיקון!

דאָס געשעענע איז פאָרגעקומען אַזוי גיך, אַז ווען זשאָרזש, דער יינגער פריץ האָט ברעה געהאַט נאָכצושלעפּן זיך מיט די חסידים, איז שוין ברוך, געהאַט פאַרשווינדען געוואָרן מיט זיי אויף יענער זייט טיר, און צונאַ מיטן קוטשער, וועלכע זענען אַקאָרשט אַרייננעקומען, האָבן אים, דעם שכורן פריץ פאַרשטעלט דעם וועג.

— שוין געמאַכט דאָס געלעגער. האָט, לייזער, וועלכער איז ווי אַ — קעצעלע, שטיל אָן רעש אַריינגעקומען, זיך געלאָזט הערן.

צונא מיטן קוטשער, האָבן ארויפגעפירט, דעם שכורן קאָדאַטע־ווערמאַ, האלטענדיק אונטער די הענט, אויבן אויפן דאך־בוידעם־שטיבל, פאָרוים פאר זיי איז געגאנגען מיט א ליכט אין דער האנט, חנהלע און האָט צוגעלייכטן פאר די דריי פארשווינען. ביי יעדעס מאָל, ווען זי האָט זיך אויסגעדרייט, שטייענדיק אויף דער אויבערשטער טרעפ, און צוגעוואַרט אז די דריי זאָלן שוין קומען, האָט זיך קאָדאַטעווערמאַ אויסגעריסן פון זיינע באגלייטערס הענט, אראָפּגעלאָזט זיך אויף די קניעס, אויפגעהויבן די הענט ווי צו א תפלה און געזאָגט:

— אָ סאנטא מאריא!

צונא מיטן קוטשער, האָבן דעם שכור אויסגעטון, און באלייגט אין בעט און אים געוווּנטשען א גוטע נאכט.

— א גוטע נאכט? — האָט דער פריץ געפרעגט, — נו, און ווו איז דער „טיקער“? האָסט דאָך געזאָגט, אז דו גיסט מיר טיקער. ווו איז טיקער? איך וויל טיקער — טיקער — טי־ק־ע־ר! טי־ק־ע־ר, האָט ער מיט א שלעפעריג שכורער צונג געשריגן און צוגעטופּעט מיט די פיס אין בעט אריין.

צונא מיטן קוטשער, זענען געשטאנען און זיך איבערגעקוקט.

— וואָס וויל ער, די כאָליערע? — האָט דער קוטשער געפרעגט.

— שאַ, ער קען נאָך דערהערן. האָט צונא, שטיל זיך געבייזערט.

— האָב נישט מורא, באַדיע,* — זעסט נישט, ווי ער כאָרכעלט שוין ווי א געקוילעטע גאנדז?

* באַדיע — פעטער.

קאפיטל י.

די שטאָט סאדאגערע. — די רבישע חתונה. — א מעשה מיט א שטריימל און מיט א צאפ

ווי א דעק־טוך, וואָס פארדעקט דער כלהס פנים, כדי א גוט אויג זאָל איר נישט שאטן, ווי א טיש וואָס איז געגרייט מיט אלעם גוטען, נאָר ער איז איבערגעדעקט מיט א טישטוך, כדי דער נאשער זאָל נישט זען און זיך נישט צוכאפּן פאר דער צייט, אזוי איז אין יענער נאכט, אין יענער חתונה נאכט געווען די שטאָט סאדאגערע.

נאָך פון סאמע אויפדערנאכט, האָט זיך איבער איר אראָפּ־געלאָזט פונעם הימל א מאראקע א געדעכטע פינסטערע מא־ראקע, כדי קיין פרעמד אויג זאָל נישט זען וואָס ס'טוט זיך אינעם שטעטל און איר חלילה א גוט אויג געבן.

ברוך רבקהס, דער באגלייטער פון ר' יואלן, וועלכער האָט אסך יאָרן געהאט צו דערציילן פון די חדושים וואָס ער האָט זיך אָנגעזען אין יענער נאכט, האָט זיך, נאָכדעם, וואָס ער איז ארויס פון לייזער וויינשענקערס שטוב, אוועקגעמאכט פון דער באנדע שכורע חסידים. וויאזוי דאָס איז אים געלונגען, האָט ער אליין נישט געוווסט. פלוצעם האָט ער געזען, אז ער איז אין א פרעמדער שטוב; די טישן, די בענק, די בעטן ארויסגעשטעלט אויף דער פרייער גאס און אינעווייניק, האָבן געטאנצט, מענער באזונדער און ווייבער באזונדער. די מוזיק האָט געשפּילט און זיי האָבן געטאנצט. מ'האָט גענומען א יינגל, אים אויסגעסטרויעט ווי א כלה, אים איבערגעדעקט ס'פּנים, אים אוועקגעזעצט אויף א שטול, און עפּעס איינער א לץ, האָט זיך משוגע געמאכט, אויפ־גערופן, דאָ, דעם, דאָ, יענעם, צו טאנצן ס'מצווה־טענצל. דעם, וואָס דער בדחן האָט מיט א גראם אויפגערופן, איז צוגעגאנגען

גאַנץ ערנסט, אָנגענומען ביי דער כלה, א שפּיץ פון דער פּאַט־שיילע און געטאַנצט. נאָכן טאַנצן, האָט מען ווי דער סדר איז: אויסגערופן „שבת“ „שבת!“ דער אויפגערופענער האָט זיך צע־קנעפּעלט, און ארויסגענומען געלט און באַצאָלט פאַרן כבוד, וואָס מ׳האָט אים געגעבן. א טייל פון דעם געלט, האָט מען גע־געבן פאַר די כלי־זמר, און א טייל איז געגאַנגען וועגן משקה, וועגן „תיקון“.

ברוך האָט עס געזען, און ער האָט זיך זייער שטאַרק גע־הרושט. אלדינגס, אזוי ווי ביי אַן אמתער התונה.

פּלוצעם, האָט זיך געוויזן א יונגערמאַן, אין א זיידענער זשופּעצע, מיט א ברייטן זיידענעם גאַרטל, און אויפן קאָפּ א פיין סויבעלן שטריימל. דער דאָזיקער פאַרשוין; — האָט דערציילט ברוך, — האָט זיך געשאָקעלט ווי א ווערבע אויפן ווינט. צי איז דאָס געווען מחמת שכרות, אָדער מחמת מידקייט, האָט ברוך נישט געוווסט צו זאָגן.

דער דאָזיקער זיידענער יונגערמאַנטשיק, האָט זיך ארומגע־קוקט אין אלע זייטן זוכנדיק מיט די אויגן עפּעס א פּ ל ע צ ל ווו ער זאָל זיין שכורן, אָדער מידן קאָפּ אנידערלייגן. מיט אמאָל איז אים ליכטיק געוואָרן אין די אויגן, אין אלקער, האָט ער דערזען, א באַנקבעטל, אָנגעלייגט מיט קישענס, איבערבעטן, קאָלדערעס אזש ביז צו דער סטעליע.

מחמת, דער עולם איז געווען פאַרטון מיטן מצווה־טענצל, און מ׳האָט געטאַנצט און נאָך מער געלאַכט, האָט קיינער נישט באַ־מערקט, ווי דער דאָזיקער זיידענער יונגערמאַן איז צו, צו דעם גרויסן באַרג מיט קישנס, איבערבעטן און קאָלדערעס, פאַרבעט ביז צו דער סטעליע, גלייך ווי ער זאָל געווען דאַרפן איינגעמען עפּעס א שטאַרקע פעסטונג. ער איז אריין אין דעם באַרג, ווי א גרויסער זיגער. פוס אריין, פוס ארויס. געשפּאַנט מיט די שמו־ציק בלאָטיקע שיך, און ס׳האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אז אצינד גייט ער ארויס פון מצרים, און די יידן דאַרפן אריבער ברידזען דעם ים־סוף, און זיי האָבן מורא אריינצושפּרינגען, און ער, דער פיינער יונגערמאַן, איז גאָר נחשון בן עמינדב, ער שפּרינגט אריין ס׳ערשטע, און שרייט: „ש פּ ר י נ ג ט ! יידן שפּרינגט! האָט נישט קיין מורא, ער איז קלענער פונעם פּרוט!“. דערוויל, דערמאַנט ער זיך אז מ׳דאַרף זינגען די שירה, האָט ער זיך מיט א הייזעריק קול צעזונגען: „אָז ישיר משה“!

פּלוצעם, האָט זיך דערהערט א קוויטש, אזש דער גאַנצער פריילעכער עולם, איז געבליבן ווי פאַרשטאַרט און געליימט.

— א ווייטיק איז מיר נישט, קוק וואָס ער האָט מיר געמאכט פון מיינע פערענעס!

דאָס האָט די באלעבאָסטע געקווייטשעט און געמאכט מיט די הענט:

— אזא באָלערע! אזא פארשלעפּטע קרענק! — נ—ה—ו—ם ווי ביסטו נ—ה—ו—ם? זע נאָר, זע! האָט די יידענע פארבראָכן מיט די הענט, און פארגאנגען אין א געוויין.

דעם, וואָס די באלעבאָסטע האָט גערופן נחום, איז אין איין אָטעם געקומען צולויפן און דערזעענדיק דעם פרעמדן פארשוין אויוון אויפן בארג, שפּאנענדיק; א פוס ארייַן, א פוס ארויס, און זינגענדיק די שירה, האָט ער נישט געמאכט קיין סך שהיות און אים ביי א פוס אראָפּגעשלעפּט, אזוי, אזש דער גאנצער בארג האָט זיך איבערגעקערט. א טייל קישענס האָבן זיך צעריסן און פעדערן האָבן אָנגעהויבן צו פליען.

נחום, האָט אים ארייַנגעוואָרפן ס׳ערשטע עטלעכע פעטש, און דערנאָך געגומען אים צום זידלען, האָט זיך עמעצער אָנגערופן:

— זעסט נישט נחום, ווי ער האלט זיך קוים אויף די פיס? — וואַרף אים ארויס, און א עק זאָל עס נעמען.

— ניין! האָט עמעצער אנדערש זיך געלאָזט הערן, — ניין! בעסער א קאן וואסער אויפן קאָפּ און דערנאָך ארויסוואַרפן.

און ברוך דערציילט; אז די חסידים האָבן מקיים געווען ביידע זאכן אינאיינעם... איינער, האָט דאָס שבורע חסידל געהאלטן, אז ער זאָל שטיין גלייך, און עמעצער האָט אים מיט גרויס כוונה, פּאוואָלענקע, געגאָסן פון א קאן, קאלט וואסער, און דער גיסער האָט דערביי מכוון געווען, אז דאָס וואסער זאָל דעם חסידל ארייַנדרינגען אין אלע זיינע צוויי הונדערט אכט און פירציק אברים. — פונעם קאָפּ ביז צו די שפּיץ נעגל פון די פיס און בשעת מעשה, האָט ער אונטער דער נאָז, געזאָגט מיט א טרויעריקן ניגון, די פסוקים וואָס מ׳זאָגט בעת מ׳איז מטהר א מת:

„אָמר רבי עקיבא, אשריכם ישראל, לפני מי אתם מטהרים“. האָט רבי עקיבא, געזאָגט: אז ווויל צו אייך יידן פאר וועמענס וועגן טוט איר אייך רייניקן.

און די ארומיקע, טאלאפּען ארום אין דער נעץ, שרייען אים אריין גלייך אין די אויערן אריין:

„טהור! טהור! ט—ה—ו—ר!“.

— ש—מ—ע— ישראל! — שרייט אויס דער געפּייניקטער, און רייסט ברייט אויף די אויגן, פארחדושט און פול מיט שרעק.

— ג—וו—א—ל—ד! ג—ז—ל—נ—י—ם! ג—וו—א—א—א־
—ל—ד!

דעמלט, דערציילט ברוך, האָבן זיי אים אָנגעהויבן שטופּן צו דער טיר, און האָבן אים ארויסגעוואָרפן. און נחום, רופט זיך אָן:

— הערט, אַן עזות פון א יידן! נאָך פאר תחית המתים איז ער לעבעדיק געוואָרן! כאַ! כאַ! כאַ!

שטייט דאָס אויסגעווייקטע הסידל אינדרויסן. שאָקלט זיך, ציטערט, פאר קעלט, פון דער פריערדיקער שרעק און פארן פינ־סטערן דרויסן. מאכט ער א שפאן ווייטער, קלאפּט ער זיך אָן אָן א טיש, באפאלט אים ווידער דער שלאָף, נעמט ער און ציט זיך אויס אויפן טיש. דאָ וועט קיינער אים נישט שטערן, — טראכט ער ביי זיך. — קאָרטשעט ער זיך איין אין דער נאסער קאפּאָטע און הויבט אָן שנאָרכן.

טוט דער הימל א מאך מיט דער האנט און טוט א זאָג:

— שוין! געגוג איז געלעגן מיין שטעטל פארדעקט! נעמט אראָפּ דעם שלייער! דערווייטערט דעם דעקטוך, לאָמיר אויך זען וואָס טוט זיך עס עפּעס דאָרטן!...

דעמלט הויבט זיך אונטער דער דעקטוך, אלץ העכער, העכער, די מאראקע ווערט שיטערער, שיטערער. ס'שאריעט אויף טאָג. דער מאָרגן, האָט געגעבן דעם ערשטן געניץ.

2.

ס'לויפט א וואשנער הסיד, א פּנים אין מקווה אריין, די הענט פארשטעקט אין די ברייטע ארבל פון דער ראזעוולקע. דערזעט ער דאָס פּיטש נאסע הסידל, וואָס ליגט צעצויגען אויפן טיש און שנאָרכט, אין הוילן קאָפּ און לעבן אים ליגט א צעקנייטש שטריימל. נעמט דער וואזשנער חסיד, דאָס שטריימל אין די הענט אריין און באטראכט עס, באקוקט עס פון אלע זייטן:

— אָווא! אָווא! א פיין סויבל שטריימל — זאָגט ער צו זיך — קוק נאָר אָן רבונו של עולם, וועמען דו גיסט אזא פיין שטריימל! — זאָגט ער הויך, און ארומקוקענדיק זיך, האָט ער עס צונויפ־געקנייטשט אין דער האנט און בדעה געהאט, עס אריינצושטופּען אין בוזעם. דאָס שטריימל, האָט אים אָבער אָנגעהויבען צו בריען די הענט, און א גרויסער פלאם־פייערדיקער „לא תגנב“, פון די עשרת הדברות, שוועבט פאר זיינע אויגן. די הענט הויבן אים אָן

צו צימערן, און מיט זיי אויך דאָס שטריימל און בשום אופן קען ער נישט טרעפן צו זיין אייגענעם בוזעם, כאָטש דאָס העמד איז ביי אים צוכראסטעט און אפילו נישט צוגעבונדען מיט די בענ־דלעך.

דער וואזשנער חסיד קוקט אויפן שלאָפענדיקן, דאכט זיך אים אוים אז די אויגן זיינע קוקען אפיר פון אונטער די ברעמען, זיי רעדן און זאָגן: „לא תגנב!“ „גנבע נישט!“. קומט דער יצר הרע און טוט אים א טאָרע: „זיי נישט קיין בהמה, אזא שטריימעלע, אז דו וועסט עס פארקויפן מיט א גוטן פרייז, ביסטו פארזאָרגט מיט חיונה, א שטיק צייט“! און נאָך טאָרעט אים דער יצר הרע: זיי קיין בהמה נישט! ס׳איז א מצווה, א מצווה, אויף אזא פליט, זאָל ער אכטונג געבן אויף אזא טייער שטריימעלע!...

נאָר איין מינוט, הערט זיך צו דער וואזשנער חסיד צום יצר הרע, באלד קומט צוגיין דער יצר טוב מיט א גאנצען פאק מיט מוסר:

„וואָסזשע מיינסטו? אז אויב ס׳איז א מצווה אָנצולערנען אזא פליאסקעדריגע, ביסטו נישט קיין גנב? גנב! גנב! גנב! קלינגט עס אים אין די אויערן.

דער וואזשנער חסיד, טוט א מאך מיט דער האנט און א זאָג:

— אז מ׳קען נישט לעבן, קען מען נישט. — ער טוט א שמיץ מיטן שטריימל ווי עפּעס א טמא שרץ און טרעפט דערמיט דעם חסידל פונקט אין דער נאָז, יענער מאכט אויף, אויף א רגע די אויגן, טוט א וואָרטשע און דרייט זיך אויס אויף דער אנדערער זייט. דער וואזשנער חסיד טאָרעט אים:

— דו לײדאק איינער! דו שכור! שטיי אויף, מ׳וועט ביי דיר נאָך דאָס שטריימל צוגנבענען!

שנאָרכט דאָס חסידל און הערט אים ווי דעם קאָטער. און אז דער וואזשנער חסיד, שטייט צו, שטאָרכעט אים און זאָגט:

— העי, דו פליאסקעדריגע דו, מ׳וועט נאָך ביי דיר דאָס שטריימל צוגנבענען!

ווערט דאָס חסידל אין כעס, און דערלאנגט אים מיטן פוס אין בויך אריין און מורמעלט מיט פארמאכטע אויגן:

— גנב! גנב! — כ—כ—כ—ראָ פּע! כראָפּעט ווייטער דאָס חסידל.

— אויב אזוי, דו דריגעסט מיך נאָך, — זאָגט דער וואזשנער חסיד, — קום זשע שוין איבער אויף אנדערע הענט. ער דער־לאנגט אים א ז׳עץ איבערן קאָפּ און שפּאנט זיך אוועק ווייטער זיין וועג.

דאָס אלעם קען קיינער נישט זען, מחמת סאראגערע איז נאָך אלץ פארדעקט מיט א מאראקע, כאָטש זי האלט אין פארגיין, זי ווערט אלץ שיטערער, דאָך איז זייער שווער צו זען אויף עטלעכע טריט ווייטער.

פלוצעם, דערהערן זיך תקיעות. דאָס בלאָזט דער פאסטור, א סימן אז ער איז נישט ווייט מיט זיין סטאדע קו, ציגן און צאפעס.

דער שטיינער פון צאפעס, איז צו לויפן פאָרויס פאר דער סטאדע. פעדערט זיך א צאפ און לויפט הענדום פענדום, שאָקעלט מיטן בערדעלע, טראכט צאפישע מחשבות און קומט צו צום טיש אויף וועלכן ס׳ליגט אויסגעצויגן דאָס חסידל. שטעלט ער זיך דובאָם מיט צוויי פיסלעך אָנגעליינט אויפן טיש. שנאפעט ארום מיטן נעזל דאָס חסידל, און מיטן פיסקל מעלה־גרהט עס גאָט ווייסט וואָס, מסתם רעשטלעך פון דער געכמיקער וועמשע־רע. דערזעט דער צאפ דאָס שטריימל, כאפט ער עס אָן מיטן פיסקל און טרעסעט עס אזוי דורך אין דער ברייט. דאכט זיך אים, אז די שפיצן רייצן זיך מיט אים, אז זיי קיצלען אים, לאָזט ער עס אראָפ און זאמירעט זיך מיט די הערנער. א זעץ נאָך א זעץ, ביז אין ווערט א לאָך אין דאָס שטריימל בלייבט הענגען אויף איינעם פון די הערנער, טעלעבענדעט זיך דאָס שטריימל פאר זיינע אויגן און דאָס ברענגט דעם צאפ אריין נאָך מער אין כעס; לאָזט ער זיך לויפן, און דעמלט הויבט זיך אויף אינגאנצן די מאראקע און סאראגערע דערזעט איינעם פון די גרויסע וואונדער; א צאפ, אָנגעטאָן מיט א שטריימל, לויפט בארג אראָפ צום טייך.

יענטע, אן אָרעמע אלמנה, וועלכע טראָגט ארום מילך אין די גבירימס הייזער, האָט נאָר וואָס געהאט אויסגעמאָלקען איר קו מיט דער ציג. דערהערט זי די תקיעות פונעם פאסטור, הויבט זי זיך אויף פונעם בענקעלע, האלט די דיניצע אין איין האנט און מיט דער אנדערער טרייבט זי ארויס די בהמות אירע פון דער שטאל. זי טוט א טיפן קרעכץ, וואָס דאָס הייסט: „איך דאנק דיר רבונו של עולם, וואָס מיט איין האנט, שלאָגסטו, און מיט דער אנדערער האנט טוסטו היילן. און כאָטשע, איך בין נעבעך, א בידנע אָרעמע אלמנה, דארף איך נישט אָנקומען צו דער גאָב פון א בשר ודם“.

ווי אזוי זי גייט נאָר אריבער דאָס בריקל אויפן שטראָז, דעמלט איז אויף איר אָנגעלאָפן מיט גרויס אימפעט דער צאפ מיטן שטריימל און ער האָט זי איבערגעקערט איניינעם מיט דער

דינעצע מילך. יענטע איז געבליבן ווי זאטשמעלעט. מיט שווערער מי האָט זי זיך אויפגעהויבן, און פארגעסנדיק אז דאָס טיכל, איז איר פונעם קאָפּ אראָפּגעפאלן, האָט זי זיך גענומען לויפן און שרייען:

— ג—וו—א—ל—ד! ג—וו—א—ל—ד! א ג—ל—ג—ו—ל! א ג—ל—ג—ו—ל!

יענטע, האָט מיט איר געקוויטשעריי, אויפגעוועקט, די גאנצע שטאָט מענטשן, וועלכע האָבן נאָר וואָס זיך צוגעשפּארט, כדי אביסל זיך אָפּרוען פון דער גאנצער נאכט הוליען און טאנצן. אסך אירע זענען ארויס, אזוי, מחילה אין די אונטער תחתונים:

ווו? ווו ברענט? ס'ברענט — און ווען זיי זענען געוווירגעוואָרן, אין וואָס ס'האנדעלט זיך, פון וואָס ס'איז די רייד, האָבן זיי אויסגעבטלט חלומות, אין אויף זייערע פּנימער האָט זיך א טרויער אויסגעשפּרייט און יעדער האָט זיך פארטראכט:

— ווער, ווער ווייסט?! ווער ווייסט, ווער דער גלגול איז! ווער ווייסט!

שפּעטער, אין רבינס בית-המדרש, ווען אלע חסידים, האָבן פארוואָרפן זייערע טליתים אויף זייערע אקסלען, געקוקט אויף די ציצית, געדרייט זיי, ווי מ'דרייט ק ו ט א ס ן, בודק געווען, צו פעלט נישט חלילה פון זיי א פאָדעם, און זיך צוגעגרייט צום דאווענען, זענען זיי ארומגעגאנגען ארויף און אראָפּ, פארמאכט און פארדבקהט, צוגעבאָמקעט עפּעס א ניגונדל און ווען און ווען זיך אריינגעמישט מיט א וואָרט; אז בלי ספק, אז דער צאַפּ מיטן שטריימל איז א גלגול.

דער וואזשנער חסיד, האָט פּונקט דעמלט געזאָגט זוהר, ווען ער האָט דערהערט די מעשה מיטן צאפּ און מיטן שטריימל, האָט ער געגעבן א קוש דעם ספר, בייז געגעבן א צי די באָרד, און זיך אָנגערופן:

— אָווא! אָווא! אן א ק ט, א מעשה! אָווא! א שאָד! א שאָד!..

שפּעטער מיט עטלעכע שעה, האָבן פּויערים, פישערס ארויסגעצויגן דעם צאפּ פונעם טייך און שטיקלעך שטריימל האָבן זיך נאָך געטעלעבענדעט אויף די הערנער. די פּויערים האָבן אויסגעשפּיגען פאר כעס, און יידן ווען זיי האָבן אים געזען, מחמת; די געשיכטע האָט זיך תיכף פארשפּרייט אין דער גאנצער שטאָט, און יעדער איז געלאָפן זען, האָבן זיך געשווירן; אז אזוי זאָלן זיי הערן שופר של משיח, ווי זיי האָבן געהערט זאָגן, אז ס'זענען

דאָ מענטשן, וועלכע האָבן געהערט מיט זייערע אויערן, אז ווען דער צאַפּ איז אריין אין טייך, האָט ער פארן אונטערטונקען זיך, צוויי מאָל אויסגעשריגן: „שמע ישראל!"...

.3

ס'ערשטע, וואָס דער פריץ קאָראַטוועדמא, האָט געפרעגט רב יואלן, בשעת זיי זענען צוריקגעפאָרן, איז געווען: וואָס איז דאָס „תיקון".

רב יואל האָט געמיינט, אז דער פריץ האָט אוודאי געהערט די מעשה מיטן צאַפּ און מיטן שטריימל, האָט ער ווי ווייט ער האָט געקענט אים מסביר געווען; אז דער צאַפּ איז געווען א פאר־זינדיקטע נשמה פון עפּעס א יידן און אז ער האָט געדאַרפט האָבן א תיקון.

— וואָס? האָט דער פריץ זיך צושריגען — תיקון, איז נאָר א צאַפּ? און איך האָב געמיינט, אז דאָס איז אזא משקה, וואָס חסידים טרינקען און טרינקען, און ווערן קיינמאָל נישט שכור! — דער רוח ווייסט אייך יידעלעך וואָסער פאָלק איר זענט! קומט ברוך און זאָגט; אז תיקון איז יאָ בראָנפן און נישט בראָנפן. מ'זשל אָקעט יאָ און מ'זשליאָקעט נישט. איצט דערציילט איר, אז תיקון איז גאָר א צאַפּ. נאָר לאָמיר דאָס לאָזן אויף אנאנדער מאָל, איר, זאָגט מיר בעסער. וואָס איר האָט אויסגעפּוילט ביי אייער צדיק. אָבער, איך בעט אייך ריינע ווערטער. וועט זיך ביי אונדז אין שטעטל, באַזעצן א צדיק? זאָגט, אָבער קלאָר. נישט ווי אייער טבע אהין און צוריק, יאָ און ניין, איז ביי אייך אויסגעמישט. תיקון, נישט תיקון, בראָנפן, יאָ בראָנפן, נישט בראָנפן, צאַפּ, תיקון, בראָנפן, צאַפּ, כ—כא—כא—כא! דול, משוגע, קען מען פון אייך ווערן.

און כאָטש, רב יואל האָט צוגעהאָלפן דעם פריץ לאַכן, דאָך זענען זיינע מחשבות געווען, ווייט גאָר ווייט. ער, האָט אין זיינע געדאַנקען איבערגעחזרט, די נביאישע ווערטער, וואָרט, ביי וואָרט געדענקט ער, וואָס דער אלטער צדיק, האָט צו אים געזאָגט, בשעת ער איז געקומען זיך געזעגענען, ווען ער האָט געהאלטן ביים אוועקפאָרן פון „שווארץ־חשך" קיין מאָלדראָווע. און אזוי האָט ער אים דעמלט געזאָגט:

„א ביימעלע, מיינס א ביימעלע וויל איך מיר פלאנצן אין דער מאָלדראָווע... דו פאָרסט אהין, אין דער מאָלדראָווע, זאָלסטו גע־דענקען דאָס ביימעלע, אזוי ווי דו האָסט געדענקט דעם בוים"...

— אָפּענער רוח הקודש, ריינע נבואה, — האָט עס געשטו־
דעמט אין רב יואלן, — אָט ווערן, איצט זיינע הייליקע ווערטער
מקוים. אָט איז געקומען די צייט, ווען א צווייגעלע פונעם אלטן
בוים, ווערט פארפלאנצט דאָ אין דער מאָלדאָווע. די ליכטיקע
אויגן פונעם צדיק, האָבן דאָס געזען מיט אזוי פיל יאָר צוריק!
מיט אזוי פיל יאָר!

קאפיטל יא

דער רבי קומט, דער רבי פראוועט

אין עטלעכע טעג ארום, נאָכדעם וואָס רב יואל מיט ברוכן האָבן זיך אומגעקערט פון סאראגערע, איז אינמיטן העלן טאָג געקומען צו פליען א רייטער. אריינגעקומען אין שטעטל, האָט ער פונקט דערזען, ברוכן, וועלכער איז געשטאַנען אויף דער שוועל מיט א זעג אין דער האנט.

דער פרעמדער האָט געגעבן א פרעג:

— א ווו וווינט דאָ רב יואל דער שוחט?

— א דאָ, נישט ווייט, פונקט אקעגן איבער, האָט ברוך געזאָגט — איר דערקענט די שטוב זיינע, אָן דער גרויסער מזוזה, וואָס איז אָנגעקלאפּט ביי דער טיר. — שאט, ווארטס א רגע, איך גיי אייך ווייזן.

ברוך איז אריין אין שטוב, אויסגעטון דאָס פארטוך, אנגידערגעשטעלט די זעג לעבן וואַרשטאט און איז ארויס אויף דער גאס. דעם רייטער האָט ער שוין נישט געזען, נאָר דאָס פערד איז געשטאַנען צוגעבונדען צום פּלייטל, ביי רב יואלס הויז.

דער פרעמדער, האָט וווייזט אויס, געמוזט זייער גיך רייטן ווייל דאָס פערד איז געווען דורכגעווייקט אין שוויים, און אקעגן דער זון האָט די פעל זיינע געגלינצערט ווי א שפּיגעלע.

ברוך האָט דאָס פערד געגלעט, און גערעדט, צו אים גלייך ווי צו א מענטשן:

— דו, נאריש פערד וואָס דו ביסט, פארוואָס האָסטו דיך געלאָזט אזוי שטארק טרייבן? און ווען דו קומסט אָן שפּעטער מיט א שעה, אָדער צוויי, וואָלט געווען אויסגערונגען געוואָרן דער באַרשט? ער האָט דאָך פון דיר דעם דעך ארויסגעיאָגט! און

אז ברוך, האָט דאָס פערד אָפּגעבינגען פונעם פּלייטל, עס אָנגע־גומען ביים צײמל און געוואָלט פירן אין שאָטן. האָט זיך אויפּ־געריסן דאָס פענצטער, און דער פרעמדער האָט געשריגן:

— זע, גיב אים נישט קיין וואסער, ווייל ער איז דערהיצט!

טראַכט ביי זיך ברוך: — א גרויסער חכם ביסטו, וואָרען, איך וועל יאָ געבן וואסער? מ'דאַרף דאָך זיין א פשוטער אָקס, אַז מ'זאָל אזויפיל נישט פארשטיין. ביסט א גרויסער חכם, נישטאָ וואָס צו ריידן. — וואָס האָסטו געגעסן, וואָס דו ביסט אזוי קלוג! ברוך, האָט אויפן פרעמדן געוואָרפן א בליק, פול מיט שנאה, ווי איינער רעדט: „ביסט א רשע, און אז א פערד, איז וואָס, איז שוין נישטאָ קיין רחמנות, צו א שטומער בהמה?“.

זאָפאָרט, האָט זיך, אין שטעטל פארשפרייט די ידיעה, אז דער רבי קומט, און אז ער וועט דאָ נעכטיקן.

בליץ שנעל, האָבן די יידן, זיך גענומען צוגרייטן, צו אָט דעם גרויסן געשעעניש. צו מקבל פּנים זיין דעם צדיק, דעם אלטן נערוזשינעווערס א זון. האָט דער שוסטער אוועקגעלייגט, זיין האמער, זיך אָפּגעוואשן די הענט פונעם פּאַפּ, די נעגל פון בלאָטע און פון שוסטער־סמאָלע, דער סטאָליער, האָט אויסגעטון זיין פאר־טוך און אוועקגעלייגט דעם היבל, דער קאָוואל, האָט זיך געריבן די הענט מיטן פּנים, מיט פּאָפּעשוייענע קלייען, כדי ס'זאָל פון אים אראָפּ דער רויך. און מקנא געווען, האָבן זיי, דעם שניידער, וועלכער, האָט פארשטעקט דאָס נעדעלע אונטערן לאַץ, אריין אין דער שבתדיקער קאפּאָטע און, פון זיינעטוועגן, מעג דער רבי שוין קומען.

רב יואל מיטן פרעמדן, זענען ארומגעלאָפן, צוגעגרייט, דאָס, יענץ, און א דירה האָבן זיי אויסגעקליבן, די בעסטע און די שענסטע, און דעם באַלעבאָס, האָבן זיי געבעטן ער זאָל מוחל זיין און מיט זיין גאנץ בני בית זיך אריבערפּעקלען צו שכנים...

סטאָליארעס, האָבן אין בית־המדרש, אין מזרח ווינקל, צוגע־גרייט א שטיבעלע פון ברעטער. וואָרעם דעם נערוזשינעווער רבינס קינדער, דאַווענען קיינמאָל נישט אינאיינעם, מיטן איבעריקן עולם. אליין, פאר זיך, קיינער זאָל נישט זען, וויאזוי ער דאַווענט, וויאזוי ער לערנט.

פארנאכט, זענען ס'ערשטע אָנגעלאָפן, צוויי פיאקערס, פון וועלכע ס'זענען ארויס; גבאים, שמשים און דער מלמד פונעם רבינס בן־יחיד.

שפּעטער אביסל, איז אָנגעקומען א געדעקטער קאַלעס־וואָגן, געשפּאנט צו זעקס פּערד, וועלכעס מ'האָט אזוי וואָס נאָך נישט געזען, א הויז ביי די גאָר גרויסע פּריצים.

פונעם קאַלעס־וואָגן איז ארויס א הויכער יונגערמאן, מיט א מאט ברוין פּנים, וועלכעס ס'האָט ארומגענומען ווי א רעמעל א בילד, א גאָלדפארביק בלאָנד בערדל.

מיט זיין געשטאלט, און מיט זיינע העל־בלויע אויגן, האָט דער רבי געכאפּט דעם אָנבליק, פון עפּעס א הייליקן, וועלכער איז אויסגעמאָלן אויף די קריסטלעכע בילדער. און דעריבער, די פּאָר קריסטן, פּויערים, וועלכע זענען געווען דעמאָלט אין שטעטל. און צוגעזען ווי דער רבי, גייט ארויס פונעם קאַלעס־וואָגן, האָבן זיי מיט גרויס דרך ארץ אראָפּגענומען די קוטשמעס פון די קעפּ, און געבליבן ווי פארשטיינערט, איין פּויער האָט זיך פארגעסן, און בשעת, ער האָט זיך דעם קאָפּ אָפּגעדעקט, זיך אויך שטיל איבערגעצלמט.

— איך האָב געמיינט, אז ס'איז, יעזוס, ווען ער האָט גע־שפּאנט, איבער די כוואליעס פונעם ירדן, — אָדער איבער די וואָלקן־כוואלעס, האָט א פּויער געזאָגט שפּעטער ברוכן.

ביי דער האנט, האָט דער רבי געפירט, א קליין יונגעלע, דאָס איז געווען דעם רבינס בן־יחיד, אויף וועלכן מ'האָט גע־זאָגט, אז אלטע חסידים רופן אים שוין אויך רבי, און זיי פּראווען זיך ביי אים. ער האָט, זאָגט מען, שוין אויך באוויזן עטלעכע מופתים. נאָר ברוך וויל עס נישט גלויבן. — אזא קליינינקער? ער קען דאָך נאָך נישט דעם אלעף בית! האָט ברוך גשטענהנעט.

— זיי קיין נאר נישט, האָט דער אלטער בעדער, נפתלי זיך אָנגערופן, צו א מופת, דארף ער נישט קענען לערנען, אפילו נישט דעם אלף־בית. דאָס ווערט אזוי געבוירן. איך, קען נישט, די קענסט אויך נישט, אָבער ער, אָהאָ!

ברוך האָט אים מיף ארייגעקוקט אין די אויגן. אנאנדערער אויף ברוכס אָרט, וואָלט זיכער נישט געקענט דערקענען אין דעם אלטן, עפּעס א באהאלטענעם מיין, ברוך אָבער, האָט דער־זען, דאָס בליצל, וואָס האָט געבלישצעט, אין דעם אלטנס אויגן.

אזוי ווי דעם רבינס קאַלעס איז געבליבן שטיין, און ס'איז ארויסגעגאנגען דער רבי, איז הינטער דער קאַלעס, אויך געבליבן שטיין, א פּיאקער און פון דאָרט זענען אראָפּגעשפּרינגען חסידים; אלטע און יונגע, וועלכע האָבן זיך ביי די הענט גע־

גומען, און דעם רבין ארומגענומען, אזוי ווי מיט א רינג, גישט צולאָזענדיק קיינעמען צו אים.

— זעסט? — האָט דער אלטער נפתלי געשמאָרכעט ברוכן. — זעסט? ווען גבריאל לעבט, וואָלט ער אזוי וואָס נישט געווען צוגעלאָזט; ער וואָלט געווען געזאָגט: „צו וואָס טויגן די פוילע געגג? אויב דער רבי איז הייליק, איז נאָר די קדושה, ווען ער איז צווישן פאָלק"...

— און, דער אלטער רב יואל, האָט ער נישט געלערנט מיט אונדז דעם שבת, די סדרה, האָט ער נישט געזאָגט, אז ווען מ'וויל זיין הייליק, קען מען נאָר שעפּן די קדושה פונעם פאָלק? ווייל גאָט אליין האָט אויך געזאָגט: „ושכנתי בתוכם"? „און איך גאָט וועל רוען צווישן זיי"? — האָט ברוך מיט ערגערניש זיך אָנגערופן. — נאָר, וואָס איז דאָ צו ריידן? זעסט נישט פעטער נפתלי, ווי דער אלטער רב יואל, איז אויך פארנארט, כאָטש, קוק! קוק!, ס'איז נאָר צום לאכן, אים, לאָזן די פּליאסקעדריגעס אויך נישט צו, אז ער זאָל געבן שלום דעם רבין! !

צווישן די אָנגעקומענע חסידים, האָבן זיך אויך ארומגע־דרייט צוויי משונהדיקע פּארשוינען: איינער, א לאנגער, א דארער, א אויסגעצויגענער, וועלכן די שטעטלדיקע, האָבן תיכף א נאָמען געגעבן: „די פּרוזשינע". דער צווייטער, איז געווען דער היפּוך פונעם ערשטן; קליין, נידעריק, שטארק פעט, אָנגעדראָבטשעט, נו, פּאסט נישט פאר זיינעט ווערן, דער נאָמען: „ס'פּעסעלע"? ווער, ס'האָט די דאָזיקע צוויי פּארשוינען גע־קרוינט, מיט די דאָזיקע נעמען? האָט קיינער נישט געוווּסט, איבעריקנס, האָט עס קיינעם אפילו נישט אינטערעסירט צו וויסן, ווער ס'איז געווען דער דערפינדער, געגוג איז, אז יעדער האָט זיי אזוי גערופן, און אפילו זיי אליין, האָבן שוין אויך געוווּסט, אז אזוי זענען זייערע נעמען און נישט אנדערש. און אז דער לאנגער, דער דארער, וועמען מען האָט גערופן פּרוזשינע, איז א מאָל שפּעט ביינאכט אהיים געקומען (ער איז איינגע־שטאנען ביי ברוכן) און אז רבקה האָט געפרעגט: ווער איז דאָרט?

— פּרוזשינע, איך פּרוזשינע. — האָט דער לאנגער, דער דארער געענטפערט.

הא, וואָס זאָגט איר, מומע גענענדל, — האָט רבקה ברוכס זי געפרעגט, ווען פּראוועט איר אייך ביים רבין?

— איך גיי היינט אויפדערנאכט. איך זאָל נאָר קענען צו אים צוטרעטן. זעסטו, רבקהניו, מיין אלטער דערהרגעט זיך גישט. נאָר,

ווער הערט אים? ער איז דאָך א משומד, מיין נפתלי. ווען איך זאָל מיך אים פּאָטריוועו, עהע! און שפּילערהייט, גיט זי צו — וואָס ווייסטו, רבקהניו! ער מאכט דאָך חוזק פון דעם אלעמען! ער זאָגט דאָך, אז דער רבי, איז דאָס „עגל, דאָס גילדענע קאלב, וואָס די יידן האָבן זיך געמאכט אין דער מדבר!“

— ווען גבריאל לעבט, — האָט רבקה געזאָגט, — וואָלט מען נישט געווען געמאכט אזא טארעראם. ער האָט אויך נישט גע-האלטן אזוי שטארק, פון די היינטיקע רבים, ער האָט געזאָגט; אז די ערשטע רבים, האָבן עפּעס אנדערש געמיינט, און די היינ-טיקע, מיינען אויך עפּעס אנדערש.

— לאָז אָפּ רבקהניו! ס'איז נישט פאר אונדז, פאר אונדז ווייבער געזאָגט געוואָרן, וואָס משטיינס געזאָגט געוואָרן, ווייסן מיר שוין. דאָס איז פאר זיי. פאר ברוכן, פאר נפתלין, אָבער נישט פאר אונדז. נאָר, זאָג מיר איך בעט דיך, ווער זענען דאָס די צוויי לצים? די אָ מיט די גרינע קאפּעליטשלעך! שיינע חסידים, נישטאָ וואָס צו זאָגן!

— די צוויי, געגענדעל קרוין, וועלן אויסבויען א שטוב פארן רבין. אזוי האָט מיר געזאָגט מיין ברוך. דער נידעריקער ס'פּעסעלע, איז עפּעס א מין שווארץ יאָר, וויאזוי מ'רופט עס. מיין ברוך, האָט מיר פּראוודע, געזאָגט, נאָר איך, א ווייבערישער קאָפּ, האָב איך שוין פארגעסן. — ער, ס'פּעסעלע, טראָגט מיט זיך, דעם גאנצן פּלאן, וויאזוי, מ'זאָל בויען די שטוב, — און דער הויכער, די פּרוזשינע, וועט אכטונג געבן, אז ס'זאָל געבויעט ווערן נאָכן פּלאן, וואָס דאָס פּעסעלע האָט געשריבן.

שפּעטער, מיט עטלעכע טעג, איז דער רבי, מיט אלע זיינע חסידים אוועקגעפאָרן. געבליבן, זענען נישט מער, ווי דער מיטן פּלאן, וועמען די שטעטלדיקע האָבן גערופן, ס'פּעסאלע, און דער מיט די לאנגע פיס, וועמען זיי האָבן א נאָמען געגעבן די פּרוזשינע.

און ס'האָט נישט גענומען קיין סאך צייט, זענען געגעבן א קום אראָפּ מויערער, גאנצע וועגן מיט ציגל, קאלך, גיפּס און שטיקער אייזן און דער לאנגער מיטן קורצן, האָבן געגעבן א שטעל אויף, אין דער ברייט פונעם שטעטל, א וואזשנע מויער, מיט א ברייט הויף, מיט שטאלן פאר פערד און פאר בהמות. מיט געמויערטע קאמערן פאר ברימשקעס, וועגענער און פורגאָנעס אלערליי, מיט סטאָדאָלעס פאר היי און האָבער און להבדיל אויך א געמויערטע סוכה.

און דעם אלטען רבינס זון, איז געקומען און האָט זיך באזעצט אין דער דאָזיקער מויער. און מענטשן אלערליי זענען געקומען צום רבין נאָך אן עצה, נאָך א ברכה.

און ס'איז געשען אז די פרעמדע חסידים זענען געהאָלפן געוואָרן; ווער מיט א לייטישן איידעם פאר זיין פארזעסן מיידל, ווער ס'האָט געמאכט מיט אמאָל א גאָר וואזשנע עסק, דאָס רעדל ביי אים האָט זיך געגעבן א גוטן דריי צוריק און ווער ס'איז געהאָלפן געוואָרן מיט א רפואה פאר זיינעם א טייערן און ליבן חולה, וועמען די דאָקטוירים האָבן שוין געהאט אויפגעגעבן. דעמלט ווערט דאָס שטעטל ענג. נישטאָ קיין פּלאץ צו באהערבערגען אלע פרעמדע מענטשן, וואָרעם, נישטאָ די שטוב וועלכע זאָל בלייבן ליידיק, נישט באזעצט, פון איינעם אָדער צוויי פרעמדע געסט, אינמיטן דער וואָך, היינט ווער שמועסט נאָך, ווען ס'קומט אונטער א שבת אָדער א יום=טוב, דעמלט איז טאקע ווי מ'זאָגט „נישטאָ ווו א שפּילקע קעפּל צו ווארפן“. דעמלט, איז אויפגעקומען א געדאנק, ביי איינעם, און נאָך ביי איינעם, און זיי האָבן צוגעבויעט, נאָך א חדרל, נאָך א צימערל. ס'איז אָבער אלץ נישט גענוג געווען, ביז ס'איז ערגעץ פון גאליציע, אראָפּגעקומען עפּעס איינער רב בערל, האָט מען אים גערופן. געקומען איז ער צום רבין, נאָר ער האָט תיכף געזען, אז די „ישועה פונעם הימל“ וועלכע דער רבי האָט אים אָנגעווונטשעוועט, איז נענטער, זיכערער, דאָ לעבן רבין ווי ערגעץ אין ווייטן גאליציע, האָט ער, מ'ווייסט נישט וויאזוי געגעבן א שטעל אויף א מויער, מיט חדרימלעך, עפּעס א פיפציק שטיק און ער האָט שוין געהאט די ישועה. צו דעם, האָט ער זיך נאָך געמאכט א קרעטשמע, און א צי ארויפגעגעבן אויבן איבער דער מויער א גרויסע שילד: „לא בערקו“ צו בערלען, הייסט עס, אויף מאָלדאָוואניש, און ס'איז אים גאָרנישט שלעכט אוועקגעגאנגען. און ער האָט טאָג ווי נאכט, געבענטשט דעם רבין, וואָס ער האָט אים אזא טייערע ברכה געגעבן.

.2

דערווייל, האָבן זיך חסידים, ארומגעקוקט און געזען, אז די ווייצן=קערנער, אין דעם דאָזיקן קאנט, זענען פולע, נישטאָ נאָך אזעלכע ווייצן אינערגעץ נישט, אפילו אין די לענדער, ווו מ'אקערט שוין מיט אייזערנע אקער=אייזנס, און די פעלדער ווערן דאָרט געניאנטשעט, און אָפּגעהיט. פונדעסטוועגן, זענען זיי דאָ,

בעסערע, פּולערע, ווייל, פּעט איז די דאָזיקע ערד, ווי א פּוטער און שוואַרץ ווי פּעך. אזוי איז אויך, מיט די קעלבער, מיט די שאָף און רינדער, אלע, זענען זיי קיילעכיק, אָנגעגאָסן מיט שמאַלץ, און אין וויען אָדער לאָנדאָן, האָט מען נאָך אזא פעטקייט, נישט געזען. כאָטש מען פירט אהין אָקסן, געשטאָפּטע, געפּיטערטע אין די ברייַ- הייזער איז אָבער זייער שמאַלץ, זייער פעטקייט, א געמאַכטס, נישט עכט, דאָ אָבער זענען זיי אזוי פון תמיד אָן, ווייל זאַפּטיק, זענען די גרעזער, און דאדורך איז די מילך געשמאַק און דאָס פלייש באַטעמט. די וועלדער, די הויכע דעמבעס, וועלכע וואַקסן ארום און ארום און דאָס שאָרכן פון זייערע בלעטער, גלייך ווי זיי זענען מתפּלל: „יהי רצון“, זאָל זיין דער ווילן פון פאר דיר גאָט, אז דו זאָלסט אונדז נישט איבערענפערן אין די הענט פונעם מענטש! איז עס מעגלעך? יידן זענען מתפּלל אויף גלות השכינה, אויף ביאת המשיח, אָבער וועלדער, דעמבעס! וואָסזשע טוען מיר, מיט דעם: „כי לכך נוצרת“?

פאַרגינען זיך נישט הסידים אהיים צו פאָרן און טראַכטן הויכע מחשבות. מאַכט דער, א ווענגלעע ווייַז, און שיקט עס אהיים. דער אנדערער, גייט צום פריץ און בעט אים אָן געלט, פאר קעל- בער, פאר שאָף. דער דריטער, קומט אָן לייגט פאָר א פּלאַן, אז היות, אין דער געגנט געפינט זיך אזא מין זאַמד, וועלכעס ווערט געברויכט, צו מאַכן גלאָז, וויל ער עס אָפּקויפן.

דער פריץ איז שטאַרק צופרידן, ער מאַכט מיט איטלעכן קאָנ- טראַקט, און דער עיקר; ער נעמט געלט. נאָר מיטן פירטן קונה, דער, וואָס האָט אָפּגעקויפט דאָס גאַנצע זאַמד, מחמת, דאָס דאָזיקע זאַמד ווערט געניצט, צו מאַכן גלאָז, אָט מיט דעם הסיד איז דער פריץ נישט קאָנטעט. אייגענטלעך, אזוי, איז ער מיט אים זייער גוט. תמיד, ווען יענקל סטאָרעטשער, (אזוי הייסט ער) קומט, נעמט ער אים זייער שיין אויף, ער רעדט מיט אים וועגן פארשיידענע ענינים, למשל: ער האָט געהערט זאָגן, אז אויף א חסידישע חתונה, טאַנצן נישט קיין יינגלעך מיט מיידלעך. פאר וואָס? אָדער, וואָס איז דאָס אזוינס א „גלגול“. ס׳אינטערעסירט אים זייער שטאַרק, מחמת, ער האָט בדעה ארויסצוגעבן א בוך, מיטן נאָמען: „רעש- טלעך פון געצנדינערייַ“ פארבליבן ביי יידן, נאָך פון ווען זיי זענען געווען אין פּערסיע.

יענקל סטאָרעשטער שמייכעלט, ער ווייסט נישט וואָס צו ענ- פערן. נאָר ווען ער דערהערט, דאָס וואָרט געצנדינערייַ, כאַפּט אים אָן א ציטערניש.

— סטייטש פּריץ, וואָס רעדט איר? ס'איז נישט אזוי. „גלגול", איז נישט אזוי איינפאך פּראָסט. דאָס ווערט געבראכט, אין הייליקן זוהר.

— אָט, אָט, דאָס מיין איך דאָך, טאקע, אויפצווייזן, אז אייער הייליקער זוהר.

יענקל סטאָרעשטער, פארשטאָפּט זיך די אויערן, ער וויל נישט הערן. „עפרא לפומיה"! טראכט ביי זיך יענקל. אזא אָנשיקעניש!

הויבט יענקל אָן צו ריידן, מכח דעם זאמד; סטייטש, ער האָט שוין באשטעלט וועגענער, ער האָט געמאכט קאָנטראקט, מיט א פאבריק. סטייטש, ער האָט דאָך געמאכט קאָנטראקט מיטן פּריץ אויך. סטייטש! סטייטש, און נאָך אמאָל סטייטש! ער ווערט נאָך בדיל הדל!

יענקל איז נישט א גרויסער ריידנער, נאָר דאָס דאָזיקע מאָל, האָט עס אים באַרירט זייער שטארק. סטייטש! סטייטש! ער, האָט דערקענט, אז די זאך איז נישט פּשוט, אז דאָ האָט ווי מ'זאָגט: „דער רוח אריינגעשטופּט זיין עק" און יענקל, האָט זיך גענומען נאָכשפּיאָנירן, נאָכצוקוקן, און נאָכצופאָרשן. און, ס'האָט נישט גענומען קיין סך, און יענקל איז דערגאנגען, אז דער רוח איז נח פּילעשטער, אז ער האָט זיך דאָס אריינגעשטופּט אז ער, נח, וויל אויפשטעלן א גלאָז-פאבריק און טאקע צונעמען דעם פּריץ פאר א שותף. לויפט יענקל צום רבין, און דערציילט אים, אזוי און אזוי, אז „עני המהפך בחררה ובא אחר ונוטלה" — א אָרעמאַן, האָט זיך אָפּגעבאקן א קיכל, און ס'קומט אנאנדערער און נעמט עס צו — וואָס קומט פאר אזעלכן? פרעגט יענקל.

הערט אויס דער רבי, צונעמט זיך די באָרד, מיט די פינגער, טראכט אביסל און הייסט דעם גבאי, ער זאָל זאָפאָרט שיקן רופן, נח פּילעשטער.

שיקט נח פּילעשטער צום רבין אזוי צו זאָגן:

— רבי, איך מיש מיך נישט אין אייערע עסקים, מישט איר אייך אויך נישט, איך בעט אייך אין מיינע...

הערט דער רבי און שווייגט. נאָר די מקורבים זענען שוין נישט מקנא נחן.

— ער וועט אים מעניש זיין, — זאָגט עפּעס א חסיד — מ'דארף לויפן וואָרענען נחן. אנאנדערער חסיד, וויל אפילו האָבן, אז דער צדיק, איז נישט מעניש. ווייל, ס'איז א בפירושער פּסוק: „גם ענוש לצדיק לא טוב" „אויך אז דער צדיק זאָל באשטראָפן איז נישט גוט", נאָר, דער דאָזיקער חסיד, איז אָבער מודה, אז

דאָס וואָס דער רבי שווייגט, און זאָגט נישט גאָרנישט, איז פאר נחן, גאָרנישט גוט, און מ׳מוז אים וואָרענען.

— קומט צו גיין א חסיד צו נחן און זאָגט אזוי:

— נח, ס׳איז נישט גוט, דער רבי זאָל לעבן שווייגט, איך האָב מורא פאר דיר, נח! זאָלסט הלילה וחס, נישט באשטראָפט ווערן!

תחלת, האָט זיך נח אויסגעבייזערט, און האָט געשריגן:

— איך האָב נישט מורא! איך האָב אויך ברייטע פּלייצעס, איך האָב זיך אויף ווענען סומך צו זיין!

מ׳האָט אָבער געזען, אז ס׳איז ארויסגעוואָרפענע רייד. נח, ווען ער קוויטשעט, האָט מען געזען, אז די ציין אין מויל קלינגען אים. נח, האָט זיך טאקע געמאכט הארץ, ער האָט אָבער געפילט, אז ער איז אויס מענטש. עפּעס, פילט ער, ווי הענט און פיס ברעכן אים. ער, לייגט צו, די האנט, צום שטערן, ער ברענט, ער שרפעט. און א געפיל פון רחמנות, נעמט אים ארום, אויף זיך, אויף זיין ווייב און אויף זיינע קינדער. געבעך, טראכט ער ביי זיך, זיי קוקן זיך ארום די אויגן, ער זאָל שוין אהיים קומען. וועט, ער, זיי אמאָל זוכה זיין צו זען? און נח פילעשטער, נעמט און צעווייינט זיך, ווי א קליין קינד, ווען מ׳וויל אים נישט נאָכגעבן, וואָס ער וויל.

נח, האָט געזען בחוש, אז אן עקשן, קען ער נאָר זיין, קענן זיין ווייב, קעגן זיינע קינדער, אפילו קעגן א שותף, אָבער קעגן רבין??... נעמט נח דאָס שטעקעלע, קושט די מזוזה, און לאָזט זיך, מיט א שווער הארץ אין הויף אריין.

שווער, זייער שווער איז אָנגעקומען נחן צוצוקומען צום רבין. און ווען סוף כל סוף, ער איז שוין מיט ציטערנדיקע קניען, געשטאַ־נען פארן רבין, האָט דער רבי, ווי זיין טבע איז געווען, זיך געקעמט מיט די פינגער, די באָרד, אויף אים געוואָרפן נאָר איין בליק, און דערנאָך געקוקט ערגעץ ווייט איבער נחס קאָפּ און אזוי געזאָגט:

— דו ביסט דאָך עפּעס א ייד פון לערנען, דו ביסט דאָך עפּעס א ייד, א מאמין, דו גלייבסט דאָך, אז ווען אונדזערע עלטערן, האָבן מקבל געווען די תורה אויפן בארג סיני, זענען אונדזערע נשמות אויך געווען דערביי. האָסטו פארגעסן, דאָס וואָס דו אליין האָסט מיט דיינע אויערן געהערט? „אָרור מסיג גבול רעהו“? „פארשאָלטן זאָל ווערן דער, וואָס איז מסיג גבול זיין חבר“? האָסטו דאָס נישט געהערט?

נח, האָט אויסגעשאָסן אין א געוויין...

נאָך אינדעמזועלבן אויפדערנאכט, האָט דער רבי פארבעטן צו זיך דעם פריץ. און נאָך אינדעמזועלבן אויפדערנאכט, איז ביים רבין אין שטוב, געשריבן און געחתמעט געוואָרן א בריוו, אין וועלכן ס'שטייט בפירוש געשריבן: אז דער פריץ מיט די צוויי יידן, נח פילעשטער און יעקב סטאָרעשטער, זענען גלייכע שותפים צו דער פאבריק, וואָס ס'וועלן אויפשטעלן, די דאָזיקע צוויי יידן.

קאפיטל יב

דער סך הכל און דער מוסר השכל פון דעם וואָס איז ביז איצט דערציילט געוואָרן

ביז צום צדיקס קומען, און באזעצן זיך אין שטעטל, איז דאָס שטעטל געווען גלייך, צו א שיפל, וואָס שווימט אַרוים אין ברייטן ים אריין. מ'ווייסט נישט, וועלכער וועט זיין דער גורל פון דעם דאָזיקן שיפל, אָדער ס'וועט אונטערגיין, אָדער ס'וועט אמאָל צו קומען צו עפּעס א ברעג.

גבריאל כתריאל, דער וואָס האָט אָנגעהויבן, אינאיינעם, מיט נאָך משפּחות פון „שווארץ־השך", צו בויען דאָס שטעטל, האָט זיך אריינגענומען אין מוח, צו מאכן פון דעם שטעטל, אזעלכעס וואָס מ'האָט נאָך אינערגעץ נישט געזען. ער האָט זיך אקעגנגע־שטעלט, אידן איינעם, וועלכער, האָט דאָס מויל געעפנט, אז: לעבן די פיצלעך שטיקלעך פעלד, וואָלט כדאי געווען אויך אביסל אונטער צו האנדלען. — גרשון גימו־לונג, אָדער גיטו־גאָל, וויאזוי מ'האָט אים גערופן, איז ביי אים, ארגער געווען ווי א משומד, ער האָט געוווסט אז אסך פון די זייניקע זענען מקנא אין דער שטיל דעם גיטו־גאָל, און זיי האָבן זיך געווונטשן צו פארמאָגן כאָטש א פערטל פון זיין פארמעגן. און ווען גרשון, האָט באגראָבן זיין ווייב עטל, און חתונה געהאט מיט עפּעס א מיאוסקייט פון יאס, און גבריאל האָט געזען, וויאזוי דער דאָזיקער גרשון, האָט געוווסט צו מאכן, פון וואָגן־שמיר, אזויפיל געלט. און דערנאָך, ווען גרשונען איז געקומען דער אפּעטיט, עסנדיק, און ער האָט זיך איבערגעבויעט די שטוב, מיט א הויף מיט שטאלן, מיט בהמות, אזש די יידן האָבן געזאָגט: אז גרשון איז א מיליאָנער, ער פארמאָגט אוודאי, זיינע פינעף טויזענט גאלבען. „מיטן פערטל,

וואָס מ'מעסט דערמיט ווייז מעסט מען ביי גרשונען די גילדערנע נאפאָלעאָנס". גבריאל, פלעג קוקן מיט א קרום אויג אויף דעם יידן, וועלכער, האָט השק געהאט נאָך צו מון גרשונען. און קיינער, האָט זיך טאקע גישט געוואגט, קיינער האָט טאקע נישט געפרוווּפט.

נאָך גבריאלס טויט, איז קיינער, נישט געווען אזא שארפער קעגנער אז יידן זאָלן אָנהויבן צו האנדלען, ווי גרשון ניטו-גאָל, אָדער ווי ער האָט זיך אָנגעהויבן צו רופן, ביי זיין פאמיליען נאָמען; גרשון בוין.

און אז מ'האָט אים געפרעגט; ס'מייטש? נו און דו? פארוואָס ביסטו א סוחר? פארוואָס האָסטו גענומען דיין שטיקל פעלד, און געבויעט דארויף שטעלער, מאגאזינען און אמבארעס? האָט ער געענטפערט:

— ווער ס'איז מיך מקנא, עהע! — איך האָב גענוג, געפּאַקט און געמאָזעלט! וואָס ווייסט איר! עפּעס אזוי אָ נעמט מען און מ'ווערט א סוחר? אסך מאָל, — גאָר וואָס זאָל איך ריידן? ווער ס'איז מיך מקנא, עהע! מיין קאָפּ דארעניש אויף אים.

ווער ס'האָט אים געהערט אזוי ריידן, האָט אויסגעבטלט, אלע בייזע הלומות צו זיין קאָפּ. און דער קאָפּ, מעג אים טאקע דארן און קווארן אז ס'זאָל נישט אויפהערן, אזוי האָט מען גערעדט צווישן זיך, וואָרעם אין די אויגן, האָט מען זיך נישט געוואגט, וואָרעם מיט א גביר; „ציט מען נישט קיין פינגער".

און טאָמער איז געשען, אז עמעצער פון די איינגוואנדערער, האָט זיך דאָך גענומען צו מסחר, האָט ער אים אזוי לאנג גערודפט, אויסגעדרינגען און קאָנקורירט, ביז יענער, האָט זיך געמוזט אני-דערלייגן. ער האָט נישט געקענט ביישטיין! דער דאָזיקער, האָט זיך געמוזט צוריק צו זיין מלאכה נעמען.

נאָכן רבינס באזוצן זיך אין שטעטל, איז גרשונס כח שוואכער געוואָרן. ס'זענען אראָפּגעקומען יידן, חסידים, סוחרים, א טייל האָבן זיך אפילו באזעצט אין שטעטל. געהייסן האָט עס, כדי זיי זאָלן נאָענט זיין צום צדיק. זיי האָבן זיך אויסגעבויעט הייזער און געקויפט זיך אייגענע בריטשקעס, מיט אייגענע פערד. די היימישע, האָבן זיך פארקוקט אויף זיי, אויף די געקומענע פון דער פרעמד, איינער אויפן אנדערן און דער עיקר איז דעם רבינס וואָרט געווען הייליק. ווען, דער צדיק האָט געזאָגט, ער זאָל ווערן א סוחר, א דער איז שוין געווען זיכער, אז ער וועט מצליח זיין.

קומט אן אָרעמער באלמעלאָכע, א מטופל מיט קינדער, און באקלאָגט זיך פארן רבין. אויב דער רבי, האָט אים געענטפערט:

— פארוואָס זאָלסטו דיר נישט מאכן, א שטיקל מחיה אין שטוב? מ'קויפט זיך איין אביסל סחורה — און, אז ס'איז דאָ עפּעס, קען אויף דעם חל זיין די ברכה, און דער עיקר; מ'זעט זיך יעדן טאָג מיט א לעבעדיקן קרייצער. און א לעבעדיקער פראנק איז צוקער־זיס, ער איז אזוי ווי מן, וואָס איז געפאלן יעדן טאָג פאר די יידן אין דער מדבר.

אזא ברכה, אז איינער האָט באקומען, איז ער געווען, זיכער, אז נישט היינט, איז מאָרגן, אָדער איבערמאָרגן וועט ער אמאָל מוזן מצליח זיין, וואָרעם, פונקט ווי דער רעגן, קערט זיך נישט אום צוריק ליידיק, סיידן ער זעטיקט אָן די ערד, אזוי זענען דעם רבינס ווערטער; אזוי האָבן געדרשנט די חסידים, די יושבים, וועלכע האָבן זיך געדרייט אין רבינס הויף און געגעסן פונעם רבינס טיש.

און אזוי אָ, מיטן פארקוקן זיך איינער אויפן אנדערן, מיטן מקנא זיין איינער דעם אנדערן און וואָס איז דער עיקר, מיטן רבינס עצה, און מיטן רבינס ברכה זענען אויפגעקומען, וואזשנע קלייטן, גרויסע סוחרים איינגרייסערס, זייער אין א קליינער צאָל, כמעט איינער אָדער צוויי, אָבער סוחרימלעך, קאָנקורענטיקלעך, כאפּ־לאפּערלעך, וואָס פעלט זיי תמיד נײַנונײַנציק פראנק צום הונדערטער, אין יעדער שטוב.

און ווען דאָס שטעטל, איז צוגעקומען, ביז צום ברעג פונעם צוואנציקסטן יאָר־הונדערט, און דאָס איז געשען ווען אלע ערשטע אייזיזאנדערער זענען אויסגעשטאָרבן, (אנדערש האָט עס אפילו נישט געקענט זיין) אפילו פונעם צווייטן דור, זענען אויך שוין אסך אוועק אויפן עולם האמת. פונעם אלטען רבין, איז נישט קיין שמועס, אז ער איז נפטר געוואָרן, און די חסידים, האָבן אויף זיין קבר אויפגעשטעלט א געמויערט שטיבל, נאָר אפילו דער יינגער, וועלכן דער פאָטער זיינער האָט אים געפירט ביי דער האנט, ווען ער איז אריינגעקומען אין שטעטל אריין, אפילו ער איז אויך שוין אלט.

דעמלט, אין דער דאָזיקער צייט, אנטפּלעקט זיך דאָס שטעטל און מ'דערזעט אזא בילד: צוויי גבירים, וועלכע האָבן זיך פיינט איינער דעם אנדערן, זיי פירן די גרענדע, א מאסע סוחרימלעך קרעמערלעך, וועלכע שמייכלען מיט א פאסקודנע שמייכעלע, ווען זיי קוקן די גבירים אין די אויגן אריין, חנפענען זיי, מעקלערלעך און טעלער־לעקער, וועלכע דרייען זיך ארום די גבירים, ווי א פליגעלע, א פלאטערל וואָס פלאטערט צום פייער און באלמעלאָ־כעם מיט א גאָר היפּש ביסל באלעגאָלעם.

צווייטע טייל

קאפיטל א

די צוויי מתנות

תחלת, האָט דאָס דאָזיקע שטעטל פּאַרמאָגט, איין און איינ־ציקע גאַס. די ערשטע איינוואוינער, האָבן די דאָזיקע גאַס גערופן: „בן־יחיד", דאָס הייסט: „זי איז נאָך דערווייל ביי אונדז, איין און איינציק". פּרעמדע מענטשן, וועלכע פּלעגן, דאָ־רימערט דורכפאָרן, פּלעגן זי רופן: „צוויי שורות על חטא". נאָך האָבן זיי געזאָגט: קומסט צופאָרן אין שטעטל אַריין, נעם די אויגן אין די הענט, און קוק דיך גוט צו, ווו ס'הויבט זיך אָן, און ווו ס'לאָזט זיך אויס דאָס שטעטל, מחמת, אין גרויס איילעניש, קענסט עס נאָך חלילה פאַרלירן, וואָרעם גרויס איז עס ווי א גענעץ און דער לענג, אָהאָ! נאָך קורצער פון פערד און וואָגן".

פאַרשטייט זיך, אַז אַזוי הוזק מאכן, האָט מען געקענט אמאָל, צוריק מיט יאָרן, ווען דאָס שטעטל, האָט נישט פאַרמאָגט מער; ווי נאָר צוויי שורות הייזער איינע קעגן איבער דער אנדערער, און דער שטראָז אינמיטן, ווען א גביר, א רייכער מענטש, איז אפילו אויף א רפואה נישט געווען, ווען א סוחר, א קלייטניק איז געווען א גאָטס־ווונדער, ווען די ווערטער; מעקלער, טעלער־לעקער, חניפהניק, דרייער און פאַרדרייער זענען געווען טערפקע ווערטער, ארויסגענומען פונעם „מחזור" אָדער פון דער „הגדה" און ווען אין שטעטל איז נאָך נישט געווען א רבי, א צדיק, וועלכער נעמט קוויטלעך, פדיונות, געלט הייסט עס, און דערפאַר גיט ער עצות, און ברכות מיט דער פולער האנט.

גאָר, גאָר א גאנץ אנדערע צורה האָט דאָס שטעטל באַקומען, ווען ס'האָט אין זיך אויפגענומען אָט די אלע שיינע זאכן וואָס

זענען דאָ אויסגערעכנט געוואָרן, ערשט דעמלט האָט זיך עס געגעבן א כאַפּ אויף, און זיך צעוואקסן אין דער לענג און אין דער ברייט, מיט פעדער־געסלעך און הינטער־געסלעך, מיט שטראָזן, שטראָזעלעך און קרום־פארדרייטע סטעטשקעס און סטעטשקעלעך וועלכע פירן ארויס העט, ווייט אהין, ביז צו די ארומיקע דערפער און דערפלעך.

און כאָטש דאָס שטעטל איז אָפּגעריסן פון אנדערע שטעט און שטעטלעך וועלכע זענען מיט א גרויסער יידישער באַפעל־קערונג. דאָס שטעטל האָט א פּנים, גלייך ווי מ'זאָל עס געווען האָבן ארויסגעוואָרפן אין דרויסן ארויס, און מחמת דעם איז עס אפילו אויף דער לאנד־קארטע נישט געווען, און אז שפּעטער, אז מ'האָט עס שוין יאָ אריינגעשטעלט אין דער לאנד־קארטע, האָט מען עס מיט אזעלכע פּיצעלעך אותיותלעך אָנגעשריבן, אז אפילו דער גרעסטער קענער פון שריפט און אותיות, האָט געמוזט האָבן א שפּאקטיוו, בכדי ער זאָל עס קענען איבערליינען, דאָך האָבן די ליבעראלע און קאָנסערוואטיווע רעגירונגען, עס שטארק אין זינען געהאט און געדענקט אז ערגעץ ווייט אין דער מאָל־דאָווע, ביי די ברעגעס פונעם פּרוט, געפונט זיך א קליין יידיש שטעטל, וועלכעס האָט שטראָזן און שטראָזעלעך, סטעטשקעס און שטעטשקעלעך וועלכע פירן העט ווייט, אזש ביז צו די דערפער און דערפלעך, און דערפאר האָבן זיי אים, דעם שטעטל, גע־שענקט צוויי וואזשנע מתנות.

קען זיין, אז דער פרעגער וועט פרעגן; היתכן, דערפאר, ווייל דאָס שטעטעלע איז א פּיצעלע געווען, קוים וואָס מ'האָט עס אויף דער לאנד קארטע אָנגעזען, דערפאר ווייל ס'האָט געהאט סטעטשקעלעך וועלכע האָבן געפירט גלייך צו די שכנות־דיקע דערפער, דעריבער האָט מען אים צוויי וואזשנע מתנות געשענקט? אָט איז איין קשיא. די צווייטע קשיא; וועלכע זענען עס דאָס טאקע די דאָזיקע צוויי מתנות?

דארויף קענען מיר ענטפערן אז גערעכט, גערעכט איז דער וואָס פרעגט אזעלכע קשיות. אָבער מיר קענען נישט אויסזאָגן פריער פאר דער צייט, ס'וואָלט געווען ווי מ'זאָגט; „געכאפּט די נעץ פאר די פיש“. און אזוי וואָס ווילן מיר נישט. גאָר וואָס דען? דער פרעגער וועט מוזן האָבן געדולד און צו וואַרטן ביז צו א צוויי אָדער דריי זייטלעך וועט ער שוין במילא געוויר ווערן און ער וועט זען אז זשאנדארן און דער וואָכנמארק (פאַרפאַלן, זיך ארויסגעכאפּט) זענען ווי א צווילינג, איינס אָנעם אנדערן האָט קיין שום טעם, האָט גאָר קיין ווערט נישט. ס'איז

ווי מ'זאָגט „זאָל נאָר זיין א ריכטער, וועט זיך דער גנב שוין ארויסגעפונען". און ווו קען מען נאָר אזוי לייכט געפונען דעם גנב, ווי אויף א וואָכנמארק?

אָט דאָס אלעם האָבן מיר געמוזט באמערקן ווייל ;

ביז צו יענער צייט, איז דאָס שטעטל זיך געגאנגען זיין וועג זייער פּאוואָליע. מיידלעך האָבן התונה געהאט, יונגע ווייב־לעך זענען געלעגן אין קימפּעט, געהאט יינגלעך אָדער מיידלעך. יינגלעך האָט מען צו אכט טעג מלה געווען, און א נאָמען געגעבן, מ'האָט געטרינקען וויין, געגעסן בייגעלעך און זיך משמח געווען. ביי מיידלעך, האָט דער פאָטער, ווען ער האָט נאָר געוואָלט, האָט ער א נאָמען געגעבן. שבת, אָדער אפילו אין א פּראָסטן מאָנטיק אָדער דאָנערשטיק און „מזל טוב"! אראָפּ פונעם מארק! און אז א ייד, האָט מערער מיט א גלעזל בראָנפן אריינגעגאָסן, האָט ער געטרייסט אזא אומגליקלכן פאָטער: — נישקשה, מיידלעך זענען אויך נישט קיין בבל־סחורה". אָדער: „אזא גוט יאָר אויף מיר ווי דו האלטסט זי פאר א יונגל", דער פאָטער האָט זיך אָבער זייער שווער געלאָזט טרייסטן, און ארומגעגאנגען מיט אן אראָפּ־געלאָזטער נאָז און א שטיק צייט מיטן ווייב נישט גערעדט, אפילו אין איר זייט נישט געקוקט.

גליקלעך איז אָבער געווען לייבל, שבע זיין ווייב האָט צו מזל א זון געבוירן. דעם ברית האָט מען געמאכט אין שול און אים א נאָמען געגעבן „מלך". ווען ער איז אהיים געקומען, האָט ער ארויסגענומען דאָס מחזור און אויפן טעוועלע האָט ער אויפ־געשריבן: „צוריק מיט אכט טאָג האָט מיין אשתי שבע, מיר א זון געבוירן, היינט איז געווען דער ברית און איך האָב אים צו מזל א נאָמען געגעבן „מלך". און זאָל ער זיך באָווען מיט נחת „אָמן".

א קלייניקייט. האָט אָבער דער גליקלעכער פאָטער, פארגעסן צו צושרייבן, ווען? אין וועלכן טאָג? אין וועלכן חודש? און אין וועלכן יאָר? און אז לייבל האָט שפּעטער מיט א צייט, גענומען דעם מחזור אין דער האנט און צופעליק דערזען, וואָס ער האָט אליין אויפגעשריבן אויפן טעוועלע, האָט ער זיך גע־פרווט דערמאָנען, ווען עס איז געווען. האָט ער בשום אופן זיך נישט געקענט דערמאנען, אפילו שבע, זיין ווייב, האָט אויך נישט געדענקט. האָט לייבל א מאך געגעבן מיט דער האנט, ווי איינער רעדט: „צו וואָס? יאָרן, ציילט מען נישט!".

שפּעטער, איז ארויס, אז יעדעס נייגעבוירענע קינד, מוז מען איינשרייבן אין דאָרף סטריציע. דאָרט אין יענעם דאָרף, איז

דאָ א שרייבער וועלכער פארשרייבט; ווער ס'ווערט געבוירן, ווער ס'ווערט פארלוירן און ווער ס'האָט חתונה.

גייט לייבל אויספירן דאָס דאָזיקע געזעץ, זיין ווייב, שבע איז געלעגן געוואָרן און האָט ווידער אים געבוירן, א זון.

— ווען זשע, זאָגסטו לייבא, איז דיין ווייב געלעגן געוואָרן? פרעגט דער שרייבער פונעם דאָרף סטריציע.

— אייערנעכטן, האָט לייבל געענטפערט. „א־יי־נ־ע־כ־ט־ן". — האָט דער שרייבער, נאָכגעזאָגט, און פּאוואָליע איינגעשריבן אין בוך אריין, און בשעת מעשה געדרייט מיטן קאָפּ נאָך די אותיות נאָך, דאָ רעכטס, דאָ לינקס.

שפּעטער, מיט עטלעכע יאָר, ווען לייבל האָט עפּעס געזוכט אין קופערט און געפונען דאָס פּאפּירל, אז זיין הענעך איז געבוירן געוואָרן „איינעכטן", האָט ער דאָס מאָל אויך א מאך געטון מיט דער האנט, און געזאָגט: „צו וואָס? יאָרן ציילט מען נישט!".

אָט אזוי, מיט אזעלכע טריט, ווי ס'ווערט דאָ באשריבן, איז זיך דאָס שטעטל געגאנגען, און דאָס איז געווען דערפאר, ווייל ס'איז געווען אָפּגעריסן, גלייך ווי ס'וואָלט עס געווען ארויסגעוואָרפן אינדרויסן. א חוץ די פארבינדונג, דורך די שטראָזן און שטראָזעלער, דורך די סטעטשקעס און סטעטשקע־לער צו די פויערים פון די ארומיקע דערפער, האָבן די איינוווינער פון דעם דאָזיקן שטעטל קיין שים מגע ומשאָ, נישט געהאט מיט קיינעם.

אין נאָך מוז מען זאָגן אז; פון דער ערשטער מינוט אָן, זינט דאָס שטעטל איז געבוירן געוואָרן, ביז אין יענער צייט, זענען די איינוווינער פונעם שטעטל געווען שטארק פארבונדן מיט די פויערים פון ארום, אזוי ווייט, אז ביים אָנטון, ביים עסן און אפילו ביים ריידן, האָט מען געקענט זען דאָס צוגעבונדענקייט. „קאָרדיקע", „קאָצאווייקע", „סומאן" זענען אריין, נישט נאָר אין זייער שפּראך, נאָר אפילו אין זייער אָנגעטועכץ, און אין בעל־הביתישקייט פון א שטעטלדיקן איינוווינער, האָט פּונקט ווי ביים פויער נישט געפעלט, א „טשעאון" אין וועלכן מ'האָט געקאָכט א „מאמעליגע" פון „פּאָפּעשויע" מעל. און אזוי ווייטער, און אזוי ווייטער.

אָט דאָס אלעס, האָבן די קאָנסערוואטיווע און ליבעראלע הערשער, נישט געקענט סובל זיין. אקוראט ווי א ביין אין האלדז. איז דאָס שטעטל זיי געשטאנען, האָבן זיי תחלת געקלערט, אויס־צורייסן די שטראָזן. אויסצופליקן די סטעטשקעס וואָס שלענגלען

זיך אין די דערפער אריין. „זאָל דאָס שטעטל, זיין אָפּגעריסן אויף פונעם דאָרף“, האָבן זיי געזאָגט. איז עס אָבער נישט מעגלעך געווען, וואָרעם אסך, גאָר אסך, זענען זיי געווען, די סטעטשקעס וועלכע פארבינדן דאָס שטעטל מיטן דאָרף. נאָר וואָס דען? שומרים, זאָל מען שטעלן! זשאנדארן! זאָל מען היטן! זאָל מען זען, ווער ס'גייט אויף די דאָזיקע שטראָזן, אויף די דאָזיקע סטעטשקעס. און די דעמלטיקע קראָניקעס דערציילן; אז מען האָט געמוזט היטן, מחמת יענע יאָרן, זענען געווען זייער אומרויקע. דער פויער איז נישט צופרידן געווען פון אסך פאראָנדקעס, געזעצן, מנהגים און אויפירעכצער.

און אזוי, איז דאָס שטעטל אויפגערעכט געוואָרן מיט צוויי וויכטיקע גרויסע זאכן מיט אמאָל: „זשאנדארן“, און א „וואָכנמארק“. יעדן דינסטיק א וואָכנמארק, א חוץ די צוויי גרויסע יאָר ירידים, וועלכע האָבן זיך געשטעלט צוויי מאָל אין יאָר און געדויערט צו אכט טעג, וועסנע און אָסיען צייט.

ס'האָט זיך אויסגעדאכט, אז די זשאנדארן וועלן אין שטעטל קיין ארבעט נישט האָבן. און די יידן פונעם שטעטל, האָבן געלאכט און האָבן געזאָגט: „וואָס וועלן זיי דאָ טון?“ „סיידן נאָר הינט שלאָגן, אָדער פליגן כאפּן“. זיי האָבן אָבער געהאט א גרויסן טעות, די זשאנדארן זענען געווען פארלייגט מיט ארבעט. און ארבעט האָט זיי געגעבן יעדער וואָכנמארק. ס'איז נישט געווען דער דינסטיק, אין וועלכן די מארק־מענטשן, אייגענע אָדער פרעמדע, זאָלן נישט געווען איבעראשט ווערן, זעענדיק ווי די זשאנדארן פירן, פארשווינען, מיט העמדער איבער די הויזן, אויף וועלכע דער עולם רעדט שטילערהייט: „זיי זענען פון די אָ“. מער האָט מען נישט באדארפט צו זאָגן, וואָרעם יעדער האָט שוין גאנץ גוט געוווּסט אז: „די אָ“, זענען אזעלכע מענטשעלעך, וועלכע גייען צו יעדן פויער, לערנען אים לייענען און שרייבן, העצן אים, אויף די פריצים, און טאָמער קענען זיי נישט ריידן, שטופּן זיי אים אין דער האנט אריין, דאָס בלאט: „ראָמאניא מונטשיטאָארע“, אזא פויער, אז ער האָט באקומען אזעלכס, אָדער ער האָט עס ארייננגעשטופּט ביי זיך אין דער פאזעכע, אָדער עס געגעבן דעם ווייב צו באהאלטן און אהיימקומענדיק, זענען זיך מערערע פויערים צונויפגעקומען און דער קענער האָט געלייענט און די איבעריקע האָבן זיך איינגעהערט. און כאָטש דער קענער, האָט יעדעס וואָרט זייער שווער ארויסגעלייגט, דאָך האָבן די פויערים פארשטאנען, געשאָקלט מיט די קעפּ און געזאָגט: — „אשאי!“ „אזוי איז!“

„אזוי איז!“ „דער דאָזיקער, זאָגט אלעם וואָס ס'טוט אונדז וויי!“ „אשאי!“ „אשאי!“. דאָס הייסט: „אזוי, אזוי!“

די זשאנדארן פון דער גרויסער שטאָט, פונעם דאָרף און פונעם שטעטל האָבן פון דעם אלעמען געוווּסט, ס'האָט עס אויך געוווּסט דער פּריץ קאָדאטווערמא און ער האָט שטארק פאריבל געהאט אויף זיין עלטער־זיידע וואָס ער האָט איינגעלייגט וועלטן, אז ס'זאָל דאָ זיין א שטעטל מיט א מארק. נאָר ס'איז שוין געווען שפּעט. דער מארק, די זשאנדארן, די סוחרים, היימישע און פרעמדע, האָבן דאָס שטעטל אליין געשטופּט פאָרויס און פאָרויס. אומזיסט האָט זיך דער פּריץ געזשאלעוועט ביי די גרויסע לייט אין בוקארעשט, אז ס'איז שוין נישט אויסצוהאלטן פון די פּויערים, און אז אין דעם איז שולדיק נאָר דאָס שטעטל מיט די שטראָזן און שטראָזעלער, סטעשטקעס און סטעטשקעלעך. און אז דער וואָכנ־מארק, איז א ריין אומגליק, מחמת, ס'לויפן זיך צונויף אזויפיל פרעמדע מענטשן, מיט העמדער איבער די הויזן, מיט קאָרדיקעלעך און קאצאווייקעס, און אז די זשאנדארן זענען ווערט א שישקע, אפילו איינעם האָבן זיי נאָך נישט געכאפּט מיט דער צייטונג: „ראָמאניא מונטשיטאָארע“. דערפאר, וואָרנט ער, דער פּריץ, די רע־גירונג, אז אויב מ'וועט נישט זען עפּעס צו טון, זאָלן זיי, די פּרי־צים פון בוקארעשט וויסן, אז: „דאָ אין שטעטל, איז דאָס גאנצע פייער, אז ס'טליעט, אז דאָס דאָרף: „הונגעריק“ איז פול מיט רוסנאקעס, און אז פון דעם דאָזיקן דאָרף, וועט זיך צושפּרייטן דאָס פייער איבערן גאנצן לאנד“.

די רעגירונג, האָט דאָס אלעס געוווּסט, אויך אָן דעם פּריץ, אָבער זי האָט גאָרנישט געקענט טון. נישט דעם מארק, נישט דעם רבין, די חסידים, סוחרים, קען מען צוטרייבן... ווייל א גרויס פארמעגן ברענגט דאָס אלעם אריין. האָט מען זשאנדארן געשטעלט, זאָלן זיי אכטונג געבן, זאָלן זיי כאפּן, זאָלן זיי זיך צוהערן, וואָס ס'זאָגן די רוסנאקעס פונעם דאָרף „הונגעריק“. די זשאנדארן אָבער זענען ווערט א שישקע, זיי פארשטייען נישט רוסנאקיש.

קוקט זיך ארום דער פּריץ די אויגן, אויף עפּעס אן ענטפער, און אז ער באקומט נישט, ווערט ער ברוגז און דעם גאנצן כעס לאָזט ער אויס צו די דינער זיינע. און אז ער קען זיך אליין נישט באַרויקן פאָרט ער אריין אין שטעטל, צום פּאָסט־מייַנסטער, פון דאָרט צום שעף פון די זשאנדארן, און דער שעף פון די זשאנ־דארן דערציילט אים; אז אויפן היינטיקן דינסטיק, וועלן קומען

נאָך זשאַנדאַרן אַ גאַנצער פּלוטאָן. הערט דאָס, דער פּריץ ווערט ער רויק, און די נסיעה וואָס ער האָט געוואָלט מאַכן ביז קיין בו־קאַרעשט, לייגט ער דערווייל אָפּ.

.2

אין צוויי באַזונדערע טיילן פונעם שטעטל, וויקלט זיך פאַ־נאַנדער דער וואָכנמאַרק.

הינטערן שיל־הויף, געפינט זיך אַ גרויסער ליידיקער פּלאַץ, וועלכער איז שטענדיק באַדעקט; מיט סטרוזשענעס, מיט שטרוי און מיט בהמה־מיסט. דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס אויף דעם דאָזיקן פּלאַץ ווערט אָפּגעהאַלטן דער וואָכנמאַרק פאַר בהמות און פאַר תבואה. נאָך איינער, אַזאַ פּלאַץ, געפונט זיך אינמיטן, אינעם הארץ פונעם שטעטל. דאָרטן, שטעלן אויף, יעדן מאָנטיק פאַרנאַכט, היימישע און פרעמדע סוחרים, זייערע בודקעלעך, ווער מיט דעכלעך אָן דעכלעך אָדער אָן דעכלעך, פאַרן מאָרגנדיקן מאַרק.

דינסטיק, גאַנץ קאַיאָר, נאָך איידער ס'שאַריעט אויף טאָג, איז דער שטראָז וואָס פירט פונעם דאָרף אין שטעטל לעבעדיק. ס'ציען זיך מחנות וועגענער, אָנגעלייגט מיט אַלעם גוטן. זעק מיט אַלערליי תבואות. וואָרעם פעט איז די ערד פון יענע קאַנטן, און די ווייצן פון דאָרט האָבן אַ שם אין גאַנצן לאַנד אַז זיי זענען שווער, אָנגעגאָסן ווי מיט בליי.

אויף די וועגענער, זיצן פּויערים, בעלי־גופים. דאָס זענען, אַזעלכע פּויערים, וועלכע פאַרמאָגן געגוג פעלדער, וועלכע סטייען נישט מיט זייער אַרבעט און זיי מוזן אָנק מען צו אָרעמע פּויערים געדונגענע אויפן טאָג, זיי זאָלן באַאַרבעטן זייערע פעלדער.

טודאָר, אַ פּויער, אַ בעל־גוף, וועלכער, אַ חוץ פעלדער, האָט ער אויך, אַ מיל, אַ קרעטשמע. און מחמת דעם, סטייעט אים נישט די צייט צו באַאַרבעטן זיינע פעלדער אינאיינעם מיט די געדונגענע אָרעמע פּויערים, זיצט ער אויפן וואָגן, טרייבט פויל די פערד, טראַכט צו זיין פאַרמעגן וואָס וואַקסט פון טאָג צו טאָג, און מיט וויפל וואָלט עס נאָך געקענט מערער וואַקסן, ווען ער זאָל איבעראַל אַריינקוקן. ער טוט אַ הויכן גענייץ; „אַ שאָד, וואָס ער האָט נישט צוויי קעפּ, פיר פאָר הענט, און פיר פּאָר פיס“. — „ער קען זיך נישט צורייסן, ער ווייסט, אַז סיי וועלכן פּויער ער נעמט צו דער אַרבעט, איז ער אים נישט געטריי. זיי צוטרענצלען זיין האָרעוואַניע“. ער טוט נאָך אַ גענייץ, אַזש די

אויגן זיינע ווערן ערגעץ פארלוירן אין די שמאלע גריבעלעך און ער טראכט מיט הנאה צום מארק וועלכער וועט זיך באלד שטעלן. ער כאפט א קוק אין דער קרום אויף די זעק מיט ווייץ, מיט קארטאָפל וועלכע גרייכן אונטערן לעדער־זיץ אזש דער זיץ, איז קרום צוגעבונדענע און ער, טוּדאָר זיצט איינזייטיק. ער כאפט א בליק אויפן קעסטל אייער, וועלכעס איז צוגעבונדן אויף די זעק אין דער ברייט פונעם וואָגן, ער טוט אויך א קוק צום קעסטל וויינטרויבן וואָס ליגט לעבן אים אויפן זיץ און ער דארף אכטונג געבן ס'זאָל נישט אראָפפאלן און דערפאר מוז ער עס צוהאלטן מיטן עלנבויגן און ער קען נישט, און דערפאר דריקט עס אים דעם שענקל. און ער קומט אויפן פריערדיקן געדאנק: „א שאָד, וואָס ער האָט נישט עטלעכע פּאָר הענט". „אך! וויפל, וואָלט ער דאָס נישט געקאָנט מיט די הענט צונויפשלעפּן!

ער געגעצט הויך, און די צונג זיינע באלעקט די טרוקענע ליפּן. ער טראכט מיט הנאה צו דעם, ווי די יידן, די סוחרים, וועלן אים פּאטשן אין די הענט, ער אָבער, וועט זיך האלטן פעסט, וואָרעם ער ווייסט, וואָס די סחורה, איז ווערט. דאָ דערמאנט ער זיך פּלוצעם, אָן דער יינגער טעלעצע, וואָס ער פירט אויפן מארק צו פארקויפן. „גאָר אינגאנצן פארגעסן!" — מוסרט ער זיך אוים — ער שטעלט אָפּ די פערד, און אזוי פון אויפן זיץ, בייגט ער זיך ארויס פונעם וואָגן. „ניע, זשונקא ניע!", רופט ער די טע־לעצע — און אז זי איז אונטער געקומען, האָט ער מיטן בייטש־שטעקעלע אויפגעהויבן דעם שטריק, מיט וועלכן זי איז געווען צוגעבונדן הינטן צום וואָגן. „זאָל זי זיך נישט פּאטיקען" — זאָגט ער צו זיך — „זי קען זיך נאָך, דער הייליקער זאָל באַ־שיצן, אויסברעכן א פוס, דעמלט, אפילו א פערטל געמט מען נישט"... ער פארדרייט פלינק דעם שטריק פעסטער און ענגער ארום אירע הערנער, די בייטש פאלט אים אָבער ארויס פון דער האנט און דאָס קעסטל וויינטרויבן האלט שיר ביים אראָפּפאלן און ווידער קומען אים די געדאנקען: „אך גאָט, נאָך עטלעכע הענט!".

אנדערש איז, מיט די דאָזיקע פּויערים, וועלכע פארמאָגן נאָר פיצלעך פעלד, דערפאר האָבן זיי אָבער גרויסע משפּחות, אַדער, זיי האָבן גאָר נישט קיין ערד. זיי מוזן לעבן, זיי מוזן, דערנערן זיך און זייערע משפּחות. זיי, האָבן קיין אנדערע ברירה נישט, נאָר פאר לוין, ארבעטן, ביים פּריץ, וועלכער פארמאָגט אזוי פיל פעלדער, אזוי פיל וועלדער, אז ער ווייסט אליין נישט צו מאָל, וויפל זיין עשירות גרייכט. דער דאָזיקער אָרעמער פּויער, וועלכער

האָט אויך חשק צום לעבן, כאָטש דאָס דאָזיקע לעבן, איז אזוי שווער, אזוי ביטער! מוז ער, דער אָרעמער פויער, ארבעטן ביים בעל־גוף, וועלכער ווערט, פון טאָג צו טאָג רייכער און פארמעג־לעבער, און־ היינט, מאָרגן, ווערט ער אויך א פריץ, מיט גיטער, פעלדער און וועלדער.

דער פויער, דער בעל־גוף, איז זיך געפאָרן צום וואָכנמארק פארקויפן זיין סחורה, פאר ווילטאָג, ער האָט געקענט ווי מ׳זאָגט: „אויסהאלטן״ האָט מען אים נישט געצאָלט, וויפל ער האָט נע־מאָנט, האָט ער פארנאכט אויסגעדרייט דעם וואָגן און אהיים געפאָרן.

אנדערש איז געווען מיט די דאָזיקע אָרעמע פויערים, וועלכע פארמאָגן נאָר פיצלעך ערד, אָן פערד, אָן וואָגן, נאָר עט־לעכע הינדלעך, דרייען זיך לעבן דער באטע, און לייגן אייער. דער פויער דארף אָבער גויטיק, ווען קאניצל, א ליטער נאפט איבער דער וואָך, א שאכטל שוועבעלעך, א — שטיקל זייף. נעמט ער צונויף די אייער, אביסל פּאָפּעשויע מעל, און מיט טרייסטעס, שפּאנען זיי איין זייערע ווייבער, וועלכע לאָזן זיך צו פיס ביז אין שטעטל. זיי קאָנען נישט שפּעקולירן, זיי קאָנען נישט ווארטן מיט זייער סחורה אויף בעסערע צייטן, זיי מוזן פארקויפן פאר וויפל ס׳לאָזט זיך, וואָרעם אָן נאפט, שוועבעלעך און זייף, קענען זיי זיך נישט באגיין.

קאפיטל ב

גרויסע און קליינע סוחרים. און „אויך מיר סוחרים!"

יעדער, האָט געוואָרט, און ארויסגעקוקט אויף דעם וואָכנמארק. ס'האָט אויף אים געוואָרט אויך נחום זילבערמאן.

נחום זילבערמאן, איז אלע יאָרן געווען א שניידער א קאר־פאטש, דער פאָטער זיינער איז געווען א מלמד, און דערפאר האָט מען אים גאָר גערופן: דאסקאלו, ווייל א מלמד אין דער מאָל־דאָווישער שפראך, הייסט: „דאסקאל". דער פאָטער זיינער, דער מלמד, האָט געזען, אז קיין לייט וועט פון אים נישט ווערן, האָט ער אים ארייננגעגעבן צו א שניידער. צו הערש יאָסעלעס, א פרומער ייד, מיט דער כוונה, אז נחום זאָל ביי אים לערנען, נישט נאָר די מלאכה, נאָר אויך ווי אזוי צו זיין א ייד.

נחום האָט אלדינגס געלערנט. ער האָט זיך גיך אויסגעלערנט כאפן א גלעזל בראָנפן, ביים צושניידן איז ער געשטאַנענען און זיך צוגעקוקט, כדי ער זאָל זיך אויסלערנען כאפן דעם שניט, און דעם יתור, האָט ער געוווסט קונציק צו באהאלטן, און מען האָט אים נישט געקענט כאפן ביי דער האנט, אלא נישט, האָט ער פונעם באלעבאָס געכאפט אין דער באק. צוויי זאכן נאָר, האָט ער נישט געקענט זיך אויסלערנען: די מלאכה, און וויאזוי צו זיין א ייד. קען זיין, אז דאָס איז געווען דערפאר, ווייל צו די צוויי זאכן האָט ער געדארפט אָנשטרענגען דעם מוח, נישט כאפנדיק, און תמיד, ווען נחום, האָט געדארפט באנוצן דעם מוח, איז אויף אים געפאלן א שלאָף.

פון דעסטוועגן, האָט דער פאָטער נאָך זוכה געווען צו זען אין אים תענוג. כאָטש ער איז געווען א קארפאטש, דאָך האָט זיך געפונען א מיידל, טאקע פונעם שטעטל, מיט א שיין ביסל

נדן, נאָר א קליינינקשקע און מיט א האָרב און נחום האָט מיט איר חתונה געהאט, און נאָך דער חתונה, האָט ער פארשטאנען און זיך געמאכט א וואזשנע מאנופאקטור-קלייט, און דערצו א שניידער אטעליער. ארייגענומען עטלעכע געזעלן און א פּאָר לערן-יונגלעך און א גאנצן טאָג איז ער געשטאנען ביים ווערק-טיש און צוגעשניטן; פּויערישע הויזן, סומאנעס, קאצאווייקעס און קאָרדיקעס.

נחום, פלעג אויך אהיים געבן ארבעט, פאר שניידערס און שניידערקעס אפילו פאר קינדער. ווער ס'האָט נאָר געקענט אין דער האנט א נאָדל האלטן האָט געארבעט פאר נחומן, און אים געבענטשט, ווייל ער איז געווען דער טאטע פון די שניידערס און ער האָט זיך געזאָרגט פאר זיי, אז זיי זאָלן האָבן פרנסה. ער פלעג זיך אויך זאָרגן, פאר די קלענערע סוחרימלעך און זיי געבן סחורה צום וואָכן-מארק.

אז נחום האָט געזען, אז ס'גייט אים קיין עין-הרע גוט, אז ס'גייט אים ווי מ'זאָגט: „דורך מיר און דורך טויער", האָט ער דעם נאָמען דאסקאלו, וועלכן ער האָט געירשנט פונעם פאָטער, אוועקגעוואָרפן און זיך אָנגעהויבן צו לאָזן רופן: „זילבערמאן".
תחלת, האָט זילבערמאן, אזוי ווי אלע ס:הרים פונעם שטעטל, דאָס פעדער-צימער איבערגעטיילט אין צווייען. די גרעסערע העלפט, צו דער גאס צו, אין די קלענערע, פארשטעלט מיט א שפאניער-וואנט. די גרויסע זייט, פון דער בריק ביז צו דער סטעליע, ארום און ארום די ווענט מיט פּאָליצעס, אָנ-געלייגט מיט שטיקער גראָבן געוואנד. הינטער דער שפּאניער-וואנט, זענען געווען אָנגעשטעלט מאשינען, ביי וועלכע ס'זענען געזעסן מיידלעך און אויך עטלעכע געזעלן און פון אינדערפרי ביז שפעט אין דער נאכט אריין געקלאפט און געשטעפט.

קודם, האָט דאָס דאָזיקע שטעפן זילבערמאנען גאָרנישט געשטערט, פארקערט; ס'האָט אים אויסגעוויזן ווי פיינע זיסע מוזיק, וואָס צעגייט זיך אין אלע אברים, ערשט שפּעטער ווען ער האָט דער ערשטער אין שטעטל איינגעפירט א שווי-פענצטער, האָט ער מיט אמאָל דערפילט, אז דאָס שטעפן פון די מאשינען גייט אים אויף די „נערוון", אז מ'קען נישט ריידן מיט קיין קונה, אז מ'ווערט טויב, אז מ'הערט נישט קיין וואָרט און נאָך און נאָך. — דעמלט האָט ער לעבן דער שטאל, נישט ווייט פון דער קיך אין הויף געלאָזט א שטיבל צו בויען און די געזעלן, די געזעלנטעס מיט די לערן-יונגלעך אינאיינעם מיט די מאשינען זענען אהין אריבער, און א באָרוועס לערן יינגל, איז געווען

דער פארבינדונגס־אָפיציר, צווישן ווערקשטאָט און צווישן באַלעבאָס.

א פּאָר טעג פאַרן מארק, פלעג ביי אים די טיר נישט רוען. דאָס זענען געקומען די שניידערס, זיי האָבן אָפּגעבראַכט פאַר־טיקע ארבעט, און גענומען פריש מאַטעריאַל, וועגן איפּדערוואַר.

ס'פלעגן אויך קומען די דאָזיקע סוחרים־לעך, וועלכע פאַר־מאָגן נישט אזוי פיל געלט, אריין צו פאָרן אין שטאָט אריין און ברענגען מיט אמאָל אלערליי קאָלירטע סיצן, דינע שטאָפן, טיכלעך, געבלומטע מיט בלומען, געטופּטע, מיט קליינע, אָדער גרויסע טופּן. ס'פלעגן, ס'רוב קומען, די עלטערע אלמנות, געפאַלענע סוחרטעס, וואָס פלעגן ווען זייערע מענער האָבן געלעבט, שפּילן א ראָל פון שיינע באַלאַבאָסטעס, און היינט; קנייפּט מען די באק, אז די פארב זאָל שטיין. זיי זענען געקומען און גענומען, נאָר ביז איבערן מארק. אויפדערנאַכט, תיכף נאָכן יריד, האָבן זיי אריינגעטראָגן דעם גאנצן פּדיון צו זילבערמאַנען, און דאָרט ביי אים אין שטוב, האָט מען געמאַכט דעם חשבון. זעלטן, ווען ס'פלעג זיך אָפּשטעלן צערונג, אויף צוויי אָדער דריי טאָג.

.2

פרומע, אן אלמנה מיט פינעף קינדער, קנייפּט זיך אויך די באק, אז די פארב זאָל בלייבן שטיין. דער מאן אירער, ווען ער האָט געלעבט, האָט ער איבערגעקערט וועלטן, שוין איינמאָל א סוחר געווען. יענע וואָך, האָט איר זילבערמאַן געזאָגט, אז זי זאָל מער נישט קומען, ווייל ער וועט איר מער קיין סחורה נישט געבן.

— איך בין אייך מוחל דאָס לייזונג. — האָט ער איר געזאָגט — איך בין אייך מוחל, וואָס איר האָט אָנגענומען. — אז איך וויל מער נישט לייזן!

סגייפּט זיך פרימע די באק, פאַרוויקלט זיך מיט דער בערטע און גייט אריבער מאָנטיק אויפדערנאַכט צו זילבערמאַנען.

— אזוי גראָב ביי דער פעל, וועט ער דאָך נישט זיין! — טראַכט זיך פרומע. — וואָרעם, ווער איז זי, און ווער מ'שטיינס געזאָגט איז ער! מערער ווי א מלמדס א זון? מערער, ווי אן אויפגעקומענער שניידער? און זי?

ווען נחום האָט זי דערזען, האָט ער א ווינק געגעבן צום ווייב זיינעם, ווי איינער רעדט: „וואָס זאָגסטו נישט צו איר“? — „איך וועל פון איר, אמאָל פּטור ווערן?“

— איר האָט דאָך צייט פרומע, נישט? — מאַכט צו איר זילבערמאַן — און בשעת מעשה קוקט ער אויפן ווייב. און זיין ווייב, ווערט ביי דעם דאָזיקן בליק, נאָך קלענער ווי זי איז און די פּלייצע נאָך איינגעבויגענער, וואָרעם דאָס הייסט, „גזלנטע! וויפל איז דער שעור! א ברונעם שעפּט זיך אויך אויס!“

— ניין, ניין! איך האָב צייט נחום, — האָט פרומע, זיך גנעאיילט. — שטער דיך נישט פון דער ארבעט, איך האָב דאנקען גאָט צייט. — און בשעת מעשה, טראַכט זי זיך: „זאָל כאָטש קיינער נישט זיין, ווען דער שניידערוק וועט מיט זיך מאַרדעווען און טלומען, ווען ער וועט איר בלוט פארצאַפּן“.

נחום, האָט שוין געהאט ארויסבאַגלייט דעם לעצטן קונה, דעם לעצטן שניידער, און נאָך האָט ער זיך נישט געמאַכט קיין צייט פאר פרומעס ווענן. ער האָט זיך אלץ אויסגעזוכט אלערליי ארבעט און זיך פּארטיפּט אזוי שטארק, גלייך ווי ס׳איז קיינער נישטאָ אין קלייט. צום סוף, האָט ער זיך נאָר אינגאַנצן אויפגעהויבן און ארונטער הינטערן שפּאַניער ווענטל, נישט קוקנדיק אפילו אין פרומעס זייט.

פרומען איז אריבער א פראָסט, ס׳האָט זי אָנגעהויבן דראָזשען, כאָטש ס׳איז געווען נאָך פּסח. זי האָט זיך בעסער איינגעוויקלט אין דער בערטע, און זיך געגרייט אדויסצוגיין.

— אזא שניידערוק! האָט זי זיך געטראַכט, און די טרערן האָבן זי געוואָרגן. — אזא בעלפער־יונגג! זאָל מיר אזוי וואָס אָפּטון! זי, זי מלכה, וועט באַקומען פון מיר איר ערלעך אויסקומעניש. איך האָב זיך אָבער געבעטן צו איר, ווי ביי א גזלן: „גיי דו מלכהניו, איך שעם זיך שוין, דיר, וועט ער נישט אָפּזאָגן, און מיר, — וויינט עס אין איר — מיר, אז ער וועט אָפּזאָגן, וועל איך אריין אין ד׳ערד א לעבעדיקע“.

— פרומע, איר גייט שוין פרומע? האָט זיך נחומס ווייב געלאָזט הערן, ארויסשטעקנדיק דעם קאָפּ פון אונטערן שפּאַניער־ווענטל. און ווען פרומע, האָט זיך אויסגעדרייט, איז נחומס ווייב מיט א פייערפאן אינגאנצן ארויסגעקומען. דאָס האָט זי זיך געגרייט, נחומן עטלעכע אייער אָפּצופּרעגלען.

.3

נחום, האָט שטארק ליב אייער, סיי וואָסערע, געקאָכטע, לויזע, געפּרעגעלטע אין שמאלץ, אדער אפילו, אזוי אויסצוטרינקען.

גלייך פון דער אייער שאָלעכץ אין מויל אריין. נאָר ס'מערסטע האָט ער ליב געפּרעגעלטע. דאָס איז ער זיך נוקם, אָן די אַלע יאָרן, ווען ער איז ביים פאָטער געווען און ער האָט קיינמאָל נישט זוכה געווען, אליין א גאנץ איי אויפצועסן. תמיד, האָט די מוטער זיינע איינגעטיילט איין איי ווען פיר קינדער. און דאָס ווען? פסח, ווען צום ברויט א קנאָבל, טאָר מען נישט עסן, האָט א פערטל אייעלע מיט צוויי גאנצע מצות געמיזט נחומס הונגער שטילן. האָט נחום זיך געגעבן דאָס וואָרט, אז: „ווען כ'ל ווערן גרויס, נאָך דער חתונה, וועל איך עסן אייער".

— איר גייט שוין פרומע? — האָט נחומס ווייב איבערגעחזרט — און בשעת מעשה, האָט זי מיט דער האנט אָפּגעטרעסעט די שירץ. — איר ווילט דאָך עפּעס רעדן מיט מיין נחומן! און ס'איז צווישן די צוויי ווייבער אוועק א שמועס, איבער דער חלה וואָס האָט אזוי גוט געראָטן, און איבערן מאלאי, וואָס האָט זיך ממש צוטאָפּעט אין מויל. מילא פונעם קוגעל, איז שוין אָפּגערעדט, ער האָט אינגאנצן געראָטן אינעם גאסט.

— איר האָט א גאסט פרומע? און איך האָב גאָרנישט געוווסט, ליב און געזונט אייך אייער גאסט, איך וואָלט געווען געשיקט קוגל, לכבוד דעם גאסט!

— ליב און געזונט זאָלט איר לעבן! — האָט פרומע געענטפערט. מיין שוועסטער פון מוינעשט איז געקומען.

נחום איז געזעסן, הינטערן שפּאניער־ווענטל און דער כעס האָט אין אים געקאָכט: — אזא קו — אזא בהמה! זי האלט זי נאָך אויף! און זעענדיק, אז ס'נעמט נישט קיין ענדע צום ווייבערישן שמועס, און ער איז אזוי הונגעריק, און ווען וועט זי אָפּפּרעגלען די אייער! האָט ער זיך ארויסגערוקט פון דאָרט און אָנשטעלנדיק א פּנים פון א תם האָט ער געזאָגט:

— אָווא! ארויס גאָר אינגאנצן פונעם מוח, אז איר זענט דאָ!

פרומע האָט אראָפּגעשלינגען דעם דאָזיקן ליגן זיינעם און זיך נישט געמאכט ווייסנדיק, וואָרעם וואָס וועט איר דערפון ארויסקומען?

און נאָכדעם ווען נחום האָט איר אָפּגעשניטן סחורה, פון וועלכן זי, פרומע, האָט געהייסן, איינגעפּאַקט און איר צוגעווינטשן; „ס'זאָל זיין מיט הצלחה" האָט פרומע אויסגעשטרעקט די האנט און עס געוואָלט הינטער דער בערטע באהאלטן, האָט נחום ארויפגעלייגט די האנט און איר שטום אין די אויגן געקוקט.

— נאָר ביז איבערן מארק, — האָט פרומע געזאָגט און אוועקגעקוקט.

— פאר אכט־טאָגן האָט איר אויך אזוי געזאָגט, פאר צוויי וואָכן און פאר דריי וואָכן אויך אזוי. וויפל איז דער שעור פרימע? האָט נחום מיט א וויינענדיק קול געזאָגט — א ברונעם, שעפּט זיך דאָך אויך אויס!

— זאָל איך אזוי זיין א מאמע מיינע קינדער, — האָט פרומע זיך געשווירן — ווי נאָר ביז איבערן מארק „נאָר ביז איבערן מארק“ און די טרערן האָבן זי געוואָרגן.

— יענע וואָך, פרומע, האָט איר אייך אויך געשווירן, האָט נחום קאלט געזאָגט.

— לאָז שוין געמאך נחום! אז זיי זאָגן, וואָזשע זיי זענען עפּעס א קינד? האָט מינצע, נחומס ווייב זיך געלאָזט הערן.

נחום האָט אויף איר געגעבן אזא קוק, וועלכער האָט באטייט: „ווארט, דו קו, דו בהמה, איך וועל דיך שוין אויסלערנען אז דו זאָלסט דיר נישט אריינשטופּן אין יעדן טאָפּ דעם פּרעסער“.

.4

מלכה, פרומעס טאָכטער, א מיידל שוין אין די יאָרן, איז פארעכנט אין שטעטל, פאר א סוחרטע, א ברען. זי שטאָלצירט זייער מיט איר יחוס. דעריבער, שטייט איר נישט אָן א חתן א באלמעלאָכע. זי זוכט דווקא נאָר א סוחר. ווארפט מלכה, און שמיצט מ'ט זיך, פארוואָס די מוטער האָט גענומען פון זיל־בערמאנען אזעלכע שמאטעס.

אפילו, די סאמע אָרעמסטע פויערטע וועט דאָך אין דער האנט עס נישט וועלן נעמען! דער אלטער דרייזע, האָט ער זיכער נישט אָנגעהאָנגען אזא מציאה פונעם גנב.

— א שיינער פארגלייך — לאכט די מוטער בּיטער — דו ווייסט נישט אז שוין דריי וואָכן וואָס איך נעם און נישט באצאָלט?

— וואָסזשע, שרייט מלכה, ער איז קראנק צו דארן?

— קודם דארפסטו נישט שעלטן, פארוואָס שעלטסטו דו אים? ער איז דיר עפּעס שולדיק? און פארוואָס גייסטו נישט? איך האָב דאָך דיך געבעטן, פארוואָס זאָל גאָר איך מיר שווארצן דאָס פנים? און ביי פרומען טוט עס א כליפּ. נאָר איך, נאָר איך דארף

זיין דאָס כפּרה־הינדל, האָט ביי איר געוויינט דאָס האַרץ און די טרערן זענען ביי איר גערינגען און גערינגען. דאָס האָט זיך ביי איר צונויפגענומען דאָס בלוט צאַפּעניש וואָס זי איז אויסגעשטאַנען ביי נחומן אינאיינעם מיט דעם וואָס מלכה דערגייט איר די יאָרן.

מלכהן האָט שוין באַנג געטון, זייער באַנג געטון, פאַרוואָס זי האָט די מוטער געערגערט, פאַרוואָס זי האָט זי געבראַכט צו טרערן. זי האָט שוין געוואָלט זי איבערבעטן, זי איינשטילן. — „וואָס איז זי נעבעך שולדיק" טראַכט מלכה, אַזאַ שווערע שטוב, זעקס מיילער מאָגנען עסן, זעקס פּאָר פיס, דאַרפן שיך. און פון וואַנען פון וואַנען נעמט מען דאָס אַלעס? פון דעם איינעם דינסטיק. — ווען ס'זאָל כאָטש עפּעס בלייבן, ווי אַזוי? ווי אַזוי? אַז אַקעגן האָסטו די אַלטע דרייזע, לעבן דיר לייבלען דעם משוגענעם וועלכער שלעפּט אַרויס יעדן קונה פון דער קלייט אַרויס און טאַקע נחום זילבערמאַן, פאַרכאַפּט זאָל ער ווערן, קאָנקורירט, פאַרקויפט נאָך ביליקער, פאַר וויפל ער גיט עס אונדז!

מלכהן, ציט זיך צונויף דאָס האַרץ, פאַר רחמנות צו דער מוטער. זי וויל איר אַ גוט וואָרט זאָגן, נאָר זי קען נישט, זי ווייסט נישט וויאַזוי. און פרומע זיצט פאַרלייגט די הענט, ווען און ווען, רייסט זיך אַרויס פון איר ברוסט אַ פאַרשפּעטיקטער כליפּ, אַ פאַרשפּעטיקטער זיפץ אויף אירע פינצטערע יאָרן, וועלכע, זי האָט אַזוי אָפּגעחושכט אַזוי אָפּגעפינצטערט. זי זעט זיך אין איר געבורטשטעטל מוינעשט, אַ קינד צווישן אַסך קינדער. דער פאָטער אַן עושר; יעדעס יאָר, ווען די מוטער איז געלעגן געוואָרן מיט אַ מיידל, פלעג דער פאָטער זי טרייסטן; יעדעס קינד, ווערט געבוירן מיט זיין מזל. פלעגט ער צו זאָגן. און ליב, ליב געהאַט האָט דער פאָטער די קינדער, וואָס זי, פרומע, האָט עס נישט געזען ביי קיין שום אַנדערן טאַטע. — האָט ער אָבער נעדאַרפט שטאַרבן יונג, פאַר דער צייט, און איבערגעלאָזט זעקס מיידלעך, געדרוקט איינע פון דער אַנדערער מיט כמעט פּיפּצן הדשים. זי, פרומע, איז די עלטסטע, זי האָט זיך געמוזט מפקיר זיין פאַר איר יונגערער שוועסטער. אַ געשוועסטערקינד, אַן עושרס אַ זון האָט זיך אין איר שוועסטער איינגעליבט. האָט זי, פרומע, געמוזט חתונה האָבן אַהער מיט ליבערמאַנען, אַן עושר, פון זייער אַ שיינער משפּחה. און דער שווער מיט דער שוויגער, האָבן ממש דאָס אָרט איר אָפּגעבלאָזן, זי געהאַלטן ווי אַ גאָט און יעדן שגעון האָט מען איר נאָכגעגעבן. ס'איז גאָרנישט געווען אַ זאַך וואָס זאָל זיין צו טייער פאַר

פרומעלעס וועגן. אָבער, וואָס קומט ארויס דערפון? „אלעס אינ־איינעם איז נישטאָ ביי קיינעם!“ זאָגט די וועלט א ווערטל. אי שיין, אי קלוג, אי געלט אסך, דאָס איז שוין טאקע צופיל, נאָך דער חתונה, עפּעס מיט א האלב יאָר שפּעטער, זי איז געווען דעמלט אין אנדערע אומשטענדן. פּלוצעם באמערקט זי, אז מיט איר ליבערמאַן איז עפּעס נישט ווי ס'געהער צו זיין. עפּעס פלאַמען אים די באקן צו שטארק. זי, פרומע, האָט נישט געוווּסט, אז דער פּאָטער פלעג אים יעדעס יאָר שיקן אין די ווארם־בעדער. דריי חדשים, יאָר איין יאָר אויס, פלעג ער דאָרט אָפּזיצן אין די פרעמדע לענ־דער איינזאפּן אין זיך אסך זון און מאראנצן מיט מאסלינע לופט. אהיים געקומען, איז ער געווען א מענטש מיט מענטשן גלייך, געהאנדעלט, געוואנדעלט, איבערגעקערט וועלטן. זי האָט שוין געוווּסט, אז אזוי דארף עס צו זיין. זי האָט שוין געהאט שלום געמאכט מיט דעם געדאנק אז איר מאן מוז אוועקפאָרן אויף דריי חדשים. צוויי יאָר איז אזוי געגאנגען. באהיט גאָט פאר ארגער, בעסער האָט נישט קיין שעור. אויפן דריטן יאָר, האָט דער שווער אָנגעזעצט. ווער האָט זיך געקענט רעכטן! ווער האָט געקענט גלויבן! אזא איינגעפונדעוועטע שטוב!

זעקס יאָר אינגאנצן, האָט זי געלעבט מיט אים, און פינעף קינדער. דריי מיידלעך און צוויי יונגלעך. צוויי יאָר געלעבט, טראכט פרומע, די איבעריקע, אָפּגעהוישכט, אָפּגעפּינצטערט. און דער לעצטער זיפץ האָט זיך פון איר ברוסט ארויסגעריסן.

אויסדרייענדיק דעם קאָפּ צו מלכהן, האָט זי זיך אָנגערופן:

— הער א פארגלייך! די אלטע דרייזע האָט געלט. זאָל זיך נאָר שטעלן א גוטער וועג, זאָלן זיך נאָר אויסטרוקענען די בלאָטעס, כאפּט זי אזוי אָ ווי אלט זי איז א וואָגן און פאָרט אריין קיין יאס צו קאנדעלצוקערן און האנדלט זיך איין פונעם שענסטן און פונעם בעסטן, און איז דער זעלבער קנאקער וואָס זילבערמאַן.

— זיין טריפה מזל איז, מאכט מלכה, וואָס מאָרגן איז שוין דינסטיק, א נישט, וואָלט איך אים געוואָרפן אין פּנים אריין, דעם שניידערוק, די שיינע סחורה זיינע. זאָלסט אָבער וויסן מאמע, אז מיטוואָך פאָר איך קיין יאס. שמואלציק, פאָרט קיין טערגול־אָקנא קויפן זאלץ, וועט ער זיך, מיר צוליב, אָפּשטעלן אין יאס אבי איך זאָל מיט אים פאָרן. ס'וועט אים גאָרנישט העלפן, דעם שוואָגארניק דיינגעם, קעפּעלען, אפילו ווען ער נעמט איין א מיתה משונה, וועט ער מיר מוזן געבן סחורה.

— וואָס זאָגסטו? האָט זיך די מוטער, מיט א געבייזער צו־לאכט. דער פעטער, קעפּעלע וועט דיר געבן סחורה אומזיסט?

ער וועט דיך פרעגן ווו דו וווינסט. אנדערש נישט, דער שיינער פעטער דיינער. ס'זעט זיך, אז דו האָסט שוין פאַרגעסן. וועד ער איז. הונדערט מאָל אין טאָג וועט ער זיך דאָך פאַר א פראנק אויפהענגען. מיט טוימע קללות האָט ער זיך ביי דיין טאַטענס קבר געשווירן, אז ער וועט דיך פאַרזאָרגן, נו? זעסט נישט, וויאזוי מען קען אויף אים קאָנטירן? ביי סיי וועלכער גלייכער זאַך, האָט ער תמיד טענות: „א דער, איז ווייניק סוחר, דער, קען נישט האלטן קיין שרייפענדל אין דער האנט, און דער דאָ-זיקער, איז דער טאַטער פאָטער זיינער, אין דער יוגנט, געגאנגען איבער די הייזער, און דער, געפעלט אים נישט, גלאט אזוי, אָן א פאַר-וואָס" — אָדער ער וועט זיך אָנכאַפּן: „סטייטש, פארוואָס פאַר-לאנגט דער חתן גאָר געלט? ער, דער בחור, דארף וויסן, אז זיי זענען פרומע, ליבערמאַנס ווייב, נישט אבי ווער, און קעפּעלע איז איר שוואָגער, חלילה נישט קיין אָנזעצער". פון דיין שיינעם פעטער, קען דיר נאָר דער קאָפּ האַרט ווערן, עפּעס אנדערש נישט, ענדיקט די מוטער מיט א זיפץ.

מלכה, כאַפּט א בליק אין שפּיגל, וואָס איז קעגן איר. פאַרעכט זיך די האָר, קוקט זיך איין אין די אויגן פונעם שפּיגל, ווייזט אויס, אז אירע שווארצע אויגן זענען איר שטארק געפעלן געוואָרן, מחמת, זי האָט אירע פינגער, וועלכע זענען ווייך ווי סאַמעט און דורכזיכטיק ווי פיין געשליפן גלאָז ארויפגעלייגט אויף די אויגן און זיי געצערטעלט און געגלעט. א געדאנק איז איר דורכן מוח דורכגעלאָפן: „שמואלציק". א שיינער יונגאטש, א ציגיינער, גייט אויס נאָך אירע טריט, ממש ער ווערט נאָך איר די כפּרה. ער איז א סוחר, נאָך וואָס פאַר א סוחר!... אָבער, א באלעגאָלע אויך, האָט אייגענע פערד און וואָגן. אלע ברידער זיינע, מיטן פאָטער, האָבן אייגענע פערד און וועגן. זיי זענען אויף די וועגן טאָג און נאכט. האָבן בשותפות א באַקאַליי-קלעט. אין שטעטל, רופט מען זיי „די באלעגאָלעס". מען ר. פט זיי אויך: „ציגיינערס". מחמת די הויט פון זייערע פּנימער איז א שווארצע. דער אלטער, דער פאָטער הייסט עס, גייט אויס, ער הינעט, ער וויל זי נעמען פאַר א שנור. נישט איינמאָל האָט ער איר, און דער מוטער, אָנצוּ-הערעניש געגעבן, אז זיי זאָלן זיך משדך זיין. זי, מלכהן, רופט ער נישט אנדערש ווי נאָר: „מלכהלע", — וואָס וועט אָבער, איר פאָטער אין קבר זאָגן? קען מען אים אזא בושה אָנטון? קענען זיי, מלכה מיט דער מוטער, זיך משדך זיין מיט אזעלכן, ווע̇מען

די שטאָט רופט: „בוליבאש"? * א שיינער מחותן פארן מאטן! טראכט מלכה, און ניט א שווערן טיפן זיפץ. די מוטער פאר־שטייט זי זייער גוט און ענטפערט איר אויך אָפּ מיט א קרעכץ.

5

די טיר, רוט אויך נישט ביי מאָניש גרינשפאן. א גאנצן טאָג, מאָנטיק, ביז שפעט אין דער נאכט אריין, ברענגען אָפּ שוסטערס, אויסגעארבעטע שטיוול מיט הויכע כאַליעוועס, ארומגעזוימטע אויוון מיט רויטע קרייקעס און הינטן ביי די קנאַפּל פּאָדקאָוועס; דאָס איז וועגן יונגע פויערישע בחורים, וועלכע גוצן די דאָזיקע שטיוול, זונטיק ביים „זשאָק", ביים טאנץ הייסט עס. און ווען די פויערישע בחורים אינעם טאנץ פלאקער, קלאפן צונויף זייערע קנאָפּל, הערט זיך ווייט דער קלאנג פון די פּאָדקאָוועס. די שוס־טערס ברענגען אויך, גראָבע שוך, פאנטעפאלער מיט הויכע קנע־פאלער, אויף וועלכע ס'גלאנצן מעשענע פּאָדקאָוועלער. גרינשפאן ארבעט מיט אלע קאָמ׳ען. זיי גיבן ארויס גראָבע יוכטענע לעדער, הארטע זוילן, בראנדזוילן און פאפּנדעקל וועגן שטייפן. גרינשפאן שניידט צו, מעסט אויס מיט שיסטערישן מעטר, צייכנט אָפּ מיטן שווארצן נאָגל זיינעם פונעם גראָבן פינגער אויף דער לעדער, שניידט מיט א האלב לבנהדיק מעסער און די שוסטערס העלפן צו אויסבויגן די גראָבע לעדער זויל כדי לייכטער צו מאכן דאָס שניידן. און כאָטש, כמעט אלע שוסטערס פונעם שטעטל ארבעטן אויס טאנדייט סחורות פאר גרינשפאנס וועגן, און ער וואָלט דאכט זיך שוין געקענט רויק זיצן און זיך אָפּרוען און מער נישט ארבעטן, דאָך האלט ער אויך אן אייגענע ווערקשטעל, מיט גע־זעלן, און מיט לערניונגלעך. און אז ס'קומט אונטער א חנא, ווען ער איז פארלייגט מיט ארבעט, פארקאטשעט ער די ארבל, טוט זיך אָן די שוסטערישע שירץ, זעצט זיך אויפן נידעריקן שוסטער־בענקעלע, כאפט אויפן פּאָדעליק, דאָס שווערע שטיק אייזן, לייגט דארויף א שטיק זויל ארויסגענומען פונעם ציבערל וואסער, קלאפט דארויף אזוי לאנג, ביז די הארטע זויל ווערט נאָכגיביק און צע־צווינגן נאָך דער קאָפּעטע.

— נא, מאכט ער צום לערניונג, — אזוי קלאפט מען אויס א זויל! איר זענט אלע פויל, דערפאר סטייעט אייך נישט, וויפל מ'גיט אייך. מיט דעם, האָט גרינשפאן געוואָלט א שטאָך געבן,

---

* בוליבאש — ראש פון די ציגיינער.

פאר די גנזעלן, וועלכע ס'איז זיי קיינמאָל נישט גענוג געווען, וויפל צוגעהער ער האָט זיי געגעבן.

די שוסטערקעס, פלעגן אים, גרינשפּאַנען, ארויסשטעלן פאר א מוסטער: פאר זייערע מענער, ווי אזוי ס'באדארף צו זיין א מאן. און נישט איינמאָל פלעג אפילו קומען צו א מחלוקת.

— אָן איינרייסער, האָבן די ווייבער געזאָגט. וואָדען, אזוי ווי דו? „גאָט זאָל מיך נישט שטראָפן פאר די רייד!“ און בשעת מעשה, האָט זי זיך איבערן מויל געקלאַפּט. — עפּעס אנדערש ווי קינדער אָנפלאָדן, ווייסטו נישט.

די מענער זענען אויך נישט שולדיק געבליבן פאר זייערע ווייבער. א טייל זענען אָפּגעקומען נאָר מיט בלויז קריגן זיך, אייניקע האָבן באנוצט אויך די הענט און געוויזן פאר זייערע ווייבער, ווער עלטער איז, און אז זיי זאָלן נישט זיין קיין בהמות.

וויאזוי? — האָט דער מאן געשריגן — וויאזוי קען מען צו עפּעס קומען, אז ער אליין, פארקויפט פארמיקע סחורה, נאָך ביליקער פונעם מאטעריאל וואָס ער גיט אונדז? היינט זעסטו שוין, האָט ער אויסגעלאָזט, אז דו ביסט א בהמה, און דו ווייסט נישט ווער ס'האָט דיך געשלייערט?

קומט דער מאָנטיק נאָכמיטאָג, ווערט דער מארק וואָס אינמיטן שטעטל אויפגעלעבט. זילבערמאנס און גרינשפּאַנס גנזעלן, קלאַפּן מיט האמערס, סטרויען אויס בודקעלעך מיט דעכלעך אָדער אָן דעכלעך, און די באלעבאטים שטייען און טרייבן אונטער: „גיכער, גיכער, ס'איז שפּעט! און מען דארף ערשט אריבערטראָגן: די רויע, ווי אויך די אויסגעארבעטע סחורות, מ'קען זיך נישט פאַרלאָזן אויף מאָרגן“ ווייל דער טאָג איז קורץ, נייסט מער ווי א נעניץ.

.6

דער קומענדיקער היסטאָריקער, ווען ער וועט שפּעטער מיט יאָרן, זיך וועלן גריבלען אין די פּאַפּירן, וועלכע ער וועט געפונען אין דער ארכיווע פון דער „פּרימאריע“, פון יענער עפּאָכע, וועט ער פעסטשטעלן אסך ערליי קאטאגאָריען פון סוחרים, סוחרים, מיט איינגעפונדעוועטע קלייטן, און סוחרים, וועלכע נעמען סחורה, ביי די איינגעפונדעוועטע, סחורה נאָר ביז איבערן מארק. סוחרים, פון אייער, פון עופות, פון מאלאי-מעל, פון פּאַפּעשויענע זערנעס, פון קאָטשאנעס, פון תבואה, און אויך

מיר סוחרים, וועלכע נעמען געלט, ביי די סוחרים גבירים, מאָנ־טיק אויפדערנאכט ווען צו מאכן סחורה.

פוןביידע זייטן שטראָז, זענען געזעסן אין די גרויסע הייזער, די צוויי גרעסטע גבירים פונעם שטעטל; איציקווער און באָמבע. דעם דאָזיקן נאָמען, האָט ער באקומען דערפאר, ווייל זיין באשטענדיק וואָרט איז געווען: „האָסטו א באָמבע! (געלט) האָסטו אלדינגס!“. און מחמת, ער האָט באשטענדיק געהאט א פארלייגטע נאָז, האָט זיך עס תמיד געהערט; „פאָנפע“. „האָסטו א פאָנפע, האָסטו אלדינגס!“. (א מעם, א בית, פלעג ביי אים ארויס־קומען: א פיי.)

אָט די צוויי גבירים פלעגן זיך שניידן, קאָנקורירן, ביזן ביין אריין. און טאָמער איז צוגעפאָרן א פויער, מיט א פורל צו איינעם, האָט דער אנדערער נישט גערוט. „אזא באָמבע!“ האָט איציקווער זיך געערגערט. פון דער טיר, רייסט ער אוועק. — אזא קילעוואטש, האָט באָמבע געפאָנפעט; פון אונטער די הענט, רייסט ער ארויס!

די צוויי גבירים, האָבן אויך געהאט, זייערע באשטענדיקע מענטשן, וועלכע פלעגן מאכן פאר זייערטוועגן סחורה. זיי, די גבירים, פלעגן זיי געלט געבן, און די מענטשן, האָבן זיך געקריגט, זיך געשלאָגן, פאר א בינטל פאפעשויע־מעל, פאר א בינטל אייער. א פרעמדן, האָט זיך געקענט דאכטן, אז זיי שלאָגן זיך פאר זייערע באלעבאטים, דאָס איז אָבער נישט געווען אזוי, דער אמת איז; אז דאָס האָבן זיי זיך געקריגט, געשלאָגן, פאר זייערע אייגענע אינטערעסן, ווייל ווי איז געווען דעם דאָזיקן אויפקויפער, דעם דאָזיקן סחורה־מאכער, וועלכער האָט נישט באוויזן צו מאכן געגנוג סחורה, ווי איז געווען אים, מיט זיין משפחה. א חוץ, וואָס ער האָט זיך אָנגעמאָרדעוועט א גאנצן טאָג אויפן שטראָז, זיך געקריגט מיט די אנדערע אויפ־קויפערס ביז ער איז הייזעריק געוואָרן, געקומען דער אויפדער־נאכט, ביים אָפרעכנען, האָט זיך ארויסגעשטעלט, אז ער איז נאָך שולדיק געבליבן, אז איציקווערן, באָמבען, קומט נאָך ארויס, נאָך פון יענער וואָך.

דינסטיק פארטאָג, ווען ס'איז נאָך גאָר טונקל געווען, ווען די מיט די איינגעפונדעוועטע קלייטן האָבן נאָך טיף געשלאָפן, זענען שוין יידן, אויפקויפערס, פון ביידע צדדים, געווען אויפן שטראָז ארויס פון דער שטאָט. דאָרט, האָבן זיי מקבל פנים געווען, די פויערים, די פויערטעס, וועלכע פלעגן טראָגן אויף די קעפ, קויבערלעך מיט אייער, הינער און קאטשקעס. האָבן די דאָזיקע

סוחרים דערזען א פויער, האָבן זיי זיך גענעבן א לאָז צו צו אים און אים ארומגעסטאמפּעוועט ווי בינען ארום האָניק, געקריגט זיך איינער מיטן אנדערן, זיך באַליידיקט און זיך גערופן מיט די ארגסטע צונעמענישן. דער גרעסטער באַליידיקער, דער גרעסטער קריגער, איז געווען בערצי טורבאַץ. ער האָט פּשוט גערים; פון די הענט. ער האָט אין אזא צייט נישט געקוקט, אפילו ווען ער האָט פאר זיך געהאַט אן א.יפקויפּעריז, אן אָרעמע יידענע, וועלכע האָט מיט דעם ביסל פארדינסט, גע־נערט זיך, מיט די קינדער. און אויב טורבאַץ האָט צוגעזאָגט א גרעסערן פּרייז פאר אייער, נישט וויפל די גבירים האָבן געהייסן צאָלן, האָט ער געוווסט אזוי קונציק איינצוטאכן דעם חשבון, אָדער פּשוט צו גנבענען פון אונטער די הענט אפיר, אז ער איז תמיד ארויס מיט ריווח.

אז באָמבע האָט דערזען, אז א׳יציקווערס מענטשן מאכן אויך סחורה, האָט ער זיך מישב געווען און אויפגעשטעלט א בודקעלע, ווייט ארויס פון דער שטאָט, און באַזעצט דאָרט זיין בערציז. אזוי ארום איז טורבאַץ באַשטענדי׳ק געווען אויפן שטראָז, און יעדעס פּיצאַלע האָט געמוזט דורכגיין דורך זיינע הענט.

איציקווער, איז אָבער אויך נישט געשטאנען מיט פאר־ליינטע הענט, תיכף וויאזוי נאָר ער האָט זיך דערוווסט פון באָמבעס אויפטו, האָט ער אויף דעמזעלבן שטראָז, נאָר מיט עטלעכע מעטער ווייטער, אויך אויפגעשטעלט א בודקעלע, צוגע־קלאַפּט א שילד, אויף וועלכן ס׳איז מיט גרויסע אותיות גע־שטאנען אָנגעשריבן: „לא קענטאַרול דרעפּט“, אויף יידיש הייסט עס: „צו דער גערעכטער וואָג“. דאָס הייסט, אז זיין מאָס, זיין וואָג זענען אמתע, גערעכטע, נישט אזוי ווי ביי אַנדערע.

אין דעם איז אויך געווען א שטיקל אמת; די וואָג פון איציק־ווערן האָט געשעמט ארום און ארום צווישן אלע פויערים, אז זי איז א גערעכטע. דאָס האָט אָבער נישט אָפּגעהאלטן איציקווערן, צו געבן א ווינק זיינע מענטשן, אז בשעתן אויסליידיקן די זעק אין האמבאר, צו צוגנבענען א זאק, א ליידיקן זאק, מיט דעם האָט ער אויך צוגעגנבעט א גאנצן זאק מיט תבואה. פון דער דאָזיקער שוואכקייט זיינער האָט אויך געוווסט באָמבע, און ווען יענעמס מענטשן האָבן אויסגעריסן א פויער מיט סחורה, האָט ער נאָכגעשריגען אז איציקווער זאָל הערן:

— מוי רומיני! איי גריזשע סע נוץ פורע שי סאסול! —
אויף יידיש וועט עס הייסן: „דו ראָמענער דו! ניב אכטונג אז

ער זאָל ביי דיר נישט גנבענען דעם זאק"! אויף דעם, האָט מען פון דער אנדערער זייט צוריקגעשריגן:

— דאר נוי, נו לוקרעם קו פ עטרע פאלסע! — דאָס הייסט: „אָבער מיר, מיר ארבעטן נישט מיט פאלשע שטיינער".

איציקווער האָט אין דעם דאָזיקן בודקעלע זיינעם, ארייני געשטעלט עפּעס א קרוב זיינעם, א גרויסער שלים־מזל, וועמען, טורבאַץ איז דערגאנגען די יאָרן. ווי איז אים געבער געווען, ביטער איז אים געוואָרן אין מויל, און שלעכט אין אלע אברים, ווען ער האָט דערזען אז או פּן שטראָז געפונט זיך טורבאַץ. ער האָט אָבער געמוזט ארויס פונעם בודקעלע, ער האָט געהאט א ווייב מיט קינדער, וועלכער מ'מוז געבן עסן. האָט ער אונטער־געשטעלט די פּלייצע, ס'פנים, ארייננעכאפּט בעד און פּעטש, אבי אויפדערנאכט, זאָל ער אויך קענען ווייזן דעם פעטער, אז ער האָט אויך געמאכט סחורה. וואָרעם, כאָטש א פעטער, און אייגע־נער, האָט איציקווער אים באהאנדעלט נאָך ארגער ווי א פרעמדן, און נישט איינמאָל פלעג ער צו זאָגן:

— ווייסטו וואָס כ'ל דיר זאָגן, דו למך איינער? דו ברענגסט דאָך מיר נישט אריין, וויפל דו קאָסט מיך! א גרידע געלט, קאָסטו דאָך מיך אָפּ! איך וואָלט שוין געקענט פארציכטן אויף דיין ארבעט.

שלומיאל, איז געשטאנען מיטן קאָפּ אראָפּ, אראָפּגעשלינגען אלע בזיונות, ווי: „קוואטש", „למך", „לעמעשקע", „א קאָפּ אָן א פּיצל געהירן" און אנדערע. וואָרעם, אז איציקווער איז אריין אין כעס, האָט ער נישט געקליבן קיין ווערטער, נאָר וואָס ס'איז אים געקומען אין מויל אריין האָט ער ארויסגעשאָט ווי פון א זאק.

שלומיאל קוואטש, (אזוי איז געווען זיין צונאָמען) האָט אלעם אין זיך אריינגענומען, ער איז געשטאנען און געציטערט ווי א בלאט, אז דער פעטער זאָל אים נישט נאָך אמאָל, אזוי ווי ס'האָט זיך שוין איין מאָל געטראָפן, באפרייען פון זיין ארבעט, דעמלט איז ער אן אומגליקלעכער, דעמלט קומט אים נישט אויס אנדערש, נאָר אינאיינעם מיט ווייב און קינדער זיך ארייננווארפן אין פּרוט אריין. ציט ער אריין דעם קאָפּ צווישן די אקסלען ווי א טשערפּאכע און טראכט ביי זיך, אז דער פעטער איז גערעכט און נעמט זיך פאָר אז פון איצט אָן און ווייטער וועט ער שוין ווערן אנדערש, נאָר ארויסזאָגן דעם פעטער קען ער נישט, ער האָט נישט קיין מוט. און אז דער פעטער האָט שוין אויסגעגאָסן אויף אים דעם גאנצן מבול מיט ווערטער און אויף

אים געגעבן א קוק ווי ער שטייט אזוי, מיטן קאָפּ אריינגעצויגן גלייך ווי ער וואָלט פארפרוירן געוואָרן, כאָטש אין שטוב איז געווען געגוג ווארם, איז אים, איציקווערן, שלעכט געוואָרן, אויף אים א שפּיי געגעבן, אים צוגעוואָרפן די עטלעכע ליי און געזאָגט:

— גיי דיר, לאָמיך דיין צוקוואטשטע צורה כאָטש נישט אָנקוקן. און ווען שלומיאל איז שוין געווען ביי דער טיר, האָט ער אים נאָכגעשריגן: — זאָלסט גאנץ פרי ארויסגיין, הערסט? איך וועל אויך ארויסקומען. איך וויל אויך זען, וויאזוי דו מאכסט סחורה.

די דאָזיקע ווערטער, האָבן שלומיאלן אזוי דערפרייט, אז ער האָט גאָר אינגאנצן פארגעסן, זיך צו ערגערן פאר דעם קליינעם ביסל געלט וואָס דער פעטער האָט אים צוגעוואָרפן, און צו זיך אזוי געזאָגט:

— וואָסזשע, ער איז דען נישט גערעכט, דער פעטער מיינער? און נאָך אמאָל האָט ער זיך פאָרגענומען, אז ער זאָל מער נישט אנטלויפן פאר בערצין, ער זאָל זיך מער נישט באהאלטן אין בודקעלע.

דאָס דאָזיקע, לויפן און פארלויפן, כאפּן, פארכאַפּן און אויס־כאפּן איינער ביים אנדערן, האָט זיך גענגערופן: „מארזשינע“: דאָס הייסט: עק שטאָט, און דאָס ארגסטע זידל וואָרט, איז געווען, אז צוויי איינגעפונדעוועטע פלעגן זיך קריגן איבער א קונה און זיך שרייען איינער דעם אנדערן; „מארזשינאנט“ „מארזשינאנטקע“! מיט דעם האָט איינער דעם אנדערן געוואָלט א שטאָך געבן. אז זיין פּלאץ, איז דאָרט אין „מארזשינע“, אין עק שטאָט, צווישן די, אויך מיר סוחרים.

איעדער, האָט ארויסגעקוקט און געוואַרט דעם וואָכנמארק. אפילו אזעלכע וועלכע זענען נישט געווען, נישט קיין סוחרים, נישט קיין מעקלערס, נישט קיין באלמעלאָכעס, וועלכע האָבן גע־צויגן זייער היונה פון דער לופט, פונעם ווינט, אזעלכע, מענטשן, פלעגן אין טאָג פונעם וואָכנמארק ארומגיין מיט די אויגן אויף דער ערד, געקוקט און געזוכט: אפשר וועט זיי גאָט באשערן עפּעס א מציאהלע, עפּעס אן אוצר, פון וועלכן, זיי זאָלן זיך קענען מפרנס זיין, זיי, און זייערע קינדער נאָך זיי, אויף אסך, אסך דורות. האָט מען דען נישט געהערט פון אזוי וואָס? האָט מען עס דען נישט געזען מיט די אייגענע אויגן, ווי מענטשן אז זיי האָבן נאָר מזל, ווערן אויפגעריכט?

אזעלכער איז אויך געווען עוזר מלמד. וואָס איז אים אייגענ־טלעך אָנגעגאַנגען דער וואָכנמארק? וואָס האָט ער פון אים גע־וואָרט? ער, זיין פאָטער, זיין זיידע, זענען געווען מלמדים. נאָך ווען ער איז גאָר א — פיצל קינד געווען, האָט אים די מוטער איינגעוויגט מיטן לידל: „תורה, דאָס איז די בעסטע סחורה!" האָט אָבער עוזר מלמד, געהאַט א שטוב מיט קינדער, און דערצו לוימער מעכטער, וועלכע, מ'האָט געמעגט אין איין טאָג צו דער חופּה פירן און דווקא ווילע און שטילע קינדער. אָבער מיט וואָס? מיט וואָס ברענגט מען אזעלכע קינדער צו לייטן? אז פונעם מלמ־דות האָט ער אפילו נישט מיט וואָס דעם טאָג דורך צו שטור־קען? האָט ער מיט הארץ־קלאַפּן געוואַרט דעם דינסטיק, דעם וואָכנמארק, געהאָפט, אז דער היינטיקער מארק, וועט אים, אויפ־ריכטן זיין מזל. וויאזוי? פון וואָס? האָט עוזר מלמד נישט גע־ווּסט, און אפילו נישט געוואָלט וויסן. ס'איז שייך ביי גאָט קשיות צו פרעגן? אָהאָ! אז ער וויל נאָר!

דינסטיק אינדערפרי, איז ער אויפגעשטאַנען פאַרטאָג און שוין געלאָפן אין קיזשנערישן בית־המדרש. אינדערגיך אָפּגעדאַוונט און שוין אהיים געלאָפן. און אז מ'האָט אים געפרעגט:

— רב עוזר, וואָס איז מיט אייך די בהלה אזוי גרויס? האָט ער נישט געענטפערט, נאָר א האלבע ליפּ זיינע האָט געשמייכלט. און אין די פינקלענדיקע אויגן, האָט מען געזען, אז דאָרט טליעט א גרויסער, גרויסער טיפער סוד, וועלכן קיינער ווייסט נישט, נאָר עוזר, עוזר מלמד.

אהיים געקומען, האָט עוזר, נישט תיכף געגעסן, דאָס גלעזל וואַרעמס וואָס די געלע רביצן האָט אים אויפן טיש אנידערגע־שטעלט. ער איז ארומגעגאַנגען איבער דער שטוב ארויף און אראָפּ, זיך געריבן די הענט, ארויסגעקוקט דורכן פענצטער, געקוקט צו דער טיר און געווען זיכער, אז באלד, אָט אין דער מינוט, וועט עפּעס אזוי וואָס געשען, וואָס ס'וועט אים און זיין משפחה גליק־לעך מאכן אויף אסך, אסך דורות.

און אז דער דינסטיק איז אוועק, און דער מיטוואָך איז אָנגע־קומען, האָט זיך אויף עוזרס שווארץ מאָגערן פּנים א טרויע־ריקער שאָטן צעלייגט. און, די אזוי אויך איינגעגראָבענע אויגן, זענען נאָך טיפער אריין אין די לעכער. אין אזא צייט, ווען ער פלעג פאר זיינע תלמידים דערציילן פארשידענע מעשיות, האָט זיין שטים געציטערט, ווען ער האָט דערציילט: וויאזוי פארצייטן, צו־ריק מיט יאָרן, איז אויף די ירידים, אויף די מארק־טעג, געקומען אליהו הנביא, פארשטעלט פאר א דייטשל, מיט א גרין קאפּעלושל

און מיט א פעדער אין קאפעלוטשל, פונקט ווי ביי די יענערס און אין מויל א ליולקעלע. איז אזא דייטשל אריינגעקומען צו אן אָרעמאן, אים איבערגעלאָזט א נעדיזנע, איז שוין, מער האָט ער נישט באדארפט. ס'איז אים שוין געגאנגען, דורך טיר און דורך טויער און פרנסה, האָט ער שוין געשעפט מיט גרויסע קאנען.

יעדער האָט זיך געגרייט צום וואָכנמארק, און אויף אים געוואַרט ווי אויף א טייערן גאסט. און אז ער איז אוועק, און א חוץ הייזעריקייט האָט מען נישט אָפגעשפּאָרט, האָט מען אלץ די האָפענונג נישט אָנגעוווירן. מען האָט געהאָפט און געוואַרט, וואָרעם ס'קען דאָך נישט תמיד זיין אזוי!

קאפיטל ג

יאָן און וואסילע בהמה־טרייבערס.— וויאזוי באלעגאָלעס באהאנדלען כוחרים. דאָס באגעגניש פון אלין מיט יאָנען און מיט וואסילען

דינסטיק, ווען דער יריד איז נאָך געווען אין סאמע ברען. בהמה־סוחרים, צונויפגעקומענע פון אלע עקן לאנד, מחמת די דאָזיקע געגנט איז פארשמט, פאר א פעטע, די קערנער פון די תבואות זענען פולע און די בהמות געזונטע און אָנגעגאָסענע מיט שמאלץ, די סוחרים האָבן געפאטשט אין די ברייטע לאפעס פון די בעל־גופישע פויערים, אין א זייט זענען אין א קופקעלע געשטאנען די פי־טרייבערס און צווישן זיי אויך יאָן.

— מיט יאָנען האָט ערשט פריער גערעדט מארקו אָרנעאש־מיאנו א מענטשל פון מיטלעם ווקס מיט הויכע שטיוול און מיט א קאַרדיקע און א גרינג קוטשמעלע פאריקט אין א זייט פון הינטער וועלכן ס'האָט זיך ארויסגעזען א טשופרינע בלאָנדע האָר. באשטענדיק האָט ער א רויט אָנגעצוויקעט פנים פון וויין, אָבער זייער א גוטער. ער, ווען ער פלעג פארדינען, איז ביי אים דער פראנק געווען א ממזר און ער האָט זיך געלאָזט דערקענען און אסך פויערים האָבן ביי אים געוואָלט, איידער ביי אנדערע זיך פארדינגען. מארקו האָט אָבער אויסגעקליבן יאָנען, ווייל ער קען אים שוין פון לאנג און ער ווייסט אז ווען מ'גיט איבער יאָנען בהמות צום טרייבן, מעג ער, מארקו, גאנץ רויק זיך אנידער זעצן אין קרעטשמע און טרינקען ביזן ווייסן טאָג אריין. וואָרעם יאָן איז א מענטש מיט נשמה, מיט געפיל, ער איז נישט ווי די אנדערע, וועלכע שלאָגן די בהמות אָן רחמנות, אזש די שלעק דערקענען זיך אפילו נאָכן שעכטן און דאָס פעטסטע ווייסע פלייש ווערט בלאָ. מארקו ווייסט אז אויף יאָנען מעג ער זיך פארלאָזן און ער האָט אים אפילו תיכף געזאָגט, אז יאָן מעג זיך אלס שותף

אויסקלויבן ווען ער וויל. האָט יאָן דערזען וואסילין צווישן די פי־טרייבערס, האָט ער אים נישט אָפּגעלאָזט און ער האָט אים געמוזט צוזאָגן אז ער גייט נישט מיט אן אנדערן, ווי נאָר מיט אים.

לאָזן זיך אוועק דינסטיק אויפדערנאכט, די אָקסן־טרייבער צו דער נאָענטער באַן־שטאציע, און זייער אויסגעצויגענע דוינע הערט זיך ווייט, ווייט: א דוינע, וועלכע איז אָנגעזאפּט מיט שנאה צום באָיאַר, צום טשאָקאָי און צום זשאנדאר. הערן דאָס, יידן שטעלן זיך ביי זיי די האָר קאפּויר און די הויט אויף זייערע לייבער ציט זיך ביי זיי צונויף פאר שרעק, האקט מען צו טיר און פענצטער און מען ציטערט פאר דער נאכט, פארן מאָרגן, ווער ווייסט וואָס ער וועט מיט זיך נאָך ברענגען.

.2

קומט ארויס פון דער קרעטשמע, דער שכורער טשאָקאי, ווען גיצע מיט די לאנגע פּיס האָט אויף טויט איבערגעשראָקן, און מ׳ט ווען ער האָט א וואָרף געגעבן ווי מיט א פּאסקודנעם שרץ. נעמען ביי אים אונטערפּירענס, מחמת ער קען נישט אליין טרעטן מיט די פּיס, צוויי וואזשנע אונטערפירערס, דער שעף פון די זשאנדארן און טאקע בערקו דער קרעטשמער. דער טשאָקאָי זינגט זיך ווייטער זיין לידל, וואָס ער האָט פריער געזינגען אָבער איצט מיט נאָך מער חשק: „די יידן, די יידן הרגע און קוילע, איר באנדעס ווילע“.

הארט אים נישט, דעם טשאָקאָי, ס׳שטערט אים גאָרנישט, וואָס ער גייט לעבן א יידן און לעבן דעם וועלכער דארף היטן, אז מען זאָל אזעלכע פּאסקודנע לידלעך נישט זינגען. פארקערט, ער ווייזט ארויס ביי יעדעם מאָל ווי שטארק ער האָט ביידע פריינט זיינע ליב, און ער ווארפט זיך קישן אָט דעם שעף, אָט בערקון און צו בערקון מאכט ער:

— דו ביסט נישט ווי דייניקע בערקו, דיך האָב איך ליב! „די יידן, די יידן, הרגע און קוילע, איר באנדעס ווילע“.

הערן דאָס דאָזיקע לידל די יידן פונעם שטעטל, מאכן זיי מיט דער האנט ווי איינער רעדט: „עט ווייסעד וואָס, אויך מיר א מענטש? נישטא פון ווען צו ריידן!“.

.3

צום יריד, פלעגן זיך אויך צוגרייטן די באַלעגאַלעס. אָבער נישט ביי אַלע באַלעגאַלעס האָט זיך גלייך געדרייט דאָס רעדל. ס׳זענען געווען אַזעלכע באַלעגאַלעס וואָס דער פערד איז וואָגן האָט זיי שטאַרק באַגליקט. דאָס שטעטל איז געווען אַ שפּאַן פון דער גרענעץ, האָבן די דאָזיקע באַלעגאַלעס זיך אָפּגעגעבן מיט אַזוי וואָס, וואָס נישט יעדער האָט דעם קוראַזש, דעם מוט צו אַזוי וואָס. איין משפּחה, אַ טאַטע מיט זעקס זינען, זענען זיי געווען, זיי האָט גאָר נישט אָפּגעשראָקן. זייערע רעדער האָבן קיינמאָל נישט געסקריפּעט און אַנשטאָט אייזערנע האָבן זייערע פערד גומי פּאָדקאָוועס געטראָגן. זענען זיי געווען טאָג און נאַכט אויף די וועגן, באַלד ביי דער, און באַלד איבער דער גרענעץ. די דאָזיקע משפּחה האָט מען גערופן אַ חוץ באַלעגאַלעס, אויך ציגיינערס.

אַ טאַטע מיט זעקס בנים, אַלע פעסטע, געזונטע, זיי, זייערע פערד און זייערע וועגענער, סאָלידע, מאַסיווע. פאָרן זיי מיט אייגענער אויפגעקויפטער סחורה, פאַרצוקערן עס, און קערן זיך אום אַלץ מיט מער געשוואָלענע טייסטערס.

פאַראַן אָבער אַזעלכע באַלעגאַלעס, וועלכע ס׳גייט ווי מ׳זאָגט מיט דער פּוטער אַראָפּ, און וואָס זיי זאָלן נישט טון, גייט עס מיטן קאָפּ אין דער ערד אַריין. אָט די דאָזיקע באַלעגאַלעס זענען, זיי, און זייערע פערד, קנעכט, פאַרקויפטע שקלאַפן ביי איציקווערן אָדער ביי באָמבען...

.4

נישט האָבנדיק געגנוג געלט אויף צו קויפן פאָרן פערד, אַ קערצל האָבער, מוז דאָס פערד זיך באַניין, מיט סיי וואָס מ׳וואַרפט פאַר אים אונטער. דורכדעם אָבער, דורך אַזאַ געמיינער קאָסט, קען אַזאַ פערד נישט אקעגן שטיין, אקעגן די שווערע צייטן, וואָס הערשן דאָרט אין יענע קאַנטן; רעגנס, שנייען, טיפע בלאָטעס און זאַווערוכעס און דערפאַר, ציט ער אויס פאַר דער צייט זיינע פיס און דער באַלעגאָלע שטייט איבער אים, שעלט אים מיט טויטע קללות, און דער ווינט, דער בייזער ווינט, ער וואָיעט אויך, גלייך ווי ער איז אויך שטאַרק אויפגעבראַכט אויפן

פערד דעם שלימזל, פאַרוואָס ער האָט זיין באַלעבאָס איבער-געלאָזט אינמיטן וועג איינער אַליין. און דער באַ-לעגאָלע; וואָרטשעט אַריין אין זיך: „דו קערסט אויך צו מיינע צרות און ווייטיקן", און ער לאָזט זיך מיט דער בייטש אין דער האַנט צום נאָענטן דאָרף, צו בעטן הילף ביי די פּוערים.

דער באַלעגאָלע, נישט האָבנדיק די מעגלעכקייט, זיך צו קויפן געזונטע שטאַרקע פערד, מוז ער אויך, אַפילו וועגן אַ פערד אַ פּגירה, אָנקומען צו איציקווערן אָדער צו באָמבען:

— פ׳נעם מויל, — טענהעט דער באַלעגאָלע — וועל איך אָפּשפּאָרן, פון די קינדער וועל איך צונעמען, און אים, דעם בולאַן האָדעווען, אבי לייט מ׳ר אויס אַ הונדערטער.

אין אַזאַ צייט, האָט זיך באָמבע געמאַכט, גלייך ער איז אַ גוטער פריינט דעם באַלעגאָלע, און מוסרט אים אַלערליי שטראָף-רייד:

— וואָסזשע איך וויים נישט, אַז דער הונדערטער איז עלעהיי אַריינגעוואָרפן אין בלאָטע ? אַריין? וואָרעם, דו ווייסט דען וויאַזוי אומצוגיין מיט פערד?

דאָס איז אָבער געווען פאַלש און ליגן, וואָרעם אין האַרצן איז ער, באָמבע שטאַרק צופרידן געווען, ווייל דורכדעם האָט ער דעם באַלעגאָלע, פעסטער צוגעבינדען צו זיך, און ער איז מיט אים זיכער געווען, אַז ער וועט נישט אַוועק, פירן פאַר איציקווערן.

און אַזוי, פלעג ווייטער אַוועק אַ סדרה, פון אָפּציען ביי יעדן טראַנספּאָרט, האָט דער באַלעגאָלע זיך אומגעקוקט און גע-זען אַז דער בולאַן עסט אויף דעם גאַנצן פאַרדינסט, האָט ער אָנגעהויבן איינצוקאַרגן און אים נישט געגעבן די געהעריקע פּאָרציע. איז בולאַן תהלת אָפּגעשטאַנען, דערנאָך נישט קענענדיק פאַרטראָגן די געמיינע קאָסט, האָט ער, נאָך איידער דער באַלעגאָלע האָט באַוויזן אויסצוצואָלן דעם הונדערטער, זיך אַריבערגעפּעקלט צו זיינע פון לאַנג זיך מיענדיקע חברים און דאָס מעשהלע מיטן הונדערטער האָט זיך איבערגעחזרט ווי עפּעס אַ שטיק משוגעת.

איין שטראַל האָפענונג אין זייער פינצטערער נאַכט, איז געווען דער וואָכנמאַרק. מאָנטיק נאָכן אָפּפירן די תבואות צו דער באַן-שטאַציע, האָבן די באַלעגאָלעס, נישט פאַרקערעוועט ווי געוויינטלעך, אהיים. נאָר זיי האָבן אויסגעמאָסטעט פון שטרוי, סטרוזשענעס, זיצן פאַר די סוחרים, וועלכע דאַרפן אָנקומען מיט דער באַן צום יריד. די זיצן האָבן זיי איבערגעדעקט מיט זעק אָדער מיט פלאַכטעס.

געקומען די באַן, האָבן זיך די באַלעגאָלעס א לאָז געגעבן צו די פּאַסאַזשירן. זיך געריסן איבער יעדן גאַסט. געפּליקט פון די הענט די קליינע סוחרישע טשעמאָדאַנטשיקלעך. דער פּאַסאַזשיר איז געשטאַנען ביי דער זייט, ער האָט זיך צוגעהערט ווי די באַלעגאָלעס קריגן זיך איבער אים, שעלטן זיך אין טאַטן און אין דער מאַמען אריין, און ס׳האָט אים הנאה געטון, ער איז ביי זיך שטאַרק שטאָלץ געווען, וואָס מען רייסט זיך איבער אים, א סימן אז ער איז עפּעס א פּערזענלעכקייט. אז ער האָט דערזען וואָס פאַר א מיוחס ער איז, האָט ער, געדרייט מיט דער נאָז דערבליקענדיק די שיינע עגלה, דעם שיינעם איינלאַדענדיקן זיץ:

— ס׳טייטש, — האָט א פּעט־לייבלעכער סוחר געטענהעט — דער דאָזיקער זאַק, וועט מיר נאָך דעם איבערציער מיינעם איבערפירן איר ווייסט דען וואָס פאַר אן איבערציער דאָס איז? — ווענדט ער זיך צו די איבעריקע סוחרים — א נו טאַפּט נאָר אָן די דאָזיקע סחורה! איר זעט? נעבעך אמתער אויסשפּיז ענגעל, און דער אָ, הייסט מיר איך זאָל מיך אנידערזעצן אויף א ווארעטע!

אן אנדערער סוחר, איז מלא כעס: „סטייטש, ווו וועל איך האַלטן מיינע פיס? געלט, האָסטו א מויל צו נעמען, אָבער די פיס, ווו וועל איך אנידערשטעלן די פיס?“.

איינער, וועלכער האָט זיך שוין באַזעצט, און ווייזט אויס, אז ער האָט באַקומען א נישקשהדיקן זיץ, האָט זיך געוויצלט:

— וואָסזשע מאַכט עס אים? מה קול רעש? אַזא יונגערמאַן ווי איר מעג, אַזוי ביז אין שטאָט אריין, פאַרוואַרפן די פיס אויף די אַקסל. נישקשה! — און ער לאַכט אליין פון זיין איינענער הכמה.

— נו, וואָס זאָגט איר נישט צו דעם דאָזיקן אויבער הכם? — מאַכט דער געטראָפענער — קיין נאַר וועט ער שוין נישט ווערן! איר ווייסט פאַרוואָס? — און ער האָט זיך אויך צולאַכט.

דער פירמער, איז מלא רציחה, און ער וויל נאָר וויסן, פאַרוואָס דער זיץ איז אַזוי האַרט. און וואָס ס׳זוכט דאָ, אינמיטן דרינען א פּעסאַלע, און אז ער וועט בשום אופן נישט זיצן אויף קיין פּעסער.

אַזוי, האָט יעדער סוחר טענות צו די באַלעגאָלעס. אז, ממה־נפשך, וויל מען פירן מענטשן, נישט קיין זעק, זאָל ער זיך פאַרגינען דער באַלעגאָלע, זאָל ער קויפן א לעדערנעם זיץ, נישקשה, ער מעג זיך פאַרגינען. וויפל דאָס שאַרט נאָר אָן פון איין וועג!.

און דער באלעגאָלע, ער איז ווייך, נאָכגיביג, ער גיט נאָך יעדען זיין שגעון. ביז ער זעט דעם פּאסאזשיר אין וואָגן. אויפ־געזעצט זיך און היידא, דעמלט ווערט דער פּאסאזשיר אויס מיוחס, דעמלט מעג דער קליענט שרייען צעזעצטערהייט; אז ער בלייבט אָן קישקעס, אז ער פילט זיך שוין נישט די ביינער, אז אלע אברים זיינע, זענען אין אים צובראָכן. מעג ער אפילו סטראשען דעם באלעגאָלע, אז מער וועט ער זיין טריפה פּנים נישט אָנקוקן, קוקט זיך דער באלעגאָלע אויף אים, אפילו נישט אום. דער קליענט ווערט באהאנדעלט, עלעהיי ווי א זעקל תבואה אָדער א פּעסל נאפט. וואָרעם, וואָס קען דער סוחר טון? זאָל ער א שטייגער, וועלן דעם באלעגאָלע אָנלערנען, און אים נישט באצאָלן פיר־געלט, מעג ער זיכער זיין, אז אויף קיין באלעגאָלישער פור, וועט ער, נישט צו דער באן און נישט פון דער באן מער פאָרן, ביז ער וועט נישט זיין חוב באצאָלן. איבער דעם, ווישט זיך דער סוחר אָפּ דאָס פּיסקל און ער שווייגט. „אלע האָבן זיי איין פּנים" — טראכט ער זיך.

— אָט, אָט! זעט איר שוין! — רופט זיך אָן איין קליענטניק צום אנדערן, הערנדיק, וויאזוי די באלעגאָלעס פירן זיך אויף מיט די סוחרים, — זעט איר שוין, וואָס ס'הייסט אחדות? אָבער ס'רעבעלע, ער קען ארויסשלעפּן דעם קונה פון אנדערנס קלייט — זעט איר שוין ביי וועמען ס'איז דאָ אחדות? מיר מעגן זיך שעמען! מיר מעגן זיך לערנען, ביי זיי, ביי די באלעגאָלעס. זיי, קע־נען זיך קריגן, איבער א קליענט, ביז ער זעצט זיך אויף אויפן וואָגן. אָבער דערנאָך, וועט קיין שום באלעגאָלע נישט קומען און זאָגן: „קומט מיט מיר, איך וועל ביי אייך נעמען ביליקער".

הערט דאָס אברמצע בורמאן, א באלעגאָלע, נאָך פון דער יוגנט, לאכט ער און ער זאָגט:

— וואָס איז דער חדוש? א סוחר און א גנב איז איינס און דאָס זעלבע. ס'גנעלט פונעם טיש־קעסטל איז לויטער גניבה! גרינג געלט, נישט פאַרהאָרעוועט מיטן שוויים אזוי ווי אונדז באלעגאָלעס — און אברמצע דערציילט א מעשה פון א קלעטניק אן אייזן־קלעטניק, איינער בוליגע, פון דער משפּחה ציגיינערס, ווי אזוי ער האָט אָפּגענארט א פּויער מיט אן אייזערנעם קעסל, וויאזוי דער פּויער, האָט געבראכט א צעבראָכענעם קעסל, א גרויסן קעסל. וויאזוי דער פּויער האָט זיך געצלמט און זיך געשוווירן; ער זאָל אזוי האָבן פּארטע* פון זיין ווייב און

---

* פּארטע — הנאה האָבן.

קינדער, פון זיינע פערדלעך און פון זיין איינציקער זשונקע,* צי האָט דער קעסל אינדערהיים נישט געוווינגן מיט צען קילע מערער ווי אצינדערט און וויאַזוי דער סוחר בוליגע האָט אים איינגערעדט, אז ער, דער פויער, איז גאָרנישט שולדיק, אז אזוי איז די טבע פון אייזן, ווען ס'קומט ארויס אויף דער לופט אינדרויסן פאַלט פון דעם אָפּ. א סימן וועט ער האָבן דער פויער, ווען ער וועט מיט דעם נייעם קעסל אהיים קומען וועט ער אויך ווייניקער וועגן ווי איצטערט.

.5

נאָר איין באַלעגאָלע, וועלכער איז נישט קיין עזות־פּנים, וועלכער רייסט נישט פון די הענט ארויס, ווי די איבעריקע איז געווען אלי דער בלינדער. דעם דאָזיקן צונאָמען האָט ער באקומען צוריך מיט יאָרן. דאָס איז געווען תיכף נאָך דער התונה, ווען ער האָט באַקומען אין נדן אריין צוויי שטאַרקע געזונטע פערדלעך און א נייעם וואָגן. האָט ער זיך געבריהט, געוואָלט זיך אויספּיינען פאַר זיין יונג ווייבל, און איר ווייזן אז נישט נאָר זי דאַרף זיין פאַרשמט אלס א גרויסע בריה; האָט ער געטעסעט עפּעס א פלאָקן, שפּענער זענען געפלויגן, אזוי לאַנג, ביז איין שפּאָן איז אים מיט דער שאַרפער זייט אריינגעפלויגן אין אויג אריין און אויפן אָרט איז אים דאָס אויג אויסגערינען געוואָרן.

זאָל זיך אָבער עפּעס א סוחר פאַרגלוסטן, און ווערן א בעל־רחמנות; „ס'טייטש, ער איז נעבעך א בלוטיקער אָרעמאַן, א שטוב מיט קינדער", און זאָל אים דערפאַר געבן צו פאַרדינען, מעג ער זיך שוין געזעגענען פון ווייב און קינדער און אָנשרייבן באַצייטענס א צוואה, מחמת, די פערד זיינע, זענען בלינד ווי ער, און דער וואָגן איז איינגעשטעלט, מחמת אַלטקייט, יעדע רגע זיך צו צעשיטן.

שטייט ער אלי, אינדרויסן ביי דער באַן־שטאַציע און וואַרט. ער וואַרט אויפן לעצטן צוג אפשר וועט זיך עפּעס א פאַרשפּעטיקטער פּאַסאַזשיר פאַרוואָלגערן, וואָס דאָס איז זייער זעלטן, וואָרעם אַלע סוחרים, זוכן, אז זיי זאָלן זיין וואָס פריער, כדי אינדערפרי נישט צו פאַרשלאָפן עפּעס פונעם מאַרק.

---

* זשונקע — טעלעצע.

שטייט ער אלי, קראַצט זיך אין קאָפּ, גלעט אויס אפשר צום הונדערטסטן מאָל דעם זיץ, איז אין כעס אויף די חברים זיינע, די באַלעגאָלעס, איז זיי מקנא. ער רעכנט אויס אין גערדאַנק, צו ווי פיל פּאַרשווינען, יעדער האָט גענומען און פאַר זיינעט וועגן האָט מען אפילו איינעם נישט איבערגעלאָזט. „גוטע ברידער, נישטאָ וואָס צו ריידן — גייט אים דורך א געדאַנק — אפשר נישט? אוודאי זענען זיי גוטע ברידער, קומט צו א שמחה, ווען ער, אלי מאַכט א ברית, באַשיינען זיי אים אַלע, אַלע ברענגען מיט, וואָס זיי קענען נאָר, און מ'הוליעט, און מ'פריידט זיך ביזן ווייסן טאָג אריין. אָבער צו פּרנסה קער זיך דאָס גאָרנישט אָן — זאָגט זיך אלי אין געדאַנק — פּרנסה, דאָס איז אן איידלע זאַך, וועגן דעם, דאַרף מען נישט נאָר האָרעווען, וועגן פּרנסה, דאַרף מען זיך שלאָגן, מיט הענט און מיט פיס דאַרף מען זיך שלאָגן. — אזוי זאָגט זיין נעכע, און זי, נעכע, איז גערעכט, אוי איז זי גערעכט!".

שטייט ער אלי, באַטראַכט זיינע צוויי מאָגערע פערדלעך, און א רחמנות נעמט אים ארום אויף זיי. פאַרטאָג, איידער ער איז ארויסגעפאָרן פון דער היים, מיט אן אָנגעלייגטן וואָגן זעק מיט פּאָפּעשיעס, מיט תבואה, דעמלט האָט ער זיי צו פערטעלעך האָבער געגעבן. און פון דעמלט, א גאַנצן ליבן טאָג, האָבן זיי נאָר געוואָרפן מיט די עקן, זיך געביסן און געקראַצט איינס ס'אַנדערע. אלי זוכט אין וואָגן און ער דערטאַפּט א האַלב זעקל סיטשקע: ער נעמט ארום די צוויי מאָרדע-זעקעלעך, צעשיט די סיטשקע איןביידע זעקעלעך אין צוויי גלייכע טיילן. און די פערד, גלייך ווי זיי האָבן דערפילט ווי זייער ברויט-געבער, גרייט זיך, זיי צו געבן וועטשערע, האָבן זיי פאַר גרויס שמחה, אָנגעהויבן צו הירזשען, ווי איינער רעדט: „גיכער, גיכער, ווייל ס'פּאַלט אונדז שוין ארויס די נשמה". אלי, פאַרשטייט זיי זייער גוט, און ווען ער האָט אויפן ערשטן פערד ארויפגעצויגן ס'טאָרבעלע אויף דער מאָרדע, האָט ער ס'אנדערע פערד איינגעגעבן מיט א גוטע רייד און צו אים געשמועסט גלייך ווי מ'שמועסט מיט א מענטש: „וויין נישט, בולאַן, אבאַלד באַקומסטו אויך דיין פּאָרציע, וויין נישט, וויין נישט!".

אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיט די פערד, האָט ער אָנגעהויבן זיך ארייינצוקלערן, און צו דערמאָנען זיך, צי האָט ער אלי, היינט געגעסן. אוודאי נישט. אינדערפרי, איז ער נישט געווען הונגעריק. ווער קען עסן אזוי פרי? דערנאָך, זיצנדיק אויף דער קעלניע, האָט ער אלץ אָפּגעלייגט אויף שפּעטער, ווען ער וועט קומען

צו דער באַן־מאַגאַזיע, צום אָפּלאָדן, אָבער ווער קען דערמאָנען עסן? און איצט גייט שוין אונטער די זון, און ער האָט נאָך היינט אין זיין מויל גאָרנישט געהאַט. מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ שלעפּט זיך אלי צוריק צום וואָגן. נישטערט און זוכט ביז וואַנען ער שלעפּט אַרויס, עפּעס איינגעוויקעלטס, אין אַ קלאָר ווייס האַנטוך. ער צעלייגט דאָס פּעקל אויפן זיץ, נעמט אַרויס אַ האַרט שטיק מאַמעליגע, אַ ציבעלע און אַ עקסטער שמאַטקעלע מיט זאַלץ, אַלין ציט גאָרנישט ס'האַרץ צו דער דאָזיקער סעודה, וואָס זאָל ער אָבער טון? שפּעטער, ווען ער וועט הונגעריק ווערן, וועט שוין זיין טונקל... שלינגט ער אָן חשק די קאַלטע שטיקער מאַמעליגע, כראָמטשעט די אין זאַלץ איינגעטונקענע ציבעלע, און ער טראַכט אַז ווען ער האָט איצט אַביסל צויקע,* אָדער אַביסל דראָזשדיע,** וואָלט עס אים אפשר אויפגעעפנט דעם אַפּעטיט. און נאָך טראַכט ער, אַז די ציבעלע וועט אים דורשטן... די פערד האָבן זיך שטאַרק צעהירזשעט, אַ סמן, אַז זיי האָבן פאַרטיק געמאַכט מיטן פאַרשפּייז, און זיי וואָלטן אַ בעלן געווען צו פאַרבייסן, און פאַרוואָס טאַקע נישט אַ געהעריקע פאָרציע האָבער? וואָרעם פון ס'משקע, ווערט נאָר אַ ווינט אין מאָגן, און אַז די טרייבסט אַרויס די נשמה, רינט אַרויס די ס'משקע מיט אַ גרין וואַסערל אינאיינעם. אַנדערש איז אַז מ'לענט זיך אונטער דאָס האַרץ מיט האָבער איז בשעתן לויפן, פאַרייסט מען פרייליך די עקן, מען לאָזט אַרויס לופטן, און ס'פאַלן אַרויס גאַנצע וואַליקעס... אלי צענעמט די הענט, ווי איינער רעדט: פונוואַנען זאָל איך נעמען האָבער? כ'לעבן ווען איך האָב וואָלט איך אייך געגעבן. אָבער איר האָט אליין געזען, די וואַזשנע וועטשערע, וואָס איך האָב געגעסן... אלי נעמט אַ פּיר פון אַנטערן וואָגן די פּיטגע, וואָס הענגט דאָרט באַשטענדיק און לאָזט זיך אַראָפּ צום פרוט אָנצושעפּן וואַסער כדי אָנצופּויען די פערד...

שטייט אלי און וואַרט אויפן לעצטן צוג וואָס קומט אָן אַרום זייגער צוועלף. און אַז דער צוג איז אָנגעקומען, און דער איין און איינציקער פּאַסאַזשיר האָט דערזען מיט וועמען ער דאַרף דאָס פאָרן, איז אים קיל געוואָרן ביים האַרצן. נאָר מילא, וואָס קען ער זיך העלפן? נישט פאָרן הייסט אָנווערן דעם יריד, יאָ פאָרן, הייסט איינשטעלן זיך דאָס לעבן. איז, אַנשטאָט, ער

* צויקע — פלוימען בראָנפן.

** דראָזשדיע — הייוון בראָנפן.

זאָל זיך צולייגן אויפן זיץ און כאַפּן א דרימל ווי דער שטייגער איז, האָט ער זיך געמוזט אין דרייען בייגן און אלץ מינטערן דעם באַלעגאָלע.

— אלי, פאָר נישט אויף דער קופּע שטיינער! אלי, גיב אכטונג, טאָסטו א בוים! אלי, ווי פאָרסטו? ביסטו בלינד?

נאָר, נאָך אלע וואָרענישן און באַוואָרענישן, איז אלץ דער וועג נישט דורך גלאַטיק, נאָך אָפּפאָרן, פון עטלעכע קילאָמעטער, איז דאָך דער סוחר איינגעדרימלט געוואָרן און אלי, ווייזט אויס האָט זיך פארלאָזט אויף זיינע פערדלעך, אז זיי ווייסן אליין דעם וועג, מחמת צוריק-צו-וועגס זענען זיי, די פערדלעך תמיד געשיקט און געשמיידיק, און מיטן ליידיקן וואָגן, לויפן זיי תמיד האָפּערדיק און פריילעך, וואָרעם זיי ווייסן אז טאָמער ווארט טאקע נישט אויף זיי קיין וואזשנע וועטשערע אין דער היים, אָבער דערפאר, קומען זיי אריין אין שטאַל, ווו מ׳פילט נישט מער דעם יאָך פונעם וואָגן און ווו מ׳קען זיך אביסל אנידערלייגן און אויסרוען די מידע ביינער. און דעמלט איז עס געשען: שוין נישט ווייט פונעם שטעטל, איז פלוצעם דער וואָגן אריין אין א בוים, וועלכער איז געשטאנען ביים ראנד פונעם שטראָז און דאָס רעדל האָט זיך צעשיט.

ווען דער סוחר מיט אלין האָבן זיך אויפגעכאפּט דורך דעם שטארקן זעץ פונעם וואָגן און דערזען ווו זיי געפונען זיך, האָבן זיי געדאנקט גאָט, וואָס דער וואָגן האָט זיך איבערגעקערט אין דער זייט, וואָרעם, ווען חלילה והס דער וואָגן קערט זיך איבער אין יענער זייט, אין דער גערלע * אריין, דעמלט, וואָלט פון זיי גאָרנישט געווען געבליבן.

— וואָס טוט מען? — קראצט זיך אלי אין קאָפּ. — וועלכער קאָוואַל וועט וועלן, מאָרגן, אין טאָג פונעם יריד, שווייסן דאָס רעדל? — און מיטוואָך גאנץ פרי, דארף ער פירן פאר באָמבעם וועגן; פּאפּעשויעס צו זאכאריעס מיל קיין באָטאָשאַן.

— שטייט, איך בעט אייך דאָ, שטייט, — בעט זיך אלי, ביים פאסאזשיר — און אליין, לאָזט ער זיך אראָפּ מיט דער גערלע, צום וועלדעל צו; א פארע, ** א קראקע, *** מוז ער ברענגען.

שטייט ער דאָ דער פרעמדער, און אנגעסטן באַשלאָגן אים. ער קוקט אין דער פינצטערער נאכט אריין און ס׳דאכט זיך אים אז

* גערלע — טאָל.

—* א פארע; א קראקע — א שטיקל דרענגל.

ער זעט בערן מיט וועלף, ער זעט זייערע ברענענדיקע אויגן, ער פילט זיי דאָ לעבן זיך.

— ווהין איז ער דאָס געגאנגען דער בלינדער? — פרעגט ער זיך אליין ווי דאָס האָט נישט קיין מורא, אליין צו גיין אין וואלד אריין! — און א פחד נעמט אים ארום, פאר דער שטילקייט, פאר דעם אומבאקאנטן „הו הא“ וואָס זשומעט אים אין די אויערן. און ער שרייט אריין אין דער נאכט:

— אלי! אלי! ווו ביסטו? און א קול ענטפערט אים פון אונטערן וואָגן אפיר: — וואָס שרייט איר אזוי? — ער איז שיעור נישט געפאלן אין חלשות. — ווען איז ער צוריקגעקומען דער בלינדער? — פאר פרייד האָט ער אים געוואָלט קושן.

ער בויגט זיך ארונטער אונטערן וואָגן, פארהויבט דעם איבערציער כדי אים נישט איינצוגיערן אין בלאָטע, ער זעט, ווי אלי ליגט אונטערן וואָגן מיטן פנים ארויף, ווי ער שטופט מיט אלע כוחות א צווייג, וועלכע איז נאָך מיט גרינע בלעטלעך, אויפן אָרט פונעם נאקעטן רעדל, הויבט ער אָן, אים צו געבן עצות:

— ביסט בלינד אלי? זעסט נישט, אז דאָ איז דער לאָך? און אז אלי ענטפערט אים נישט, קרעכצט ער, פראכט ער איניינעם מיט אלין און דאָס רעגט אויף אלין אָן א שיעור. אוי, האָט ער חשק, אים צו שיקן צו אלדי שווארצע יאָר, ווייסט ער אָבער נישט וויאזוי מ׳הויבט דאָס אָן, פרעסט ער נאָר פון די ציין ארוים: „א כאָליערע!“ וואָס דאָס האָט געקענט מיינען, אז ער אלי, איז מיט דער דאָזיקער ברכה מכבד, סיי דעם סוחר וואָס שטייט איבער זיין קאָפּ און גיט אים עצות, סיי דאָס רעדל, וואָס האָט אים אזוי מיאוס אָפּגעטון, סיי זיין אייגן ביטער מזל, זיין פארשווארצט לעבן.

פלוצעם, הערט זיך, פון גאנץ נאָענט, ווי איינער פרעגט אויף וואָלעכיש: „טשינע אקאָלאָ“?, דאָס הייסט: „ווער איז דאָרט?“.

ס׳האָט נישט מער ווי איין רגע געדויערט, און אלי איז געגעבן א — שפרונג אויף, א פאל געגעבן אויפן פרעמדן פויער און זיך צעכליפּעט ווי א פיצל קינד, וואָס פעסטעט זיך פאר זיין מוטער, דערפאר וואָס דער פאָטער האָט עס געגעבן עטלעכע פעטשלעך:

— אך יאָאנע! אך יאָנע! נאָר פונעם הימל האָט מען דיך געשיקט!

— אליק, אליק! — מאכט יאָן טרויעריק — ווייזט אויס אז באָמבעם הונדערטער איז דיר שטארק מזלדיק. — יאָן האָט זיך געגעבן א דריי אוים, און אין חשך אריין האָט ער אריינגעשריגן:

— העי! העי! — און גליַיך ווי א ווידער קול האָט זיך געהערט דער ענטפער:

— העי! העי! — און ווי א שאָטן איז אויסגעוואקסן געוואָרן, א געזונטער, הויכער פויער.

— וואסילי? דו, דאָ אויך? — האָט פאר פרייד אלי געשטאמלט.

אלע דריַי, נישט אומקוקנדיק זיך אויפן סוחר, וועלכער איז געשטאנען און האָט געציטערט, האָבן זיך, געגעבן א נעם צום וואָגן, געשטופט דאָס דרענגל, אונטערן רעדל, און אונטער סקריפענדיקן געזאנג פונעם קראנקן רעדל און פון די איבעריקע דריַי רעדער, זענען אלע פיר אריַינגעטאָפּטשעט אין שטעטל אריַין.

אויפן וועג, האָבן יאָן מיט וואסילען דערציילט אז זיי גייען אין שטעטל אריַין כדי אזוי ווי תמיד, מאָרגן אויפדערנאכט צו טריַיבן די בהמות וואָס די סוחרים האָבן איַינגעקויפט אויפן מארק.

אלי, האָט זיי ביידע איַינגעלאדן צו זיך אין שטאל אריַין אויף נאכטלעגער.

קאפיטל ד

אלי דער בלינדער און זיין משפחה. אינצווישן אביסל וועגן נפתלי שוחט

אלי דער בלינדער, כאָטש צו באַלעגאָלעריי האָט ער זיך נישט ארויסגעוויזן צו זיין אזא וואזשנער כוואט, וואָרעם די איבעריקע באַלעגאָלעס, ווי אברמצע בורמאן א שטייגער, און אנדערע פלעגן אים פארלויפן דעם וועג, און ווו ס'איז נאָר געווען די רייד פון עפּעס א לייכט פארדינסטל, האָט מען עס אים אויס דער האנט ארויסגענומען; וואָס שייך אָבער צו האָבן א פולע שטוב מיט קינדער, איינס קלענער פונעם אנדערן, האָט קיין שום טאטע מיט אים זיך נישט געקענט פארגלייכן. זיין נעכע, אָדער ווי מ'פלעגט זי אין שטאָט אָנצורופן: „נעכע דער סאָלדאט", פלעגט אים יעדעס יאָר צושטעלן א צווילינג. און די קינדער: איינס ווי איינס, געראָטענע, געזונטע, שטארקע, מיט רויטע באקן, ווי רויטע עפּל, און אויגן, שווארצע ווי שווארצע קארשן. און פרעגט מיך בחרם, פון וואָס? פון ווען?" פלעגט מען אין שטעטל זיך פרעגן. „פון וואָסערע תענוגים? אז מ'ווערט, נישט דאָ געדאכט, דערצי־טערט, אז מ'דערזעט א שטיקל טרוקן ברויט, און פון פלייש איז דאָך שוין אָפּגערעדט, אז מ'זעט עס נישט פאר די אויגן וואָכן־ווייז, חדשים־ווייז".

— און קוקט נאָר אָן, — האָבן ווייבער צווישן זיך געשמועסט — איך בעט אייך, טאקע נעכען אליין! ווויי איז מיר, איך האָב צו איר גאָרנישט; זי עסט נישט חלילה מיינס, און זי נעמט ביי מיר גאָר נישט צו... קיין עין־הרע, אויפן שטיין געשריגן! ס'צי־טערט דאָך אונטער איר די ערד! און פון וואָס? איך בעט אייך, זאָגט מיר פון וואָסער ווויל־טאָג? איך האָב נישט ליב צו באַ־רעדן, נאָר איך קען נישט ליידן, אז א קבצן, אן אָרעמאן, פארייסט

די נאָז. מ'שיקט דיר אריין א זעקל קאַרטאָפּליעס, נעם צו און זאָג „א שיינעם דאנק" און „דערלעבט איבער א יאָר!". ניין, זי שיקט עס אָפּ און: „מיין אלי האָט שוין אָנגעגרייט קאַרטאָפל!" — איר אלי, אז אָך און וויי צו דעם מזלדיקן האָז, ער האָט שוין אָנגעגרייט! ס'איז נישטאָ, ווער ס'זאָל לאכן". איך וויל זי חלילה נישט באַרעדן, נאָר אז מ'רעד צורעדט מען זיך.

פון דעם אלעמען איז צו זען, אז כאָטש ביי אלין אין שטוב, האָט זיך אסך מאָל געמאכט אז ס'זאָל נישט זיין דאָס פּוסנע שטיקל ברויט, דאָך איז נעכע געווען, א פרוי מיט א געפיל, מיט שטאָלץ, און נישט געוואָלט אָנקומען צו קיינעם און נישט זיך געזשאלעוועט פאַר קיינעם און פון דעסטוועגן האָבן זי, די פאַרמעגלעכערע ווייבער, ווער מעגער, האָבן זיך געדרייט, ווער ביי א קלעטל, ווער אלס מעקלער און ווער ס'האָט געמאכט א קאַסטן אייער, אָדער א פּאָר זעקלעך תבואה אויף אייגענעם חשבון און מצליח געווען; דאָס הייסט ער איז געוויר געוואָרן אז אין דער קרייז־שטאָט, ווי למשל באָטאָשאַן צאָלטמען מערער ווי איידער באָמבע אָדער איציקווער. אזעלכע ווייבער, האָבן זיך געוואָלט איינקויפן ביים רבונו של עולם און אים געוואָלט שמייכ־לען, אז ער זאָל חלילה זיין חסד נישט אָפּטון פון זיי און זיי שפּייזן מיט זיין פולער און גערעכטער האנט. דערפאַר, האָבן זיי צוגעזאָגט, אז זיי וועלן פון זייער ביסל אָפּשיידן מעשר אויך פאַר אָרעמע לייט, איז אָבער נעכע געווען איינגעשפּאַרט אין נישט געוואָלט נעמען זייער מעשר, נישט דערפאַר כדי די דאָזיקע ווייבער זאָלן פאַרלירן זייער חן ביים רבונו של עולם און אָנווערן דאדורך זייער פרנסה, נאָר פּראָסטע איז מאָסטע: — מיט מיר זאָל מען נישט טון קיין מילכיקן חסד — האָט נעכע געטענהעט — איך האָב א מאן, זאָל ער מיר זיין געזונט, דאַרף ער מפרנס זיין, זיין ווייב און קינדער. און אז מאָמער מאכט זיך אמאָל אז ס'איז נישט אזוי ווי ס'דאַרף צו זיין, וואָסזשע גייט עס עמעצן אָן?

2.

דאָנערשטיק אויפדערנאכט, ווען די מאמע פלעג פונעם פּריפּעטשיק אראָפּנעמען דעם טאָפּ, אין וועלכן ס'האָט זיך א פּוס געקאָכט, און דער כאליאסטרע, איינגעטיילט יעדן איינעם צו א נאקעטן ביין צום לעקן. ווייל די יויך דערפון פלעג

מען לאָזן פארקילן און שבת בייטאָג, מיט א שטיקל שווארצער חלה, האָט מען עס נאָר פארן קיסר געמענט טראָגן.

האָט א קינד דערטאפט, א פיצל פלייש אָנגעקלעפּט אויפן ביין, וואָס נעבע האָט עס נישט געקענט, אָדער זי האָט עס פארגעסן אָפּצוקראַצן מיטן מעסער, אָדער אפשר האָט זי זיך געמאכט נישט זעענדיק און זיך געטראכט: „לאָז דאָס קינד האָבן היי־שעה, זאָל אים וויל באקומען". האָט אזא קינד זיך, ווי א הינטל אין א ווינקל פארקליבן, און דאָרט געגריזעט מיט די ציינדלעך דאָס פיצל פלייש, שא שטיל, אז א ברודערל זאָל עס הלילה נישט באמערקן.

וועלוול און לייבל זענען צוויי ברידער, א צווילינג. אליס און נעבעס לעצטער צווילינג. פארוואָס לעצטער? ווייל מיט דעם צווילינג האָבן זיי זיך געגעבן דאָס וואָרט מער קיין קינדער נישט צו מאכן. זיי האָבן אלץ געמיינט, אז אָט דאָס קינד וואָס וועט געבוירן ווערן, וועט שוין זיין א מיידל, מחמת סיי אלי, סיי נעבע האָבן געגארט, ער, א נאָמען נאָך זיין מאמע און זי נאָך אירער און צום סוף האָט זיך אויסגעלאָזט, ווידער צוויי יינגלעך. נעביי וואָלט כאָטש איינס געווען א מיידל, וואָלט מען זיך שוין אן עצה געווען געגעבן. ס'איז אפילו געווען אביסל הארבלעך, וואָרעם סיי זיין מאמע, סיי אירע, האָבן געהאט צו צוויי נעמען. א שיין פנים וואָלט עס געווען געהאט, ווען מ'זאָל דאָס קינד רופן: ברכה נחמה, שיינע מלכה! פיר נעמען! ווו איז דאָס געהערט געוואָרן! אָבער, אז ס'ווערט נאָר געבוירן, דווקא ווי אויף להכעיס, צוויי יונגלעך, וואָס קענסטו שוין טון? איבער א יאָר נאָך אמאָל פרווון? ניין! געגוג! זאָלן שוין די קינדער זיך כאָווען מיט לאנגע לעבעדיקע יאָר.

אזוי האָבן צווישן זיך גערעדט; אלי מיט נעבען אין דער נאכט פונעם שלום־זכר אין דער נאכט וואָס פארן ברית, נאָכדעם ס'זענען אוועקגעגאנגען די לעצטע גוטע ברידער, וועלכע זענען געזעסן ביז שפּעט אין דער נאכט, געקייעט געזאלצענעם נאהוט, און פארטרינקען מיט ביר און אויסגעזונגען אלערליי לידער און געלויבט נעבען, אז זי איז א כוואַט, א בריה, אז זי ווייסט אז יונגלעך טויגן בעסער, ווי מיידלעך און דערפאר מאכט זי נאָר אויפן פּאָר. און זיי האָבן איר צו געווונטשן אז איבער א יאָר, זאָל מען זיי ווידער איינלאַדן און אויך צו א טאָפּל ברית. נעבע איז זיי נישט שולדיק געבליבן און

פון הינטער דעם פאָרהאנג, וואָס ס'האָט געהאָנגען אויף איר בעט, האָט זי געגוג הויך געזאָגט אז יעדער זאָל הערן:

— ס'איז גוט צו טראָגן ביי יענעם אונטער דער אָרעם א מכה, זאָלן שוין מאכן די, און דאָס צו פאָרלער, וואָס האָבן נאָך נישט געמאכט. זיי האָבן געלאכט, געקלאָפּט אלין איבער דער פּלייצע און זיך צוגאנגען. דעמלט, האָט נעכע געראָטן אלין אז, מאָרגן פארן נאָמען געבן, זאָל ער בעטן נפתלי שוחט, וועלכער איז אויך דער מוהל, אז ער זאָל איבערלייגן אָט די פיר נעמען אויף יונגלעשע נעמען.

ווען נפתלי שוחט, האָט געהערט, וואָס אלי פארלאנגט פון אים, האָט ער געענפערט:

— נו אָ! ווי איינער רעדט: „איך ווייס שוין וואָס כ'האָב צו טון!" און ווען ס'איז געקומען צום סאמע; ווען בעני שוסטער, וועלכער איז געווען דער סנדק און דער נאָך האָט ער געמאכט די ברכות, און זיך אָפּגעשטעלט ביים: „ויקרא שמו בישראל" און א קוק געגעבן צו אלין, און אלי צו נפתלין, האָט נפתלי זיך געגעבן א צי ביים בערדל, פארמאכט די אויגן און אביסל צעצויגן זיך אָנגערופן:

— נו אָ! „ויקרא שמו בישראל", נו אָ! וועלוול, מיין איך זאב, נאָך דיין מאמע, און אונטערזינגענדיק האָט ער ביים אנדערן קינד:

— נו אָ! „ויקרא שמו בישראל", נו אָ! לייבל, מיין איך אריה. און שוין גאָר האָפּעררדיק, האָט ער ווי געוואָלט ארויסכאפּן ביי בעניין די ווערטער פונעם מויל: „י־ש־מ־ח ה־א־ב ב־י־ו־צ־א ה־ל־ל־צ־י־ו!"

וויאזוי ביי נפתלין איז געוואָרן, פון ברכה נחמה און שיינע מלכה, וועלוול און לייבל, האָבן ביידע נישט געוווסט, און נישט זיי האָבן געפרעגט, זיי זענען געווען צופרידן וואָס זיי האָבן זוכה געווען אז זיי זאָלן נאָך זייערע פארשטאָרבענע מאמעס נעמען געבן.

דער צווילינג וועלוול און לייבל, האָבן זיך נישקשה גוט געכאָוועט, ביידע זענען זיי געגאנגען אינדעמזלעבן חדר, געלערנט תורה פון איין רבין, באקומען גלייכע שלעק פון דעמזעלבן רבין, און ביידע האָבן פיינט געהאט דאָס חדר תכלית שנאה. ביידע פלעגן ליגן ווינטער אויפן אויוון, מחמת זיי האָבן ביידע נישט געהאט, נישט קיין שיכעלער, נישט קיין הייזעלעך און ביידע פלעגן זיך ארומרייסן איבער א געבראָטענע קארטאָפּעל וואָס די מאמע פלעג זיי דערלאנגען.

אז אלי, פלעג זיך זשאלעווען פאר נפתלי שוחט, אין א פרייטיק צו נאכטס, בשעת זיי פלעגן אינאיינעם אהיים גיין פון דער שיל, האָט אים נפתלי שוחט געטרייסט און אים אזוי געזאָגט:

— נישקשה אלי, איצט ווערסטו פארשווארצט, אָבער שפּע־טער, ווען דיינע בנים, דיינע צוועלף שבטים, וועלן זיך געבן א כאַפּ אויף, וועסטו זען, ווי ביי די אויערן וועלן זיי דיך ארויסשלעפן די שבטים דיינע.

אלי האָט נאָר באדויערנד געשאָקלט מיטן קאָפּ און זיך אָנגערופן:

— יאָ רבי, — א יעדן, א רב, א שוחט, אָדער אפילו א מלמד, פלעג אלי רופן רבי — יאָ, רבי, וויאזוי דערלעבט מען די צייט? נישטאָ כח רבי. כ'האָב מורא אז כ'וועל די צייט נישט דערלעבן. נישטאָ כח, נישטאָ! אויף דעם האָט נפתלי טיף אָפּגעזיפצט און פרום געענטפערט:

— אי פע! אי פע אלי! א ייד דארף און מוז האָבן בטחון. א ייד, וואָס האָט נישט קיין בטחון, וואָסער ייד איז ער? בטחון אלי, בטחון!

— בטחון? — פרעגט אלי — וואָס איז דאָס בטחון?

— בטחון, — ענטפערט נפתלי מיט א טיף פרום איבער־ציינגנדיק קול — בטחון הייסט, אז א ייד דארף זיך באשטענדיק פארלאָזן אויף דעם וואָס אייביק לעבט, אז ער וועט אים נישט פארלאָזן, און אז ער, דער רבונו של עולם, איז דאָס דער, וואָס ער איז א נותן ליעף כח!

נישט פארשטייענדיק די לעצטע ווערטער, שאָקלט אלי פרום מיטן קאָפּ:

— אוודאי רבי, אוודאי בטחון, וואָדען?

.3

אזוי איז שוין געווען אלים טבע, ער האָט קיינעמען נישט איבער־געשפּארט, אז נפתלי שוחט זאָגט בטחון, מסתמא ווייסט ער. נאָר דאָך, פלעג ער דאָס נישט קענען באנעמען מיט זיין געדאנק, עפּעס פלעג זיך ביי אים אין אזא צייט, א טונקל הייטל איבערן מוח פארציען. עפּעס איז דאָ נישט גלאטיק; פלעג ער זיך טראכטן. אוודאי, איז נפתלין גרינג צו זאָגן בטחון! נאָר אזעלכע שמועסן פלעגט ער גיך פארגעסן. נאָכן עסן איז ער

אנידער געפאלן ווי א דערהרגעטער, מיט שווערער מי פלעג ער זיך אויפרייסן, כדי די פערד אָנצופּאָיען, און טאקע תיכף צוריק אנידערפאלן ווי אן אונטערגעזעגטער בוים. און אָפּ־שלאָפן ביזן ווייסן טאָג אריין. ווען נישט דאָס, וואָס ער האָט געמוזט גיין שבת אינדערפרי אין שיל דאווענען, וואָלט ער געוועזן אָפּגעשלאָפן אויך דעם גאנצן שבתדיקן טאָג.

אזוי איז געוועזן יעדן פרייטיק צו נאכטס. איין און דער־זעלבער שמועס פלעגט זיך ביי זיי צו קאטשן. ער צו אים:

— רבי, כ'האָב שוין נישט קיין כח רבי! ווי האלט מען דאָס אויס! ווי דערלעבט מען עס! — און נפתלי, פלעג אים צוריק דערלאנגען, זיין געוויינטלעכע פּאָרציע מוסר, און אויסלאָזן פלעג ער:

— א ייד, דארף קודם כל זיין א ייד! און דער עיקר; במחון! נישקשה נארעלע, נאָר במחון!

איינמאָל אין א פרייטיק צו נאכטס, האָט אלי מער נישט אויסגעהאלטן. ער האָט נישט ווי תמיד צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, זאָגנדיק: „יאָ רבי, איר זענט גערעכט. במחון, אוודאי במחון, וואָדען?“. ניין, דאָס מאָל, האָט ער ווי א באַזעסענער א כאַפּ אָן געטון נפתלין ביים לאץ, אזוי, אז יענער האָט זיך דערשראָקן, אויסגעסטארטשעט אויף אלין א פּאָר אויגן און זיך געגומען ארונטערררוקן. ער האָט אים נאָר נישט דערקענט. דאָס איז דער שטילער אלי? און אלי פארהאקט זיך — שלינגט ווערטער — און ווארפט ארויס ווערטער, געמישט מיט סלינע:

— וואָס דערציילט איר מיר, במחון, שמטחון? — נאָר אלי, האָט שוין קיין וואָרט נישט געקענט מער איבער די ליפּן ארויסברענגען ס'האָט אים אין האלדז געגומען ווארגן, און אָט, אָט שיסט ער ארויס מיט א געוויין.

דאָס איז געשען אין יענער וואָך, ווען א רעדל האָט זיך אים אויפן וועג צעשיט און אהיימקומענדיק, האָט זיך בולאָן אנידערגעלייגט און מער נישט געוואָלט אויפשטיין און אלי, האָט זיך געזען געצוווּנגען צו פאָרן אויף א פרעמדער קעלניע.

שטייען זיי אזוי, איינער קעגן דעם אנדערן. נפתלי, בלאס, דערשראָקן, אָפּגערוקט פון אים און אלי, פארקערט, רויט, ציט זיך פאר אויפרעגונג דאָס אויער־לעפּל. דער מוח זיינער איז מיט א הייטל פארצויגן. טונקל איז אים, ער פארשטייט נישט וויאזוי קען אים נפתלי, זאָגן, אז ער זאָל האָבן במחון?

אזוי איז אלי, בטבע א רויקער, רעדט נישט קיינעם אקעגן, ובפרט נאָך א רבי, ער וואָלט זיך דאָך קיינמאָל נישט מוחל געווען. נאָר טאָמער האָט ער דאָס עזות געהאט, און אָנגע-כאַפּט נפתלין ביים לאַץ, האָט ער שוין איצט נישט אָפּגעלאָזט, און אריינגערעדט אים גלייך אין פּנים אריין. נפתלי שפּאַנט צוריק, און ער אויף אים, ווי א זעלנער מיט דער ביקס אויס-געשטרעקט גייט אויפן שונא. און כאָטש קיין גרויסער בעל-דברן איז אלי קיינמאָל נישט געווען, און כאָטש אלי פלעג קיינמאָל נישט ארויסזאָגן קיין גאַנץ וואָרט, נאָר גערעדט מיט האַלבע ווערטער, דאָך האָט אים נפתלי שוחט גאַנץ גוט פאַר-שטאַנען, אז באַמבע, נוצט אים אויס, אז דערפאַר, וואָס ער, באַמבע, האָט אים געגעבן א הונדערטער, קען ער זיך קיינמאָל נישט אָפּצאָלן, און איצט צו די אלע צרות, איז אים א פערד גע-פאַלן, און דער וואָגן האָט זיך אים צעבראָכן. גאָר נישט אויסגעצאָלט דעם הונדערטער און בולאַן שוין געפאַלן" — מאכט טרויעריק אלי — און אצינד זאָל איך בטחון? וואָס בטחון? ווער בטחון?

נפתלי, ווילנדיק פּטור ווערן פון אלין, האָט אים אָפּגעגעבן גערעכט און צו אים אזוי געזאָגט:

— ביסט אוודאי נעבעך זייער גערעכט. אוודאי, איז נישט שיין פון באַמבעס זייט.

— וואָס? וואָס זאָגט איר? נישט שיין? — איז אים אלי אריינגעפאַלן אין די רייד — נישט שיין זאָגט איר? אזא גביר? ארויסטראָגן זאָל מען אים דורך דער טיר! איר זאָגט נישט שיין? רייסן? רייסן זאָל מען אים פונעם מויל די ציין!

אָט אזא מין רעדנסאַרט, איז נפתלין גאָרנישט געפעלן. ער האָט פון אלין, נאָך אזא מין לשון נישט געהערט. ער האָט פאַרשטאַנען, אז אויב אלי קען ארויס מיט אזא מין באַלעגאַ-לישן מענה-לשון, מוז אים שוין שטאַרק בראָטן ביי דער נשמה. נאָר שעלטן! דאָס קען נפתלי נישט איבערטראָגן. ער מוז אים אצינדערט אזוי אריינזאָגן, אז אלי זאָל פאַרזאָגן זיינע קינדס-קינדער און מער קיינעמען נישט שעלטן:

— פע! פע! נישט שיין פון א יידן, כ'לעבן, צו שעלטן אן אנדערן יידן! וואָס הייסט דאָס שעלטן? דו ווייסט וואָס דאָס הייסט?

אלי, איז געבליבן אָפּהענטיק. ער האָט אויסגעגלאָצט אויף נפתלין א פּאָר אויגן, אין וועלכע ס'איז געלעגן אויסגעמישט, נייגיר מיט פחד.

נפתלי, האָט גאַנץ גוט באַמערקט די דאָזיקע פּחד־פּולע אויגן, און ער האָט זיך געטראַכט, אַז איצט איז די צייט, אים אַריינצוזונעמען גוט אין די הענט אריין אים גוט אויסמוסרן, אים איבערשרעקן, אַז ער זאָל עס געדענקען אַלע זיינע יאָרן. ר׳פט ער זיך אָן לאַנגזאַם און צעצויגן:

— דו ווייסט דאָך הערזשע אויס אלי, דער שבט מוסר, אוודאי, אַז דאָס מיין איך, דאָס דאָזיקע ספר, פון וועלכן איך טו אַרויסלערנען פאַר אייך יעדן שבת אין קיזשנערישן שילעכל — דער דאָזיקער שבט מוסר, זאָגט, אַז אַ ייד דאַרף זיין זייער נזהר אויף דער צונג. ער טאָר נישט ריידן אַזוי וואָס, וועלכעס ס׳טוט נישט געפעלן פאַר גאָט און לייט. דערפאַר, האָט דער רבונו של עולם באַשאַפן פאַר דער צונג צוויי מויערן; די ציין, די ליפּן. ווער שמועסט נאָך, זיך טמא מאַכן דאָס מויל מיט קללות. שעלטן איין ייד דעם אַנדערן! אפילו אַ גוי, טאָר מען אויך נישט שעלטן, ובפרט נאָך אַ יידן, ובפרט נאָך, אַ יידן פון וועמען מ׳ציט דאָס שטיקל חיונה, דאָס ביסל פּרנסה איז די שטראָף דעמלט אַ טאָפּלטע, און ס׳קען זיך לייכט מאַכן. — פּירט נפתלי, אויס, מיט אַ צונעם די הענט, — ס׳קען זיך לייכט מאַכן, אַז דו זאָלסט שוין האָבן אָפּגעוועזן אין גיהנום, אַזעלכע טויזנט יאָרעלעך, און פאַר אַ קליין קלהלעלע, זאָל מען דיר אַריינוואַרפן, נאָך אַזעלכע צען טויזנט יאָרעלעך, אָדער אפשר גאָר אַ גאַנצן מיליאָן. דו שפּילסט דיך עפּעס מיט דעם וואָס אייביק לעבט? אַז ער לעבט אייביק! אַז ער האָט צייט! אַז יאָרן וואַלגערן זיך ביי אים ווי מיסט!

אלי איז געבליבן, געפּלעפּט. געבליבן שטאַרק צעקאָכט. און דאָס הייטל, האָט זיך ווידער אַמאָל פאַרצויגן ביי אים איבערן מוח. ס׳איז אים שטאַרק טונקל געוואָרן אין קאָפּ. ער האָט ביי זיך אין האַרצן, אַ חשבון געמאַכט, וויפל מאָל ער האָט געשאָלטן באָמבען, וויפל מאָל טוראָרן. — ווייזט אויס, טראַכט ער ווידער — אַז ער איז שוין אַ פאַרפאַלענער — ווייזט אויס — שטיפט זיך אים אַ געדאַנק אין זיין פאַרטונקעלטן מוח — ווייזט אויס, אַז ביי דעם אין הימל, קען מען זיך קיינמאָל נישט אויסקויפן. — נאָר ביי דער מחשבה, האָט ער זיך געגעבן אַ זעץ איבערן מויל מיט דער האַנט, ווי איינער רעדט: „זאָל מיך גאָט נישט שטראָפן פאַר דער זינדיקער מחשבה“. און, אָפּגע־מאַכט האָט ער ביי זיך אין האַרצן, אַז פון היינט אָן, זאָל זיין סיי וואָס, וועט ער שוין קיינעמען נישט שעלטן, אפילו טוראָרן אויך נישט! כאָטש ער איז אַ וואָלעך, אַזאַ רייכער, וועלכער פאַר־

מאָגט אזוי פיל פעלדער, ער, טודאָר, האָט אים, דעם קאשטן זיינעם אָפּגעסמט, דערפאר, ווייל אלי, האָט אים אר׳יפּגעלאָזט, אויף א מאר׳זשינע, פון זיינס א שטיקל פעלד, א ליידיקס, די תבואה שוין לאנג געהאט אראָפּגענומען, ער, דער קאשטן, נעבעך, זאָל גר׳זשן אביסל גראָז. און דערפאר, פארסמען? און אלי האָט הויך פאר׳ענדיקט זיין געדאנק:

— אזא רשע! ער, ער, ער, ווי קענען מענטשן זיין אזוי שלעכט!

נפתלי, כאָטש נישט ווינסדיק צו וואָס אלים לעצטע ווערטער באציען זיך, האָט ער זיך אָבער פאָרגעשטעלט אז דאָס הארץ ביי אלין איז אָנגעזאפּט, אי מיט צרות אי מיט דער מורא, וואָס ער האָט אויף אים איצט אָנגעוואָרפן, ער האָט אים אָבער נישט איבערגעפרעגט, נאָר ער האָט זיך פון אים גיך געזעגנט, זאָגנדיק אים א טרייסט וואָרט:

— נישקשה אלי, דער רבונו של עולם, איז אן אל רחום וחנון. ער איז מוחל פאר די, וואָס טוען תשובה. תשובה, אלי העלפט. זאָג תהלים אלי, זאָג. תהלים, היילט אויס אלע ווייטיקן און דערגרייכט אזש ביז צום כסא הכבוד, ביז צו גאָטס שטול.

אלי האָט זיך דערין אָנגעכאפּט, ווי א טרענקנדיקער אן א שטרוי, האָט ער שטיל נאָכגעשעפּטשעט:

— יאָ, רבי, תהלים, איך וועל זאָגן תהלים!

.4

נעכע, האָט באמערקט, אז מיט איר אלי, איז עפּעס נישט גלאטיק. עפּעס טונקט ער צופיל די מוציא אין גראָבן זאלץ. און, אז ס׳קלעבט זיך נישט צו, נעמט ער מיט די פינגער, א זשמעניע זאלץ, וואליעט ארויף אויפן ברויט און כראָמטשעט זאלץ ווי א ציג. עפּעס גלאָצט ער די אויגן צופיל צו דער סטעליע, בשעת ער מאכט די המוציא און א זיפץ, א זיפץ רייסט זיך אים ארויס פון דער ברוסט, אז ס׳איז פון איר נעכען געפאלן שטיקער פלייש, וואָרעם, א גרויס רחמנות איז איר אויף אלין. א גאנצע וואָך נעבעך, פּלאָגט ער זיך נעבעך אזוי בימער און פון דער גאנצער פּלאגע, קומט נישט ארויס גאָרנישט. זאָל ער כאָטש שבת האָבן מנוחה. מאכט זי צו אים מיט גרויס רחמנות, און טרערן הערט זיך אין איר קול:

— וואָס איז מיט דיר אלי? — און אז אלי האָט נישט געענטפערט, טראַכט זי ביי זיך: נישקשה ער וועט באַלד ריידעוודיק ווערן — וואָרעם א מאכל האָט זי צוגעגרייט, וואָס נאָר נאָך דער חתונה האָט זי זיך געקענט אזוי וואָס פארגינען. דעמלט, האָט מען איר אין נדן, א נייעם וואָגן מיט צוויי פערדלעך געגעבן. אלי איז דעמלט נאָך נישט בלינד געוועזן אויפן אויג, דאָס אומגליק איז ערשט געקומען שפּעטער. — און ווי זאָגט מען עס: איין אומגליק קומט קיינמאָל נישט אליין!

— נאָר לאָמיך נישט זינדיקן מיט די רייד! ס'האָט געקענט ארגער זיין!

און, אזוי ווי נעכע האָט זיך געטראַכט, אזוי איז טאַקע ריכטיק געשען. נעכע האָט ארויפגעבראַכט אויפן טיש דאָס אייזערנע ריינדל, פון וועלכן ס'האָט געזעצט א פּארע. און די קינדערלעך, באוואָפנט מיט שטיקלעך המוציאס, וועלכע די מאמע האָט אויסגעטיילט נאָך פון פריער און געגריזעט פון זיי נאָר צו פּיצעניונקעלעך שטיקעלעך, האָבן, דערזעענדיק דאָס ריינדל זיך געגרוקט אויף די געזעסלעך, פון די אויגעלעך האָבן געזעצט פלעמלעך און אין די פיסקעלעך האָט געוואַסערט. אלי האָט אויך אויפגעהויבן דעם קאָפּ, און דורך די נאָזלעכער אריינגעצויגן אין זיך דעם זיסלעך-זויערן גערוך און אין א רגע זיך פארגעסן און געפרעגט:

— וואָס איז נעכע? — האָט ער געפרעגט — אן עסיג-פליישל? ווי קומט עס?

נעכע האָט מיטן הילצערנעם לעפל גענומען טיילן דאָס געשמאַקע מאכל. און אלי, כאָטש ער האָט אויך די סלונע גע-שלינגען, דאָך האָט ער די תאווה זיך נישט נאָכגעגעבן, נאָר ער האָט א פרעגנדיק פּנים אָפּגעשטעלט אויף נעכען. און נעכע האָט אים אליין געבעטן:

— עס, אלי עס, ס'גליווערט. — און בשעתן טיילן, האָט זי אים דערציילט, וויאזוי, נעכטן דאָנערשטיק, זי האָט זיך דעם קאָפּ געבויערט; מיט וואָס מאכטן שבת? — אלע דאָנערשטיק אזוי, כ'זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד — פּלוצעם דערזעט זי, דורכן פענצטער, קאַידאַנען טרייבט א קעלבל אין אבא-טאָר* ער, קאַידאַן שלעפּט עס ביים שטריק פאָרנט און דאָס קעלבל וויל נישט גיין. א פּנים ס'האָט געפילט וווהין ער פירט עס. לאָזט עס אראָפּ דעם קאָפּ אויף דער ערד און א ריר

* אבאַטאָר — שעכטהויז.

גיט עס נישט מיט די פיסלעך. צוגעקאָוועט, קאידאַן איז איינער אַליין, נישטאָ וועמען ס׳אָל אים העלפן. און דאָ קומט שוין אונטער וואַקלענדיק אויף זיינע קורצע פיס, יענקל שוחט. איך גיב אַ קוק אויף לייבעלען. איך האָב אים גאָרנישט געזאָגט, נאָר דער שד האָט פאַרשטאַנען, אַז איך וועל נישט ברוגז זיין. שלעפּט ער דעם אַנדערן אשמדאי, וועלוועלען, אַז ער זאָל אויך מיטקומען, נאָר יענער בולפּאַס, ביז ער רירט זיך קען טאָג ווערן. — לייבל, ווו גייסטו? — שריי איך צו אים — אָבער ער, אַהאַ! שטייט און דרייט דעם עק ביים קעלבל, קוקט צו מיר, ער איז מלא גדולה און שרייט: „די נע! איך וויל נאָכלויפן, אים אַריינעמען אין שטוב אַריין, אָנרייסן אים גוט ביי די אויערן, אָבער דאָס קעלבל האָט גענומען לויפן משוגענערהייט. קאידאַן לויפט פּאַרויס, ער איז זייער צופרידן. און דער בענקערט, דרייט דעם עק, לויפט מיט, לאַכט, אַז אַלע שונאים ווערן צוזעצט לאַכנדיק און שרייט: „די נע! די נע!“. שפּעטער מיט אַ צוויי שעה, האָט מיר קאידאַן געבראַכט: אַ גאַנץ גריינשל, אַ שטיקל מאָגן, עטלעכע שטיקלעך לעבער און כמעט אַ האַלבע לונג מיט אַ פּוס.

— דאָס האָט איר נעכע, — מאַכט צו מיר קאידאַן — ווייל איר האָט געלאָזט לייבעלען אַז ער זאָל מיר העלפן טרייבן דאָס קעלבל אין אַבאַטאָר.

אלי האָט אויסגעהערט, וואָס נעכע האָט אים דערציילט. אַ מינוט, האָט ער זיך פאַרגעסן, געטונקן דאָס שוואַרצע קלע־בערצדיקע ברויט, אין הייסלעך ברוינלעכן סאָוס, געשלינגען מיט פאַרגניגן די האַרטע שטיקלעך לונג און לעבער און ס׳האָט אים הנאה געטון. באַלד אָבער האָט ער זיך דערמאַנט אָן נפתּלי שוחטס ווערטער: „זאָג תהלים, אלי זאָג תהלים“. האָט ער אלי געכאַפּט אַ בליק צום לאָמפּ און געזען ווי ווייניק נאַפט ער האָט, האָט עס אים אי הנאה געטון, ווו איינער רעדט: „וואָס בין איך שולדיק“? ס׳האָט אים אָבער אויך וויי געטון. און אַ וואָלקן, אַ שווערער וואָלקן, האָט זיך אויף זיין געמיט אויס־געשפּרייט. דערפאַר, ווען ס׳איז געקומען צו דער יויך, האָט ער נאָר עטלעכע לעפל געזופּט, ס׳איבעריקע צוגערוקט צו די קינדער. זיי, די קינדער, האָבן זיך נישט געלאָזט בעטן, האָבן געשמעקט די הילצערנע און צינערנע לעפל, הויך געכליעפּטשעט און צוגעביסן מיט ברויט. ווען ס׳איז געקומען צום פליייש, וואָס ס׳איז באַשטאַנען פון שטיקלעך מאָגן, האָט ער אויך נאָר אַזוי ווי פאַרזוכט און דאָס איבעריקע איינגעטיילט פאַר די קינדער.

— וואָס איז מיט דיר אלי? — האָט אים נעכע נאָך אמאָל איבערגעפרעגט. — און לאכנדיק האָט זי צוגעגעבן: איז דיר נישט דורכגעלאָפן דעם וועג א שווארצע קאַץ?

אלי האָט נישט אויסגעהאַלטן, און איר איבערגעגעבן דעם גאנצן שמועס וואָס ער האָט געהאַט מיט נפתלי שוחט.

— א! — האָט נעכע אויסגעצויגן — דאָס האָט דיר די ציגענע באָרד אזא פליג אין קאָפּ ארייננעלאָזט? אבי איך האָב געמיינט, עפּעס אן אנדער אָנשיקעניש, גאָט זאָל מיך נישט שטראָפן פאר די רייד. אבי איך האָב מיך געשראָקן, אז מאקסים דער פּרעטשעפּטער * וויל שוין ווייטער א זעץ אין די ציין. און, ווערנדיק אויפגעבראכט אויף אלין, וואָס ער לאָזט זיך אזוי לייכט אין באָד ארייַן פּ'רן, אויף נפתלין פארוואָס ער האָט אים ארייננעלאָזט אזא נארישקייט אין קאָפּ אריין, האָט זי זיך געגעבן א שטעל אנידער, פארבויגן בשעת מעשה דאָס ט'כל אונטער די אויערן און מיט די הענט אויף אירע ברייטע היפטן:

אל'! אלי! א טאטע פון קיין עין־הרע צוועלף קינדער, זאָל זיין אזוי נאריש, א'ן זיך לאָזן איינריידן, אז איבער הונדערט יאָר, וועט גאָט אים באשטראָפן און אים געבן א מיליאָן יאָרן גיהנום! און פּ'ארוואָס? ווייל ער האָט געשאָלטן באַמבען! גיי שוין גיי, דו טפש איינער, אפילו די הינט אין די גאסן וועלן נאָך פון דיר לאכן! וואָזסשע, דאָ, אויף דער וועלט, האָסטו נישט ס'גיהנום?... — נו, און דו האָסט נישט געפרעגט די ציגענע באָרד, מיט וויפל יאָרן גיהנום זי איז מכבד באַמבען? צי אפשר באָמבען קומט זיך ס'גן־עדן, ווייל דו ווערסט ס'גאנצע לעבן דיינס ביי אים אויסגעריסן, אז אויסגעריסן און או'סגע־פליקט זאָל ער ווערן, אז ס'זאָל פּ'ן אים קיין זכר נישט בלייבן! צי דערפאר קומט זיך באָמבען ס'גן־עדן, ווייל ער לאָזט דיך, מיט דיין ווייב און קינדער הונגערן? אוודאי, קומט זיך אים ס'גן־עדן, ווייל דאָ, אויף דער וועלט, האָט ער פון כלע אָכטיק, פון כלע ווייטיק, אויף זיין קאָפּ, ס'גייט דאָך אין אים שוין נישט אריין אזוי פיל וויל־טאַג... — און, איך, ווער דערציטערט, אז א'ך באקום א שטיקל לונג, א שט'קל מאָגן, א פּיצל לעבער... קיין אנדערע גריזשעס ** האָסטו שוין נישט? רבונו של ע'לם! גאָטעניו! וויפל מיר וועלן זאָלן לעבן זאָלן מיר טאקע קיין אנדערע דאגות נישט האָבן, נאָר די איינע גריזשע, פארוואָס איך האָב גע־שאָלטן באָמבען, טוראָ'ן!...

---

* פרעטשעפּטער — שטייערן איינמאָנער.

** גריזשעס — דאגות.

בשעת נעכע האָט אזוי גערעדט, מיט אזא ברען, מיט אזא היץ, איז אלי געזעסן און זי באטראכט, דער עיקר, האָט זיך זיין איינציק זעענדיק אויג ארייננגעבויגן אינעם שטיקל אויפ־געדעקטן האלדז, וועלכעס האָט שעמערירט און געבלענדט פאר ווייסקייט און פאר וועלכן ער איז צוריק מיט אכצן יאָר די כפרה געוואָרן. פארשוואונדן איז געוואָרן דאָס מידעקייט, דאָס ברעכעניש און שטעכעניש אין די פלייצעס איז אוועק. די הענט און די פיס זענען ווי בויגנס געשפאנט געוואָרן און אינגאנצן איז ער געוואָרן אזוי פלינק, אזוי געשיקט, אז ער איז אומשטאנד געווען א וועלט איבערצוקערן, א פריילעכער געדאנק, לויפט אים דורך אין מוח, וועלכעס ס'טוט אזש א ברי ביים הארצן פאר תענוג.

.5

די קינדער, האָבן זיך צעשפרייט ווער ס'איז ארויפגעקראָכן, אויפן וואַרעמען אויוון און דאָרט אנטשלאָפן געוואָרן, ווער אויפן באנק־בעטל און ווער גאָר ס'האָט זיך פארקליבן אין א ווינקל צע־נויפגעדרייט זיך און דאָרט שלאָפן געבליבן. בערל מיט רחמיאלן די צוויי עלטסטע, אָדער זיי זענען אוועק צו חברים אָדער גאָר אין שטאל אריין, זען וואָס ס'טוט דער בן־יחיד, דאָס איינציקע פערד, וועלכעס איז געבליבן נעבעך אָן א חבר, און דערפאר, מוז ער נעבעך גיין אויפן דראָנזשיק.

נעכע, האָט געפילט אלים בליק. שוין לאנג האָט ער אויף איר אזוי נישט געקוקט. תמיד, ווען ער קומט אהיים, איז ער נעבעך, מיד, דערהרגעט, און זיין איצטיק קוקן אויף איר, האָט איר וויל געטון, ס'האָט איר תענוג פארשאפט... זאָל ער, טראכט זי זיך, דער אומגליקלעכער זיך זעטיקן מיט א בליק. עפעס אנדערש...? — דאָס וואָלט דאָך א ריין אומגליק געווען! אָבער א פייערדיקער פלאם, האָט זי ווי מיט א טאָפ זודיק וואסער אָפּ־געקרילעט פונעם קאָפּ ביז צו די נעגל פון די פיס. נישט קענענדיק אויסהאלטן אלים דורכדרינגענדיקן איין אויגנדיקן בליק, האָט זי די אויגן אראָפּגעלאָזט. און אין געדאנק האָט זי זיך אויפ־געגעסן: — וואָס האָט זי געטון? זי האָט אים ארויסגעוויזן אזא שוואכקייט ?... אלי האָט זיך ברייט צושמייכלט ; זיך אויפגעהויבן פונעם זיץ, זיך צוגעלאָזט צום ווייב און, ווי א האָן וואָס ווארגט זיך, בשעת מ'גיסט אים אין מויל אריין וואסער, ער שלינגט

און קען נישט־דערשלינגען, אזוי מיט אלין. ער האָט געשלינגען און נישט געקענט דערשלינגען דעם הונגער וואָס איז אין אים אויפגעגאנגען... ער האָט איר געוואָלט זאָגן אסך, אָבער נישט געקענט און מער ווי צוויי ווערטער האָט ער נישט ארויסגעבראכט:

— נעכע, ווייסט? — ער האָט איר געוואָלט זאָגן; אז ביז אצינד איז ער טאקע געווען בלינד. ביז איצט, האָט ער נישט באמערקט, וואָס פאר א אוצר ער פארמאָגט... נאָך אזוי פיל קינדער האָבן, טראָגן און זויגן... נאָך אזא שווער לעבן, וואָס זי האָט ביי אים, און, דאָך איז זי אלץ זיין נעכע, וועלכע איז געווען פון אמאָל... גאָרנישט צום אוועק־צו־ווארפן... ממש א קיסרינע....

נעכע, האָט אים אָן ווערטער פארשטאנען, זי האָט דערקענט אָן זיין בלאסער אויסגעשפיצטער נאָז, אז דאָס איצטעקע מאָל וועט זי זיך פון אים גלאטיק נישט אויסדרייען... און ווען... — האָט זי ווייך געשעפטשעט:

— אלי, האָב גאָט אין הארצן אלי, מאך אונדז נישט אומ־גליקלעך!...

.6

פון דעם דאָזיקען פרייטיקצונאכטס האָט אלי אויסגעוויינט נפתלין, און מיט אים, מער זיך נישט געוואָלט באגעגנען. א שנאה איז אין אים געלעגן צו אָט דעם שוחט, וועלכער רעדט אים איין, אז דער עיקר איז יענע וועלט, און ווען דער וועלט, זאָל ער האָבן במחון, ער זאָל זאָגן תהלים...

פון יענעם פרייטיקצונאכטס אָן, בלעזלט אין אלין א כעס, אויף אָט „דער ציגענער באָרד", אזוי ווי זיין נעכע האָט אים גערופן. סטייטש? — האָט אלי זיך געפרעגט — ער, אלי, האָט פאר אים, זיין גאנץ הארץ אויסגעגאָסן. און — ער אלי, איז זיכער אז די דאָזיקע גאָטס סטראָפטשע, האָט זיכער נישט גע־זאָגט דאָס צווייטע וואָרט פאר אזא באָמבע, ער זאָל אים געווען אָפּמוסרן: „ברע* שרול, ווי אזוי קענסטו אין דיר האָבן אזא שטיינערן הארץ? דער מענטש, מוטשעט זיך אזוי, מיט קיין עין־הרע אזא גרויסע משפחה. פירצן אירע, און דו גיסט אים נאָך פיפצן באני פונעם זיק. איציקוועד, צאָלט זיינע באלע־

---

* ברע — אזא שפראך אויסדרוק אין רומעניש מיט וועלכן מ'ווענדט זיך נאָר צו א גוטן ברודער — ברע — דו.

גאָלעס פינפּאונצוואנציק און דו נאָר, אים אלין, פּיפּצן. פאַרוואָס? פאַרוואָס? באַשר, דו האָסט אים אויסגעליגן א הונדערטער? אפילו א בהמה, אז זי פאַלט, העלפט מען איר צו, אז זי זאָל זיך אויפהייבן, הײנטזשע, הײנטזשע נאָך א מענטש, הײנטזשע נאָך א יידן, הײנטזשע דיין אייגענעם באַלעגאָלע". ניין! אלי איז זיכער, אז דער שוחטאַן האָט דאָס אים נישט געזאָגט. ער, דער פּלאַכ־טאַן, האָט נישט געוואָרענט באַמבען אז ס'פאַרגאָסענע בלוט פון קיין עין־הרע פּירצן נפשות, וועט פאַלן אויף זיין קאָפּ! ניין! ער איז זיכער אז אזא צינגענע ביבקע האָט אים נישט געוואָרנט. אבי, אים, אלין, הייסט ער זאָגן תהלים, כדי גאָט זאָל אים נישט באַשטראָפן מיט טויזנט אָדער מיט א מיליאָן יאָר גיהנום, אזא פלאַכט!

מאכט זיך, אז איינמאָל אין א פּרייטיקצונאכטס, כאמע ביי דער שיל־טיר, האָבן זיי זיך אָנגעשלאָגן פּנים אל פּנים. צי איז עס געווען צופעליק, צי האָט נפתלי, זעענדיק אז אלי טראָגט אים מער נישט אונטער דעם אונטערטעניקן „גוט שבת" ווי געוויינטלעך און ער ווייכט אים אויס, האָט ער געוואָלט זיך איבערצייגן, צי דער באַלעגאָלע יונג האָט אָנגעווירן דעם דרך ארץ צו אים און דערפאַר איז ער פאַרלאָפן דעם וועג, ער זאָל ארויסגיין פון דער שיל פריער, ווען אלי קומט ארויס, כאָטש דאָס איז קעגן זיין אָנגענומענעם דרך, א דרך פון א פרומען און א גאָטס פאַרכטיקן יידן, וועלכער גייט ארויס ס'לעצטע פון דער שיל. וויאזוי ס'זאָל נישט זיין, אלי האָט דערפילט ווי ער, נפתלי שטייט לעבן אים ביי דער טיר. א מינוט, האָט געדויערט. אלי איז אביסל צעמישט געוואָרן, ער האָט נישט געוווסט ווי אזוי צו האנדלען אין דעם דאָזיקן מאָמענט; זאָל ער זיך נישט ווייסנדיק מאכן און ארויסגיין פריער, נישט געבנדיק נפתלין דעם פאָרצוג? איז עס אים פאָרגעקומען אביסל פריקרע. ס'טייטש, פאָרט א רבי! — אָבער אין דער זעלבער רגע איז אים דורכן מוח דורכגעגאנגען די אלע צונעמען, וואָס ער מיט זיין ווייב, האָבן דעם מענטשען געגעבן, כאָטש אפילו נאָר צווישן זיך, און דאָס האָט געמאכט אז זיין בלוט זאָל אין אים אָנהויבן זידן, מיט נאָך מער קראַפט ווי אונטער די אויגן, און די שנאה צו נפתלין זאָל נאָך מער שטייגן. אלי האָט געגעבן א שמיר מיט דער האנט איבער דער מזוזה, א הויכן צי־טאָקע געגעבן איבער די פינגער און ארויס. הינטער אים, איז שוין געווען נפתלי. און פאַרבויגנדיק זיין כבוד, האָט ער זיך אָנגע־רופן:

— גוט שבת אלי! — און אלי האָט אונטערגעפּאָנפּעט:
— גוט שבת, גוט יאָר!
נאָכן געוויינטלעכן ארײנפאָר, ווי דער שטייגער: „וואָס טוסטו אלי?“, און ער צוריק, ציענדיק זיך ביים לעפל פונעם אויער, „וואָס זאָל איך טון?“. איז שוין כמעט דער שמועס געווען א געענדיקטער. נאָר נפתלי האָט זיך געקלאמערט, און אלין נישט געוואָלט ארויסלאָזן פון די הענט, ווארעם, אזוי איז שוין נפתלי, נעמט ער זיך א זאך אין קאָפּ ארײן, מעג עס יאָ, אָדער נישט נאָך זיין כבוד זיין, מוז ער זיינס אויספירן. און געהאנדעלט האָט זיך אָט אין וואָס:

.7

פון א שטיקל צייט אהער, האָט נפתלי שוחט, מער נישט באפרידיקט שחיטות אליין. ביי אים האָט עס שוין מער נישט אויסגעמאכט, וואָס די קצבים רייסן זיך איבער אים, ווארעם נאָך אזא קינסטלער, אין אראָפּנעמען די שווערסטע סירכא, איז נישטאָ אין דער גאנצער געגנט, און פונעם שטעטל כמעט ביז יאס, איז נישטאָ נאָך אזא שוחט מיט אזא שארפן חלף, וועלכער זאָל אזוי קונציק שעכטן, ווילסטו מיט דער רעכטער איז מיט דער רעכטער, ווילסטו מיט דער לינקער איז מיט דער לינקער האנט. א ייד, א בריה, האָט מען אויף אים געזאָגט. ביי אים, איז אויך נישט געווען אָנגעליינט, וואָס די קצבים זאָגן אים קיינמאָל קיין שווער וואָרט, טאָמער נעמט ער שוין צופיל קישקע, אסך לעבער, גראשיצע, און צופיל רויט פלייש צום בראָטן. כאָטש אין הארצן, האָבן זיי אים געווינטשן, אז ער זאָל זיך ווארגן דערמיט, נאָר עפּענען א מויל, האָבן זיי נישט געוואגט. ווי און ווינד, וואָלט אזא קצב געווען, ווען ער וואָלט א פּיפּס געטון, אז נפתלי שטעלט אים צום צעטל, אז ער מאכט אים בדיל הדל, אז דאָרט אין זעקאַלע, האָט ער מער פון פינף קילע פלייש. און, וואָס וועט ער, דער קצב שוין פארדינען? אז: — און דאָ, מאכט דער קצב א חשבון אויף די פינגער — אז דעם פּרימאר מוז מען געבן, דעם שעף פין די זשאנדארן דארף מען געבן, הייגט ווו איז דער דאָקטער וועטערינאר? אזעלכער אויב ער האָט געמאכט אזא מין חשבון אויף נפתלים פלייצעס, — אזוי פלעג עס נפתלי אָנרופן — אזא קצב איז שוין געווען א טויטער. ער האָט געמעגט זיין זיכער, אז אין בעסטן דינסטיק, ווען מ'קען

לייזן פאר פלייש, מחמת ס'קומען אזוי פיל פרעמדע מענטשן צום מארק, דעמלט, ווען א ם נפתלי איבערקערן די בעסטע טעלעצע.

נפתלין, האָט אויך מער נישט צופרידן געשטעלט, וואָס ער איז געווען דער איינציק בארימטער מוהל אין דער גאנצער געגנט ביז יאס און מ'פלעג זיך ממש איבער אים רייסן. און ער פלעג צו זאָגן: „ווילסטו מיך? באצאָל, אלא נישט מעגסטו דיר נעמען דעם אָדער יענעם“... נאָר ווי א דאָקטער, ווי א פראָפעסאָר! האָט מען געדערט נישט אָן א באהאלטענעם כעס — ווו איז נאָך אזוי וואָס געהערט געוואָרן?

אויף נפתלין האָט אויך גאָרנישט געווירקט, און ס'האָט ביי אים נישט אויסגענומען וואָס איטער, טראָגט א ם אינטער מיטן שענסטן כבוד: חנוכה געלט, פורים געלט, און אז עמעצער האָט אמאָל פארגעסן, האָט ער יענעם געקענט אָפשטעלן אינמיטן דער גאס און אים פרעגן: „הער נאָר דו, ווו איז מיין חנוכה געלט?“

— וואָס זאָגט איר נישט צו אים? זיין חנוכה געלט, זיין פורים געלט, האָט מען זיך געערגערט — און פאר וועמעס וועגן שארט ער דאָס צונויף אזוי פ ל געלט — אז קיין קינד קיין רינד. ביים ערגערן זיך פלעג מען אָבער בלייבן און נישט געקענט גאָרנישט טון, פארוואָס? — ווייל ער וואקסט אָן עושר! איר שפילט אייך מיט נפתלין? הלוואי כאָטש א פערטל אויף מיר געזאָגט געוואָרן. א ייד א בריה, האָט ער זיך געריסן צו עפּעס גרעסערס, צו סוחרעריי.

— אין די אלע פארדינעבצער — פלעגט ער צו זאָגן — ליגט נישט קיין ברעקל חכמה. די דאָזיקע אלע געלטער, קען אויך אָנשארן, אפילו יענקל פידעלמאַן. אוויכעט א שוחט. כאָטש ער איז א באַזוסטע בהמה. ער קען אויך די קונץ באווייזן.

האָט זיך נפתלי גענומען צו מסחר. תחלת בגנבה באלעבאָטים זאָלן נישט וויסן. אז אָבער באהאלטן זיך איז שוין נישט מעגלעך געווען, איז באלעבאטים האָבן גענומען שרייען: „איינס פון די צוויי, אָדער שוחט, אָדער סוחר“. איז ער ארויסגעשפרונגען אין דער פריי, אָפען, און געהייסן; אז וועמען ס'געפעלט נישט, האָט ער א ברירה, אים צו קושן, נישט אין פנים נאָר ערגעץ אנדערש. און, ערשט דעמלט איז ער געוואָרן א סוחר. מיט אלעם האָט ער געסוחרעוועט, אלעס איז געווען ביי אים א קרן. ס'איז נישט געווען דאָס ארטיקל, וואָס ס'זאָל זיך נישט געווען געפונען ביי נפתלין.

פאַרשטייט זיך, אַז באַלעבאַטים האָבן דאָס גלייכגילטיק נישט געקענט צו קוקן. אַ יעדן האָט זיך געדאַכט, אַז נפתלי רייסט פון אים אַרויס דעם ביסן פונעם מויל.

— אַז אין יעדן עסק איז ער בקי! — האָט מען זיך געשמיצט.

— וואָס דאַרפט איר מער, ער גיט דאָך שוין אַרויס געלט, אויף היתר עסקא אויך. פאַר אַ ייִדן מיט אַ היתר עסקא, פאַר וואָלעבן, מיט אַ משכון. דאָס איז מען אויסן געווען צו טרעפן, יעקעלע ריישמאַנען. אַ באַוווסטער פּראַצענטניק. אַן ערלעכער ייִד און מיט אַסך תורה, און ביי וועמען ס'איז שווער געווען אַרויס צו שלעפּן אַ פּראַנק, אויף סיי וואָס פאַר אַ צוועק ס'זאָל נישט געווען זיין.

ריישמאַן אָבער, האָט זיך אָנגעשטופּט אַ פולע נאָז מיט טאַבעקע, זיך גוט אויסגעניסט און זיך אָנגערופן:

— ווער ס'האָט מורא פאַר נפתלין, איך נישט. וואָכער, איז נישט ביי מיר דער עיקר. מהיכא תיתי, אמאָל יענעם אַ טובה צו טון און ס'זאָל מיר נישט זיין קיין רעה, פאַרוואָס דען נישט? ביי מיר איז פּראָדוקטן! פאַרשטייט איר מיך? און דאָס קען ער ביי מיר נישט צו נעמען, נפתלי!

— נו, און מיט פּראָדוקטן, האַנדעלט ער נישט? — האָט עמעצער זיך אָנגערופן.

— אייסער וואָס! — האָט יעקעלע מיט דער האַנט אַוועקגע־מאַכט, ווי מ'טרייבט אַוועק אַ בייזע פליג. — אייסער וואָס! איך האָב מיר מיינע דערפער, מיט מיינע וואָלעכן. מיינע דער־פער, מיינע וואָלעכן, וועלן פון מיר נישט אָפּטרעטן, אפילו, ווען אייער נפתלי שטעלט זיך אויפן קאָפּ, אפילו ווען ער נעמט פייער אין מויל אַריין.

.8

האָבן באַלעבאַטים נישט געקענט אַראָפּשלינגען, פאַרוואָס נפתלי שוחט פאַרזשערעט די גאַנצע וועלט און ס'איז אים קיינמאָל נישט גענוג. און כאָטש ריישמאַן האָט נישט געוואָלט זיך באַטייליקן, אין דער דאָזיקער מצווה, אַזוי ווי ער אַליין האָט געזאָגט אַז ס'איז אַ מצווה אָנצולערנען אַזאַ שייגעץ, ווייל אַזוי שטייט טאַקע אין דער תורה: „ובערת הרע מקרבך!“. האָבן באַלעבאַטים געזאָגט, אַז זיי וועלן דעם מַשאָלענט פאַריקן אָן ריישמאַנען. און אויסגעוויילטע פון זיי, מענטשן מיט געשליפענע

צונגען, און מיט א פּעך אין דער האַנט, און נאָך מער מיט א בוזעם־קעשענע אָנגעפּולט מעט אסך פּאַפּיר גילט אוועק צום פּרעטאָר און אוועקגעלייגט אויפן טיש דאָס פּאַפּיר געלט אינאיינעם מיט א פּאַפּיר אין וועלכן ס'שטייט בפירוש געשריבן אז נפתלי גראָסמאַן איז א סוחר, אז ער באַצאָלט נישט קיין פּאַטענט, און נישט קיין פירמע און אפילו נישט קיין שטייערן. און, בסוד האָבן זיי געבעטן דעם פּרעטאָר, אז ער זאָל אזוי גוט זיין און די אויספאָרשונג, זאָל ער מאַכן, דווקא אום שבת. ס'בעסטע איז אָנצוהויבן פון פּרייטיקצונאַכטס.

אין א פּרייטיקצונאַכטס, נפתלי איז געווען אין שיל ביים דאַווענען, ביילצע איז געזעסן ביים טיש, געווען נאָך ליכט־בענטשן, האָט געזאָגט די באַוווסטע תחנות, וואָס פרויען זאָגן, און ווען זי איז געקומען צו אָט דער שטעלע: „און דו זאָלסט לייטזעליקן דיין דינסט, און איר געבן א זון צום לעבן, א זון וועלכער זאָל טון טאָן באַלייכטן די וועלט מיט דיין הייליקער תורה, און אין זכות פון חנהן", האָט זי א טיפן זיפץ געגעבן איבערגעהיפּערט, און געזאָגט צו זיך אליין: שוין שפּעט, טייערער פאָטער אין הימל. — פּונקט דעמלט, האָט מען אָנגעקלאַפּט אין דער דרויסן־טיר. און אז זי האָט געעפנט איז איר טונקל געוואָרן פאַר די אויגן.

געעפנט דעם מאַגאַזין, אראָפּ אין קעלער, ארויף אויפן בוידעם, און געפונען א גאַנצן אוצר: מיט תבואה, מיט ברינדזע, שאָפּענע, לעמערנע, טכוירענע, פוקסענע און אפילו מאַרדער פעלן און סתם אויסגעאַרבעטע לעדער.

ווען נפתלי איז אהיים געקומען, און ער האָט דערזען די געסט, האָט ער זיך וויניק וואָס דערשראָקן, זיך אויסגעטון דאָס שטריימל, און געבליבן זיצן אין דער יאַרמולקע און פאַרפירט א פריינדלעכן שמועס מיט מאַקסימען דעם פּרעטשעפּטער.

פאַרשטייט זיך, אז די דאָזיקע באַלעבאַטים, וועלכע האָבן געמסרט נפתלין, האָבן וויניק וואָס אויפגעטון. מ'האָט מאַקע געזען אז אין דעם זעלבן שבת, האָט מען אלע סחורות אוועק־געפירט. מ'האָט אָבער אויך געזען, אז נאָך שפּעטער מיט עטלעכע טעג נישט מער, זענען די סחורות צוריקגעקומען און מ'האָט זיי צוריקגעלייגט דאָרט ווו זיי זענען געווען פריער. און שענער פון שיין, איז; וואָס מ'האָט גאָרנישט באַמערקט, צי נפתלי איז ערגעץ אוועקגעפאָרן און צי האָט ער זיך ערגעץ געפּאָרעט.

— ווי אזוי קען איך אוועקפאָרן? — האָט ער געטעהנעט, אז די שטאָט קען זיך אָן מיר נישט באַגיין; אָט איז א חתונה,

א ברית, נישט געדאכט זאָל עס ווערן א לוויה. נו, און די קצבים, פרעגט נאָר ביי זיי, לאָזן זיי מיך אוועקפאָרן?

— אזא שווארץ מזל, — האָבן די מוסרים זיך געערגערט — ניט'ש געגאנגען אינערגעץ גישט, נישט געטון א האנט אין קאלט וואסער, אזא שווארץ מזל!

דער אמת איז אָבער געווען, אז קיינער איז נישט געווען אזא טויגער, אזא בריהאק אזוי געשיקט אויף צו ריידן און פארריידן די ציין ווי נפתלי שוחט. דער גאנצער עסק, נאָך איידער ער איז געבוירן געוואָרן, האָט ער אים מיט דער הילף פון מאקסים דעם פרעטשעפטער, צעריבן. זיי, די שונאים זיינע, האָבן געמיינט אז די סחורה, וועלכע האָט באטראָפן א פארמעגן וועט ער שוין נישט זען מער, ווי ער זעט זיך נישט די אויערן. דער אמת איז אָבער געווען, אז ווייטער ווי צו מאקסימען אין דאָרף אריין, זענען די סחורות נישט גענומען געוואָרן און מאקסימס משפחה, האָט דערווייל, ביז מאקסים, האָט געאָרדנט די זאך ביים פרעטאָר, גוט אָפגעהיט אז א פאָדעם זאָל נישט פעלן.

— ער איז אָבער אָפּגעגאנגען, מיט א שטיק בלוט, — האָבן די שונאים זיינע זיך געקילט, — נפתלי, ווען ער האָט דאָס געהערט, האָט ער זיך אָנגערופן אזוי אין גוטן מוט, פריילעך אויפגעלייגט:

— לאָזן זיי זיך נעבעך קוויקן מיט חלשות טראָפּן!

מ'האָט געקענט מיינען, אז שוין, איצט נאָך דער דאָזיקער געשעעניש, וועט נפתלי מער נישט גיין אויף קיין חתונות, בריתן, און אז יאָ, וועט ער עס שוין טון לשם מצווה, פאר א מצווה וועגן. ס'איז אָבער נישט געווען אזוי. געגאנגען, געזונגען, פריילעך געמאכט דעם עולם. און, — דער עיקר, געמאכט מי שברכס און געמאָנט מי שברך געלט:

— איינס מיטן דריטן איז נישט קיין מחותן. — האָט ער געטענהעט — ירשנען דארף מיך קיינער נישט. און שיין איז געווען, אז דווקא די פארביסענסטע געגנער, האָבן אים אונטער־געטראָגן, דאָס שענסטע מי שברך, חנוכה, פורים און כפרה געלט.

— ווער ווייסט? — האָבן זיי זיך געזאָגט — צי מ'וועט אמאָל צו אים נישט דארפן! דאָס מזל שפילט אים, ער וואקסט אן עושר!

איצט, אז מיר האָבן זיך שוין באקענט מיט נפתלי שוחט. מיר ווייסן שוין וואָס פאר א מענטש ער איז, כאָטש אפילו נאָר אין א קליינער מאָס, קענען מיר איבערגיין צוריק צו יענעם

פרייטיקצונאכטס, און זען פון וואָס ס'האנדעלט זיך. וואָס פארא געשעפטן האָט דאָס נפתלי שוחט, מיט אלי באלעגאָלע, אז ער האָט אים אזש אָפּגעשטעלט אינדרויסן פאר דער שיל, פאר־בויגנדיק זיין כבוד, און אים פריער אונטערגעטראָגן דעם גוט שבת, און מיט אים פארפירט א שמועס.

.9

נישט האָבנדיק מער פון וואָס צו שמוסען, איז אלי, ווי זיין שטייגער איז געווען, געבליבן שטיין מיט דרך ארץ פאר נפתלין, ווי ס'געבירט זיך צו שטיין פאר א רבין. און כאָטש אלין איז זייער שווער אָנגעקומען ער זאָל באהאלטן זיין שנאה צו נפתלין, דאָך, ער זאָל זיך מאניפעסטירן אָפּן פריי, אזוי וואָס איז שטארק שווער געווען פאר אלין. האָט ער עס נאָר ארויס־געוויזן מיט זיין אופן שטיין; די אויגן אראָפּגעלאָזט, ציפּנדיק זיך ביים לעפּל פונעם אויער, וואָס דאָס אליין, ווער ס'האָט נאָר אלין געקענט, האָט זיך שוין געמערקט וואָסערע מיינונג ער האָט איבער נפתלין.

נפתלי, האָט אויך דערקענט, אז ס'איז נישט מער דער אלי פון אמאָל. ער האָט דערפילט און פארשטאנען אז נעכע דער סאָלדאט, האָט אים אָנגעשרויפט. ער האָט זיך אָבער נישט וויסנדיק געמאכט. פארקערט ער האָט אָנגעהויבן לויבן נעכען, און אויפּווייזן אלין אז:

— איין מזל האָסטו אלי, וואָס נעכע איז דיין ווייב. אזא ווייב, אלי איז מיט גאָלד צוגלייך! אזא ווייב, אלי, וועלכע ווייסט, ווי מ'זאָגט: „צו מאכן אָן פינגער א פויסט“, און פון א שטיקל לונג, שבת, — אזא ווייב אלי, איז די אמתע „אשת היל“, וועלכע שלמה המלך האָט אויסגעלויבט.

אזוי לאנג, האָט נפתלי געהויבן און געלויבט נעכען, ביז ער האָט באמערקט ווי אויף אלים פּנים, האָט זיך א לייטזעליקער שמייכל אויסגעשפּרייט און אינגאנצן האָט ער זיך געשמאָלצן פאר נחת, און דאָס איז נפתלין געגוג געווען. „צעטאָפּעט דאָס אייז“ — טראכט ער זיך, און ער האָט געלאָזט אלין איצטער ריידן, נישט איבערשלאָגנדיק אים מיט א האלב וואָרט אפילו.

— וואָס ווייסט איר, רבי, וואָס ווייסט איר? — האָט זיך אלי פארכלינעט — איך בין עס גאָר נישט ווערט, אז אנדער ווייב אויף איר אָרט, וואָלט מיר שוין לאנג געלייגט א לעבעדיקן

אין ד׳רערד אריין, שוין לאנג. נאָר זי, נעכע, מיין ווייב מיין איך, א מלאך איז זי, א דימעט איז זי, נישט עפּעס אנדערש, איז זי — א קליינינקייט קיינע הרע, אָפּכאָדזען קיינע הרע אזוי פיל קינדער, אויסשטיין איטלעכנס שגעון. נו, און ווי בין איך? פון מיר לייד זי זיך אויכעט אָן גענוג, יאָ, יאָ. — נעכע, ווו איז דאָס, ווו איז יענץ? ס׳ט נישט געזען דעם אָמשעק? גיין? — און אלי ענדיקט מיט א זיפץ: — וואָס ווייסט איר? וואָס ווייסט איר וואָס?

נפתלי האָט מיט א האלב אויער אפילו, נישט געהערט וואָס אלי רעדט, ער האָט גאָר געטראכט צו עפּעס אנדערש, נאָר ארויסווייזן האָט ער נישט, פארקערט, אלי האָט געקענט מיינען אז נפתלי שלינגט יעדעס וואָרט זיינס, מחמת ער האָט געזען אז נפתלי שאָקעלט צו יעדעס מאָל מיטן קאָפּ, א סימן, אז ער איז אינגאנצן מסכים, מיט אים, מיט אלין. דער אמת איז אָבער, אז דערפאר האָט נפתלי נישט איבערגעשלאָגן, ווייל ער האָט זיך אין די ענינים זיין דרך. זיין כלל איז; קיינעם נישט איבערשלאָגן אינמיטן ריידן, וואָרעם, שלאָגסטו אים איבער. האָט יענער נאָך פאריבעל, דעמלט קען מען שווערער צוקומען צו דעם עסק וואָס מ׳וויל. וואָדען? יענער רעדט, זאָל ער רעדן, ער וועט אזוי לאנג ריידן, ביז ער וועט אויפהערן. איצט, ווען נפתלי האָט דערהערט אלים זיפץ, האָט ער זיך געגעבן א רוף אָן:

— שא, אלי שא! ווייסטו וואָס מיר איז איינגעפאלן פּונקט באותו הרגע? און נפתלי, ציט אויס יעדעס וואָרט — איך האָב דיך געהערט זיפצן, און א שטיק הארץ האָסטו ביי מיר אויסגעריסן. — אוי וויי! דו מיט דיין נעכען, אוי וויי, איר פּלאָגט אייך נעבעך ביידע, דו מיט דיין נעכען, איר מוטשעט אייך נעבעך ביידע, וועגן שטיקל ברויט. — האָב איך מיר באותו הרגע געטראכט; צו וואָס אלי, טויג אייך אזוי פיל קינדער? — נאָר דאָ, איז אלי אויפגעשפּרינגען ווי א חיה, וועלכע באשיצט מיט איר אייגן לייב, אירע קינדער, ווען דער יעגער זוכט צו פאנגען לעבעדיקערהייט:

— זאלץ אין די אויגן, שפּיז אין הארץ. — האָט זיך אלי צעשריגן — קיינער האָדעוועט מיר נישט מיינע קינדער! — האָסטו געהערט א ביסל?

נפתלי איז געבליבן געפּלעפּט. אזא ריידן מיט אזא לשון, מיט דירעקטע קללות, האָט ער נאָך פון אלין קיינמאָל נישט געהערט.

— שאַ! וואָס איז דער ירגזון אזוי גרויס? אז אנדערער זאָל נאָך הערן, וואָלט ער נאָך געמיינט, אז זיי זענען ביי אייך איין און איינציקע, אָפּגעשריגענע, ציטעריקע, אויסגעוויינטע! גלייך איך ווייס נישט, וויפל מאָל אין טאָג, שעלט זיי מיט טויטע קללות, דיין נעבע, די אייגענע מאמע: „אַן אויסכאַפּעניש, אַן אויס־פּליקעניש זאָל אויף אייך קומען ממזרים, רבונו של עולם“! שאַ! גלייך איך ווייס נישט, גלייך איך בין נישט קיין היגער, גלייך איך בין פון האָצעקלאָץ! שאַ! וואָס איז די רעצעפּיכע אזוי גרויס? און אז נפתלי האָט געזען, וויאזוי אלי איז אויס מענטש, און ווי פאר רציחה ווייסט ער נישט, די פּאַסיקע קללה אים צו שליידערן אין פנים אריין, האָט ער אים, ווי אזוי ער טויג שוין, אָנגעהויבן איינצונעמען מיט גוטע ריידעלעך:

— שאַ, נארעלע, נישט אזוי האָב איך געמיינט, זאָלן זיי דיר זיין געשענקט ביז הונדערט און צוואנציק יאָר. וואָס רעדסטו נארעלע; נישט פארגינען גאָר? — איך האָב נאָר געמיינט — איך ווייס? דאָ איז נפתלי געבליבן שטיין א רגע — געטראַכט, עפּעס א וואָרט, וואָס זאָל אלין נישט טרעפן... איך האָב געמיינט, אז דו זאָלסט מיר געבן, א שבט פון דיינע שבטים, א קינד. מיין איך. איך האָב נעכטן געזען, ווי אזוי דיין לייבעלע, זאָל דיר זיין געזונט, ווי אזוי ער האָט אזוי געשמיידיק געטריבן א קעלבל אין אבאטאָר אריין. האָב איך מיר געטראַכט, עד, ווען דאָס קינד, זאָל איינשטיין ביי מיר, איך מיין לייבעלע, ווען זאָלסט מיר אים געבן, וואָס וואָלט איך, פון אים נישט געמאַכט? אזוי, נעבעך, וואָס וועט פון אים ווערן? א קאַידאַן? עפּעס אנדערש נישט. — נפתלי, האָט גערעדט גיך, ער האָט מורא געהאַט, אז אלי זאָל אים נישט לאָזן ענדיקן. אלי האָט אָבער אָנגעווירן דאָס געדולד. אז נפתלי איז געבליבן שטיל, האָט ער שוין געענט־פערט:

— איר זעט רבי די האנט? — בשעת מעשה, האָט ער אויפגעהויבן די רעכטע האנט און זי געוויזן נפתלין — פינף פינגער? א יאָ? נעמט א מעסער, שניידט אָפּ א פינגער. נישט געוונג פיר פינגער? נישט גענוג? אוועקגעבן א קינד? א פינגער אָפּשניידן? וואָסזשע, ביי מיר איז נישט טייער איטלעכס קינד? נאָר ביי די גבירים הא? אסך קינדער? זאָלן יענעם ארויס די אויגן, ווער ס'ציילט מיינע קינדער. איך פארבייט נאָך נישט ס'מינדעסטע נעגאלע פון מיינס א קינד, אויף טרענדעלען, באָמ־בעס קדיש. ניין! ניין! ניין!

נפתלי האָט שוין מער נישט געענטפערט. גיך געזאָגט אלין „א גוטן שבת" און אים איבערגעלאָזט, אליין. נפתלי האָט צייט. וואָסזשע ס'לויפט אוים? שוין היינט אויפדערנאכט, פרייטיק־צונאכטס, דאָס געשעפט ענדיקן? ס'איז גוט, אבי ער האָט ־עם פאָדעם ארייננעצילעט.

.10

אויפדערנאכט. די ליכטלעך צאנקן, גייען אוים, ווארפן טאנצנ־דיקע שאָטנס, אויף דער סטעליע, אויף די ווענט און אויף דער פּאָדלאָגע. נעכבע איילט זיך מיטן מאכן די געלעגערס פארן מאן און פאר די קינדער. אלי שטייט לעבן איר, און דערציילט איר דעם שמועס, וואָס ער האָט געהאט מיט נפתלין און וואָס ווייַ־טער ער דערציילט, ווערט ער אלץ מער אָנגעצינדעז, אין כעס אויף נפתלין, לאָזט ער אוים:

— אזא ווערמדיקער ייד! איך זאָל אים גאָר א קינד אוועק־געבן, זאָל איך אים! אנדערש נישט נאָר לייבעלען וויל ער, אנדערש נישט! וואָס זאָגסטו דערצו נעכבע? וואָס זאָגסטו דו דערצו?

נעכבע ענטפערט אים נישט. א יעדן אויפדערנאכט, ווען ס'קומט צום אראנזשירן און אויסמייסטרעווען די געלעגערס, קריכן איר די אויגן ארוים פונעם קאָפּ. יענע נאכט איז לייבעלע פארקראָכן מיט די פיסלעך וועלוועלען אויפן הערצל, און דאָס קינד האָט אזוי מוראדיק געשריגן פונעם שלאָף, אז זי האָט זיך אזש אויפ־געכאפּט מיט אזא פלאטער, אז א גאנצע נאכט האָט זי מער קיין אויג נישט צוגעטון.

קומט דער זומער ווערט מען דערשטיקט פון דער היץ. ווינ־טער איז נישטאָ מיט וואָס זיך צו צודעקן. ביי לייטן איז כאָטש דאָ א פּריספּע, שלאָפט מען אינדרויסן. שפּרייט מען אוים א קאָברעץ מיט א קישן און מען לייגט זיך אנידער און מען שלאָפט. צודעקן זיך דארף מען נישט, העכסטענס דאָרט מיט א קאָרדיקעלע די שפּיץ נאָז, איר שטוב, אומשטיינס געזאָגט, קיין פּריספּע נישט, גאָרנישט. קיין געזונט און לייב און לעבן. צו גאָרנישט — טראכט נעכבע מיט פארביטערונג — האָט זי נישט קיין מזל! שטייט דער אויוון, פארנעמט ער דריי פירטל פון דער שטוב. די שכנות זענען איר אפילו מקנא. נישט אזוי מיטן אויוון, ווי מיטן אויפן אויוון. קומט דער ווינטער, קריכן זיי ארויף, ווי די קעץ,

ביי דעם פאַרגלייך, טוט נעכע אַ שמייכל. זיי ממיתן זיך אַפילו דאָרט און זי ציטערט אַז זיי זאָלן נישט אַראָפּפאַלן און זיך צוברעכן די קעפּ. אַז זי נעמט אָבער צו זיי די קאָמשערע, ווידער שמייכלט אַריין אין זיך נעכע, ווערן זיי ווי די גיונ־קעלעך... נו, נו, ציט ווייטער נעכע דעם געדאַנק. גוטע יאָרן אַז דער אויפן אויוון איז אַ גדולה, נאָר ס'איז נאָך אַ האַלבע צרה, אַ האַלבע לייד; אום ווינטער טויג ער, און ער קומט זייער גוט צו נוץ. און, — וויאַזוי זאָגט נאָר, חיה די פּירזשאָגערן? „גאָט באַשאַפט די רפואה פאַר דער מכה". — אוי גיט ער אַ מכה! — צעשפּרייט זיך אַ ביטערער שמייכל אויף נעכעס פּנים — מ'זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד! — איך וואָלט אים מוחל געווען, די רפואה אײַנגעם מיט דער מכה. אַזעלכע רפואות, מעג ער שוין געבן; באַמבעז, טוראָרן. פאַרוואָס נישט?

אַלי שטייט און וואַרט. ער וואַרט אַז נעכע זאָל אים ענט־פערן. ער ציט זיך ביים לעפּל פּונעם אויער, אַ סימן אַז ער איז אין כעס, ער גיט זיך אָבער נישט נאָך דעם כעס. גיט ער זיך אַ שטאַרקערן צי ביים אויער און פרעגט:

— נו נעכע, כ'האָב דיך דאָך עפּעס געפרעגט, האָב איך דיך?

וואָס וויל ער פון מיינע יאָרן האָבן, טראַכט זי זיך. ער זעט נישט, ווי זי ווערט אויסגעריסן, ווי זי ברעכט זיך דעם קאָפּ ווי אַזוי זי זאָל באַליגן די קינדער און דאָ, שטייט ער איר איבערן קאָפּ. פּלוצעם, איז איר אַ צו להכעיס געדאַנק אין מוח דורכגעפלויגן. האָט זי זיך געגעבן אַ הויב אויף, אויסגעגלייכט די פּלייצעס, אָפּגעווישט דאָס מיט שוויים באַדעקטע פּנים און זיך אַזוי אָנגערופן:

—וואָסזשע מיינסטו אַלי, ס'וואָלט טאַקע גראָמער געוואָרן אין שטוב.

אַלי איז געבליבן אָן לשון, פאַרשטאַרצט, מיט אַן אַבר האָט ער מער נישט געקענט רירן. אויף אַזאַ שפּראַך, אַז נעכע זאָל אַזוי ריידן, האָט ער זיך נישט געריכט: זי, וואָס לייגט איין וועלטן ווען ס'איז חלילה עפּעס פאַר אַ קינד, שלאָפט נישט, עסט נישט, שפּרינגט ממש פון דער הויט אַרויס. שלעפּט דעם דאָקטער, פּשוט ביי די פּאָלעס, ווײַנט פאַר אים, שרייט: „העי דאָקטער, אין איין העמד זאָל איך בלייבן, אַבי ראַטעוועט מיר דאָס קינד". זי זאָל אַזוי אַ ריידן? זי זאָל איין מינוט אַפילו קלערן אַז מיט איין קינד ווייניקער, וועט אין שטוב גראָמער ווערן? אַך, גלוסט זיך אים אַז ער זאָל אַרויסלויפן אין דער גאַס און שרייען און קוויטשען, אַז מ'זאָל זיך אויף זיין בייז ווונדער צונויפלויפן!

יידן! וועט ער שרייען: יידן! ס'איז נישטאָ קיין געטרייע מאמע אויף דער וועלט! אלע זענען זיי לוימער ליגן! אז מיין נעכע האָט געקענט אזוי און אזוי זאָגן!... אלי איז א פּאָר מינוט געשטאנען ווי געלייםט און נישט פּעיק געווען א וואָרט צו זאָגן, כאָטש ער האָט געוואָלט איר זאָגן עפּעס א באלײדיקנד וואָרט, האָט אים די צונג נישט געדינט. דערנאָך ווען ער איז שוין געקומען צו זיך אביסל, האָט ער מיט גרויס אָנשטרענגונג ארויסגעשטויסן פונעם מויל:

— בייס דיר אָפּ די צונג, בהמה וואָס די ביסט! און ער איז פון דער שטוב ארויס... אריין אין שטאל, האָט ער זיך ארייננעלייגט אין דער יאסלע. ס'איינציקע פערד וואָס איז אים נאָך געבליבן, און דערפאר מוז עס גיין ביי א פרעמדן וואָגן אויפן דראָגזשיק, און ער אלי, מוז אויכעט דערפאר פאָרן אויף א פרעמדער קעלניע, האָט, דערפילנדיק דעם באלעבאָס זיך אויפ־געהויבן, גלייך ווי ס'וואָלט אים, אלין, געוואָלט אָנטון כבוד און לכבוד אים זיך אויפגעהויבן. אלי האָט ארומגענומען דעם פערדס קאָפּ און אים אין אויער ארייננערעדט:

— הא דו פילסט דיך אויך גראָמער אז בולאן איז נישטאָ? דו האָסט מערער צו עסן אז דו שלעפּסט אליין דעם וואָגן אָן בולאנען? דו ביסט כאָטש א פערד!...

.11

א גאנצן שבתדיקן טאָג זענען זיי געווען אָנגעבלאָזן איינער אויפן אנדערן. נישט גערעדט. די קינדער זעענדיק ווי טאטע מאמע שווייגן, רעדן נישט, זענען ברוגז, האָט עס אויף זיי א גרויסן רושם געמאכט. זיי זענען נישט געווינט געווען צו אזוי וואָס, זיי האָבן ביז איצט אזוי וואָס נישט געזען, דערפאר זענען זיי געזעסן ווי די סטאטיקעס, נישט געליארמט און נישט גערוקט זיך אויף די געזעסלעך ווען די מוטער האָט ארויפגעבראכט דאָס עסן אויפן טיש, ווי זייער שטייגער איז געווען. אן אנדער מאָל האָט מען אויף זיי געדארפט אָנשרייען; אז זיי זאָלן נישט זיין קיין שדים, אז זיי זאָלן זיך נישט קראצן און די קעפּלעך, איצט זענען זיי געזעסן שטיל, אָנגעשראָקן, מורא געהאט, פארוואָס? האָבן זיי אליין קלאָר נישט געוווּסט.

אז אלי איז אריין נאָכן טיש אין שטאל, האָט אויף זיך נעכע, די בערטע גענומען און אריין צו א שכנטע אויסהערן די

צאינה־וראינה, אָדער כאַפּן גלאַט אַזוי אַ שמועס, האָט בערעלע ס'עלטסטע ברודערל, זיי דערציילט אַז די מאַמע וויל פאַרקויפן לייבעלען און דער טאַטע לאָזט נישט. נאָך האָט בערעלע דערציילט פאַר זיינע ברידערלעך, און דערביי האָט ער זיך געשוווירן, ביי די ציצית און ביי די תפילין; — בערעלע איז שוין אַ גרויסער, ער איז שוין געוואָרן בר מצווה. ער האָט אָבער נאָך נישט זיינע אייגענע תפילין, כאָטש ער האָט אַזוי פיל מאָל געוויינט, אַז מען זאָל אים קויפן אַ פּאָר קליינע תפילין אַזוי ווי אַנדערע בר מצווה קינדער האָבן, און ער שעמט זיך אַזוי צו לייגן דעם טאַטנס תפילין, וואָרעם די אַנדערע יינגלעך לאַכן פון אים, וואָס ער לייגט אַזעלכע גרויסע תפילין וועלכע זענען גרעסער פון זיין קאָפּ. אלי פּלעגט אים אפילו גלעטן איבערן קאָפּ און אים צוזאָגן יעדעס מאָל, אָבער ביי דעם איז עס געבליבן, ביים צו זאָגן. נעכטן האָט אפילו פאַריבל געהאַט אויף אלין, פאַרוואָס ער גענאַרט דאָס קינד, פאַרוואָס ער זאָגט אים צו:

— פאַרוואָס נאַרסטו אָפּ דאָס קינד? פינוואַנען וועסטו נעמען דריי פראַנק? סיידן אַ שכורער פריץ וועט פאַרלירן און דו וועסט געפונען. פאַרוואָס זאָל אין קינדס הערצל בלייבן, אַז דו ביסט אַ ליגנער? פאַר אַ קינד דאַרף מען אויסזאָגן דעם אמת, אַז דו האָסט נישט. איי, ער וועט פיינט האָבן יענע קינדער, זאָל ער זיי פיינט האָבן. הלמאי, האָט ער זיי שוין פיינט, פאַרוואָס זיי גייען אין גאַנצע שיכעלעך און ער האָט נאָך אין זיין לעבן אַ פּאָר גאַנצע שיכעלעך נאָך זיין מאָס נישט געהאַט? נישקשה וועט ער זיי פיינט האָבן פאַר די תפילין אויך. — שווערט זיך בערעלע, אַז ער האָט אליין געזען ביי די ציגיינערס, וועלכע זענען אַנומעלט דורכגעפאָרן דאָ אַרומערט און זיי זענען געשטאַנען לעבן אַבאַטאָר, האָט ער אליין געזען ביי די ציגיינערס, וועלכע האָט געוויזן אַזויפיל קונצן, אַ יידיש יינגעלע, בערעלע האָט מען אים גערופן. און אַ הויכער ציגיינער, מיט ברייטע הויזן, מיט לאַנגע, שוואַרצע, פעטע, פּלעטעס האָט געגעבן אַ כאַפּ בערעלען, אים צונויפגעקאַטשעט און צונויפגעדרייט אַזוי קיילעכיק פונקט ווי אַ קוגעלע, און גענומען און אים אַריינגעלייגט אין דער קעשענע פון די ברייטע הויזן. לייבעלע האָט אויסגעשאָסן אין אַ געוויין...

שפּעטער, פאַרנאַכט צו, ווען אלי האָט זיך געהאַט אויסגעשלאָפן אין שטאַל און דער יאַסלע, איז ער אַריינגעקומען און

ער האָט זיך גענומען צוגרייטן גיין אין שיל אריין דאווענען מנחה. ווען לייבעלע האָט אים דערזען איז ער צו אים צוגעפאלן אין זיך צעכל׳פעט. אלי האָט אים גענלעט איבערן קעפל און אים געפרעגט פארוואָס ער וויינט. האָט ער נאָר געקענט פון אים אזוי פיל דערגיין: „איך וויל נישט זיין א קוגעלע, איך וויל נישט ליגן ביים בוליבאש אין דער קעשענע פון די ברייטע הויזן!“.

ווען אלי זאָל געווען זיין ווי אן אנדערער טאטע. פאר וועמען די קינדער ציטערן, וואָלט ער זיכער געווען דערגאנגען דעם מיין פון די דאָזיקע ווערטער. ער וואָלט אפשר געווען אַראָפּגענומען דעם פאסעק פון די הויזן, אריבער געלייגט אזא קינד אויף דער קני און עס גוט דורכגעשמיסן, אזוי ווי זיין טאטע פלעגט אים צו טון, און אים זאָגן:

— נא, דאָ האָסטו א קוגעלע, טאָסטו א בוליבאש, טאָסטו ברייטע הויזן, א ייִנגעלע רעדט נישט וואָס נישט געשטויגן און נישט געפלויגן, נא! נא! נא! א ז אָבער אלי נישט אזא מענטש, ער איז פון דער נאטור א יִם אן אנדערער טאטע, ער איז נישט פון די דאָזיקע טאטעס, וועלכע פלעגן שלאָגן זייערע קינדער, פאר יעדן מינדסטן נארישקייט און די דאָזיקע טאטעס פלעגן דערנאָך אפילו צו זאָגן: אז דער טאטע, וועלכער פאר־מיידט די רוט פון זיין קינד, דער האָט פיינט זיין קינד. ניין! אלי איז נישט פון די דאָזיקע טאטעס. נאָך היינט, ווען ער דערמאנט זיך, וויאזוי מערדעריש דער פאָטער זיינער פלעגט אים שלאָגן, ווערט ער אויף אים אין כעס. ער טאָר דאָך נישט זאָגן, ווייל ס׳איז דאָך אן אייגענער טאטע, אָבער ליב האָט ער אים נישט. איצט אויך, ווען לייבעלע האָט אזוי יעמערלעך גע־וויינט, האָט עס אים ביי דער נשמה געשניטן, ער האָט א ביטערן שמייכל געגעבן, זיך א צי געגעבן ביים אויער לעפל, וואָס האָט געהייסן, אז ער איז אויף עפעס אויפגעבראכט, און זיך געלאָזט גיין אין קיזשנערישן שילעכן.

קאפיטל ה

אלין געפעלט נישט וויאזוי נפתלי שוחט טייטשט איין דעם „עין יעקב“. אלי אין א וויזיט ביי נפתלי שוחט אינדערהיים

דאָס קיזשנערישע שילעכל, איז אויפגעבויעט געוואָרן, נאָך דורך די ערשטע איינוואנדערער. און דערפאר, ווייל דעמלט זענען זיי ס'מערסטע געווען באלעגאָלעס און באלמעלאָכעס און דערפאר ווייל זיי האָבן דורך א געוויסן טעם נישט געוואָלט א נאָמען געבן זייער ערשט שילעכן, נישט „ס'באלעגאָלישע און נישט ס'שוסטערישע אָדער ס'שניידערישע, האָבן זיי עס ליבער א נאָמען געגעבן „ס'קיזשנערישע“, כאָטש פון דער דאָזיקער בראנשע זענען געווען זייער ווינציק. און נאָך א טעם, וואָס ער איז געווען דער וויכטיקסטער; רב יואל האָט אזוי געהייסן. און אז רב יואל האָט געזאָגט אזוי, איז עס פאר די איינוואנדערער הייליק געווען, האָט מען אזוי געטון.

געבויעט, איז טאקע דאָס דאָזיקע שילעכן געווען נאָכן מוסטער, וואָס האָט דערמאַנט די היים „שווארץ-השך“ פון וואנען די ערשטע איינוואנדערער זענען געקומען. פון האָלץ, א שטרויענעם דאך און מיט עטלעכע טרעפלעך אראָפצוגיין. ערשט שפעטער, ווען דאָס שטעטל האָט זיך אויסגעשפרייט אין דער לענג און אין דער ברייט, און ס'קליינע שילעכן האָט מער נישט געקענט ארייננעמען אין זיך אז יפיל מענטשן, האָבן זיך ס'ערשטע אָפגעטיילט די שניידערס, דערנאָך די שוסטערס, שפעטער אויך די באלעגאָלעס און זענען אוועק צום פריץ און אויסגעפויעלט צו שטיקלעך ערד און אויפגעשטעלט שילן. יעדעס פאך באזונדער. צום סוף זענען געקומען די נייע אויפגעקומענע גבירים, די נעכטיקע באלעגאָלעס, שוסטערס, שניידערס, אָדער קיזשנערס און פארלאנגט ערד ווענן צוויי שילן מיט אמאָל. ס'ערשטע האָבן זיי א נאָמען

געגעבן: „ס'לייפּציקער“ אָדער „ס'זיידענע“ וואָרעם דאָרט האָבן געדאַוונט איינער אָדער צוויי פּאַרשוינען וועלכע זענען אַמאָל אין זייער לעבן געווען אין לייפּציק אויפן יריד. די באַלמעלאָכעס האָבן אָבער אַ צונאָמען געגעבן און עס גערופן: ס'זיידענע“ ווי־ איינער רעדט: „וואָס פרעגט איר, לויטער זיידענע מענטשן דאַוונען דאָרט. וואָס פרעגט איר“. די צווייטע שיל האָבן זיי גערופן: חברה ג"ח. דאָס הייסט אַ חברה, וועלכע האָט זיך אָפּגעגעבן מיט אנטלייען גמילת־חסדים פאַר אירע מיטגלידער. למשל; אַ סוחר אַ מיטגליד אין דעם פאַריין אַז ס'האָט אים אויסגעפעלט געלט וועגן יריד, האָט ער געבעטן דעם פּרעזידענט און יענער איז געווען אזוי גוט און ער האָט אים נישט אָפּגעזאָגט נאָר ער האָט אים תיכף געגעבן אַ בריוול צום קאַסיר. דער קאַסיר, אַז ער האָט אַזאַ צעטל באַקומען, האָט ער עס געדרייט אין דער האַנט, באַקוקט פון אַלע זייטן, און צום סוף זיך אָנגערופן:

— דער פּרעזידענט, אַז ער האָט געלט זאָל ער געבן, איך האָב נישט. גענוג, וואָס איך שטעק מיט אזוי פיל הונדערטער. — אזוי איינעם, אַ צווייטן, אַ דריטן, ביז מ'האָט אויפגעהערט צו צאָלן חודש געלט, און דער פאַריין איז זיך צופאַלן, אָבער די שיל, עד היום הזה טראָגט זי דעם נאָמען: „חברה ג"ח“.

2.

דער פּריץ האָט זיי פאַרדינגען שטיקער ערד, ווייל ראשית האָט ער געהאַט פונוואַנען. אזוי פיל דערפאַר מיט פּויערים זענען געווען זיינע, האָט ביי אים נישט געשפּילט אַ ראָלע אַ שטיקל ערד. והשנית די ערד אַרום דעם וואַקסנדיקן שטעטל איז סיווויסיי געווען פּוסט און פונעם שטעטל האָט דער פּריץ געהאַט אַ שיינע הכנסה. וואָרעם יידן האָבן קיין רעכט נישט געהאַט צו קויפן ערד, אפילו ווען עמעצער זאָל פאַר אַ יידן שענקען אַ שטיקל ערד, האָט ער דערמיט אויך גאָרנישט געקענט טון, ווייל בויען האָט ער נישט געטאָרט אויף אַזאַ ערד. יידן זענען געווען פרעמדע און אַ פרעמדער טאָר נישט האָבן קיין אייגענע ערד, כאָטש זייערע זיידעס זענען שוין געווען געבוי־ רענע דאָ אין לאַנד האָבן זיי אַלץ געהייסן פרעמדע. פלעגט דער פּריץ פאַרדינגען פאַר די יידן שטיקער ערד פאַר אַ געווינסן יערלעכן אָפּצאָל. דעם דאָזיקן אָפּצאָל האָבן די יידן גערופן:

„בעזמעני“. אַמ דער דאַזיקער בעזמעני איז אריין אין געזעץ. דער פּריץ איז געווען פאַרזאָרגט תמיד מיט קליין געלט, כדי ער זאָל האָבן מיט וואָס צו שפּילן קאָרטן אין מאָנטע קאַרלאָ.

ווי געזאָגט; ווען דאָס שטעטל האָט זיך צעשפּרייט אין דער לענג און אין דער ברייט און דאָס קיזשנערישע שילעכן האָט שוין מער נישט געקענט אריינעמען אין זיך אַזויפיל מענטשן האָבן זיך די באַלעגאָלעס, די שניידערס, די שוסטערס און שפּעטער אויך די גוט אייגעפונדעוועטע, די נעבטיקע שניי־דערס, שוסטערס און באַלעגאָלעס גענומען און האָבן זיך געבויעט עקסטערע שילן. דאַרף מען אָבער נישט מיינען אז אלע זענען אוועק און איבערגעלאָזט אויף הפקר דאָס קיזשנערישע שילעכל. ניין! אסך, גאָר אסך זענען געבליבן און זיך נישט געוואָלט צעשיידן פון דעם שילעכן, וואָס זייערע זיידעס האָבן עס נאָך געבויעט. צווישן די איבערגעבליבענע, איז אויך געווען אלי באַלעגאָלע און נפתלי שוחט וועלכער איז דאָרט געווען דער יאָר הזן און וועלכער פלעגט מיטן קיזשנערישן עולם יעדן שבת נאָכמיטיק לערנען עין־יעקב.

.3

ווען אלי איז אריינגעקומען אין שילעכן, האָט די זון אריינ־געשמיסן גאַנצע זיילן ווייס ליכט. אַט די דאַזיקע זיילן, האָבן אין זיך אריינגעצויגן גאַנצע מחנות פליגעלעך, וועלכע זענען, געבלענדט פון דער שיין ארומגעפלויגן ארויף און אראָפּ נישט קענענדיק זיך ארויסמאַכן פונעם זייל. און די מענטשן, וועלכע דרייען זיך ארום, אָט צעברעכן זיי דעם זייל אָט איז ער צוריק גאַנץ. אלי איז געשטאַנען און געגאַפט. ס'האָט אים פאַרכאַפּט דאָס דאַזיקע בילד פונעם ליכטיקן פאַס מיט די פליגעלעך אינעווייניק. אייגענטלעך איז די זאַך א גרויס הדוש, ווי קומט דאָס צו אזא אלי באַלעגאָלע, צו אזא געפּלאָגטער נשמה, ער זאָל האָבן א חוש און א פארשטענדעניש צו אזעלכע זאַכן פון דער נאַטור, ווי רעגנבויגן אָדער זון זעצן? איז אלי אָבער נישט עפּעס אנ־דערש ווי א גרויס קינד און פּונקט ווי א קינד פּאַטשט מיט די הענטלעך ווען ס'דערזעט עפּעס אזוינס וואָס ס'האָט עס נאָך נישט געזען, אַזוי איז אויך אלי. האָט ער געמעגט קומען פון דער באַן און ווי אזוי מיד ער זאָל נישט געווען זיין, א קליינ־קייט אָפּגעלאָדן און אויפגעלאָדן זעק תבואה, זעק פּאַפּעשויעס,

זיצט ער אויפן זיץ, דרייט מיט דער בייטש, אזוי פון יוצא וועגן ווייל די פערדלעך ווייסן אליין דעם וועג און זיי ווייסן אז נאָך דעם וועג רוען זיי זיך אויס א גאנצע נאכט און דערפאר לויפן זיי ווי די באזעסענע, האָט אָבער אלי דערזען זון זעצן, ווער שמועסט א זון זעצן נאָך א רעגן, איז אלי געווען אויסער זיך. ער האָט געמוזט אָפּשטעלן פערד און וואָגן און קוקן און קוקן און זיך נישט גענוג זאטן קוקנדיק. פארפאלן, אזוי איז אלי, א גרויס קינד! היות און פארגעניגן וועגן א האלבער שעה, האָט אים פארשאפט אזא מין זון פּאנאָראמע. די באלעגאָלעס וועלכע פלעגן אונטערקומען, פלעגן מיט א הוק און א סטוק פון אים חוזקן, שפּעטן, און אים אָנרופן מיט כל־ערליי צו נעמען, איינער, דאכט זיך, אברמצע בורמאן האָט אים נאָך אָנגערופן: „חכם בלילה“, „פילאָזאָף“ און נאָך אנדערע צונעמען, וואָס ס'איז אים נעבעך נישט געקומען אז מ'זאָל אים אזעלכע צונעמען געבן, וואָרעם קענען מיר עמעצן פארביטן, ער זאָל נישט הונגעריק זיין? אָדער האָט מען געקענט פאראיבל האָבן אויף משה יוסלען, קיווע צוואָקס אייניקל, א באוווסטער טפּש. פאר וואָס ער איז א גרויסער מאטעמאטיקער? און נאָך אלס קינד אין שול, האָט ער איבעראשט זיינע לערער מיט זיין שנעלן לייזן די שווערסטע חשבון פּראָבלעמען? ניין! די חברים זיינע, די באלעגאָלעס האָבן גאָר קיין רעכט נישט געהאט. איין גליק, וואָס אלי, האָט זיך קיינמאָל צום הארצן גענומען אזעלכע באליידיקונגען. ער, אלי, פלעגט זיי גאָר אין געדאנק באדויערן, פאר וואָס זיי קענען נישט משיג זיין דאָס שיינקייט פון א זון־זעצן אָדער פון א זון־אויפגיין. פּונקט ווי ס'האָט נישט געקענט פארשטיין משה יוסלס לערער, האָט ער אים דאָס גרויסע היטל זיינס אראָפּגערוקט איבער די אויגן און ציטערנדיק פאר כעס געפרעגט:

— דו, משה יוסל דו, דו אן אייניקל פון א קאָוואל און א זון פון א קאָוואל ווי קומט עס צו דיר? דאָס דאָזיקע וואָס מיר האָבן דאָ געבראכט איז צו ווייזן ווי אומגערעכט זיי זענען געווען, קעגן משה יוסלען און קעגן אלין. משה יוסלס מלמד, האָט געמעגט וויסן, אז דווקא די אָרעמע, דווקא זיי לערנען זיך בעסער ווי נגידישע קינדער און האָט שוין איינער געזאָגט; „גיט אכטונג אויף די קבצנישע קינדער, וואָרעם פון זיי קומען ארויס גרויסע געלערנטע“ און אלי נעבעך, ווער ווייסט נישט, אז דער וואָס לייגט זיך אָן וועטשערע, חלומט פון די בעסטע מאכלים? ס'איז ביטער נאָר, ווען ער כאפּט זיך אויף און

ער זעט, אז ס'איז נישט מער ווי א חלום. אלי האָט געחלומט באַטאָג און ביינאַכט און דאָס איז זיין גליק געווען, ווייל, א שיינע פּאַנאָראַמע פון זון־זעצן אָדער זון־אויפגיין, האָט אים פארשלאָגן דעם געדאַנק פון די אמתע אוןווירקלעכע צרות.

.4

אלי איז געבליבן שטיין אין דער שיל און א היפּשע צייט באַטראַכט דעם וואונדערבאַרן שיינעם זייל און אויסשרייען האָט זיך אים געגלוסט:

העי! איר דאָרט, מיט אייערע קעפּ, זיצט איין אויף א פּלאַץ, איר צעברעכט דאָך אזא שיינעם זייל?! — אלים שמחה, האָט אָבער לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. די זון האָט אליין גענומען זינקען טיפער, טיפער און מיט וויפל נידעריקער זי איז געפאַלן, מיט אזוי פיל איז אליין דער שיינער זייל קלענער געוואָרן, ביז ער האָט זיך גענעבן א שטעל אָפּ אויף דער וואַנט ארום אביסל פּאָוועטינע, ארום געפּלאַטערט ווי א פייגעלע און אויס־געלאָשן געוואָרן.

נפתלי ש.חט איז געזעסן אויבן אָן און פּאָרגעלערנט פאַרן עולם „עין יעקב“. לערנט ער אזוי, אין פאַרדבקהט זיך ביי יעדעס וואָרט:

— „כי לא יחדל אביון מקרב האָרץ“ „וואָרעם ס'זאָל נישט טון מאָן פאַרמיטן ווערן אָן אָרעמאַן פון דעם לאַנד“ — נפתלי שוחט, צעקייעט איטלעכס וואָרט פּאָסמאַקעוועט זיך און זאָגט אזוי:

— אזוי איז שוין די וועלט באַשאַפן געוואָרן. און, — דו מענטש קענסט קעגן דעם גאָרנישט מאַכן; וואָרעם, אזוי ווי ס'מוזן זיין עשירים. אזוי מוזן אויך זיין קבצנים. אָן אָרעמאַן טאָר נישט פאַראיבעל האָבן אויף גאָט: הלמאי איז ער אויך נישט אָן עושר; וואָרעם וואָלט ער באַדאַרפט צו זיין, וואָלט ער עס זיכער געווען, אלא מאי ער איז עס נישט, זעגן מיר דאָך עפּעס יידן, גלויבן מיר באמונה שלימה, אז אזוי איז אָנגעצייכנט געוואָרן פונעם הימל. און, מיט א שמייכעלע גיט ער צו: גיי שלאָג דיך מיט גאָט! אָדער גיי פרעג גאָט קשיות! נאָר וואָדען? — (גיט ער א דריי מיטן גראָבן פינגער) — דער אָרעמאַן דאַרף נישט זיין געפאַלן ביי זיך. דער אָרעמאַן איז א גרעסערער מיוחס פונעם עושר! יאָ, יאָ! א גרעסערער מיוחס!

וואָרעם לאָמיר נאָר זען — (ווידער א דריי מיטן גראָבן פינגער) — דער עושר איז אן עושר. א גאנצע וואָך איז אים דער קאָפּ נאָר ביי די געשעפטן; דאָס דאַווענען, איז קיין דאַווענען נישט, דאָס לערנען איז אויך גאָרנישט, גאָרנישט, גאָרנישט, אָבער להלוטין גאָרנישט. נאָר וואָדען? (א דריי מיטן פינגער) — וואָסזשע קען אים, דעם עושר פונעם גיהנום ראטעווען? וואָסזשע קען אים, דעם עושר, ברענגען צו ירשנען דאָס גן־עדן? — (א שטארקערן דריי מיטן פינגער) — איז דאָך נאָר דאָס ביסעלע צדקה, וואָס ער גיט דעם אָרעמאן! הייננט פרעג איך אייך, — (גאָר א שטארקן דריי מיטן פינגער) — וועׂרזשע טוט א גרעסערע טובה וועמען? דער עושר דעם אָרעמאן, צי דער אָרעמאן דעם עושר? מוז איך דאָך זאָגן, אז דער אָרעמאן טוט א גרויסע טובה דעם עושר, מיט דעם וואָס ער איז מקבל די צדקה פונעם עושר! אָט דאָס מיינט דער פסוק: „כי לא יחדל אביון“ „ס'זאָל נישט אויספעלן קיין אָרעמאן!“ איבער דעם זאָג איך; אז דער אָרעמאן איז א גרעסערער מיוחס פונעם עושר!

פלוצעם, האָט זיך איבערן גאנצן שילעכן צעטראָגן א הויכער אויסגעצויגענער געגעץ. נפתלי איז שטיל געבליבן און דער עולם האָט אויסגעבראָכן אין א הילכיק געלעכטער. צי האָט מען געלאכט פון דעם, וועלכער האָט אזוי אומפארשעמט געגעניצט צי האָט מען מיט דעם לאכן געגעבן אן הסכמה, ווי ווייט ס'האָט דעם עולם אינטערעסירט אזא מין אויסטייטשן פון א פסוק. ווי אזוי ס'זאָל נישט זיין, אלי איז געווען פון די וועלכע באהויפטן, אז איידער אזוי אויסטייטשן א פסוק איז שוין בעסער אז מ'נעמט איין שטימעניש. — הער דו, — האָט זיך אלי די גאנצע צייט פונעם מעריב דאַווענען געקאָכט, הער דו אזוי גאָר אויספייטשן, ס'זאָל אויסקומען פאר זיי, נאָר פאר זיי, אזא צי־גענע באָרד!

.5

אלי איז מיט אן אראָפּגעלאָזענעם קאָפּ ארויס פון דער שיל. ס'האָט אים שטארק באנג געטון פארוואָס ער האָט נעכטן, נעכטן אויפדערנאכט אזוי באליידיקט. פארוואָס, פארוואָס האָט ער עס געטון? פארוואָס האָט ער נישט דערקענט אז זי איז פארביטערט? פארוואָס איז ער צוגעשטאנען, אז זי זאָל אים

שוין ענטפערן ? און אפשר, הא ? — גייט אים דורך א מחשבה — אפשר איז טאקע נישט אזוי קרום, אפשר טאקע אָפּגעבן לייבעלען צו נפתלין? וועט דען נישט פון אים א גרעסערער לייט ווערן, ווי ביי מיר? און אליין נישט אָפּגעבנדיק זיך קיין חשבון וווהין ער גייט, האָט ער מיט אמאָל, זיך דערזען ווי ער שטייט ביי נפתלים שטוב. תחלת האָט ער געהאט בדעה זיך צוריק אומצוקערן, נאָר ווי עפּעס עמעץ וואָלט אים געוועזן געגעבן א שטויס, ווי עפּעס עמעץ וואָלט געוועזן אָנגנומען די האנט זיינע און מיט איר די טיר אויפגעמאכט און ווי עפּעס עמעץ וואָלט פון זיין מויל ארויס־גערעדט :

— א גוטע וואָך !

נפתלי שוחט, האָט נאָר וואָס געמאכט הבדלה, אָפּגעזונגען דעם המבדיל, מיט די אליהוס, איצט איז ער געזעסן איבער א ספרל און שטילערהייט אין זיך אריינגעברומט. לעבן אים אויפן טיש, אויף א קליין פּאָרצעלייען טעלערל, איז געשטאנען א הייסע גלאָז טיי, וועלכעס ער האָט אליין געפּרווט, און די פינגער צוריק געכאפּט. ווייזט אויס אז ס'איז נאָך געוועזן שטארק הייס. פון דער זילבערנער פּושקע, האָט ער ארויסגענומען א שטיקל צוקער, איינגעטונקט אין הייסן טיי, פרום א ברכה געמאכט און א קליין זיפּאלע געגעבן... ווען אלי איז אריינגעקומען, האָט ער דעם קאָפּ נישט אויפגעהויבן ער זאָל נישט דארפן חלילה מפסיק זיין. אויף אליס „א גוטע וואָך“, האָט ער נאָר א קליינעם שאָקל געגעבן מיטן קאָפּ, אזוי, אז מ'האָט נישט געקענט וויסן צי ענטפערט ער אלין אויף זיין „א גוטע וואָך“, אָדער צי איז ער נאָר מסכים מיט דעם וואָס ס'שטייט געשריבן אין ספרל.

ביילצע די שוחטקע, האָט אלין זייער פיין אויפגענומען, אים געבעטן זיצן, זיך נאָכגעפרעגט אויפן ווייב, אויף נעכען, זי גע־לויבט וואָסער באלעבאָסטע זי איז. און צוגעגעבן האָט זי:

— נאָך אלס מיידל, איז זי שוין געוועזן; א רוח, א ברען. וואָס האָסטו דערפון, — האָט ביילצע געשמייכלט — ס'בעסטע עפּעלע, עסט אויף דער חזיר. הא, נישט אזוי אלי? — זיי נישט ברוגז, די וועלט זאָגט עס, נישט איך. — נו, און וואָס טוען עפּעס דיינע שאָלטעקעס? דו האָסט דאָך עפּעס, א גאנץ רעגימענט מיט קינ־דער! — ווי פארגינט זיך דאָס א ייד היינט אין אזעלכע ביטערע יאָרן אָנצופלאָדערן אזויפיל קינדער?

אין אלין האָט עס געבלעזלט, געקאָכט, גלייך מען זאָל אים עמע־צער געוועזן אָפּגיסן מיט א קעסל אָקריפּ, פונעם קאָפּ ביז צו די פיס.. — זי האָט נישט געזאָגט: „קיין עין־הרע“, „קיין בייז אויג“,

האָט ער ביי זיך געטראַכט, אפילו נישט „אויפן שטיין געשריגן“, אזא קו! און, דערמאַנענדיק ער זיך, וואָס ער האָט געהערט, מאַקע פון אים אַליין, פון נפתלי שוחטס מויל: „ווער ס׳האָט מורא פאַר אַן עין־הרע, זאָל ער אַרונטער ביי׳ן דעם גראָבן פינגער אונטערן ווייז־פינגער און ער זאָל אַזוי זאָגן“, וואָס זאָגן, געדענקט אלי נישט, א סברה, אַז ווען מ׳פרעגט אַלין איבער, מאַקע אויפן אָרט, מאַקע תיכף, וואָס נפתלי שוחט האָט דאָרט אָנגע־באָמבעלט, וואָלט ער נישט געווען געוווסט נאָכצוזאָגן. ער גע־דענקט עפּעס, אַז ס׳הויבט זיך אָן מיט; אַנאַ. נעמט ער, און לייגט אַרונטער די האַנט אונטערן טישטוך, און דאָרט מאַכט ער אַ פייג; ער הויבט אָן מיטן וואָרט: „אַנאָ“ און ער לאָזט אויס מיט זיינע אייגענע ווערטער (וואָס ער האָט אַליין פערפאַסט, נישט געהערט פון קיינעם:) „זאָלן אין די אויגן, שפּיז אין האָרץ, אָמן, אָמן, אָמן...

— איך בין געקומען, — זאָגט ער, און בשעת מעשה, טוט ער זיך אַ שמאַרקן צו ביים אויער־לעפּל — איך בין געקומען אייך פאַרקויפן מיין קינד, מיין ליבעלע. ביילצע האָט זיך אויפ־געכאַפּט:

— פאַרקויפן? מיר קויפן דען קינדער? הער דו, א שיינע זאַך!

אלי ,האָט איר געוואָלט עפּעס ענטפערן; ווי למשל, איך בעט אייך, צו וואָס נוצן אייך, די פוילע שטיק? אָדער; גלויבט מיר, שוהטקע, איך בין מאַקע נישט קיין סוחר, אָבער אויף סוחרישע גנבהשע־שטיק, בין איך א מבין. אוי, בין איך א מבין! אַזוי איז ער שוין, אלי. ער קען קיינעמען, איינרעדן אָדער איבערעדן. ווער שמועסט נאָך צו געבן עמעצן א בריסק אין פּנים אריין, אפילו א יונגערן פון זיך, קען ער נישט. אזא נאַטור שוין ביי אים. נאָך עפּעס; אפילו, ווען ער זאָל זיך שוין שמאַרקן און יענעם אריין זאָגן, מאַכן מיט דער בלאָטע, האָט ער מורא, אַז ס׳וועט נישט גוט ארויס קומען, מחמת, ווען ער ווערט אין כעס, שטופּן זיך ביי אים די ווערטער, אָן א שום סדר און דאָס וואָס ער דאַרף זאָגן צום סוף שטופּט זיך דווקא אויף דער צונג פון סאַמע אָנהויב. איבערדעם איצטערט, ווען ער האָט געהערט, די דאָזיקע פאַלשע רייד ארויסקומענדיק פון דער שוחט־קעס מויל, האָט ער זיך געגעבן א שטעל אויף און אויף דער גיך געגעבן א זאָג: „א גוטע וואָך“ און זיך געלאָזט צו דער טיר.

— וואָזסשע, דו גייסט שוין טאַקע? — האָט זיך ביילצע

געגעבן א כאפּ — און איך האָב געמיינט אז דו וועסט טרינקען א גלעזל וואַרעמס!

דאָ מוז געזאָגט ווערן, אז אלי, איז נישט געווען פון די יעניקע, וועלכע זאָלן זיך לאָזן מכבד זיין מיט אן עס, אָדער א טרינק. ער, אפילו ביים בעסטן גוטן ברודער. האָט ער גאָר נישט פארזוכט. וואָרעם ער איז זיך געגאַנגען מיטן דרך: „אז איך קען נישט קיינעמען מכבד זיין, טאָר איך נישט זיך לאָזן מכבד זיין“, אזוי איז געווען נעבע, און אזוי זענען געווען דרעסירט פון קליינערהייט אויך די קינדער. טאָמער האָט זיך עפּעס א באַלעבאָסטע, פארגלוסט און ארייַנגעשטופּט פאר אלים א קינד אין הענטל, האָט ער עס שיין צוריק אנידערגעלייגט אויפן טיש און געזאָגט: איך האָב שוין געגעסן אינדערהיים.

איצט, ווען ביילצע האָט אים געוואָלט מכבד זיין, מיט א גלעזל וואַרעמס, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט, און געענטפערט:

— ניין שוחטקע, איך האָב שוין געטרינקען אינדערהיים. כאָטש, מיר האָבן גאַנץ גוט געזעזן, אז אלי, איז איצט אויפדערנאַכט אפילו נישט געווען אינדערהיים. ער איז גאָר גלייך פון דער שיל, געקומען אהער צו נפתלין. און נאָך מוזן מיר זאָגן, אז אפשר אנאַנדערן, וואָלט אלי נישט אָפּגעזאָגט און, נאָך אזוי פיל בעטן, וואָלט ער זיך אפשר געלאָזט איבעררעדן, אָבער דאָ ביי נפתלין, וועלכן, ער האָט נאָך יענעם פרייטיקצונאַכטס פיינט באַקומען ווי א שפּין, ווער שמועסט נאָך, ווען ער האָט געהערט ווי די גראָבע קו, האָט אפילו נישט געזאָגט: „קיין עין־הרע!“ האָט ער נאָך אמאָל זיך אָנגערופן:

גיין שוחטקע, איך טרינק נישט!

ביילצע, האָט זייער נישט ליב געהאַט, צו הערן דעם נאָמען: „שוחטקע“ די גאַנצע שטאָט האָט געוווסט, אז זי איז נישט גערן דעם דאָזיקן נאָמען. ער, אלי, האָט אויך גאַנץ גוט גע־וווסט דערפון, דאָך האָט ער ווי אויף־להכעיס, זי אָנגערופן ביי איר פערהאַסטן נאָמען. ביילצע האָט געוואָלט אלין אויפמערק־זאַם מאַכן דאַרויף, נאָר ס'האָט איר נישט געפּאַסט, האָט זי זיך אָנגערופן:

עהע, אלי, ווען מיין נפתלי זאָל ארויסקוקן גאָר אויפן הלפּל, וואָלט איך בלאָ באַשטאַנען. — אלי האָט זיך אָבער אלץ נישט ווייסנדיק געמאַכט צי האָט ער טאַקע נישט פארשטאַנען, וואָס ביילצע איז אויסן, און ער האָט איר ווייטער געזאָגט, שוין שמייענדיק כמעט ביי דער טיר:

— א גוטע וואָך שוחטקע:

ביילצע איז אריין אין כעס, נאָר נישט קענענדיק אויסלאָזן איר צאָרן אויף אלין, ווייל נאָך זיין פארשטאנד האָט ער דאָך זי מיט גאָרנישט באליידיקט, איז זי אָנגעפאלן אויף נפתלין:

מען זאָגט דאָך דיר עפּעס א גוטע נאכט! מאלע, אז א מענטש איז פארטיפט, דארף מען שוין נישט זען, דארף מען שוין נישט הערן גאָרנישט וואָס ס'טוט זיך אין שטוב? מעג זיך שוין די שטוב איבערקערן מיטן קאָפּ אראָפּ און מיט די פיס ארויף? גייט דיך גאָרנישט אָן?

ערשט איצט, האָט זיך נפתלי ווי פון א טיפן שלאָף איזדרע-כעט, ער האָט פרום א קוש געגעבן דעם ספר, פארבויגן א בלעטל, אויסגעשטרעקט די האנט צו אלין, און זיך אָנגערופן מיט א וואָרט, וואָס ס'האָט א ב ס אָ ל ו ט קיין שיכות נישט געהאט מיטן שמועס, וואָס ס'איז דאָ מיט עטלעכע מינוט פריער גע-שמועסט געוואָרן. אזא טבע, שוין ביי נפתלין, ווען ער זעט, אז דאָס וואָס ער וויל דורכפירן, גייט נישט אזוי גיך, הייבט ער אָן צו ריידן פון אנדערע זאכן, כדי דעם בעל-דבר צו ווייזן, אז ער איז אין יענער זאך, נישט אזוי ווייט אריינגעטון, אז ער קען זיך גאָר אָן יענער זאך איינגאנצן באגיין, און אז יענער פארשטייט נישט, וואָס פאר א גרויסע טובה, ער, נפתלי טוט מיט אים, דארף מען נישט, אים פעלט עס נישט אין טאָפּ אריין. דער דאָזיקער פרעמדער שמועס, גייט אזוי לאנג אָן, ביז יענער כאַפּט זיך ארויס מיט עפּעס א וואָרט, וועלכעס יענער קען שוין נישט צוריקרופן, ערשט דעמלט גייט דאָס געשעפט ווי א מזמור. אָט דעם דאָזיקן סיסטעם, פון ריידן און פארריידן, פלעגט נפתלי אָנצורופן: „ארומשמעקן“ „ארומטאפּן“. און אזוי פלעגט זיך נפתלי צו באַרומען: א סוחר, אז ער קען נישט, אז ער ווייסט נישט, וויאזוי ארויסצוציען פונעם קונה אָדער פונעם מוכר, דאָס וואָס ער באדארף, דער איז להלוטין קיין סוחר נישט.

דאָסזעלבע האָט נפתלי, געטון אויך מיט אלין. ער זאָל אים גלייך אויפן אָרט זאָגן: (פארקויף) מיר איינס פון דיינע קינ-דער! איז עפּעס פּריקרע, וויאזוי פארקויפט זיך דאָס א טאטע אָן אייגן קינד? איי, צו וואָס איז אלי געקומען, אויב ער האָט נישט בדעה געהאט צו פארקויפן לייבעלען, פון דעם קענען מיר נאָך גאָרנישט דרינגען. זיינע צרות, זיין ביטער מזל האָט אים דערצו געשטופּט. און, ס'קען זיין אז צו אלעם לעצט, וואָלט אלי, זיך נאָך די זאך גוט איבערגעלייגט. איבערדעם, האָט נפתלי אָנגעווענדט ביי אלין זיין אויסגעפּרוווטן וועג און מיר

זעען מאקע אז ס'איז אים געלונגען. נפתלי האָט דערציילט אלין פאר־שידענע פאנטאסטישע מעשיות, און צווישן אנדערע האָט ער אים דערציילט: אז ערגעץ ווייט ווייט, הינטער די הרי־חשך געפונט זיך א לאנד, וואָס ס'הייסט ניפאָן און דאָס פאָלק פון דאָרט ווערט אָנגערופן יאפאנער. אויף די דאָזיקע יאפאָנטשיקלעך, ווערט געזאָגט אין די הייליקע ספרים, אז זיי שטאמען ארויס פון די עשרת השבטים, דאָס הייסט פון די צען שבטים, וואָס זענען געזעסן אין ארץ־ישראל. זיי זענען געוועזן יידן, מאכט ער צו אים, פונקט, אזוי ווי איך, אזוי ווי דו. דאָס האָט זיך געטראָפן, ווען דאָס ערשטע בית־המקדש איז נאָך געשטאנען, איז געקומען סנחריב, דער מלך פון אשור, און ער האָט זיי פארטריבן פונקט הינטער די הרי־חשך. און דאָס זענען זיי, די היינטיקע יאפאָנטשיק־לעך, די געוועזענע יידן. אָט די יאפאָנטשיקלעך, זענען זייער א שטארק פאָלק, און זייער מלך, „דער מיקאדאָ" רופט מען אים איז אויך זייער א שטארקער און אז דער דאָזיקער שטארקער מלך, מיט דעם דאָזיקן שטארקן פאָלק, וועלן פירן מלחמה מיטן צאר, און מיטן תוגר. דעמלט וועלן עזאל מיט שטאל די צוויי שרים פונעם תוגר און פון אדום מלחמה האלטן צווישן זיך און ס'וועט אויף זיי אָנפאלן משיח בן יוסף און ער וועט ביי זיי צונעמען זייערע מלוכות און ער וועט רעגירן פון איין עק וועלט ביז צו דער אנדערער, ניינציק טאָג, און דעמלט וועט ער אויך פאלן, און זיין מלוכה וועט אָפגעטון ווערן, ביז גאָט וועט זיך מרחם זיין און ער וועט שיקן אונדז משיח בן דוד. ביז דעמלט, זאָגט זיך אין די הייליקע ספרים, טאָר מען נישט אליין גיין קיין ארץ־ישראל, נייערט מען דארף ווארטן און האָפן אויף משיחן. און נאָך האָט נפתלי אים דערציילט: אז די ענגלענדער זענען משה רבינוס אייניקלעך, און אז ס'האָט זיך באוויזן עפעס איינער א דאָקטער, וועלכער וויל אָפקויפן פונעם טערק גאנץ ארץ־ישראל און גוטע יידן, רבים, מאכן חוזק פון אָט דעם דאָקטער מיט דער לאנגער באָרד, וועלכער וויל ווערן משיח. און ארויסנעמען די יידן פונעם גלות.

אָט אזעלכע מעשיות, און ענלעכע צו זיי, האָט נפתלי דער־ציילט אלין. איינע, פאנטאסטישער פון דער אנדערער. און, אזוי ווי מיר קענען אליס כאראקטער, האָבן די דאָזיקע מעשיות אויף אים אזוי שטארק געווירקט, אז ער האָט אזש נישט געוווּסט אויף וואָס פאר א וועלט ער איז. די געבליטן האָבן זיך ביי אים צעשפילט, און ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אז ער גייט אינאיינעם מיט משיח בן יוסף, מיטן מיקאדאָ, מיט די ענגלענדער, און

מיטן דאָקטער וואָס מיט דער לאַנגער באָרד... און, אַזוי ווי א קרעטשמער א גנב מוט איינעם פארשכורן, און נארט ביי אים אויס דאָס געלט, אַזוי האָט נפתלי פארשכורט אליין מיט זיינע פאַנטאַסטישע מעשיות.

ביילצע, איז שוין פון לאַנג זיך געגאַנגען לייגן שלאָפן. ס'איז שוין שפּעט אין דער נאַכט. אלי טרינקט, קודם טיי און דערנאָך איז אים נפתלי מכבד מיט וויין, טרינקט ער איין גלאָז נאָכן אנדערן און, לחיים, און לחיים טובים ולשלום. וועסט זען אלי, איך וועל אים האלטן ווי מיין אייגן קינד. איך וועל אים לאָזן לערנען. האר, וועסטו זען!

ביים געזעגנען, האָט נפתלי, געשטופּט אליין אין דער האַנט אריין, געלט זאָגנדיק:

— מיין נישט אלי, אז דאָס גיב איך דיר פאר ליבעלען! חלילה! דאָס גיב איך דיר פאר הצלחה! און צום סוף האָט ער צוגעגעבן: — אָבער דו שיקסט מיר מאָרגן דאָס קינד? איאָ?

קאפּיטל ו

ר' יעקעלע ריישמאַן אין דער יידישער פּריץ מאַטיע שיף

ר' יעקעלע ריישמאַן איז געווען זייער א גאַטס־פּאַרכטיקער, דהיינו ער פלעגט נישט ארויסלאָזן גאָר נישט וואָס ס'שטייט געשריבן אין דער תורה און אינעם שלחן־ערוך. ביי אים אינדער־וואָכן איז צום עסן דער טיש געגרייט געווען נאָר אויף דער העלפט, כדי ס'זאָל א חלוק זיין פון שבת ביז אינדערוואָכן. אז ער פלעג גיין אויף דער גאס, האָט ער דעם קאָפּ געהאלטן אראָפּ־געלאָזט, ער זאָל חלילה נישט אוועקשטויסן די טריט פון דער שכינה. דערצו איז ער נאָך געווען א גרויסער געלערנטער. אויף אים האָט מען געזאָגט, אז סיי ווען ער זאָל נאָר וועלן קאָן ער ווערן רב אין סיי וועלכער גרויסער שטאָט. גרויסע רבנים פון גרויסע שטעט, פלעגן פאר אים ציטערן, מחמת ער האָט זיי אלע פארשטעקט אין גארטל פון זיין קאפּאָטע. פון רבנות אָבער האָט רב יעקעלע ריישמאַן נישט געוואָלט הערן. ער האָט געהאט א וואָרט מיט וועלכן ער פלעג זיך תמיד באנוצן, אָט דאָס דאָזיקע ווערטל זיינס, פלעגט שלאבעריק צו מאכן אלע די, וועלכע פלעגן אים צוריידן צו רבנות:

— אהוב את המלאכה ושנאָ את הרבנות — פלעגט ער צו זאָגן. דאָס הייסט; — האָב ליב צו טון א מלאכה, און האָב פיינט צו זיין א רבי — א פּרעמדער, וועלכער קען נישט, רב יעקלען און הערט פון אים אזעלכע ווערטער, וואָלט ער נאָך געקענט מיינען אז דער דאָזיקער מענטש, איז טאקע א באלמעלאָכע א שוסטער, א שניידער, אָדער אפשר אפילו א קאָוואל. וואָסזשע?

— ווערט זיך דער מענטש, טראכטן; ס'שטייט אים נישט אָן? ס'פּאסט אים אפשר נישט? זענען דען נישט געווען אסך פון

די, ווערטער ווערטער ער לערנט הײנט פֿון דער גמרא ארויס; זענען זײ דען נישט געווען באַלמעלאָכעס? איז רבי יוחנן הסנדלר נישט געווען א פּשוטער שוסטער? אָדער דער, וועלכער האָט געהאט דאָס עזות און צו ווארפֿן רבן גמליאלן אין פּנים ארײן „אוי לו לדור שאתה מנהיגו“, דאָס הײסט: „אַז וויי איז צו דעם דור וואָס דו ביסט זײן אָנפֿירער!“ איז עס נישט געווען אן אנ־דערער ווי נאָר רב יצחק נפּהא? א פּשוטער קאָוואַל? — דער פֿרעמדער אָבער אז ער וועט האָבן די געלעגנהײט און בעסער קענען רב יעקלען וועט ער פֿון אים דערפֿירן א נײעס. רב יעקעלע רײשמאַן, האָט אין דעם ענין, גאָר אן אנדערן דרך. בײ אים קומט אויס; — ס'איז אפֿילו אביסל ווילד — אז א באַלמעלאָכע איז נישט דווקא א שוסטער, א שנײדער וכדומה; נאָך זײן אויפֿפֿא־סונג איז; אז א סוחר וועלכער שטײט אין קלײט, אפֿילו א סוחר פֿון וועלדער, פֿון תבואות, אלע זענען זײ, נאָך זײן שכל נאָך באַלמעלאָכעס. ס'קומט אויס אפֿילו אביסל דאָסיק, נאָר אזוי איז שוין זײן מײנונג איבער מלאכה. שפּארן זיך מיט אים, לוינט נישט, ווײל וועט ער זיך שפּארן מיט א ייד אן עושר און דערצו נאָך א גרויסער געלערנטער, וועלכער קען ווערן, סײ ווו רב?

רב יעקעלע רײשמאַן, איז בײ זיך שטארק שטאָלץ געווען, נישט הלילה אויף געלט. — עט! פֿלעג ער צו זאָגן — וואָס איז געלט? גאָרנישט! בלאָטע שבבלאָטע! — איבערדעם הײסט דאָך עס „זוזי“, ווײל ס'רוקט זיך, הײנט בײ מיר, מאָרגן בײ דיר! — כאָטש, ווער ס'האָט אים געקענט, האָט ער געזען, אז רב יעקעלע האָט דאָס געלט שטארק האָלד געהאט און עס צוגע־האלטן ממש מיט די צײן. און אז מ'האָט אים געגעבן אן עליה, פֿלעגט ער נישט געלט, נאָר „נרות“, דאָס הײסט: „ליכט“ מנדר זײן אין שיל ארײן. און, מיט א גראָשנדיק ליכטל, וואָס ער פֿלעגט אָנצינדן מאָנטיק אָדער דאָנערשטיק בײם עמוד, איז ער אָפּגע־קומען דעם נדר. דאָך איז ער געווען שטאָלץ. ממש גאווה, וועלכעס א פֿרומער ייד טאָר נישט האָבן, סײדן נאָר עפּעס, אן אכטל פֿון אן אכטל. ער איז געווען גאווהדיק אויף זײן קענען תורה לערנען. און יעדער, א רב, א שוחט וועלכער האָט געזאָגט; אזוי און אזוי, האָט ער געזאָגט קאפּויער. טאָמער האָט אָבער א שוחט, א רב, אויפֿגעוויזן, אז ס'איז נישט אזוי, האָט ער אים געמאכט מיט דער בלאָטע און אים אָנגערופֿן מיט אלערלײ זידל נעמען ווי: „גראָבער יונג“ „עם הארץ?“ און דערגלײכן. געזאָגט האָט ער אָבער: אז ס'גײט אים נישט אום זײן כבוד: וואָרעם, וואָס איז דען אומשטײנס געזאָגט דער מענטש; „היום

כאן ומחר בקבר" דאָס הייסט: „היינט איז ער דאָ, און מאָרגן אין קבר". דאַרף דער מענטש שטאָלץ זיין? נאָר וואָדען? דער כבוד פון דער תורה! — פארן כבוד פון דער תורה!

.2

אין זיין יוגנט, איז רב יעקעלע ריישמאַן געווען גאָר א גרויסער סוחר. געהאַנדעלט מיט וועלדער, געהאַקט אליין וועלדער און פּלוטעס געלאָזט אויפן וואסער און דורכדעם געהאַט פארבינדונג אזש מיט דאנציג. צום סוף אָבער האָט ער זיך אָפּגעלאָזט פון אלערליי מסחרים און געבליבן ביי איין מסחר: פּראָדוקטן.

— צו פיל פּזור הנפש — האָט ער געזאָגט — צו פיל צעשפּרייט און צעזייט! נישט פאר אים! צו פיל ריזיקע! — אנדערש איז מיט פּראָדוקטן, דאָס איז נישט געפלויגן אין די הימלען אריין און מ'שלעפּט א ברויט! געזאָגט אָבער, האָט מען אויף אים, אז פון דעם מסחר, איז ער ערשט געוואָרן רייך ווי קרח.

ביי דעם דאָזיקן מסחר פון פּראָדוקטן, האָט זיך רב יעקעלע אזוי אויפגעפירט: פּורים-צייט, ווען דער פרילינג הויבט אָן צו שפּאַגען מיט גרויסע טריט און פארקערט דער ווינטער גייט אוועק מיט קליינע טריטעלעך. דעמלט, ווען דער הימל, אַט איז ער לויטער אָן א שום שפּרענקעלע. אַט פארדעקט ער זיך מיט גרויסע גראָבע כמארעס. דעמלט ווארפן אָפּ די שאָף קליינע ציטעריקע לעמעלעך. און פון דעם, וואָס די שאָף לעקן זיי ארום מיט זייערע שאָרסטקע צינגלעך באקומען זיך די פּעלעכלעך גלאַנציק און קרויזיק. אַט אזא לעמעלע, אז מ'קוילעט עס צו דער צייט, בלייבן אזוי די הערעלעך קרויזיק ווי פּאהלעך געקרייזעלטע און ס'באקומט זיך א שיינער פרייז. די דאָזיקע צייט האָט רב יעקעלע דערשמעקט פונדערווייטנס, אזש פונעם שטעטל. גאַנץ קאַיאָר איז ער שוין געווען אין נאָענטסטן דאָרף, אָנגעקלאַפּט ביי א באקאנטן פּויער, א בעל-גוף, א גוטער ברודער. דער פּויער האָט זיך ברייט געעפנט און רב יעקעלע ריישמאַן איז זיך ברייטלעך אריינגעפאָרן מיטן ברישקעלע אין הויף אריין. דער דאָזיקער פּויער, טודאָר, פלעגט לעבן אים ארומטאַנצן; באַלעבאָס אראָפּ, באַלעבאָס ארויף, געהאָלפן אים אויסטון די ברייטע געפיטערטע שאָפּן-פּעלץ, צוגערוקט אים א קליין נידעריק בענקעלע צום אויוון. און ווען דאָס פייער ביי וועלכן ער האָט זיך געוואַרעמט, איז אים אריין אין די ביינער, האָט ער זיך גענומען פּאַוואָליענקע אויספרעגן טודאָרן; וואָס ס'הערט זיך, וויאזוי דער, אָדער יענער

פויער שטייט, און צי מעג מען אים געטרויען וויפל ער וועט וועלן און צי מעג מען געבן דומיטרו אווערדאניע א גאנצן צוואנציקער. און צי וואסילע לוי אקסעניע טרינקט נאָך. אזוי ריידן און שמועסן, ביז ס'איז גוט טאָג געוואָרן. די פויערים, געוויר ווערנדיק אז יאנקו זשידאנו, איז געקומען, זענען זיי געקומען, און אָנגעהויבן צו האנדלען מיט רב יעקעלע ריישמאן, געוואָלט ביי אים אויסנארן וואָס מערער געלט אויפן סמך פון די געמעלקן, אויפן סמך פון אזוי פיל און אזוי פיל ברינדזע, אורדע, פעלעכלער און אויפן סמך פון אזוי פיל און אזוי פיל בוטיקלער פלייש. ביי ר' יעקעלן אָבער, איז דאָס עסק צו געגאנגען שווער, נישט אזוי לייכט האָט ער ארויסגענומען און געגעבן. ער האָט זיך געמוזט באוואָרענען פארדינסט און דאָס אסך פארדינסט. דער רייווח זאָל כאָטש זיין צוויי מאָל אזוי פיל וויפל דער קרן. אנדערש, וואָס פאר א באלמעלאָכע בין איך? ער האָט זיך געדונגען, די פויערים, האָבן געליארעמט און געפילדערט, אים אָנגערופן מיט אלערליי נעמען, זיי האָבן זיך אָבער באלד איבערגעבעטן און גענומען וויפל ער האָט געזאָגט ס'ערשטע מאָל, וואָרעם יאנקו זשידאנו, האָט א הייליקן יאָ, מיט נאָך מער א הייליקן ניין. אזוי פלעגט איינריידן, טודאָר קרעצולעסקו, דער פויער, דער בעל=גוף, פאר די מיטלמעסיקע פויערים, וועלכע פארמאָגן צו עטלעכע שעפעלער.

.3

פון דעם אינדערפריענדיקן שמועס, וואָס ער האָט געפירט מיט טודאָרן, כאָטש נישט אויפגעשריבן, האָט ר' יעקעלע געוווסט ווען ער מעג יאָ און ווען נישט א גרעסערע סומע געטרויען. און, אז ער איז געקומען איבער איינעם, אויף וועלכן טודאָר האָט געהאט א השד, געדרייט מיט דער נאָז, האָט ר' יעקעלע, מיט זיין גמרא קעפל, אויף וועלכן ער איז אזוי שטאָלץ געווען, האָט ער געוווסט אזוי גוט זיך צו באוואָרענען, אז ס'איז נישט מעגלעך געווען אז יענער זאָל אים אָנזעצן.

אָט אזוי, פלעג ר' יעקעלע טון אין זיין מלאכה ביז מיטיק צייט. ערשט דעמאָלט, זיך אויפגעהויבן פונעם בענקל, זיך פויל אויסגעצויגן און טודאָר האָט אים ארייננגעפירט אין אן עקסטער צימער, ווו ער האָט דאָרט פונעם קלומעקל ארויסגענומען זיין טלית און תפילין און זיך געשטעלט דאווענען. דאָס דאווענען דאָ, ביים פויער האָט אסך ווייניקער גערויערט ווי אינדערהיים.

ראשית, אונטערוועגנס, ווייסט ר׳ יעקעלע, איז געגוג א תפלה־קצרה, דאָס הייסט א קורצע תפלה, נישטאָ קיין צייט, דער טאָג שטייט נישט. און והשנית, האָט ער נאָך אויפן בריטשקעלע זיצנדיק, באַוויזן פונעם שטעטל ביז צום דאָרף צו זאָגן אָט די אלע קליינינקייטן פונעם דאַווענען, וועלכע מ׳קען זיי זאָגן אפילו אָן טלית און תפילין.

נאָכן דאַווענען האָט אויף אים שוין געוואַרט, פאַרשאַרט אין פרישיק הייסע געבראָטענע קאַרטאָפל, וועלכע ער פלעגט מיט גרויס חשק עסן, בריענדיק דאַבאַי די צונג, די ליפּן, וואַרפנדיק מיט גרויס בריהשקייט די הייסע שטיקער קאַרטאָפל פון איין באַק צו דער אַנדערער און בשעת מעשה ריידן און זיך דינגען מיט די פּויערים, וועלכע האָבן שוין אויף אים געוואַרט.

אָט אַזוי איז אָנגעגאַנגען, דאָס דינגעניש, דער ליאַרם און געפּילדער ביז שפּעט נאָכמיטיק, געגעבן ׳געלט, וועגן געמעלק פון א גאַנצן זומער, א האַלבן זומער, פון די געמעלקן פון אינדערפרי, אָדער פון נאָך אויפדערנאַכט. און ביי ווענען ער האָט זיך אויס־געגומען אַז פון ביידע געמעלקן. און ס׳איז געשען אַז מיטן מיטל־פּויער, וועלכער האָט ווייניקער געלט געליגן, פון דעם האָט דווקא ר׳ יעקל געמאָנט, מערער און מערער, פאַר וואָס אַזוי? האָט ער אין א געשפּרעך מיט טודאָרן, אַזוי געזאָגט:

— ווייס איך דען נישט, אַז ער וועט מערער נישט געבן? נאָר זאָל ער וויסן, זאָל זיך אים אויסדאַכטן אַז ער נאַרט מיך אָפּ. זאָל איך זיכערער זיין מיט דעם וואָס מיר קומט. די פּויערים אָבער, האָבן נישט געקענט וויסן פון זיינע מחשבות, טודאָר, דער שותף און דער בעל־סוד, האָט זיי אויך נישט אויסגעזאָגט, האָבן זיי זיך געקראַצט אין די קעפּ, ווייט אויסגעשפּיגן און געשאָלטן. מאַכט זיך אַמאָל; א פּויער, וועלכער האָט זיך געפילט געקריוו־דעט, פונעם אופן וויאַזוי דער זשידאַנו יאַנקו האָט אים טראַ־מירט, הן וויפל געלט ער האָט אים געגעבן הן מיט וויפל, דער פּויער האָט זיך מתהיים געווען, ר׳ יעקלען צו געבן הערבסט־צייט האָט ער ר׳ יעקלען, מיט א האַק אין דער האַנט, אָפּגע־טשאַטעוועט אויפן וועג. פינצטערע אויפדערנאַכטן, אַזוי ווי ס׳איז פּורים־צייט, די לבנה נאָר וואָס אויפגעגאַנגען, אָבער פאַר־דעקט מיט געדיכטע שוואַרצע כמאַרעס. נאָך א מינוט און דער געקריוודעטער פּויער וואָלט אליין געווען דעם אורטייל איבער ר׳ יעקלען געגעבן. האָט אָבער ר׳ יעקעלע מער מזל ווי יאָרן, די דאָזיקע ווערטער האָט ער אליין געזאָגט, אויף זיין מזל, איז אין דערזעלבער רגע אַרויס די לבנה. ר׳ יעקעלע האָט אויף אַמאָל

אָפּגעשטעלט דאָס פערד, אזוי שטארק, האָט ער די וואשקעס איינגעצויגן, אזש דאָס פערד האָט זיך געשטעלט דובאָם. ר׳ יעקעלע האָט זיך ווייניק וואָס איבערגעשראָקן פאר אזוי וואַס. ראשית, כאָטש ער איז א דאר יידל געוועז, איז ער אָבער געוועז אָנגעגאָסן מיט גבורה. אין זיין יונגט, ווען ער איז נאָך א בחור געוועז, אז, אויב ער האָט איינעם ביי דער האנט א קוועטש געגעבן, האָט זיך יענער איגדרייען געבויגן, והשנית, איז ער פאר היימלעכקייט קיינמאָל אליין געפאָרן. אים האָט תמיד מוראָ באגלייט א היפש שטיק וועג, אָדער אן אנדערער בעל-גוף א געשווירענער גוטער ברודער... אין איין אויגנבליק איז דער פויער ווי א געבונדענע שאָף אין וועגעלע געלעגן און אין יענער נאכט האָט ער איבערגענעכטיקט ביים שעף פון די זשאנדארן, וועלכער איז געוועז מיט לייב און לעבן איבערגעגעבן סיי טודאָרן, סיי ר׳ יעקלען.

.4

שרהצע, זיין ווייב, ווען זי האָט געהערט, וואָס ער האָט פאסירט, האָט זי צו אים געטענהעט:

— ס׳טייטש, וויאזוי נעמט א ייד און טוט אזוי וואָס? וויאזוי שטעלט איין א ייד א חבם, אי זיין, אי איר לעבן. און איבער וואָס? איבער נאָך א געמעלק, איבער נאָך א פעלעבעל אָדער איבער נאָך א בוטיקל פלייש. א שיינע ריינע כפרה! איך דארף עס נישט האָבן. דאָס גאנצע מסחר מיט פראָדוקטן דארף איך אויף תשעה נייניק כפרות! צו וואָס? צו ווען? איינשטעלן זיך דאָס לעבן!?

ר׳ יעקעלע האָט איר אין גוטן מוט אויסגערעדט, און איר אויפגעוויזן אז זי ווייסט נישט וואָס זי רעדט, וואָרעם, וואָס זאָל ער טון, אז דער דאָזיקער פראַנק איז דאָך פאָרט דער סאמע כשרסטער פראנק! און היינט, פארוואָס בארעכנט זי נישט אז כמעט פון פאר פסח ביז העט נאָך שבועות, נישט נאָר זיי אליין עסן אומזיסט פלייש, נאָר זיי פארקויפן אויך פאר שכנים. דאָס איז דאָך א ריינער כשרער פראנק! און היינט ווי זענען די הינטערשטע פריידיקלעך, די זיסע קאשן, די ווייניקלעכע אורדעס! פון די פעלעכלעך אליין נעם איך דאָך ארויס דאָס גאנצע געלט וואָס איך האָב ארייגעלייגט. ס׳איבעריקע איז דאָך געבעך ריינער כשרער פארדינסט, ריינער רווח! נאָר וואָדען? — האָט ער גענדיקט — מענו את בעירכם! ווייסט

די טייטש דערפון? גיי טענה דיך אוים מיט א בהמה! און כדי נישט צו דערצערענען זיין שרהצע, האָט ער צו געגעבן: „גיי טענה דיך אוים מיט א קעלבעלע ווי דו ביסט". אזא וואָרט, האָט געמאכט, אז שרהצעס פּנים איז אויפגעלויכטן געוואָרן און מיט א פרייליכער געמיט זיך גענומען צו די שטוביקע ארבעטן, וויסנדיק, אז איר בער חלשט נאָך אירע טריט. אז ער, יעקעלע וועלכער איז אזוי שטארק גוט אָנגעזען אין דער גאנצער וועלט, צווישן אלע רבנים. געלערנטע לייט, ער, וועלכער קען סיי ווען ווערן דער גרעסטער רב אין דער גרעסטער שטאָט, אָט, דער, איז איר מאן און, זי האלט אים היגטערן פאנטאָפּל! דער דאָזיקער געפיל, האָט איר אזוי פארדרייט דעם קאָפּ, איר אזוי אָנגעפולט דאָס הארץ מיט שטאָלץ, אז זי האָט אזש פארגעסן וועמעס ווייב זי איז, אז ר' יעקעלעס ווייב, טאָר זיך נישט נעמען פון דער העלער הויט זינגען, וואָרעם זינגען פאסט נישט פאר א יידישער טאָכטער. אזוי האָט מיט איר איר מאן געלערנט. וואָסזשע האָט זי געזאָלט טון אז דאָס הארץ איז דאָך פאָרט ביי איר געווען פול? איז אריינגייענדיק אין אלקער, האָט זי זיך פארגעסן, און גענומען זינגען. אָבער א זינגען, מיט געפיל און מיט א ברען. און א קול ביי שרהצען איז געווען א סאמעטנס, א זיידנס, אָנגעפולט מיט זילבערנע גלעקעלעך. ר' יעקעלע איז א רגע געבליבן שטיין, דאכט זיך, אז ס'האָט אים שטארק הנאה געטון, די הנאה האָט אָבער נישט געדויערט מער ווי איין אויגנבליק. א באַלד האָט זיך ביי אים דער שטערן געקנייטשט און אויפמאכנדיק די טיר, האָט ער אריינגעשריגן:

— שרהצע, האָסט פארגעסן, אז א הין אז זי נעמט זיך קרייען פירט מען זי צום שוחט?

אָט דעם דאָזיקן פּרט, האָמיר געפונען פאר נויטיק צו צוגעבן, כדי מ'זאָל זען, ווי ווייט פרום, ווי ווייט גאָטס-פאָרכטיק ר' יעקעלע איז געווען, נישט נאָר, וואָס זיין ווייב האָט נישט געזינגען פאר פרעמדע אויערן, פרעמדע מענטשן זאָלן הערן, וואָס דאָס איז דאָך אוודאי פארבאָטן לויטן יידישן דין, נאָר זיין אייגן אויער, איז אזוי ווי אָפּגעבריט געוואָרן, ווען ער האָט דערהערט זיין שרהצען זינגען...

א דאָס איז געווען צוריק מיט יאָרן, ווען ר' יעקעלע איז געשטאנען אין די מיטלע יאָרן, ווען ער האָט זיך אָפּגעלאָזט פון אלע געשעפטן און געבליבן נאָר ביי פּראָדוקטן און גע-זאָגט האָט מען אויף אים, אז פון פּראָדוקטן, האָט ער אָנגע-

שארט גרידעס מיט נאָלד, אז ער האָט אליין נישט געוווסט וויפל ער פארמאָגט. נעמיינט האָט מען אז ר׳ יעקעלע וועט זיך שוין אזוי אויסלעבן די יאָרן זיינע, מיט פראָדוקטן און קיין אנדערע מלאכה וועט ער שוין נישט טון, איז אָבער דאָ א ווערטל: „אז ס׳גייט איינעם גוט, גלוסט זיך אים אויפן אייז צו גלימשן!“ ר׳ יעקלען האָט זיך פארגלוסט זיך א טשעפּע צו טון מיט מאָטיע שיף. איינגעטלער האָט נישט ער געטשעפּעט, ס׳איז געווען פארקערט, מאָטיע שיף האָט זיך דווקא אָן אים אָנגעטשעפּעט. ער האָט אָבער פארגעסן, ווער ער איז און ווער ס׳איז מאָטיע שיף. קען זיין, אז ווען מ׳זאָל געווען איבערציילן וועמענס קעשענע ס׳איז פולער, וואָלט מען ר׳ יעקעלעס קעשענע געטראָפן פולער. נאָר אזוי ווי ר׳ יעקעלע איז געווען א גאָטס־פורכטיקער האָט ער מורא געהאט פאר אן עין־הרע מחמת דעם האָט ער קיינמאָל געגארט צו וויסן יענעמס, כדיי מ׳זאָל נישט דארפן ארייננקוקן אין זיינער, אין, זיין בייטל, הייסט עס.

ס׳איז אָבער נישט געווען אזוי, ער האָט טאַקע נישט גע־וואָלט, אז עמעץ זאָל אן עין־הרע ארייננברענגען אין זיין געלט. האָט אָבער געגלוסט צו זיין געלט אן אנדערער. און דער איז געווען דער גוט־ארענדאטער מאָטיע שיף. איינגעטלער האָט ער נישט געגלוסט צו זיין געלט, ער האָט עס נאָר דעמלט געדארפט נויטיק האָבן. דאָס איז געווען אין די צייטן, ווען אויף זיין קאָפּ איז אויפגעשטאנען, א גרויסער קאָנקורענט, וועלכער האָט זיך מיט אים קאָנקורירט און יעדעס יאָר געקומען און מוסף געווען דעם פּריץ און געוואָלט ביי אים אויסדינגען זיין גוט וועלכעס ער האָט שוין געהאלטן פון אזוי פיל יאָרן אין ארענדע. מאנרעב יוסטי איז געווען דער קאָנקורענט. שיף האָט געוווסט, אז א״ב ער וועט נישט זען צו באקומען פון ערגעץ דעם מיליאָן ליי, וועט ער מוזן ארויס פון אזעלכע צוויי דערפער „סטריציע“ און „הונגעריק“ וועלכע זענען געווען איין גוט, און געהערט צו איין פּריץ. כאָטש מיר וויסן נאָך פון די פריעריקע קאפּיטלעך, אז א יידן איז געווען פארבאָטן צו האָבן ערד. דאָס געזעץ איז אָבער נישט געווען פאר אזעלכע יידן, וועלכע פירן זיך א״יף ווי פּריצים, גייען, שטייען, ריידן, עסן און בכלל אלע זייערע פּאָסטעמקעס זענען פּריצעשע און אויף זייערע הונדערטער און הונדערטער העקטאר פעלד, כאָטש אפילו געדונגענע ביים פּריץ. ארבעטן און ארבעטן אָן אן אויפהער טויזנטער און טויזענטער פּויערים. ניין, פאר זיי איז דאָס

דאָזיקע געזעץ נישט גילטיק געווען... איז, ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, האָט שיף זיך דעמלט זייער שטארק געגוויטיקט אין געלט. דער פריץ האָט געקוועטשט, צו געדריקט ווי מ'זאָגט צו דער וואנט און געסטראשעט אז ער וועט דאָס גוט פארדינגען צו זיין ארגסטען שונא, צו מאנרעב יוסטי. דארף ער הייסט עס געלט. ווו זשע נעמט מען? די בענק? זאָלן זיי אויף קיין גוט אָרט נישט שטיין. זיי ווייסן שוין אליין נישט וויפל הויטן זיי זאָלן פון אים אָפשינדן. ער ווייסט אפילו, אז ס'איז דאָ, ווי מ'זאָגט אויף וואָס קנאָבל צו ווארפן און וויפל פראָצענט זיי זאָלן ביי דיר נישט געמען, קען מען באצאָלן און ס'זאָל נאָך בלייבן א היפש ביסל, וואָרעם ער האָט געטראכט, אז נאָר איין יאָר, ווען ער זאָל צו נעמען ביי די פויערים, ער זאָל פאר זיי מער נישט פארדינגען די שטיקלעך ערד, איז ער א געשטעלטער מענטש. אזוי פיל טויזענטער העקטאר ערד, אליין מיט פויערים צו באארבעטן, נאָר איין יאָר, איז ער א געראטעוועטער און ער וועט מער נישט מורא האָבן פאר אזא מאנרעב וועלכער וויל ביי אים דאָס שטיקל פרנסה צו נעמען האָט ער אָבער מורא מאָטיע שיף; מ'דערציילט זיך אָן אזוי פיל מעשיות פון פויערים, וועלכע זענען נישט צופרידן, אז ס'איז א שרעק אויסצוהערן. מ'דערציילט למשל; אז צו א געוויסן פריץ, דווקא נישט קיין ייד, זענען אריין די פויערים, ביינאכט און געפאָדערט אז שוין, אין דער מינוט, זאָל ער זיי פארדינגען זייער ערד, אלא נישט וועלן זיי אים מאכן קורצער מיט א קאָפ. און זיי וואָלטן אפשר מקיים געווען, וואָס זיי האָבן אים צוגעזאָגט, האָט ער אָבער שכל געהאט, און ארויסגעשפרינגען דורכן פענצטער. נאָר די פריצה, וואָס זי האָט געליטן, ווייַ ווייַ! נאָב אויף די בלעטער צו באשרייבן. דאָס איז געווען דערפאר, ווייל ער האָט איין יאָר, נאָר איין יאָר געוואָלט אליין ארבעטן. צונעמען ביי די פויערים, האָט זיך אים פארגלוסט, זייערס. מאָטיע שיף, וויל אויך אזוי טון, האָט ער אָבער מורא פאר די פויערים טוט ער איבערדעם אלעם כדי נישט צו מאכן אזא געוואגטן שריט. ער זעט אָבער אז אלע וועגן זענען פארמאכט. צו די בענק וויל ער נישט אָנקומען, דורך דעם טעם וואָס מיר האָבן געזאָגט, בלייבט נאָר איין וועג, צו קריגן געלט ביי אנדערע, נישט ביי באנקירן. אלא נישט, האָט ער אן עצה, ער פאָרט זיך אוועק און דער אויפזעער, נישט קיין ייד, אים וועלן זיי זיכער שאנעווען, ער איז דאָך נישט קיין פריץ!

אזוי האָט מאָטיע שיף געטראַכט. ער איז שוין געווען גרייט זיין פּלאַן אויסצופירן, ווען ס'קומט נישט אונטער א געשעעניש, וועלכעס האָט אים געמאַכט אז דערווייל, זאָל ער זיין פּלאַן אָפּלייגן און אָט וואָס ס'איז געשען:

צום פּריץ שיף אין הויף איז אריינגעקומען, געווען אַן אָפּטער אריינגייער משה טערק. א קיזשנער. דער פּריץ האָט שטארק ליב געהאט אָט דעם פארשוין און ער האָט אים צו זיך צוגעצויגן דורך אסך טעמים, ראשית, איז ער דורך אים געוויר געוואָרן וואָס ס'טוט זיך אין שטעטל, והשנית, האָבן אים אמוזירט די וויצן, די שטעכווערטלעך פון משה טערק. כאָטש דער טערקאָן, וויאזוי מאָטיע פלעגט אים אָנצורופן אין גוטן מוט, פלעגט אים אויך נישט צו שאַנעווען און אים אריינ־לאָזן א שפּילקע אז ס'פלעג אים געגוג שטעכן. ער פלעגט עס אָבער אראָפּשלינגען און לאכן ווי דער טערק פלעגט צו זאָגן; מיט ייאשטשערקעס, מיט גרינגע ווערם. און דאָס, נאָר דערפאר, כדי ער זאָל אָנווערן, אזא טייערן גומער פון פארוויילן זיך, פון זיך אונטערהאלטן אין די דאָזיקע טעג פון פארביטערונג, אויף זיך, אויף מאַנרעב יוסטי, אויף דער גאַנצער וועלט...

אין איינעם אזא טאָג, ווען דער טערק האָט בארעדט, דעם, יענעם, מיט א שטאָך אין דער זיבעטער ריפּ און אריינגעזאָגט דעם פּריץ א וויץ מיט א שפּיץ, אז ס'איז אים אזש הייליק געוואָרן די ציין, ווי דער סדר איז געווען פון משה טערק, איז געקומען צו רייד, פון ר' יעקעלע ריישמאַן. רופט זיך אָן משה:

— איר ווייסט גאָרנישט, הער שיף. מיט וויפל געלט, דער דאָזיקער לויז־קניקער איז אָנגעשטאָפּט, ממון קרח פארמאָגט ער, און, א פראנק ארויסצונארן ביי אים, דארף מען זיין א קונסטלער. ער איז דאָך אומשטאנד, דער קניקער, פאר א באניקל זיך אויפצוהענגען אויף א שטריק וועלכן ער געפונט אויפן שטראָז, נישט פון זיינעם. — אז מ'גיט אים אן עליה, איז ער מנדר „נרות". ליכט איז ער מנדר, דער קניקער, דער גאַנס סטראַפּטשע!...

די דאָזיקע ווערטער, זענען מאָטיען אריין טיף אין הארצן. וואָס האָט ער געטראַכט? עמעצן אנדערש, וויל ער נישט געבן אָבער מיר? מיר, וועלכער פארמאָגט אזוי פיל גיטער, טאקע נישט אייגענע, אָבער פון שוין אזוי פיל יאָר. וועט ער, דער קניקער אויך נישט וועלן לייען? לאָמיך זען? — ווילסט פּראָצענט, איז פּראָצענט. ווילסט א שותף? זיין א שותף? צו וועלכן גוט

דו ווילסט נאָר. — אזוי האָט זיך געטראַכט שיף, און בשעת מעשה, איז ער אומגענגאַנגען, ארויף און אראָפּ פון איין וואַנט צו דער אנדערער, אין זיין גרויסן אויפגעם צימער פונעם פּריצישען שלאָס אין דאָרף סטריציע. פלענער, איינער וואזשנער פונעם אנדערן, וואָס ער וועט טון מיטן קניקערס געלט. קודם, וועט ער דעם פּריץ פּאַרשטאָפּן ס'מויל. ער וועט זיך שוין באַגיין מיט ווינציקער פון א מיליאָן! און, יוסטינען, דעם פּאַרעד, וועט ער ארויסשטעלן א פייג. דערנאָך — וועט ער זיך נעמען צו דער גלאָז פּאַבריק, פון טאקע דאָ, פון סטריציע. — אן עבירה פאר גאָט, שטייט פּאַרלאָזט! — כאַראַס, אזא ליידאַק! ער האָט נישט געוואָלט צו שטיין א שותף. ער האָט ליבער געמאַכט מיט קופּערמאַנען אין הערלע. וועל איך זיי ביידע אויך ארויסשטעלן א פייג! כא־כא־כא! האָט ער זיך צולאַכט און פאר פאַרגעניגן זיך אזש געריבן די הענט.

.5

שפּעטער, מיט א טאָג אָדער צוויי, איז א ברישקעלע, געשפּאַנט צו צוויי שיינע פערד, געבליבן שטיין פאר ר' יעקעלעס טיר, און אין דעם בריוועלע וואָס דער קוטשער האָט דערלאַנגט ר' יעקעלן איז געשטאַנען אָט די דאָזיקע ווערטער: „הנה, כפי איך האָב געהערט, וואָס פאר א גרויסער תלמיד־חכם מעלתו איז, והנה כפי, ס'איז דערגאַנגען, צו מיינע אויערן, אז כל הרבנים, הם כקליפּת השום נגדו, לכן נא, ואין נא אלא לשון בקשה, אז כבודו זאָל קומען אהער צו מיר, כדי להשתעשע יחד בדברי חז"ל. פון מיר אייער פריינד".

ווען ר' יעקעלע האָט איבערגעלייענט דאָס בריוול, האָט ער עס געדרייט אין אלע זייטן, באַקוקט ארום און ארום און געצויגן מיט די אַקסל, ס'האָט זיך אים נישט געלייגט אויפן שכל, ער האָט נישט געקענט גלויבן אז מאָטיע שיף קען אָנשרייבן אזא בריוול, מיט אזוי פיל לשון קודש ווערטער. און אז שרהצע איז אריינגעקומען געזען אים מיטן בריוול אין די הענט און געצויגן מיט די אַקסל און וויאזוי ער רעדט צו זיך אליין: „א פּלא, א פּלא!"

— וואָס א פּלא? וואָס איז שוין נייעס? וואָס ביסטו אזוי צערודערט? פון וועמען איז דאָס בריוול?

— דאָס בריוול? הם איז פון מאָטיע שיף.

— פון מאָטיע שיף? — האָט זי זיך געגעבן א כאפ — וואָס רעדסטו ?

— יאָ, פון מאָטיע שיף. וואָסזשע איז דער חדוש?

— גיי שוין גיי וואָס רעדסטו? וואָסזשע שרייבט ער דיר? לייען מיר עס פאָר איך בעט דיך. איך בין שטארק נייגעריק צו ווינסן וואָס ער קען דיר שרייבן. אָוואו! פון מרדכי שיף! אָוואו! — ר' יעקעלע האָט איר צוליב געטון. ווען ער האָט גענענדיקט לייענען, האָט זי געגעבן א פליסקע מיט די הענט:

— וואָס באָלבעסטו דאָרט? איך פארשטיי דען א וואָרט ? פארטייטש עס מיר איך בעט דיך. אָבער יעדעס וואָרט. — ר' יעקעלע האָט געלאכט, ער האָט איר צוליב געטון און געליינט: „הנה כפי, אזוי ווי איך האָב געהערט, וואָס פאר א גרויסער געלערנטער מאן אייער מעלתו איז. — שרהצע האָט אים איבערגעשלאָגן — וואָסזשע הייסט דאָס מעלתו? — ר' יעקעלע איז געבליבן שטיין, ס'איז אים געווען אביסל פריקרע. וויאזוי זאָגט מען עס טאקע אויף זשארגאָן? האָט ער אָנגעהויבן: „גו יאָ, מעלתו, מעלתו, דאָס איז א מין טיטל. דאָס האָט ער, מאָטיע שיף געשריבן פאר מיר, אזוי שרייבט מען פאר א גרויסן געלערנטן. נאָר פאר גאָר גרויסע געלערנטע. — האָט ער צוגעגעבן — שלאָג זשע מיר נישט איבער, א נישט פארטייטש איך דיר נישט. שרהצע איז געבליבן שטיל, פארלייגט די הענט אויף איר ברוסט און די אויגן אירע זענען געבליבן הענגען אויף זיינע ליפּן. — והנה כפי, אזוי ווי, ס'איז דער־גאנגען צו מיינע אויערן, אז אלע רבנים זענען אקעגן אים אזוי ווי שאָלעכץ פון קנאָבל, דערום נא, און דאָס וואָרט נא איז גאָר א שפּראך פון געבעט, אז כבודו — דאָ האָט ר' יעקעלע אויפגעהויבן די אויגן, א קוק געגעבן אויף שרהצען און געזאָגט: „כבודו" איז אויך א טיטל וואָס מ'גיט פאר געלערנטע — זאָל קומען אהער צו מיר, כדי מיר זאָלן אינאיינעם זיך פרייען מיט די ווערטער פון אונדזערע חכמים זייער אָנדענק זאָל זיין געבענטשט.

ווען ער האָט געענדיקט, איז אויף שרהצעס פנים א שמייכל געבליבן, א סימן אז זי איז גאָר שטאָלץ אויף איר מאן, וועמען דער גרויסער פריץ שיף שרייבט בריוולעך. דערום האָט זי זיך אָנגערופן:

— גיי, מיין לעבן, גיי! מ'טאָר נישט אָפּזאָגן אזא גרויסן פריץ! ווייסט אוים אז ער קען אויך אסך לערנען.

אייסער וואָס! — האָט ר' יעקעלע א מאך געגעבן מיט דער האנט — אייסער וואָס! ער קען דאָרט עפּלעכע לשון קודש ווערטער, מיינט ער שוין, אז ער איז אייך מיר עפּעס. אייסער וואָס!

.6

ווען מ'האָט אין שטעטל דערזען, ווי ר' יעקעלע זיצט אין בריטשקעלע, אָנגעטון אין דער שבתדיקער קאפּאָטע, האָבן די יידן געמאכט פארשידענע קאָמבינאציעס, דער האָט געזאָגט אזוי און דער אנדערער פארקערט און זיי האָבן זיך נישט געקענט איינפארשטיין און די דאָזיקע זאך האָט זיי מוראדיק פארדראָסן: — ס'מיטש, א גאנץ שטעטל זאָל נישט דערגיין, זאָל נישט געוווּיר ווערן? דאָס איז נאָך נישט געהערט געווארן? — משה טערק אָבער האָט פון זיי געלאכט און געזאָגט: אומזיסט יידן אייער קאָפּ־ברעכעניש. ווען אפילו איר זאָלט מיט טויזנט קעפּ זיין א יעדער פון אייך, וועט איר אויך נישט דערגיין. איך אָבער, יידן איך וויים יאָ וווּהין דער קניקער איז געפאָרן און צוליב וואָס. נאָר, א מכה, איך זאָג נישט. און צעגייט אייך ווי זאלין אין וואסער!

ר' יעקעלע איז געזעסן אינעם גרויסן עמפּפאנג צימער, אין א ווייך זעסל, אקעגן אים איז געזעסן, דער פּריץ שיף און ביי יעדעס מאָל, ווען דער פּריץ האָט פאָרגעבראכט, פון דער גמרא, אָדער פון עפּעס אן אנדער ספר, האָט יעקעלע אויס־געכאפּט און אויסענווייניק ציטירט גאנצע זאצן פון דער גמרא, מדרש אָדער אנדערע ספרים. דער פּריץ איז געבליבן איבערראשט. מיט אזא איינעם, זאָגט ער, האָט ער נאָך נישט געהאט צו טון. צום סוף אָבער, האָבן זיי זיך צעהאמפּערט. דער האָט געזאָגט אז ס'איז א גמרא, ר' יעקעלע ווידער, האָט באהויפּטעט אז ס'איז א מדרש תנחומא.

ווי הייסט? — האָט זיך דער פּריץ געבייזערט — ערשט געכטן, אָדער אפשר איינעכטן האָב איך עס מיט מיינע אויגן געלייענט!

דער סוף איז געווען, אז דער פּריץ האָט געהייסן אריינברענגען די באוווּסטע ספרים און ס'האָט זיך ארויסגעשטעלט אז ר' יעקעלע איז געווען גערעכט.

צי איז שיף טאקע געווען פאראינטערעסירט אין אָט די אלע גמרות, מדרשים און אנדערע ספרים און ס'האָט אים

טאקע אין דער אמתן אימפּאָנירט ר׳ יעקעלעס באהאווענקייט, צי האָט ער נאָר געמאכט אזוי דעם אָנשטעל, כדי ער זאָל פון שמועס צו שמועס ארויפקומען אויף דעם, וואָס אים איז אזוי נוגע, אין וואָס ס׳גייט אים, ממש אין לעבן אריין, דאָס דאָזיקע איז נישט קלאָר. ווי אזוי ס׳זאָל נישט זיין, דאכט זיך, אז פון דעם לעצטן גמרא שמועס וואָס זיי האָבן געפירט, איז מער אָנצונעמען אז דער פריץ שיף איז מיט די פריעריקע אהין און אהער גמרא שמועסן אויסן געווען צו פארטומלען ר׳ יעקעלן, אים צו כאפּן ווי מ׳זאָגט „אויף דער ווענטקע". און אָט וואָס ער האָט אים געזאָגט:

— ר׳ יעקעלע, איר זענט דאָך עפּעס א ייד, א תלמיד חכם. א וועלטס־גאון! ממש מ׳קען זאָגן א חד בדרא, איינער אין אונדזער דור! מ׳קען זאָגן: אז וווּיל איז דעם דור וואָס ס׳האָט אזא שיינדל, אזא מאור הגדול! — ר׳ יעקלען, האָט עס אין הארצן א טיאָכקע געגעבן — וואָס וויל ער? טראכט ער ביי זיך — וואָס איז ער אויסן מיט די חנדרעלעך וואָס ער מאכט מיר? — דער פריץ שיף, האָט ווייטער גערעדט: — ווייסט איר דאָך מסתם אז די גמרא זאָגט: „העושה צדקה בכל עת, זה הזן ומפרנס את אשתו ובני ביתו" אמת, איר האָט שוין גרויסע קינדער, איר דארפט זיי שוין נישט מפרנס זיין, אָבער לויט ווי איך האָב געהערט; איז אייער צווייט ווייב א יונגע, א שיינע, און — גיט ער צו מיט א שמייכל, און מיט א סטראשע מיטן פינגער — איר זענט נאָך גאָרנישט באוואָרענט! און — ווי אזוי זאָגט זיך דאָרט? איר ווייסט דאָך? „בבוקר זרע זרעך". הא? וואָס זאָגט איר? און דער פריץ האָט זיך הויך צולאכט. — וואָסזשע האָב איך אייך געוואָלט זאָגן? אז איר האָט ביד, איצטערט אָ צו ווערן אן עושר. — און שיף נעמט און מאָלט אים אויס וואָסער גאָלדן געשעפט ס׳איז פעלד, ערד, און אויב ער וויל, נעמט ער אים צו פאר א שותף, העלפט אויף העלפט צו זיינע גיטער, אפילו אויך צו דער גלאָז פאבריק פון סטריציע, וואָס שטייט פארוואָרלאָזט.

און אז די אלע גליקן, אויסגעמאָלענע פון שיפן, האָבן נאָך אלץ גאָרנישט געוויקלט אויף ר׳ ייעקלען און צו די אלע גרויסע, עשירות ברענגענדיקע געשעפטן איז רייסמאן געבליבן טויב — שטום, איז שיפן אן אנגסט, און צו דער זעלבער צייט אויך, א כעס באפאלן. א כעס אויף דעם דאָזיקן לויז־קניקער און א כעס אויף זיך אליין, פאר וואָס ער האָט זיך צו אים אראָפּגע־לאָזט. שיף האָט זיך אויפגעהויבן, ר׳ יעקעלע אויך, וואָס דאָס

האָט געהייסן אַז דער וויזיט האָט זיך געענדיקט און שוין אַזוי שטייענדיקערהייט האָט שיף מיט אַן אויפגעהויבענעם פינגער געזאָגט:

— נו מילא, איך זע אַז איר זענט אַ האַרטע נוס. נאָר וואָדען? איר געדענקט דאָך אַוודאי וואָס ס'האָט געזאָגט נתן הנביא צו דוד המלך: „הנני מקים עליך רעה" — און גלייך ווי ר'יעקל פאַרשטייט נישט, פאַרטייטשט ער עס אים, און בשעת מעשה קריצט ער מיט די ציין — „אַ שלעכטס וועל איך אויף דיר אָנשיקן, מתוך ביתך, פון דיין אייגן הויז". איך זאָג אויך אַזוי, ר' יעקעלע! איך וועל אָנשיקן אויף אייך אַזאַ מענטשן, פון וועמען איר וועט אייך האָבן צו קראַצן און צו קראַצן. פון וועמען איר וועט האָבן צו זינגען און צו זאָגן. איר וועט דער־נאָך געדענקען, וואָס דאָס הייסט אַז מ'זאָגט אָפּ אַזאַ איינעם ווי איך בין.

מ'קען נישט זאָגן אַז ר' יעקל האָט זיך גאָרנישט געמאַכט פון שיפס רייד און זיי זענען אים אפילו אין דער לינקער פּיאה נישט געלעגן. ניין! די דאָזיקע רייד זענען אים דווקא יאָ אָנגע־גאַנגען און נישט אין דער לינקער אָדער אין דער רעכטער פּיאה, נאָר דווקא טיף אין האַרץ. דאָרט אַהין זענען זיי אַריינגעדרונגען טיף טיף און אָנגעמאַכט דאָרט אַן איבערקערעניש. אַן אַנדערער אויף ר' יעקעלעס פּלאַץ, ווער ווייסט צי ער וואָלט געוועזן אויס־געהאַלטן. ווער ווייסט צי ער וואָלט נישט געוועזן צוריק געלאָפן צום פּריץ מיט טרערן אין די אויגן און אים געבעטן אַז ער זאָל ביי אים נעמען וויפל ער וויל נאָר אַליין, אַבי אויף אים זאָל נישט קומען דאָס אָנשיקעניש! ניין! נישט פון די מענטשן איז ר' יעקעלע! ביי אים, איז דאָס געלט פיל טייערער ווי זיין איי־גענע רו. פון יענעם טאָג אָן, איז ער טאַקע געוואָרן אויס מענטש, ס'איז אים טאַקע אין האַלדז אַריין נישט געגאַנגען קיין עסן און קיין טרינקען און, דער אַזוי אויך אויסגעדאַרטער און אויסגע־טריקענטער, איז נאָך מער אויסגעדאַרט, נאָך מער איינגע־טריקנט געוואָרן, און אַז זיין געליבט ווייב, שרהצע האָט אים געפרעגט; וואָס אים איז, וואָס האָט פון אים דער פּריץ געוואָלט, און ווער ס'קען מערער לערנען, ער, צי דער פּריץ, האָט ער זי אַזוי אָפּגעפּאָרן, נישט ווי אַ ייד אַ תּלמיד־חכם באַדאַרף צו ריידן, נאָר ווי דער לעצטער אויסוואורף. זי, האָט פון אים נאָך אַזאַ מין לשון נישט געהערט, דערום איז זי טאַקע מיט אים ברוגז געוואָרן צו אים נישט גערעדט. אמת, אַז איר ברוגז האָט אים ווייניק וואָס אינטערעסירט: „עט שטותים! האָט ער זיך געזאָגט,

זי האָט זיך אָנגעבלאָזן, זי וועט זיך צוריק אויפבלאָזן" דאָך איז עס גאָרנישט, זאָגן מיר, פון די גאַנץ אנגענעמענע זאכן, ארום צו גיין אין שטוב און נישט ארויסריידן א וואָרט צום אייגענעם ווייב, נאָך מער, אפילו אז ער באגעגנט זיך מיט איר, דאָרט אינעם טונקעלן פּאָרהייזעלע, דריקט ער זיך צו דער וואנט און ער לאָזט זי דורך. כאָטש אן אנדערש מאָל האָט אים אזא באגעגעניש פארשאפט פארגעניגן. תמיד אין אזא צייט איז זיין האנט, פארקראָכן צו אירע פארבאָרגענסטע אברים פון איר קערפער און אז ער האָט דערפילט אין זיין האנט דאָס, צו וועלכן ער גארט, האָבן זיינע אויגן א פלאקערל באקומען און זיין הארץ האָט שנעלער קלאפּן אָנגעהויבן. איצט האָט ער זיין איינגעדארטן גוף געמאכט גלייך מיט דער וואנט און ס'איז אים אפילו אויף דער מחשבה נישט געקומען אז ער זאָל זיין האנט צו איר אויסשטרעקן, גלייך ווי זי וואָלט א פרעמדע, נישט זיין אייגן ווייב געוועזן. פארוואָס? ווייל אים איז איצט די דאָזיקע שמותים, — וויאזוי ער האָט דאָס אָנגערופן אין געדאנק — אין מוח נישט געלעגן. אים, האָט געפּיקט אין קאָפּ, געבוירעט ווי אן עקבויער אין הארצן, שיפס ווערטער. וואָס מיינט ער דערמיט? וועמען וועט ער אויף מיר אָנשיקן? ער וועט אפשר מיך מסרן צום שטייער-אמט? איז טאקע זייער נישט גוט, איך גלויב אָבער נישט, צי אזא מענטש ווי שיף וועט זיך מיט אזעלכע זאכן אָפּגעבן. וואָסזשע דען? — גוואלד געשריגן! וואָסזשע דען?

אזוי זענען, מיט אריינטראכטענישן און אריינקלערענישן, אין אויסטייטשענישן איטלעכס וואָרט פון שיפן, פארגאנגען וואָכן, דערנאָך חדשים. ר' יעקעלע איז נאָך מער אראָפּ פונעם פנים. ס'האָבן זיך ביי אים שוין מער נישט ארויסגעזען ווי נאָר די צוויי אויגן וועלכע זענען טיף אין די לעכער איינגעגראָבן געוועזן. ווען ער שעמט זיך נישט, וואָלט ער צו שיפן געלאָפן, אים געבעטן; זאָל ער, שיף, דאָס אָנשיקעניש אויף אים שוין שיקן, וואָס וואַרט ער? ווייל די מורא, איז באדייטנד ארגער פון דער צרה גופא.

— לאָמיך עס מיט די אויגן זען, — טראכט ער ביי זיך — אפשר, איז עס נישט מער, ווי א בייזער שלעכטער ווינט, וועלכער לויפט מיט דער צייט דורך? אפשר, וועל איך אים קאָנען ביישטיין? אפשר, וועל איך מיך מיט אים קענען באָרן? אפשר וועל איך אים בייקומען? — און, אז ס'זענען פארביי חדשים, כמעט א האלב יאָר, האָט ער זיך אָנגעהויבן צו בארויקן.

— עס! — האָט ער מיט דער האַנט אָוועקגעמאַכט. — אַ לײדיק מויל! נאָר מיך האָט ער אין זינען? אַנדערע דאגות האָט ער טאַקע נישט, נאָר מיך? עס! דעמלט, האָט זיך ר' יעקל דער־מאַנט, אָן דעם, וויאַזוי די גמרא, טײַטשט אויס דעם פּסוק: „דאָגה בלב איש ישיחנה". זאָגט אײנער; „אַ דאגה, אין אַ מענ־טשנס־האַרץ, זאָל ער, די דאגה, פון זיך אַוועקרוקן" און אַנדערער זאָגט; „ער זאָל, די דאגה פאַר אַן אַנדערן דערצײלן". וועמען זשע דערצײלן? וועמען זשע זאָגן זײַנע דאגות, זײַן שרעק? אויב נישט פאַרן אײגענעם ווײַב? אָט אַזוי אויף דעם אופן, איז גע־קומען צום איבערבעטן, וועלכעס שרהצע האָט אַזוי פיל חדשים געוואַרט:

— זעסטו, — זאָגט זי צו אים — ווען דו דערצײלסט עס מיר אָבער פריער, וואָלסטו דאָך דיר אײַנגעשפּאָרט אַזוי פיל האַרץ־ווײטיק, אַזויפיל גריזאָטע!

— ביסט טאַקע זײער גערעכט! אָבער פּאַרוואָסזשע, ווען איך דערמאָן זיך אָן זײַנע ווערטער, טוט מיר דאָס האַרץ אַזאַ טיאָכקע, אַזש אַ גרוב גראָבט זיך דאָרט, נישט עפּעס אַנדערש און ס'פאַרכאַפּט מיר אַזש דעם אָטעם? — און, ווײסט, די גמרא זאָגט: „אף על פי אוהי לא זי מזליה חזי" אויב אפילו דער מענטש, זעט נישט גאָר נישט, פאַר וואָס ער דאַרף זיך שרעקן, ס'מזל זײַנס אָבער, ייעט יאָ. דערום, שרהצע, דערום האָב איך מורא, ווער ווײסט וואָס פאַר אַ צרה, אַ שלאַק אַן אָנשיקעניש ס'וואַרט אויף אונדז?! וואָרעם, ווען נישט פאַרוואָסזשע טיאָכ־קעט מיר אַזוי דאָס האַרץ, ווען איך דערמאָן זיך? אלא מאי, מוז איך זאָגן, אַז דאָס מזל זעט, יאָ, יאָ, שרהצע דאָס מזל זעט!

אַקעגן אַזאַ מין אַרגומענט, האָט שרהצע נישט געקענט ענט־פערן...

קאפיטל ז

וויאזוי ר׳ יעקעלע רייִשמאַן האנדלט ערלעך

דער פּריץ שיף, נאָכדעם וואָס ר׳ יעקעלע איז פון אים אוועקגעגאנגען, איז א לאנגע צייט ארום געגאנגען אינעם אויפגעם צימער ווי א ווילדע חיה.

— ווייזט אויס, — זאָגט ער זיך אין געדאנק — אז די זון מיינע הויבט אן אונטערגיין. ס׳האָט אים זייער פארדראָסן פארוואָס אזא לויז, אזא וואנץ האָט אים אָפּגעזאָגט. נאָך מער, ער האָט אים אפילו אים נישט געענטפערט. נאָך מער האָט אים פארדראָסן, ממש אויפגעגעסן זיך א לעבעדיקן, פארוואָס, ער, האָט נישט געגוג איבערגעלייגט די זאך. געדארפט זיך באַרעכענען. וואָס איז דאָס מיט אים געוואָרן? ער, וואָס איז תמיד אזא איבערגעלייגטער, אזא בארעכנטער, האָט אזוי געהאנדעלט אומבארעכנט! גאָר, דאָס וואָס ער האָט צום סוף געטאָן, דאָס, וואָס ער האָט אים געסטראשעט, איז אוודאי געווען א גרויס נארישקייט פון זיין זייט. — וואָס וועל איך אים טון? וואָס קען איך אים טון? א גרויס נארישקייט! ס׳איז יונגליש, נישט מעשה פּריץ!

— און דאָס, וואָס ער וויל איצט טון, וואָס ער איז געצווינגען צו טון, וועט זיך נישט אויסלאָזן שלעכט? די פּויערים זענען אזוי אויך בייז, איך האָב צוגעזאָגט מאכן קאָנטראקטן און נישט געמאכט. — שיף כאפּט זיך אָן ביים קאָפּ; וויאזוי קען מען דאָס אליץ באַקלערן? אז ס׳שטופּט זיך איינס אויפּס אנדערע! שטיי!

— שיף בלייבט שטיין. — לאָמיר דאָס אלעס געמען נאָך אמאָל און מאכן א חשבון: די פּויערים ווילן מ׳זאָל מיט זיי מאכן קאָנטראקטן. איך קען נישט. ס׳צאָלט זיך נישט אויס. זיי ווילן מ׳זאָל זיי געבן ערד, וועגן זייערטוועגן און וועגן זייערע בהמות. איך

קען נישט. 5 ליי ווילן זיי געבן, מער נישט, פאר א — פאלטשע ערד, איך קען נישט. דער פריץ סטאנקו וויל, איך זאָל אים געבן א ממון קורה. איך האָב נישט, איך קען נישט. נו, מאָטעלע, — שיף רופט זיך אָן ביים נאָמען וואָס דער פאָטער פלעגט אים רופן; סטאנקו וועט דען וועלן הערן? האָסט נישט? מאכט ער מיט מאנרעב יוסטי. און איך? — וועל נעמען ס'שטעקעלע! — ס'בעסטע וואָלט געווען, ווען איך זאָל האָבן געלט. — יאָ מאכן קאָנטראקט, אָבער נאָר מיט פרעמדע נישט מיט קיין אייגענע פויערים. א פויער, איז בעסער אז דו האלסט אים פונדער־ווייטנס, זאָל ער זיך גיין צו אלדי רוחות. מיט פרעמדע רעדסטו גאָר אנדערש! — ערד זאָל איך זיי געבן? א גוט קדחת! פון וואנען זאָל איך נעמען? עפּעס אזוי וואלגערט זיך ערד? זיי וועלן זיך אליין נעמען? סטאנקו וועט נישט צו לאָזן!

פון דעם אלעמען איז צו זען, ווי ווייט, אין וואָס פאר א גרויסער פארלעגנהייט ס'האָט זיך דעמלט געפונען דער פריץ מאָטיע שיף און דער עיקר, געלט. ס'האָט אים אויסגעפעלט געלט. נישט צו באצאָלן א העכערע ארענדע, פארן פריץ סטאנקו פּע־קיאנו. אים האָט ער געלאָזט צום לעצט. איי וואָס וועט ער טון אויב ער וועט מאכן מיט מאנרעב יוסטי? האָט ער צו דעם אויך אן עצה. ער דארף געלט, ווייל ער וויל איינפירן נייע מנה־גים, אראָפּברענגען פון דער פרעמד פויערים ארבעטער. פאר־אקערן יעדעס שטיקל ערד. נישט איבערלאָזן גאָרנישט. זאָלן זיי, די היגע פויערים, אויך גיין אינדערפרעמד. איז, הייסט עס, מאכן מיר אויך א השבון: פאר סטאנקו פעקיאנו, פאר מאנרעב יוסטי, האָט ער נישט מורא. אפילו פאר די פויערים, טאָמער וועלן זיי זיך כאפּן, אונטערצינדן, הרגענען! האָט ער א ברירה, ער פאָרט זיך אוועק. וואָסזשע דען? געלט! א שותף! ער וועט מוזן מסכים זיין און צו נעמען פאר א שותף אברם צוקער. כאָטש, גאָט איז אן עדות, אז ער האָט מיט דעם גראָביאן נישט געוואָלט האָבן צו טון. ער האָט אָבער נישט קיין ברירה, ער קען זיך אנדערש נישט העלפן! ער האָט געוואָלט בעסער צו נעמען דעם קניקער, האָט ער דאָך אפילו נישט געענטפערט דאָס צווייטע וואָרט!

דאָ מוז געזאָגט ווערן, אז ווען ס'קומט נישט אונטער עפּעס, וואָלטן מיר באהויפּטעט, אז ר' יעקעלע ריישמאן איז געווען א גרויסער שוטה, אז ער קען זיך נישט אויס אויף מענטשן, אז זיין שרעק איז געווען אן אומזיסטיקע, וואָרעם שיף, לויט ווי מיר זען, האָט מיט זיך געהאט צו טון און ביי זיין בעסטן ווילן זיך אָפּצורעכנען מיט אזא „קניקער“, האָט ער גאָר נישט נעקענט

טון. אומגעקערט, שיף האָט זיך נאָך געמאכט פאַרווירפע, פאַר־
וואָס ער האָט זיך ארויסגעשטעלט פאר אזא נאר. איז אָבער גע־
שען אזוי וואָס, וועלכעס ס׳האָט איננאנצן איבערגעדרייט אונדזער
באהויפטונג און מיר זאָגן: אז גערעכט איז געווען ר׳ יעקעלעס
הארץ וואָס ס׳האָט אזוי געטיאָכקעט. און אָט וואָס ס׳האָט זיך
פאסירט:

אין דער סאמער רעכטער פארצווייפלונג, פונקט דעמלט, ווען
ער האָט ביי זיך אָפּגעמאכט, ער זאָל צו נעמען אברם צוקער
פאר א שותף, וואָס דאָס האָט נעהייסן א פשוטער אָנזעץ.
וואָרעם ווער ווייסט נישט, וואָס דאָס הייסט אז מ׳דארף אָנקומען
צו א געלט שדוך, יענער מיטן געלט, און ער? ער וועט זיך דאָך
נישט קענען א ריר געבן. ער, אברם צוקער, וועט וערן דער
אמתער באלעבאָס און, ווער ווייסט צי שפּעטער וועט ער אים
נישט ארויסעסן. וואָס האָט ער אָבער געקענט טון? אָט אין
יענער צייט, האָט ער באקומען א בריוו פון אברם צוקער, אין
וועלכן ער איז אים מודיע, אז זיי, ער מיט יוסטין קומען ארויס
צו אים.

— הייסט עס, טראכט ער ביי זיך, דער רוח איז נישט אזוי
שווארץ וויאזוי מ׳מאָלט אים אויס! אז זיי קומען צו מיר, דארפן
זיי צו מיר, אויב אזוי, דארף מען וויסן וויאזוי מיט זיי צו ריידן,
א מכה, דארפן זיי וויסן, אויף וואָס פאר א גרויסע צרות איך
בין. — פאר גרויס גדולה, האָט שיף געהייסן אז מ׳זאָל צוגרייטן
א גרויסע וועטשערע.

דאָס איז געשען פונקט אין א פרייטיק נאָכמיטאָג. די געסט
האָבן געדארפט קומען שבת אויפדערנאכט. ווען די פריצה, שיפס
ווייב האָט פון דעם דערהערט, האָט זי זיך אָנגעכאפּט ביים קאָפּ:
„ווען וועט מען שעכטן? ווען אָפּפּליקן און ווען וועט מען כשר
מאכן? ווייל מ׳דארף צו וויסן, אז חיה רייזע, שיפס אלטע מאמע
האָט געזאָגט, סיידן נאָר ווען זי וועט שטארבן, וועט מען פירן
א טריפהנע קיך! שיף, ווען ער האָט דאָס געהערט, האָט ער גע־
כאפּט א קוק אויפן הימל און געזאָגט: אז ווען א רייטער זאָל
שוין ארייגפאָרן און אין זיין נאָמען בעטן נפתלי שוחט; — אָפּ־
פליקן און אויפמאכן, מעגן עס די דינסטן טון.

.2

פרייטיק פארנאכט. פון די פענצטער ארויס פונקלען די בענטש־
ליכט. דער בעדער האָט שוין לאנג ארויסגעטריבן די לעצטע
שוויצערס. אין שיל האלט מען אינמיטן דאווענען. נפתלי שוחט,

מיטן שטריימל אויפן קאָפּ, גייט איצט אין שיל. דער הימל לויטער, די נאָך בלאַסלעכע שטערן פונקלען, ווינקען איינער צום אנדערן גלייך ווי זיי וואָלטן געזאָגט: קוקט א ייד! אָט דאָס הייסט א ייד! א שיין שטריימל! א שיינע קאַפּאָטע! גאַנצע שיך! דאָס הייסט א ייד! אָט אַזוי גייט א ייד אָנגעטון לכבוד שבת! — נפתלי איז שוין ביים מירל פונעם קיזשנערישן שילעכל, נאָך א טריט און ער גייט אריין אין שיל. מיט אמאָל, איז פאַר אים א רייטער אויסגעוואקסן. דער דינער פונעם יידישן פריץ מאָטיע שיף. עופות האָט ער צום שעכטן געבראַכט, דער פריץ האָט זייער שיין געבעטן דעם שוחט, ווייל מאָרגן אויפדערנאַכט קומען געסט. נפתלי האָט אויך א בליק געטון צום הימל. די שטערן זענען נאָך בלאַס, א סימן אז גאָט האָט נאָך דעם שבת נישט פאַר־גומען. און אויגנבליק איז דער שוחט געשטאַנען. זאָפאָרט האָט ער זיך אויסגעדרייט, אהיים צו זיך, געשאָכטן די עופות. ביילצע האָט אפילו געזאָגט: וויי איז מיר נפתלי!" נאָר די עופות זענען שוין געווען געשאָכטן און נפתלי איז שוין אין שיל און אין זיינע אויערן הילכט אָפּ, דער לעצטער אָמן פונעם קריש, פאַר דער מערבדיקער שמונה־עשרה.

— איך וואָלט אפשר נישט געווען באַדאַרפט קומען — טראַכט נפתלי. — יעדער האָט אויף אים מיט א פרעמדן בליק געקוקט.

א גאַנצן שבתדיקן טאָג, איז דאָס שטעטל געגאַנגען ווי אויף רעדער:

— ס'טייטש? און נאָך אמאָל ס'טייטש? וו איז דאָס געהערט געוואָרן? שבת? א טייל, זענען געלאָפן צום רב, צום רבין; ס'טייטש? און נאָך אמאָל ס'טייטש? נאָר אסרן די שחיטה! — און צוריק האָבן אייניקע געטענהעט: וואָס רעדט איר? שוין תיכף מיט אן אסור? וואַרטיץ לאָמיר זען, לאָמיר מאַכן חקירה ודרישה! נפתלי, האָט זיך ווייניק וואָס געקימערט, וואָס דאָס שטעטל זידט. — ס'וועט זיך איבערקאָכן, האָט ער זיך געזאָגט — מ'האָט צו טון מיט א פריץ, פון שחיטות אליין קען מען בלאָ באַשטיין!

.3

מיר האָבן שוין אנאַנדער מאָל דערמאַנט, אז דער פריץ שיף, האָט זיך געהאַט זיין אייגנייער, משה טערק, פון וועלכן דער פריץ, האָט זייער שטאַרק געהאַלטן. צי דערפאַר ווייל דער טערק איז קראַנק געלעגן, האָט ער נישט געקענט קומען צום

פריץ צי איז ער אפשר יאָ געווען נאָר דער פריץ איז דעמלט
אין דער היים נישט געווען, ווי אזוי ס'זאָל נישט געווען זיין,
דער אמת איז, אז פון יענעם שבת אָן, זענען אוועק מערערע
חדשים ביז דער מערק האָט זיך געטראָפן מיטן פריץ און ווען זיי
האָבן זיך געטראָפן, האָט זיך דער פריץ זייער געפרייט. ער האָט
שוין לאנג נישט געהערט וואָס ס'טוט זיך אין שטעטל. און —
וואָס טוט עפעס דער קניקער?

משה מערק האָט איבערגעגעבן אלץ וואָס ס'האָט זיך גע-
טראָפן, פון יענעם שבת אָן און וויאזוי דער קניקער האָט גע-
פילדערט ס'מערסטע, אז מען דארף נפתלין אסרן די שחיטה.
נאָר, האָט דער טערק צו געגעבן, פארזעצן זאָל מען די הויזן
און אן עושר זאָל מען זיין! — שיף האָט שוין נישט געהערט
דעם מערקס באמערקונג. צו עפעס, האָט דער פריץ געטראכט.
נאָך אינדעמזעלבן טאָג איז אוועק א שליח צו נפתלין און איט
נעבעטן אז ער זאָל אומבאדינגט קומען, צו אים, צום פריץ.

4

ענדלעך איז געקומען דער טאָג, פאר וועלכן ר' יעקעלע האָט זיך
אזוי שטארק געשראָקן. פונקט דעמלט, ווען ער האָט שוין צו
ביסלעך אָנגעהויבן פארגעסן פון דעם „אָנשיקעניש“, פונקט דע-
מלט, ווען דערמאנענדיק זיך, האָט דאָס הארץ זיינס שוין מער
נישט אזוי שטארק געטיאָקעט, אינדערזעלבער צייט, האָט ער
דאָס אָנשיקעניש דערזען אין זיין גאנצן מיאוסן געשטאלט. דאָס
איז געשען אום פרילינג, תיכף נאָך פורים, ווען ער מאכט זיינע
געוויינטלעכע נסיעות איבער די דערפער אָפּשליסנדיק קאָנטראקטן
מיט די פויערים.

אינדעם דאָזיקן פרימאָרגן, די שטערן פונעם הימל בלישטשען
מיט זייער פרימאָרגנדיקן בלימשט, אָט לעשן זיי זיך און אָט
פלאמען זיי אויף, גלייך ווי זיי פינטלען מיט אויגן צו די וואָס
זענען אויף דער גאס און אזוי ווי ס'איז קיינער א חוץ ר' יעקעלע
אויף דער גאס נישטאָ, ווינקן און פינטלען זיי צו אים: „נישקשה
ר' יעקעלע, ס'איז אייך אין דער בריימער פעלצענער שאָפּן-פעלץ
קאלט? איר פרירט? ס'פרעסטעלט אייך? נישקשה אבאלד וועט
איר אויפן בענקעלע לעבן אויוון זיצן און פון אייך דעם
פראָסט ארויסטרייבן“. — ווי אויף צו להכעיס אָבער, איז טאָדער,
א רייכער געשוויירענער פויער פון ר' יעקלען, אָדער ער איז

געשטאָרבן אָדער ער איז אינדערהיים נישטאָ. ווייסט גאָט, וויפל ער שטייט שוין דאָ ביים טויער, דאָס פערד הירזשעט, און טאָדער, ער הערט נישט. נעמט ר׳ יעקעלע און רירט אזוי אָן מיטן בייטש-שטעקעלע, זייער לייכט דאָס פענצטער:

— העי טאָדערע, העי, שלאָפסט? — דעמלט האָט זיך דער האָלצענער ריגל פונעם קליינעם טירל אויפגעריקט און טאָדער, א פארשלאָפענער, קראצנדיק זיך אין קאָפּ האָט אים א זוויערן „בונא דימינעאצא"* אָפּגעגעבן. ר׳יעקל האָט אים שוין געוואָלט מאכן א סלוק, פארוואָס ער האָט אים געלאָזט אזויפיל אינגדרויסן וואַרטן און פארוואָס עפנט ער שוין נישט דעם טויער? נאָר די ווערטער זיינע, זענען אים ערגעץ אין האלדז געבליבן, מחמת ער האָט געזען אז דער פויער, האָט גאָרנישט בדעה צו עפענען דעם טויער. ער האלט אין איין קראצן זיך, אָט אין קאָפּ אָט אין בוזעם. צום סוף, האָט טאָדער ווייט אוסגעשפיגן, געשאָלטן אלע הייליקע און מיט אָפּגעריסענע ווערטער, דערציילט ריישמאנען, אז ער, דער דאָמנו** ריישמאן, האָט שוין מער נישט דאָ וואָס צו טון. ערשט נעכטן, האָט דער פרימאר צונויפגערופן אלע שאָפאייגענטימער און זיי אָנגעזאָגט מיטן הארבן וואָרט, אז מער זאָלן זיי נישט מאכן קיין געשעפטן מיטן זשידאן יאנקו. ווען טאָדער האָט געענדיקט, האָט ר׳ יעקל אביסאלע נאָכגעקלערט און זיך אָנגערופן צו טאָדערן:

— וואָס זאָגסטו, טאָדער, אפשר וואָלטן מיר זיך ארייננעבאפט אינעם נאָענטסטן דאָרף? אז דאָ נישט, אפשר ערגעץ אנדערש יאָ?

— ניין, זשופינע. ניין. אזוי ווי איך האָב געהערט, איז אין אלע דערפער אזוי. דער פרעפעקט פונעם זשודעץ, וואסעסקו האָט איצט צונויפגערופן אלע פרימארן און זיי אָנגעזאָגט, אז זיי זאָלן נישט לאָזן די פויערים האנדלן מיטן זשידאַן יאנקו!

— פארוואָס טאָדערע? — האָט ר׳ יעקעלע כמעט ווי געוויינט — וואָס האָב איך געזינדיקט?

— ווייסט דער רוח. מ׳זאָגט, אז ס׳שטאמט פונעם פריץ שיף, ער האָט דאָס געבעטן דעם פרעפעקט אַז דעם זשידאן יאנקו. — טאָדער האָט נישט געענדיקט און עפּעס אנדערש געזאָגט — איך גלויב אָבער נישט. קאָנע שיף איז דאָך אויך אזא איזראעליט ווי איר זשופינע!

---

* בונא דימינעאצא — גוט מאָרגן.

** דאָמנו — הער.

— א־ה־א! — האָט ר' יעקל אויסגעצויגן — אוודאי פון אים, טאָדערע פון אים! — און בשעת מעשה האָט ער זיך מיט דער באהעניטשקעטער האנט אין שטערן געקלאפט — און איך האָב גאָר פארגעסן טאָדערע! אוודאי, פון אים שטאמט עס, פון אים. נו, און נאָך עפּעס, ווייסטו טאָדערע? — און א שטילע האָפנונג פארגנבעט זיך אים אין הארצן. אפשר, ווערט מען דאָס „אָנשיקעניש" קאָנען מיט עפּעס וואָס אָפּשרייען. אונטער־שטעלן מענטשן, זיך עפּעס לאָזן קאָסטן, אונטערשמירן דעם פרימאר, ביי דער פרעפעקטורא. — כאָטש, רייששמאן האלט זייער ווינציק פון אזעלכע סיסטעמען — „די גאנצע חלה, גייט אריין אין דער המוציא". פלעגט ער צו זאָגן. אָבער גוואלד געשריגן! ער האָט דאָך אזוי פיל געלד אריינגעלייגט! ס'קומט דאָך אים נאָך פון פאריאָרן און פון דעם ווינטער ביי אזוי פיל פויערים געלט!

— אוודאי, וויים איך זשופינע, — האָט טאָדער געענט־פערט — מ'זאָגט, אז די פרימארן פון אלע דערפער, האָבן באקומען אָנגעזאָגט, אז זיי זאָלן שיקן אלע פויערים, וואָס האָבן שאָף און ווילן מאכן געשעפטן, צום כאכאם נפתלי אין שטעטל אריין. צו אים צום כאכאם.

— אזוי! — האָט יעקל מיט זיך א וואָרף געגעבן — און בשעת מעשה האָט אים אין מוח געגעבן א בליץ אויף דעם פסוק, מיט וועלכן, דער פריץ שיף האָט אים געסטראשעט: „הנני מקים עליך רעה מתוך ביתך". „פון דיין אייגן הויז, האָט גאָט געזאָגט דורן, דורך זיין נביא נתן, וועל איך אויף דיר אן אָנשיקעניש אויפרייצן". ביי דוד המלך, איז עס געוועזן דער איינגענער זון אבשלום, און אויף אים האָט שיף אָנגערייצט נפתלין. אָט דער נפתלי, וועמען ער האָט געלערנט, געמאכט פון אים א לייט, ער זאָל קאָנען אין א ספר אריינקוקן, אָט דער דאָזיקער נפתלי ווערט היינט, זיין קאָנקורענט ווערן! פונקט אים, האָט שיף אויסגעקליבן. וואָס א ממזר קען!... „מביתך", פון דיין אייגן הויז! האָבן ר' יעקעלעס ליפּן, ווי א תפלה געפרעפּעלט. ר' יעקעלע האָט זיך גענומען אויסקערעווען דאָס ווענגעלע. ווען ער איז שוין גרייט געוועזן אוועק צו פאָרן, האָט ער זיך אויפן זיין אויסגעדרייט און אין חשך אריינגעשריגן:

— העי, טאָדערע ווו ביסטו?

— אָט א דאָ בין איך באלעבאָס. איר דארפט נאָך עפּעס? איר ווילט מיר נאָך עפּעס זאָגן?

— יאָ, טאָרערע, איך האָב דיר געוואָלט זאָגן אז ווען דו וועסט זיין אין שטעפל זאָלסטו אומבאדינגט ביי מיר אָפּטרעטן, וועסטו שוין זען וואָסער מתנה וועסט ביי מיר באקומען...

.5

אינדערהיים, האָט ר׳ יעקעלע מער קיין אָרט זיך נישט גע־קענט געפונען, פאר ווייטיק, פאר בושה. ס׳טייטש? ער, נפתלי זאָל מקפח זיין, זיין פרנסה? ער זאָל אזוי וואָס טון? פונקט ער? ער, האָט זיך דאָס געפונען, אז ער זאָל דעם פריצס שטעקן זיין? „גם איש שלומי אשר בטחתי בו אוכל לחמי הגדיל עלי עקב“. „אויך דער מענטש, מיט וועמען איך בין גוט געווען, וועלכער האָט מיין ברויט געגעסן, דער איז אויף מיר אויך אויפ־געשטאנען?“. האָט ער מיט א טרויעריק געמיט געשעפּטשעט דעם פסוק תהלים.

— ווען האָט נפתלי פון דיין ברויט געגעסן? — האָט שרהצע זיך נישט געקענט איינהאלטן און אים געפרעגט.

— עט, ביסט א נארישע יידענע! דו פארשטייסט נישט, אז ברויט, מיינט מען די תורה. אזוי ווי דער פסוק זאָגט: „לכו לחמי בלחמי“. „גייט, עסט מיין ברויט, מיט מיין ברויט“. וואָסזשע? האָט שלמה המלך געמיינט פשוט ברויט? וואָסזשע איז די רבותא? אלא מאי, מוז איך זאָגן, אז „ברויט עסן“ פון דעם דאָזיקן פסוק, מיינט שלמה המלך, די תורה. און דאָס מיינט אויך דער תהלים: „אוכל לחמי“ ער, דער פושעי ישראל, דער רשע מרושע, נפתלי שוחט, ער האָט פון מיין ברויט געגעסן. איך האָב מיט אים תורה געלערנט! הייגט פארשטייסטו שוין דו בהמה דו?

שרהצע, האָט שוין געוווּסט, אז אין אזא צייט, טאָר זי שוין נישט ברוגז ווערן פאר דעם טיטל, וואָס ער האָט איר געגעבן, אָבער דאָך האָט זי באין אופן נישט געקענט פארשטיין, וויאזוי פון דעם דאָזיקן פסוק דרינגט ער ארויס אז מען מיינט די תורה. זי האָט עס אָבער אָנגעהאָנגען אין דעם וואָס זי איז אן אשה, אזוי ווי אין דער תחנה ווערט געבראכט: „און איך בין אן אומוויסענד וייב“, האָט זי מער נישט געזאָגט, קיין וואָרט און דעם קאָפּ אָנגעבויגן פאר איר מאן, וועלכער איז דער גרעס־טער געלערנטער, און ער קען ווערן רב אין סיי וועלכער גרויסער שטאָט...

תחלת, אויף דער הייסער מינוט, האָט ר׳ יעקעלע, נפתלין געוואָלט אויסרייסן מיטן קאָרן אינאיינעם. אָדער ווי ער פלעגט

צו זאָגן; עוקר מן השורש. און ס'איז א גרויסע מצווה, אפילו אום יום כפור וואָס געפאלט אום שבת. אזא עוכר ישראל! אזא טרייפניאק! — דאָס האָט ער געמיינט, וואָס ער האָט פארן פריץ געשאָכטן עופות און ס'איז שוין געווען שבת — ער איז טריפה! זיין שחיטה איז אָסור! אזעלכן, וואָס איז מסיג גבול מעג מען דערהרגענען! ער האָט געוואָלט אים צווישן מענטשן רופן, צום רב, וואָזשע ס'איז עפעס הפקר פעטרעשקע? ס'איז לית דין ולית דיין? אזוי, זאָגן מיר, האָט ער געוואָלט טון, אויף דער הייסער מינוט. האָט ער זיך אָבער דערמאנט, אז אזא פארגעניגעו, אָנצולערנען אזא טרייפניאק, דארף געלט קאָסטן. און, דערנאָך ערשט וועל' וויסט צי וועט ער דעם פראָצעס געווינען! וואָרעם, נפתלי האָט א געשליפן צינגל, ס'מעג אים נאָר אָפּדארן! דערמאנענדיק זיך דאָס אלעס, איז אים די מאמעס מילך אנטפאלן געוואָרן. האָט ער געביסן מיט די ציין זיין גרויסן צאָרן און געשוויגן. גיי לייג לעבעדיקס אויף טויטס! האָט ער אין הארצן געטראכט. שרהצע אָבער, האָט עס נישט געקענט פארטראָגן און זיך מיט אים דערפאר שטארק געקריגט. אז אומזיסט איז ער אזא גרויסער געלערנטער, אז נאָר אינדערהיים קען ער ארויסגיין און שעלטן, וואָרטשען ווי א... דאָ האָט זי געזאָגט א וואָרט, וואָס מ'קען עס נישט ארויסשרייבן. — דו וועסט לויפן, דו וועסט אים אויסרייסן! און ווען ס'קומט צו עפעס, איז קיינער אינדערהיים נישטאָ. אויף מיר האָסטו נאָר א גרויס מויל, ווייל ס'קאָסט דיך נישט קיין געלט! ר' יעקעלע, האָט געזען אז זי איז גערעכט, שטארק גערעכט, נאָר דאָס געלט איז פיל מערער טייערער און השובער געווען, אין זיינע אויגן. ער וועט נישט לייגן לעבעדיקס אויף טויטס! ניין! אז שרהצע אָבער, איז אליין אומגעגאנגען וואָרטשענדיק און אים אויף די נערוון געטרעטן, האָט ער קעגן זיין פרינציפּ, איר פארשטיין געגעבן; אז ס'האָט גאָר קיין געדאנק נישט, זיך צו לאָדן מיט דעם טריפניאק, וואָרעם הינטער אים, שטייט אזא בער, דער פריץ שיף אליין. אז ער וועט נאָר איין ווינק געבן דעם רב, אז נפתלי זאָל ארויס דער גערעכטער, וועט אים ר' יעקלען גאָרנישט העלפן. וואָסער פּנים וועל איך דעמלט האָבן? ווי א לעקיש. דערום איז בעסער, ער, דער פריין זאָל זען אז ס'הארט מיך אפילו נישט.

.6

פון דעם דאָזיקן טאָג אָן, האָט זיך דער לעבנס־שמייגער פון ר'יעקלען אינגאנצן געביטן. אז שאָף עקזיסטירן שוין מער

נישט אויף דער וועלט, און אנאנדערע פּרנסה, האָט דערווייל דער רבונו של עולם נאָך נישט צוגעשיקט, איז ער א גאנצן טאָג געזעסן אין בית־המדרש, געלערנט און געדאווענט. און דאווענענ פלעגט ער פּאוואָליענקע. יעדעס וואָרט ארויס זאָגן עקסטער, ס'זאָל זיך חלילה נישט צו קלעבן צו אנאנדער וואָרט. פּונקט אזוי ווי ער פלעגט געלט ציילן. און געלט ציילן פּונקט אזוי ווי ער פלעגט צו דאווענען. באטאפּן יעדן פּראנק, צי האָט זיך נישט צו אים צוגעקלעבט אנאנדערער פּראנק, בשעת ער האָט שרהצן געגעבן וועגן הויז־צערונג. אין אזא צייט פלעגט ער אזוי צו זאָגן:

— א פּראנק, מוז האָבן אין זיך חיות, א לעבן, א פּראנק, אז ער טוט נישט געבוירן נאָך א פּראנק, איז ער געגליכן צו אן עקר, לא עלינו, צו איינעם וועלכער האָט נישט קיין קינדער...

אין דער דאָזיקער צייט, איז ר' יעקעלע שטארק דערשלאָגן געווען. פאַרוואָס ער גיט ארויס פון זיינע פּראנקן איינעם נאָכן אנדערן, און אריינקומען קומט גאָרנישט אריין אויף זייער אָרט. אין יענער צייט, האָט זיך געלייגט א טרויעריקער שווארצער וואָלקן אויף זיין שטוב, גלייך ווי מ'טרויערט און מ'זיצט שבעה נאָך א טייער געליבט קינד.

— נאָך פינף פּראנק געשטאָרבן! — האָט ער געמורמעלט בשעת ער פלעגט איר אויף צערונג געבן. — זי, שרהצע אז זי האָט עס דערהערט, איז זי פאר ווייטיק אזש ווי געביסן פון א שלאנג אונטערשפּרינגען:

— זעץ דיך שבעה! זאָג קדיש! איך ווייס אז נאָך מיר וואָלסטו נישט אזוי געטרויערט, ווי נאָך די פּראנקען. דאָס געלט איז ביי דיר טייערער, חשובער ווי איך! איך ווייס עס! — און אז ס'האָט אליץ קיין ענדע גענומען, איז איר שרהצן, שוין אויך נמאס געוואָרן אזא מין לעבן. האָט זי אויך מורא באקומען טאָמער לאָזן זיך אוים די פּראנקען, וואָסזשע וועט דעמלט זיין? דער אמת איז אָבער נישט געווען אזוי. זי, שרהצע האָט קיינמאָל גישט געקענט וויסן וויפל געלט איר יעקעלע פּארמאָגט עס. ווייל דאָס געלט פלעגט ער תמיד אין פּייער־קאסטן האלטן און אפילו ער זאָל איר אמאָל געוועזן געבן דעם שליסל, וואָלט זי אויך נישט געווען געוווסט וויאזוי מ'עפנט אים. הייגט, אז זי האָט געזען א וואָך, צוויי, דריי, פיר און דערנאָך חדשים. געמען, נעמט מען און אריינקומען קומט גאָרנישט אריין, האָט זי זיך אויך געפרעגט; וויפל איז דער שעור? א ברוגעס, שעפּט זיך אויך אויס! איבערדעם האָט זי אים געראָטן אז ער זאָל

זיך צום רבין אריינגאפן. אים דערציילן זיין בימער הארץ און פון אים א ברכה בעטן. ר׳ יעקעלע אָבער האָט פון אזוי וואָס אפילו הערן נישט געוואָלט:

— די גאנצע וועלט, ווייסט, אז איך האלט נישט פון קיין רבים. פלוצעם אינמיטן דערינגען ווערן א חסיד און זיך לאָזן בענטשן! האָט ער געשמייכלט.

די גאַנצע וועלט, האָט אָבער אנדערש געוווסט; אז נישט מחמת מתנגדושקייט, נאָר מחמת קניקערישקייט. ער האָט מורא געהאט ארויסצוווארפן א פראנק אָדער צוויי. אזעלכע ארויס־געוואָרפענע פראנקען האָבן ביי אים געהייסן: „לעבעדיקס אויף טויטס“. ארויסווארפן אין דער בלאָטע אריין!

אזוי זענען פארגאנגען, שיינע עטלעכע חדשים, ביז אין א טאָג, איז אויסגעוואקסן טאָדער. ווען ר׳ יעקעלע האָט אים דערזען, איז געווען ביי אים גלייך ווי ער וואָלט זיין פאָטער פון יענער וועלט דערזען, אזוי פריילעך איז ער געוואָרן. ער האָט זיך מיט אים פארמאכט אין אן עקסטער חדר און מיט אים אָפגעזעסן א גאנצן טאָג. אין עטלעכע טעג ארום, האָט שוין כמעט יעדער געוווסט אז ר׳ יעקעלע ריישמאן, איז גע־וואָרן א וואָכערער. פאר יידן אנטלייט ער, נישט אנדערש, נאָר מיט א היתר עסקא און א משכון, פאר נישט יידן, איז גענוג נאָר א משכון אָן א היתר עסקא.

ווי ס׳איז שוין געזאָגט געוואָרן מערערע מאָל, איז ר׳ יעקעלע געווען זייער א גאָטספאָרכטיקער. ער האָט מורא געהאט צו נעמען פראָצענט. אזוי שטייט בפירוש געשריבן אין דער תורה!

— האָט ער געטענהט — וויאזוויזשע גיט מען ארויס געלט, אָן א שום באוואָרעניש? וויאזוי זשע גיט מען ארויס געלט אָן צו פארדינען? דאָס איז דאָך עפּעס מיין מלאכה! ער, ר׳ יעקעלע, האָט נישט געהאלטן פון קיין וועקסלען. — צו וואָס טויג מיר — פלעגט ער צו טענהן, הארצווייטיק פון וועקסלען? מיט פּראָ־טעסטן! מיט ארוואָקאטן אז אויף קיין גוט אָרט זאָלן זיי נישט טרעטן. דו, גיב בעסער אהער א משכון. דאָס, האָט א טבע אז ס׳איז קיינמאָל נישט הונגעריק און ס׳מאָנט נישט קיין עסן. דאָס קאָן ליגן וויפל דו ווילסט. דער עיקר; דער משכון זאָל כאָטש צען מאָל אזויפיל די ווערט האָבן פונעם חוב, ווייל וואָס גרעסער דער משכון איז, אלץ זיכערער בין איך אז דו וועסט מיר נישט אָנזעצן און ארויסשטעלן א פייג.

א דאָס איז געווען בכלל, ר׳ יעקעלעס דרך אינעם ענין פון ארויסגעבן, לייען געלט סיי פאר יידן אָדער קריסטן. ביי יידן

אָבער, א חוץ דעם משכון האָט מען נאָך געמוסט אויסשטעלן א היתר עסקא. דאָס איז אזא מין קאָנטראקט, אין וועלכן ס'איז בפירוש געשריבן; אז ר' יעקעלע, לויט אים אזוי פיל און אזוי פיל געלט וועגן האנדל, אָדער וועגן איינקויפן זיך סחורה אין געוועלב אריין און מיטן ריוח, זאָלן זיי זיך איינטיילן, גלייך אויף גלייך. אויב אָבער, קיין ריוח וועט נישט זיין, אָדער אפילו ס'וועט חלילה שאָדן זיין, דאָס הייסט ס'וועט דאָס קרן אויך נישט ארויסנעמען, דאָס דאָזיקע גייט אים, ר' יעקלען נישט אָן, אים מוז ער א האלבן ריוח געבן. אזא מין פּאפּירל האָט מען אים געמוזט ארויסגעבן.

— פאַרוואָס זאָל איך מיר מיין חלק עולם הבא אָנווערן ?
— האָט ער געמענהט — פאַרוואָס זאָל איך נישט אויפשטיין ווען משיח וועט קומען, גלייך מיט אלע יידן צו תחית המתים? וואָסזשע זאָל איך טון, אז ביי קיין יידן מאָר מען פאָרט נישט נעמען קיין פּראָצענט? צו נעמען ביי א יידן פּראָצענט, אָדער עסן חזיר, איז היינו הך, איינס און דאָסזעלבע. נישט געמען פּראָצענט פון וואָסזשע וועל איך לעבן? דאָס איז דאָך מיין מלאכה? — ווידער פלעגט ר' יעקעלע מענהען מיט די וועלכע האָבן ביי אים געלט געליגן:

— דער עיקר, אז ביז צום מערמין, זאָל דער חוב זיין געסלוקט. און צאָלן, וויאזוי דו ווילסט, יעדע וואָך, יעדן חודש אָדער אפילו יעדעם פירטל יאָר. דו מוזט אָבער וויסן, אויב דער חוב וועט נישט ביז צו דער באשטימטער צייט זיין אויסגעצאָלט; ווערט דער משכון פארקויפט. און אז ר' יעקעלע האָט געזאָגט, האָט ער זיין וואָרט געהאלטן. ביי אים א וואָרט איז געווען הייליק. „אין רחמים בדין". „גערעכטיקייט אָן א פּיצל רחמנות"! פלעגט ער תמיד זאָגן.

איז, ר' יעקעלעס נאָמען, זיך צוגאנגען אין דער לענג און אין דער ברייט. נישט נאָר פונעם זשודעץ, איז מען צו אים געקומען לייען געלט, נאָר אויך פון אנדערע שטעט און דערפער, פון ווייטע זשודעצן. מען איז געוואויר געוואָרן, אז אין שטעטל, וואָס לעבן פּייך פּרוט, לעבט א ייד, וואָס אנטלייט געלט נישט אויף וועקסלען, נאָר אויף משכנות. און, ס'פלעגן צו אים ציען, אלערליי מענטשן. ס'מיינסטע אָבער, אָרעמע פּויערים, יידישע באלמעלאָכעס, קליינע סוחרימלעך, וועלכע ס'דערגייט נישט תמיד ביינאָויינציק ליי צום הונדערטער.

.7

אצינדערט, האָט ר׳ יעקעלע שוין געהאט גענוג צייט, אז ער זאָל זיך אָפּגעבן מיטן רבונו של עולם. ער האָט פאר אים גע־דאוונט, געלערנט. אלעס האָט ער געטון נאָר פאר זיין כבוד וועגן. ער האָט פאר זיין כבוד וועגן, געזאָגט אפּאָר איבעריקע קאפּיטלעך תהלים. פארן רבונו של עולמס וועגן האָט ער אפילו געגעסן, כדי ער זאָל מיט מערער כוה, מיט מערער שטארקייט אכפּערן און לויבן זיין ליבן נאָמען.

און אזוי איז געווען זיין טעגלעכער פּראָגראם: פארטאָג זייגער דריי, סיי זומער סיי ווינטער, איז ער שוין געווען אויף די פיס. אָפּגעגאָסן נעגל־וואסער, ארויס אויפן הויף, אין שטאל, זען וואָס ס׳טוט די סורע קו. איר אונטער געוואָרפן אביסל שטרוי אָדער סימשקע. געטון דערנאָך וואָס א ייד באדארף צו טון, זיך געוואשן, און ביי א פינפער לעמפּל געזאָגט און געלערנט. ביים ערשטן בראָך אויפן טאָג, איז ער שוין אין שיל געווען איינגעהילט אין טלית און תפילין אויף זיין שטאָט ביי זיין שטענדער. אומזיסט האָט מען אים געזוכט ארייגצוציען אין א שמועס. טויב איז ער צו אלעמען געווען וואָס ארום אים. נאָכן דאווענען, האָט אויף אים שוין אינדערהיים געווארט, א שטארק גלעזל בראָנפן. זעקס און ניינציקער, האָט מען עס גע־רופן. פרום געמאכט א ברכה, זיך אָפּגעווישט די וואָנצעס און פארקרומט זיך, מחמת דעם ברי, נישט קאָנענדיק דערום ארויסברענגען א וואָרט. ער האָט געטאפּט מיט די הענט דאָס שטיקל מאלאי וואָס איז מיט א טישטעכל איבערגעדעקט געווען, וואָרעם מחמת שטארקייט פונעם שפּירט, זענען אים די אויגן מיט טרערן פארלאָפן געווען און ער האָט נישט געזען ווו ס׳ליגט. געפּטרט דעם פרישטיק, האָט ער זיך די חשבונות גענומען. איבערקוקן, וועלכע זענען אין א קליין ביכעלע פארצייכנט געווען אויף איין בלעטל, איז געשטאנען געגווי דער טאָג פון דער וואָך, מיט דער סדרה, און דערביי דאָס איינע וואָרט: „נתתי", „איך האָב געגעבן" און אויפן צווייטן בלעטל: „לקחתי" „איך האָב גענעמען". און אויך דער טאָג פון דער וואָך, מיט דער סדרה פון דער וואָך. פארטיק געוואָרן מיט די חשבונות, האָט ער זיך צוגעשפּארט כאפּן א דרימל. אָבער מאקע נישט מער ווי נאָר א דרימל. וואָרעם, ווער ווייסט נאָך ווי ער, וויפל ער האָט נאָך צו טון און די צייט איז אזוי קורץ, אזוי קורץ. אז ווי דו קוקסט דיך נישט אום, ווערט שוין נאכט און באלד רופט מען דיך אהיים,

אהיים. און וואָס וועט ער ענטפערן דעם רבונו של עולם, ווען ער וועט אים געבן א פרעג: — וויפל בלאט גמרא האָסטו דאָס אָפּגעלערנט אין דיין לעבן, יעקב? פאר „עסקת באמונה“. צי איך האָב ערלעך געהאנדעלט? פאר דעם האָב איך נישט קיין מורא. הלוואי אויף מיינע קינדער געזאָגט געוואָרן! און, דאָס ווייסט אויך א יעדער איינער. פאר דעם וועט מען מיך זיכער נישט שמייסן...

אָט, א ביישפּיל, ווי אזוי ר׳ יעקעלע האנדלט ערלעך: קומט אריין משה מערק דער קיזשנער וועלכן מיר קענען שוין. ער בעט ביי אים, ער זאָל אים עטלעכע פראנק אויסלייען, נאָר אויף אבט טאָג. ער מוז האָבן, כדי צו קויפן צוגעהער וועגן די קאצאווייקעס וואָס ער האָט אָנגענומען צו מאכן. איז, ביז וואנעט ער, דער מערק וועט נישט אונטערשרייבן א בריוועלע, אז ער נעמט צו ר׳ יעקעלן פאר א שותף, עקסטער דעם משכון וואָס ער נעמט, וואָרעם ער מוז זיך דאָך מיט עפּעס באוואָרענען! וועט ער אים לאָזן ריידן צוזעצמערהיים. ער וועט נישט גיין נעמען ביי א יידן פּראָצענט! די תורה לאָזט נישט! ער וועט נישט גיין אָנווערן זיין חלק עולם הבא! אָבער אן אנדערער פאל; ס׳קומט אריין א פויער. ער רעדט מיט אים, קוקט אליין איבער און באטאפּט אליין די משכנות. צי וויל אים נישט דער פויער מיט עפּעס א מויליקן משכון אָנפּייפן. ער גיט גוט אכטונג אז מענטשן זאָלן ערלעך זיין, אז זיי זאָלן זיך נישט לאקאָטען, אים, ר׳ יעקעלן אָפּצורייסן פונעם פּראָצענט אָדער אָפּצולייקענען שטיין און ביין, אז זיי האָבן אזוי פיל נישט גענומען, אז זיי האָבן שוין באצאָלט אסך מערער. ביי אים ווערט אלעס געפירט אויף אן ערלעכען און פרומען אופן, אויף דעם זאָגט עדות ס׳ביכעלע זיינס, וועלכעס ער וועט זיך, איבער הונדערט און צוואנציק יאָר הייסן מיט געבן, כדי מען זאָל דאָרט אויך קאָנען זען ווי ערלעך און פרום ער האָט געטון האנדלען דאָ אויפן עולם השקר... קומט אָבער א פויערטע אריין אָדער סתם א פרוי. וויל ער אפילו נישט וויסן פון גאָרנישט. מעג אים שטיין צו פּארדינגען ווייסער וויפל, וועט ער אין איר זייט אפילו נישט קוקן. ער הויבט זיך גלייך אויף, און שרייט אריין אין קיך אריין:

— נו אָ שרהצע, קום זיי מוהל אריין!... — אזא ערלעכער און אזא פרומער ייד איז ר׳ יעקעלע ריישמאן און אָט אזוי האנדעלט ער!...

קאפיטל ח

דער רבי רופט צו זיך נפתלין — מען הערט די טאקסע

נפתלי שוחט, אָדער ווי אזוי מ'האָט אים שוין אין שטעטל אָנגעהויבן צו רופן: נפתלי גראָסמאן, איז געוואקסן פון טאָג צו טאָג. אזוי ווייט, אז אין שטעטל האָט מען געשמועסט, אז ער איז אזוי רייך ווי קרח, אז ער ווייסט זיך אַליין נישט פונעם פארמעגן צו זאָגן. אזוי האָבן די איינוווינער גערעדט. כאָטש, ער איז נאָך ווייט געווען צו זיין רייך ווי קרח. און, ער זאָל נישט וויסן פון זיין פארמעגן צו זאָגן, איז אויך געווען איבער־געטריבן. נאָר, ווערליק די פארמעגנס פון די יריד סוחרימלעך, וועלכע האָבן אויפן יריד, ווי אויף משיחן ארויסגעקוקט, האָט ער געהייסן דער נגיד.

וויאזוי, מיר געדענקן, האָט נפתלי, צי מיט זיין גלאטיק צינגל, צי טאקע זענען אלי מיט נעכען געווען אין אזא ביטערע־לאגע, אז זיי זענען געווען געצוווּנגען אוועק צו געבן זייער ליבעלע נפתלין, פאר געלט, צי האָט טאקע דאָ אויך געשפילט א גרויסע ראָל, וואָס פאָטער און מוטער האָבן געוואָלט, אז דאָס קינד זייערס זאָל אין בעסערע הענט אריינקומען, וואָרעם וואָס וועט פון אים ווערן? און פארוואָס טאקע זאָל דאָס קינד זיך נישט ארויסרייסן פונעם אָרעמקייט? אז ער האָט נאָר דאָס מעגלעכקייט, אז ער איז אזוי שטארק נושא חן, פארוואָס נישט? צי האָט אלי דאָ געהאט עפעס א מיין, אז זייענדיק במעט ווי א מחותן מיט נפתלין זאָל יענער, אמאָל אים, אין א נויט ביישטיין. צי האָבן אלע די אויסגערעכנטע ארגומענטן אינאיינעם געשפילט א ראָל. וויאזוי ס'זאָל נישט זיין; לייבל הייסט נישט מער: לייבו סין הערשקו, סין לייבו סין אלי. אזוי ווי ער האָט געהייסן, ווען

ער איז געבוירן געוואָרן און דער פּאָטער אלי מיט דער הילף פונעם שרייבער אין דער פּרימאַריע, האָבן אים דעם לאַנגן נאָמען געגעבן. ניין, נפתלי האָט אזעלכע נעמען פּיינט ווי חזיר. „מער ווי האַרץ ווייטיק און גריזאָטע, האָסטו נישט פון זיי". נפתלי, טאַקע תיכף, טאַקע דעם אַנדערן טאָג, — נפתלי האָט פּיינט אזעלכע זאַכן אָפּצולייגן — אין דער פּרימאַריע, און אין דער געגנוואַרט פון אלי מיט נעכען, זיין נאָמען איבערגעביטן און אים געהייסן איינשרייבן: „לייבל גראָסמאַן".

אָט דער דאָזיקער לייבל, איז אויפגעכאָוועט געוואָרן פון אלס קליין קינד, ביי נפתלין אין שטוב, ער האָט אים געשוכט און געקליידט ווי אַ נגידיש קינד. געהאַלטן צו אים אַ לערער, וועגן רומעניש, וועגן רעכנען, און דער מלמד פון דער תלמוד-תורה, פלעג יעדן טאָג קומען צו אים אהיים און לערנען מיט אים דאַווענען און אַ ביסל חומש מיט רש"י.

— מערער פאַר מיין לייבעלען, דאַרף איך נישט! — האָט נפתלי געזאָגט — פון מיין לייבעלען, וויל איך נישט מאַכן, נישט קיין רבֿ און נישט קיין שוחט. אַ סוחר, וויל איך, זאָל ער ווערן. אָבער אַ סוחר, אַז די וועלט זאָל מיט אים קלינגען.

און לייבעלע איז געוואַקסן ווי אויף הייוון. שיין, הויך און די אויגן אינגאַנצן נעכעס אויגן און די נאָז, די שיינע געטאָקטע נאָז, אויך אינגאַנצן גענומען פון נעכען. יאָרן גייען, יאָרן לויפן. יאָרן שטייען נישט אויף איין פּלאַץ און אָט איז שוין לייבעלע אַ בחורל פון אַ זעכצן זיבצן יאָר. אויף זיין אויבערשטער ליפּ הינטער דער שיינער נאָז, האָט זיך געשניטן אַ שוואַריץ חנעוודיק וועגצעלע.

.2

אלי מיט נעכען, האָבן תחלת גאָרנישט קיין שום שנוי באַמערקט, אין זייער לייבעלען. כמעט יעדן טאָג איז ער אינדערהיים געווען, געקומען געוויר ווערן, וואָס מאַמע מאַמע און ברידער טוען. נעכע פלעגט אים צומאָל אפילו אויך מכבד זיין מיט אַ ביין אויף אָפּצולעקן און ער האָט עס זייער גערן גענומען. מיט אַן אויסנאַמע, וואָס ער האָט אין אַזאַ צייט זייער געהיט אַז די הייזעלעך אָדער דאָס רעקעלע זאָלן זיך נישט פאַרפלעקן. וואָרעם דער טאַטע נפתלי און די מומע ביילצע וועלן ברוגז זיין. נעכען, האָט אפילו אַ שטאָך געגעבן ווען זי האָט געהערט ווי ער רופט אַ פרעמדן; מאַמע, נאָר זי האָט געשמייכלט.

איז, ווי געזאָגט, האָבן, נישט אַלי און אויך נישט געבע קיין שום ענדערונג צו שלעכטן אין זייער לייבעלען געזען. ערשט מיט א יאָר צוויי האָבן זיך דערזען די פאָלגן פון נפתלים און ביילצעס דערציונג און ערשט דעמלט האָט זיי אָנגעהויבן באנג טון, פֿאַרוואָס זיי האָבן דאָס נארישקייט געטון און אוועקגעגעבן פון זיך דאָס קינד.

פון דער ערשטער מינוט אָן, האָט נפתלי געזוכט, אז לייבעלע זאָל צו דער גייער היים צוגעבינדען ווערן. אז ער, לייבעלע, זאָל אָנהויבן צו פארגעסן, אז ער האָט אמאָל אנאנדערע היים געהאַט, אז ער האָט אמאָל אנדערע טאטע מאמע געהאַט. דאָס האָט ער געטון זייער פּאוואָליע, נישט מיט אמאָל, נישט געשריגן, נישט געבייזערט זיך, נאָר מיט גוטע און שיינע ריידעלעך אזוי ווי נפתלי האָט שוין געקענט. אין דער ערשטער צייט, האָט ער זיך אפילו נישט ווייסגדיק געמאַכט ווען ער האָט געזען אז זיין ווייַ באָוואניקל טראָגט ארויס פון דער שטוב פאַר זיינע עלטערן, פאר זיינע ברידער.

— זאָל ער טראָגן. — האָט ער צו ביילצען, זיין ווייב געזאָגט — וועסט זען ווי ער וועט אליין אויפהערן. און נפתלי האָט זיך נישט גענארט. נאָך זייענדיק, א שנעק, האָט ער, נפתלי מיט אים געשמועסט ווי מיט זיינס גלייכן און דערפאר האָט ער דעם קליינינטשקן שטארק צוגעבונדען צו זיך און אים שטארק ליב באקומען. ביסלעכווייז, ביסלעכווייז, האָט ער דאָס קינד פארסמט. ער האָט אים אויפגעוויזן, אז ער, לייבעלע איז פון אנאנדער טייג געקנעטן. אז ער, לייבעלע, טאָר נישט סאמעווען מיט קבצנים. אז ער וועט זיין גאָר א גרויסער. אז ער, לייבעלע טאָר נישט סאמעווען מיט קבצנישע קינדער. ער לייבעלע איז דאָך קלוג! ער דארף פארשטיין אז קבצנים האָבן א צושטאָפּטע קישקע, אז זיי זענען ווי א זאק אָן א דנאָ, און אז וויפל מ'זאָל זיי נישט געבן, איז זיי קיינמאָל נישט גענוג. לייבל, אמת זייער שווער, נישט תיכף האָט ער די דאָזיקע תורה איבערגענומען אָבער מיט דער צייט דאָך זי אין זיך איינגעזאַפּט. און ער האָט אָנגעהויבן זיך צו דערווייטערן פון טאטע מאמע און פון די ברידער. ער האָט אָנגעהויבן צו זען זיין טאטע מאמע אין גאָר אנאנדער ליכט, אז זיי זענען אים זיינע שונאים, וואָרעם אזוי האָט אים דער טאטע נפתלי געלערנט: „אָרעמע לייט פארגינען נישט דעם עושר, וואָס ער לעבט אויף דער וועלט. און, ווען זיי זאָלן נאָר קענען, וואָלטן זיי, דעם נגיד אין א לעפל וואסער דערטראָנקן“.

— מ׳ווייסט גאנץ גוט, ס׳זאָל נישט אויסגעַרעדט זיין, וויפל זיי, די אָרעמע לייט, קאָסטן מיך אָפּ. איך וואָלט זיך עס געַוואונטשן אין א יאָר אזוי פיל אָפּצושפּאָרן.

לייבל איז, ווי געזאָגט, אליין ווייטער און ווייטער אוועק פונעם טאטע, פון דער מאמע, אפילו פון זיין צווילינג ברידער וועלוול. אלי מיט געכעץ האָבן שוין געזעז, וואָס פאר א גרויסן פעלער זיי זענען באגאנגען, נאָר ס׳איז שוין געווען צו שפּעט. קיין צוריק איז שוין נישט געווען. יאָ, מיט וואסילען, אונדזערע צווייַ באַקאנטע, ווען זיי פלעגן אין שטעטל קומען און ווי געווייַנטלעך איינשטיין ביי אלין אין שטאל, אז ס׳איז געקומען צו רייד פון לייבעַלען, וויאזוי ער האָט זיך פון זיי דערווייטערט, וויאזוי ער וויל זיי שוין מער נישט קענען. האָט נעבעך א טרער געלאָזט און געזאָגט:

— נעבייַ, וואָלט ער געווען געשמאָרבן, וואָלט איך אזא ווייטיק נישט געווען געהאט... יאָ, ווי זיין שטייגער אָפּצוּוועגן יעדעס וואָרט, האָט זיך אָנגערופן:

— און ביי מיר איז עס קיין חדוש. דער עיקר איז די דערַציונג. א קינד איז ווי א טייג. קאָנסט פון אים אויסקנעטן וואָס דו ווילסט. — מיינע קינדער אָבער וועלן קיינמאָל נישט פיינט האָבן יידן, ווייל זיי זענען יידן. זיי וועלן פיינט האָבן סיי מאָדערן סיי באָמבען. — צו יאָנס ווערמער האָט וואסילע צוגעגעבן:

— ווייזט אויס, אז כאצקל איז טאקע א קלוגער. ער זאָגט, אז דער עיקר באשטייט אין פארשאָלטענעם געלט. געלט מאכט פון אן מענטשן אן אויסוווּרף. האָסטו געלט, ביסטו נישט מער אין מיין וועלט. דיין לייבעלע — און בשעת מעשה נעמט ער ארויס דאָס ליולקעלע פונעם מויל — דיין לייבעלע, איז אריין אין גוטע הענט. פרעג נישט. ער וועט אויסוואקסן א פעט חזירל.

איינמאָל, ווען לייבל האָט שוין כמעט ווי פארגעסן, זיינע ריבטיקע עלטערן, נישט האָבנדיק מיט זיי קיין שום מגע ומשא מער, ער איז נישט געקומען אהין ווו זיי זענען געגאנגען, און זיי, נישט ווו ער איז געקומען. דאָך אין א שבת אינדערפרי האָבן דער פאָטער און די איבעריקע ברידער זיך באגעגנט אין קיזשנערישן שילעכל אויג אויף אויג מיט לייבעלען. — נפתלי, האָט נאָך דעמלט דאָרט געדאוונט. — אלי, אים זעענדיק ווי ער שפּאנט אזוי מיט אזא גדלות גלייך צו דער מזרח וואנט, נישט אומקוקנדיק זיך אפילו אויף זיינע ברידער. צו אים, צו אלין, האָט ער נאָר פונדערווייטנס מיטן קאָפּ א שאָקל געגעבן אזוי פון יוצא וועגן. דאָס דאָזיקע האָט אלין שטארק ביים הארצן באנעמען. און, אין דער גאנצער צייט פונעם דאווענען האָט אלי

זיך ביים לעפל פונעם אויער געצויגן וואָס דאָס איז געווען א סימן אז ער איז שטארק אין כעס. אָבער ער האָט דעם כעס נישט ארויסגעוויזן. ער האָט אים אין זיך גערישעט, נאָר תיכף, ווען ס'האָט אָפּגעקלינגען דער לעצטער קדיש פון עלינו, איז ער ארויף צו דער מזרח וואנט און לייבעלען אָפּגעשטעקט א פלעם אין באק אריין. לייבעלע איז שוין ווי געזאָגט, געווען א בחורל פון זיבצען יאָר און אויף דער אויבערשטער ליפּ האָט זיך אים שוין אויסגעשיט א וואָנצעלע, שווארץ ברוינלעכע הערעלער. רינגע, ווייכע הערעלער, ווי פּוך ביי א גאנדז אונטער די קרילעס. לייבל איז שטארק בלאס געוואָרן. איין זייט פּנים האָט ביי אים גע-פלאמט און ס'האָבן זיך דערקענט אלע פינף פינגער. די אנדערע זייט פונעם פּנים איז געווען דער היפוך, דער קעגנזאץ פון דער ערשטער, טויט-בלאס. און די נאָז, זיין כאראקטעריסטיש גע-כישע שיין געפאָרמטע נאָז, מיט אירע לעדעלעך וועלכע האָבן זיך אויפגעמאכט און צוגעמאכט. אָט די דאָזיקע נאָז האָט איצט באקומען א טויט קאָליר, לאנג, אויסגעשפּיצט ווי ביי א מת און די מאנדלפאָרעמיקע אויגן מיט זייער טיפן גלאנץ ווי שפּיגע-לער, זענען איצט געווען מאט, טויט, אויסגעלאָשן...

— פארוואָס האָט מיך אָט דער פרעמדער ייד געפּאטשט? — האָט ער זיך געפרעגט. — און א געוויין איז אין אים אויפגע-גאנגען. מיט וואָס פאר א רעכט? וואָס וויל ער פון מיר? ווייל איך קום נישט צו זיי, ווייל איך וויל מיך מיט זיי נישט באגע-גענען? זענען זיי עס דען ווערט? קענען זיי זיך דען אויפירן ווי מענטשן? ריידן זיי דען לייטיש? — און ער, לייבל, וועלכער גיט אכטונג אויף דער ארבעט אין ברערעשטער וואלד, און טאָדער לויבט אים, אז אזוי ווי ער פירט אָן מיט דער ארבעט קען קיינער נישט. אפילו אלטע ארבעטער ציטערן פאר זיינעם א בליק. וואָס ווילן זיי? צים זיך ווייטער זיין געדאנק. — זאָל ער אפשר זיין ווי זיין ברודער וועלוול, וועלכער רעדט אזוי גראָב, האָט אזעלכע גראָבע הענט און דאָס באנעמען זיינס מיט מענטשן, איז ווי פון אן אמתן קאָוואל?...

יעדער, וואָס האָט די דאָזיקע סצענע געזען איז געבליבן ווי געליימט. א מינוט אָדער צוויי האָט געדויערט, ביז דער עולם איז צו זיך געקומען און געקאָנט באנעמען וואָס דאָ איז געשען. אין דעם דאָזיקן אויגנבליק האָבן זיך טאטע און זון אָנגעקוקט מיט צוויי באזונדערע געפילן. דער זון האָט אים באטראכט ווי א פרעמדן, וועלכער האָט אויף אים א האנט געהויבן, אלי ווידער, האָט זיך געזאָגט:

— אַט דער איז מיין קינד? אַט דער, וואָס פּלעגט זיך צו־מיר ניאַנטשען מיך אַזוי ליב האָבן, אַט דער איז אַרויס פון געבעס בויך? — אַ כשוף! אונטערגעביטן! — האָט ער הויך אַרויסגערעדט — אַ כשוף! אונטערגעביטן! — האָט ער עטלעכע מאָל איבערגעחזרט — אויסגעדרייט זיך און אַוועקגעשפּאַנט.

ביי נפתלין האָט דאָס האַרץ געוואַקסן. ער האָט געוווּסט, אַז מיט דעם אָ האָט אַלי נאָך מער דערווייטערט פון זיך לייבלען. פון זיך, פון זיין מאַמע און פון זיינע ברידער. און אַט דאָס האָט ער טאַקע געוואָלט. און מיט אַ — צוקער זיסער שפּראַך, אָנגעמנ־דיק לייבלען ביי אַ האַנט, האָט ער געזאָגט:

— קום, קינד מיינס, קום. די מומע ביילצע וועט שוין ברוגז זיין.

אַזוי, האָט ער איינגעוווינט לייבלען. פון דער ערשטער מינוט אָן, זיך, האָט ער געלאָזט רופן: „טאַטע" און ס'ווייב זיינס: „מומע". אַ פרעמדער האָט געקאָנט מיינען, אַז לייבל איז זיין לייבלעכער זון פונעם ערשטן ווייב. היימישע ראַקעגן האָבן דאָס נישט געקאָנט פאַרשטיין. און בייזע צונגען האָבן שוין געהאַט שטאַרק אויף צו ריידן און באַרעדן אַזוי ווייט אַז ס'האָט גע־גרייכט ביז אין רבינס הויף אַריין. מ'האָט זיך דערמאָנט, אַז נפתלי ווען ער איז געווען אַ — בחור, האָט ער זיך אַרום געבען געשאַרט, נאָר ס'איז דערפון גאָרנישט געוואָרן. מחמת, נפתלי האָט געוואָלט נדן. אַ טייל ווידער האָבן געזאָגט, אַז די מעשה מיטן נדן איז אָן אויסגעטראַכטע, וואָרעם סיי געבע, סיי נחום געבעס פאָטער האָבן נישט געוואָלט הערן פונעם שדוך. דער אַלטער נחום האָט אפילו געזאָגט: אַז ער וויל זיך נישט אויס־שמירן אין יחוס. אַז ער זוכט זיך זיינס גלייכן. אַ באַלעגאָלע אָדער אַ באַלמעלאָכע. איצט ווען ס'איז דער סקאַנדאַל מיטן פּאַטש געשען, האָט נח בערדיטשעווער, איינער מיט אַ ווערעמיק מויל, שטייענדיק אין גאַס צווישן אַ רעדל מענטשן, האָט ער אַ וואָרט אַריינגעוואָרפן; אַז נאָך היינט, נאָך אַזוי פיל יאָרן, איז געבע אויך נישט אַוועקצומאַכן מיט דער האַנט. צווישן די באַ־לעגאָלעס האָט מען זיך געשושקעט, אָבער אַזוי, אַז נישט אַלי און נישט הלילה עמעצער פון די סוחרים זאָלן הערן; אַז דער קליינער ווייזט טאַקע אַרויס פּאַסטעמקעס פון אַן עושר. שוין היינט, שוין איצט, איז ער אַ — קליין חזירל. אַט אַזוי האָט מען זיך געשושקעט, און פּאַטשטן פון געזאָגט, פון גערעדט, איז געגאַנגען פון איינעם צום אַנדערן. ביז אַ חסיד האָט גענומען און אַלעס אָפּגעטראָגן צום רבין.

.3

דער רבי האָט אָפּגעפּטרט פּרי אַלע חסידים און חסידותטעס, וועלכע זענען געקומען זיך פּראַווען, געבליבן איז נישט מער, ווען מ'האָט צום רבין אַריינגעלאָזט, נפתּלי שוחט, אָדער ווי מ'האָט אים שוין גערופן נפתּלי גראָסמאַן, דער גבאי פּסח ליב. א ייד, שטאַרק אָנגעלערנט. אין דער יוגנט איז ער געווען א גרויסער סוחר פון וואַלד, פון געהילץ. א פייערדיקער חסיד דעם רבינס. שפּעטער, ווען ער האָט עטלעכע מאָל אָנגעזעצט און געוואָרן אויס סוחר, האָט אים דער רבי געדענקט דעם דאָזיקן זכות זיינעם, וואָס ער איז זיך געבער אמאָל גוט געשטאַנען, אים צו זיך גענומען און געמאַכט אים פאַר זיין ליב־מענטש און א שפּאַן נישט געטון אָן אים.

דער רבי אַלט און שוואַך. איינגעקאָרטשעט, מיט קליינע רויטע איינגעלעך גלייך ווי פאַרלאָפענע מיט בלוט, אָן וויעס, איז געזעסן אויף דער גרויסער פאָטער שטול. זייענדיק אַריבער די ניינציקער, איז ער שוין געווען אזוי קליין אז ס'האָט זיך געקאָנט אויסדראַכטן, אז דאָ איז געשען א טעות, אז עפּעס א — יונגל האָט זיך פאַרשטעלט, זיך צוגעקלעבט א לאַנגע באָרד און מאַכט זיך א שפּילעכל מיט רבי און חסידים.

ווען נפתּלי איז אַריינגעקומען, האָט ער געטראָפן, פּסח־ליבן אויסטרינקענדיק די שיריים פונעם רבינס קאַווע מיט מילך. האָט ער צו אים א בורטשע געטון: „נו אָ“ ווי איינער רעדט: נאָר א מינוטקעלע. דער רבי ווידער איז זיך געזעסן אויף דער גרויסער פאָטער שטול, די פיס האָט ער געהאַלטן אַויף א הויך פיסבענקעלע. אין דער לינקער האַנט האָט ער געהאַלטן א לאַנגען בורשטינענעם ציגאַר־שפּיץ אין וועלכן ס'האָט געשטעקט א ציגייער, וועלכער האָט מיט זיין פיינעם אַראָמאַט פאַרשמעקט דאָס גאַנצע צימער, מ'זאָגט, אז די דאָזיקע פיינע שמעקנדיקע ציגייערן, ברענגט אים איינער א רוסישער חסיד, א צוקער פאַבריקאַנט, אזש פון קאַווקאַז אָדער פון דער קרים, אין דער צווייטער האַנט האָט דער רבי עפּעס א ספרל געהאַלטן, האַרט לעבן די אויגן.

— אָט איז נפתּלי! — האָט זיך פּסח־ליב אָנגערופן — צוגייענדיק נאָענט צום רבין. דער רבי האָט אוועקגענומען דאָס ספרל פון די אויגן, זיך גוט איינגעקוקט אין נפתּלים פּנים און אזוי זיך געלאָזט הערן:

— מענטשישע לעפצן שמוצערן אויף דיר אוים אסך רכילות. נאָר השם יתברך, וועלכער איז א בוחן כליות ולב, דער וואָס פּרוווט די נירן און דאָס האַרץ פונעם מענטשן, נאָר ער אליין קאָן וויסן דעם אמת. האָדם, דער מענטש, רואה לעינים, ער קאָן נאָר זען מיט זיינע פליישישע אויגן, ואלקים יראה ללבב, גאָט אָבער קוקט אריין טיף אין מענטשנס האַרץ. וואָס קאָנען מיר מענטשן וויסן? א מענטש וואָס ווייסט? היום כאן ומחר בקבר, היינט איז ער דאָ, און מאָרגן? אָך! אָך! אָך! נעבעך אין קבר! אָך! אָך! אָך! — דאָ האָט זיך דער רבי עטלעכע רגעס אָפּגערוט און ווייטער אָנגעהויבן: — לכן, דערום האָמיר זיך געטראַכט, מיר האָבן זיך אפילו איבערגעשמועסט מיט אונדזער ר' פּסח-לייבן, אז ס'וואָלט א יושר געווען, אז זאָלסט אליין אוועקלייגן דאָס הלפל. ביסט שוין היינט בלי עין-הרע, א ייד אן עושר, צו וואָס טויג דיר נאָך דאָס שחיטות? איך האָב געהערט זאָגן, אז דו האָסט מיטן קריסט מאָדער א שטיקל וואלד געקויפט. דאָס ברעדעשטער וואלד. האָסט בדעה, זאָגט מען מיר, אנידערצושטעלן אין שטעטל א וואסער זעג. אוודאי איז דאָס זייער א שיינע זאַך פון דיין זייט. דורכדעם וועלן יידן קענען האָבן פּרנסה. אָך! אָך! די יידישע פּרנסות נעבעך זענען דאָך היינט בעונותינו הרבים, אזוי שטארק געשלאָגן, אזוי שטארק נידעריק. — דאָ האָט דער רבי א שטארקן צי געגעבן פונעם ציגאר שפּיץ און דאָס אש פונעם ציגאר איז אויפגעפאלן, אויפן שוואַרץ געבלומטען זיידענעם כאלאט. דער גבאי איז תיכף צו געלאָפן, אונטערגעהויבן א שפּיץ פון דער פּאָלע, אראָפּגענומען דאָס אש אין האנט אריין און אריינגעוואָרפן אין דער הרובע, מחמת דער רבי איז זייער פּעדאנט אויף ריינלעכקייט.

כל זמן דער רבי האָט גערעדט, איז נפתלי מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ שטיל געשטאנען. ער האָט אפילו דעם קלענסטן הוסט נישט געגעבן, כדי אים נישט צו שטערן. דערנאָך, ווען דער רבי האָט שוין געענדיקט, האָט ער מיט זיין צוקער-זיס חניפהדיק שמייכעלע זיך אָנגערופן:

— מיר איז דאָ, רבי לעבן קשה א זאך. ווי קומט עס וואָס איר זאָגט מיר אזוי וואָס? איך מיין... איר פארשטייט דאָך, ווי קומט עס וואָס דער רב, זאָגט עס נישט מיר? און אז מ'רעדט אוים אויף מיר בייזע רכילות, און אז מ'האָט חוקר ודורש געווען אז די רכילותן זענען אמת, פארוואָס אסרט ער מיר נישט די שחיטה?... נאָך א זאך: פארוואָס זאָל איך אוועקלייגן דאָס הלפל?

נבות היזרעאלי, הייליקער צדיק, האָט אויך נישט געוואָלט אװעקגעבן זיין גאָרטן דעם מלך אחאָב. פארוואָס? ווייל ס'איז געווען נחלת אָבות, ער האָט דעם גאָרטן געירשנט פון זיינע עלטערן.

— איך אויך, — הייליקער צדיק — איך האָב אויך דאָס חלפל געירשנט פון מיין מאַמע און מיין פאָטער פון מיין זיידע ר' יואל, און מיין זיידע, פונעם עלטער זיידע. אזוי דור אחר דור, איין דור נאָכן אנדערן. ביז צום ערשטן זיידע ר' יואל, וועלכער איז געקומען מיט די ערשטע מענטשן, מיט דער משפחה כתריאל, מיט דער משפחה בויץ און מיט די אנדערע משפחות וועלכע האָבן זיך דאָ אין דעם דאָזיקן קאנט באזעצט. ניין רבי! איך גיב נישט אוועק מיין ירושה! איך גיב נישט אוועק, דאָס וואָס איך האָב געירשנט פון אזוי פיל דורות! ניין!

אין דער דאָזיקן טאָג, זענען גערופן געוואָרן די נגידים, די אָנפירערס פונעם שטעטל, איינאיינעם מיטן רב צום רבין. און אלץ אין דעם זעלבן טאָג האָט די קהלה פונעם שטעטל באשלאָסן ארויפצולייגן אויף דער טאקסע פינף באן, סיי פון א גרויס אָדער א קליין עוף און צען באן פון א קיל פלייש. און, אין פנקס פון דער קהלה האָט מען איינגעשריבן אָט וואָס: „נפתלי שוחט, וועט בלייבן ווייטער שוחט, ביז וואנען, מיט גאָטס הילף, מ'וועט צונויפזאמלען דעם סכום געלט וואָס מ'דארף אים באצאָלן, לויט ס'האָט געפסקנט דער הייליקער צדיק און לויט דעם פסק דין פונעם רב". געחתמעט, זענען געווען: איציקוועך, בויץ, די נגידים פונעם שטעטל, און נאָך א פּאָר חתימות פון עטלעכע מענצערס און מעלער לעקערס... און דער וואָס האָט פארשריבן אלע פאסירונגען און מרעפעכצער וואָס האָט געטראָפן מיטן שטעטל אין יענער צייט, לאָזט ער א טרער און פארשרייבט אזוי:

— ויאָנחו, און זיי האָבן געקרעכצט, בני ישראל, אלע אָרעמע באלמעלאָכעס און באלעגאָלעס, מן העבודה, פון דער גרויסער און שווערער טאקסע, ויזעקו און זיי האָבן זיך געבונטעוועט. — ווו איז דאָס געהערט געוואָרן — האָט כאצקל קיזשנער זיך געהיצט און געשריגן; סיי א גרויס, סיי א קליין עוף איין פרייז, פינף באן! ווער פרעסט גרויסע פעטע הינער? דער נגיד. און אז אן אָרעמער באלעגאָלע אָדער באלמעלאָכע קויפט אמאָל אין א פורים אן איינגעדארט און איינגעקווארט הונדל, זאָל ער אויך אזוי פיל מוזן צאָלן? ווער פרעסט פעט פלייש? דער גביר. און ווער שטיינער מיט ביינער? דער אָרעמאן. אָבער צום באצאָלן איז יעדער גלייך! היינט זעט איר שוין ווען מ'וויל פארזאָרגן?

דאָ מוז מען צו געבן; אז נישט נאָר אָרעמע לייט, אָרעמע באַלמעלאָכעס און אָרעמע באַלעגאָלעס האָבן זיך געבונטעוועט. ס'זענען אויך נישט צופרידן געווען מיטן פסק, אויך א סאָרט באַלעבאַטים, מיטעלמעסיקע נגידים. זיי זענען ברוגז געווען, ס'האָט זיי פארדראָסן, פארוואָס מ'האָט צוגעפּסקנט פאר נפתּלי שוחט אזוי פיל חזקה געלט. זענען זיי ארויס מיט א געפּילדער און גוואַלדעס:

— ס'טייטש ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, אז דאָס באָד, דאָס הקדש, זאָל מען לאָזן איינפאַלן און אזא פלאָכטאַן זאָל מען אָנשיטן מיט אזוי פיל גאָלד?

דאָס מערסטע האָבן זיך געהיצט און פון דער הויט ארויס־געשפּרינגען: נח בערדיטשעווער און שייקעלע שוואַרץ. צוויי פּאַר־שוינען, וועלכע קיינער האָט נישט געוווסט, וואָס איז זייער באַ־שעפטיקונג, און פון וואָס אייגענטלעך מאַכן זיי שבת. אָבער דאָס האָט מען יאָ געוווסט, אז מיטן פּרעפעקט זענען זיי איין לעבן, און מיט דעם פּרעטאָר קריסטעסקו, שפּילן זיי דורך די נעכט אין קאָרטן. וויאזוי און פונוואַנען זיי קאָנען פירן אזעלכע שיינע באַ־לעבאָטישע שטובער, פון וואַנעט און וויאזוי זיי קענען וואַרפן אזעלכע שיינע נדבות, אָדער זיך א שנעל געבן ווי מ'זאָגט אין פּופּעק, זיך אויסשפּיינען מיט געלט ווען און ווו מ'האָט באַדאַרפט, אָט דאָס אלעס איז פאר יעדן א רעטעניש געווען. זיי, די דאָזיקע צוויי לייט האָבן זיך געשמאַק גענומען צו דער ארבעט. געהעצט די באַלמעלאָכעס אז ס'איז נאָר א הימל געשריי אזוי צו באַרייסן די אָרעמע, אז גענוג געריסן! און מיט א געשריי האָבן זיי אויסגעלאָזט:

— קיין אנדערער וועג איז נישטאָ, נאָר, אנאַנדערע קאָמוני־טאַטע! * און זיי, שייקעלע מיט נחלען, זיי וועלן שוין אכטונג געבן, אז קיינער פון די באַלעגאָלעס אָדער באַלמעלאָכעס, זאָלן מער נישט געקריוודעט ווערן. איינעם וועט מען פארזאָרגן, אָן א באַן געלט, אז די קינדער זיינע זאָלן גיין אין דער תלמוד תורה, אנאַנדערן וועט מען קויפן א פערד און וואָגן און אזוי ווייטער. וואָסזשע, ס'איז נישטאָ געלט אין דער קאַסע?

גאָר מיט אנאַנדער לידל זענען זיי געקומען, צו די פּאָר נגידים, וועלכע זענען נישט צופרידן געווען. צו זיי, האָבן זיי אזוי גערעדט:

— איר ווילט זיך נוקם זיין אין דעם פלאָכט? אהער מיטן געלט! ווייל קיין שום זאַך ווערט אָן געלט נישט געטון. און

* קאַמוניטאַטע — קהלה

אויב איר וועט אונדז העלפן אז מיר זאָלן אריין אין דער אָנפי־רונג פון דער קאָמוניטאַטע; דעמלט וועלן מיר אייך אייער געלט אָפּגעבן מיט פּראָצענט. — מיט באָמבעןּ, האָבן זיי גערעדט גאָר עזותדיק. צו אים, זענען זיי ארויס, מיט גאָר אנאנדער לשון:

— איר זענט דאָך עפּעס א ייד א חכם. דארפט איר אליין פארשטיין, אז אויב איציקווער איז דאָרט, מוזט איר זיין דאָ און — ארויס מיט דער באָמבע!

באָמבע, איז בטבע א גרויסער קמצן. ער האָט זייער געוואָלט געבן, נאָר ער האָט מורא געהאט אז שייקעלע מיט נחלען, זאָלן אים נישט פירן אין באָד אריין. איבער דעם, האָט ער אלץ גע־פרעגט:

— נארט איר מיך נישט אָפּ, וועט איר מיר אָוועגוון... אזוי איז זיין שטייגער געווען פון רעדן; א „ב" מיט א „פ" איז ביי אים ארויסגעקומען: „וו". — אָווגעוועןּ, אָווגעוון! — האָבן שיי־קעלע מיט נחלען געלאכט — וואָסזשע? איר ווייסט נישט, אז קהל האלט אוים? קהל איז שטארקער פון אייזן!

שבת אינדערפרי, האָט באצקל אין קיזשנערישן שילעכל געשריגן:

— מיינט נישט, אז שייקעלע שווארץ מיט בערדיטשעווערן, מיינען אונדזער טובה. מיינט נישט, אז ווען די דאָזיקע שנאפּא־נעס וועלן אריין אין דער אָנפירונג פון דער קאָמוניטאַטע, וועלן זיי מאקע מקיים זיין דאָס וואָס זיי זאָגן צו אצינד. זיי וועלן נאָך מער העלפן, רייסן אונדזער הויט, כדי מ׳זאָל קענען בא־צאָלן די צינזן פאר די נגידים. — נפתלין באצאָלן, די נגידים באצאָלן. קיינמאָל וועלן מיר זיך נישט קענען אָפּטרעסן פון די חובות!

— וואָסזשע ווילט איר? — האָט אים בורמאן אָנגעכאפּט ביים לאץ — וואָסזשע ווילט איר? אז מ׳דארף דאָך פאָרט אָנ־קומען צו זיי! — וואָסזשע, איר קענט אפשר אָנפירן מיט א שטאָדט? א שטאָדט, איז דיר נישט אָנטרייבן, פערד און וואָגן! א שטאָדט, איז דיר נישט אויפנייען א קאצאווייקע, מאכן א קוטשמע! מ׳דארף אמאָל מיט א פרעפעקט ריידן, אמאָל מיט א מיניסטער, אָדער אפילו מיטן פרעמטאָר. איר טוינט אייך אפשר אוים דערצו? זאָגט, אדרבה שעמט אייך נישט! — אז ס׳איז נישטאָ פאפע גייט מען ליולע! האָט בורמאן נעענדיקט מיט א לאך.

— וואָסערע געגרז? וואסערע גריוון? — האָט באצקל נאָך העכער געשריגן. וואָס פארדרייט מען אייך די קעפ מיט מינים־מערס, מיט פּרעפעקטן, מיט פּרעטאָרס? דאָס פארבלענדזט מען אייך אזוי די אויגן! איבערדעס, דארפן זיי איבער אונדז הער־שעווען? איבערדעס דארפן מיר זיי אויסוויילן כדי ווען מ'וועט אמאָל אין א יובל דארפן מיט א מיניסטער ריידן?

באצקעלס ווערטער, זענען אָבער געפאלן, אזוי ווי אין ווינט אריין. קיינער האָט אים שוין נישט געהערט. וואָרעם קיינער האָט אים נישט גערעכט געגעבן. — וואָס פאר א פאָרשטייער, אז מ'קען נישט מיט א פּרעטאָר, מיט א פּרעפעקט זיך דורכ־שמועסן? — אזוי האָבן די באלמעלאָכעס געטראכט און געצויגן מיט די אקסלען.

באצקלען האָט עס זייער געבראָטן, ווייל ער האָט געזען ווי שטארק אָפּגענארט זענען די באלמעלאָכעס, די באלעגאָלעס און נישט ווויסנדיק, נישט פארשטייענדיק, העלפט צו אזא בורמאן פאר אזעלכע שנאפּאנעס, פאר אזעלכע פארשווינען, וועלכע קוקן ארויס אויף אזעלכע לעקעבלעד, אויף אזעלכע געבראָטענע טויבן. אריין אין דער קהלה, באצקען זיך, מיט געלטער, מיט קהלס געלטער און גראטשן פאר זייערע קעשענעס, וועלכע זענען אָן א דנאָ. האָט עס אים ווי מ'זאָגט באנעמען ביי דער לעבער און ס'איז אים געווען גלייך מ'וואָלט אים א מעסער אין הארצן אריין געזעצט, דערום איז ער גיך ארויף אויפן באלעמער, אזעץ אין שלחן געגעבן און מיט שוים אויפן מויל געשריגן:

— צום לעצטן מאָל, וואָרן איך אייך. בארעכטנג אייך גוט, וואָס איר טוט! און צו בורמאן זיך ווענדנדיק, האָט ער געזאָגט — און דו נארישער קאָפּ, דו וועסט דער ערשטער זיין, וועלבער וועט אין הארצן על חטא זיך קלאָפּן! — דאָס זאָגנדיק, האָט ער זיך אויסגעדרייט און מיט גיכע טריט ארויס פונעם שילעכל.

קאַפּיטל ט

די באַלמעלאָכעס און באַלעגאָלעס פונעם קיזשנערישן שילעכל, פארקוקן זיך אויף דעם, וואָס ס'קומט פאָר אין יענער זייט פרוט

א זומער איז אוועק. דער ווינטער איז געקומען. דער דאָזיקער ווינטער איז אויך אוועק און ס'האָט זיך באוויזן דער ליבער פרילינג. ס'האָבן זיך געשטעלט גרויסע ירידים. און, כאָטש דאָס גערעטעניש איז שטארק גרויס געווען, דאָך איז דער דלות נאָך שטארקער געווען. אזוי, אז ס'איז א ווערטל אומגעגאנגען: „וואָס קומט מיר ארויס, אז דער אָקס קאָסט נישט מער ווי א באַן, אז איך האָב נישט דעם באַן?“.

די פאָרשטייער פון דער קהלה, האָבן זיך שוין עטלעכע מאָל געביטן. אָט זענען צו דער מאכט געקומען די נפתליסטן; דאָס זענען די, וועלכע האָבן געזאָגט; אז נפתלין דארף מען באַצאָלן זיין חזקה געלט, און אָט, האָבן נח מיט שייקעלען זיי איבערגעקערט מיט דער הילף פונעם פרעפעקט, און ארויפגעזעצט די להכעיסיסטן. ביידע, סיי די נפתליסטן, סיי די להכעיסיסטן, האָבן געהויבן די טאקסע. אזוי ווייט, אז די עשירים זענען נעבעך געצוווּנגען געווען צו עסן תמיד נאָר פעטע גרויסע עופות, מחמת די טאקסע איז געווען א הויכע. און אפילו די נפתליסטן, ווען זיי זענען ביי דער מאכט געווען, האָבן זיי, פאר זייערע ווייבער אָנגעזאָגט; אז למען השם, זיי זאָלן ליבערשט קויפן איין עוף א גרויס און א פעטס איידער צוויי קלייגערע און מאָגערע, וואָרעם איינס א גרויס, איז תמיד שפּאָרעוודיקער.

אזוי, איז אוועק מיט מחלוקתן און קריגערייען, א היפשע צייט. א יאָר, צוויי, אפשר ווייניקער, אָדער אפשר מערער. ביידע פארטייען, אי די נפתליסטן, אי די להכעיסיסטן, האָבן תמיד צו הילף גענומען די באַלעגאָלעס, די באַלמעלאָכעס. זיי צוגעזאָגט

גילדענע בערג, נאָר דעם אנדערן טאָג איז געווען ווי פריער. ס'האָט זיך מיט גאָרנישט געביטן. האָבן די באַלמעלאָכעס מיט די באַלעגאָלעס זיך ארומגעקוקט און געזען ערשט אצינדערט, אז גערעכט איז טאַקע געווען כאצקל קיזשנער, ווען ער האָט געשריגן; אז מ'זאָל זיך גוט עפנען די אויגן. אז די דאָזיקע אויסוואורפן, מיינען נאָר זיך, נישט אונדז. בורמאַן, האָט שוין מער נישט געלאכט, ער האָט זיך, ווי אַזוי כאצקל האָט גביאות געזאָגט, געקלאָפּט אין הארצן „על חטא“, זאָגנדיק; „פריער גאָט דערנאָך כאצקל!“ אָבער וווּ איז ער? וווּ איז זיין געביין אהינגע־קומען? וווּ איז ער פארפאלן געוואָרן? דאָס האָט קיינער נישט געוווּסט צו זאָגן. ווער ס'וואָלט יאָ געקענט זאָגן, ווו כאצקל געפונט זיך און וואָס אפשר זיין טועכץ איז, א דאָס וואָלט נאָר געקענט אפשר וויסן איין מענטש אליין. און דאָס איז געווען אלי, אלי באַלעגאָלע. צו אים אין שטאַל אריין זענען אָפט גע־קומען יאָן און וואסילע. און ער, אלי, קען, שווערן, אז ער ווייסט נישט וויאזוי און וואָרומעט, נאָר ביי יעדעס מאָל ווען די דאָ־זיקע צוויי פּויערים פלעגן אים ארויסשיקן, אז ער זאָל זיי ברענגען די מינדסטע זאך, ווען ער פלעג זיך צוריק אומקערן, האָט ער זיך געמעגט זוימען א רגע, האָט ער דאָרט געפונען כאצקלען. וויאזוי ער פלעג דערשיינען, וויאזוי ער פלעגט פאר־שווונדען ווערן, א דאָס איז פאר אלין געווען א רעטעניש. א גרויס רעטעניש! סיידן נאָר פון דורך דער יאסלע.

. . . .

אין יענער צייט, האָבן אָנגעהויבן אריבער צו קומען פון יענער זייט גרענעץ, יידן און אויך נישט יידן. זיי האָבן דער־ציילט, אז אויף יענער זייט פרוט, טוען זיך אָפּ עפּעס שרעקלעכע זאכן. פּויערים צינדן באַיארישע הויפן, אין פּעטערסבורג און אין מאָסקווע מארשירן, צענער און הונדערטער טויזנטער ארבעטער מיט רויטע פענער. תחלת האָבן די דאָזיקע ארבעטער פארלאנגט, נאָר אכט שעה אין טאָג ארבעטן. דערנאָך אנדערע זאכן, איצט מאָנען זיי שוין, אז דער באטיושקא צאר, זאָל אראָפּגעזעצט ווערן. ס'איז דאָרטן, — האָט מען געזאָגט — א רעוואָלוציע.

אין שטעטל איז דאָס דאָזיקע וואָרט דורך ווי א שטורעם מיט א בליץ אינאיינעם. וועמען ס'האָט אויפגעלעבט און וועמען ס'האָט זאטשמעליעט. און, איינער דעם אנדערן האָט מיטגע־טיילט די נייעס:

— האָסטו געהערט? אין רוסלאַנד גייט א רעוואָלוציע! ווייַ צו מיינע יאָר! האָט מען אָבער אזא מענטשן געגעבן א פרעג; „וואָסזשע איז דער אומגליק אזוי גרויס?“ איז ער געבליבן מיט דער צונג אינדרויסן נישט וויסנדיק וואָס צו ענטפערן. איי־נער האָט געזאָגט אזוי, דער אנדערער פארקערט, דער דריטער איז ברוגז געוואָרן: ס'טייטש דו ווייסט נישט וואָס דאָס איז? ס'איז שוין איינמאָל גוט, פרעג שוין גאָר נישט!...

דאָס דאָזיקע שרעקלעכע וואָרט, האָט מען אויך אויף פאר־שיידענערליי אופנים אויסגעטייטש, פארנאכט צווישן מנחה און מעריב אין די קלייזלעך און שילעכלעך פונעם שטעטל. נח בער־דיטשעווער למשל האָט פאר באַמבען אזוי פארטייטשט:

— וואָס פארשטייט איר גישט? איר זענט דאָך עפּעס א ייד א חכם? רעוואָלוציע הייסט; מ'טוט צו דיר א קום אריין, מ'נעמט ביי דיר צו פון דארונטער און פון דער אויווען און מ'לאָזט דיך אָפּ ווי א פרייעם פויגל, אָדער ווי אַן אָפּגעפליקטע גאנדז.

— וואָס הייסט מ'נעמט צו? — עקשנט זיך באַמבע — איך וועל פּלעטן יעדן דעם בויער! באאן האַרעוואַניע?

— קאָנסט פּלעטן, איינעם אָדער צוויי, — רופט זיך אָן שיי־קעלע — אָבער נישט אזוי פיל! אז מ'טוט א קום אריין צו דיר אזוי אָ! וואָס האָסטו דערפון? — ענדיקט ער נישט וואָס ער האָט פריער געוואָלט זאָגן — אז ווייַ צו אונזערע יאָרן. מיר זען שוין שיין אויס. וואָס מיר האָבן דערלעבט! ווייַ! ווייַ! און יעדער איז אוועק מיט טרויעריקע געדאנקען: — ווייַ! ווייַ! וואָס מיר האָבן דערלעבט! ווייַ! ווייַ!

.2

אין קיזשנערישן שילעכל איז לעבעדיק, דאָ טייטשט אויך יעדער דאָס דאָזיקע וואָרט, אויף זיין שטייגער. נאָר דאָ, אין דעם שילעכל, איז נישטאָ דער טרויער, די פארצווייפלונג וואָס ס'האָט געהערשט אין יענע שילעכלעך. דאָ איז דאָ א מין געהויבענקייט, א מין פרייליכקייט. נאָר, טאָמער פרוווט וועער אריינצוווארפן דאָס וואָרט: „רעוואָלוציע“ און אז עמעץ טוט ביי אים א — פרעג: — נו, וואָסזשע איז מיט דיר די גדולה אזוי גרויס? בלייבט דאָ, יענער אויך, מיט אן אָפן מויל, אָפּ־

הענטיק; ער ווייסט געבער אויך נישט פון וואָס צו זאָגן. ער הויבט נאָר אָן צו בעבען עפּעס אומפארשטענדלעכע ווערטער:

— ווי הייסט? ס'טייטש? רעוואָלוציע, איז ביי דיר עפּעס א קלייניקייט?

מיט אמאָל האָט זיך די טיר פונעם קליינעם שילעכל גע־געבן א פּראַל אויף און אויף דער שוועל איז געבליבן שטיין באצקל קיזשנער. א יעדער איז געבליבן ווי פארשטארט. ער, נאָך וועלכן מ'האָט אזוי געבענקט, אָט איז ער דאָ? און אז דאָס פארשטארקייט האָט נאָך געלאָזט, און דער עולם האָט זיך רירן גענומען און ארומצוסטאָספּעווען, דעם, אויף וועמען מ'האָט אזוי לאנג ארויסגעקוקט, האָט מען ערשט געזען אז ער איז נישט אליין. נאָך אים האָבן זיך געגעבן א לאָז פון דער שוועל אינעווייניק אין שילעכל אריין; אלי און נאָך עפּעס פּאר־שוינען.

באצקל איז מיט גיכע טריט צו צום שלחן, געגעבן א זעץ מיט דער דלאָניע און אָנגעהויבן בזה הלשון:

ברידער! שוין פון אזוי פיל יאָרן, ווי דאָס מחלוקת צווישן די נפתליסטן און להכעיסיסטן גייט אָן און איר פרעגט אייך נישט; ביז ווען? ביז ווען איז דער שעור אז מיר זאָלן זיין דאָס כפּרה הינדל? האָט זיי, פאר די שיינע לייט, גאָט באשערט א נפתלי שוחט, מיט חזקה געלט, מיט רבנים, מיט דין תורות און פון אונדז שינדט מען די הויט. מ'לייגט ארויף נאָך אמאָל אויף דער טאקסע און ווידער אמאָל אויף דער טאקסע. ווער זשע אָבער באצאָלט? מיר. ווער צאָלט „טאקסע? אפשר זיי? די נגידים? ניין! מיר באצאָלן, ווייל מיר זענען דאָס רוב. מיר זענען מערער פון זיי. מיר באלמעלאָכעס, באלעגאָלעס, מיר עסן דארע מכות און צאָלן. זיי אָבער פרעסן פעטע גענדז, געשטאָפּטע קאטשקעס, גרויסע שווערע הינדיקעס און זיי צאָלן נישט אמאָל איין פּראָ־צענט וויפל מיר צאָלן. און צום סוף זענען זיי נאָר אונדזערע פארזאָרגערס! זיי פּאצקען זיך מיט אונדזער האָרעוואניע מיט אונדזער בלוט! דערום זאָג איך; א סוף זאָל עס נעמען! מיר דארפן נישט קיין פרעמדע פארזאָרגערס. מיר וועלן זיך שוין אליין פארזאָרגן. נידער מיט דער טאקסע! נידער מיט אלע בעלי־טובהניקעס!

ווען באצקל האָט אויסגעשריגן: „נידער" האָבן, די אזוי אויך ציטעריקע און שוואכע ווענט ממש זיך געטרייסלט פון די פילע „נידערס", וועלכע די באלעגאָלעס מיט די באלמעלאָכעס האָבן אונטערגעכאַפּט און אויסגעשריגן. אז באצקל האָט דעם אָטעם

אָפּגעכאַפּט, איז בורמאַן געגעבן אַ שפּרינג אַרויף אויף אַ באַנק און זיך צעשריגן:

— אַזאַ יאָר שוין אויף מיר, ווי כאַצקל איז געדעכט. נאָר ער, כאַצקל, האָט פאַרגעסן, אַז אַ חוץ אונדזערע שונאים, די נגידים, זענען נאָך פאַראַן אַ נח בערדימשעווער מיט אַ שייקעלע שוואַרץ. פאַרכאַפּט זאָלן זיי ווערן. זיי זענען טויזנט מאָל אַרגער פון די נגידים. יאָ, טויזנט מאָל. ווייל זיי, זענען זייערע משרתים, זיי פאַרשטעלן זיך אַז זיי זענען אונדזערע גוטע פריינט און ריידן אונדז איין אַז זיי זענען אויסן אונדזער טובה. איבערדעם ברידער אַ גרויסן און אַ שטאַרקן נידער פאַר זיי, פאַר נח בערדימשעווער מיט שייקעלע שוואַרץ. פאַרכאַפּט זאָלן זיי אונדז ווערן!

— נידער! נידער! — האָט דער עולם מיט געשריגן. — און כאַצקל האָט פאַרענדיקט און געזאָגט: דערום זאָג איך; זאָל לעבן, די עמך! די שער און אייזן! די רעדל און בייטש־שטע־קעלע! די אמתע פרייע קאָמוניטאַטע פריי פון אַלע בעלי־טובהניקעס, גראָבע פּופּעקעס, זיידענע יונגע לייטלעך.

— זאָל לעבן! האָבן אַלע מיטגעשריגן.

ווען אַלע האָבן זיך שוין גענוג אָנגעשריגן, האָט כאַצקל נאָך אַמאָל אַ זעץ געגעבן איבערן באַלעמער:

שאַט רבותי! גענוג געפּילדערט, גענוג געליאַרמט. איצט וועל מיר זיך נעמען צו דער אַרבעט. קודם כל, זאָלן מיר זען; מי ומי ההולכים? דאָס הייסט; לאָמיר זען, מיט וועמען גייען מיר דאָס צום טיש? לאָמיר אויסקלייבן פון צווישן אונדז אַ פּרע־זידענט און אַ וויצע־פּרעזידענט. אַ סעקרעטאַר און אַ קאַסירער, אַזוי ווי מ'איז זיך נוהג... און, מ'האָט שוין געהאַט אָפּגעקליבן אַ קאָמיטעט, מיט כאַצקלען בראש, אַלין פּיקס און פּאַרטיק אַזוי ווי מ'איז זיך נוהג, און זיי האָבן זיך שוין געוואָלט געבן אַ לאָז צו די גראָבע פּופּעקעס, צו די זיידענע יונגע לייטלעך, אַזוי ווי מ'האָט אָפּגעשמועסט, זיי זאָגן דעם פּסוק, און זיי אוועקשיקן צום רוחס מאַמען אַריין, האָט מען זיך געגעבן אַ כאַפּ אַז ס'איז שוין זייער שפּעט, און דער האָן האָט שוין פון לאַנג אויסגע־קרייעט זיין געוויינטלעכן קוקוריקו, וועלכן ער קרייעט אויס אין מיטן דער נאַכט, איז געבליבן, אַז מען זאָל די דאָזיקע אַרבעט אָפּלייגן אויף מאָרגן אינדערפרי.

.3

בלילה ההוא. אין דער דאָזיקער נאכט — דערציילט דער קראַניקער פון יענער צייט — זענען אסך אנטלאָפענע פון רוס־לאנד, אריבער געשוווּמען דעם פּרוט און דערציילט אזעלכע מעשיות, אז די האָר פונעם קאָפּ האָבן זיך איינעם געשטעלט קאפּויער. למשל: האָט מען דערציילט; אז דעם צארס מיניס־טער. איינער איגנאטעוו, איז געקומען צום צאר און אים אזוי געזאָגט:

— אדוני קיסר אויב דיין גוטער ווילן איז, בעט איך דיך, אז זאָלסט מיך נאָר לאָזן, וועל איך דיר אדוני קיסר באווייזן, וואָס איך וועל טון מיט דעם מאניפעסט, וואָס דו האָסט באווי־ליקט ארויסצוגעבן פאר דיינע אונטערטאנען, פאר דיינע פעלקער. און אז דער צאר, האָט אים די דערלויבעניש געגעבן, האָט זיך איגנאטעוו גענומען געשמאק צו דער ארבעט... א בהלה, — דערציילן די אנטלאָפענע — איז געוואָרן אין גאנצן לאנד. א מו־ראדיק וואָרט, איז אין די בהלה טעג אויפגעקומען, פּ־אָ־ג־ר־אָ־מ־ע־ן! איגנאטעווס מענטשן, זענען ארומגעפאָרן איבערן גאנצן לאנד, — אויפגערייצט אויף יידן. שלאָגט יידן! הרגעט יידן! אזוי האָבן זיי געשריגן. איינמאָל, — דערציילט דער קראַניקער — זענען די דאָזיקע לייט געקומען אויף אן אָרט, ווי א ייד איז אויף א רפואה נישטאָ. — זענען זיי זיך באגאנגען, מיט טשוואשן, אויך אזא מין פאָלק. — און אזוי איז אוועק א סדרה פון פּאָגראָמען איבערן גאנצן לאנד. אין די דאָזיקע בהלה טעג — דערציילט ווייטער דער קראַניקער — האָט מען אויך נישט פארגעסן, זיך אויך אָפּצורעכנען מיט די פאבריק־ארבעטער וועלכע האָבן אלס פּראָטעסט געוואָרפן די ארבעט און ארויס אויף די גאסן מיט רויטע פענער. א טייל האָט מען דערהרגעט, אטייל געמאכט פאר קאליקעס און נאָר א גרויסן טייל אָנגע־פולט מיט זיי די תפיסות... דער צאר, איז פון איגנאטעווס שפּיקל ארבעט, גאָר צופרידן געווען...

.4

פּארטאָג, נאָך דעם וואָס ס'האָט זיך פארלאָפן אין קיזש־נעריש שילעכל און נאָכדעם וואָס מ'איז דערפארן, וויאזוי פרעמדע מענטשן זענען אריבער דעם פּרוט, און דערציילט וואָס

ס׳טוט זיך דאָרט אין יענער זייט, אין יענעם פּאַרטאָג, איז א פורל צוגעפאָרן אין עק שטעטל צו דער דירה פון כאצקל קיזשנער. אין דעם דאָזיקן פורל זענען צוויי פויערים געזעסן, אונדזערע צוויי באקאנטע פויערים: יאָן און וואסילע. זיי האָבן אים אויפגעוועקט, און מיט אים אוועק צו אלין אין שטאל אריין. זיי, וואסילע מיט יאָנען, זענען ביי דער מיינונג געווען, אז כאצקל זאָל שוין, אין דער מינוט מיט זיי אוועק אין דאָרף אריין, כאצקל האָט אָבער דערפון נישט געוואָלט הערן, מחמת ער קאָן נישט, זאָגט ער, איבערלאָזן אן אָנגעהויבענע זאך אינמיטן, דאָס איז אָבער יאָ באשטימט געוואָרן, אז וואסילע מיט יאָנען זאָלן זיך נאָך אין שטעטל פארזוימען און זיך דרייען ארום שילעכל, און אויב זיי וועלן זען עפּעס א געפאר, זאָלן זיי אים ארויסראטעוון.

דעם אנדערן טאָג אינדערפרי. דאָס קיזשנערישע שילעכל איז פול געפאקט. כאצקל מיט זיין קאָמיטעט, וועלכע זענען נעכטן אויפדערנאכט אויסגעוויילט געוואָרן, שטייען אויפן באלעמער. אויף די פּנימער פון די באלמעלאָכעס איז שוין נישט געווען די נעכטיקע האָפערדיקייט. אין גאנצן שטעטל האָט מען שוין געוווסט, אז אין רוסלאנד, איז נישט פריילעך. בורמאן האָט דערציילט:

— היינט אינדערפרי, ווען איך בין געגאנגען אָנפּאָיען די פערד, האָט מיך ס׳רעבעלע, דאָס דאָזיקע ווערעמדיקע יידעלע, באגעגנט און זיך מיט מיר גערייצט: „א מצווה“ — האָט ער געשריגן — „איר האָט שוין געמיינט אז אין רוסלאנד וועלן ווערן אנדערע פּאַראָנדקעס!“ — און ווייסט איר, וואָס ס׳האָט דערציילט היינט שייקעלע, און דער חברה ג״ח? — האָט בורמאן ווייטער געשריגן — ער האָט דערציילט, וויאזוי מ׳האָט געמאכט א פּאָגראָם אויף יידן אין קעשענעוו. און, אז באָמבע האָט דאָס געהערט, וויאזוי מ׳האָט ביי יידישע טראָגנדיקע פרויען די בייכער אויפגעשפּאָלטן און אָנגעפולט מיט עפּעס אנדערש, האָט ער געוואָלט וויסן צי האָט מען אזוי געטון אויך פאר נגידישע ווייבער. אז ער האָט געהערט אז פונעם פּאָגראָם, האָבן ווייניק וואָס געליטן די רייכע לייט, האָט ער זיך מיט זיין באשטענדיק פארלייגטער נאָז אָנגערופן: „איז דאָך נישט אזוי געפערלעך!“ נפתלי שוחט, — דערציילט ווייטער בורמאן — ער, האָט פארגלייזט די אויגעלעך און געזאָגט: „מיט דעם וואָס מ׳האָט נישט אויסגעראָטעט אלע יידן פון רוסלאנד, זעט מען בחוש, אז דער צאר איז א מלכות חסד, און ס׳איז טאקע, נאָר

משיחס צייטן"... נאָר דאָ, האָט כאַצקל מער נישט אויסגעהאַלטן, געגעבן אַ זעץ מיטן קולאַק איבערן שולחן און זיך צעשריגן:

— זעט איר שוין, ווער אונדזערע פאַרזאָרגערס זענען? זעט איר שוין, ווי נאָר מיר, דאַרפן תמיד אויסגיסן די באָד! טאַקסעס צאָלן, מיר! און אַז כוליגאַנעס שניידן אויף בייכער, איז נאָר ביי אונדז. און, באַמבע איז דערפון צופרידן, ס'איז אויף אים אַ גדולה! „נו, איז דאָך נישט געפערלעך", טאַנצט ער אַזש פאַר פרייד... גיין ברידער, מיר טאָרן אַזוי וואָס מער נישט צו לאָזן. טאַקסעס פאַר זייערע מחלוקתן, וועלן מיר מער נישט געבן. טאַקסעס, כדי זיי זאָלן זיך אויספירן זייערע אַמביציעס טאָרן מיר מער נישט צאָלן. שפּאַלטן בייכער, וועט מען אויך נישט באַשטענדיק. לאָמיר אָבער נישט שטיין. לאָמיר גיין אהין צו די שיינע מענטשעלעך, לאָמיר זיי דעם פּסוק זאָגן און אַ סוף זאָל עס נעמען מיט אַן עק!!... נאָר דאָ איז געשען אַזוי וואָס, אויף וועלכן כאַצקל האָט זיך נישט גערעכנט. — ווען ס'איז געקומען צו דער רעכטער מעשה, ווען מ'האָט שוין געדאַרפט גיין, אַזוי ווי מ'האָט אָפּגערעדט, איבערנעמען די קהלה, גרינדן אַ נייַ קאָמיטעט, וועלכע זאָלן זיין די אמתע פאָרשטייער פון די יעניקע וועלכע צאָלן און ווייסן נישט, וועגן וואָס און צו וואָס. ווען ס'איז גקומען, זאָגן מיר, צו דער דאָזיקער אַנטשיידענדיקער מינוט, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז נישט אַלע זענען ראוי צו דעם דאָזיקן גרויסן געשעעניש, נישט אַלע זענען שוין דערוואַקסן דערצו. אַז ס'וועט שוין זיין פּיקס און פּאַרטיק, מהיכא תיתי, אָבער אַזוי!... דער, האָט מורא פאַר באַמבען, דער פאַר שייקן, און דעם גאָר, האָט דאָס ווייב אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל זיך נישט מישן. אַ הויץ דעם קאָמיטעט, אַלי, בורמאַן און נאָך אַנדערע וועלכע זענען געשטאַנען אַרום כאַצקלען, איז קיינער נישט צוגעטרעטן און קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן אַז ער איז גרייט מיטגיין אַראָפּצוואַרפן די אויסגעאיידעלטע פאַרשוינען. כאַצקל האָט זיך ביטער צולאַכט:

— איך זע שוין ווי איך האַלט. — האָט ער זיך אָנגערופן — אויף וועמען איך האָב זיך פאַרלאָזט. אַזוי זענט איר קנאַקערס, אויף ליאַרמען, פּילדערן, אַרויסשטעלן אַ צונג הינטערן נגידס פּלייצעס, ווען ס'קומט אָבער צו עפּעס איז קיינער נישטאָ אינ־דערהיים. וואָס איז אייך באַפאַלן אַזאַ מורא? וואָס ציטערן ביי אייך אַזוי די קנעבל? איר האָט דאָך נעכטן אַזוי שיין געשריגן: „נידער מיט שייקעלען, נידער מיט נחלען, נידער מיט אַלע שיינע מענטשעלעך". נאָר דאָ אין שילעכל זענט איר ווילע יונגען

ווען די נפתליסטן מיט די להכעיסיסטן הערן אייך נישט. כאָטש, צוריקגעשמועסט דארפן זיי מורא האָבן פאר אייך. נישט איר פאר זיי. ווייל איר זענט דאָך מערער פון זיי, איר זענט ס'רוב. איר זענט שטארקער פון זיי. איר אָן זיי קאָנט אייך באגיין, זיי אָבער, אָן אייך קאָנען נישט. אלעס וואָס איר זעט, איז דאָך פון אייך, אייערס, פון אייער פראצע, פון אייער האָרעוואניע!... פונדעסטוועגן, אז ס'קומט צו רייד, אז מ'זאָל זאָגן פאר אזעלכע פארשווינען: הערט נאָר איר לייט, מי שמך? ווער האָט אייך געשטעלט, איר זאָלט זיין באלעבאָס איבער אונדז, איבער אונדזער באלעבאטישקייט? — כאפט אייך אָן א קדחת! — עהע! ס'וועט נאָך אסך נעמען ביז מ'וועט ארויסרייסן פון אייך אָט דעם אָפשיי, אָט דעם דרך ארץ פארן נגיד. צי פארדינט ער יאָ אָדער נישט, אז איר זאָלט פאר אים דרך ארץ האָבן. עהאָ! ס'וועט נאָך אסך נעמען, אסך געדויערן ביז מ'וועט פון אייך ארויסשלאָגן דעם געדאנק; אז דער גביר שטייט העכער פון אייך, אז ער האָט מער שכל פון אייך, דערפאר ווייל ער איז אן עושר. ס'וועט נאָך אסך געדויערן, ביז מ'וועט אייך אָפּגעוווינען פונעם געדאנק; אז ווער ס'האָט די מאה, דער האָט אויך די דעה! אָדער: „ווער ס'האָט געלט, האָט די וועלט און אוודאי אויך יענע וועלט“!

אָט אזוי, האָט כאצקל גערעדט און זיך געהיצט, געווען אויפגערעגט. ביז צום סוף האָט ער געגעבן א מאך מיט דער האנט, און געזאָגט:

— גו, מילא מיר זענען דאָך אויסגעוויילטע פון אייך, מיר שרעקן זיך נישט. מיר וועלן אליין גיין. מיר וועלן ריידן אין אייער נאָמען... דער גאנצער קאָמיטעט, האָט זיך געגעבן א לאָז צו דער טיר, גיין צו יענע לייט, זאָגן זיי דעם פסוק און זיי שיקן צו אלדי רוחות. מ'האָט זיי אָבער פארשפאָרט א טרחה.

זיי, די שיינע לייט, די ביי זיך אָפּגעפיינטע מענטשעלער, זענען געוווּיר געוואָרן, אז די באלמעלאָכעס מיט די באלעגאָלעס גרייטן זיך צו מאכן א רעוואָלוציע, האָבן זיי אָפּגערעדט און צום קיזשנעריש שילעכל געשיקט, בערל ביין-ברעכער, אייזיקל אָקסן-קעפל און נאָך אזעלכע, וועלכע פאר געלט זענען זיי גרייט צו דינען דעם גביר, און ווען דער גאנצער קאָמיטעט איז שוין געשטאנען גרייט ארויסצוגיין האָט זיך די דאָזיקע כאָפּטע געגעבן א לאָז אריין מיט א הוק און מיט א סטוק און געשריגן מיט באנומענע קולות:

— א וו איז ער? וו איז ער דער סיציליסט? מיר ווען איז ער דער סיציליסט? מיר וועלן אים ווייזן!

— ווע מען? וואָסער סיציליסט? זענט איר משוגע געוואָרן?

— אָט יענעם אָ! אייער כאצקעלע! אָפּשמדן וויל ער אייך. ציון. שטייט אים נישט אָן! סיציליזם וויל ער! דעמאָקראטיע דארף ער. מיר וועלן אים באלד ארײנפּייערן אז ער וועט האָבן צו געדענקען. אפילו זיינע אייניקלעך וועט ער אויך דערציילן... און זיי האָבן זיך געגעבן א וואָרף צו כאצקלען.

מיט אמאָל האָט זיך די טיר ברייט אויפגעפּראלעט, און ס'זענען ארײן יאָן, וואסילע, דערזען זיי, זענען די יונגען גע־בליבן אָפּהענטיק, אָן לשון. וואסילע מיט יאָנען האָבן דערווייל געגעבן א כאפּ כאצקלען און זענען מיט אים ארויס.

עטלעכע מינוט האָט אין שילעכל געהערשט א בית־עולם שטילקייט. קיינער האָט נישט געוואגט דאָס מויל צו עפענען. מיט אמאָל, האָט זיך שייקעלע צולאכט, אזוי שטארק, אז ס'האָבן אים אזש גערונען די טרערן פון די אויגן נאָך אים האָט זיך צולאָזט אויך בערדיטשעווער מיט אן עזותדיק געלעכטער.

אָט די דאָזיקע פּארשוינען, וועלכע מ'ווייסט קיינער נישט, פון וואָס אייגענטלעך מאכן זיי שבת, וועלכעס איז זייער מלאכה, זייער מסחר, אָט זיי האָבן געלאכט מיט א פּארשייט געלעכטער, ווערענד פון די באלמעלאָכעס, פון די באלעגאָלעס האָט דאָס בלוט פון זייערע הערצער געטריפט... זיך בארויקט, און מיט א טיכעלע זיך די טרערן אויסגעווישט, איז בערדיטשעווער ארויס מיט א לשון:

— זעט איר שוין, ווער אייער גאָט איז? ווער אייער כאצ־קעלע איז? ווער זיינע חברים זענען? זעט איר שוין? אָפּשמדן, וויל ער אייך דער דאָזיקער סיציליסט!

— נו, און אז איר מיט שייקעלען, — איז ארויסגעשפּרינגען בורמאן — שפּילן דורך די נעכט אין קאָרטן מיט קריסטמעסקון? קריסטעסקו, איז אפשר א ייד?

— וואָס פאר א גלייכן? — האָט בערדיטשעווער געשריגן — יענער איז א פּריץ און די אָ איינפאכע צאראנעס!

— און איר האָט נישט מורא, — האָט בורמאן זיך נישט געלאָזט — איר האָט נישט מורא, אז דער פּריץ וועט אייך צו ריידן צו דער שמד?

אז בארדיטשעווער, האָט נישט געהאט וואָס צו ענטפערן, האָט ער פונעם טיש גענכאפּט א לייכטער און געוואָרפן בורמא־נען אין קאָפּ אריין. דערזען די יונגען, די, וועלכע זענען גרייט

צו דינען, האָבן דעם סיגנאַל פאַרשטאַנען און זיך געוואָרפן אויף די באַלעגאָלעס, אויף די באַלמעלאָכעס. זיי, זעענדיק זיך אָנגע־גריפן, זענען אויך נישט געשטאַנען מיט די פאַרלייגטע הענט און געענטפערט מיט א פאַטש אויף א פאַטש, מיט א כמאַל אין קאָפּ אריין אויף א כמאַל אין קאָפּ אריין און ס'האָט זיך צופלאַקערט א געשלעג אויף לעבן און אויף טויט. פון ביידע צדדים זענען געוועזן צושפּאָלטענע קעפּ, אויסגעריסענע באַקן, צוהאַקטע ליפּן, איבערגעבראָכענע ריפּן און בלוט האָט זיך גי־וואָסער געגאָסן.

דער פּרעטאָר קריסטעסקו, דערהערנדיק וואָס ס'קומט פאָר אין קיזשענעווער שילעכל, און, אזוי ווי ער האָט זיך געפילט אלס אָפּהיטער פונעם געזעץ האָט ער געכאַפּט דעם פּרימאַר, עטלעכע פּאָליציינטיקעס און זיך געלאָזט לויפן צום קיזשענעווער שילעכל. אריין אהין, האָט ער אָנגעהויבן צו שעלטן, ווי זיין שטייגער, אויסגעמישט העלפט רומעניש העלפט יידיש און צום סוף האָט ער אויסגעלאָזט:

— זשידאַני, כאַרכאַר, מאַרטאַר! א רוח אין דער מאַמען אריין! דערנאָך האָט ער געהייסן אלעמען פאַרנעמען. אי די גע־שלאָגענע, אי די שלאָגערס. זיין כוונה, איז געווען; ביי אזוי פיל איינגעזעצטע אין תפיסה, וועט ער קאָנען רייסן, שלעפּן, וויפל ער וועט אליין וועלן. און מ'וועט געבן. די זשידאַניקלעך וועלן געבן, וואָרעם, ווער וועט נישט וועלן אויסלייזן זיין נאָענטן?

.5

די נפתליסטן, מיט די להכעיסיסטן, זעענדיק, אז פונקט די אויף וועלכע זיי האָבן זיך געשטיצט, וועלכע זיי האָבן תמיד אויסגענוצט ווען זייערע אמביציעס, פונקט די בונטעווען זיך! זיי ווילן זיך שוין מער נישט צו קלעבן נישט צו די נפתליסטן און אויך נישט צו די להכעיסיסטן. און אויב זיי וועלן ווייטער פירן מחלוקת, וועלן זיי נאָך זוכה זיין אז אין שטעטל וועט גאָר ארויף צו דער ממשלה, א שניידערוק א שוסטערוק אָדער, וואָס איז נאָך ארגער, א באַלעגאָלע יונג! האָבן זיי אינדערגיך גענומען און זיך איבערגעבעטן. שלום געמאַכט. משלח געווען דעם להכעיס רב מיטן להכעיס שוחט, באַצאָלט נפתלין זיין חזקה געלט. די נפתליסטן האָבן געזאָגט:

— ערלעך דארף מען זיין! נפתלי האָט זיך ערלעך פאַרדינט זיין הזקה־געלט. די להכעיסיסטן ווידער האָבן נאָכגעגעבן און גע־זאָגט:

— א סוף זאָל עס נעמען! זאָל ער זיך ווארגן מיטן געלט! און אן עק!

.6

שייקעלע א הויכער א ברייטער. שפאַצירט זיך האָפּערדיק מיטן שטעקעלע אין שטעטל. די ווייבער פון די איינגעזעצטע חנפענען אים, זאָגן אים צו די וועלט און יענע וועלט. א קליי־ניקייט! אויסלייזן דעם מאַן. אָפּגעבן צוריק דעם טאטע פאר די קינדער. דער איינציקער שפּיזער. שייקעלע, שטעלט אָן א — פארדאגהט פּנים. ער מוסרט זיי אויס די ווייבער:

— א ווייב, — זאָגט ער — דארף מערער אכטונג געבן אויפן מאַן. היינט, געפעלט אים נישט די טאַקסע, מאָרגן וועט ער זאָגן אז ס'געפעלט אים נישט דער פּריץ, אָדער גאָר, דער מלך! נאָר, אויב זי וויל אז מ'זאָל אים נישט פארשרייבן צווישן די בונטמאָווטשיקעס, וועט ער, איר א טובה טון און ביי איר נעמען. — דאָ, בויגט ער זיך אָן און רוימט איין דעם ווייבל א סוד, און ווען זי דערהערט וואָס ער האָט איר געזאָגט, שפּרינגט זי אויף ווי אָפּגעבריט און גלאָצט אויס אויף אים א פּאָר אומ־פארשטענדלעכע אויגן. אזא הויכע סומע! אנדערע ווידער, זאָגן צו, מיינען אים צו פּריצעווען. אָבער ער לאָזט זיך נישט ער הערט אויס דעם צוזאָג און שאָקלט נאָר צו מיטן קאָפּ. אנדערע רופן אים אין שטוב אריין, דרייען זיך אויס, פארבויגן א שפּיץ פונעם קליידל, און באָרבלען זיך דאָרטן אין א הינטער קעשענע א מיגוט אָדער מערער און דערלאנגען אים, שייקעלען און א קללה ווארגט זיי אין די העלדזער... שייקעלע, שווערט זיך מיט טויטע קללות:

— זאָל ער דאָס אויסקרענקן, ווען ער האָט אפילו פון דעם אינגאנצן וויפל אָט אָ דער איש פונעם ציגאַיער. ער זאָגט אָבער צו, אבאלד וועט ער, איר מאַן זיין אינדערהיים.

אין אן אויפדערנאכט, זענען די ווייבער, וועלכע האָבן שיי־קעלעס אפּעטיטן נישט געקענט באפרידיקן, אריינגעפאלן אין די שילן און געמאכט יעלות נישט געלאָזט שטיין שמונה עשרה. פארוואָס מ'לאָזט זייערע מענער פוילן אין דער תפיסה. די דא־

װענערס האָבן געשמאָטשקעט מיט די ליפּן, געשאָקלט מיט די קעפּ. זײ, די װײַבער זענען אויך אַרײַן צום רבין, אויך דאָרט געמאַכט גװאַלדן און דער רבי האָט באַפֿוילן און געשיקט זאָגן: אַז די שטאָט, דאַרף און מוז מוחל זײַן, און אַז פּדיון שבוים איז אַ גרויסע מצווה!

די גבירים פֿונעם שטעטל, האָבן קײנמאָל נישט װידערגעשפּעניקט דעם רבינס רײד, זײַנס אַ װאָרט, איז בײַ זײ געװען שטאַרק הײליק. נאָר איצט, צי האָט אויך געשפּילט אַ ראָל די זאַך װאָס דאָס שטעטל האָט געפּוסטעװעט, מחמת אַ גרויסער רוב פֿון די באַלמעלאָכעס און באַלעגאָלעס זענען געװען פֿאַרמאַכט אין דער תּפֿיסה, צי איז זײ, די פֿײַנע מענטשעלעך שוין נמאס געװאָרן צו הערן די געװײנען פֿון די װײַבער, צי דורך אַלע דרײַ טעמים אינאײנעם, דער אמת איז, אַז נאָך אײַנדעמזעלבן טאָג, זענען די פּני, דאָס הײסט די װעלכע פֿאַרזאָרגן דאָס שטעטל, זיך צונויפֿגעקומען און געגעבן געלט פֿאַר דעם דאָזיקן פּאָרל, שײקעלע מיט נחלען און צו זײ אַזוי געזאָגט:

— גײט, ר׳ שײקעלע! זאָל אײַך גאָט געבן נשיאת חן אין די אויגן פֿונעם פּריץ. גײט, ר׳ נחל! זאָל אײַך אַקעגן קומען די דאָזיקע מצווה אויף דער װעלט און אויף יענער װעלט! און אין זכות פֿון דער מצווה, װעט שוין שלום זײַן אין שטעטל און מ׳װעט שוין פּטור װערן פֿון אָט די שלעפּערס, די באַלמעלאָכעס, די באַלעגאָלעס, אָמן!

צי האָט מען דאָס געלט, פֿאַרן פּריץ, גענומען פֿון דער קאַסע פֿון דער קהלה, צי איז די קאַסע אין יענער צײַט נאָר לײדיק געװען און מ׳האָט געמוזט אָנקומען צו די נגידים אַז זײ זאָלן אויסלײַגן דאָס געלט און אם ירצה השם, מיט גאָטס הילף הײסט עס, װעט מען אַרויפֿציִען אויף דער טאַקסע נאָך עטלעכע באַניקלער און זײ מיט פּראָצענט אָפּגעבן, אָדער, צי איז מען אַרויס אין שטעטל מיט אַ פּאַטשײלע אין די הענט, װי דער מנהג איז אין אַזעלכע פֿאַלן, פֿון דעם אַלעמען איז אַ זכר נישטאָ אין די קראָניקעס.

7.

אַז דאָס פּאָרל, שײקעלע מיט נחלען זענען שוין געזעסן פֿאַרן פּריץ קריסטעסקו, האָט זיך צװישן זײ דער דאָזיקער שמועס צעװיקלט:

דער פּריץ, ווי זיין שטייגער, העלפט יידיש העלפט רומעניש:
— שיינע מעשיות פּאַרלויפט זיך אין דיין קאהאל שייקע! און דו בערדיטשעוו, פון ווען אָן גוט ברודער, לויף כאפּ לאפּ מיט שייקען? אָ! פּאַרשטיין שוין איך, געוואָרן יחדו, חצי שלי וחצי שלך! אין דיין מאמען אריין! נו, זאָגט שוין כארכאריקעס וואָס איר צו זאָגן. נאָר טאָמער איר ווילט, איך ארויסגעלאָזן די איינגעזעצטענע, נישט ביי מאָטיען! נישט געטראָפן דעם אדרעס.
שייקע: — ס'הויבט זיך גאָר נישט אָן פּריץ!
נחל: — וועגן גאָר אן אנדערן ענין זעמיר געקומען!
קריסטעסקו: — נו, זאָגט שוין טארטערע. ס'זאָלן נישט זיין פון אייערע שפּיצלעך. איך קענען אייך גוט, כאפּ לאפּ יחדו!
שייקע: — הערזשע אויס פּריץ, האָסט איינגעזעצט יידן, וועלכע זענען גאָט די נשמה שולדיק!
נח: וואָס האָבן זיי דען געטון וואָס?
קריסטעסקו: — איר האָט דאָך געזאָגט, אז נישט וועגן דעם ענין זענט איר געקומען? אבאלד ווארף איך אייך ארויס, איר הינטישע זין וואָס איר זענט. אין אייערע מאמעס אריין! כארכאר טארטאר!!!
דער סוף איז געווען אז שייקעלע מיט בערדיטשעווערן, האָבן געארבעט אסך מיט קריסטעסקון, אים איבערגעוויזן, אז איינגעזעצטע איז דאָ שולדיק נאָר איין איינציקער מענטש, כאצקל קיזשנער, ער איז א געפערלעכער מענטש. ער איז א סיציליסט. ער וויל נישט ס'זאָלן עקזיסטירן פּריצים. אויך א קעניג וויל ער אויך נישט. ער וויל, אז באלעבאטים זאָלן ווערן אנדערע די וואָס ווערן פארשווארצט. אָט דאָס וויל ער, כאצקל קיזשנער.
קריסטעסקו איז געוואָרן אלערליי קאָלירן. ער האָט געשריגן, זיך געוואָרפן אז ער וועט זיי, שייקעלען מיט נחלען קאָוועץ אין קייטן, ער וועט זיי אוועקשיקן קיין בוקארעשט, פארוואָס זיי האָבן, אים, נישט צו וויסן געגעבן, פון אזא געפערלעכן מענטשן.
דאָס פּאָרל, האָבן דעם פּריץ געלאָזט שרייען און קוויטשען. ווען ער האָט געענדיקט, האָט אים שייקעלע אריינגערוקט אין דער האנט אריין א היפּשע מטבע. קריסטעסקו, האָט דאָס געלט גענומען און אנידערגעלייגט אויפן טיש און צו זיי זיך אזוי אָנגערופן:
— ווען איך זאָל וועלן, קען איך אייך שוין לאָזן איינזעצן, און אייך איינקלאָגן פאר וועלן מיך אונטערקויפן מיט געלט. — דאָס פּאָרל האָט זיך איבערגעקוקט, ווי איינער רעדט: וואָס איז דאָס עפּעס מיט אונדזער פּריצל געוואָרן? פון ווען אָן, איז ער דאָס

אזא נקי כפּיסניק? רופט זיך אָן נח, כאָטש ער ווייסט, אז דער פּריץ פאַרשטייט גאַנץ גוט יידיש:

— גיב אים נאָך א זעץ אין די ציין שייקע. זעסט דאָך שוין וואָסער דבר אחר ער איז געוואָרן!

שייקע האָט זיך אביסל געבאַברעט ביי דער קעשענע און נאָך עפּעס צוגעלייגט צום געלט וואָס אויפן טיש. אז קריסטעסקו האָט זיך אליץ נישט גערירט און גערעדט, פון איינקלאָגן, פון איינזועצן, איז בערדיטשעווער אריין אין כעס און זיך אָנגערופן:

— א דאגה איך האָב שייקע! ער וויל נישט נעמען, איז לא פדלתי! האָב איך נישט געטאַנצט מיטן בער! אים וועט באַנג טון. ס׳איז נאָך דאָ דאנקען גאָט גרעסערע פון אים! מילוצע, דער פּרעפעקט, איז נישט אזא נאַר! און אז נישט מילוצע, ווייסן מיר נאָך ווו ס׳עפנט זיך א טיר, אפילו ביז בוקארעשט. פאַר אזא גרידע גאָלד? וואָס קנייטשט ער זיך אזוי? — און נישט קלערנדיק אסך, שטרעקט ער אויס די האַנט צום געלט, ווענדיק עס אראָפּנעמען.

אז קריסטעסקו האָט דאָס דערזען, האָט ער אים מיט זיין האַנט געגעבן א זעץ, אזש יענער איז אויפגעשפּרונגען:

— דו מאַרטאַר! — האָט קריסטעסקו געלאַכט — דו נאָר נישט שטרעקן האַנט! כאַפּ לאַפּ יחדו! — און קריסטעסקו הויבט זיך אָן צו באַקלאָגן אויף דער ביטערער צייט. אז נאָך איידער ער באַקומט דאָס געהאַלט, האָט ער שוין גאַרנישט און דאָס איז דערפאַר, ווייל ער האָט א ווייב א פּריצעטע. די מאָדעס פון אלע פּריצעטעס פון דער געגנט מוז זי נאָכמאַכן. ער, קריס־טעסקו, האָט תמיד געהאַלטן פון יידן. ער, האָט ליב יידן, זענען זייער א טייער פאָלק, א קלוג פאָלק. אז מ׳פאַרקויפט זונטיק, מאַכט ער זיך נישט ווי־סנדיק. און אז יידן, האָבן זייער פיינע ימים־טובים, ווען מ׳עסט המן־טאַשן מיט געפּולטע האָלעשקעס. אוי האָט ער ליב געפּולטע האָלעשקעס!... קריסטעסקו האָט אזוי לאַנג גערעדט, געלויבט יידן, ביז דאָס פּאָרל, האָט זיך געפילט זייער געשמייכלט און געהויבן, וואָס דאָס אליין — האָט זיך דאָס פּאָרל געטראַכט — איז שוין ווערט, אז מ׳זאָל אים נאָך געבן א זעץ אין די ציין. דערום, האָט זיך שייקעלע אוועקגע־קערעוועט אין א זייט, נאָך אמאָל געשטאַנען אויג אויף אויג מיטן בייטל וואָס די קהלה האָט אים געגעבן און צו דער פּריערי־קער סומע, נאָך מוסף נעוועז, פון וועלכן, קריסטעסקו האָט זיך דעקלערט צופרידן.

ווען זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פון קריסטעסקון, מאַכט נחל צו שייקעלען:

— וואָסזשע מיינסטו שייקע, ער איז נישט גערעכט דער פריץ? גאָר מיר, געבן אוועק די נשמה מיט לייב און לעבן פאַר קהל. אפשר ווייסטו וואָס מ'האָט שוין דערפון! גאָר האַרץ עסעניש א דאָס האָט מען, עפּעס אַנדערש נישט.

— יאָ, אַזוי איז עס טאַקע — ענטפערט שייקע — מיט אונדזערע יידעלעך איז גאָר גוט קוגל צו עסן. ווען זען, ווי מ'וועט אונדז נישט גלויבן, אַז מיר האָבן נאָך גערדאַפּט פון דער קעשענע צולייגן. שטיי! — האָט ער זיך מיט דער האַנט געגעבן א קלאַפּ איבערן שטערן — שטיי! געדענקסט נישט? וויפל מאָל האָב איך צוגעלייגט? צוויי אָדער דריי מאָל? געדענקסט נישט?

— וואָס רעדסטו? נישט דריי מאָל, גאָר טאַקע פיר מאָל. גאָר, שטיי — האָט ער זיך אויך געגעבן א זעץ איבערן שטערן — נישט פיר מאָל, גאָר טאַקע גאַנצע פינף מאָל. וואָסזשע דו געדענקסט נישט? צי אפשר ווילסטו אַז מיר זאָלן נאָך דערלייגן צו דעם דאָזיקן פגר? א גרויסע מצווה!

שייקעלע האָט אים אָנגעקוקט און געשמייכלט און ער האָט צוגעגעבן:

— וואָסזשע, קהל האָט הלילה נישט פונוואַנען? קהל האַלט אויס, קהל איז פון אייזן!...

פאַרנאַכט, האָט מען אַלע יידן אַרויסגעלאָזט, א חוץ בור-מאַנען. ער איז, ערגעץ זאָגט מען פאַרפאַלן געוואָרן. מ'ווייסט נישט ווו זיין געביין איז אַהין געקומען. צי האָט דאָס פּאָרל אויף אים אָנגערעדט אַלעס בייז, און קריסטעסקו האָט אין אים געזען, אַז ער איז א שעדלעכער פאַרשוין, צי איז ער, ווען מ'האָט אַלע געפירט איינזעצן, אַנטלאָפן מיט די סמעטשקעלעך וועלכע פירן אין דאָרף אַריין צו וואַסילען צו יאָגנען?

אָט אַזוי, האָט זיך געענדיקט דער אויפשטאַנד פון די באַל-מעלאָכעס און באַלעגאָלעס, פונעם שטעטל וואָס ביים טייך פּרוט, וועלכעס צעטיילט רוסלאַנד פון דער מאָלדאַווע. אַן אויפשטאַנד, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן אַזוי שיין, מיט דרשות און רעדעס און געענדיקט? — מען האָט געמיינט אַז ס'איז געוואָרן שאַ, שטיל, אָבער דער אמת איז, אַז דאָס שטילקייט איז געווען נאָר פון אויבן. פּונקט ווי א טיפער טייך, וועלכער אויבן איז ער גלאַט ווי א שפּיגל, גאָר הונטן, ליגן אַזעלכע פאַרבאָרגענע בוואַליעס, וואָס וואַרטן נאָר אַז פון ערגעץ ווו זאָל א בלאָז

טון א ווינטעלע, און דעמלט, וועלן זיי זיך געבן א כאפּ אויף, זיך צעלאָזן מיט א רעש, א געפּילדער, און זיי וועלן פארפלייצן שטעט און דערפער. אזוי איז עס אויך געווען מיטן שטעטל. די שיינע לייט, די קהל־פארזאָרגער, האָבן געמיינט אז נאָכן אומ־גליקלעכן אויפשטאנד, וועט דאָס שטעטל צוריק ארויף אויף די פריערדיקע שינעס. אז די באלעגאָלעס, די באלמעלאָכעס, וועלן גאָרנישט וויסן ווי אזוי דאנקבאר צו זיין פאר זיי, פאר די רעדל־פירער פאר דעם חסד וואָס די שטאָט האָט מיט זיי געטון און זיי ארויסגענומען פון קרי־סמעסקום הענט. זיי האָבן זיך אָבער אָפּגענארט און גאָר גיך האָבן זיי דערזען אז דער באלעגאָלע איז טאקע באלעגאָלע אָבער נישט וואָס פריער און אזוי אויך מיטן באלמעלאָכע, טאקע א שוסטער, א שניידער, א קיזשנער, אָבער נישט וואָס געווען. ס'איז ווי מ'זאָגט „א שטיל וואסערל און ס'גראָבט טיף".

האָבן די שיינע לייט געבענקט נאָך די פריערדיקע יאָרן, ווען באלעגאָלעס און באלמעלאָכעס און סתם אָרעמעלייט האָבן געמיינט בתמימות אז אזוי דארף עס צו זיין, אז אויב נגידים קריגן זיך, טאָרן באלמעלאָכעס, באלעגאָלעס זיך נישט אריינמישן. זיי דארפן גאָר האלטן מיט דעם אָדער מיט יענעם. וויאזוי יענער גביר זאָגט, דארפן זיי צובאָמקען. זיי האָבן געגלויבט, אז זיי דארפן פון זיך דאָס לעצטע אוועקגעבן, אפילו דאָס העמד פונעם נאקעטן לייב, אבי דער נגיד זאָל זיין אמביציע זיך אויספירן. נאָך האָבן זיי געגלויבט מיט א הייליק גלויבן, אז מיט א שייקעלע, מיט א נחל טאָר מען זיך נישט טשעפּן. מ'דאַרף זיי אויסווייכן, ווי מ'ווייכט אויס א משוגענעם הונט. וואָרעם זיי זענען אן אָנשיקעניש פון זיין ליבן נאָמען, פונקט ווי אלע שלעק, פורעניותן כאָלערעס און קדחת, וואָס זענען פון אים אָנגעשיקט געוואָרן און דו מענטש מוזט דיין קאָפּ אָנבויגן און מקבל זיין באהבה, ווייל אזוי איז זיין באגער, אזוי איז זיין ווילן.

איצט האָבן די קהל־פארזאָרגערס זיך געפרעגט: וואָס איז מיט אונדזערע „עמך שער און אייזן" געוואָרן? ווו איז אהינגעקומען זיין אונטערטעניקייט? וואָס איז ער אזוי היים געבאָדן, אז אויף איין וואָרט, ענטפערט ער דיר פיפציק? א דאָס איז דער געוועזענער באלמעלאָכע? דער פריערדיקער באלמעלאָכע?

א דאָס איז געווען דערפאר ווייל די זריעה וואָס כאצקל קיזשנער האָט פארזייעט צווישן זיי איז נישט געגאנגען לאבוד, איז נישט פארלוירן געגאנגען. ס'האָט זיך ארויסגעשטעלט, אז דאָס וואָס כאצקל האָט געמוסרט: „עהע! ס'וועט נאָך אסך נעמען, ביז

מ׳וועט פון אייך ארויסרייסן, אָט דעם אָפּשיי, אָט דעם דרך ארץ פארן נגיד". אָט דער דאָזיקער מוסר, איז אין זיי נאָך אסך פריער אריין ווי עס האָט געמיינט כאצקל אליין. ווארעם איצט, נאָך דעם וואָס מ׳האָט זיי פון דער תפיסה ארויסגעלאָזט, האָט זיך, ווי א הויכע וואנט, ווי א הויכע מויער זיך אויפגעהויבן און זיך געשטעלט צווישן די נגידים און צווישן די באלעגאָלעס און באלמעלאָכעס.

קאפיטל י

שמחת תורה. — מנשה, געוועזענער שניידער, חזן אין ג'ח קלייזל

פונעם שטעטל, זענען די הייליקע טעג אוועק. ס'זענען אוועק די דאָזיקע טעג, וועלכע, דער רב פלעגט זיי אָנצורופן: „מורא־דיקע". מאי דאָך א פיש אין וואסער ציטערט, הײנטזשע שוין א מענטש! מיט זייער פארגיין, איז דער פחד־וואָלקן, וועלכער האָט געהויערט איבער די יידנס קעפּ, דינער געוואָרן. אָט איז נישט מער ווי דער לעצטער טאָג געבליבן. דער סאמע פרייליכס־טער, דער סאמע טאנצעגדיקסטער פון א גאנץ יאָר. כאָטש, אין דעם טאָג אויכעט, האָט דער רב נישט אָפּגעלאָזט, און געזאָגט: אז שמחת תורה איז בבחינת: „וגילו ברעדה", פרייד אויסגעמישט מיט צ'טערניש, ביים דאַוונען ווערן אריין געפלאָכטן שטיקלעך פון ראש השנה, פון יום כפּור, און ביים בעטן הוליען, אין סאמע ברען פון שכורן, האָט זיך איינעם נעקאָנט פארגלוסטן, צו בעטן ביי נפתלין, אז ער זאָל זינגען א שטיקל „אתה נגלית", א שטיקל „ונתנה תוקף". דאָך האָבן עס די יידן שוין מער ערנסט נישט גענומען. זיי האָבן געוווסט אז זיי האָבן זיך מערער נישט פאר וואָס צו שרעקן. אויבן אין הימל האָט מען זיכער א גוט קוויטל אָנגעשריבן. איז מען פריילעך, איז מען לוסטיק, לעבעדיק.

די נייַ אויסגעבויעטע „חברה ג'ח שיל", מיטן הינטן צו די תבואה־מאגאזינען און מיטן פאָרנט צום בהמה־מארק, איז איינגעטונקען אין ליכט. לייבצע, דער שמש האָט געארבעט א גאנצן פאר יום טוב און צוגעגרייט די שיל אזוי, אז זי האָט געגלאנצט און געבליטשטשעט, וואָרעם אין דער דאָזיקער שיל דאַ־ווענען נישט אבי ווער, דאַווענען נישט באלמעלאָכעס אָדער באלעגאָלעס. דאָ דאַווענען דער סאמע סענץ פונעם שטעטל. די

סאמע פּני, די וועלכע פירן אָן מיטן גאנצען יידישן לעבן פונעם שטעטל און אָן זיי, — טוען זיי באהויפּטן — וואָלט דאָס שטעטל נישט געהאט דאָס אמת יידישע פּנים.

גרשון בוץ, אן אָפּשטאמלינג פון דעם ערשטן בוץ וועלכער איז געקומען נאָך מיט די ערשטע איינוואנדערער, צוזאמען מיט גבריאל כתריאל, און וועמענס נאָמען ער טראָגט, איז דער ערשטער גבאי אין דער דאָזיקער שיל. גרשון איז אן איינגעפונדעוועטער גביר. זיין עשירות ציט זיך נאָך העט ווייט ביז צום ערשטן גרשון בוץ, וועלכן מיר געדענקען נאָך פון די ערשטע קאפּיטלען וואָסערע פרי ער איז געווען, מיט וויפל יסורים גבריאל כתריאל האָט זיך אָנגענומען דורך אים, ווייל ער איז דער ערשטער געווען, דער ערשטער סוחר געוואָרן, נאָך דעם איצטיקנס גרשונס זיידע, האָט שוין פארלאָזט דעם וועג פון זיינע אָבות און זיך אָפּגעגעבן מיט פּראָצענט, מיט פארלייען געלט אויף פּראָצענט. אזוי אויך גרשונס פאָטער. פארשטייט זיך אז נישט אויף דעם דרך פון רב יעקעלע ריישמאן. פארשיידן זענען געווען זייערע דרכים. ריישמאן האָט נאָר אויסגעליגן געלט פאר אנדערע אויף משכנות, אָבער גרשונס פאָטער און זיידע האָבן דאָס דאָזיקע געשעפט אויסגעברייטערט, אזוי אז פרעמדע וועלכע האָבן געוואָלט זיכער זיין מיט זייער געלט און נאָך דערצו עפּעס פארדינען האָבן עס צו די בוצס הענט אָפּגעגעבן.

אזוי דער פאָטער אזוי דער זון. זיי פלעגן אויך אין א מארק טאָג שטיין מיט א טישל אויפן גאס און געביטן גרויס אויף קליין און קליין אויף גרויס געלט. הלפן, האָט מען עס גערופן. דער איצטיקער גרשון בוץ, דער איצטיקער גבאי און פּרעזידענט פון דער חברה ג׳ח שיל. אים שטייט שוין נישט אָן, אז מ׳זאָל אפילו דערמאנען אז ער שטאמט פון פּראָצענטניקעס. ער איז שוין א באנקיר. מיט בעאמטע און מיט א קאסירער. נאָך מער; זיין באנק, גיט זיך שוין אָפּ מיט בערזע שפּעקולאציעס, מיט „האָס" און „בעס" מיט קאָנט און דיסקאָנט, מיט דעביט און קרעדיט. — א היות, ס׳גרעסטע פארגניגן, ביי גרשון בוץ, בשעת ריידן אריינצומישן אָט די אלע פרעמדע, וועלכע, נישט נאָר זיינע מיטשמועסער האָבן נישט געוווסט מיט וואָס מ׳עסט דאָס, נאָר מיר זענען מסופק צי ער אליין האָט געוווסט דעם באדייט פון די אָ ווערטער. ווער שמועסט נאָך ווען איבער עפּעס א סבה, איז די באנק זיינע אריין אין ענגע פארבינדונג מיט עטלעכע בענק פון לאָנדאָן און אין שטעטל האָט זיך אמאָל באוויזן איינער מיט געקעסטעלטע הויזן און זיך נאָכגעפרעגט אויף

איינעם געראסים בוץ, פון יענער צייט אָן, האָט מען שוין אין זיינע פיר איילן נישט געקענט שטיין. דעם קאָפּ האָט ער פֿארדולט מיט: „אין לאָנדאָן גייט איצט א גרויסער האָס“. די, וועלכע האָבן געהערט, האָבן מיט נייגער און מיט פארבאָרגן לצנות אויסגעהערט און הינטער די אויגן האָט מען געמאכט כלע חוזק.

ווען מ'האָט אָנגעטראָגן פאר גרשון בוץ, אז ער זאָל ווערן פרעזידענט פון דער קהלע, און גבאי פון דער ג"ח שיל, האָט ער זיך א תנאי אויסגענומען; אז א באלעגאָלע אָדער א באלמע־לאָכע טאָר אהין אין דעם שילעכל נישט ארייננשמעקן. ווען ער האָט שוין איבערגענומען דאָס גבאות, האָט ער מיט גרוים צופרידענקייט געזאָגט:

— אז איך קום אריין אין דעם דאָזיקן בית־המדרש, ווייס איך אז איך לעב. ווייס איך, אז איך וועל נישט באגעגנען. נישט קיין אָט שוסט־ער, נישט קיין אָט שנייט־ער!

ווען אפילו ער זאָגט נישט אזוי, קען ער זיכער זיין, אז פונעם הינטערגעסל וועט קיינער אהין נישט אריינטרעטן. פון זינט ס'איז פאָרגעקומען דער נישט געלונגענער אויפשטאנד פון די באלעגאָלעס מיט די באלמעלאָכעס, איז ווי מיט א שארף מעסער איבערגעשניטן געוואָרן דאָס שטעטל אין צוויי חלקים. און, אין קיין שום בית־המדרש פונעם שטעטל, האָט זיך נישט ארויס־געפילט די גרויסע שנאה צום באלמעלאָכע און באלעגאָלע ווי אין ג'ח. דאגעגן ווידער, איז אין קיין שום שיל נישט געווען אזוי בולט די שנאה צום גביר ווי אין קיזשנערישן שילעכל. אהין, האָט א נגיד נישט געטאָרט די נאָז ארייגשטעקן. ס'האָט זיך געמאכט; אז א סוחר פון דער ג"ח באנדע איז צופעליק דורך דאָס קיזשנערישע שילעכל און כאפנדיק א בליק צום הימל, האָט ער געזען אז ס'איז שוין שפעט, ביז צו ג"ח וועט ער אָנווערן נישט נאָר א קדושה, נאָר אויך א ברכו, האָט ער זיך אריינגעכאפט אין דעם דאָזיקן שילעכל... נו, מילא, וואָסזשע איז דער אומגליק אזוי גרויס? דער אומגליק איז טאקע גאָרנישט, ס'איז שטותים, יידן וועלן אנאנדערן יידן נישט ארויסוואַרפן פון גאָטס־הויז. נאָר א האנטוך, אז דער שמש זאָל אים, דעם אויסגעאיידעלטן א האנטוך אונטערטראָגן, ווי דער שטייגער אז מ'וואשט די הענט און ס'הענגט א שמוציקער האנטוך און מ'מיאוסט זיך, אָט דאָס נישט... אָט דאָס, וואָלט אפשר אויך קיין שום בייז נישט געוועז. מילא, וואָס זאָל ער טון? איז נישט א ריינער האנטוך, איז דאָ דאָס נאָז־טיכל, זענען אָבער די בליקן, די שפּיזעלדיקע בליקן מיט

וועלכע מ׳באגעגנט אים, אזוי שארף, אזוי אָנגעגליט, אז ער כאפּט אָפּ די קדושה און שוין, איז ער אויף יענער זייט טיר. ער ווארט שוין נישט אויפן ברכו... דאגעגן אָבער, טאָמער מאכט זיך, אז אין ג׳ח זענען נאָר ניין אירע. מ׳וויל דאווענען און מ׳קען נישט. ס׳פעלט א — צענטער. דערבליקט מען דורכן פענצטער א באלעגאָלע, וועלכער קומט צוריק פונעם פּרוט, ווו ער האָט די פערד אָנגעפּאָיעט. ווערט אויף זיי א גדולה. זיי וועלן נאָך קענען פארכאפּן א קדושה! אָבער, דער באלעגאָלע, טרייבט זיי פון זיך ווי זלידנע פליגן... וויי איז אָבער געווען דעם יעניקן, וועלכער האָט זיך איבערריידן געלאָזט. צוגעבינדן די פערד צום פּלאנקן און אריין... וויי איז אים געווען. וואָכנווייז, האָט מען אים דערפאר געטרייבערט. און משה טערק, האָט אים ווי א קאץ באשמעקט:

— נו, האָסט דיך עפּעס גוט איינגעשמירט אין יחוס? — קיווע צוואָק, א — קאָוואל, האָט געפּאָדערט אז מען זאָל אזא איינעם, פּשוט, פונעם קיזשנערישן שילעכל ארויסטרייבן.

די אלע פּאקטן זענען, כדי צו ווייזן, וואָסער תהום ס׳איז געווען צווישן די סוחרים, נגידים, אויף איין זייט און די באלעגאָלעס, באלמעלאָכעס פון דער צווייטער זייט... אין שטעטל אָבער, האָט מען נישט געזאָגט אז ס׳איז דאָ א סכסוך, א רייבעניש הייסט עס, צווישן רייך און אָרעם, אזוי וואָס האָט מען פאר די ליפּן נישט געבראכט. מ׳האָט נאָר געזאָגט, אז ס׳גייט אָן א מחלוקת צווישן ג׳ח קלייזל און קיזשנערישן שילעכל.

.2

אין ג׳ח קלייזל איז שטארק ליכטיק. דער בליצלאָמפּ וואָס הענגט אינמיטן דער סטעליע צעטרייבט די שאָטנס. אין יעדן ווינקעלע קאָן מען ממש פּערל קלויבן. ס׳איז נאָך פרי. דער גאנצער עולם, איז ביים באנקיר גרשון בוץ, דער גבאי פונעם קלייזל און דער פּרעזידענט פון דער קהלה. אין מזרח וואנט, זיצן נאָר עטלעכע געציילטע באלעבאטים, וועלכע זענען נישט געגאנגען צום גבאי. צי דערפאר, ווייל זיי קאָנען אים נישט ליידן, דעם דאָזיקן „טרעלבויך“, וויאזוי מ׳רופט אים, צי ס׳שטייט זיי נישט אָן, מחמת זיי האלטן אז זיי זענען גרעסערע מיוחסים פון אים און, וואָס שייך חכמה, וואָס אָנבעלאנגט געלט, ווייסן זיי נישט ווער ס׳פארמאָגט מערער.

באָמבע מיט איציקווערן זיצן איינס לעבן ס'אנדערע, שמועסן צווישן זיך שטארק פריינטלעך. כאָטש אין דער גאס, בשעתן האנדל, וואָלטן זיי זיך אין א לעפל וואסער דערטראָנקן, קומט אָבער אין שיל, מחמת זייערע שטעט זענען איינער לעבן אנדערן, זענען זיי פיסקל צו פיסקל. ווער ס'קען זיי ביידע אָבער זאָגט: „וואָס זיי ווינטשן זיך באטאָג, מעג זיי ביידע אָנגיין באנאכט און פארקערט; וואָס זיי ווינטשן זיך איינס דאָס אנדערע באנאכט, מעג זיי אָנגיין באטאָג!“. געווען א צייט, וואָס זיי זענען טאקע אין דער אמתן ברוגז געווען. נישט גערעדט איינער צום אנדערן. דאָס איז געווען פריער, נאָך איידער דעם אויפשטאנד פון די באלעגאָלעס און באלמעלאָכעס. זייער רוגזה, האָט זיך שוין געהאט אפילו איבערגעטראָגן אין שיל אויכעט און פאר יעדער מינדסט נארישקייט, פלעגן זיי זיך באפאלן, באליידיקן און שעלטן מיט טויטע קללות, אז מ'פלעגט זיך נאָר צו חדושן; פון ווו דאָס צו זיי? זיי קומען דאָך נישט פונעם שוסטער־געסל! איינמאָל, אזוי דערציילט מען, אין אן ערב יום כפור, מיט אסך יאָר פארן אויפשטאנד, איז באָמבע מיט מרערן אין די אויגן צו איציקווערן צו געפאלן: אזוי ווי ס'גייט אזא גרויסער יום הדין, בעט ער איציקווערן, אז ער זאָל אים מוחל זיין און זיי זאָלן זיך איבערבעטן. איציקווער, שטארק געהויבן ביי זיך, וואָס זיין אייביקער שונא ליגט, ווי מ'זאָגט צו זיינע פיס, און ווענלדיק אים אין דער דאָזי־קער רגע א שטאָך געבן, רופט ער זיך אָן:

— איבערבעטן, מהיכי תיתי, וואָס דו ווינשסט מיר, זאָל דיר אָנגיין.

אנאנדערער אויף באָמבעס פלאץ, וואָלט געווען געשוויגן, נישט געווען ארויסגעוויזן אז עס פארדריסט אים. ער, אָבער, אזוי ווי שוין פון געבוירן איז ער א גרויסער שוטה געווען, האָט ער נישט פארשטאנען און איז ארויס מיט א ליארם:

— דו רשע, הויבסט שוין ווידער אָן? — וואָסזשע איז געווען? האָט ס'גאנצע שטעטל פון אים געלאכט און פון אים אָפגעשפעט...

איצטער, נאָכן מחלוקת זענען זיי געוואָרן גוטע פריינד. ביידע האָבן זיי געלט אויסגעלייגט ווען מ'האָט זיך געדארפט מיטן קיזש־גערישן שילעכל אָפרעכענען. ביידע, אזוי ווי די איבעריקע, האָבן געציטערט, אז ס'זאָל חלילה נישט קומען צו דער מאכט א באל־מעלאָכע, אָדער וואָס נאָך ארגער; א באלעגאָלע.

— איך פארשטיי נישט, — האָט באָמבע מיט זיין באשטענדיק פארלייגטער נאָז געפרעגט — אויף וועמען ווארט מען דאָס?

— דו ווייסט נישט? — ענטפערט צוריק מיט א פראגע איציק־ווער — דו ווייסט נישט? דאָס ווארט מען אויפן גראָבן טרעל־בויך! א גרויסער געוואָרן — האָט נישט צו טון, נישט מיט ירידים, נישט מיט קיין תבואה. ער וואקסט פון טאָג צו טאָג. אלע סוחרים, — זאָגט מען — ליגן ביי אים אין קאַסטן.

— ווער ס'ליגט! — האָט זיך באָמבע א שמעל געגעבן — איך נישט! איך דארף צו אים נישט האָבן! — און בשעת מעשה, האָט ער מיט א פינגער אויפן שטענדער געקלאַפּט. — ווער ס'דארף! — האָט ער איבערגעחזרט — איך נישט! איך האָב פאר אים קיין מורא נישט!

— דו האָסט טאקע קיין מורא נישט. — העצט אים אונטער איציקווער — ווער שמועסט דען פון מורא? אָבער!

— וואָס אָבער? — בייזערט און שמיצט מיט זיך באָמבע — איך הער אים ווי מ'רב...

— נאָר נישט אין רציחה! — מאכט איציקווער אינדערשטיל — ע! ע! ער איז פאָרט דער גרעסטער גביר אין שטעטל! און ע! ע! אפילו אביסעלע ווייטער אויך. מ'קען אים! און, פאר א גרויסן, מוזן מיר קליינינקע די קעפּעלער אָנבויגן. אקעגן אים גיין, וועסטו נישט וואגן! ע! ע! ע!

— ווער? איך? — האָט זיך באָמבע געהיצט — ווער איך? האר וועסטו זען וואָס איך קען! קאָנסט מיר נאָך נישט! און א פאטש געבנדיק אין שטענדער, האָט ער זיך בייז צושריגן:

— אויף וועמען ווארט מען דאָס? שוין זאָל מען זיך שטעלן דאווענען! לייבצע! לייבצע! ווו איז לייבצע? נישטאָ לייבצע? ווו איז ער? הער א — חוצפּה, א שמש זאָל זיך אוועקגיין פון דער שיל? אויסרייסן וועל איך אים!

א דאָ מוזן מיר איבעררייסן אויף א מינוט און אָנווייזן אויף דער סבה, פארוואָס, באָמבע האָט אזוי, מיט אזא מין לשון גערעדט פון לייבצען. וועמען יעדער איינער קען און ווייסט פאר א הויפּט אנשטענדיק מענטשל. וואָרעם זייער א גוט הארץ האָט דער דאָזי־קער שמש געהאט. נישט איין אָנבייסן האָבן פרעמדע אָרעמע נייערס ביי אים געגעסן און טאקע אזוי צדקה, האָט ער פון זיין ביסל אָרעמקייט אראָפּגעגעבן. דאָס האָט יעדער געוווּסט און אויך באָמבע. ווייזשע קומט דאָס טאקע, וועט מען זיך פרעגן, וואָס באָמבע איז ארוים מיט אזא מין לשון? און דאָך מוזן מיר צו־געבן אז נערעכט איז געווען באָמבע. און דאָס, איבער א מעשה שהיה:

לייבצע איז א שמש, שוין פון אסך יאָר אין ג'ח שיל. מ'קען
זאָגן אז פון זינט מען געדענקט די שיל, איז עס אינאיינעם מיט
לייבצען. לייבצע איז די שיל און די שיל איז לייבצע. און כאָטש
אין דער דאָזיקער שיל דאַווענען אזעלכע בערן ווי: בויז, איציק=
ווער, באָמבע און אנדערע זייער גלייכן, האָט לייבצע שוואך פרנסה,
קוים, קוים, בדוחק. וואָסזשע איז די מציאה? וועט מען פרעגן.
איז די מציאה, וואָס ביי יידן איז דאָ א חודש אלול, ווען ס'פאלט
אריין עפּעס פונעם הייליקן אָרט. דערנאָך, כפרות, דערנאָך, די
אמתע הכנסה; „די שיסל“. ערב יום כפור, תיכף נאָכמיטאָג, באַ=
זעצן זיך אין שיל, ארום עטלעכע שיסלען; דער הינטער גבאי,
מיט נאָך אזוי א שיינעם באלעבאָס לעבן דער טיר. באלעבאטים
קומען, באלעבאטים גייען. ווער ס'ציגט אָן א ליכט, א לאָמפּ, ווער
ס'שטעלט זיך דאַווענען מנחה מיטן לאנגן על חטא. אָפּגעפּארטיקט
זיך מיט גאָט, דרייט מען זיך אויס צו דער טיר און מ'לאָזט זיך צו
דער שיסל. די שיסל באשטייט פון; די גרויסע שיסל, הכנסה פאר
דער שיל. דאָס איז דאָס ערשטע. א שיסעלע פארן חזן, א שי=
סעלע פארן שמש. ס'קומען נאָך; מתן בסתר, צדקה לעניים און
נאָך און נאָך אנדערע שיסעלעך, נאָר די אלע זענען נישט קיין
חוב: ווילסטו, גיסטו. ווילסטו נישט, גיסטו נישט. דער עיקר
זענען ווי געזאָגט די אויבן דערמאנטע דריי: די שיל, דער חזן,
דער שמש. שטייט לייבצע און מאכט זיך אזא חשבון: פון
באָמבען האָב איך א גאנץ קיילעכיק יאָר גאָרנישט. ביי א יאָר=
צייט, שטעלט ער אינדערהיים א לאָמפּ. אלול, גייט ער אויפן
פעלד, מאכט ער זיך אליין א מלא. צו די כפרות האָט ער דעם
שוחט דאָרט אין דער האנט עפּעס אריינגערוקט און אָן מיר
האָט ער פארגעסן. איצט צום שיסעלע, אוועקגעגאנגען, נישט
אריינגעוואָרפן, נישט צום חזנס שיסעלע, נישט אין מיינעם.
מאכט זיך לייבצע נישט ווייסנדיק, און ווען קיינער איז שוין
נישטאָ, כאפּט ער באָמבעס שטענדער און פארטראָגט אים ער=
געץ אין דער ווייבער שיל. בלייבט באָמבעס פלאץ ליידיק, ווי
אן ארויסגעריסענער צאָן. קומט באָמבע, אביסל שפּעטלעך. דער
חזן גרייט זיך שוין צו כל=נדרי. קומט ער מיט זיין טלית זאק
און מיטן גראָבן מחזור. גייט אריין אין לאָך און בלייבט פאר=
הדושט. אלע שטענדערס אויסגעשטעלט אין דער ריי ווי די=
סאָלדאטן, נאָר זיינער האָט דעזערטירט! לויפט ער פון איין
שטענדער צום אנדערן, דאכט זיך אים; דער, יענער. נאָר יעדער
שטענדער שטייט געטריי לעבן זיין באלעבאָס און דער באלע=
באָס לאָזט אפילו אים נישט אָנרירן. אפילו אים נישט נוט

באטראכטן, נאָר אויף זיינעם איז געקומען אן אויסכאַפּעניש! צעשריים ער זיך ווילד:

— לייבצע, ווו איז מיין שטענדער?

לייבצע אָבער ענטפערט אזוי ווי קין האָט געענטפערט דעם רבונו של עולם:

— וואָסזשע, איר האָט מיך געשטעלט אָפּהיטן אייער שטענדער?

דעמלט, האָט באָמבע פארשטאנען, כאָטש א גרויסער שוטה, אז דאָס שפּיצל שטאמט פון לייבצען, האָט ער זיך אזוי צע־שריגן:

— הערזשע אוים לייבצע! צי איך גיב דיר יאָ, צי איך גיב דיר נישט, אָבער א באלעבאָס בין איך? — ס'האָט אים אָבער גאָרנישט געהאָלפן. א גאנצן טאָג איז ער אין לאָך געזעסן. גע־האלטן דעם מחזור אין דער האנט און געזאָטן פאר רציחה, פאר כעס. דערום, איז פארשטענדלעך, פארוואָס, באָמבע האָט זיך דערלויבט צו ריידן אזוי, מיט אזא מין לשון אויף לייבצען:

— געהערט א חוצפה פון א שמש, אוועקגיין פון דער שיל! איך וועל אים אויסרייסן, וועל איך אים! ווו איז ער?

— איר ווייסט נישט? — האָט זיך עמעץ אָנגערופן — ער איז דאָך ביים גבאי!

— וואָסערער גבאי? ווער איז ער דער גבאי? איך בין אויך אזא מיוחס ווי ער! — דאוועגען זאָל מען! איך היים, דאוועגען!

— מנשה! ווו איז מנשה?

.3

מנשה, א באלעבאָס פון א קליין אָרעם קלייטל, און האָבענ־דיק א שיינע טענאָר שטימע, האָבן אים די ג'ח דאוועגערס אויפגענומען אלס חזן. כאָטש, ווען קיינער זעט נישט, נייט ער זיך אליין צו א קנעפּל צו די הויזן, אָדער ער לייגט אויף אן אויסגעריבענעם הינטן פון א קינדס הויזעלעך, א לאטע, וואָס ס'איז מעשה באלמעלאָכע, וואָרעם א שניידער איז געווען מנשה פון זיין געבוירן. נאָך זיין זיידע און זיין עלטער זיידע אזש ביז צו די ערשטע איינוואנדערער זענען אזוי וואָס געווען. נאָר, פאר אים זענען דאָס די ג'ח דאוועגערס, די פיינע אויסגעאיי־דעלטע לייט מוחל אזא עבירה. וואָרעם; ראשית ווערט ער נישט פארעכנט פאר א באלמעלאָכע נאָר פאר א סוחר, טאקע אן

אָרעמער, אָבער פאָרט א סוחר. והשנית, ס'זאָל נישט אויס־גערעדט זיין, אין דער דאָזיקער שיל זענען אַזעלכע קינסטלער נישטאָ. נישט אזוי ווי אין קיזשנערישן שילעכל, וואָס כמעט יעדער שטענדער איז א חזן. גייט נישט דער, גייט אנאנדערער. דער עיקר, דער עמוד ווערט דאָרט קיינמאָל פארשעמט. נישט אזוי איז די לאגע אין דער ג'ח שיל. אזוי, אז זיי האָבן געמוזט אוועקוקן דעם המ׳׳א און מנשהן אלס חזן אויפֿנעמען. דאָס איז איינמאָל. צווייטנס, איז מאקע אָט דער מנשה, זייער א שטיל מענטשל, מישט זיך נישט אין פּאָליטיק. פרום און ערלעך, דערצערנט נישט, ווי מ'זאָגט, א פליג אויף דער וואנט, און דער עיקר; א נכנע. יעדן איז ער אונטערטעניק. סיי וואָס מ'זאָל אים נישט זאָגן, שווייגט ער. איז, אָט דער דאָזיקער מנשה, ווען באָמבע האָט אים גערופן און געשריגן: „ווו איז מנשה?" גע־זעסן אויף זיין באשטענדיק אָרט, און ווי זיין דרך איז; אריינ־געקוקט אין א ספר. ווען ער האָט זיין נאָמען געהערט רופן, האָט ער דעם קאָפּ אויפגעהויבן און אין חלל גערופן:

— ס'רופט מיך עמעצער? הא?

איך, איך. — האָט באָמבע געליארעמט — שוין, די מינוט זאָלסטו צוגיין צום עמוד! אויף מיין פארענפער! וואָס פאר א ווארטעניש איז דאָס? צו מיינע שונאימס קעפּ! אויף באן פּא־רענפער! — האָט באָמבע פארגעסן און אויסגעלאָזט מיט זיין געוויינטלעכער שפּראך, פארגעסנדיק זיך און פארביטן א „מ" אויף א „ב". — אויף באן פארענפער! האָט ער נאָכאמאָל איבער־געחזרט.

מנשה האָט זיך געפונען, אין יענעם מאָמענט, אין זייער א גרויסער פארלעגנהייט. ער האָט נישט געוווסט וואָס צו טון. וויאזוי זיך נוהג זיין. פאָלגן באָמבען; הייסט אָנרירן דעם כבוד פון בוצן, וועלכער איז דער גבאי אין שיל, דער פרעזידענט פון דער קהלה. זאָל ער הערן, באָמבען ווי מ'קאָמער, איס נישט פאָלגן, קויפט ער זיך א שונא. און מנשה ציטערט אזוי פאר שונאים! און, ווי מיר האָבן שוין אויבן דערמאנט, צוליב, נישט צו האָבן שונאים, איז מנשה יעדן איינעם א נכנע. רעדט נישט צו הויך, כדי חלילה קיינעמען נישט צו דערצערענען.

באָמבע, האָט אליין געליארעמט און געפּילדערט, אז שוין, אין דער רגע, זאָל ער, מנשה, צוגיין צום עמוד. און איציקווער, האָט אים אליין אונטערגעגעבן היין, אז מ'דארף נישט ווארטן אויף אזא „טרעלבויך". ווער האָט אים געמאכט פאר גבאי? דו? איך? — מנשה, ביי יעדעם מאָל, וואָס באָמבע האָט זיך

צעשריגן, האָט ער אַלץ געענטפערט: תיכף, תיכף, באַלד, באַלד, שוין אין דער רגע, גאָר עטלעכע שורהלעך! צום סוף האָט ער אַ בלעטל פאַרבויגן, פרום אַ קוש געגעבן דעם ספר און זיך אַרויסגערוקט. געהייסן האָט עס, אַז פאַרן דאַווענען דאַרף ער אַרויסגיין, ווי דער שטייגער איז, פאַר זיינעם וועגן.

.4

מנשה, איז, ווי שוין געזאָגט, אַ געוועזענער שניידער. אַ זון פון אַ שניידער און אַן אייניקל פון אַ שניידער. אַזוי דור אחר דור, ביז צו די סאַמע ערשטע איינוואַנדערערס. מנשה האָט אָבער דאָס שניידעריי פאַרוואָרפן. נישט מחמת די מלאכה איז אים נמאס געוואָרן, אָדער ער האָט געוואָלט אַ סוחר ווערן, ניין! נישט צוליב דעם. מנשה איז געווען אַן אויסערגעוויינטלעכער פרומער. מנשה האָט מורא געהאַט פאַר גאָט און פאַר זיין געבאָט אַ שרעק! ס'שטערט, — פלעגט ער צו זאָגן — צום יידישקייט. קענסט נישט זיין אַ פולקאָמענער ייד! ראשית, קענסטו דיך נישט דערוויטערן פון זאָגן ליגן. מוזט, צו דו ווילסט אָדער נישט, ליגן זאָגן, אָפּליגנערן דעם קונה, וועלכער האָט דיר אַ שטיקל אַרבעט געגעבן, פון איין טאָג אויפן אַנדערן. אלא נישט, טוסטו דיר די קליענטן פאַרטרייבן. דערנאָך: שווערן פאַלש! שווערסט, אַז דאָס קאָרדיקעלע ליגט אויסגעגאָסן, שווערסט ביי דיין קאָפּ, ביי ווייב און קינדער, און ס'הויבט זיך נישט אָן. אייניקע שניידערס באַוואָרענען זיך אפילו, בשעת זיי שווערן זיך ביים קאָפּ, האַלטן זיי אין דער האַנט אַ שפּילקע און ביים קעפּל פונעם שפּילקעלע שווערן זיי, נישט חלילה ביי זייערע קעפּ. אַ דאָס, איז שוין גנבת דעת. דו פאַרגנבעסט ביי יענעם די דעה. והשלישית, ס'דריטע הייסט עס; ס'פעלט דיר אויס אַ שטיקל וועגן אַ לייסטל, כאַפּסטו פון יענעמס, האָסטו, הייסט עס, געגנבעט. ביסטו עובר יעדן טאָג, און אסך מאָל אין טאָג אויף דריי געבאָטן פון די עשרת הדברות: „נישט ליגנער!“ „נישט שווער פאַלש!“ „נישט גנבע!“. איז ער, מנשה געוואָרן אַ קלעטניק, פון ערדענע טעפּ און פון פאַרשיידענע שניידער צוגעהער: קנעפּלעך, ביינוועלעך, פינגערהיטלעך, העקעלעך און נאָך אַנדערע שמאָכטעלייען וואָס האָבן אַ שייכות צו שניידעריי. האָט אים אָבער סוחרעריי נישט צוגעשפּילט. אַ שטאַרק פרומער, האָט ער מורא געהאַט צו גנבענען, ביי דער מאָס, אָדער עמעצן אָפּצונאַרן.

האָט ער פון די טעפּ מיטן צעלניק געהאַט וואַסער צו דער קאַשע. פּרנסה, ווי מ'זאָגט ביז צום מויל. און כאָטש די פּויערים, מיט די פּויערטעס, האָבן ליב געהאַט צו קויפן נאָר ביי מאַנאַש, ווייל זיי האָבן געוווּסט, אַז מאַנאַש איז אַ כּאַבאָד, ער וועט קיינעמען נישט נאַרן, דאָך איז פון דעם אַלעמען גאָרנישט געוואָרן. און אָרעמאַן אין זיבן פּאָלעס!...

האָט זיך דאָס קלעטעלע, אין אַ וואָכנמאַרק נעגעבן אַ פול אָן, מיט פּויערים און פּויערטעס. איז דאָס מנשהן גאָרנישט ניחא געווען. ער פלעגט צומאָל אומגערן אָנרירן די האַנט פון אַ פּויערטע. ער, ווען ער האָט נאָר אָנגערירט אַ קליידל פון זיין ווייבס קליידלעך, פלעגט ער שוין לויפן זיך וואַשן די הענט, היינטזשע נאָך אָנרירן אַ האַנט אָדער אַנאַנדערן טייל פון אַ — פרויען קערפּער!

— אַ ריינער גיהנום! — פלעגט ער זיך צו קלאָגן פאַר נפתלי שוחט — ס'ווייב זיינס, בלימע, אַ שוואַרצע מיט קורצזיכטיקע אויגן, פלעגט אינמיטן בעסטן האַנדל מיט אַ פּויער אָדער אַ פּויערטע זיך צושרייען:

— מנשה, זיי רואה! מנשה, זיי רואה! זי פלעגט דאָס וואָרט אַזוי פיל מאָל איבערהזרן, אַז די פּויערים, פלעגן איר נאָכקרימען:

— מאַנאַש, זיי רויבע! מאַנאַש, זיי רויבע! און זיי פלעגן זיך צולאַכן. און, גנבים האָבן די סיטואַציע אויסגענוצט און גענג-בעט. אָדער, אַז בלימע פלעגט אים נאָכצושרייען:

מנשה, ווי איז מיר! זע נאָר די ערלת האָט גאָרנישט גע-לקחנט? ווי איז מיר, ערשט איצט איז געלעגן, דאָ, אויף דער טיזשנגע* אַ טוך צווירן! ווי איז מיר! — אין אַזאַ צייט, האָט מנשה, קיין עצה זיך מער נישט געקענט געבן. וואָרעם ס'איז דאָך עפּעס לעפּיש, ער וועט דאָך נישט גיין באַזוכן די פּויערטע אין בוזעם, מחמת אַ פּויערטע האָט דאָך נישט קיין קעשענעס! און אפילו אַ פּויער, וועט מנשה נישט באַזוכן, ווייל ער וועט נישט גיין פאַרשעמען אַ מענטשן!

איז דער סוף געווען; נאָכן מאַרק, די סחורה פאַרצוקערט: ווייניק געבליבן. שיטער אין די פּאָליצעס, נאָר דאָס טישקעסטל אויך פול מיט אַ דאָס און מיט אַ יענץ. האָט ס'ווייב זיינס, כאָטש אַ מידע פונעם גאַנצן טאָג אַרום האַיען אַ ן אַרום שמאַיען, זיך מיט אים געקריגט. דאָס עסן, די וועטשערע, איז שוין אין האַלדז נישט געקראָכן, זיך געוואָרגן מיט איטלעכן ביסן. ער, מנשה, פלעגט אָבער צו טענהן; אַז ס'אַליגן, נישט פּויערים גנבענען,

* טיזשנגע — אַ געוועלב-טיש.

נאָר גנבים. און, איבעריקנס, — האָט מנשה צו געגעבן — ווייסטו וואָס כ'ל דיר זאָגן? — און מיט א געבייזער האָט ער זיך פונעם בענקל אויפגעהויבן — גנבע דו נישט פון דער מאָס, זוך נישט איינצומאכן א פערטל מעטער, ביי עטלעכע מעטער שפּיצעלער. גיב ארויס רעסט וויפל ס'קומט זיך וועט מען ביי דיר אויך נישט גנבענען!

בלימע, ווייסט אָבער איינס; אז מ'וועט נישט גנבענען, ביי דער וואָג, ביי דער מאָס, וועט מען אפילו אויף קיין שטיקל טרוקן ברויט אויך נישט האָבן. וואָרעם שכנים האָט זי, זאָלן זיי נאָר אויף קיין גוט אָרט נישט שטיין! רייזל פון איין זייט, פרומע פון דער אנדערער זייט, אקעגן ס'רעבאלע מיט זיל־בערמאנען. וויפל זיי האָבן קלעקט זיי נישט! זיי מעגן עס שוין אויסקרענקען רבונו של עולם! אין האלדז זאָל עס זיי בלייבן! וונטשט בלימע פאר זיי, ביי זיך אין געדאנק.

.5

איציקוועער מיט באָמבען, האָבן זיך דערווייל ארייגעלאָזט אין א פריינדלעכן שמועס, וועגן פרייזן פון ווייץ און קאָרן, האָבער, גערשטן און פּאָפּעשויעס. באָמבע האָט אויף א שיינעם אופן געמוסרט איציקווערן, הלמאי ער מאכט קאליע די פרייזן. הלמאי גיט ער די באלעגאָלעס, פינעפונצוואנציק באן פון א זאק און צו פיפצן באן איז נישט גענוג? איציקוועער האָט זיך נישט געמאכט הערנדיק, ער האָט באָמבען פארהאקט די ציין, מיט פוסטע רייד, ארויפקומענדיק אליץ אויף דעם שמועס: ווער האָט דעם „טרעלבויך" געמאכט פאר גבאי, ווער האָט אים געמאכט פאר פרעזידענט? און, אָט האָט ער, באָמבע א סימן, וויאזוי אזא שניידערוק, אזא מנשה, פירט אים, באָמבען פאר דער נאָז. באָמבע איז פונ'סניי ארײַן אין כעס און אָנ־געהויבן צו קווימשן:

— מנשה? ווו איז מנשה? — און א קול האָט זיך געלאָזט הערן:

— וואָסזשע? דו ווייסט נישט ווו מנשה איז? ווייסט נישט מנשהס טבע? פארן דאווענען איז ער זיך געגאנגען אויספוצן. און דאָס קול, וועלכעס האָט געקערט צו דודיען ביילקעס, א באוווסטער עזות־פּנים און א געפערלעכער ליבהאָבער פונעם עמוד, האָט זיך פון דער איינעגער חכמה צולאכט.

— פאָלג מיך, — בעט זיך באָמבע ביי דודיען — פאָלג מיך, נעם דעם טלית און גיי צו צום עמוד. מירן דיר צוהעלפן. מירן דיך נישט לאָזן פאלן! — און באָמבע צעזינגט זיך, מיט זיין אייביק פארלייגטער נאָז.

— געטראָפן, ווי מיט א שטיין אין קאָפּ אריין! — לאכט דודיע — דאָס איז דאָך דער ראש השנהדיקער נוסח! — דערווייל, האָט דודיע דעם טלית גענומען, זיך אין אים איינגעהילט און מיט א הייזעריק קול זיך צעוויגט: „ברכוווו“ און מיט אן א־יי א־יי א־יי האָבן אים באָמבע און איציקווער אונטערגעהאָלפן. — שוין האלטנדיק אינמיטן דאווענען האָט זיך מנשה מיט א שמייכל אריינגעשארט. ער האָט א סידור גענומען און געמאכט זיך גלייך ווי ער דאווענט מיטן עולם.

אָט האָט זיך די טיר אויפגעפּראלעט, און אויף דער שוועל האָבן זיך באוויזן א כאָפּטע מענער באגלייט פון ווייבער און קינדער. געזען אז מ׳דאווענט, זענען זיי געבליבן א ביסל געפלעפט. ס׳טייטש, מ׳האָט זיך שוין געשטעלט דאווענען? נישט געווארט אויפן עולם?

דאָ, מוזן מיר אויף א רגע שטיין בלייבן און אריינפירן א פּארשוין, וועלכער איז ביז איצט נאָך נישט געווען און וועלכער שפּילט אויך גאָר קיין שום הויפּט־ראָל אין אונדזער דערציילונג, מיר ברענגען אים נאָר דערום, ווייל ראשית איז ער אן אריבערלויפער, דאָס הייסט ער איז פון די קיזשנערס אריבערגעלאָפן צו די ג׳ח לייט, והשנית, האָט ער זיך שוין צופיל געבאלאָנקעט פאר די פים און ס׳איז אומעגלעך געווען, אז מ׳זאָל אים פארזען.

שמואל קאדאכאס, א געוועלבערל מיט א קיזשנער אינאיינעם, האָט געטון פון זיין זייט אלעס מעגלעכע, אז ער זאָל אויך אמאָל אן עושר ווערן. און אז ס׳איז נישט געגאנגען, האָט ער זיך געריבן צווישן עשירים, געלערנט זיך זייערע מדות און דערווייל, געשמייכלט און געלעקט א יעדן גביר.

בויץ האָט פון אים געהאלטן א וועלט, אָן אים האָט ער זיך א ריר נישט געגעבן. אלעס, וואָס מ׳רעדט פון אים אין שטעטל, איז ער דערגאנגען דורך קאדאכאסן. איצט, אזוי ווי תמיד ביי א שמחה, ביים גבאי, איז ער געווען דער גאנצער כל ולך. דער גאנצער קאָמאנדיר, געגאנגען אין קעלער, אָנגעצאפּט ווייז, און געקאָמאנדעוועט מיט יעדן איינעם און יעדער האָט זיך אונטערגעוואָרפן זיין קאָמאנדע. אפילו אזעלכע צוויי ארצי עזות־פּנימער ווי א שייקעלע שווארץ און א נחל בערדיטשעווער, אויך זיי האָבן זיך אונטערגעוואָרפן זיין קאָמאנדע. אויך זיי,

וועלכע האָבן א גאנץ יאָר געפירט די שטאָט ביי דער נאָז, האָבן געוווּסט אז דער היינטיקער טאָג געהער צו קאדאכאסן. אויף דעם דאָזיקן טאָג, האָט ער געהאַט פונקט אזא חזקה, אזוי ווי אויפן פורימדיקן קידוש וועלכן ער פלעגט צו האלטן מיט גרויס טאלענט און מ'פלעגט זיך האלטן ביי די זייטן לאכנדיק. אזוי האָט נאָר ער, און נישט קיין אנדערער זיך געמעגט אויסשרייען אויף דער בוצעכע, הלמאי זי האָט נאָך נישט געהייסן ארויף דערלאנגען דעם פייגן־קוגל, אָדער אזוי אנאנדערן צימעס. און אז זי האָט זיך געפוילט, האָט ער איר געסטראשעט; אז באלד וועט ער גיין און מאכן אן אינספעקציע, און זי, די בוצעכע ווייסט שוין מיט וואָס דאָס שמעקט. שמואל קאדאכאס פלעגט אויך, שוין גוט שכור, ארויף אויפן טיש, און טאנצן צווישן די גלעזער, פלעשלעך און טעלער. און כאָטש ער האָט זיך קוים געקענט אויף די פיס האלטן, דאָך האָט ער ביי דעם דאָזיקן טאנץ באוויזן אזעלכע קונצן, אז דער עולם האָט געגאפט. און דער גביר בוץ, איז געזעסן אויבן אָן, דער בויך האָט זיך אים געהויבן און געשמאָכעט פאר גרויס תענוג.

איצט, איז שמואל קאדאכאס אריין אין קלייזל, געהאלטן א פינף ליטער פלאש מיט וויין, הויך איבערן קאָפּ און געשריגן:

— צאן קדשים! דאָס הייסט; „הייליקע שעפעלעך"! — און אלע קינדער, האָבן זיך צעשריגן; מ—ע! מ—ע! מ—ע!.

קאדאכאס, אזוי ווי ער איז געשטאנען, ביים שיל ארייננגאנג, איז געבליבן ווי פארגליווערט. נאָך איינמאָל אויסשרייען „צאן קדשים", האָט זיין צונג זיך שוין נישט געלייגט. ער האָט נישט געגלויבט זיינע אויערן, זיינע אויגן, אז מ'זאָל זיך עמעצער וואגן, צו שטעלן זיך דאווענען אָנעם גאבאי. נישט ווארטן אויף בוצן! אזוי ווייט צו פארשוועכן דעם גבירס כבוד! פארשוועכן פראנק און פריי, יעדער זאָל זען!

דערזען ווי דודי שטייט אזוי האָפּערדיק ביים עמוד און וויגט זיך אזוי געשמיידיק, מעשה חזן, ציקעלט הייזעריק! ל־ך ע־נ־ו ש־י־ר־ה איי איי איי איי — ב־ש־מ־ח־ה ר־ב־ה — איי איי איי איי! און אויסלאָזן, לאָזט ער אויס אויף א הויכן שטייגער, ווי אן אלטער האָן ווען ער זאמירעט זיך, מיט א הויכן ק־ו־קו־ר־י־ק־ו און א האלבער קריי בלייבט אים, מחמת אלטקייט שטעקן אין גאָרגל, אזוי איז געוועזן מיטן; „ואָמרו כלם", ער איז ביי דודין געבליבן אין גאָרגל, אים נישט געקענט ארויסברענגען. איציקווער מיט באָמבען, האָבן טאקע דודין נישט געלאָזט פאלן, און דעם „ואָמרו כלם" ווי ס'איז נישט דורכ־

נעשלעפּט, און דורכרעס, האָט דודי נאָך מער קוראזש באַקומען און זיך נאָך שטאַרקער צעווינגט, און א באלד, א באלד איז א סוף מיטן מעריב, אבאלד, אבאלד, שטעלט מען זיך שוין די שמילע שמונה עשרה! דאָס אלעס זעענדיק, האָט קאַדאַכאַסן שטאַרק ביים הארץ באַנומען, וואָרעם, זאָלן מיר שוין אוועקלאָזן אָן א זייט דעם גבירס כבוד, וואָס דאָס איז אויך נישט אוועקצוּוואַרפן מיט דער האַנט, אָבער מיר דאַרפן וויסן, אַז קאַדאַכאַס, האָט אויפן שמחת תורה מעריב, געהאַט שוין אזא מין הזקה! כאָטש מיר ווייסן אויך, אַז קאַדאַכעסעס שטימע איז נישט געווען פון די גאָר געהויבענע, פאַרקערט, ער האָט געהאַט א קול, זאָגט מען, ווי פון עפּעס א סריס, דין, קווימשעדיק, וואָס דאָס איז גאָרנישט אנגענעם געווען פאַרן צוהערערס אויער, אָבער דעם דאָזיקן כבוד, האָט ער אליין, תמיד פונעם גבירס האַנט באַקומען. יערן שמחת תורה אויפדערנאַכט, נאָכן הוליען ביים גבאי אינדערהיים, פלעגט זיך בוץ אָנרופן:

— נו, שמויאלעניו, איצט וועסטו אונדז שענקען א מעריבל! אזוי איז געווען בוצס שמייגער, דאָס וואָס ער האָט זייער גערן געהאַט, דאָס פלעג ער פאַרציען; „א ראָסל פלייִשעלע!" א „לעבערל!" א „קוגעלע" און נאָך כדומה אזעלכע זאכן, וואָס נישט אומזיסט פלעגט דער עולם צו זאָגן: „פון על חטא, ווערט מען נישט פעט". נאָר דאָס איז א חוץ, ווי מ'זאָגט: נישט דאָס זענען מיר אויסן!

הייסט עס, אַז שמואל קאַדאַכאַס, זעענדיק, וואָסער גבלה, אומווירדעקייט, ס'איז אָפּגעטון געוואָרן, סיי אים, סיי דעם גביר, און קיינער קערט נישט איבער די צונג, ס'הארט נאָך קיינעם, האָט ער א בליק געוואָרפן, אויפן גביר, ווי איינער רעדט: וואָס זאָגסטו דערצו? — בוץ האָט אָבער גאָרנישט געזאָגט, דער בויך נאָר, האָט זיך ביי אים געוואלדיק געהויבן. דאָס איז געווען, א שטאַרקער סמן, אַז דער גביר איז שרעקלעך אויפגערעגט. שמואל קאַדאַכאַס, האָט קיין סאך נעקלערט. ער איז צו, צו דודין פון הינטן ארום, און וויאזוי מ'האלט איין א צעפּאַלאָשעט פערד, אזוי האָט ער אים ביים טלית אָנגעכאַפּט:

— מ-פּ-ר! מ-פּ-ר! וואָס יאָגסטו אזוי!? — דאָס זאָגנדיק, האָט ער אראָפּגעכאַפּט פון אים דעם טלית, אין אים זיך איינגעהילט, און — אַ-יי אַ-יי!

ער האָט אָבער נישט באוויזן אויסצוזינגען, א האלבן ברכו. ווי א האַנטוך איז אים, פון ערגעץ א ווינקל געפלויגן אין קאָפּ אריין און דער האַנטוך האָט אויך א לייכטער מיט א ברענענדיק

ליבט איבערגעקערט, גלייך אויפן טלית, וועלכער האָט זיך אָנגעבאַפּט און געברענט. א סומאַטאָכע, א געפּילדער!

ביז ווען, קאַראַכעס האָט זיך אויסגעזוכט אנאנדערן טלית איז שוין דודי געשטאַנען ביים עמוד און מיט א הייזעריק קול אויסגעזונגען דעם קדיש, און דער עולם האָט זיך געשטעלט שמונה עשרה.

נאָך דער שמונה עשרה, האָט בוץ חשק געהאַט זיך צעפירן די הענט, מיט א קריגעריי. ס'האָט אים נישט געפּאַסט, אז ער זאָל פאַריבל האָבן, פאַרוואָס מ'האָט אויף אים נישט גע־וואַרט. גיין, דאָס הארט אים נישט! אים הארט נאָר, פאַרוואָס האָט מנשה צוגעלאָזט דודין צום עמוד? ער, מנשה, איז א באַצאָלטער יאָר הזן, טאָר ער נישט צו לאָזן סיי וועמען!

מנשה האָט נישט געענטפערט אויף אלע באַשולדיקונגען. מנשה האָט זיך געטראַכט: — נישקשה, ער וועט אים, בוצן, דערציילן, וויאַזוי ס'איז פאָרגעקומען, וועט ער שוין אליין זען, אז ער איז דאָ גאָרנישט שולדיק!

אינדערגיך, גאָר נישט מנשהס טבע, האָט ער זיך אין טלית געהילט, און מיט א שיינעם נידעריקן טענאָר, האָט ער אָנגע־הויבן אויסצוזינגען, דעם „אתה הראית". דער עולם האָט אויפגעכאַפּט יעדן פּסוק און ווי א וואַסער כוואַליע זיך צע־שטורעמט, פילנדיק זיך באַגייסטערט און געהויבן פונעם אלטן אזוי היימישן געזאַנג.

אין בוצן, האָט עס געזאָטן, נאָר, נישט האָבנדיק קיין ברירה, האָט ער זיך מיטן פּנים אויסגעדרייט צו דער מזרח וואַנט, און אינאיינעם מיטן עולם אויסגעזונגען יעדן פּסוק. ווען ס'איז געקומען צום פּסוק: „כהניך", איז מנשה געבליבן שטיין, און געוווּנקען אויף בוצס פּלייצע. דאָס האָט געהייסן, אזוי ווי בוץ איז א כהן, איז ער אים מכבד, אז ער, אזוי ווי דער מנהג איז, זאָל אויסזינגען דעם דאָזיקן פּסוק. כאָטש, בוץ איז מיט דעם אָ פּסוק שוין שטאַרק באַקאַנט, און ער וואָלט אים אפשר שוין גאָר געדאַרפט קענען אויף אויסענווייניק, מחמת יאָר איין יאָר אויס, איז מען אים, מכבד מיט דעם אָ פּסוק, דאָך, ווען ס'קומט דערצו, ווערט ער פאַרמישט, און וויאַזוי ער זאָל זיך נישט מיצן, קומען ביי אים די ווערטער ארויס, איבערגעדרייט, קאַפּויער. איין מזל האָט ער, וואָס דער פּסוק איז זייער א קורצער און נאָך א מזל, וואָס ער איז דער גרעסטער גביר און ווער וועט זיך וואגן פון א גביר חוזק מאכן אָפן פריי? — איבער נעקומען דעם פּסוק, האָט לייבצע איינגעטיילט אונטער שמוא־

קאראכעם קאָמאנדע די איבעריקע פסוקים פאר די לוויים, עלטער נאָך עלטער און אזוי ווייטער יעדן נאָך זיין גראד, א פסוק. מנשה, האָט אראָפּגעלאָזט דעם טלית אויף די אקסלען און געשמייכלט צו נפתלי שוחט, ווען איינער האָט זיך פאר־פלאָנטעט מיט די ווערטער.

נפתלי שוחט, האָט זיך פרום געשאָקלט. לעבן אים איז גע־שטאנען לייבעלע דער זון זיינער, אויסגעפּוצט ווי א פּראנט, אזוי ווי ס'פּאסט פאר א גביריש קינד. געשטאנען איז ער סטאטעטשנע, גערגישט אזוי ווי פון א באלעגאָלעשן אָפּשטאם, און געשאָקלט זיך אזוי, פאר יוצא וועגן, כדי מ'זאָל זען, וואָסערע פיינע דערציונג ער האָט.

פּלוצעם, האָט זיך געהערט, ווי לייבצע דער שמש, שרייט אוים:

— „הבחור אריה לייב בן ר' אליהו מכבד מיט אַב הרחמים!“

לייבצע דער שמש, ווייסט אז דעם: „בן ר' אליהו“, דארף ער זאָגן שטיל קיינער זאָל נישט הערן. לייבצע אָבער מאכט זיך נישט ווויסנדיק. תמיד, שרייט ער אוים: דעם „בן ר' אליהו“ הויך, און דאָס דאָזיקע פארשאפט אסך ערגעניש, אי נפתלין, אי ביילצען און אי טאקע לייבעלען. מ'ווארפט אים. לייבצען חלילה נישט פאָר, נאָר ביי יעדעם מאָל, גיט מען אים אָנצוהערעניש, מיט א שטאָך:

— אז פון דעם מענטשן, וואָס מ'האָט, דארף מען נישט חוזק מאַכן, דארף מען נישט טון דווקא קאפּויער! ניין! דארף מען נישט טון דווקא להכעים!

לייבצע דער שמש, ווייסט נעבעך נישט וואָס דאָ טוט זיך, ער פארשטייט נישט אין וואָס דאָ איינגעוויקלט גייט. און פאר וואָס שעמט מען זיך דאָס מיט אן איינגענעם טאטע! און וויאזוי קען מען פארלייקענען אן איינגענעם טאטע!

זיין נישט קאָנען פארשטיין אָבער, קאָסט אים אסך. ביילצע איז זיך חלילה וחס נישט נוקם אָן אים! נקמה, איז נישט קיין יידישע מדה! נאָר, ביי יעדעם מאָל, ווען ער קומט פרייטיק מיטן קויבערל נאָך ליכט, איז אָדער זי האָט נישט קיין קליין געלט, אָדער, ווען מ'זאָל זי אפילו דערהרגענען, געפונט זיך נישט איצט אין שטוב נישט אמאָל א פראנק אויף א רפואה. וואָרעם ערשט נעכטן האָט מען אויסגעצאָלט די וואלדהעקערס. זי בעט אים אָבער, אז למען השם, איבעראכטאָג פרייטיק זאָל ער, זי דערמאנען.

לייבצען, קען זי אָבער נישט נארן. לייבצע ווייסט, אז איבער־אכטאָג, וועט זי אויסזוכן אנאנדערן תירוץ. אָדער זי וועט גאָר געבן א זאָג: וואָס רעדט ער? זי האָט אים גאָרנישט געגעבן פאראכטאָגן פרייטיק? וואָסזשע מיינט ער, לייבצע, אז זי איז יונג אזוי אויסגעוועפט, אזוי ווי ער?

ווען לייבצע דער שמש, האָט אויסגעשריגן: „הבחור אריה לייב בן ר' אליהו מכבד מיט אָב הרחמים! אזוי ווי מיר האָבן געוויזן — האָט זיך לייבל געריוועלט און די נאָז לעפּלעך האָבן זיך ביי אים, אינדערגיך אויף און צוגעמאכט און דער אָטעם איז ביי אים געגאנגען; גיך, גיך. ער האָט צום פאָטער געקוקט, און נפתלי האָט אים מיטן בליק געגלעט. ישמואל קאַ־ראכאס, פונעם באלעמער אראָפּ:

— נו, לייבעלע, — בשעת מעשה שמייכלט ער מיטן חניפה שמייכעלע צו נפתלין — נו, קאָנסט דאָך עפּעס! אָבער אזוי זיס, ווי דו קאָנסט! נו, נו!

לייבעלע, צעקלינגט זיך מיט זיין סאָפּראן קולכל. פּאוואָליע, נישט געכאפּט, ציט ער אוים יעדעס וואָרט. איינגעפּאסט אין סקאר־באָווען געזאנג. קודם שטיל, דערנאָך אליץ העכער און העכער און מיט א דריי און מיט א קרייזל גלייך ס'שיטן זיך גיסעלעך אָדער גלייך ווי עפּעס א זילבערן גלעקל האָט זיך אויף דער העכסטער אָקטאווע צעקלינגען...

בשעתן אויסזינגען דעם אָב הרחמים, האָט לייבעלע געהאלטן די אויגן זיינע איינגעראָבן אין סדור. כאָטש ער האָט געוווסט אז די מומע ביילצע קוקט אראָפּ פון אויבן, פון דער ווייבער שיל דורכן פענצטערל און ווערט צעשמאָלצן פאר נחת, און כאָטש נישט איינמאָל, האָט ער געהערט; ווי אזוי די מומע ביילצע קלאָגט זיך פאר די שכנטעס:

— קיינמאָל, קיינמאָל, ווען ער לייענט אזוי שיין דעם מפטיר, קיינמאָל, כאפּט ער נישט א בליק צו דער מומע ביילצע!

א דאָס האָט איצטערט, בשעתן אויסזינגען, אזוי שיין, אזוי זיס דעם „אָב הרחמים“ לייבעלע זיך דערמאנט און זיך געטראכט איר צוליב טון. לאנגזאם, האָט ער זיינע אויגן אויפ־געהויבן, אָבער זיין בליק, האָט נישט געגרייכט ביז אויבן, ביז צום פענצטערל ווו די מומע זיינע ביילצע איז געשטאנען הינטערן פאָרהענגל, זיין בליק האָט זיך פארטשעפּעט, אָן עפּעס א באנק וועלכע איז אין מערב זייט געשטאנען, אויף וועלכער ס'זענען

געוועזן א כאָפּטע מיט יונגוואַרג, קליינע קינדער און אפילו גרעסערע מיידלעך און צווישן זיי, לאה, מאָמיַע וואַסערפירערס מיידל. אינדערגיך, האָט לייבעלע צוריק זיין בליק אין סדור אריינגעגראָבן און זיינע נאָז לעפּלעך האָבן זיך ווי ביי פייגעלעך די קרילעכלעך אויסגעשפּרייט און צונויפגעלייגט. אויף און צוגעמאַכט.

— מער פעלט מיר נישט! — טראַכט ער ביי זיך — ס'פעלט מיר נישט מער, נאָר דער טאַטע נפתלי זאָל דערזען אז איך בין גוטער ברודער מיט לאהן, מאָמיע וואַסערפירערס מיידל! מער פעלט מיר נישט!

קאַפּיטל יא

לאה, מאַטיע וואַסערפירערס מיידל, באַגעגנט זיך מיט לייבלן ביי דער פעסטונג

ווי א שלאַנג װעלכע קאַרטשעט זיך, אַט איז זי גלייך אַט איז דער קאָפּ אירער ביים סאַמע עק און אַט ווידער גלייך ווי א ווירע, אַזוי שלענגלט זיך אַרויס פונעם שטעטל א שטראָז. תחלת גלייך, ווי לאַנג דאָס אויג פאַרנעמט. דערנאָך, מיט אַמאָל, טוט זיך דער שטראָז א בויג צוריק. פּונקט ווי א קונצנמאַכער בייגט דעם קאָפּ אַרונטער, אַרונטער, ביז צו די פּיס-קנעכל. מיט אַמאָל באַרעכנט זיך דער שטראָז, ער לאָזט איבער זיין אויסגעבויגנקייט און ער שיסט פאָרויס גלייך גלייך. תיכף אָבער, איבערלייגט ער זיך און ער באַווייזט א פרישע קונץ און ער לויפט צוריק צוריק, אויף גאָר אַנאַנדערן וועג. אַזוי, אַז דער וואָס שטייט צופיסנס ביי דעם דאָזיקן באַרג, קאָן ער זען וויפל פּאַסן דער שטראָז האָט אין אים איינגעשניטן און איינגעקאַרבט. מ׳זאָגט אַז דער דאָזיקער באַרג הייסט נאָך א באַרימטן הערשער, וועלכער האָט אין דער מאָלדאַווע געהערשט. סאַמע ביים שפּיץ פונעם באַרג שטייט אַן אַלטע פעסטונג, וועלכע, איז הייגט שוין אַלט און אויף מאַנכע פּלעצער שוין שטאַרק רואינירט און איינגעפאַלן, דאָך נענוג גוט וועגן א באַהעלטעניש פאַר קינדער, וועלכע קומען אַהין זיך שפּילן, אַזוי אויך א באַגעגעניש פאַר יונגוואַרג. מיידלעך, יונגלעך פון א געוויסן עלטער, וועלכע שפּילן א ליבע און אין שטעטל קענען זיי נישט זייערע געפילן איינער צום אַנדערן אַרויסווייזן. זענען די שטומע ווענט עדות פון פאַר-גאַסענע טרערן פון א יונג מיידל, וועלכע דער בחור אירער האָט צונעזאָגט אַז ער וועט קומען און איז נישט געקומען.

— אָפּגענאַרט, — שעפּטשן אירע ליפּן — אָפּגענאַרט!. און מיט דער דלאָניע ווישט זי די אַלץ אַראָפּקאַפּענדיקע טרערן. און זי נעמט זיך צוריק גיין צום שטעטל. מיר זענען אָבער זיכער, אַז דאָס מיידל, וועט זיך נישט סמען און אויך נישט הענגען, ווייל ביידע זאַכן שמעקן מיט קבר, און אַזוי וואָס האָט זייער פיינט אַ מיידל פונעם שטעטל, וואָרעם זי ווייסט גאַנץ גוט, אַז אויב דאָס מאָל האָט זיך איר נישט איינגעגעבן, נישט צוגעשפּילט, וועט איר געלונגען דאָס אַנדערע מאָל. ס'איז נאָר געוועגדט פון וואָס פאַר אַ שטוב דער בחור שטאַמט; אַ בחור, אַ באַלעגאָלע, אַ בחור, אַ באַלמעלאָכע, טראַכט ביי זיך: „וואָס וועל איך אָנווערן?“ „אויף וואָס וועל איך וואַרטן?“ אויף דער מלכּה שבא? איז, העכסטענס צוויי אָדער דריי אַזעלכע באַגעגענישן ביי דער פעסטונג און דער שדוך ווערט נעשלאָסן. דערום, זעט מען זייער זעלטן אַז אַ באַלמעלאָכעס, אַ באַלעגאָלעס אַ קינד זאָל פאַרזיצן, ווערן אַן אַלטער בחור אָדער אַן אַלטע מויד. מיט גבירישע קינדער איז שוין גאַנץ אַנדערש. זעלטן אַז אַ גביריש קינד, זאָל צו דער פעסטונג גיין. דאָס דאָזיקע ערטאַלע איז די קבצנימס, פאַר אַ טאַטנס אַ קינד, פּאַסט נישט צו קומען אויף אַזאַ אָרט ווו קבצנים גייען. פאַר אַ נגידיש מיידל איז כמעט ווי אויסגעשלאָסן אַז זי זאָל אַהין קומען, וואָרעם זי וועט דאָך נישט אַליין גיין און באַגראָבן איר גוטן נאָמען. זי וועט דאָך נישט קענען דערנאָך קומען צו אַ לייטישן שדוך!

.2

לאה, מאָטיע וואַסערפירערס מיידל, איז אַ געזונטע שיינע מויד. דער דלות, וועלכער איז אַ בן־בית אין איר פאָטערס שטוב, האָט גאָרנישט געלייגט זיין חותם אויף איר, ער שפּיגלט זיך גאָר נישט אָפּ אין איר. גייט זי די גאַס דורך, שטייט מען און מען קוקט איר נאָך.

— אַ שוואַרץ מזל פון אַ קבצן — טראַכטן ווייבער באַרעדערקעכ — מ'האָט נישט מיט וואָס אַ טאָג איבערצוקומען, און קוק נאָר אַ שטיק מויד! אַ שטיק גבורה דאָס אין!

שטייט לאה אַצינד, אינעווייניק אין דער פעסטונג, שטייט, און קוקט זיך די אויגן אויס. קוקט דורכן לאָך, וועלכער איז אַמאָל אַ פענצטער געווען, גלייך אויפן געשלענגעלטן שטראָז.

— וועט ער קומען? פרעגט זי זיך אויך ווי יענץ מיידל, פון וועלכערס אויגן ס'קאַפּן גרויסע טראָפּן טרערן און זי ווישט זיי מיט דער דלאָניע — וועט ער קומען?

אייגעכטן אויפדערנאכט, שמחת תורה, איז זי געגאנגען זען וויאזוי מ'גייט מיט די הקפות אין דער חברה ג'ח.

אויך פאר דעם נישט געלונגענעם אויפשטאנד פון די באלמעלאָכעס און באלעגאָלעס, זענען די פונעם הינטער געסל, נישט אריינגעטרעטן צו דער ג"ח. די דאָזיקע שיל, ווען זי איז נאָר אויפגעקומען איז זי שוין געווען אָפּגעפרעגט ביי עמך שער און אייזן און ביי רעדל, פערד און בייטש־שטעקעלע. וואָס אָבער מען מוז צוגעבן איז; אז שמחת תורה, אין יענעם טאָג, זענען די גרענעצן פון אלע שילן אָפּגעווישט געוואָרן און צווישן זיי אויך די ג"ח שיל. די טירן פון אלע שילן אָפּן פאר יעדן. וויין מיט בראָנפּן פלעגן זיך גיסן ווי וואסער און מאָטקע וואסערפירער, איז אויך צו צו דער תורה, צו אן הקפה אויפגערופן געוואָרן מיטן טיטל „הנגיד" ווי סיי וועלכער ריכטיקער נגיד.

א נו, ווייזט מיר, — רופט זיך אָן דער רב — ווו איז נאָך דאָ אזא פאָלק, ווי דאָס פאָלק ישראל? וועט דער גאָר גרויסער פריץ, גיין א טענצל מיט א פשוטן צאראן? * ניין! אָבער ביי אונדז יידן! דערום זאָג איך: „ומי כעמך ישראל גוי אחד באָרץ?" דאָס הייסט; ווער איז נאָך אזא פאָלק, ווי דיין איינציק פאָלק ישראל?...

דאָס איז געווען, זאָגן מיר, אמאָל, איידער דעם נישט גע־לונגענעם אויפשטאנד. א גאנץ יאָר טאקע קידער ווידער, אָבער שמחת תורה, פורים, איז געווען ווי דער רב פלעגט צו זאָגן: אָרעם און רייך אלעס גלייך! נאָכן אויפשטאנד אָבער איז ווי מ'זאָגט: מיט א שארף מעסער איבערגעשניטן געוואָרן, ס'ג"ח און ס'קיזשנערישע, פייער מיט וואסער.

3.

לאהן האָט מען טאקע גאָרנישט געזאָגט דאָרט, אין ג'ח שיל, זי איז געשטאנען, מיט אלע איבעריקע מיידלעך אויף דער באנק און זיך צוגעקוקט. נאָר ווען זי דערמאנט זיך איצט, זייענדיק אין דער פעסטונג, דאָס גארישקייט וואָס זי איז בא־גאנגען, ווערן איר די אזוי אויך רויטע באקן, רויט פאר בושה. זי פלאמט אזוי, פאר ערגערניש אז אנגסטן באשלאָגן זי.

---

* צאראן — פויער.

— וועט ער קומען? — חזרט זיך איבער דער געדאנק אין לאהם מוח. — ווען ער, לייבל, איז מיט דער תורה געגאנגען, האָט זי אים, א בריוועלע אין דער האנט ארייננעשטופט. — יעדע וואָך, האָט געמעגט דונערן און בליצן, האָבן זיי זיך באגעגנט דאָ ביי דער פעסטונג. און איצט, שוין פון א פיר וואָכן ווי ער, מיידט זי אויס. ער וויל זי מער נישט זען. זי איז אינמיטן געגאנגען אין דער נגידישער שיל, און אז ער האָט זי דערזען, האָט ער גיך די אויגן אראָפּגעלאָזט. — טראכט לאה; ס'א ליגן! דאָס איז נישט פון בושה, ער שעמט זיך שוין גאָרנישט, דער לייבל! — זי וויל נאָר אז ער זאָל איר אין די אויגן קוקן. וועט ער דעמלט אויך מיט א גרינגער לעבער ארומגיין?

פלוצעם, האָט זי עמעצער געגעבן א נעם ארום פעסט, און זי צוגעדריקט. זי האָט אזש געגעבן א קוויטש.

ווען זי איז אביסל לויזער געוואָרן, האָט זי זיך אויסגעדרייט און אויסגערופן:

— א דאָס ביסטו לייבל? און איך האָב מיך אזוי דערשראָקן!

— א ווער ס'איז זינדיק, א דער שרעקט זיך! — האָט לייבעלע מיט א לאכאלע געזאָגט.

— אהא! — האָט לאה זיך אָנגערופן — דו רעדסט שוין פונקט אזוי ווי נפתלי שוחט. ער זוכט אויכעט זינד. און דאָס פרעמדע עבירות. און דו, מיט נפתלי שוחט, איר זענט גאָרנישט זינדיק? איך מיין, ווען מ'זאָל נעמען זוכן זינד, וועט מען ביי אייך מערער געפונען, ווי ביי מיין טאטן דעם וואַסערפירער.

— לאהניו! — האָט זיך לייבל אָנגערופן — ער האָט אויף איר אקסל, זיין האנט געוואָלט ארויפלייגן, אָבער זי האָט זיך אָפּגערוקט, אזוי, אז זיין האנט איז געבליבן אין דער לופטן. — לאהניו — האָט ער איבערגעחזרט — כ'האָב זייער ליב, ווען דו רעגסט דיך אויף, דעמלט ביסטו טויזנט מאָל שענער!!

— רייד נישט נארישקייטן, לייבל! נישט וועגן דעם, האָב איך דיך גערופן. די דאָזיקע ווערטער, הער איך שוין פון דיר, צוויי יאָר. האָסטו שוין טאקע קיין אנדערע ווערטער פאר מיינעט וועגן?

— פון וואָסזשע דען ווילסטו, זאָל איך מיט דיר ריידן? פונעם נייעם וואלד וואָס מיר האָבן געקויפט? צי פון א פרישן סאָרט נאמער, וואָס דער טאטע האָט באשטעלט פון דייטש-

לאנד, און מיר דערוואַרטן אים יעדן טאָג, א גאַטער, וועלכער װעט מיט אַמאָל צושניידן צוועלף קלעצער?

דאָ, האָט זיך לייבל צולאָזט, און איר געוואָלט געבן פאַר־שטיין, וואָס פאַר א גרויסע זאַך דאָס איז פאַר זייער זעג־פאַבריק! — א קליניקייט! א קלאָץ וועלכער האָט א מעטער אָדער אַנדערטהאַלבן מעטער קוביק! — און לייבל האָט זיך ווייטער צולאָזט און איר אָנגעהויבן צו דערקלערן די טבע פון א בוים. וויאַזוי מ׳קען דערקענען וויפל יאָר ער איז אַלט. און אַז ס׳איז נישט גוט, אַז מ׳זאָל אים תיכף צושניידן, וואָרעם דאָס ברעט קומט אַרויס טונקל. לאָזן איננאַנצן דעם בוים אויס־טרוקענען איז אויך נישט גוט. נאָר, לאה האָט אים נישט געלאָזט אויסריידן.

— לאָז געמאַך לייבל, מיך אינטערעסירן גאָרנישט דיינע וועלדער מיט דיינע גאַטערס. דאָס וועסטו דערציילן פאַר דיין יאַסער כלה. זי, א פאַבריקאַנטס א טאָכטער, זי קאָן אַזוי וואָס פאַרשטיין. אָבער איך! א וואַסערפירערס א מיידל וואָס פאַרשטיים?

אָבער, לאהניו! — האָט זיך לייבל צעהיצט און זי געפּרוווט אָנעמען ביי דער האַנט — ווער האָט דיר דאָס דערציילט?

— וואָזסשע מיינסטו? — האָט אים לאה, נישט געלאָזט אויסריידן — וואָסזשע מיינסטו? ווענט האָבן אויערן, גאַסן האָבן אויגן, און אַז מען קלינגט אין קלויסטער איז חגא.

און לאה האָט גענומען ריידן אָן אַן אָפּשטעל. נאָר זי אַליין איז שולדיק. ווען זי ווייסט נישט ווער זיין אָפּשטאַם איז, וואָלט זי זיכער מיט אים נישט געוועז אָנגעהויבן. זי וואָלט זיך מיט אים נישט געווען ארייגנגעלאָזט אין אַזוינע ווייטע דרכים. זי האָט אָבער נישט געוועז געטאָרט פאַרגעסן, ווי אַזוי, ער, לייבל, האָט זיך אויפגעפירט מיט זיין לייבלעכן פּאָטער. זי וואָלט געווען געדאַרפט פאַרשטיין, אַז אויב ער, לייבל, האָט זיך געקענט דערווייטערן פון אַן אייגענעם טאַטע, פון אַזא קלוגער מאַמע, ווי זיין מאַמע נעבע איז, פון אייגענע ברידער, פאַרגעסן דעם אייגענעם שורש. זי, לאה, האָט אָבער געמיינט, אפשר וועט זי אים קענען איבערמאַכן, אים צוריק דערנענטערן צו זיינע אייגענע. נאָר, ווייזט טאַקע אויס, אַז וואַסילע מיט באַצקלען זענען גערעכט: „האָסטו געלט, ביסטו מער נישט אין מיין וועלט!“ נאָר דאָס וואָס ער גייט איצטער טון; זיך אַרום געפירט מיט איר קנאַפּע צוויי יאָר, און איצטער שיט ער זי אויס, און ער גייט א חתן ווערן, מיט עפּעס א היקעוואַטע מויד, ווייל זי האָט געלט, ער

האָט ווייניק, ער וויל באַקומען. זאָל אים ווײַל נאָך. זי פאַרגינט עס אים מיטן גאַנצן האַרצן. נאָר איין זאַך, וויל זי אים זאָגן: און ער מעג זיך עס גוט נעמען אין קאָפּ אַרײַן: פון זיין אייגע־נער הויט, וועט ער קיינמאָל נישט קענען אַרויסשפּרינגען. מעג ער, ווי שטאַרק פאַרדעקן זיין שורש, בלייבט ער אַלץ אַלי באַ־לעגאָלעס זון. מעג ער זיך אַפילו אָנרופן לייבל גראָסמאַן, דאָס וועט אים גאָרנישט העלפן. און אויב אַנדערע וועלן אים נישט דערמאַנען, וועט זיין שורש איז וועט אים דאָס אייגענע ווייב זיכער דערמאַנען. מעג ער זיכער זיין אין דעם. וואָסזשע האָט ער אויפגעטון? דאָרט וועט מען אים תמיד פאַרוואַרפן וועגן ער איז: א „פּאַרוועניט“ וועט מען אויף אים זאָגן. א „אָן וואָס דער טאָפּ ברענגט זיך אָן, נאָך דעם פּילט ער זיך“. און, זאָל ער נישט מיינען לייבל, אַז זי זאָגט אים דערפאַר, ווײַל זי איז אין אים שטערבליך פאַרליבט, אַז ס'טוט איר באַנג נאָך אים, אַז איצט איז זי אומגליקלעך! ניין! זאָל ער אַפילו וועגן דעם נישט טראַכטן. זי האָט עס אים געזאָגט נאָר דערום, ווײַל זי וויל ס'זאָל זיין קלאָר צווישן זיי און, זאָל ער וויסן וואָס זי טראַכט איבער דעם אינגאַנצן. זיין זיידע, דער אַלטער נחום זאָל זיך מיען, האָט זיך נישט געוואָלט אײַנטונקען אין יחוס, ער האָט זיך נישט געוואָלט אײַנטונקען אין געלט, אין פאַרמעגן. א דאָס זאָל ער לייבל געדענקען. זאָל ער נישט מיינען אַז זי, לאה, איז אומגליקלעך, כאָטש זי האָט געלייענט אין ראָמאַנען. און ווי אַזוי דאָרט איז באַשריבן, ווייסט ער דאָך לייבל, אַז לויט די ראָמאַנען, וואָלט זי זיך געדאַרפט דאָס לעבן נעמען, סמען, הענגען אָדער טרענקען. זאָל ער זיין רויק. — דער פאָטער אירער, האָט אָבער געזאָגט, אַז זי זאָל נישט גיין, דאָרט אַהין אין נגידישן קלייזל צו די הקפות. מילא, זי האָט געטון א פעלער! — איצט קאָן זי שוין גיין.

אָבער לאה! — האָט זיך לייבל אויפגעכאַפּט — וואָס דו האָסט נישט דאָ צונויפגעמישט! וואָס רעדסטו? איך האָב דאָך דיך אַזוי ליב! אַזוי ליב!

— גיי, שוין גיי. ליב, שמיב! באַהאַלט די אָ ווערטער פאַר דער היקעוואַטער מויד, זי וועט דאָס פאַרשטיין, זי וועט זיך דערמיט באַלעקן. זי מאַכט זיך א הויכע פריזור, פוצט זיך די נעגל. אַזעלכע רייד, זאָלסטו איר זאָגן, נישט מיר. איך בין א פּראָסט מיידל, איך גיי אָנגעטון ווי א שיקסע, ווי א צאַ־ראַנקע * טרייב די ציג אין דער משערעדע אַרײַן. יעדן

* צאַראַנקע — פויערטע.

פרייטיק, שמיר איך אויף די בריק מיט ליים און מיט באַ־ליגע *. נישט פאר מיר, דיינע ווערטער. — א דאָס געזאָגט, האָט זי זיך אויסגעדרייט און ארויסגעגאנגען.

לייבל, איז איר ווי א פארשולדיקטער נאָכגעגאנגען און פונקט ווי זיין פאָטער אלי, האָט ער זיך ביים אויער לעפל געצויגן, געטראכט צו עפּעס א שארף וואָרט, וועלכעס ער וואָלט איר בארארפט איצט צו זאָגן. נישט געפונען, האָט ער נאָר גע־שטאמעלט עטלעכע אָפּגעריסענע ווערטער, וואָס פון זיי האָט לאה אויפגעכאפּט, אז ער איז אין כעס אויף כאצקלען.

— כאצקל, זאָגסטו? — האָט זיך לאה, מיט אמאָל צו אים אויסגעדרייט — כאצקל זאָגסטו, האָט אונדז פארסמט? ניין לייבל, נישט פארסמט, ער האָט אונדז געוויזן, וועלכעס ס'איז ריכטיק. דער בעסטער סמן ביסטו אליין. כאָטש, מיר ווייסן, וועמעס דו ביסט, פון וועמען דו שטאמסט, קערסטו זיך מער נישט אָן מיט אונדז.

— אָבער, דו רעדסט מיט אזא שנאה, גלייך מיר וואָלטן געווען גוים.

— דו רעדסט שוין ווידער נארישקייטן, לייבל — האָט אים לאה איבערגעשלאָגן. — וואָס גוים? ווער גוים? ביי זיי איז אויף קיין האָר נישט אנדערש ווי ביי אונדז. ביי זיי איז אויך דאָ, א מודאָר, א קריסטעסקו, און ס'איז אויך דאָ, א וואסיל, א יאָן!

— אָבער איר וועט אייך אלע אויסשמדן! — האָט זיך לייבל צעשריגן — קוק אָן! געפונען ס'גוטע צווייטל! געפונען חברים: וואסילע, יאָן! און זי רעדט נאָך! א גדולה אויף איר! וואסילע, יאָן! א מציאה ס'איז וואסילע, א מציאה ס'איז יאָן!

לאה, האָט אים מער נישט געענטפערט. מיט גיכע טריט, האָט זי זיך אראָפּגעלאָזט פונעם בארג צום שטעטל צו. מ'האָט איר היינט, עטלעכע קויבערס פּלאָמען געבראכט און זי דארף זיך נעמען קאָכן פּאָווידל.

לייבל, איז לעבן איר געגאנגען. פארטראכט; גוים, יידן, האָט זיך אין זיין מוח געדרייט. לייבל, קאָן נישט פארשטיין, וויאזוי מ'שטעלט זיך נאָר אנידער אויסטענהען זיך מיט גוים? יאָ, ער פארשטייט, מיט א פּריץ, מיט א געבילדעטן, מיט א רייכן, אָבער מיט א פּשוטן צאראן? פון וואָס קאָן אזא צאראן ריידן? אויב נישט פון זייער גלויבן? נו. ביסטו נישט, שוין האלב

* באליגע — פערד אָדער קו־מיסט.

געשמדט? ער, לייבל מוז הייגט אויפדערנאכט, איבערריידן, אָדער מיטן טאטע נפתלי, אָדער זיך ארייננכאפּן אין דעם נייעם פאריין: „אהבת ציון“.

— לאה! — האָט ער זיך הויך אָנגערופן, און בשעת מעשה זיך אויסגעדרייט צו זיין זייט ווו לאה איז פריער, לעבן אים געגאנגען — לאה ווו ביסטו? ער האָט בדעה געהאט, זי איינצולאדן אין דעם נייעם פאריין. — נאָר לאה, איז שוין מער ניט געווען. נאָך אינמיטן בארג, האָט זי זיך מיט א פעלד־סטעטשקע אראָפּגעלאָזט. זי האָט זיך פון אים אפילו נישט געזעגנט.

— אזוי פארשווינדן ווערן! — טראכט ער ביי זיך — אזוי נעלם ווערן! ס'ערגערט אים זייער. לייבל איז געבליבן שטיין, ער האָט זיך אויסגעקוקט אויף אלע זייטן. מיט אמאָל האָט ער זי דערזען הינטן. איין איינציק מאָל, האָט זי איר קאָפּ אויפ־געהויבן, ווען זי האָט באמערקט אז ער זעט זי, איז זי שנעל אוועק. נישט אומקוקנדיק זיך מער.

— דאָס איז א מיידל! — טראכט זיך לייבל — א ברען! זי טויג אפשר טאקע נישט פאר מיר. זי וועט וועלן טראָגן די אויזן. בעסער אזוי! אָפּגעשניטן! — טראכט ער ביי זיך — שוין, מער וועט ער זיך קיין קאָפּ נישט פארדרייען מיט ליבעס־שטיבעס. נישט פאר אים, נישט פאר נגידישע קינדער אין אזוי וואָס זיך פארקריכן, זיך פארפּלאָנטען. אין מוח פליט אים דורך מאריאָרא, טודאָרס צווייטע ווייב. א יונגע, א פעסטע. תמיד, ווען זי ווייסט, אז ער לייבל איז אליין אין וואלד, קומט זי צו אים מיט עפּעס אן אויסרייד: אָט, פרעגט זי זיך נאָך אויף טודאָרן, צי לייבל ווייסט נישט ווו ער איז ערגעץ. אָט איז זי געקומען זען, ווו די קליינע מאריטשיקא איז פארפאלן געוואָרן מיט די גענדז דאָ אין וואלד. — טויזנטערליי תירוצים! — שמייכלט ער אין זיך — און תמיד ענדיקט זיך אזא וויזיט, מיט וואָס ער דארף זיך ענדיקן. דערנאָך פלעגט ער זי נעמען טרייבן פון זיך: — גיי, גיי דו זונה דו. דיין מאן קען נאָך א יעדע ליאדע מינוט אָנקומען. גיי גיי! און זי, פלעגט צו אים ווי צו א גאָט ארויפקוקן. — נאָך אביסעלע! נאָך א מינוטקעלע! שיינער פּרינץ מיינער! — און, ער צו איר: גיי, גיי דו זונה דו! ער בויגט זיך אָן, ער וויל איר א שיך וואַרפן.

מיט אזעלכע און ענלעכע געדאנקען, האָט זיך לייבעלס מוח פארנ:מען אין יענער שעה, ווען לאה, מאָטיע וואסערפירערס מיידל האָט אים איבערגעלאָזט, ווי מ'זאָגט מיט א לאנגע נאָז. און

א ווארעמער שטראָם ווי עלעקטריזירט, איז אים דורך, פונעם שפּיץ קאָפּ ביז צו די שפּיץ נעגל פון די פיס. — מיט אזעל־כער, — שמייכלט אין זיך לייבל — מיט אזעלכער, קענסטו א לעבן אָפּלעבן אָן א ווייב! ער, לייבל, וועט טאקע זאָגן דעם טאטע נפתלי, ער זאָל אים געמאך לאָזן, מיט די שדוכים. ס'לויפט נישט אוים! אי מאריאָרא, וועלכע האָט אים שוין ס'לעצטע מאָל באוויינט דעם קאָפּ, אי לאה, וועלן ביידע מיינען, אז די מעשה מיטן שדוך, איז נישט מער ווי עפּעס א בבא מעשה...

.4

קומענדיק נענטער צום שטעטל, הערט ער ווי עמעצער הינטער אים רופט אים:

— דאָמנישאָר!* דאָמנישאָרולע!* דאָמנישטאָרול * לייבאָלע! — ס'איז געווען דאָס קליינע שטוב מיידל פּראָפּירע.

מיט אן אָפּגעהאקטן אָטעם, האָט זי אים דערציילט, אז די קלייטן האָט מען פארמאכט און אז די יידן באהאלטן זיך, מחמת מ'שמועסט אז די פּויערים גייען מיט קאָסעס און מיט העק אויפן שטעטל און דער פאָטער זיינער פּאנטולי האָט זי געשיקט, אז זי זאָל אים אויפזוכן און ער זאָל שוין אין דער מינוט אהיים קומען.

אריבער שפּאנענדיק דעם שטראָז און צולאָזנדיק זיך צום שיל־געסל, האָט ער שאָטנס פון מענטשן באמערקט. דאָס זענען זיי פון דער שיל, נאָך מנחה מעריב אהיים געלאָפן. נישט ווי דער שטייגער אן אנדער מאָל. נאָך אביסל אין שיל פארברענגען. אויסהערן אלערליי נייעס. דערנאָך אויפן וועג די אלע נייעסן אויף א קול צו פארטייטשן און איבערקייען. דאָס מאָל האָבן זיי ווי שאָטנס זיך געגליטשט. איינעם אזא שאָטן, האָט לייבעלע געכאפּט. ס'איז געווען באָמבע.

— וואָס איז נייעס? וואָס איז געשען פּעטער סרול?

וואָסזשע, דו בייסט נישט? — האָט באָמבע געענטפערט ווי זיין שטייגער מיט א פארלייגטער נאָז — דו בייסט נישט? ס'האָט זיך שוין אָנגעהויבן די רעכטע חתונה! ווי פאר צוויי

---

* דאָמנישאָר, דאָמנישאָרולע, דאָמנישאָרול — יונגער הער.

יאָר אין רוסלאנד. באַצקעלע גנב מיט וואסילען מיט יאָגען, אז פארברענט האָט ער געזאָלט ווערן אזא שמאָדילניק. באַצקעלע, ער האָט זיך ס'קאָמפאניעוועט מיט גוים, מיט בעטלערס און מ'פירט דעם פארעט. די בעטלערס, זאָגט מען, ווילן ערד. מ'זאָל זיי געבן ערד און די פריצים ווילן נישט. האָבן זיי זיך גענומען צינען און צעהאקן.

ווי זיי שטייען אזוי און ריידן, ער, באַמבע, אין א גרויס איילעניש, און לייבל וויל אלעס וויסן און ער לאָזט אים נישט אלץ אָפּ:

— נו, פעטער סרול, נו ווייטער? — האָט זיך מיט אמאָל דער קלויסטער גלאָק שטארק צעיאלעט. אָבער מיט אזא יעמערלעך קול גלייך ווי ער וואָלט גערופן:

קומט, גוטע מענטשן, קומט ראטעווען! — אויפן הימל, האָט זיך א רויטער פאס געזען. באוויזן זיך און געלאָשן. געלאָשן זיך און ווידער זיך באוויזן:

— דאָס ברענט דער קאָנאק, דעם פריצס קאָנאק! האָט לייבל מיט א ציטעריק קול געזאָגט.

און ווי דער גרויסער גלאָק האָט געליארעמט, געשטורעמט, אז מ'זאָל ראטעווען קומען, איז אינמיטן א קליין גלעקעלע אריין, גלייך ווי ס'וויל דעם גרויסן גלאָק אָפּפרעגן אָדער א ווידעראנאנד פרעגן;

— פארוואָס ? פאר ווער? פאר ווען ? — ג=ל=י=ן — א מצווה! א שיינע ריינע כפרה, ג=ל=י=ן גלין גלינגלינגלין גלין! זאָלן זיי זיך אין פייער סמאָליען, בראָטן א=כ=פ=ר=ה! נישטאָ וועמען ראטעווען! די הזרים אליין שולדיק! גיט געזאָלט תמיד נאָר אליין פרעסן! אנדערע אויך דאָ! — און דער גרויסער לאָזט נישט און מיט זיין שווערן קלינג, מאָנט ער; ג=ל=א=ן ג=ל=א=ן מוחל זיין מ'דארף מוחל זיין! — דער קליינער אָבער פאלט אים אריין אין מיטן קלינג.

ניין! גלין גלין גלין! איך בין נישט מוחל גלין גלין! סמאָליען זאָלען זיי זיך ווי די חזרים אָט אזעלכע חזרים! גלין! גלין! גלין!

מיט א שרעק אין הארצן איז לייבל אריינגעקומען אין שטוב אריין.

מיט אמתע זאָרג, אזוי ווי טאקע אמתע עלטערן. זענען געווען צו זייער לייבעלען, נפתלי מיט ביילצען.

— נאָר אויף עטלעכע מינוט, — רעדט צו זיך אליין נפתלי — האָט ער געזאָגט, גייט ער ארויס און ער איז נאָך נישטאָ! אָט איז שוין נאכט, און ער איז נאָך נישטאָ!

נפתלי איז געווען אין ג"ח קלייזל דאַווענען מנחה און מעריב, א דאָ האָט מען דערציילט גרויזאמע מעשיות. און לייבעלע איז נאָך אלץ נישטאָ.

זיצט ער נפתלי ביים טיש, קוקט אריין אין א ספר. אָבער די אותיות טאנצן אים פאר די אויגן. ער ווייסט גאָרנישט וואָס ס'שטייט געשריבן אין דעם דאָזיקן ספר. יעדע פינף מינוט הויבט זיך אויף נפתלי פונעם טיש. פארבויגט א שפיץ פונעם פירהענגל און קוקט ארויס אויפן שטראָז ארויף, אפשר וועט ער לייבעלען דערזען. און דאָ, מוז ער נאָך זיין זאָרג באהאלטן פאר ביילצען. וואָרעם, זי ביילצע איז אזוי צוגעזאָטן צו דעם יונגל, אז מערערע מאָל זאָגט זי צו אים:

— האָט אונדז גאָט נישט באשערט, אייגענע קינדער פון מיין אייגן לייב, איז אָבער לייבעלע אזוי גוט, אזוי ליב און אזוי טייער, אז איך שטיי מערערע מאָל און טראכט, אפשר איז דאָ גאָר א טעות געשען, אפשר האָב איך, און נישט נעכע אים אונטערן הארץ געטראָגן? אפשר, האָב איך גאָר און נישט עפעס א אנדערע יידענע איבער אים בלוט פארגאָסן!?

אז לייבל איז אריינגעקומען, האָט ער פרייער אָפגעאָטעמט. ביילצע האָט אים מיטן בליק אָפגעמאָסטן און דאָס גליקלעכע שמייכעלע, וועלכעס האָט זיך איר אויפן פנים געליינט, ווען ער איז אריינגעקומען איז פארשווינדען געוואָרן:

— א ווייטיק איז מיר נישט! — האָט זי אויסגעשריגן — וווּ ביסטו דאָס געווען? — זע, ביסט דאָך אויסגעניערעט אין בלאָטע פונעם קאָפּ ביז צו די פיס! — פּראָפירע וועט שוין האָבן וואָס צו טון!

— איך פרעג דיך נישט מער, — איז נפתלי ארויס מיט א טענה — האָסט געזאָגט, אז דו גייסט ארויס אויף עטלעכע מינוט. — האָסט דיך נישט געזען מיט פּראָפירען?

ביילצע קאָן נישט פארשטיין נפתלים טענות. זי ווי א מאמע, וועלכע לאָזט נישט א שלעכט ווינטעלע אויף איר קינד ווייען, ארויס:

— וואָס ווילסטו פונעם קינד? און אז ער איז אביסל ארויס־געגאנגען איז אן אומגליק? וואָסזשע, ער איז א פּיצעלע קינד? וויפל מאָל פאָרט ער אליין אין וואלד אריין? — קום אין קיך אריין לייבעלע, איך האָב דיר אָנגעגרייט הייס וואסער צו די פּיס. קערסט שוין אוודאי גוט הונגעריק זיין!

גיי, גיי! — האָט נפתלי געענטפערט — דו ווייסט דען וואָס ס׳טוט זיך אויף דער וועלט?

— א ווייטיק איז מיר נישט! וואָס טוט זיך דען אויף דער וועלט? — האָטביילצע פארבראָכן מיט די הענט.

— דעם פריצס קאָנאק ברענט! — האָט לייבל ווי אין חלום געענטפערט אויף דער מומע ביילצעס פראגע — איר הערט דען נישט ווי די קלויסטער גלעקער קלינגען?

.6

שפּעט ביינאכט. לייבל קאַטשעט זיך פון איין זייט אויף דער אנדערער און בשום אויפן קען ער נישט איינשלאָפן. ס׳קומען אים אין די געדאנקען, די אלע איבערלעבענישן פונעם היינטיקן טאָג. און דער ערשטער ריי, כאָטש ער וויל די אָ געדאנקען פון זיך פארטרייבן, וואָס לאה האָט אים געזאָגט, ס׳פארדריסט אים ביז נאָר, פארוואָס ער האָט לאהן אזוי אוועקגעלאָזט. פארוואָס זי איז ארויס די געדעכטע און נישט ער. באָמבעם ווערטער; ס׳הויבט זיך שוין אָן, דער קאָנאק ברענט און דערנאָך דעם טאטע נפתלים רייד: גיי, דו ווייסט נישט וואָס ס׳טוט זיך אויף דער וועלט! דאָס אלעם האָט אים אזוי צערודערט, אז ס׳האָט ביי אים אזש, דעם שלאָף צוגערויבט. — פּלוצעם א קראַצן ביים פענצטער. ער נייגט ס׳אויער: — דאָמן פאנטולי! דאָמן פאנטולי עפן! לייבל איז אראָפּ־געשפּרינגען. פראָפּירע, ווען זי האָט אים דערזען, איז זי מיט א קוויטש אין זיינע הענט אריינגעפאלן און מיט נישט קיין מענ־טשלעכער קול געשריגן:

דאָמנישאָרול, לאָמיר אנטלויפן. לאָמיר זיך באהאלטן! זיי גייען, זיי קומען!

ווער ס׳גייט, ווער ס׳קומט, האָט לייבל פון איר שוין נישט געקענט דערגיין. מחמת זי איז אויסן געבליבן און לייבל האָט גע־מוזט אָנקומען צום טאטע נפתלי און די מומע ביילצע וועלכע ער האָט אויפגעוועקט און זיי האָבן אויף איר קאלט וואסער געשפּריצט.

קאפיטל יב

זשאנדארן ארעסטירן אלין מיט וועלוולען

אין יענער נאכט. זענען זשאנדארן אריין צו אלי באלעגאָלע, האָבן איבערגעקערט די שטוב. די שטאל. מיטן קאָפּ אראָפּ און מיט די פיס ארויף און אז זיי האָבן גאָרנישט געפונען, האָבן זיי פארבעטן מיט זיך. אי אלין. אי ווע‌לוולען.

בשעת דעם זוכעניש, אויף וועלכן נעכע האָט זיך גערעכט יעדן טאָג. ווייל שוין צופיל האָט מען גערעדט. אז ביי אלין קומען זיך צונויף פארשוינען. וועלכע זיי זענען גאָר נישט באליבט ביי דער מאכט. דאָך האָט נעכע געוואָלט מיט איר שכל דערגיין, צי איז דאָס, דער דאָזיקער באזוך, פון דעם מין אויף וועלכן זי האָט זיך גערעכט, צי מיינען די זשאנדארן גאָר עפּעס אנדערש און ס׳האָט מיט דעם אָ קיין שום שייכות נישט. דערום האָט זי זיך מיט א שמייכעלע צו די זשאנדארן אָנגערופן:

— אומזיסט זוכט איר. דעם פריצס שקאַפע, ביי מיר אין בעט. נאָך איידער איר זענט אריינגעקומען, האָב איך זי ארויסגענומען פון דאָרט און באהאלטן דאָ אָ אין דייזשקעלע פון ברינדזע. א שטייט עס טאקע דאָס דייזשקעלע דאָ אויפן אויוון.

אז איינער פון די זשאנדארן, איז צו, געעפנט דאָס דייזשקעלע און אהין אריינגעקוקט. האָט זי אין א זאָרגלאָזן געלעכטער אויסגעבראָכן, אז די זשאנדארן האָבן בעל כרחם אויך מיטגעשמייכלט.

איצט, האָט נעכע פארשטאנען, אז דאָס זוכעניש איז טאקע דאָס אויף וועלכן זי האָט געווארט, אז נישט היינט איז מאָרגן, וועט מען אראָפּפּאלן און זוכן ביי זיי פארבאָטענע צייטונגען, מאגיפעסטן און אנדערע מינים פאפּירן. אלא נישט, וואָלט זיך דער זשאנדאר נישט געלאָזט פארפירן אז ער זאָל אַין דייזשקעלע פון

דער ברינדזע אויך א קוק כאפן. אָבער א מכה! אלעם האָט זי מבער געווען!

נאָכדעם וואָס די זשאנדארן האָבן אוועקגעפירט אליין מיט וועלוולען, איז נעכע געבליבן ווי זאטשמעליעט. זי האָט געמיינט אז ס'איז געווען אויף א געלעכטער, א שפּאס אזעלכער און אבאלד, אבאלד, וועט זיך אויף מאכן די טיר און אלי מיט וועלוולען וועלן צוריק קומען, וואָרעם וואָס קען מען זיי טון? געפינען האָט מען דאָך גאָרנישט. אז זי האָט אָבער געזען אז ס'איז א וועק א שמיק פון דער נאכט און נישט מ'זעט, און נישט מ'הערט, איז זי שטארק אומרויק געוואָרן און אָנגעהויבן ווילד ארומצושפּאנען פון איין וואנט צו דער אנדערער. צו איר ווייטיק און צער איז נישט געווען קיין שעור און קיין ערך. וואָלט נעכע געווען ווי אנדערע ווייבער, וואָלט זי זיך גענומען וויינען און שרייען אז ס'גאנצע שטעטל זאָל זיך צונויפלויפן, איז עס אָבער נישט אין איר טבע. זי האָט נישט געקענט, נישט וויינען און נישט שרייען, זי האָט געוואוסט אז ווען זי זאָל זיך אביסל אָפּוויינען וואָלט איר אויפן הארץ לייכטער געוואָרן, זענען איר די אויגן אָבער געבליבן טרוקן און ס'הארץ דאדורך פארשטיינערט.

די קינדער וועלכע זענען אינדערהיים געווען האָבן איר מיט מורא נאָכגעקוקט יעדע באוועגונג אירע און מורא געהאט א הויך וואָרט ארויסצולאָזן. א קרעכץ, א וויין, ווען זי זאָל געווען ארויסלאָזן וואָלטן די קינדער איר, ווי משוררים פאר א חזן אונטערגעהאָלפן, האָט זי דאָס טאקע נישט געוואָלט, האָט זי דאָס טאקע געוואָלט אויסמיידן איז עס אָבער אומעגלעך געווען, איז זי געווען גלייך צו א כלי וואָס ווען מ'זאָל נאָך אביסל ארייננגיסן גייט עס איבער, און א גאנצע נאכט האָט זי געוווסט, וועט זי זיכער דעם נסיון נישט אויסהאלטן איבערדעם האָט זי מיט א באפעלערישן טאָן געהייסן די קינדער אז זיי זאָלן זיך שוין גיין לייגן שלאָפן און אויפהערן צו גלאָצן אויף איר מיט אזעלכע קעלבערנע אויגן און אליין האָט זי זיך אין א בערטע איינגעהילט און זיך פון דער שטוב ארויסגעלאָזט, מיט דער דעה צו גיין צו איר עלטסטן זון בערל.

.2

בערל האָט געארבעט קיזשנערײ. אויסגעלערנט די מלאכה האָט ער ביי משה טערק און דערנאָך, האָט ער זיך עטלעכע מאָל בא

נעגנט מיט חייקען אין דער פעסטונג און בערל האָט געשיקט דעם שוחט יענקל פידעלמאַן סיי צו חייקעס פאָטער משה טערק, סיי צו זיין פאָטער צו אלין. משה טערק, האָט תחלת אפילו געוואָר־משעט. אז ער האלט נישט ביי קיין שדוך טון, אז זי איז נאָך א יונג קינד. און אז ער איז געוווּיר געוואָרן אז חייקע איז אויך ווי אנ־דערע מיידלעך פון איר שטאַנד געווען מיט בערלען אין דער פעסטונג, האָט ער, אפילו דעם רימעט אראָפּגענומען און איר אריינגעוואָרפן. חייקען הייסט עס. ער האָט אפילו געשריגן אז די היינטיקע וועלט, איז אן אויסגעלאַסענע וועלט, אז ער האָט זיין ווייב פאר דער חתונה גאָרנישט געקענט. ער האָט אויך בערלען אהיים געשיקט און אז ער האָט זיך באַגעגנט מיט אלין אין קיזשנערישן שילעכל, האָט ער אפילו אין זיין זייט נישט געוואָלט קוקן. ס'האָט אים אָבער גאָרנישט געהאָלפן. ס'האָבן זיך באַגעגנט, דער טערק מיט נעכען און זי, נעכע, האָט אים אריינגעזאָגט ווי ס'געהער צו זיין, אזוי, אז „דער קראָם" — ווי נעכע האָט געזאָגט — האָט ביי אים גאָכגעלאָזט.

בערל, האָט נאָך דער חתונה געארבעט די מלאכה. קיזשנעריי. צומאָל פלעגט ער אויך א פעלעכל קויפן און מאַקע צוליב דעם, האָט ער זיך א הייזל אויפגעשטעלט ארויס פונעם שטעטל הארט לעבן שטראָז וואָס פירט צום ראָטיש. אי דער פאָטער, אי די מוטער, האָבן פאריבל געהאַט אויף בערלען, און אים געבעטן אז ער זאָל זיך אָפּלאָזן פון מסחר. דער שווער זיינער, דער טערק, מיט די שוואָגערלעך פלעגן אים אָבער נישט געמאַך לאָזן און אז ס'איז אונטער געקומען דער לעמער סעזאָן האָט ער שער און אָל געוואָרפן און אינאיינעם מיט די שוואָגערלעך ארום געפאָרן איבער די דערפער.

— לאָך דיך אויס פון זיי! — האָט דער אלטער טערק גע־זאָגט — פון א פעלעכל וועסטו א פראַנק קענען אוועקלייגן. זי אָבער נעכע, פלעגט אויף אים מיט כעס אָנפאַלן:

— ס'זעט זיך טאַקע מהותן, וואָסערע גאָלדענע צייטן, ס'שלעפּן זיך אייך נאָך.

משה טערק, פלעגט נאָר צו כיכיקן, זיך קראַצן אין קאָלטענע־וואַטן בערדל און אויף זיין שטייגער שפּיצעכיקע ווערטער ארויס־צוווארפן:

— ביסט נאָך אלץ דער געוועזענער סאָלדאַט נעכע! כע! כע! כע! איין מזל האָסטו, וואָס איך בין שוין אלט און דו מהותגיסטע ווערסט אויך נישט יונגער! כע! כע! כע! — די שנור חייקע אָבער, האָט נישט דעם פאָטער, נאָר דער שוויגער אָפּגעגעבן געדעכט.

זי איז אויך נישט צופרידן געווען פון דעם סוחרעווען. ער, בערל, ווען ס'קומט אים אָן דאָס ארומוואנדערן איבער די דערפער, לאָזט ער זי איבער איינע אליין מיט די קינדער אויף גאָטס באראָט, אויפן פרייען פעלד. — און פרעגטס מיך בחרם שוויגער, וואָס ס'קומט ארויס פונעם מסחרעווען.

און אז מ'האָט אָנגערירט, דאָס הייסט, אז מ'איז ארויף אויף א שמועס פון מסחר, פון סוחרים, איז מען פארשטייט זיך אויך ארויף אויף דעם אָדער יענעם סוחר און ווי דער שטייגער זיי בא-רעדט אָדער באדויערט, לויט וואָסער פאָזיציע דער דאָזיקער סוחר האָט צווישן סוחרים געהאט און פארשטייט זיך אויך, אז מ'האָט נישט איבערגעלאָזט נפתלין און מיט אים אויך דערמאנט לייבע-לען. נעכע האָט דאָס אָבער נישט געקענט פארטראָגן, און זיך גע-בעטן אז מ'זאָל זי שאנעווען, מ'זאָל זיין נאָמען, זיין טרפענעם נאָמען נישט דערמאנען.

איצט, ווען נעכע, איז, פארוויקלט מיט דער בערטע געגאנגען צו איר עלטסטען זון בערל, איז זי דורכגעגאנגען דעם שיל געסל און נישט ווילנדיק האָט זי א בליק געוואָרפן צום פענצטער פון נפתלים שטוב און דאָס בלוט איז איר אין פנים געקומען.

— אזוי אויסגעשפּילט! — טראכט זי הויך — אן אייגן קינד א שונא! אז אויף קיין גוט אָרט זאָל ער זיך נישט שטעלן, אָט די ציגענע באָרד! און אפשר, — טראכט זי ווייטער אריין אין זיך און די ווערטער וואָס זי זאָגט ארויס, פאלן אריין אין דער בערטע, אין דער שאל. — אפשר איז עס טאקע ווי איר אלי זאָגט; א כשוף! אפשר איז טאקע לייבל נישט איר קינד! אפשר האָט מען אים איבערגעביטן! זי, נעכע, גלויבט אָבער נישט אָן די דאָזיקע זאבאָבאָנעס! ס'איז גיכער ווי וואסילע זאָגט, ווי יאָן זאָגט; דאָס געלט! פארכאפט זאָל דאָס געלט ווערן! דאָס געלט מאכט פון איינעם אן אויסוואָרף! — נאָכדעם קומט דאָס אויפ-כאָווען, מ'האָט אים אזוי אויפגעכאָוועט אז ער זאָל פיינט האָבן איינענע טאטע מאמע, האָט ער זיי פיינט. דערצו איז נאָך דאָ געלט אויבעט. אליץ וואָס מ'דארף קען מען זיך נאָכגעבן. ווען ער ליידט כאָטש, וואָלט ער זיך אומגעקערט צו אונדז! אָבער אזוי, אָנגעשטאָפּט מיט געלט! אוי דאָס געלט, האָט מיך אומגליקלעך געמאכט! נאָר נישקשה, ס'וועט קומען דער טאָג. אוי וועט ער קומען! — אינדעם, האָט זי אירע אויגן אויפגעהויבן צום הימל און דערזען ווי א האלבער הימל איז ווי מיט בלוט פארגאָסן. — א מצווה! — רעדט זי אריין צו דער שאל — פארשרפעט זאָלן זיי ווערן! גאנץ גלייך טוען זיי די צאראנגעס. דאָ, האָט נעכע, אן אָפּ-

געהאקטן דערשטיקטן קוויטש דערהערט. גלייך ווי זי האָט אויך געהערט דעם געשריי: „וואסער!“ „וואסער!“ ארויסשרייען פון נפתלים שטוב. זי האָט אויפגעציטערט. און כאָטש מיר ווייסן, אז זי האָט פון איר לייבעלען נישט געוואָלט וויסן, נאָך מער, זי האָט אפילו זיין נאָמען נישט געוואָלט הערן דערמאנען, דאָך, ווען זי האָט דעם אָ קוויטש דערהערט, וועלכער האָט איר אויסטערליש אויסגעוויזן, האָט זי אויפגעצאפּלט, איר מאמע הארץ האָט נישט אויסגעהאלטן, זי איז צו, צום פענצטער לאָדן און דאָס פּנים צוגעדריקט צו א שפּאלט. אפשר וועט זי דערזען, אפשר וועט זי דערהערן. טאָמער חלילה! נישט די שעה זאָל זיין, עפּעס מיט איר לייבעלע געשען! טאָמער חלילה עפּעס מיטן קינד זיך געטראָפן! די שעה זאָל נישט זיין!

און אזוי שטייענדיק, מיטן פּנים צוגעקלעבט צום לאָדן, האָבן אירע ליפּן געמורמעלט: רבונו של עולם, טאָמער ווילסטו אים באַשטראָפן, ווייל ער האָט אונדז פארשעמט, — זענען מיר אים מוחל, און ס׳זאָל חלילה אים אפילו אין מינדסטן נאָגל נישט שאטן!

ס׳קען זיין, אז ס׳וועלן זיך טרעפן אזעלכע מענטשן, וואָס בשעת זיי וועלן לייענען די אָ שורות, וועלן זיי פון דער דאָזיקער נעכע חוזק מאכן און זיי וועלן פרעגן א ווידעראנאנד פון דער פריערדיקער נעכע וועלכע, האָט אפילו לייבלס נאָמען נישט געוואָלט הערן דערמאנען, אויף דער איצטיקער נעכע, וועלכע בעט אזוי, פאר איר קינדס געזונט, אז ס׳זאָל אים חלילה גאָרנישט שאטן. און נישט נאָר זי איז גרייט אים מוחל צו זיין, נאָר זי איז אים טאקע שוין מוחל, זאָגן מיר, אז אזא ווידעראנאנד, קענען נאָר אָפּפרעגן אזעלכע וועלכע האָבן נישט קיין קינדער אָבער די וועלכע האָבן קינדער, פאר זיי איז עס גאָרנישט קשה, און גאָרנישט ווילד.

דער דאָזיקער אויסטערלישער ווילדער קוויטש, האָט אויך אויפגעוועקט די פארטאיעטע שכנים. און איינער נאָכן אנדערן האָבן אויפגעמאכט א שפּאלט פון דער לאָדן־טיר, ארויסגעשטעקט א האלבן קאָפּ און אין לײדיקן חלל פונעם שטראָז געפרעגט:

— וואָס איז געשען? ווער האָט דאָס געשריגן?

.3

פארוואָס, האָט חיים דער רעדנער, אָדער ס׳רעבאלע זוכע געווען, צו צוויי צונעמען מיט אמאָל? איז, ווייל די צונג איז ביי אים פון תמיד אָן געווען א שארפע. תמיד האָט זיך די דאָזיקע צונג זיינע גע־

איילם, דערום פלעגן ווערטער, וועלכע האָבן געדאַרפט אייגנ־
טלעך שפּעטער קומען, ארויס פריער און די פון פריער שפּעטער.
גו מילא, דאָס וואָלט נאָך אפשר א קליין אומגליק געווען, האָט ער
אָבער געהאט א גרויסן חשק צום ריידן און דאָס דווקא אסך
ריידן, מחמת דעם, האָבן אים די לצים, די שטענדיקע אָפּשפּעטער,
אים מיטן דאָזיקן נאָמען געקרוינט. דאָס איז געווען פריער, ווען ער
האָט זיך נאָך נישט געהאט אויסגעצייכנט מיט עפּעס אנדערש.
שפּעטער האָט מען באמערקט, אז ער הויבט אָן ארויסצווייזן
משונה מאָדנע גענג, רייבט זיך צווישן איידלע יידן, מאכט נאָך
זייערע העוויות, שטייט א לאנגע שמונה עשרה, קוועטשט דעם
„ד" פון „אחד", אָדער ער האָט געקענט געבן א וואָרף אריבער
דעם טלית איבערן קאָפּ, זיך אויסדרייען צו דער וואנט און שטיין
אזוי לאנג, לאנג, אָן ער זאָל זיך אפילו א ריר געבן און אז ער
האָט זיך אויסגעדרייט האָט מען ביי אים געזען אויגן רויטע, פאר־
וויינטע. איז עס זייער א גרויס חדוש געווען, וואָרעם מען האָט
גאנץ גוט געוווסט, אז פונעם דאוונען פארשטייט ער אזוי פיל
די טייטש פון די ווערטער, פונקט ווי דער האָן ווען ער קוקט
אריין אינעם „בני אָדם". עלטערע, געזעצטע מענטשן, האָבן נאָר
מיט א האלבער ליפּ אומנערגעשמייכלט, ס'יונגוואַרג אָבער, פון
וועמענס אויגן מ'קען נישט באהאלטן, האָבן אים גענומען פּעסט
אין דער ארבעט, דער עיקר, מאַני דעם טערקס, ער האָט אים גע־
געבן א זאָג:

— ברע רעבאָלע, ניע פּאסטאי, ניע גאנוואי! פּאסט נישט,
גנבע נישט! גנבע נישט ביים מעטער, פארגלאָץ נישט די אויגן
ביים „אחד"!

אָט דאָס רעבאָלע, וועלכער באטאָג, איז ער א גאנצער שמשון
הגבור, וועלכער קען אריין צו מאנאָלע דודים, און ארויסשלעפּן ביי
די פּאָלעס א קוגה, וואָס אָן א שום ספק איז מאנאָלע פיל גע־
זונטער און שטארקער פון אים, אָט דער דאָזיקער רעדנער,
וועלכער האָט זיך מיט בורמאנען געריימט: „א מצווה, איך
האָט געמיינט אז אין רוסלאנד וועט ווערן אנדערע פּאראַנדקעס!"
אָט דער אָ, ווען ס'פלעגט אין די דאָזיקע אומרויקע טעג, צווישן
ניינצען הונדערט פינף און ניינצען הונדערט זיבן, גייען אזעלכע
מאָדנע קלאנגען; וואָס פויערים זענען אומשטאנד צו טון מיט
פּריצים! דעמלט איז אים, די נשמה אריין אין די פּיאטעס און
אז ס'איז געקומען דער אויפדערנאכט, האָט ער נאָך מער ווי אנ־
דערע, זיך פארשלאָסן אויף זיבן שלעסער.

אויך ער, ווען ער האָט דערהערט דעם דאָזיקן יעמערלעכן קווימש, האָט ער אויך פּאַוואָליענקע אויפגעמאַכט א שפּאַלט פון דער לאָדן־טיר, אויך ער, איז געווען גרייט ווי די אנדערע צו פרעגן אין חלל אריין: „וואָס איז געשען? ווער האָט דאָס געשריגן?". האָט ער אָבער באמערקט ווי נעכע שטייט מיטן פּנים צוגעקלעבט צום לאָדן פענצטער פון נפתלים שטוב. ער האָט תחלת צוריקגע־כאַפּט דעם קאָפּ און געווען גרייט צו פאַרהאַקן די לאָדן טיר, ער האָט זיך אָבער געמאַכט האַרץ און געשריגן: „העי טשינע אַ־קאָלאָ?" דאָס הייסט: ווער איז עס דאָרט? און שוין האָט ער דעם קאָפּ אַריינגעכאַפּט. בגנבה אָבער האָט ער דורכגעקוקט דעם נאָך שמעלערן שפּאַלט פון דער טיר און אז ער האָט דערזען אז נעכע לאָזט זיך דעם שטראָז אריבערגיין גלייך צו אים האָט ער אינדער־גיך פאַרהאַקט די טיר...

נעכע האָט צו זיך, אין דער שאַל אירער אריינגעשמייכלט; — מאָרגן וועט ער שוין זיכער אויספּויקן אינגאַנצן שטעטל, אז ער האָט געזען ביינאַכט אונטער נפתלים פענצטער, א רוח אָדער עפּעס א גזלן!

קאפיטל יג

א געהיימע זיצונג ביי וואסילען

די נאכט איז צוגעפאלן. פונעם דאָרף שפאנען געשמיידיק און מיט גרויס חשק צוויי פויערים. איינער, א הויכער א דארער, אזש אביסל איבערגעבויגן. דער צווייטער, א נידעריקער, געזועצט, אָנגעדאָבטשעט, אזוי ווי, א פעסל מיט ברינדזע.

ביידע, אי יאָן אי באצקל, זענען אָנגעטון אין אָרעמע פויערישע בגדים. מיט די העמדער איבער די הויזן און מיט ברייטע רויטע וואָלענע גארטלען.

צוריק מיט צוויי יאָר, ווען באלמעלאָכעס און באלעגאָלעס האָבן געמאכט יד אחת און געפרווט אראָפּוואַרפן פון זיך דעם עול פון די גבירים, האָבן באצקלען געראטעוועט זיינע אלטע צוויי גוטע ברידער, יאָן און וואסילע און יאָן האָט גענומען באצקלען און אים פארפירט צו זיך אין דאָרף אריין און דאָרט אים באהאלטן.

א גאנצן טאָג האָט; דאָ גערעגנט, דאָ געשנייעט און דורכדעם, איז די ערד געלעגן א צעווייקטע, א דורכגענומענע, א צעיווירעגע, דערום, האָט זיך זייער שפאנען געלאָזט הערן. פונקט אזוי ווי דער בעקער קנעט דאָס טייג אין דער דייזשע, אזוי האָבן זייערע פיס געקנעטן די פעטע שווארצע בלאָטע. ביי יעדן הויב דעם פוס, האָט זיך געהערט א מין סמאָטשקען. דאָס האָט די בלאָטע נעקושט זייערע טריט.

— די דאָזיקע בלאָטע, — זאָגט אזוי ווי פאר זיך באצקל — באווייזט וואָס פאר א רייך לאנד מיר פארמאָגן. קוקזשע דיך אָן, קוק מיך אָן, וואָסזשע האָבן מיר פון איר רייכקייט? — א רייכע שטיפמאמע איז זי אונדז.

יאָן, ווישט זיך מיטן ארבל דעם שווייס פונעם שטערן און ענטפערט:

— נישט א שטיפמאמע איז זי אונדז, נאָר א לייבלעכע. זי איז נעבעך נאָר געפאנגען ביי רשעים. דו, באצקעלע, טאָרסט דאָס נישט זאָגן! די ערד איז דיר אויך און אייגענע מאמע פונקט ווי מיר און אנדערע אונדזערס גלייכן.

באצקל האָט גאָרנישט געענטפערט. נאָר שווער געהויבן די פיס, שווער געפּראכט און געפרעגט:

— נאָך ווייט, ביז וואסילען?

וואסילע, האָט צווישן די פויערים געגאָלטן, אלס א קאָפּ־מענטש, אלס דער איינציקער פויער אין דאָרף, וועלכער האָט געקענט לייענען א געדרוקט וואָרט. פון וואנען זשע, וועלן מיר פרעגן, קומט דאָס צו אים? אז דער פאָטער זיינער, איז נאָך ביים אלטן פּריץ געווען א לייבאייגענער? א גאנצע קייט פון דורות, זיידעס און עלטער זיידעס, זענען געווען שקלאפן און ווי בהמות זענען זיי איבערגעגאנגען פון פּריץ צו פּריץ, פון פאָטער צו זון, איין דור נאָכן אנדערן, ביז צום אלטן קאָמאן, וועלכער האָט געהאט די זכיה, באפרייט צו ווערן און וועלכער, האָט פון בלויזער פרייהייט און פון די צוויי פאלטשעס ערד נישט געקענט זיין שווערע פאמיליע שפייזן, מחמת דעם, איז ער פאר־בליבן ווייטער ביים פּריץ פון וואנען זשע, האָט קאָמאנס זון וואסילע. דאָס אָ גערירשנט? אז וואסילעס קינדהייט הויבט זיך אָן מיט פערד, בייטש, שטאל און ברימשקע און עפּעס מערער, האָט וואסילע גאָר קיין חשך נישט געהאט? אָט דאָס אלעס, וועלן מיר זיך דערוויסן פון די ווייטערדיקע שורות:

מיר ווילן דאָ נישט דערציילן, וויאזוי וואָס ווער און ווען וואסילע איז געבוירן געוואָרן, נאָר איינס וועלן מיר צוגעבן, אז ביים סאמע געבוירן האָט מען שוין געשמועסט, אז דער דאָזי־קער וואסילע וועט זיין עפּעס אויסערגעוויינלעך, מחמת די מוטער זיינע האָט אים אין שטאל געבוירן און דאָס נאָך אין א יעסלע. צי דאָס איז א ראיה ווייסן מיר נישט, נאָר אז די מוטער זיינע האָט דעמלט די שטאל גערייניקט און פונקט דעמלט האָט זי געבורט־ווייען באקומען און ביז וואָס ווער און ווען האָט זי דעם וואסילע ממש אין דער יעסלע פארלוירן דאָס איז ריכטיק און אמת איבער גאָר.

אין דער זעלבער נאכט, איז דאָס יונגע פּריצעלע אויך צו קינד געגאנגען און אויך דעמלט דעם יונגען פּריץ געבוירן. פאר־שטייט זיך אז איר קינד האָבן איז געווען אין גאָר אנדערע באדינגונגען, ווי וואסילעס מאמע, נאָר נישט דאָס איז דער

עיקר, מיר ווילן נאָר דערציילן א קליינינקייט, אז וואסילע מיטן יונגן פריץ זענען אויפגעבראָוועט געוואָרן ווי צוויי ברידער. פון וואסילעס מוטערס בריסטן, האָט דער קליינער פריץ געזויגן און כמעט ביז צו די זעקס זיבן יאָר איז ער נישט ארויס פון קאָמאנס הייזל געבליעפטשעט באָרשט אינאיינעם מיט וואסילען און אויך מיט אים זיך ארומגעשלאָגן איבער א באַץ דע מאמעליגע *. ערשט נאָך יענער צייט, ווען דער פאָטער האָט נאָך אמאָל חתונה געהאט, האָט ער אים אהיים גענומען, און זייערע וועגן האָבן זיך צעשיידט. דער, קיין יאס אין שולע אריין, און דער אנדע-רער אין שטאָל אריין...

מען וואָלט געקענט מיינען, אז דער יונגער פריץ, איז אלס פיצל עופהלע א יתומל געבליבן און דערום איז ער ביז צו דעם דאָזיקן עלטער געווען ביי קאָמאנען אין שטוב. מען וואָלט אויך געקענט מיינען, אז דער פריץ, דער טאטע, האָט נישט געקענט פארשמערצען זיין ווייבס טויט, ערשט נאָך א צייט מיט יאָרן. מעג מען זיך מיינען וואָס מען וויל, נאָר געשען איז נישט אזוי. די פריצה איז נישט געשטאָרבן, דעם פריצס טאטע, איז נישט געבליבן קיין אלמן און ס'קליינע פריצל איז נישט גע-בליבן קיין יתום. אָט וואָס ס'האָט זיך פאסירט:

דער פריץ פון וולאשקא, אויך א גרויסער באָיאר, א געווי-סער פעטרעסקו, האָט איינגעלאדן צו זיך אונדזער פריץ. און ביי די פריצים איז א מנהג, אז מ'לאדט איין אויף א קערטל, הייסט עס, אז די גאנצע משפחה איז איינגעלאדן, ס'פריצהלע און אויך ס'יונגע פריצל, וועלכעס איז נאָך דעמלט אין די וויקעלער געווען.

תחלת, איז פאר אונדזער פריץ אוועק א קאָרט, אז בעסער האָט ער זיך גאָרנישט געקענט ווינטשן. ס'איז אים געגאנגען ווי מ'זאָגט דורך פייער און דורך טויער. פולע זשמעניעס גאָלד האָט ער אָנגעשארט. און דער וולאשקער פריץ האָט געשרפעט ווי א שטרויענער דאך, אָפגעגאנגען ווי מ'זאָגט מיט א שטיק בלוט. און דעם וולאשקע, ס'זאָל אים דאָס געווען הארן וויפל שווארץ הינטערן נאָגל. אז דער דאָזיקער פריץ איז אָנגעשטאָפט מיט א גרויס פארמעגן, גאנצע דערפער מיט פויערים. מיט מאָשיעס, גאָראלניעס, קאָנאקן און נאָך און נאָך, אָן א שיעור און אָן אן ערך. ער האָט געטרונקען, געגעסן און געשפאסט מיט ניצעס ווייבל. אונדזער פריצס ווייבל, וועלכע איז אגב א שיינער פארשוין געווען. נאָר מיט אמאָל האָט זיך דאָס רעדעלע איבערגעדרייט, און דער

---

* באַץ דע מאמעליגע — א שטיק מאמעליגע אויסגעקנעטן.

וולאשקער פּריץ האָט אָנגעהויבן אַראָפּצושאַרן קופּעס גאָלד און גיצע קאָדאַטווערמאַ האָט אָנגעהויבן אָפּצוצערן. וויפל וולאשקאַ האָט זיך צו אים נישט געבעטן:

— געגוג גיצע! — און אין אַ שפּאַס האָט ער צוגעגעבן:

— זע גיצע! דו ווע‏סט נאָך דיין ווייבל, אין שפּיל פאַרשפּילן! — האָט ער נישט געוואָלט הערן. געשטעלט אַזוי לאַנג אין קאָן, ביז די קעשענעס האָבן זיך ביי אים אויסגעטרוקנט.

אַז אין די קעשענעס אַ פּייג, אין האַרצן אַ לאָך, דער קאָפּ פּוסטע אָן אַ שום אַנדערן געדאַנק, ווי נאָר אַן אַמביציע, אָפּצוגעווינען דאָס פאַרשפּילטע, דאָס אָנגעוווירענע פאַרמעגן. און דער דאָזיקער הונט וולאשקאַ וויל אפילו נישט הערן צו שפּילן אויף באָרג, אָדער אויף אַ — קווימעלע אפילו נישט אויף אַ משכון. דעמלט, האָט זיך אונדזער פּריץ אָנגעכאַפּט אָנעם פּריצ‑ריקן וויץ, וואָס וולאשקאַ האָט געמאַכט: „זע גיצע, דו וועסט נאָך דיין ווייבל אין שפּיל פאַרשפּילן“.

קודם, האָט גיצע געשטעלט, נאָר אַכט טאָג ווייב אין קאָן. אַז ער האָט אָבער פאַרלוירן, פרישע אַכט טאָג, אַזוי לאַנג, ביז פון די טעג איז געוואָרן וואָכן, פון די וואָכן חדשים און פון די חדשים יאָרן. ביז ער האָט זי פאַרשפּילט לעולם ועד. דאָס הייסט ער האָט זיך געחתמעט אויף אַ פּאַפּיר אין וועלכען ער טוט מיט זיין אייגענער חתימה באַשטעטיקן, אַז זיין ווייבל, טוט ער אָפּטרעטן פאַרן פּריץ.

דעם אַנדערן טאָג, האָט וולאשקאַ משלח געווען קאָדאַטווער‑מאַן, אינאייגעם מיטן קינד, און דאָס יונגע פּריצהלע איז נישט געקומען אפילו אים אָנצווינטשן אַ גליקלעכן שליטוועגס. אוודאי האָט עס גיצען שטאַרק געבראָטן און געברענט, נאָר נייט עפּעס קעגן איינעם, וועלכער איז אַזוי שטאַרק רייך, וועלכער איז אָנגעשטאָפּט מיט אַזויפיל געלט. אַזוי האָט זיך דער קליי‑נער אויפגעכאָוועט מיט וואַסילען אינאייגעם, ביז צו דער עלטער פון זעקס זיבן יאָר. איינער, איז אַוועק קיין יאַס אין די קלאַסן, דער צווייטער אין שטאַל.

אין די ערשטע יאָרן, ווען קאָנסטאַנטין, אָדער ווי מ׳פלעג אים קורץ אָנרופן: קאָסטיקע; איז זומער, אין די שול‑פעריען, אהיים געקומען, האָט ער אפילו מיט אַ בליק נישט מזכה געווען וואַסילען. ער האָט זיך מיט אים אויפגעפירט, ווי ס׳פּאַסט זיך פאַר אַ באָיאַרס אַ קינד, זיך אויפצופירן מיט זיינעם אַ משרת, אַ דינער. נאָר שפּעטער מיט יאָרן, ווען דער פּריץ איז שוין אין

די הויכע קלאסן געגאנגען, אבאלד, אבאלד, נאָך עמלעכע יאָר און ער וועט אריין אין אוניווערזיטעט, האָט ער זיך נאָר אינגאנצן איבערגעביטן. דאָס העמד זיינס אריבערגעשלעפּט איבער די הויזן, זיך אָנגעטון א ברייטן לעדערנעם מיט פּאציער־קעס אויסגעשטיקטן גארטל, צו וואסילען שטארק צוגעלאָזט ממש ווי צו אן אייגענעם ברודער. און, וואונדער איבער וואונדער, זונ־טיק, איז דער יונגער פּריץ געקומען צום כראם און טאנצן מיט די דאָרפס מיידלעך, מיט פּויערישע מיידלעך! צווישן זיי, פלעגט ער אויך טאנצן מיט זיין שוועסטער, מיט וואסילעס שוועסטער.

אָט דאָס אָ, דאָס פארשטעלן זיך, וואָס דער פּריץ פלעגט זיך צו פארשטעלן; היינו, דאָס אריבערשלעפּן דאָס העמד איבער די הויזן, דאָס צוגעלאָזנקייט זיינס, צו איטלעכן פּויער ובפרט צו אים, צו וואסילען, האָט ער, וואסילע גאָרנישט געקענט משיג זיין מיט זיין שכל. נאָך מער איז וואסילע צעמישט געוואָרן, ווען ער וואסילע פלעגט אים אויף זיין אנדערשטקייט פרעגן, און ער האָט אים אמאָל אין א שמועס געזאָגט: אז ער, וואסילע דארף שטאָלץ זיין, אלע פּויערים, דארפן שטאָלצירן, וואָרעם זיי, זענען דאָס אויבערשטע פונעם שטויסל דאָס אמתע פאָלק. א דאָס אָ, האָט וואסילען אינגאנצן צעמישט. וואָרעם מיר מוזן צו־געבן, אז וואסילע, ביי דעם אלעמען, וואָס ער איז זייער א קלו־גער בחור געווען, דאָך איז ער אין דער דעמלטיקער צייט גאָר־נישט אומצופרידן געווען. פארקערט ער איז נאָך שטארק צו־פרידן געווען פון זיין שטעלע אלס שטאל קנעכט. ער האָט גע־ווסט, אז אזוי דארף צו זיין; דער פּריץ, פּריץ. און ער, און די פּויערים קנעכט. ס'קען גאָר אנדערש נישט געמאָלט זיין. בא־זונדערס איז ער אליין שטארק צופרידן געווען פון דער שטאל, פון דער בייטש און פון זיינע לייבן. וויאזוי ער האָט זיינע פערד גערופן, און ס'איז גאָר קיין חדוש אויף אים. יונג, געזונט און שטארק, ווען ער פלעגט די לייבן איינשפּאנען אין דער בריטשקע פלינק זיך געגעבן א כאפּ ארויף אויפן קאָזילעק, א פּאַכע מיט דער בייטש און דער לופט און א טשמאָטשקע מיט די ליפּן און שוין, זענען זיי ווי אמתע אָדלערס געפלויגן. היינט קומט צו גיין דער יונגער פּריץ און ווייזט אים גאָר עפּעס אנדערש. אז ער, וואסילע איז וואָס ער איז, און דער פּריץ איז אויכעט אָבער נישט דאָס. ס'קען נאָך געמאָלט זיין, — טראכט וואסילע — אז ער, דער פּריץ זאָל נאָך וועלן, זיך נאָר בייטן מיט אים. שוין וואָלט דאָס אויסגעזען, ווען ער

װאַסילע, זאָל װערן פּריץ, און ער, קאָסטיקע, זאָל װערן דער אַרגאַט! *

אָט אַזױ, אַזעלכע געדאַנקען האָט װאַסילע אין זײַן האַרצן געטראָגן, מאַכט זיך, אַז ער האָט אַמאָל אָפּגעפּירט, דעם יונגן פּריץ אין דער קרײַז־שטאָט. מחיהדיק שײן איז דער דרױסן געװען. זיצט זיך דער פּריץ צעלײגט אױפֿן װײכן געזעס און לײענט אַ בוך. באַרג אַרױף, איז װאַסילע װי דער דרך, נישט אָפּצומוטשן די פֿערד, אַראָפּגעשפּרונגען פֿונעם קאָזילעק און לעבן דער ברישקע צופֿוס געגאַנגען. קנאַלט ער מיט דער בײַטש, פֿײַפֿט און בשעת מעשה כאַפּט ער אַ זײַטיקן קוק אױפֿן פּריצל. זעט ער, װי ער איז שטאַרק פֿאַרטיפֿט אין לײענען, ער איז גאָרנישט מפסיק אַפֿילו אױף אַ רגע, ער קוקט נישט אַרױס פֿונעם בוך, ס׳אינטע־רעסירט אים גאָרנישט דער אַרום װעלכער איז אַזױ מחיהדיק! אַזױ שײן! דאָס קען װאַסילע נישט פֿאַרשטײן, איז אים אַ גרױס חדוש. נאָך זעט ער, װאַסילע, אַז פֿון צײַט צו צײַט לאָזט דער פּריץ אַרױס אַזאַ מין געלעכטער, אַזש ער פֿאַרגײט זיך און פֿון די אױגן רינען אים טרערן. האָט דאָס אים ביז גאָר פֿאַראינטע־רעסירט. פֿון װאָס קאָן דאָס פּריצל, — טראַכט ער בײ זיך — אַזױ װילד הנאה האָבן? — יעדע רגע, אָדער ער שמאָכעט, אָדער ער פֿאַרכלינעט זיך אַזש מיט געלעכטער.

— פּריץ — רופֿט זיך אָן װאַסילע — זאָג מיר אױך, פֿון װאָס דו לאַכסט עס אַזױ?

— עך װאַסילע! — האָט ס׳פּריצל געשמײכלט — װען דו זאָלסטו װיסן, װאָס אין דעם דאָזיקן בוך שטײט געשריבן! — עך, עך, װאָלסטו אױך געלאַכט! װײסטו װאָס װאַסילע? — האָט ער צוגעגעבן — װײסטו װאָס? איך לײ דיר דאָס בוך, װעסטו אױך לאַכן! עך, אַ גרױסער, גאָר אַ גרױסער שרײַבער געװען, אָט דער מאָפּאַסאַן! אין זײַן מאַמען אַרײַן! אַ גרױסער שרײַבער! — װי האָמיר אונדז אַזעלכע שרײַבערס! נאָר אַ פֿראַנצױז קאָן אַזױ שרײַבן, אַז מ׳זאָל זיך בײַם בױך האַלטן.

— װיאַזױ זאָל איך לײענען? — האָט װאַסילע מיט אַ פֿראַגע געענטפֿערט — װיאַזױ זאָל איך לײענען, אַז איך האָב נישט געלערנט?

— אך יאָ! כ׳האָב גאָר אינגאַנצן פֿאַרגעסן, אַז דו ביסט אַ פּױער! כ׳האָב גאָר אינגאַנצן פֿאַרגעסן, אַז מ׳פּלעגט צו זאָגן: לײענען און שרײַבן איז נישט פֿאַר אַ פּױערס מוח! אַזױ האָט מען געזאָגט װאַסילען! — און טראַכטנדיק אַ װײַלע, האָט ער צו־

* אַרגאַט — משרת.

געגעבן — ווייסטו וואָס וואסילע, איך וועל דיך לערנען, יאָ, איך וועל דיך אויסלערנען, לייענען און שרייבן!

ווען דער יונגער פּריץ, האָט וואסילען אויסגעלערנט, לייענען און שרייבן און ער האָט אָנגעהויבן צו שלינגען ביכער, איין בוך נאָכן אנדערן, האָט זיך אים דער מוח געעפנט און ער האָט אָנגעהויבן משיג צו זיין און פארשטיין אסך זאכן וועלכע ער האָט ביז איצט, גאָר פון זיי נישט געטראכט. אז די וועלט איז גאָר קיילעכיק, אז זי שטייט נישט אויף אן אָרט, אז זי יאָגט זיך גאָר אָן אן אָפּשטעל, נאָך דער זון און אז די וועלט ענדיקט זיך נישט ביים פּרוט און אז ס'זענען נאָך דאָ מיליאָנען שטעט און דערפער, מיט מיליאָנען פּויערים און ארבעטער וועלכע ווערן פארשווארצט און פארפינצטערט ביי די פּריצים. ער האָט אָנגעהויבן צו פארשטיין, אפילו נישט איינגאנצן, וואָס דאָס הייסט: „גיין אין פאָלק" — אויב, דאָס הייסט, אויסלערנען אומוויסנדע פּויערים, לייענען און שרייבן, אויב דאָס הייסט: „גיין אין פאָלק!" — דעמלט איז ער, וואסילע שטארק צופרידן.

וואסילע האָט מיט גרויס דרך ארץ געקוקט אויפן יונגן פּריץ. א — קליינינקייט, א מענטש קומט זיך צונויף מיט אזעלכע גרויסע געבילדעטע לייט, וועלכע זאָגן אז דער פּויער איז דער אמתער מיוחס. אָט דערפאר האָט ער א גרויסן אָפּשיי געהאט פארן פּריץ.

אין א טאָג, איז ער אריינגעקומען אין שטאַל. געוואָלט האָט ער די לייבן זיינע שפּאנען. מיט אמאָל, ער ווייסט נישט וויאזוי דאָס איז געשען, נאָר דער אָגער, האָט אים מיט דער קאָפּעטע אין דער זייט דערלאנגט. און דאָס אזוי שטארק, אז ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אז ס'האָט זיך ביי אים אינעווייניק אָפּגע־ריסן דאָס הארץ מיט דער לונג און לעבער. א שטיק צייט, איז ער אזוי פארחלשט איבערן זשלויב געלעגן, נישט געוווסט אויף וואָס פאר א וועלט ער געפונט זיך. אז ער איז צו זיך געקומען, אז ער האָט זיך געקענט אויפהויבן האָט ער גענומען טראכטן וויאזוי דעם אָגער צו באשטראָפן. ער האָט מיט א קייט צוגע־בונדען דאָס פערד צום זשלויב און מיט אן אייזערנעם אָרטשיק וועלכן ער האָט אין שטאל געהאט, האָט ער דאָס פערד גענומען קאטעווען און שלאָגן. אומזיסט, האָט דער אָגער געטאנצט און געבריקעט, אומזיסט האָט ער געדרייט מיטן קאָפּ, געוואָלט זיך באפרייען פון דער קייט, וועלכע האָט אים געהאלטן צוגעבינדן צום זשלויב וועלכן ער האָט שיעור נישט אויסגעריסן פונעם פלאץ. אומזיסט האָט ער אזוי לאנג געבריקעט, ביז ער האָט

אזש א גאַנצע וואַנט פון שטרוי, מיסט, אויפגעהויבן אין שטאַל, אַזוי, אַז מ'האָט גאָרנישט געזען וואָס ס'טוט זיך אין שטאַל.

דערנאָך, ווען וואַסילע האָט זיך שוין באַרויקט. האָט ער גע־נומען באַטראַכטן, וואָס דאָ איז געשען. און ער איז צו דעם ראַזיקן אויספּיר געקומען:

— איך האָב זייער שטאַרק געזינדיקט, קעגן פערד! איך האָב אים צו שטאַרק געקאַטעוועט! — וואָסזשע זאָל איך טון? און אַז איך וועל דעם פערד זאָגן:

— קוק פערד, איך האָב קעגן דיר געזינדיקט! — וועט מיך אפשר, דאָס פערד פאַרשטיין, וואָס איך רייד צו אים? — און אַז איך האָב מיך קעגן אים פאַרזינדיקט, וועל איך אים שוין מער נישט שפּאַנען? — אָדער, וועט אפשר, דער אָגער זיך אָנברוגזן און מער קיין האָבער נישט וועלן עסן? ווייסיך וואָס! — איך וועל אים שפּאַנען, און ער וועט האָבער עסן! — גיב אים נאָר אַזוי פיל וויפל ער וועט כראָמטשען! — אַזוי טראַכט־דיק, איז אים איינגעפאַלן, אַז דער פּריץ איז אַזוי ווי ער, וואַ־סילע. ס'איז גאָר קיין חלוק נישטאָ. וואַסילע שפּאַנט איין פערד, און דער פּריץ שפּאַנט איין פּויערים. סיי פערד, סיי פּויערים דריגען. — דאָס ווייסט ער שוין פון די ביכער — און דאָס, וואָס איך גיב דעם פערד האָבער, מיין איך דאָך נאָר, אַז איך זאָל אים איינשפּאַנען! — און דאָס וואָס דער פּריץ, לאַשצעט זיך צום פּויער, גלעט אים, זאָגט אים, אַז ער איז דאָס אויבער־שטע פונעם שטויסל, איז דאָך אויך נישט מער ווי אַן אָנשטעל, כדי וואָס בעסער צו פאַרנאַרן דעם אָרעמען פּויער, אַז ער זאָל זיך לאָזן שפּאַנען. און דאָס צוזאָגן, וואָס דער פּריץ זאָגט צו דעם פּויער, איז דאָך נישט עפּעס אַנדערש, נאָר דערפאַר ווייל ער האָט מורא, אַז ער זאָל נישט כאַפּן א דריגע. — איז דאָך נאָר דער חלוק צווישן מיין פערד און די פּויערים; מיין פערד, האָב איך אָנגעלערנט, אַזוי גיך וועט ער מיך נישט דריגען, אָבער די פּויערים, האָבן געדריגעט — (דאָס האָט ער געלייענט אין די ביכער) — און זיי וועלן ווייטער דריגען! — אויב אַזוי, טראַכט וואַסילע און א שמייכל צעלייגט זיך אויף זיין פּנים — דאַרף מען זען, אַז דער פּויער, זאָל וואָס שטאַרקער, וואָס מערער דריגען! א באָך, נאָך א באָך, ביז די מציאה, וואָס ווערט אָנגערופן פּריץ וועט אינגאַנצן אויסגעריסן ווערן פון דער וועלט. פון דע־מלט אָן, איז דער דרך ארץ, וואָס וואַסילע האָט געפילט צום פּריץ אינגאַנצן אויסגערינען געוואָרן. ס'איז נישט מער געבליבן

ביי אים, א דאנקבארקייט, פאר דעם וואָס ער האָט אים אויס־געלערנט לייענען און שרייבן...

גאָר אינגיכן, איז דער זשום, וואָס האָט געהאלטן געפאנ־גען דעם יונגן פריץ, אים ארויס פונעם קאָפּ, ער האָט אויפ־געהערט, איבער געוויסע טעמים צו חנפענען די פויערים. וואסי־לען, האָט זיך אויך פּלוצעם דערעסן די פריצישע שטאָל, די־שיינע בייטש און די לייבן. ס'איז געווען פונקט אין דער צייט, ווען דער פאָטער פאָטער זיינער, האָט זיך אָפּגעטראָגן, אין אן אנדערער וועלט, די שוועסטער האָבן חתונה געהאט און די ברידער, נישט האָבנדיק, וואָס אָנצוהייבן מיט די צוויי פאלטשעס ערד, וועלכע דער פאָטער האָט זיי איבערגעלאָזט, האָבן זיי זיך צעשפּרייט איבער דער וועלט; ווער אין אנאנדער דאָרף און ווער אין שטאָט אריין ערגעץ אין א פאבריק. וואסילע האָט אויך חתונה געהאט און זיך באזעצט אין פאָטערס נחלה. גאָר גיך, איז וואסילע געוואָרן א מטופל מיט אסך קינדער און די אלטע מאמע, וועלכע ער האָט גענומען צו זיך, ווארעם אזוי איז שוין דער סדר ביי פויערים, ווער ס'נעמט די נחלה, דער נעמט אויף זיך אויך צו שפּייזן, דעם טאַטע אָדער די מאמע, וועלכע זענען איבערגע־בליבן און זענען שוין מער נישט פעיק צו פירן קיין באלעבאַ־טישקייט.

געוווינט האָט וואסילע אין שכנות מיטן קרעטשמער טודאָר. איז געקומען דער פרילינג, איז פאר וואסילען שטארק שווער גע־ווען. מחמת די פעלדער זיינע, זענען געלעגן גאָר ווייט, ערגעץ אויף א בארג, ארויס פונעם דאָרף.

פרילינג צייט, ווען סיי וועלכע ערד, מאָנט אז מ'זאָל זיך מיט איר אָפּגעבן, היינטזשע נאָך וואסילעס ערד האָט אוודאי און אוודאי געפאָדערט און געמאָנט אז ער, וואסילע זאָל זיך מיט איר עקסטער אָפּגעבן און זי צערטלען אלא נישט איז זי אומשטאנד געווען נישט וועלן ארויסגעבן אָט דאָס ביסל מאָ־גערע תבואה, וועלכע וואסילע האָט געמוזט אזוי איינטיילן אז ס'זאָל קלעקן ביז איבערן ווינטער און ווענן פארזיי, די איבע־ריקע הדשים, האָט ער אויסגעשטוקעוועט, מיט האָלץ האקן אין שטעטל און טרייבן בהמות צו דער באַן.

אזוי ארום, אז פרילינג, יעדן פרילינג פלעגט זיך וואסילע מיט זיין גאנצער משפּחה אריבער ציען אין באָרדעי וואָס איז געשטאנען אויפן שפּיץ בארג און א גאנצן טאָג, פון פארטאָג ביז שפּעט אין דער נאכט אריין, מיט ווייב און קינדער ארומגע־האיעט און געהאָרעוועט ביי דער שטיינעריקער ערד.

מאכט זיך, אז דעם שכן זיינעם, וואסילעס שכן, טודאָר, האָט זיך פארגלוסט אויסצובריימערן דעם הויף זיינעם. ער האָט זיך אין א גרעסערן הייף געגווייטיקט. אין זיינעם קאָן ער שוין מער קיין שפּילקע קעפל נישט ווארפן. קיין עין־הרע, אזוי פיל האמ־בארן מיט ווייז, מיט אָפּגעשיילטע פּאַפּעשויעס, קאָשערעס מיט פּאַפּעשויעס נאָך אין די קאָטשענעס. קיינמאָל, ווערן די דאָזיקע האמבארן, די דאָזיקע קאָשערעס נישט אויסגעליידיקט. אָט פארקויפט ער, און אָט פולט ער זיי אָן צוריק. א גאנץ קיי־לעביק יאָר נוצט מען נישט קיין האָלץ ביי טודאָרן. די קאָטשע־נעס פון די פּאַפּעשויעס זענען זייער א גוט הייץ מאטעריאל און וויפל מ׳זאָל פון זיי נישט פארברענען, איז נאָך דאָ און דאָ. אויף דער פּריספּע ארום דער שטוב שטייען אָנגעשטעלט בינען שטעק און דערפאר מאכן די בינען אזוי ווייניק האָניק, ווייל דער הויף איז זיי צו ענג. א בין, האָט ליב מערער לופט, מערער זון. האָט ער שוין עטלעכע מאָל וואסילען געבעטן, אז ער זאָל אים ס׳הייזל זיינס פארקויפן. וויל ער אָבער נישט ס׳איז א ירושה פון זיין פאָטער, זאָגט ער. טודאָר, האָט זיך אָבער דער־ווארט. אין איינעם א פרילינג־טאָג, ווען קיינער פון וואסילעס בני־בית זענען אינדערהיים נישט געווען, זיי זענען ווי געוויינ־לעך געווען אויפן בארג, דעמלט האָט א שרפה אויסגעבראָכן ביי טודאָרן און פארשטייט זיך אז אין איין הרף עין אויך וואסילעס נחלה איז אוועק מיטן רויך. איצט האָט שוין טודאָר אפילו נישט געבעטן נאָר גלייך זיך אויסגעשפּרייט מיטן הויף, אריינגענומענדיק אויך וואסילעס.

יאָ, איז געקומען צו הילף וואסילען און צוגעבויעט צום באָרדעי* דאָרט אויפן בארג, פון נישט געברענטע ציגל, וועלכע מ׳רופט קארפּימשן, א צימערל און פון דעמלט אָן, וווינט וואַ־סילע מיט זיין גאנצער משפחה, שוין באשטענדיק אויפן בארג. סיי זומער סיי ווינטער.

.2

אויפן שפּיץ בארג, איז א טיפער גרוב אויסגעגראָבן. אויבן אויפן בארג, ווי טיף דו זאָלסט נישט גראָבן, וועט זיך וואסער קיין מאָל נישט באווייזן. דאָס איז אָבער א גרויסער חסרון. דארף מען האָבן וואסער צום קאָכן, צום וואשן, מוז מען זיך מטריח זיין הינטן. אראָפּ בארג, אפילו ביי א שלעכט וועטער,

* באָרדעי — איזבע.

אפילו ווען דער ווינט אויסגעמישט מיט א שניי, מיט א רעגן פאטשט דיר אין פנים אריין, איז נאָך צום דערליידן. ס'איז בארג אראָפּ. בימער איז, ווען דו גייסט צוריק מיט פולע קאנען און דער ווינט רייסט זיי דיר פון די הענט ארויס, ווען ער בלאָזט ארויס דאָס וואסער פון די קאנען, אויף די פאָסטעלעס, אויף די הויזן און פראָסטיק איז, דעמלט איז גאָרנישט מקנא צו זיין נישט וואסילען, נישט זיין גאנץ בני־בית. נאָר העלפן קען מען זיך נישט. וואסער מוז מען האָבן. אָן וואסער קען מען נישט לעבן.

דער אריינגאנג אין וואסילעס פאלאץ, איז אָט אזוי:

אינעווייניק, אין גרוב זענען דאָ טרעפּ, אויסגעשניטענע פּו־געם בארג גופא. די ווענט, זענען ארומגעשטעלט, מיט גראָבע העלצער, אוועקגעשלעפּטע ביינאכט פון דער נאָענטער באן־לי־ניע, ווו ס'ליגן אָנגעוואָרפן גאנצע בערג מיט שוועלן.

תחלת, האָט זיך וואסילע געווענקלט: — ס'טייטש, יאָן, גנבענען? נאָר יאָן, האָט פון אים געלאכט:

— וואָס רעדסטו וואסילע? דו זעעסט נישט, ווי פון קליין ביז גרויס, זענען זיי דאָ אין מאָלדאָווישן לאנד לויטער גנבים? קוק נאָר אָן וואסילע, וואָסערע געזונטע און שטארקע שוועלן דאָס זענען! — בשעת מעשה, קראצט יאָן מיט א נאָגל אויף א שוועל — קוק ווי שטארק! ממש אייזן! צענער יאָרן וואָלטן זיי נאָך געקענט אויסהאלטן. נאָר וואָס דען? ס'האָט מסתם, דעם דירעקטאָר אויסגעפעלט געלט, האָט ער שוין אזוי געמאכט, אז מ'זאָל די באן ליניע דארפן פאריכטן. אז מ'זאָל אריין שטעלן אנדערע שוועלן און די אלטע שוועלן, וועט דער גנב, דער די־רעקטאָר צושארן דורך ליציטאציע עמעצן פון זיינע ברידער, ביי וועמען ער וועט א גוטע פּוטיקא נעמען און דערנאָך, וועלן די ביידע גנבים צוריק פארקויפן, טאקע דיזעלבע שוועלן, פאר דער באן דירעקציע און דער דירעקטאָר וועט ווידער א גרויסע פּוטיקא באקומען. טאָמער אָבער, וועט א העכערער פונעם די־רעקטאָר זיך כאפּן און וועט וועלן פונעם חדר אויסזאָגן, וועט מען אים אויך א שמיר געבן! פאָלג מיר וואסילע, זיי זענען גנבים, נישט מיר!

כמעט א גאנצן זומער, נאכט אויף נאכט, נאָך א טאָג האָ־רעוואניע, ביי דער פעלד ארבעט, האָט וואסילע מיט זיין משפחה געארבעט ארום דעם באָרדעי, ביז וואנעט זיי האָבן צונויפגעשלעפּט דאָס געהעריקע מאטעריאל. דערנאָך, א צרה! דעם גרוב האָט מען דאָך געמוזט פארדעקן! וויאזוי־זשע וועט

מען דאָס קענען אריינגיין? איז איצט שוין געווען יאָנס אויפטו. ער האָט גענומען, נאָך אזוינע צוואנצעק שוועלן, זיי אויפגעשטעלט אויף די דאָזיקע שוועלן פונעם גרוב. די דאָזיקע שוועלן זענען שוין געווען אינדרויסן ארויס פונעם גרוב. ער האָט זיי געשטעלט אזוי, אז איין קאָפּ פון א שוועל האָט זיך אָנגעשפּארט אויפן קאָפּ פון דער אנדערער שוועל. געמאכט, אין יעדער שוועל א קארב און זיי צונגע־בונדען מיט ווייכע פּריטעס. אזוי, אז דער באָרדעי האָט פון דרויסן באקומען א צורה פון א בענקל, אויבן שמאָל, הינטן ברייט. איצט, האָט מען נאָר ארויפגעוואָרפן די אויסגעגראָבענע ערד און דער באָרדעי איז געווען פארטיק.

— א דירה מלוכה, — האָט זיך וואסילע געוויצלט.

ווער שמועסט נאָך, ווען יאָן האָט אינעווייניק אין באָרדעי, אויפגעשטעלט אן אייוועלע פון קארפּיטשן, ארויסגעצויגן א קוימען, אויף אים ארויפגעשטעלט אן ערדענעם טאָפּ אָן א דנאָ און דער רויך האָט זיך געצויגן, ארויף, ארויף צום הימל צו. האָט זיך וואסילע נישט געקענט אזויפיל אָפּלויבן אז די דירה האָט טויזנט הנען. — א מכה! — זאָגט ער — אפילו דעם מלך קאראָל אזא דירה!

אָט דעם דאָזיקן באָרדעי, האָט יאָן אויפגעשטעלט נאָך איי־דער וואסילע איז אין דאָרף אָפּגעברענט געוואָרן. נאָך דעם, ווען וואסילע מיט זיין בני־בית זענען געצוואונגען געווען אינ־גאנצן זיך אריבער פּעקלען צום באָרדעי, האָט דעמלט יאָן נאָך א צימערל לעבן באָרדעי אויפגעשטעלט, מיט צוויי פענצטער און אָן א טיר מחמת דער אריינגאנג איז געווען דורכן באָרדעי, הינטער דער ערד. יאָ, האָט אזא מין טונעל אויסגעגראָבן וועל־כעס האָט פארבונדען הינטער דער ערד די זומער מיט דער ווינטער וווינונג. פאר א פרעמדן, איז עס א רעטעניש געווען:

— וואָרומעט, גייען די מענטשן אריין און ארויס?

— א שמירה, פאר א גוט אויג — האָט וואסילע געזאָגט.

.3

ווען באצקל מיט יאָנען, זענען אריינגעקומען צו וואסילען, האָבן זיי שוין געטראָפן אויף די בענק, ארום די ווענט, אויס־געזעצט מערערע פּויערים צווישן וועלכע ס'איז אויך געווען פּעטראקע.

קאַפּיטל יד

קאַסטאקע האַלצהעקער, דערציילט ביילצן זיין לעבענס־געשיכטע. נפתלי שוחט, האָט מורא אז ס'איז משיחס צייטן. ער וויל נישט, אז ער זאָל קומען

פּראָפּירע איז געווען אן אָרעמען פּויערס א מיידל. קאַס־טאקע, איר פאָטער, האָט געהאט א גרויסע משפּחה. נישט האָבנדיק מיט וואָס צו דערנערן זיין גרויסע פאמיליע, פלעגט ער, ווי אנדערע זיינס גלייכן, מערערע מאָל אריינקומען אין שטעטל און ארבעטן ביי סיי וואָס ס'איז אים אונטער דער האנט געקומען. איינמאָל אז קאָסטאקע האָט ביי נפתלי שוחט צעהאקט א וואָגן האָלץ, אריין אין שטוב, און ביילצע האָט אים א זיס גלאָז טיי דערלאנגט, מיט א — שטיקל ברויט, אזוי ווי מ'האָט זיך געהאט פארגלייכט, האָט ביילצע געזען, ווי דאָס גלאָז טיי טרינקט ער אויס און דאָס שטיקל ברויט נעמט ער און ער באהאלט אין דער טאָרבע.

— וואָסזשע דו ביסט נישט הונגעריק? — פרעגט ביילצע — און פאר וועמען באהאלטסטו דאָס ברויט? — שטעלט זיך ארויס, אז קאָסטאקע האָט קינדער אנטיקן; נאָר וואָס קומט ארויס, אז דו האָסט נישט צו זיי וואָס מ'באדארף צו האָבן:

— וואָסזשע קאָן א פאָטער מערער טון, וואָס איך טו? גיי איך ארבעטן ביי טודאָרן אויפן טאָג, קלעקט עס פונקט אויף קאשע. — זאָגט קאָסטאקע מיט א שמייכל — ער וואָלט זיך אפילו געקענט שטעלן אלס דינער ביים פריץ, ווייל ער, קאָסטאקע קיין שקלאוו נישט זיין! און אז ביילצע האָט אים געזאָגט; אז אן הארגאט צו זיין, הייסט נאָך נישט אז מען איז א ראָב. *

* ראָב — שקלאוו.

וואָרעם יאָבאזשיע, * האָט דער וואָדע ** קארל אָפּגעשאפּט; האָט קאָסטאקע געשאָקלט אין דער ברייט מיטן קאָפּ און געזאָגט:

— דא, דא! די באלעבאָסטע רעדט זייער גוט. יאָבאזשיע האָט טאקע דער וואָדע אָפּגעשאפּט אָבער הארגאט איז אלץ נישט מער ווי יאָבאזשיע. ווייל אז דו טוסט נישט ווי אזוי דער וועקיל וויל, כאפּט ער דיך און ווי לאנג דו ביסט, ציסטו דיך אויס, מ׳לאָזט דיר אראָפּ די הויזן, און מ׳שמייסט דיך אָפּ ווי א קליין קינד. מ׳קוקט גאָר נישט וואָס דו ביסט שוין א טאטע פון קינדער.

אז ביילצע, האָט אים עפּעס געוואָלט ענטפערן, האָט ער נישט געלאָזט, נאָר ווייטער גערעדט:

— ווען איך האָב אין מיליטער געדינט, האָט א פּלוטאָנער מאזשור געהייסן מ׳זאָל מיך שמייסן, ווייל איך, האָב מיך מיט עפּעס פארזינדיקט. האָב איך אוודאי נישט געלאָזט. ווער ס׳איז צו, האָב איך מיט די פיס און מיט די הענט מיך געבאָרעט. דעמלט איז צו, דער פּלוטאָנער אליין, ער האָט געוואָלט פון מיר די הויזן אראָפּשלעפּן. ער האָט געמיינט, אז אויף אים וועל איך כבוד ליגן. איך האָב אים אָבער געגעבן אזא שאָס, אז זאָפּאָרט, האָט ער צוויי ציין אויסגעשפּיגן. — מ׳האָט מיך דערנאָך ארעסטירט, געמאכט א פּראָצעס; ס׳איז געשטאנען, אז מ׳זאָל מיר צען יאָר תפיסה געבן, נאָר, זשופּיניאסא איך האָב א גרויס גליק געהאט. געווען דאָרט אין דעם מיליטער, איינער א ייד מיטן נאָמען גערזאָן. ווען מ׳האָט מיך אוועקגעפירט, געבונדען, אזוי אָטאָ, האָט ער צו מיר אזוי פיל געזאָגט:

— קאָסטאקע, האָב נישט מורא! — אזוי פיל האָט ער מיר געזאָגט, מער נישט. דערנאָך, באלעבאָסטע, אויפן פּראָצעס, האָב איך געוויזן וויאזוי דער מאזשור האָט געוואָלט דווקא שמייסן, וויאזוי איך האָב מיך נישט געלאָזט, ווי איך האָב מיך געבאָרעט מיט הענט און מיט פיס, וויאזוי איך האָב אים דערלאנגט אין די ציין אריין און אז ס׳טוט מיר גאָרנישט באנג!

איך באלעבאָסטע, איך האָב גאָרנישט געוווּסט. ערשט שפּעטער בין איך געוווויר געוואָרן, אז דער גערזאָן האָט געשריבן אין די גאזעטן און ס׳זענען געקומען צום פּראָצעס, גרויסע לייט אזש פון דער פּרעזמד און מ׳האָט נאָר גערעדט פון קאָסטאקען. דערנאָך, ווען איך בין צוריק אין דער ארמאטע, האָב איך שוין דעם מאזשור מער נישט געטראָפן, גערזאָנען אויך נישט. מ׳האָט

* יאָבאזשיע — לייב=אייגנטום.

** וואָדע — מלך.

מיר געזאָגט, אַז גערזאָן איז אַנטלאָפן, ווייל מ'איז דערגאַנגען, אַז ער, האָט דאָס געשריבן אין די גאַזעטן. האָט מען אים געוואָלט שלאָגן, האָט ער גענומען און ער איז בעסער אַנטלאָפן. — אַזוי, אַזוי, זשופּיניאַסאַ — האָט קאָסטאַקע אויסגעלאָזט; דערפֿאַר, ווײַל איך מיך נישט פֿאַרדינגען צום פּריץ. כאַפּט זיי דער רוח, דעם פּריץ מיטן וועקיל אינאיינעם. כאָטשע איך האָב נישט ווו צו פֿאַרדינגען און מײַנע קינדער הונגערן.

שפּעטער, ווען קאָסטאַקע איז אַוועק, האָט ביילצע דערציילט נפתלין אַלעם וואָס זי האָט געהערט, וואָס קאָסטאַקע האָט איר געזאָגט. וויאַזוי ער, קאָסטאַקע אַ פּשוטער האָלץ העקער, האָט געשאָלטן דעם פּריץ מיטן וועקיל. האָט זיך נפתלי אַביסל פֿאַרטראַכט און אַ זאָג געגעבן:

— ביילצע ס'איז נישט פּשוט. זאָלסט וויסן אַז דאָס איז גאָרנישט אַזוי פּשוט ווי אַזוי דיר דאַכט זיך. ס'איז פּשוט משיחס צייטן. דער דאָזיקער קאָסטאַקע דיפּעט אויף עפּעס. ס'איז נישט זיין קאָפּ. ס'זענען דאָ אַזעלכע לערערלעך, און ס'זאָל נישט אויסגערערט זיין אויך יידעלעך, וועלכע גייען אַרום אין די דערפֿער; זאָגן פֿאַר די פּויערים, מיינסטענס צו די אָרעמע, אַז זיי זענען די גאַנצע סמעטענע פֿונעם לאַנד און אַז זיי זענען ס'אמתע רומענישע פֿאָלק. אַז די בראַטיענער מיט די קאָדראַטווערמאַס זענען נישט מער ווי ווינד פּאָקן, אָנגעקומען מיטן ווינד פֿון אַלדי שוואַרצע יאָר. זיי, די בראַטיענער מיט די קאָדאַטווערמאַס זענען גאָר גרעקן פֿון די פֿאַנעראָצן, אָדער ווייסט דער רוח דאָרט פֿון די פֿיינע ראָצן.

— טפֿוי, זאָלסטו נישט ווערן! ווייסט דער גוטער יאָר וואָס דו האָסט דאָ נישט צונויפֿגערעדט — האָט ביילצע מיט אַ נעבייזער אים איבערגעשלאָגן די רייד. — קאָסטאַקען, דעם האָלץ העקער, קריכן טאַקע אַזעלכע מעשיות פּונקט אין דער לינקער פּיאַטע. פֿיינע ראָצן, אָדער מיאוסע ראָצן! פּע!

— זאָג נישט אַזוי. — האָט נפתלי אָפּגעווענדט — ס'איז שוין היינט נישט די פֿריעריקע יאָרן. פֿריער, האָט אַ פּויער נאָכן שמייסן, געקושט די האַנט פֿונעם פּריץ און די בייטש פֿונעם וועקיל. היינט הערסטו אַליין, ווי ער דערציילט אַז אין מיליטער, האָט ער אַן עלטסטן די ציין אויסגעזעצט פֿאַר וועלן שמייסן און אַז ליבער הונגערט ער, אַבי נישט צו זיין אַ האַרגאַט. ווען האָט מען אַזעלכע רייד געהערט פֿון אַ פּויער? פֿון אַ פֿראָסטן פּויער האָסטו אַמאָל צוריק מיט יאָרן געהערט אַזעלכע רייד? היינט זענען זיי קלוג די פּויערים, מ'מאַכט זיי אויף די

קעפ! און דאָס איז נישט גוט. גאָר נישט גוטביילצע! הלוואי איך זאָל ליגן זאָגן ביילצע, ס'רוקן זיך אָן שווערע יאָרן, אז גאָט זאָל נאָר שומר ומציל זיין. דאָס וואָס ס'איז געווען צוריק מיט צוויי יאָר אין רוסלאנד. וועט זיך דאָ ביי אונדז אויך אָפּשפּילן און ווייסט גאָט, ווער ס'וועט ארויס טרוקן דערפון.

— גיי, שיון גיי! — האָט ביילצע מיט א פלאטער געענט־פערט — דו האָסט א טבע, איינעם איבערצושרעקן אויף טויט.

— ניין! — האָט נפתלי זיך אָנגערופן. איך וויל דיך נישט איבערשרעקן. איך מיין נאָר, אז ס'איז משיחס צייטן!

— משיחס צייטן? — האָט ביילצע מיט פרייד אויסגע־שריגן — איז דאָך גוט! ווארטן מיר דען נישט אויף משיחן? ווארטן מיר דען נישט יעדן טאָג, אז ער זאָל קומען?

— הם, יאָ, אוודאי ווארטן מיר יעדן טאָג אז ער זאָל קומען.

— האָט נפתלי געפּאָנפעט אונטער דער נאָז — אוודאי ווארטן מיר, מיר זאָגן דאָך עפּעס יעדן טאָג נאָכן דאווענען: „אני מא־מין!" נאָר וואָס דען? אזוי ווי יענער תנא האָט געזאָגט: „זאָל ער קומען, משיח, נאָר איך זאָל נישט זיין דערביי!" פאר־שטייסט? ער, דער תנא, וויל ער זאָל קומען, נאָר ער זאָל דערביי נישט זיין! וואָרעם, „חבלי משיח" איז דיר נישט קיין קלייני־קייט! משיח וועט קומען אָבער אסך בלוט וועט פארגאָסן ווערן! אך, אך! — האָט נפתלי זיך פרום צעזיפצט. — אוודאי דאַרף טאקע דער בורא עולם האלטן איבער אונדז זיין רעכטע האנט און אונדז באשיצן. וואָרעם, אם חלילה נישט, וועט עס ווערן, אזוי ווי באצקעלע קיזשנער, ימח שמו וויל. נישט מיט מיין מויל גערעדט; נישט קיין מלך, נישט קיין פריץ! אך, אך, א שיין פּנים וועלן מיר דעמלט האָבן!...

.2

מיט א זומער צוריק, אין דרויסן, איז פון א צוויי דריי וואָכן, געשטאנען א מוראדיקע היץ. א יעדער האָט געזוכט זיך צו באהאלטן הינטער די שאָטנס, פון די הויכע ביימער פון שיל־הויף. די גאס איז פוסטע, ווער ס'זאָל קומען אין שטעטל איז נישטאָ. דער פויער איז פארנומען, ווער אויפן אייגענעם שטיקל פעלד, ווער אויפן פריצס פעלדער. ס'ע רעגנט נישט. און אז ס'ע רעגנט נישט דעמלט, האָט נישט דער פויער, וואָס צו עסן, וואָס צו פארקויפן. און אז ער האָט נישט וואָס צו פארקויפן, קען ער אויך גאָר נישט קויפן. דעמלט איז אויך דאָס שטעטל, מיט אלע סוחרים איינגעשטעלט אויסצוגיין פאר הונגער. קוקן זיי

ארוים, די סוחרימלעך אויף א רעגן. הויבן זייערע אויגן צום הימל, וועלכער איז דאָס איצטיקע מאָל הויך און לויטער בלוי און א זון, א צעפּאַרעטע, נאָך פון גאַנץ פרי האָט זיך צעוואַלעט אויפן שטעטל, אויף די דערפער פון ארום און שיקט כוואַליעס שרפה און ברענט און פאַרברענט. דער גלח אין דאָרף איז שוין ארוים מיט הייליקע בילדער און פויערים זענען ארום געגאַנגען די פעלד־דער הויך געבעטן, אָבער אומזיסט. דער קריסטלעכער גאָט, וויל נישט הערן, ער וויל נישט זען. אויפן גלחס בקשה, האָבן זיך אויך, אין די שילעכער פאַרזאַמעלט די יידן און צו זייער גאָט געשריגן אפשר וועט ער זיך דערבאַרעמען, און נישט לאָזן אונטער גיין, דאָס איבערבלייבעניש פון יעקב, אָבער אויך אומזיסט, ער האָט דעמלט זיך אויך נישט ווייסגדיק געמאַכט און געלאָזט זיינע ליבע קינדער שרייען און תהלים זאָגן ביז זיי זענען אזש הייזעריק געוואָרן.... דער פויער זעענדיק, אז ס׳העלפט נישט, קיין שרייען, נישט קיין בעטן, האָט ער, אזוי ווי ביי א חולה, וועמען די דאָקטוירים האָבן דאָס לעבן אָפּגעזאָגט, געטון אלעס מעגלעכע, אבי נאָר צו דערהאַלטן דאָס חיות ביי די פאַרשמאַכטע פּאַפּעשויעס. היינט, מאָרגן, טאָמער בלייבט דער הימל, טאַקע אזוי ווייטער איינגעשפּאַרט, דעמלט איז די גאַנצע פּראַצע ארויסגעוואָרפן. נישט נאָר די פּראַצע, נאָר דער הונגער, וועלכער איז אזוי אויך אַן אָפּטער איינגייער ביי די אָרעמע פּויערים וועט ער שוין דאָס איצטיקע מאָל, זיך צעליגן ביי זיי ווי אַן אמתער באַלעבאָס... די גרינע בלעטער פונעם פּאַפּעשויע שטענגל, הייבט אָן געל ווערן, די מילך ווייסע וואָנצעס, וואָס סטאַרטשען ארויס פונעם פּאַפּעשויע פּיסקל, הייבן שוין אָן אבאַלד צו באַקומען א גאָלד קאָליר. א ריינער אומגליק! אבאַלד וועסטו קענען די דאָזיקע וואָנצעס נעמען אין האַנט אריין און זיי צערייבן אויף טאַבעקע. און דאָ, איז די זערנע נאָך פעסט צוגע־קלעבט צום קאָטשען, נאָך נישט ארויסגעוואַקסן, פּונקט ווי ביי א זעקס חדשימדיק פּיצל קינד די פעדערשטע ציינדלעך אין מיילעכל.

שטייט ער, דער פויער, געבויגן, פון פאַרטאָג אָן, ווי א מאַמע איבער א קראַנק קינד. שטייט ער מיט דער סאַפּע, לעבן יעדן פּאַפּעשויע שטענגל באַזונדער, קלאַפּט אין דער פאַרטרוקנטער ערד, אזש ס׳הויבט זיך א רויבל קערט איבער די ערד, שאַרט צונויף און מאַכט א בערגל ארום דעם שטענגל, אפשר וועט דאָס בערגעלע ערד דאָך פון זיך ארויסגעבן אביסל פייכטקייט און פאַרהיטן דאָס שטענגל פון אונטערגאַנג.

אויפן הימל, באַווייזן זיך עמלעכע קליינע וואָלקענדלעך, אָפּגעריסענע איינס פונעם אַנדערן. הייבן זיך אָן אויסצוציען, באַקומען אַ טונקעלע קאָליר. אָט איז אַ האָפענונג, אַבאַלד וועלן זיך די כמאַרעס באַגעגענען. קומט אָבער אָן תיכף צופליען אַ בייזער ווינט, אַ הייסער, אַ גליענדיקער און ער פאַרטרייבט זיי און ווידער שיינט די זון מיט איר שרפה שיין.

שפּילן זיך קליינע קינדער, אין שטעטל, אין הייסן זאַמד, און זינגען:

גאָט, גאָט! גיב אַ רעגן,
פאַר די קליינע קינדערס וועגן!

געמען זיך אָן, די קליינע קינדערלעך ביי די הענטלעך, טאַנצן און זינגען: נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל: גאָט גאָט גיב אַ רעגן, פאַר די קליינע קינדערס וועגן! דערהערט דאָס געזאַנג אַ מאַמע, מוט זי אַ זיפץ; אַ רעגן, טראַכט זי וואָלט אַ ברכה געווען, נאָר זאָל ער שוין קומען מיטוואָך, נישט מאָרגן דינסטיק. אפשר, וועט מען עפּעס לייזן! זאָל ער נישט פאַרשטערן דעם יריד!

די מאַמע ערד אָבער איז שוין צופיל געווען אָנגעגליט און פון אירע שפּאַלטן, האָט זי אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַזעלכע באַהאַלטענע דאַמפן, וועלכע זענען אַרויס צום הימל צו. געקומען אַהין, האָבן זיי זיך צונויפגעשלאָסן אין איין גרויסער שוואַרצער כמאַרע. ס'איז אפילו געווען אַ געפאַר, אַז דאָס איצטיקע מאָל, זאָל זיך אַ בייזער ווינט אויפהויבן און פאַרטרייבן די כמאַרעס, אַזוי ווי ער האָט געטון ביז איצט, ווייל סמנים זענען שוין דאָ; אָט לויפט אַ חזיר, האַלט אין מויל אַ שטרוי און רימשעט, אַז מ'קען טויב ווערן און אויפן רוקן ביים חזיר, שטייט אַ שוואַרצע וואָראָנע. און דאָס באַהויפּט איעדער איז אַ סמן, אַז דער ווינט וועט די כמאַרעס צעטרייבן. טרייבט מען דעם חזיר; „אַהוטש! אַהוטש!", טרייבט מען די וואָראָנע, און די וואָראָנע, מיט אַ קראַ, קראַ, ווי איינער רעדט: אַ מכה, וועל איך אַ רעגן צו לאָזן! פליט זי אַרויף אויף אַ בוים, און פון דאָרט שרייט זי אַראָפּ: „קראַ! קראַ!" נעמט אַ קינד, און וואַרפט איר אַ שטיין.

דער בייזער ווינט איז אָבער, נאָך אַלע סמנים נישט געקומען, ער וואָלט אפשר יאָ געווען צעטריבן די צונויפגענומענדיקע כמאַרעס, אַזוי ווי דער חזיר מיט דער וואָראָנע האָבן געוואָלט. איז אָבער ווייסט אויס געווען אַ שטילער אָפּמאַך צווישן דער מאַמע ערד און דעם דערבייאיקן וואַלד. אַז דער וואַלד, וועט מיט זיינעביימער לאָפּעס נישט אַרויסלאָזן דעם ווינט, דערמיט, זאָגט אים די מאַמע ערד צו, אַז זי וועט אים אויסצוואָגן און אויסוואַשן,

אז ס'וועט זיין א מחיה אים צו זען, אים צו הערן. דער וואלד האָט אזוי געטון, און מיט זיינע ביימער לאַפּעם פעסט דעם ווינט געהאלטן און אים נישט געלאָזט, אז ער זאָל חלילה שטערן די וואָלקן פאראייניקונג. און די וואָלקענדלעך, תהלת קליניקע, האָבן אויסגענוצט דעם גינסטיקן מאָמענט און אינדערגיך זיך פאראייניקט אין איין גרויסער שווערער כמארע און אז זייענדיק שוין גענוג שווער, איז וואסער זיך פאוואנדעלט און מיט א גרויסן ירגזון, געפּליוכעט אויף דער ערד. בייז, שרעקלעך בייז איז דער ווינט געווען, ווען ער האָט דאָס פּליוכען מיט גאנצע עמערס וואסער געזען און ווען ער האָט זיך סוף כל סוף פונעם וואלד לאַפּעס ארויסגעריסן, איז ער שוין נישט אומשטאנד געווען עפּעס אנדערש צו טון, ווי נאָר אינעם רעגן בלאָזן, באלד רעכטס, באלד לינקס און דער רעגן איז ווי א שכור געגאנגען, אָט אויף דער רעכטער אָט אויף דער לינקער זייט... רחל די רביצן און אלטע יידענע, מאָטיע וואסערפירער און אסך אנדערע זייערס גלייכן, וועלכע האָבן דאָס אומגליק אז זייערע הייזלעך זאָלן מיט א פלייצע שטיין אינדרויסן, זיי, זאָגן מיר האָבן שטארק פאריבל געהאט אויף דעם משוגענעם רעגן, וועלכער האָט א וואנט אינ־גאנצן צעווייקט און איינגעוואליעט.

ס'איז גאָר קיין חדוש. מחמת די דאָזיקע ווענט, זענען נישט געמאכט, פון געברענטע ציגל, אָדער אפילו פון קארפּיטשן. זיי האָבן נישט פונוואנען און פון וואָס זיך צו קויפן, נישט קיין געברענטע ציגל אָדער נישט געברענטע.

פאר א פראנק מיט צוואנציק באן קויפט זיך דער אָרעמאן, ביים וועקיל אין וואלד א גאנצן הויפן דינע צווייגן און פאר הארטע צוויי פראנק שטעלט קאָסטאקע אויף א גאנצן פאלאץ. גאנץ איינפאך. פון די גרעבערע צווייגן, מעסעט קאָסטאקע אויס דרענגלעך. די דאָזיקע דרענגלעך ווערן קודם אויך אויסגעקליבן: פון די דינע די ווענט, פון די גראָבע, דעם געשטעל פארן דאך, וועלכער ווערט, נאָך איידער די ווענט זענען געמאכט, צוגעדעקט מיט שטרוי, דאָס אָ מאכט אליין קאָסטאקע! צו אלעמען טויג ער, דער קאָסטאקע! ס'איז א מחיה צו קוקן, ווי גיך ער פלעכט די דינע בויגעוודיקע פרימעס ארום די דרענגלעך, וואָס שטעקן אין דער ווייכער ערד! ווי ער שטעלט זיך דאָס אנידער, אָן א זיימ, פארמאכט אן אויג און קוקט זיך צו, צי די וואנט שטייט גלייך. ווי בריהש ער שליסט צונויף איין וואנט מיט דער אנ־דערער. און ס'פלעג אין שטעטל ארום גיין א ווערטל: דער אָ איז א תלמיד פון קאָסטאקען, ער האָט ביי קאָסטאקען געלערנט.

וויאזוי מ'פירט צונויף איין וואגט מיט דער אנדערער. אז די פיר וועגט, זענען שוין געשטאנען פארטיק, גישט צו פארגעסן איבערצולאָזן א לאָך פאר א טיר און פאר עטלעכע פענצטער, האָט זיך קאָסטאקע פארקאטשעט די הויזן און מיט די באָרוועסע פיס אויסגעקנעטן א ליים, וואָס איז געווען געמישט מיט שטרוי און מיט פערדס קויט. שמירט גראָב אָן אויף די ווענט און אין איינע אכט טאָג, ביי א גוטער הייסער זון איז דער פאלאַץ פארטיק. פארטיק אינגאנצן אָן אן אינזשינער. בשעתן בויען, ווען ס'איז ערשט נאָך דער שטרוי דאך ארויפגעצויגן, פארגעסט נישט קאָסטאקע אויפן סאמע שפיץ א גרין צווייגל צו צובינדן, וועלכעס איז א סמן אז די אָ פון גאנץ ווייט, זאָלן אויך וויסן אז דאָ אָ ווערט א פאלאַץ געבויעט. אָבער, פאר גאָרנישט איז מען אים אזוי דאנקבאר, ווי פאר דער ברייטער פּריספּע. וואָרעם אין די שטארק גרויסע היצן, ווען אין שטוב ווערט מען שיעור נישט דערוואָרגן. דינט די פּריספּע אלס עס צימער און אויך ווענן באנאכט אלס שלאָף צימער און פאר קינדער איז די דאָ־זיקע פּריספּע ממש א חיות, וואָרעם דאָ קען מען זייער לייכט מיט דער פּיאטע א גריבל א קיילעכיקס אויסגראָבן און שפּילן אין קנעפּלעך.

.3

פארטאָג, הענעך סטאָליער, מאכט אויף דאָס לאָדן־פענצטער, קוקט ארויס, קוקט צום בלייענעם הימל. גענוצט אריין אין דרויסן הלל און טראכט זיך אז דער מארק איז שוין א פארשפּילטער, און אזוי וועט עס שוין היינט רעגענען א גאנצן טאָג. דערמאנט ער זיך. אז די פּאַפּעשויעס זענען גערואטעוועט און אויב ס'איז דאָ תבואה, דער עיקר פּאַפּעשויעס איז שוין גוט, קאָן שוין דער אָרעמער פּויער ארויסנעמען די פענצטערלעך מיט די טירן פאר זיין לייזיק הייזלס ווענן, דרייט זיך הענעך אויס נעמט זיך צו דער זעג, צום היבל, מיט מער חשק ווי געכטן אין דער דושנער היץ.

כאפּט זיך אויך אויף באָמבע. אָווא! פארשפּעטיקט דעם מארק אָווא! טראכט ער, אז איציקוווער, האָט שוין מי יודע וויפל גרידעס גאָלד אָנגעשארט. און ער האָט פארשלאָפן! לויפט ער גיך אראָפּ פונעם געלעגער, מאכט אויף דאָס פענצטער, קוקט זיך צו צום פּאוואָליע גייענדיקן רעגן, און ער ווערט אין כעס

אויף גאָט. א להכעיסניק, דאָס איז דער רבונו של עולם! ער, באָמבע, האָט שוין געמיינט, אז ער וועט זיינע פאַריעריקע פּאָפּעשויעס קענען פארצוקערן און דאָ, מיט אמאָל, אזא אומ־גליק! אזא אָנשיקעניש! אזא רעגן! — דער אָ רעגן — טראַכט ער ביי זיך, כאַפּנדיק א בליק צום הימל — וועט שוין גיין און גיין! נעכטן, האָט ער נאָך געמיינט, אז דער שלאַקס רעגן וועט אינגערגיך דורכלויפן און אינגערפרי וועט ווייטער, אויפ־שיינען א שרפענדיקע זון געמישט, מיט א ווינט א הייסן, וועלכע וועלן אלעס פארברענען, און דאָ מיטאמאָל זעט ער פאר זיך, אזא אומגליק! אזא אומגליק! אזא פארשיווע וועטער! מ׳קען נישט לעבן! — ער דרייט זיך אויס, און זעענדיק זיין ווייב שלאָמצע, פאלט ער אָן אויף איר און נעמט זיך מיט איר קריגן; הלמאי זי האָט נעכטן גערינגען די מיילעכטע, זי זאָל איר אָפּפליקן די קאַטשקעס, און אליין איז זי קראנק, און וואָס טוט די מויד א גאנצן טאָג הא? זי, שלאָמצע, האָט איר זיכער צען באן געגעבן און פינף וואָלט זי געקוועטשט? אז זי, שלאָמצע, איז א גזלנטע, אויף זיין פּראצע, אויף זיין האָרעוואניע, אז זי גיט זיך גאָרנישט אָפּ קיין חשבון, וואָסערע בּיטערע צייטן מ׳גייט היינט דורך.

— קוק! — האָט ער צו איר געשריגן — וואָס ס׳טוט זיך אינגדרויסן!

דאָ האָט זיך מיט אמאָל באוויזן, בערל טורבאַצש קאָפּ. באָמבעס לייב־מענטש וועלכער איז געשטעלט פון אים, פון באָמ־בען אז ער זאָל אויפקויפן אלעס וואָס ס׳באַווייזט זיך נאָר אויפן שטראָז און וועלכן מיר פארגעדענקען אים נאָך זייער גוט פון די גאנץ פּריעריקע קאַפּיטלער. טורבאַץ, האָט זיין קוטשערע־וואַטן קאָפּ אריינגעשטעקט אין פענצטער און גאָרנישט זשענירנדיק זיך וואָס זיין ברויטגעבער קריגט זיך מיט זיין ווייב, האָט ער הויך געפרעגט:

גו, ר׳ סרול, וואָסערע פרייזן געבן מיר היינט פאר אייער, פאר פּאָפּעשויעס?

— גיי דיר, גיי דיר, — האָט באָמבע אים נישט געלאָזט אויסריידן. — גיי דיר, כ׳וויל דיין טריפענע צורה נישט אָנקוקן. ווער וועט היינט, אין אזא פארשיווע צייט קומען? איך קויף נישט גאָרנישט. גיי דיר, גיי דיר. — און אז טורבאַץ האָט זיך נישט גערירט. האָט ער צו אים געשריגן: — נו, וואָסזשע שטייסט נאָך? ביסטו טויב, צי וואָסערע שווארצע יאָר? טורבאַץ האָט אָבער געוווסט, אז ס׳איז נאָר געזאָגט, וואָרעם באָמבע, וועט נישט וועלן ארונטער בלייבן פון אנדערע סוחרים. אין

באַמבעז אָבער האָט עס געזאָטן, דער רעגן, די צעז באַ וואָס שלאָמצע, ס׳ווייב זיינס האָט ארויסגעוואָרפן. האָט ער נאָך אמאָל מיט אַן אומענטשלעכער קול געשריגן:

— משוגענער מ:רבאַץ ווער וועט אין אַזא פליאַטש קומען? סיידן נאָר קאַסטאַקע האָלץ העקער! — אָט גייט ער טאַקע, קוק ווי איך האָב אים דערופן! — האָט באַמבע ביטער געלאַכט — מ׳רעדט פונעם מלאָך, קומט דער גלח!

קאַסטאַקע, מיט אַ זאַק אויפן קאָפּ ביז אראָפּ די פּלייצעס, כדי זיך צו באַשיצן, פאַרן רעגן, וועלכער האָט טיף אריינגעדרינגען אין אַלע אברים, איז טאַקע אָנגעקומען. לעבן אים איז מיט אַ גאָכלויפנדיקן טריט געגאַנגען, אַ מיידעלע פון אַ יאָר עלף אָדער צוועלף, וועלכע איז אויך געווען מיט אַזאַ קאָפּ און פּלייצע באַדעקונג. נאָכן געוויינטלעכן: „גוט מאָרגן" האָט באַמבע אים אָפּגעשטעלט און מיט אַ חוזק טאָן געפרעגט:

נו, קאַסטאַקע, וואָס האָסטו עפּעס גוטס געבראַכט צו פאַר־קויפן? איך בין אַ סוחר. איך קויף.

— דעם דלות, באַלעבאָס סטרולאַ, — האָט קאַסטאַקע גוטמוטיק געשמייכלט — דעם דלות, קאָן איך דיר פאַרקויפן!

— דעם דלות? — האָט סרול מיט אַ געמאַכטן כעס איבער־געפרעגט — אָ, דו נעטרעבניק! * דו אויסוואורף איינער! אין דיין מאמעס אריין! ער זאָל זיך ביי דיר האַלטן און האַלטן, ביי דיר און ביי דיינע קינדער און קינדס קינדער, ביז סוף פון אַלע דורות! ק:ק וואָס ער וויל מיר פאַרקויפן!

— דו לעבסט אין טעות! — האָט אים קאַסטאַקע איבער־געשלאָגן די רייד — קאָן זיין, אַז ביי מיר זאָל ער זיך נאָך דער דלות האַלטן. אָבער ביי מייגע קינדער, ווי אַזוי דו ווינטשסט מיר, גלויב איך שוין נישט. ווייל, זשופּינע סטרולאַ, אַנאַנדערער ווינט, האָט אָנגעה יבן בלאָזן. און איך ווייס נישט, צי דער זשופּינע סטרולאַ וועט שטאַרבן אַזאַ עושר, ווי ער איז היינט... מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ „בונע", איז ער זיך מיטן מיידעלע זיין וועג ווייטער געגאַנגען.

דו האָסט געהערט, וואָס ער האָט גערעדט, בערצע? — האָט ער זיך צו טורבאַצן אָנגערופן. — גיי נאָך גיכער, ווער געוויר, ווהין ער גייט, וואָס ער האָט געמיינט מיט די ווערטער און קום שוין צוריק.

בערצע איז אים אינדערגיך נאָך געגאַנגען, זיך מיט אים אריינגעלאָזט אין אַ שמועס: ס׳טייטש, פאַרוואָס ער לאָזט דאָס

* נעטרעבניק — לא יוצלח.

קינד זיינס גיין אין אזא וועטער באָרוועס. און צו וואָס האָט ער אזא יונג קינד גאָר איננאנצן מיטגענומען. קאָסטאקע שמייכלט און פארזיכערט בערצן, אז ער דארף זיך גאָרנישט ערגערן, ער, קאָסטאקע, פארזיכערט אים, אז דעם קינד וועט גאָרנישט שאטן, מחמת דעם אָרעמען פויערס קערפּער איז פארהארטעוועט און קאָן ביישטיין סיי וואָסער וועטער, אי ווארעם אי קאַלט. איבע־ריקנס, וויל ער מאקע דאָ אין שטעטל ס'קינד זיינס פארזאָרגן. ער האָט נאָך מיט א צייט צוריק פארשפּראָכן דער זשופּעניאסע פּאנטולי. די כאכאמאָיע* אז ער וועט איר זיין מיידעלע ברענגען. בערצע האָט מער נישט באדארפט צו וויסן. ער האָט זיך געזעגנט פון קאָסטאקען און אים אלדאָס גוטס געווינטשן. צוריק געקומען צו באָמבען, האָט ער אים דעם שמועס מיט קאָסטאקען איבערגעגעבן. ער האָט אפילו אויסגעדריקט זיין מיינונג, אז דאָס וואָס קאָסטאקע האָט געזאָגט: „א פּויערישער קערפּער איז פארהארטעוועט, און ער קאָן ביישטיין סיי וואָס פאר א ווינט אי ווארעם, אי קאַלט". אז דאָס האָט קאָסטאקע אויך מיט א כוונה געזאָגט, אז ער האָט עפּעס א מיין דערביי. ווען בערצע האָט אים איבערגעגעבן, אז קאָסטאקע פירט זיין מיידעלע צו נפתלין, האָט ער זיך אין שטערן א פּאטש געגעבן און געזאָגט:

— בערצע, זאָלסטו מיך נישט אָנרופן ביי מיין נאָמען, צי די זאך איז גלאטיק! ס'איז גאָרנישט גלאטיק! עפּעס פילט ער דער פלאָכט, ער זוכט זיך צו באוואָרענען! הערסט בערצע, מ'מוז זיך באוואָרענען! דו הערסט!

* כאכאמאָיע — שוחטקע.

קאַפּיטל טו

הענ׳ך

וויאזוי, מיר האָבן שוין געזען פון די גאָר ערשטע קאַפּיטלעך, האָט דער דעמלטיקער פּריץ געגעבן פאר די איינוואנדרער, פּלאַץ חענגן א שיל, ווענגן א באָד און ווענגן א הייליק אָרט. מיר מוזן דאָ נאָך באמערקן, אז אויך א ליידיק שטיק פּלאַץ, ווענגן צו פּאסען בהמות, איז אויך אריינגעגאנגען אין נדן אריין. דאָס דאָזיקע שטיק פּלאַץ האָט מען גערופן „אימאשז“.

דער אימאזש איז געלעגן הינטערן שטעטל, און ווער ס׳האָט געהאט א קו, א קעלבל, אָדער א ציג, האָט ער אהין געשיקט זיי פּאסען.

א רייכער, וועלכער פארמאָגט פון אלע דריי מינים, שיקט ער אלע דריי מיט אמאָל, א ווייניק פארמעגלעכער, וואָס פארמאָגט שוין נאָר א טעלעצע, וואָס דארף זיך ערשט לויפן און דערפאר היט ער זי ווי אן אויג אין קאָפּ, מוז ער, צי ער וויל אָדער נישט, זי אויפן אימאזש ארויסלאָזן. ער וועט דאָך זי נישט האלטן א גאנצן זומער אין שטאל. דאָסזעלבע איז אויך מיט דעם יעניקן וועלכער פארמאָגט נישט מער ווי נאָר א ציג. א ציג, קען מען נישט האלטן ביי דער שטוב. א ציג איז אומעטום פול. זי דראפּעט זיך אויף די ביימער, אויף די פּלייט. און אז זי האָט שוין גאָר נישט, נישט פון די ביימער, נישט פון די פּלייט, קייעט זי דיר אוועק דעם דאך. און ג׳יי טו איר עפּעס!

קומען אָבער, די אָ דריי קאטעגאָריעס בהמות ארויס אויפן אימאזש, דעמלט זענען זיי דאָרט אלע גלייך. נישטאָ דאָרט קיין רייך און נישט קיין אָרעם. אלע גלייכע בהמות, אלע פּאסן זיי די פּעטע גרעזער וועלכע ס׳שמעקט זיי זייער ווויל און אלע פארלאָזן

איבערן טאָג פולע אייטערס מיט מילך. קיינער זאָגט זיי נישט, פאר־ די בהמות, נישט קיין שווער אָדער גוט וואָרט. סיידן אפשר דער בוהאַי, סיידן ער, וועט איינע פון צווישן אזוי פיל בהמות, אויס־ טיילן צו גוטן און פון איר זייט נישט אָפּטרעטן א גאנצן טאָג...

2.

פון נאָך אינמיטן ווינטער, גייט ארום ווי א מלמד בין הזמנים, פּעטרוק א מאריצע, וועמען מ'רופט אויך; פּעטריץ אָדער פּעטראקע, פון איין באַלעבאָס צום אנדערן און פאר־ גלייכט זיך מיט איטלעכן באזונדער, פאר עטלעכע דימירליעס* פּאפּעשויע מעל און עטלעכע פראנק איבערן זומער אויסצו־ צאָלן. ער איז דער פּאסטוך. ער קומט נעמען די בהמות און ער פירט זיי ארויס אויפן אימאש, ער פארנאכט, ברענגט זיי אויך צוריק.

דער מאָרגן האָט זיך איזדרעכנעט. קוים וואָס ער האָט ערשט אן אויג אויפגעמאכט. שפּאנט דער פּאסטוך פּעטראקע, אָנגעטון אין א לאנגען סומאן וועלכער גרייכט אים ביז צו די קנעכל. אייגענטלעך, וואָלט פּעטראקע זיך גאנץ גוט געקענט בא־ גיין אָן די ארבל, ווייל קיינמאָל, האָט אים נאָך קיינער געזען אָנגע־ טון דעם סומאן, ווי געוויינטלעך די הענט אין די ארבל. דער סומאן האָט אזוי געהאָנגען אויף אים, אויף די אקסלען און פאָרנט ביים האלדז צוגעבונדען מיט צוויי בענדלעך. ער, האָט אזוי אָ נעטראָגן אָנגעטון דעם סומאן, מחמת נאָר אזוי האָט ער גע־ קענט אָפּהיטן פון נעץ די טרייסטע מיט שפּייז וואָס ער האָט הינטערן סומאן געטראָגן... באָרוועס, מיט א הויכער שפּיצי־ קער קוטשמע. אין איין האנט א לאנגען שטעקן וועלכער איז פיל לענגער פון אים. א לאנגע בייטש מיט א קורץ הענטל און ווען ער טוט זי א צעפּאָכע, הערט זיך דער קנאַל ווי א דונער ווייט, ווייט. אין דער צווייטער האנט א לאנגען בלעכענעם האָרן. לעבן אים לויפט נאָך א ווייס שמוציקער קודלעוואטער הונט, וואָס בלייבט אלץ ארונטער ביי יעדן פּלויט און פּלייטל, ווו ער טוט מיט דער נאָזדרע ס'ערשטע א ניוכע, דערנאָך הייבט ער איינזייטיק א פיסל און טוט דאָרט זיין קליין באדערפעניש. — צעזאר! שרייט פּעטראקע. — דער הונט דערמאנט זיך תיכף, לאָזט ער איבער־

* דימירליעס — אזא מאָס.

דעם פּלויט, מיט דער צווײַג וואָס אויף יענער זייט פּלויט און מיט אַן אַרויסהענגענדיקער צונג, לויפט ער נאָך זײַן באַלעבאָס. פּעטראַקע, בלאָזט אין האָרן איינמאָל און צוויי מאָל, נעמט אַראָפּ די בייטש וועלכע איז אים איבערגעלייגט אַרום דער ברוסט, טוט אַ דריי מיט איר אַרום דעם קאָפּ און ס'הערט זיך אַ קנאַק ווי אויסגעשאָסן פון אַ ביקס.

באַלעבאַטים, הערנדיק פּעטראַקעס תקיעות, שפּרינגען זיי אַראָפּ פון די באַנקבעטלער ווי אָפּגעבריטע. אָווא! אָווא! אַזוי שפּעט און נאָך נישט אויסגעמאָלקן די בהמה! ס'הערט זיך דער גזאַנג פון געמעלק, וואָס שפּריצט אין די דינעצעס אַריין. שטאַלן מירן ווערן אויפגעפּראַלט און ס'זעצט פון דאָרט אַרויס אַ וואַרעמע פּאַרע. ס'פּאַרגייט אין דער גאָז אַ האַרבער ריח פון בהמה-קויט.

.3

אַז פּעטריץ איז צוגעקומען צו העניך סטאָליערס שטוב און געזען ווי דאָס הויפּטירל איז נאָך צו, האָט ער נאָך אַמאָל געבלאָזן אַ תקיעה גדולה און מיט דער בייטש, האָט ער דורכגעשניטן די לופט, אַזש די פענצטער האָבן זיך געטרייסעלט. און כאָטש, ס'איז דאָך היינט דער ערשטער טאָג פון די בהמות אַרויסטרייבן, געדענקען די בהמות פון פאַראיאָרן נאָך און ענטפערן אָפּ, מיט אַ לאַנגן אויסגעצויגענעם „מו, מו“ אויף פּעטריצעס תקיעות.

העניך סטאָליער, שטעקט אַרויס דעם קאָפּ פון דער שטאַלמיר און שרייט אַריבער צו פּעטריצען אַז שוין, שוין, אין דער מינוט טרייבט ער אַרויס די קו. די זשופּעניאַסע האַלט נאָך אין מעלקן און אַבאַלד איז זי פאַרטיק.

הנה, העניכס ווײַב, כאַפּט אַ בליק אין דער דינעצע אַריין און מאַכט אַ חשבון, וויפל זי דאַרף אָפּוועלן און וויפל אויפשטעלן. פאַר אַן אויפגעשטעלט לאַדישקעלע, אַרויפגענומען פונעם קעלער, מיט אַ הייסער מאַמעליגע ווען, העניך מיט די קינדער אוועקגעבן ס'בעסטע עסן. דאַכט זיך איר אָבער אויס, אַז אין דער דינעצע איז איצט דאָ מער שוים ווי מילך. נישט ווי אַנאַנדער מאָל. בויגט זי אָן דעם שטערן צום בויך פון דער קו, און מיטן גאַנצן כח נעמט זי ציען פּעסטער די אייטער. ס'איז אָבער אומזיסט. איז זי אין כעס אויף העניכן, אויף פּעטראַקען. וואָס

מ'שטייט איר איבערן קאָפּ און זאָל ער, העניך בעסער צוהאלטן די בהמה, אז זי זאָל איינשטיין, ווייל ס'ציט זי, דער בהמה ארויס צו פּעטראקען, צו צעזארן, צום האָרן, צו דער בייטש און צו דער איבעריקער הברותא בהמות... לאָזט די קו ארויס א שטומען אויסגעצויגענעם; „מו" וואָס דאָס קאָן באדייטן; „לאָז שוין אָפּ, צי שוין נישט אזויפיל! האָסט געמעגט פריער אויפשטיין! לאָז שוין אָפּ, אויפדערנאכט, וועל איך דיר דערזעצן! אָדער דער „מו", קען הייסן; וועט מיין קעלבל מיך באגלייטן?"... און אז זי שטייט נישט איין, איז זי די העניכטע מכבד מיט א זעץ איבערן הינטען און מיט א וואָלעכישער קללה: „ניע באָלע ניע!".

כאָטש, די טשערעדע, איז זיך געגאנגען פאָרויס איר וועג, איז פּעטראקע געבליבן שטיין ביים טירל און געוואַרט, אז העניך זאָל ארויסטרייבן זיין קו. צעזאר, וועלכער איז אין דינסט ביי פּעטראַקען, שוין פון היפּשע עטלעכע יאָר, האָט דאָס דאָזיקע גאָרנישט געקאָנט פארשטיין. ס'האָט זיך קיינמאָל נישט געמאכט, אז פּעטראקע זאָל ווארטן אויף עמעצנס א קו, מעג עס זיין סיי וועמענס. איז ער, צעזאר געשפּרונגען פון דער הויט, דאָ האָט ער זיך גענומען נאָכלויפן דער אליץ ווייטערגייענדיקער טשערעדע דאָ איז ער צוריקגעלאָפן, פארצווייפעלט אָנגעכאפּט די בייטש מיטן פּיסק, געצויגן און שטיל געוואָיעט. אז ס'האָט נישט געהאָלפן, האָט ער פּעטראקען אָנגעכאפּט ביים סומאן און אים געשלעפּט. נאָר פּעטראקע, גלייך נישט אים מיינט מען. ער האָט נאָר געכאַפּט א בליק, אויף וויפל די טשערעדע, האָט זיך דערווייטערט און זיך גענומען באָברען אין דער טרייסטע.

— צעזאר! זיי שטיל! — האָט פּעטראקע אָנגעשריגן אויפן הונט, נישט אויפהערנדיק צו זוכן אין דער טרייסטע.

מיט א פּאטש אין הינטן, האָט העניך ארויסגעלאָזט די קו, און ווען זי האָט שוין אריבערגעשפּאנט דאָס טירל, מיט א לאנגן „מו", וואָס דאָס איז געווען א בלייב געזונט דעם קעלבל וואָס איז געבליבן דאָרטן אין שטאל, האָט פּעטרוק אינדערגיך ארויסגענומען עפּעס א פּאפּירל פון דער טרייסטע און נאָכן גוט מאָרגן האָט ער עס אים, העניכן, אריינגעשטופּט אין דער האנט אריין און געזאָגט:

— נא העניך, לייען עס דורך וועסט|| שוין וויסן!

— וואָס איז געשען? — האָט העניך איבערגעשראָקן געפרעגט.

— גאָרנישט העניך. נישט געזאָרגט העניך, ס'וועט נאָר גוט זיין! לייען עס נאָר דורך! דאָס זאָגנדיק, איז פּעטראקע מיט א

„פּאטשע בונע" באַגלייט פון צעזאָרן, אוועק צו דער פּשערעדע, וועלכע האָט זיך שוין היפּש געהאַט דערווייטערט.

דער לייענער, ווען ער וועט דאָ צו דער דאַזיקער שטעלע צו־קומען, וועט ער אויסרופן: אהא! איך ווייס שוין! ס'שמעקט מיט מאַניפעסטן, דאָס האָט פּעטראַקע, וועלכער איז אויך געווען דערמיט ביינאַכט ביי וואַסילען געבראַכט העניכן, אַז ער זאָל עס לייענען!

יאָ, אמת, אַזוי איז עס טאַקע. פּעטראַקע, האָט געבראַכט אַ געשריבענעם מאַניפעסט, אויסגעשטעלט פון וואַסילען, יאַנען, כאַצקלען און באַדע מעטורא. יאָ, ס'איז אַלץ אמת. אָבער פאַר־וואָס, האָט דאָס דאַזיקע קאָמיטעט, אויסגעקליבן העניכן, אים צו שיקן אַזאַ מאַניפעסט? וואָרעם, מ'קען דאָך נישט גלויבן, אַז פּעטראַקע, האָט פון זיין קאָפּ אַליין איינגעטיילט פאַר וועמען ער האָט געוואָלט! כדי דאָס צו וויסן, מוז מען זיך אָפּשטעלן און דערציילן, ווער ס'איז העניך, וועמענס ער איז און וואָסערע מע־שים טובים ער האָט. מ'דאַרף מודה זיין, אַז דאָס קאַפּיטל הע־ניך, וועט זיין אפשר אביסל לאַנג, אָבער ער, העניך, איז עס ווערט.

.4

העניך, איז זייער פרי אַ יתום געבליבן. ער האָט אפשר, זיין פאָטער נישט געקענט. ביז צו די אַכט יאָר, האָט זיך מלכה די רופאטע, מיט אים געפּלאָגט, געוואָלט אים לערנען, אין דער תלמוד תורה, דערנאָך אים אַריינגעגעבן אין דער לער צו גדליה באַבצעס. אָפּגעוועזן איז ער דאָרט, כמעט, ביז צו דער צייט, ווען אויף דער אויבערשטער ליפּ, האָט זיך ביי אים באַוויזן אַ גראָב וואָנ־צעלע. דערפאַר, ווייל אַלס לערן יונגל, האָט ער געטראָגן די פּאָמע־גיצעס, ביי זיין באַלעבאָסטע, געניאַנקעט זיך מיט אירע קינדער, געלאָפן אַ גאַנג, האָט ער נישט באַוויזן גוט אויסצולערנען די מלאכה. אַ חוץ קליינע פּיצקעלעך פענצטערלעך צו די פּויערישע פון לייס געמאַכטע הייזלעך, האָט ער עפּעס אַנדערש, ווי דאָס אָ אין אַזוי פיל יאָרן נישט באַוויזן זיך אויסצולערנען. כאָטש די דאָזיקע מלאכה האָט ער ליב געהאַט ס'היות, מיט זיין גאַנ־צער נשמה, האָט ער זיך געצויגן צום היבל, צו דער דאָלעטע, און צו דער זעג. דערפאַר אָבער, האָט ער זיין גאַנץ בריהשקייט אַריינגעלייגט אין די קליינע פענצטערלעך. אַזאַ איינס, אַז ס'איז

צו אים אין די הענט אריינגעפאָלן, פלעג ער עס באַפּוצן און באַצירן מיט כלערליי צאַצקעס. אַ געזימסל אויבן, אַ געזימסל הינטן, פון ביידע זייטן איז גאָר קיין שמועס, אַז ער האָט עס באַצירט מיט אַלערליי אויסגעשניצטע בלומען. דער באַלעבאָס, ווען ער פלעג דאָס דערזען פלעגט ער ווערן מלא רציחה:

— קוק נאָר אָן, וואָס ער האָט דאָ אָנגעפּאַצקעט, אַ גישט, וועט דעם שענדרענער פויערל גרימען אין בויך, אַז ער וועט נישט האָבן אָט די צאַצקעס!

העניך האָט אָבער נישט געלאָזט:

— פּאַרוואָסזשע, קומט זיך מיכאַלאַקען יאָ, און דאָס, וועגן שמאָל פּענצטער, וואָרומעט מ'וואַרפט אַרויס דאָס מיסט, פאַר־וואָס קומט זיך אים יאָ, ווייל ער איז אַ בעל־גוף, אַ רייכער, צאָלט ער דען מערער ווי דער אָרעמער פויער? פאַרקערט, איך ווייס אַז ער דינגט זיך מערער ווי דער אָרעמער פויער. פּאַרוואָסזשע קומט זיך נישט פאַרן אָרעמען פויער, אַז ער מיט די קינדער זאָלן זיך פרייען מיט אַ שיין געזימסעל?

— פּאַצקע! פּאַצקע! — האָט אים גדליה נאָר אַזוי פיל גע־ענטפערט.

העניך, האָט געוווּסט, וואָס די דאָזיקע ווערטער באַטייטן. ער האָט זיך אָבער נישט ווייסנדיק געמאַכט. אַז ער האָט שוין פאַר־טיק געמאַכט, האָט דער באַלעבאָס, מיט איין פליק אַראָפּגעריסן אַלע געזימסלעך:

— נאַ! דאָ האָסטו פאַר דיין געפּאַצקעכץ וואָס דו האָסט אָנ־געפּאַצקעט!

אָוודאי, האָט עס העניכן געבראָטן און געברענט. וואָס האָט ער אָבער געקענט טון? טראַכט ביי זיך העניך; לאָמיך נאָר חתונה האָבן, לאָמיך נאָר פאַר מיר אַליין אַרבעטן, וועל איך שוין ווייסן וואָס איך האָב צו טון.

יאָ, העניך האָט זייער געוואָלט חתונה האָבן. נישט אַזוי צו־ליב דעם, וואָס ס'איז שוין די העכסטע צייט געווען, נאָר צוליב ער זאָל קענען זיין באַלעבאָס אויף זיך אַליין. נאָר צוליב, ער זאָל נישט אויסשטיין אַזוי פיל באַליידיקונגען. יאָ, דאָס וואָלט געווען גערעדט, ווען העניך זאָל חתונה האָבן, ווי דער שטייגער איז; ער נעמט אַ באַלעבאַטישע טאָכטער פאַר אַ ווייב און דאָס דאָזיקע מיידל, ברענגט אי נדן, אי שטאַפּיר. כדי ער זאָל זיך קענען אויס־טרויען אַ ווערקשטאַט מיט אַלע פּיטשעווקעס; מיט געצייג, מיט האָלץ מאַטעריאַל און נאָך און נאָך. אַ שיינע, וואָלט ער אפשר אוועקגעקוקט. אוודאי וויל ער אויך נישט עפּעס אַ מיאוסקייט, נאָר

זי זאָל כאָטש זיין, ווי מ׳זאָגט; ביים וועג, מ׳זאָל זי כאָטש קענען ווי מ׳זאָגט; פערדייען, אראָפּשלינגען... איז אָבער א גרויסע צרה! א באַלעבאַטיש מיידל, מיט נדן, מיט שטאפיר, וועט שוין ליבער נעמען א סוחר, נישט קיין באַלמעלאָכע, און נאָך א סטאָליערוק דערצו! דאָס איז איינמאָל איינס. צווייטענס; ווער וועט זיך וועלן משדך זיין מיט מלכה דער רופאטע? ווער וועט וועלן מלכה די רופאטע, פאר א מחותנעסטע?

יאָ, זאָגן מיר, שטארק נישט גוט. נאָר איין וועג, בלייבט פאר העניכן, ער זאָל אַן איבערגעזעסן מיידל נעמען. א מיידל, וועלכע אין דער יוגנט האָט זי געבראקעוועט, מיט זיך געמאָרדעוועט, נישט געוואָלט דעם, יענעם, ביז זי איז פארגעסן און א גרויסע קאָפּ באקומען. צו אזוי וואָס אָבער, האָט העניך גאָר קיין חשק נישט. ער וויל נישט, כאָטש האק, כאָטש בראָק אים. אומזיסט האָט זיך די מאמע זיינע ביי אים געבעטן, געוויינט, געחלשט, ער זאָל אריין פאָרן קיין פאלויקי צו לייבוש קאָוואל, אויף א באשוי. אָנקוקן דאָס מיידל זיינס, דאָס עלטערע מיידל, כאָטשיען. וואָסזשע? ער מוז דען שוין געבן א האנט?...

. . . .

אז מיר זענען צוגעקומען, ביז צו לייבוש קאָוואל, קענען מיר נישט ווייטער גיין אָן צו זאָגן דאָ, עטלעכע ווערטער:

.5

דער דאָזיקער נאָמען, קאָוואל, איז אים נאָך פארבליבן פון יענע צייטן, ווען ער האָט נאָך געהויבן דעם האמער איבער דער קאָוואדליע, ביי זיך אין דער קוזניע, ווען ער פלעג מאכן אין די פרייע שעהן צוועקעס, אזעלכע מינים צוועקעס, וואָס מ׳האָט גע- קענט שווערן אז זיי זענען פון דער פאבריק. שפעטער אָבער ווען ער איז, טאקע דורך די צוועקעס אויפגערעכט געוואָרן, וואָס דאָס איז א חוץ א מעשה און וועלכע מיר ברענגען נישט דאָ, איז די קוזניע איבערגעגאנגען צו אנאנדערן, וועלכער האָט אויך גע- האָפט אמאָל, ווי לייבוש אויפגערעכט צו ווערן, ווייל די קוזניע זעט מען טאקע איז שטארק מזלדיק. אָבער לייבוש, איז אלץ גע- בליבן ביים נאָמען „קאָוואל“. כאָטש ער האָט שוין געפירט גרויסע געשעפטן, און געווען ווי מ׳זאָגט דער וואזשנער סוחר און מיט א נאָמען צווישן סוחרים.

לייבוש קאָוואל, האָט געהאַט דריי טעכטער, וועלכע מ׳וואָלט געמעגט אין איין טאָג אונטער דער חופּה פירן, האָט זיך אָבער די עלטערע אריינגענומען אין קאָפּ אריין א מאנקאָליע, א מין איינרעדעניש, אז זי וויל נישט, נישט קיין באלמעלאָכע, און נישט קיין סוחר. זי וויל; הערט! א געשטודירטן. פון וואנעטזשע, האָט פאר אירעט וועגן, לייבוש געקענט נעמען א געשטודירטן? אז, ארום און ארום דעם שטעטל איז דאָס דאָזיקע מין נישט בנמצא געווען. קיינער, אין יענע צייטן, האָט נישט געגעבן די קינדער, נישט אין די שקאָלעס און נישט אין די גימנאזיעס. און, אין די אוניווערזיטעטן אוודאי און אוודאי נישט. בלייבט, אז מ׳דארף ברענגען איינעם, פון די גרויסע שטעט. וואָרעם דאָרטן, האָבן זיך געפונען, איינגעפונדעטע גבירים, וועמענס קינדער, האָבן אויך, נישט נאָר די שקאָלעס, נאָר אפילו די אוניווערזיטעטן געענ-דיקט. איז אָבער זייער שלעכט, וואָרעם ראשית, זענען דאָס מין גבירים, וועלכע לאָזן שטודירן זייערע קינדער געווען זייער וויניק, מ׳האָט זיי, ווי מ׳זאָגט: אויף די פינגער געקענט איבערציילן און ס׳איז נישט געווען פונוואנען צו קלויבן, והשנית האָבן זיי געהאַט פאריסענע נעז די אָ נגידים, און נישט געוואָלט הערן פון אזא מין שדוך וועלכער שמעקט נאָר אפילו מיט א געוועזענעם קאָוואל. דאָס מיידל, איז אָבער געווען איינגעשפּארט און נישט געוואָלט הערן פון עפּעס אנאנדערן שדוך אזוי לאנג ביז ס׳איז אונטערגעוואקסן די צווייטע מויד. די אנדערע, האָט שוין געוואָלט חתונה האָבן מיט א סוחר, און ס׳האָבן זיך בעלנים געפונען אסך, וואָרעם יונג און נישט מיאוס, אפילו נישט קיין אויסגע-רופענע שיינקייט, אָבער דאָך, ווי מ׳זאָגט; צום דערלייגן. איז, ווו זשע געהערט געוואָרן ביי יידן, אז א יונגערע זאָל חתונה האָבן פאר דער עלטערער? איז, צווישן די דאָזיקע צוויי שוועס-טער, וועלכע האָבן פריער, ווי די טויבן געלעבט, ארויסגעשפרונ-גען א רוגזה. יאָרנווייז, זאָגט מען, האָבן זיי נישט גערעדט. און אז מען האָט שוין יאָ געמוזט א וואָרט ארויסריידן, איז עס גע-ווען אויפן ווונק; „זאָג איר". אוודאי, האָט זיך ביי לייבושן פון יענער צייט אָן אריינגעצויגן דער טרויער אין שטוב אריין. מ׳האָט שוין מער נישט געהערט: קיין זינגען, קיין זאָרגלאָז לאכן. אָבער מ׳האָט נאָך געקענט אין שטוב איינזיצן, רעדן מיט א מענטשן, מאכן חשבונות, און עפּעס אנדערש אויך. ווען ס׳איז אָבער אונ-טערגעקומען די דריטע, איז געווען, נאָר ווי מ׳זאָגט; הימל עפן זיך! א ריינער און א וואָרער גיהנום!

מנוחה, די יונגסטע, איז געווען, ווי מ'האָט אויף איר געזאָגט: א בראַנד פונעם גיהנום, וואָס די ערד שפּייט ארויס, און מיט א ווערמיק מויל, אז גאָט זאָל שומר און מציל זיין! קיינעם, איז זי נישט געשטאַנען אין דער לאַסקע, א יעדן האָט זי פאַרפּאַטשט דאָס מויל.

א די דאָזיקע יאָרן, זענען ביי לייבושן אין שטוב געווען, נישט צום איינזיצן, נאָר צו לויפן אין דער וועלט, ווי די אויגן וועלן טראָגן.

.6

איינמאָל, ווען לייבוש, האָט צוליב מסחר געמוזט זיין אין שטעטל, איז ער צו נפתלי שוחט אריינגעגאַנגען און שמועסנדיק אזוי פון מסחר איז ער ארויפגעקומען אויף דעם, וואָס ס'האָט אים וויי געטון. זיך געקלאָגט אויף דעם גיהנום וואָס ביי אים אין שטוב. אן עצה, וויל ער לייבוש. אן עצה, זאָל אים נפתלי געבן.

— הערזשע אויס לייבוש. — איז נפתלי אים אינמיטן די רייד אריינגעפאַלן. — הערזשע אויס, — האָט ער איבערגעזהזרט — איך האָב פאַר דיר א שידוך, איז ער כפתור ופרח. אמת, ער איז טאַקע א באַלמעלאָכע, אָבער דו ווייסט דאָך לייבוש, פון א באַלמעלאָכע, קען מען ווערן א סוחר, אָבער, — מיט א גמרא נגון — פון א סוחר, אז מ'פאַלט חלילה אַראָפּ, — צו ווערן א באַלמעלאָכע — א שווערע זאַך. הא? — דאָס איז פונקט, ווי דו זאָלסט וועלן פון א קורצן בגד, אים אויסציען, אים מאַכן לאַנג. הא?

לייבוש, ווען ער איז אויפדערנאַכט אהיימגעקומען, האָט ער דערציילט פאַרן ווייב. — און ווייסטו, ווער ס'איז דער שדכן, טאַקע נפתלי אליין.

לייבוש, איז ביי זיך זיכער געווען, אז אויב נפתלי האָט זיך צו דעם שדוך גענומען, וועט ער אים זיכער אויספירן, וואָרעם, ווער איז נאָך אזא מזיק אויף צו פאַרדרייען איינעם דעם קאָפּ ווי נפתלי!

.7

העניך האָט זיך אָנגעשטאָפּט, אָנגעלייענט מיט אסך ביכלעך. דער עיקר האָט ער אויסגעלייענט שמ"רס ראָמאַנען ווי: „דער

שטומער בעטלער", „גלות מאָסקווא", „דער חתן מיט די צוויי כלות", אָדער „די כלה מיט די צוויי חתנים" און אסך אנדערע פון דעם דאָזיקן מין. האָט העניך ביי זיך אָפּגעמאכט, אז א כלה, וועט ער נעמען, נאָר אזעלכע וועלכע זאָל האָבן אן אלבאַס־טער העלדזל און א שיין געטאָקט נעזל. ער, העניך, איז שוין געווען גרייט זיך אָפּצוזאָגן פונעם אלבאסטער העלדזל, נאָר פונעם געטאָקטן נעזל, דאָס, בשום אופן נישט. פארוואָס, העניך האָט זיך אזוי איינגעשפּארט, צי דערפאר, ווייל ער אליין האָט אויפן פּנים א פּלעצל געהאט און דערום, האָבן אים די חברים זיינע, גערופן מיטן צונאָמען: „קרנע" * און מחמת דעם, האָט ער זיך אין זיי נוקם זיין געוואָלט און זיי ווייזן, אז כאָטש ער איז א פּלאטשיק נעזלדיקער, דאָך האָט ער די זכיה געהאט צו האָבן א ווייב, וועלכע האָט דווקא א שיין געטאָקט נעזל. צי איז דאָס געווען אן אויסרייד, מיט וועלכן ער האָט געוואָלט נפתלין פארערן די ציין, וויאזוי ס'זאָל נישט זיין, העניך, האָט נישט געוואָלט הערן פון די גליקן, פונעם שמאלץ־גרוב וועלכן נפתלי האָט אים פאַר־געשלאָגן. קיין שום צוריידן, האָט נישט געהאָלפן, אפילו דער מוטערס טרערן אויך נישט כאָטש ער האָט די מאמע זיינע זייער און זייער ליב געהאט און אירע טרערן האָבן אים שטארק וויי געטון.

— אומזיסט מאמע, — האָט ער צו איר געטעהנעט — אומ־זיסט און אומנישט ביסטו דיך מצער. איך האָב דיר שוין טויזנט מאָל געזאָגט; אלעס וועסטו ביי מיר פועלן, נאָר דאָס איינע נישט. איך וויל נישט כאָמציען.

— א ווייטיק איז מיר נישט, אז מ'גייט אָנקוקן א מיידל, — האָט די מוטער געטענהט — מוז מען דען מיט איר שוין חתונה האָבן? כאפּ דיך נאָר אהין אריין. עפּעס אנדערש נישט. ס'פּלאמט דאָך מיר דאָס פּנים פאר בושה. איך האָב צוגעזאָגט, אז דו וועסט ארייַנפאָרן, אימערצעשעם מיטוואָך אויפדערנאכט און דו מאכסט דיך נישט וויסנדיק. איך זינק דאָך איין אין ד'ררערד אריין פאר בושה! גייסט דאָך נישט מיט איר שוין אונטער דער חופה? אז זי וועט דיר נישט געפעלן, האָב איך נישט געטאנצט מיטן בער!

טראכט זיך העניך: טאקע אזוי, וועט זי מיר נישט געפעלן, און זי וועט דאָך מיר זיכער נישט געפעלן, איך קען דען נישט

---

* קרנע — א פּלאטשיקע נאָז.

דעם פאַרשווין? אין צו וואָס זיך העצקען אויף דער פיר! — נאָר גיי, שטיי איבער טרערן פון א מאמע! טא, וואָס וועל איך דאָ דערלייגן?

דעם אנדערן טאָג, האָט ער זיך געטראָפן, מיט לייבושס שוואָגער, מיט עזריאלן, וואָס וווינט אויך אין דעם דאָרף מיט אים אינאיינעם.

— איר נעמט מיך מיט פעטער עזריאל? — האָט אים העניך געפרעגט.

עזריאל האָט שוין געוווּסט, פונעם שדוך, ער האָט אויך געוווּסט וואָס ס'טוט זיך ביי מלכה דער רופאטע אין שטוב, איז ער דערציטערט געוואָרן. און ער האָט זיך אויך געזאָגט: טא, וואָס קען דאָ זיין? אז ס'וועט זיך מאכן, אז ס'וועט אויסגעפירט ווערן, וועט דער פלאָכט, נישט זיין איינער אויפן יריד. איבעריקנס, וויל ער מאקע א טובה טון דעם שוואָגער זיינעם לייבושן, אים העלפן אראָפּנעמען א האָרב פון די פלייצעס.

ס'מוז דאָ געזאָגט ווערן. אז עזריאל איז נישט געווען א גרויסער גוטער פריינד פארן שוואָגער. דאָס איז געווען מחמת ער האָט אים, לייבושן נישט פארגינען, וואָס ס'גייט אים אזוי ווי מ'זאָגט דורך טיר און דורך טויער. און ער עזריאל, ווייסט דאָך די גאנצע וועלט, אז ער איז מיט אסך קלוגער פון זיין שוואָגער, פון לייבושן. דאָך, מעג ער זיך אינצווייען רייסן, גייט אים אלץ נאָר שלים, שלימזל. מעג ער האָבן סחורה מיט גאָלד צוגלייך, זענען די פרייזן אזעלכע, אז מ'קען אויפגעטראסקעט ווערן פאר וויטיק. נאָר טאָמער האָט ער די סחורה פארקויפט לייבושן, איז שוין, די דאָזיקע סחורה, ווערט אין דער רגע צו גאָלד געגליכן. לייבוש, פון אלע פאסקודנערייען מאכט ער געלט. ער, לייבוש מעג פארקויפן תבואה געמישט מיט אנגינע, מיט זונען־בלומען און מיט נאָך אנדער פאסקודסטווע. איז ווערזשע קוקט דערויף? אלעם פארצוקערט ער. אזא מזל! אזא מזל! און נאָך פאר עפעס, איז עזריאל תמיד אָנגעשטויסן געווען, אויף לייבושן; לייבוש, איז א גראָבער נפש, א — פראָסטער חי וקים, ווייסט נישט צו מאכן אן המוציא איבער א רעטעך, און ער עזריאל, א קענער, א גאנצער ווייסער אין די דריוונע אותיותלעך. קען מען נישט צוזעצט ווערן?

לייבוש, ווען ס'פלעג נאָר עפעס צו רייד קומען, וועגן זיין שוואָגער, האָט ער זיך מיט אים תמיד געגרויסט, זיך מיט אים בארימט. מחמת, ער עזריאל, האָט געקענט אלע יידישע דינים און מנהגים אויסענווייניק; ווי למשל א שטייגער, ס'זאָל זיך

נישט טרעפן, ווען מ'דארף אויפשטיין „שבעה", און צי „שמיני עצרות" נעמט איבער שלושים. לייבוש, פלעג זיך אסך מאָל ערגערן פארוואָס ער געדענקט נישט פון איין יאָר צום אנדערן; צי מ'דארף ביי דער ברכה, האלטן דעם אתרוג מיטן פיטום אראָפּ צי ארויף. עזריאל, פלעגט פון אים תמיד לאכן. לייבוש פלעגט בשעת מעשה רויט ווערן און זיך פארענפערן; — ווייסט נישט? דאָס יאָר איז גרויס און דער קאָפּ איז קליין. און אז מ'פלעג אונטער א יום טוב, אראָפּקומען אין שטעטל אריין, און דער חזן איז נישט געפעלן געוואָרן. ער, האָט נישט אויסגעזינגען מיט אלע פליטערלעך דעם כבקרת, מיט דער עכטער וואָלע־כישער דוינע, צו וואָס דאָס שטעטל איז שטארק געוווינט געווען פון אסך יאָרן, איז לייבוש געווען דער יעניקער וועלכער האָט געפּאָדערט, אז דעם אנדערן טאָג, זאָל מען אנידערשטעלן דעם שוואָגער, עזריאלן צום מוסף. איינמאָל אין א פאר ראש השנה, האָט ער ארייגבאפוילן, אז מען זאָל גאָרנישט דינגען אנאנ־דערן, אז זיין עזריאל, וועט היי יאָר דאווענען. האָט מען זיך מיט אים נישט געוואָלט שטעלן. ווייל נאָך אלעמען איז ער איינער פון די בעסטע קליענטן. וועלכער לאָזט זיך קאָסטן א הונדערטער און א מאָל נאָך מער. דאָס אָ האָט ער אָבער געפּועלט נאָר איינמאָל, נישט מער. וואָרעם ס'זאָל אים צו קיין הרפה זיין, עזריאלן, ער האָט אויך געשמאק אונטער־געהינקן ביי דער עברי. און נפתלי שוחט, האָט נעגעבן צו פארשטיין; אז א חזן, איז עלעהיי אן ארוואָקאט. וויאזוי־זשע וועט זיין, — פירט ער אויס מיט א גמרא ניגון — אז דער דאָזיקער ארוואָקאט, וועמען דו נעמסט, אז ער זאָל דיך פאר־טיידיקן ביים פּראָצעס, איז נאָר א היקעוואָטער אָדער גאָר אינגאנצן א שטומער, קענסטו האָפן, אז דו זאָלסט דורך אזא ארוואָקאט פארדינען דעם פּראָצעס?

8.

זומער לעב, שבת נאָכמיטיק, ווען עלטערע לייגן זיך שלאָפן און א זיסער דרימל איז אויסגעשפרייט איבערן שטעטל. שפּאנט יונגוואַרג ארויס ביז פּאלויקי, דאָרט ביי דער אלמנה נענענדל, אן אָרעמע יידענע וואָס ציט די פרנסה פאר זיך און פאר אירע צוויי פארזעסענע מוידן, פון א קליין קלעטעלע. א ליטער גאז, א שאכטל שוועבעלעך, א דאָס איז איר גאנצע

סחורה. לאָזט זיך אויס די סחורה, לויפט זי אריין אין שטעטל צו צאַליקאָוויטש, און פאַר רחמנות גיט מען איר אויף באָרג נאָך א פּאָר ליטער גאז, נאָך א פּאָר שאכטלער שוועבעלער עטלעכע קילע זאַלץ און אזוי בידעוועט זי ווייטער. וואָרעם, ווער קויפט דען ביי איר? סיידן נאָר אזעלכער, וועלכער פאַר־מאָגט נישט מער ווי אויף א פּערטל ליטער גאז אָדער א באַניקל וועגן עטלעכע שוועבעלער, וועלכע גענענדל פאַרקויפט אָנעם שאכטל, ווייל די דאָזיקע שוועבעלער רייבן זיך אָן גאַנץ גוט אָן דער וואַנט אויך. די דאָזיקע דריי מוידן זענען געוועזן גרויסע שפּעציאַליסטינס אין טאַנצן. סיי וואָסערער נייער טאַנץ ס׳איז ארויס האָבן זיי אים תיכף איבערגענומען און נאָכגעטאַנצט מיט אַלע פּיטשעווקעס. תיכף נאָך פּסח, אז ס׳האָט גאָר נישט גערעגנט, איז יונגוואַרג, ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, ארויס קיין פּאַלויקי און געטאַנצט ביז אין דער זינקענדיקער נאַכט אריין. גענענדל פלעגט פאַר זייערט וועגן אָנגרייטן געפּראַזשעטע דינע קערלעך און עפּל קוואַס און די חברה האָט דאָס ביי איר אָפּגעקויפט פאַר א פראַנק אָדער פאַר אנדערטהאַלבן פראַנק העט ביז צו דער שפּעטנט.

פאַר לייבושעס מוידן, איז נישט אָנגעשטאַנען, אהינצו־קומען, דאָך ווען דער אומעט האָט זיך געלייגט אויף די הערצער, האָט מען בלית ברירה זיך אריבערגעכאַפּט צו דער מומע גע־נענדל און פאַרבראַכט דאָרט עטלעכע שעה.

העניך דערמאַנט זיך, אז אסך מאָל, האָט ער, זי איינגע־לאַדן צו א טאַנץ. אביסל אויס רחמנות, אביסל, וואָס מ׳טאָר נישט פאַרשעמען אַן אַלט פאַרזעסן מיידל, וועלכעס ווערט גערעכנט אַלס זייער א גרויסע עבירה.

זיצט ער, העניך, אציגדערט אָ, אין וואָגן ביי עזריאלן, און ער ערגערט זיך זייער. צו וואָס האָט אים געטויגט דער גאַנצער עסק? — א יידענע, בלייבט נישט מער, ווי נאָר א יידענע! — טאַקע די מאַמע זיינע, מיינט ער, וואָסזשע, ער קען נישט די מעצאָצע? און טראַכטן טראַכט ער זיך, אז ס׳וואָלט כדאי געוועזן, דאָ ביים באַרג ארויף אראָפּ צו שפּרינגען פונעם וואָגן און אויס זיין די צייט.

עזריאל, גלייך ווי ער האָט דעראָטן זיינע מחשבות, האָט זיך גענעבן א שטעל אויף פּעסטער גענומען די לייצעס אין די הענט אריין און געשמיסן און געשמיסן! אז די פערד זענען אָבער אַלץ אזוי ווי פריער פויל געגאַנגען, האָט ער זיך צו העניכן אָנגערופן:

— א גו העניך, זיי דו א בריה, באווייז נאָר וואָס דו קענסט!

אין העניכן האָט זיך צוברענט די גאווה, ס'האָט זיך אים פארוואָלט, זיך ארויסצושטעלן, האָט ער מיט א שמייכעלע איבערגענומען די וואשקעס, זיי, אזוי פעסט איינגעצויגן אין די הענט, אז די פערד האָבן אזש געדרייט מיט די קעפ און פון די פיסקעס האָט זיי אזש גערינען דער גאווער. כאָטש ס'איז געווען בארג ארויף, האָבן זיי זיך גענומען לויפן אזוי אז אין עטלעכע מינוט איז מען שוין געווען לעבן פאלויקער קלויסטער און אָט זענען זיי שוין ארייגעפאָרן צו לייבושן אין הויף אריין.

א גאנצן אויפדערנאכט, האָט עזריאל געהאַלטן אין איין לויבן העניכן צו לייבושן און צו זיין ווייב:

— וואָס ווייסט איר! — האָט זיך עזריאל געהיצט — האָט ער גענעבן א נעם די וואשקעס אין איין האנט, די בייטש אין דער אנדערער און אזוי אָ, זיך געגעבן א שטעל אויף און שמיים, און שמיים, אז אין איין רגע כמימרא זעמיר שוין געווען ביים מויער.

לייבוש האָט געשמייכלט, שבע, זיין ווייב, א קליינינטשקע און אויסגעדאַרטע מיט אן איבערגעשראָקן פויגלש פנים, האָט מיט דער איבערקערטער דלאָניע אראָפּגעשארט די לעקער ברעקלעך פונעם פאַדאלעק אין דער אנדערער האנט אריין און זיי אני־ דערגעלייגט אויפן טיש. זיך געגעבן א שטעל אויף פאראָכטן דאָס שייטל, וועלכעס זי האָט אָנגעטון לכבוד דעם גאסט און וועלכעס ס'האָט זיך ביי איר פארדרייט, האָט מיט א דין קוויטשיק קולכל זיך אָנגערופן:

— וואָסזשע מיינסטו? אוודאי דארף מען האָבן געזונטע הענט, אייזערנע פויסטן. וואָרעז, אזוי ווי דו?

כאָמציע, האָט געקוקט אויף העניכן מיט א פארטאיעטן בליק אין וועלכן ס'איז געלעגן א ים מיט בענקעניש. אירע אויגן האָבן געגלעט זיין ברייטע ברוסט, זיינע ברייטע פלייצעס און אין מוח האָט זיך איר א געדאנק ארומשפאצירט; אך, צו א זאָלכן וועז דו פאלסט אין די לאפעס אריין!...

און העניך, ווען א גרוב עפנט זיך אים אונטער זיינע פיס, וואָלט ער מיט פארגניגן אריינגעשפרינגען. און, ווען לייבוש, זיין גאנצע משפחה מיט עזריאלן האָבן אים אליין איבערגעלאָזט מיט כאָמציען, איז אים א מורא באפאלן: — ער זאָל זיך נאָר נישט ארויסכאפן מיט א וואָרט, ער זאָל נאָר נישט אָפּטון קיין גארישקייט! ווען לעבן אים איז כאָמציע אויסגעוואקסן, איז אים פלוצים א געדאנק דורכגעפלויגן; זי איז כלעבן נישט

אזוי מיאוס! — דאָס בלויע קליידל מיטן פארמאכטן קרענגעלע ארומען האלדז, מיט די שפּיצעלעך פאסט איר זייער גוט צום פּנים! זי איז דאָך גאָרנישט אזוי שטארק מאָגער, וויאזוי ס'האָט זיך מיר פריער אויסגעוויזן!... פאר דעם דאָזיקן געדאנק אליין, האָט ער פון זיך געוואָלט שמיקער פלייש אויסרייסן.

— עס, פארוואָס עסטו נישט? — הערט ער, כמעט ווי לעבן זיך כּאָמציעס שטים — און ווידער דאכט זיך אים, אז איר קול, איז גאָר נישט דער, וועלכן ער האָט געקענט. עפּעס איז גאָר איר קול, ווי סאמעט און זייד אינאיינעם. און ווילן, ווילט זיך אים אין יענעם מאָמענט, זי פרעגן, אזוי ווי ס'אָט יצחק פונעם חומש געפרעגט זיין זון יעקב: „ביסטו דאָס מיין זון יעקב?". ביסטו דאָס כּאָמציע, אָדער האָט זיך עמעצער אנדערש פארשטעלט און ווייזט דיך אלס שענערע, אלס חנעוודיקער?

— כּאָמציע! — גליטשט זיך נישט ווילנדיק ארויס איר נאָמען פון אונטער זיינע ליפּן — וואָס טוט ער? ער שפּילט זיך מיט פייער? נאָך איין גליק וואָס ס'דאכט זיך אים, אז זי האָט נישט געהערט, ווען ער האָט זי גערופן.

זי, כּאָמציע, האָט אָבער גאנץ גוט געהערט. איר הארץ איז שיעור נישט ארויסגעשפּרינגען פון פרייד. זי איז אויפגעשטאַ־נען, ארויסגענומען פון איר צאָפּן, וועלכער איז איר הינטערן קאָפּ געלעגן צונויפגעלייגט ווי א קוגעלע, צוויי צו דריי האָרנאָד־לען און דער צאָפּן האָט זיך ווי א גלאנצענדיקער שווארצער שמריק, א פאל געטון אויף אירע פּלייצעס.

א קענן איר איז געווען דער שפּיגל, האָט זי דורכן שפּיגל געפּאָרשט העניכס מינע.

העניך האָט זיך מער נישט געקאָנט איינהאלטן. נעמנדיק דעם צאָפּן אין דער האנט אריין, האָט ער אים הויך באַ־וואונדערט.

— ווי די האָר דיינע, כּאָמציע גלאנצן, פּונקט ווי שפּי־געלעך און ווייך אזוי ווי סאמעט!

כּאָמציע, האָט גאָרנישט געענטפערט, זי האָט לאנגזאם ארויסגענומען די האָר, פון זיין האנט, זיי אריבערגעוואָרפן פאָרנט אויף איר ברוסט, ארויסגענומען פונעם מויל א האָרנאָדל, האָט זי זיי גענומען פארפלעכטן און זיך אָנגערופן:

— פון דעם אָ פארזוך, העניך. דאָס אָ צעגייט זיך פּשוט אין מויל, ס'איז הויל פּוטער און מילך! און, אז זי איז צונע־נאנגען אויף דער אנדערער זייט און זיך געמאכט גלייך ווי זי וויל עפּעס אויפן טיש פאריכטן און זי איז אויסגעקומען

הינטער זיינע פּלייצעס, האָט ער מיט דער הינטער מייל פּונעם קאָפּ געפילט ווי איר האַרץ גייט. א שוויס האָט אים באַשלאָגן און א חשק איז אים באַפאַלן, אז ער זאָל, מיט זיין קאָפּ אָנרירן אַזוי פון דער גרינג איר מיידלעשע ברוסט. — וואָס וועט זיין? — פרעגט ער זיך — גאָרנישט, גאָרנישט וועט זיין. — ענטפערט ער זיך אליין — זי וועט אפילו נישט באַמערקן! זי וועט אפילו נישט פילן! — נייַן! — שרייט עס אין אים — שפּיל דיך העניך נישט מיט קיין פייער! דו וועסט דיך נאָך אָבריען!

ער האָט נישט אויסגעהאַלטן. ער האָט געמיינט אז זי פילט נישט, אז זי באַמערקט נישט, אָבער ס'איז נישט אַזוי געווען.

כאָמציע, האָט זיך טאַקע נישט וויסנדיק געמאַכט פון דעם דאָזיקן אָנצוהערעניש, אָבער ווען זי האָט זיך אַזוי צופעליק אריבער געבויגן איבער זיין קאָפּ, האָט זי אים א קליין דריקעלע געגעבן מיט אירע בריסטן. אָבער נישט מער, ווייל די מאַראַנץ וואָס זי האָט געוואָלט פונעם טיש נעמען, האָט זי שוין אינדערהאַנט געהאַלטן. זי האָט זיך אביסל פון אים אָפּגעריקט און גענומען שיילן פאַר זיינעם וועגן די מאַראַנץ... העניך איז ווי מיט א קעסל בריענדיקן אָקריפּ אָפּגעגאָסן געוואָרן.... זיינע אויגן זענען ווי מיט א שלייער איבערגעצויגן געוואָרן. ער זעט תחלת זאכן, וואָס ער קען זיי מיטן מוח נישט באַנעמען, נישט פאַרשטיין... לאַנגזאַם, לאַנגזאַם, ווערט דער געדעכטער שלייער שיטערער. ער הויבט אָן באַגרייפן, ער הויבט אָן זען... פון וואַנעט האָבן זיך גענומען אַזוי פיל מענער? אַזוי פיל ווייבער? וואָס טוט זיך דאָ? צי מאַכן זיי זיך נישט נאַריש? ווילן זיי, אים אפשר נישט פאַרשלייערן מיט כאָמציען? ווו זשע איז ער? ער האָט דאָך אויך עפּעס וואָס צו זאָגן, נייַן?... אָט איז אויך דאָ חיה לאה די סאַרווערן! ווער דאַרף זי?... שאַ! אָט איז אויך דאָ בעני, בעני שוסטער, זיין פאָטערס, מיען זאָל ער זיך, בעסטער גוטער ברודער... צו וואָס קושט ער זיך מיט אים? וואָס איז געשען?... אָט קומט דאָך גאָר אריין נפתלי שוחט אויך!

העניכס אָנגעהויבענער כעס, לעשט זיך. אנשטאָט אים, דעם כעס, קומט אין אים אויף א חוזק געפיל. — וואָס האַרט עס אים? רעדט ער צו זיך.

זאָלן זיי זיך ראשן, זאָלן זיי זיך קהלן, ווען ס'וועט אָבער קומען צום סאַמע שפּיץ, וועט ער זיך געבן א שטעל אנידער, און געבן א זאָג: „לאו!“ מיט א גרויסער „א“. העניך גלעט זיך דאָס וואָנצעלע, אז ס'זאָל קיינער נישט באַמערקן, ווי די

ליפּן זיינע שמייכלען... ער פאַרשטייט שוין, ווערענד ער האָט דאָ מיט באַמציען געריעדט, געווען פאַרחלומט, האָט מען צו־גויפנעקלאַפּט גאַנץ קעקאַלע קהל. אָבער לאָ! ער האָט א גוטן תירוץ! ראשית, איז ער נאָך נישט געקומען א חתן ווערן. ער איז גאָר געקומען אויף א באשוי. והשנית, טוט ער אָן דער מוטער גאָרנישט. און די מאמע זיינע, האָט אים דאָך בפירוש גאָר פאַרן אָנקוקן צו גערעדט. ער זאָגט נישט ניין, אָבער ער האָט זיך צו אזוי וואָס נישט גערעכט.

מיר קענען דאָ נישט וויסן צו זאָגן; אויב העניך, האָט די דאַזיקע געדאַנקען זיינע, טאַקע הויך ארויסגעזאָגט און זיי זענען אריין אין נפתלים אויערן, צי האָט ער, העניך גאָרנישט געזאָגט, נאָר נפתלי האָט זיך עפּעס אָנגעשטויסן און ער האָט זיינע געדאַנקען דערראָטן.

— אוודאי, — מאַכט נפתלי — אזא גוט יאָר זאָלן מיר שוין האָבן אלע, וואָסער ווייל קינד דו ביסט. דו ביסט אמתדיק מקיים די מצווה פון כבוד אם.

העניך פאַרשטייט אָבער נישט, צו וואָס שרייבט ער דאָס, נפתלי, עפּעס אויף א ווייסן בויגן פּאַפּיר. צו וואָס פרעגט ער אים אלץ, וויאזוי דער פּאָטער זיינער האָט געהייסן:

— א יאָ צבי דוב, הערש בער? און די מאמע? נישט מלכה? הא ?

נאָך וואָס, דאַרף דאָס אלץ נפתלי וויסן? — פרעגט ער זיך.

און שטוב שטייט א גערודער, מירן עפּענען און פאַרמאַכן זיך מיט א סקרופּ אז מ'קען משוגע ווערן. לייבוש מיט א גראָבן ציגאַר אין מויל, קאָן ער נישט פאַרטראָגן דאָס דאָזיקע סקרי־פּעריי. כאַפּט ער פון ערגעץ א פלאַש נאַפט, כליופּעט ארויף אויף די זאַוויסעס. — שוין, מער וועט זי שוין נישט סקריפּן!
— זאָגט ער — און ער ווישט זיך די הענט אָן די הויזן.

.9

לייבוש איז ביי זיך גוט אויפגעלייגט. גייט ער פון איין גאַסט צום אנדערן. פאַר א יעדן האָט ער עפּעס א וואָרט. קומט ער צו בענין און נפתלין וועלכע זיצן אינאייינעם. כאַטש א יעדער ווייסט, אז זיי האָבן זיך ביידע ליב ווי צווילינג. בעני שוסטער, מאַכט תמיד דאָס גאַנצע קענען פון נפתלין צום אויסצודרייען. ער האָט ליב, תמיד זיך ארויסצושטופּן און ווייזן אז ער איז

דער אמתער קענער, דער אמתער ווייסער. און נפתלין, פארשטייט זיך אז הינטער די אויגן, רופט ער אָן מיט אלערליי צונעמען; א פלאָכט, א צינענע באָרד, און נאָך און נאָך. נפתלי ווידער, פון זיין זייט, רעדט נישט קיין שלעכטס אויף בענין, ער ציט נאָר מיט די פלייצעס, מיט די אקסלען; — מנא! טאָסטו דיר א פרישן תענית חלום, טאָסטו דיר א ווילגעלערנטען! דאָ, ביי לייבושן אין שטוב, ווייזט אויס, האָבן זיי, די אייביקע שונאים, א שטילן אָפּמאך געמאכט, נישט צו דרייען מיט דער נאָז איינער אויפן אנדערן. לייגט צו לייבוש אן אויער, הערט. ער וויאזוי בעני, לויבט זייער שטארק הערש בערן העניכס פאָטער. ער הערט אויך עפּעס, וואָס כאָטש זייערע טערפּקע ווערטער קען ער נישט פארשטיין, נאָר עפּעס אביסל פונעם אינהאלט מערקט ער זיך, שטויסט ער זיך אָן.

און בעני צעלאָזט זיך און זאָגט אזוי:

ברא כרעא דאבוה. א זון, א גוטער זון איז דעם פאָטערס א פּוס. און נאָך ברענגען די הייליקע ספרים הקדושים: „ברא מזכה אבא“. א זון טוט זוכה זיין דעם פאָטער. וואָס קאָן שוין א טאטע, וועלכער איז שוין אויפן עולם האמת, אויף דער אמתער וועלט, וואָס פאר א מצווה, קען ער שוין דעמלט אומשטיינס געזאָגט טון? — אז איוב האָט געזאָגט: „במתים חפשי“. אז א מת איז נעבעך פריי פון מצוות? — און דוד המלך האָט געזאָגט: „לא המתים יהלל יה“, די מתים קענען נעבעך נישט גאָט לויבן. און, דאָ לאָזט זיך אויס דאָס חיות ביים טויטן נעבעך. ביים טויטן טאטן, ער גארט נעבעך נאָך א מצווהלע. וואָסזשע איז ער אומשטאנד נעבעך צו טון? וואָסזשע קען ער אומשטיינס געזאָגט נעבעך טון? אז ער קאָן נעבעך נישט. אז ער טאָר נישט. איז ער אָבער געבענטשט מיט א וווילן זון, לאָזט ער איבער א לייטיש קינד, און דאָס קינד גייט בדרך הישר, ער איז מקיים די מצווה פון כבוד אם, ער פאָלגט די מאמע און אלע גוטע פריינד, איז גלייך ווי ער, דער טויטער טאטע, האָט געטון די מצווה. אָט דאָס הייסט: „ברא, מזכה אבא!“ דער זון טוט זוכה זיין פארן פאָטער, פארן געשטאָרבענעם פאָטער נעבעך, ער זאָל האָבן נאָך א מצווהלע, וועלכעס ס'ווערט אין הימל פארשריבן אויפן פאָ־טערס חשבון. אויב אזוי, איז שוין במילא; „ברא כרעא דאבוה“, דער זון איז אן אונטערשטיצונג פארן פאָטער, ער איז פונקט אזוי ווי א פּוס.

— אָווא! אָווא! — האָט נפתלי זיך צעלאָזט אין התפעלות און געשמאָטשקעט מיט די ליפּן — אָווא! אָווא! — וואָס

פון דעם האָט מען געקענט זיך אָנשטויסן, אי א מין חוזק פון דער גאַנצער תּורה זיינער, אי אפשר א צושטימונג, צו דעם וואָס בעני האָט געזאָגט.

און עזריאל, וועלכער האָט אויך אַן אויער צוגעלייגט, האָט זיך געגעבן א רוף אָן מיט א ווונק צו נפתּלין:

— נו, וואָס זאָגט איר דערצו? — וועלכעס האָט אויך געקענט אויסגעטייטשט ווערן אויף צווייערליי אופנים; אי ווי, איר זעט באַטש, א שוסטער, א שוסטער, און דאָך הא? — אי; הא? וואָס זאָגט איר צו דעם תּענית חלום, צו דעם וואָס ער האָט דאָ אָנגעבעבעט? הא? וואָס זאָגט איר?

— הכלל, לאָז זיין לחיים! — האָט זיך נפתּלי אָנגערופן. — גענומען ס׳גלעזל אין דער רעכטער האַנט, פרום א ברכה געמאַכט. געטון א קליין זיפּעלע, מיט דער לינקער האַנט זיך אָפּגעווישט די דיקע וואָנצעס. אריינגענומען דערין ס׳גלעזל און די רעכטע אויסגעשטרעקט צו בענין:

— לחיים ר׳ בעני! זאָל דער זכות זיינער מגין זיין אויף אונדז! אַן ערלעכע נשמה געווען, הערש בער נעבעך! — לחיים ר׳ עזריאל! מעג שוין דער וואָס אייביק לעבט, דיך אויפריכטן מיט עפּעס א גוטער פּרנסה! לחיים ר׳ לייבוש, גאָט זאָל העלפן ס׳זאָל אויסגעפירט ווערן.

— לחיים טובים ולשלום! — האָבן עזריאל מיט בענין געענט־פערט.

— לחיים! — האָט לייבוש געענטפערט — און עזריאל האָט אים גענומען מוסרן, שטילערהייט, אז ער מעג זיך שוין אויסלער־נען, וויאַזוי צו ענטפערן: — לחיים טובים ולשלום! — אַזוי זאָגט מען. נישט לחיים אליין!

— לחיים שבע! — האָט נפתּלי אריבערגעשריגן, צום אנדערן עק טיש, ווו ס׳איז געזעסן שבע, לייבושעס ווייב, מיט נאָך עט־לעכע ווייבער, און האָבן הויך גערעדט. — לחיים! — האָט ער נאָך אַמאָל איבערגעחזרט. — נאָר אומזיסט, שבע האָט נישט געהערט.

— שבע, דו הערסט נישט? אַז ר׳ נפתּלי טרינקט צו דיר לחיים?

— לחיים! לחיים! — האָט שבע פרום געענטפערט. — טרינקט געזונטערהייט זאָל אייך ווויל באַקומען! — און, נאָך איר, האָבן די איבעריקע ווייבער:

— לחיים! לחיים! טרינקט געזונטערהייט!

נאָך די לחיימס, האָט זיך בעני אריבערגעבויגן צו לייבושן און אים כמעט אין אויער אריין, שטילערהייט געזאָגט:

— אויף וועמען זשע, וואַרט מען נאָך לייבוש?

לייבוש האָט מיט אַן אַקסל אַ צו געגעבן און אַ ווונק מיט די אויגן צו העניכס זייט, האָט ער אויך שטילערהייט געזאָגט:

— וואָסזשע? ביי מיר פרעגט איר?

בעני, האָט זיך געגעבן אַ גלעט, איבער דער קאָלטענעוואַטער באָרד און צו נפתלים זייט, האָט ער מיט אַ גמרא ניגון געגעבן אַ זאָג:

— אויב אַזוי, בלייבט דאָך אַלץ די אַלטע קשיא, הא, וואָס זאָגט איר? און צובויגנענדיק זיך צו העניכן, האָט ער אים טיף טיף אַריינגעקוקט אין די אויגן אריין, אַז יענער האָט נישט אויסגעהאַלטן און זיי אַראָפּגעלאָזט.

טראַכט העניך: איך זאָל זיך נאָר נישט פאַרפּלאָנטען, נאָר נישט קיין נארישקייט אָפּטון!

— פאָלג מיך מיין קינד! האָט בעני, כמעט ווי אין אַ תפלה געזאָגט. — פאָלג מיך! ווייסט דאָך, אַז איך בין דיין טאַטנס בעסטער ידיד געווען! ווייסט דאָך, אַז אָן מיר, האָט דיין טאַטע עליו השלום, גאָרנישט געטון! אַז ווויל און גוט וועט דיר זיין העניך, אַז דו וועסט מיך פאָלגן. פאָלג מיך!

העניך האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס דער אַלטער האָט זיך צו אים צוגעטשעפּעט. וואָס זאָל ער אים פאָלגן? ווייסט ער דען נישט, אַז ער טאָר נישט טון קיין נאַרעשקייט? ווייסט ער דען נישט, אַז אָן דער מאַמען, טוט ער גאָרנישט? — העניך, האָט שטאַרק השק געהאַט דעם אַלטן צו געבן אַ פּאָר אָפּ, אַז ער זאָל גערעדנקען און זיך מער נישט מישן אין פרעמדע עסקים. אָבער נאָך איידער דער כעס האָט זיך ביי אים צעבלעזלט, איידער דער צאָרן איז אים צום קאָפּ געשטיגן, האָט ער שוין געשמייכלט.

אַ דאָ מוזן מיר אַ באַמערקונג מאַכן: ס'זענען פאַראַן מענטשן; וועלכע, אַז זיי כאַפּן אַ גלעזל משקה, ווערן זיי צעמישט און דורך דער משקה, בינדט זיך ביי זיי אויף די צונג און זיי ריידן פאַר פייער און פאַר וואַסער, אָדער וואָס נאָך ערגער איז; זיי מאַכן שקאַנדאַלן, צעהאַקן, צעברעכן וואָס ס'קומט זיי אונטער די הענט. ווידער זענען פאַראַן אייניקע, וועלכע נעמענדיק אַ גלעזל, ווערן זיי ווייך ווי פּוטער און צוגעלאָזט צו אַ יעדן איינעם. פון דער סאָרט מענטשן איז אויך געווען העניך. ער איז איצט נישט פעיק געווען זיך צו בייזערן אָדער אָפּטון אַ מיאוסע זאַך. צו סיי וואָסערע זאַך ס'איז פאַר זיינע אויגן דורכגעשווימען האָט ער גע-

שמייכלט אין מיט די אויגן געגלעט. אפילו דער קאַטער, ווען ער האָט זיך צו אים געשאַרט, און זיך אָן זיינע פיס געריבן אפילו אים האָט ער א לייטזעליקן בליק געשאָנקן, זיך אָנגעבויגן און אים איבערן רוקן געגלעט פון וואָס דער קאַטער האָט שטאַרק הנאה געהאַט, אז ער האָט אזש פאר תענוג די אויגן צוגעמאַכט.

בעני זעענדיק, אז העניך שמייכלט, האָט ער געמיינט, אז ער איז שוין מיט אים פאַרטיק. האָט ער געגעבן א הויב אויף דעם קאָפּ און סתם אזוי אין דער וועלט אריין נישט ווענדנדיק זיך צו קיינעמען א פרעג געטון:

— אויף וועמען וואַרט מען נאָך?

— לחיים העניך! הערט ער לעבן זיך א מיידעלשע שטים. אויסדרייענדיק זיך, זעט ער מנוחהן, די יינגסטע פון לייבושעס מוידן. וועלכע מ'רופט דער ווערעמיקער פּיסק, מחמת זי שטייט קיינעמען נישט אין דער לאַסקע, אפילו דעם פּאַטער קען זי געבן א פּאָר אָפּ אז ער זאָל געדענקען. — לחיים העניך! וועסט טאַנצן מיט מיר?

העניך, פאַרגלייך אין געדאַנק כאַמציען מיט מנוחהן. אַט אזא מיידל, טראַכט ער זיך. פאַרוואָס דאַרף איך זיין ס'כפרה הינדל? — וויינט עס אין אים. ניין! הויבט אין אים אָן צו (בלעזלען) דער כעס. ניין! איך וועל זיך נישט לאָזן פאַרפירן! דער געדאַנק אָבער קאָכט אין אים, נישט מער ווי א רגע א באַלד שמייכלט ער ווידער. דרייט אויס זיין גאַנץ פּנים און קוקט אויף מנוחהן, ווי זי שטייט אזוי פאר אים מיט איר עזותדיקן בליק, וועלכער איז דורכגענומען מיט שרפה, מיט פייער, וואָס אבאַלד אבאַלד ווערט ער אויך הינטער אירע שוואַרצקוילן אויגן פאַרברענט. דאָס פאַרשייטע לעקאַלע וואָס אויף איר פאַרשייטן הויכן שטערן, די לאַכנדיקע אויגן, די רויטע קאַרשן ליפּן, וועלכע בעטן זיך אז מ'זאָל זיי קושן און קושן אָן אויפהער ביז משוגעת.

— פאַרוואָס נישט מנוחהלע. — ענטפערט ער איר קרובהדיק — אוודאי וועל איך מיט דיר טאַנצן, פאַרוואָס נישט? — און ער כאַפּט אָן איר אויסגעשטרעקטע האַנט. — און ווען זי נעמט אַרויס איר האַנט פון זיינער, כאַפּט ער זי אָן העכער דעם עלנבויגן. — לחיים מנוחהלע! לחיים! זי האָט אויף אים א פאַרשייטן בליק געוואָרפן און איז נישט געוואָרן.

העניך מוסרט זיך אליין אויס אין געדאַנק. וואָס איז מיט אים היינט? עפּעס איז עס גאָרנישט זיין טבע, אַט האָט ער פריער דערזען אין כאַמציען, אז זי איז גאָרנישט מיאוס, איצטער מנו

חתן. וואָס איז מיט איב? פע, העניך גאָרנישט שיין פון דיין זייט, פע, א מענטש, דארף זיין א מענטש!

ווען העניך, האָט מנוחהן אָנגעכאפּט דעם נאַקעטן אָרעם, העכער דעם עלנבויגן. האָט עס בעני געזען, ער האָט אזש א צימער געגעבן. א שייגעץ קען! ער האָט אוועקגעקוקט. ער וועט דאָך אים נישט גיין איצטערט אָ אויסשייגעצן! וואָרעם, די היינטיקע לייט זענען קאַפּאַביל, ווער ווייס צו וואָס! אז מנוחה איז אוועק, האָט ער זיך נאָך אמאָל צו אים צוגעבויגן:

— נו, העניך, וואָסזשע זאָגסטו?

— וואָס זאָל איך אייך זאָגן? פעטער בעני. איך האָב אייך שוין איינמאָל געזאָגט. וואָס נאָך ווילט איר זאָל איך אייך זאָגן?

— אז וואָס העניך? — האָט בעני דערשטויגט געפרעגט — מיר האָסטו גאָרנישט געזאָגט!

אז, אָן דער מאמע...

העניך האָט נישט איספּעיעט צו זאָגן וואָס אָן דער מאמע, ווי ס'עפנט זיך די טיר און עמעצער קומט אריין. ווער ס'איז, קאָן העניך נישט זען, מחמת דער דאָזיקער עמעצער איז אויפגע-נומען געוואָרן, מיט אסך שמחה; פון לייבושן, — שבען. אפילו באָמציע מיט מנוחהן האָבן זיך אויך געדרייט ארום דעם גאסט.

העניכן האָט עס ווי מיט א האמער געגעבן א זעץ אין קאָפּ אריין; אין הארץ אריין. — צו וואָס איז זי געקומען? א יידענע בלייבט א יידענע, טראכט ער מיט פארבימערקייט. — נאָך וואָס איז זי געקומען.

— מזל טוב דיר, קינד לעבן! — האָט אים די מומער ארומ-גענומען — אים געקושט, באגאָסן אים מיט טרערן, אויף זיינע באקן, אויף די ליפּן און אויף די הענט.

העניך איז בלאס געוואָרן. וואָס קען ער שוין איצטער זאָגן? אז די איינענע מאמע, האָט אים שוין דעם מזל-טוב אָפּגעגעבן?

— שאַ! שטיל זאָל זיין! „המגיד מראשית אחרית" — לייענט נפתלי שוחט די תנאים. און ווען ער איז צוגעקומען צו; „החתונה תהיה", דאָס הייסט די חתונה וועט זיין... איז ער שטיין געבליבן. — נו, מהותן ר' לייבוש מחותנ-עסטע מלכה, אויף ווען האָט איר אָפּגעשטעלט די חתונה?

— שבת נאָך שבועות, — האָט לייבוש זיך אָנגערופן.

— ניין, צו פרי! אויף שבת נחמו, האָט זיך מלכה די רופאטע געלאָזט הערן.

— שאַ, ווייסט איר וואָס? — רופט זיך אָן בעני — שרייבט איין: בעת שיתרצו הני תרי הצדדים!

— קלוג ווי דער טאָג! — האָט נפתלי געענטפערט. — דערנאָך האָט ער אינדערהויך איבערגעלייענט וואָס ער האָט אָנגעשריבן:

— החתונה, די חתונה — האָט ער פארטייטשט, — תהיה וועט זיין, אם ירצה השם, מיט גאָטס הילף, בעת שיתרצו הני תרי הצדדים. ווען ביידע צדדים וועלן זיך איינפארשטיין...

העניך האָט געזען ווי מ'האָט דער מוטער איבערגעגעבן א טעלער. ער האָט געזען, ווי זי האָט אים א זעץ געגעבן צו ד'רערד, ער האָט געהערט ווי פון אים איז שערבעלער געבליבן. ער האָט אויך ווי מיט פארשלייערטע אויגן געזען, ווי עזריאל האָט כאָמציען א בעזעם דערלאנגט און געשפּאנט איז ער געשטאנען און זיך צוגעקוקט מיט א גרויסן ערנסט ווי כאָמציע האָט די שערבעלעך צונויפגעקערט אין א ווינקעלע אריין. און אז כאָמציע האָט דעם בעזעם געלאָזט פאלן און איז מיט א געיאָמער צוגעפאלן צו שבעס ברוסט און האָט אויסגעשריגן: „אוי מאמע! מאמע!“, האָט זיך אים ווי עפּעס אין הארצן אָפּגעריסן, און זיינע ליפּן זענען נאָך בלאסער געוואָרן ווי פריער.

כאָמציעס געשריי האָט אים אויפגעוועקט פון זיין פארטאיעטקייט, אז ער איז בכח געוואָרן, צו באנעמען די זאכן אזוי ווי זיי זענען אין דער ווירקלעכקייט, אין דער אמתן.

טראכט העניך; — פארפאלן. אזוי איז שוין מיין מזל. פארוואָס אָבער דארף אזוי צו זיין מיין מזל? — קאָכט און זידט עס אין אים — פארוואָס מוז איך אן אלטע פארזעסענע מויד נעמען? דערפאר, — ענטפערט ער זיך אליין, — ווייל איך בין העניך, א סטאָלעריוק! ווייל איך בין מלכה דער רופאטעס א זון. דערפאר, ווייל מיין מאמע איז א בידנע אלמנה. דערפאר ווייל זי האָט זיך ס'גאנצע לעבן אירס געמוטשעט אויפן שטיקל ברויט, ווייל אסך נעכט פלעגט זי זיך לייגן אָן וועטשערע, אָבער פאר איר קינד, האָט קיינמאָל, נישט נאָר דאָס שטיקל ברויט נישט געפעלט, נאָר אויך די שאָל מילך. און ווייל זי וויל אביסעלע נחת אויף דער עלטער פון איר קינד דערלעבן, מוז איך, העניך, א געזונטער יונג, וואָס קאָן מויערן איבערקערן, וואָס קאָן מיט דער בלויזער דלאָניע אריינקלאפּן צוועקעס אין א ברעט אריין, מוז איך נעמען, לייבוש קאָוואלס פארזעסענע מויד. — א רחמנות נעמט אים ארום אויף זיך אליין, אויף זיין בידנער אָרעמער מאמען און די אויגן זיינע פולן זיך אים אָן מיט טרערן.

.10

שפעטער, האָט לייבוש געשיקט נאָך די ציגיינערס. נאָכן אָנ⸗
פירער פונעם אָרקעסטער; נעא ניצע, א נידעריקער מיט אן ארויס⸗
שטארצנדיק בייכל, אָנגעטון אין א שווארצן פראק. די האָר אָנ⸗
געשמירט מיט פּאָמאדע און אין אויער א זילבערן אויעררינגל...
ער האָט געגעבן א נעם ארויס פון דער בוזעם קעשענע א ווייס
מיכעלע, אָפּגעווישט זיך דאָס פארשוויצטע פּנים און דעם פאר⸗
שוויצטן קארק. זיך העפלעך פארנייגט פאר דער געזעלשאפט
און נאָכדעם וואָס ער האָט עפּעס אינדערשטיל גערעדט מיט עז⸗
ריאלן האָט ער זיך געגעבן א דריי אוים צום אָרקעסטער, וועלכער
איז באשטאנען פון פיר אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע ציגיי⸗
נערס, וועלכע האָבן געשפּילט, ווער אויפן טרומייט, פלייט, פּייקל
און באס און וועלכע האָבן מיט זשערנע אויגן געקוקט אויפן טיש
וואָס איז געווען אָנגעשטעלט מיט אלע גוטע זאכן. ער, נעא ניצע,
האָט, זיך געגעבן א דריי אוים צו זיי, זיך דורכגעשמועסט מיט
זיי אויף פידל אין ציגיינעריש לשון, מער אויפן ווינק ווי מיטן
מויל און אלע אינאיינעם האָבן געגעבן א שפּיל אויף א שטיק;
וואָס אלע האָבן פריילעך אויפגעכאפּט און מיטגעזונגען:

א גוטע וואָך, א גוטע וואָך,
זאָלן מיר האָבן אינאיינעם
א גוטע וואָך, א גוטע וואָך
אלע יידעלעך אינאיינעם.

און נעא ניצע האָט צו געגעבן: אלע ווייבלעך אינאיינעם.

דערנאָך זענען געגאנגען א ריי פון וואָלעכעשע דוינעס. אלע
אויסגעצויגענע, טרויעריקע, וועלכע האָבן אָנגעכאפּט ביי דער
נשמה און אָנגעפולט דאָס אויג מיט א טרער. בעני האָט איינגע⸗
רוימט נפתלין אויפן אויער, אז ער זאָל זיך גוט איינהערן, ווייל
די דאָזיקע דוינעס, וועלן אים צונויץ קומען ראש⸗השנה צום;
„ונתנה תוקף“, צום; „כבקרת“. נפתלי האָט זיך אָנגעדרודעלט:
— וואָסזשע איז דאָ צום לאכן? — האָט נפתלי ברוגז גע⸗
פרעגט. דער ריזשינער, זכרונו לברכה האָט געזאָגט, אז די מאָל⸗
דאָווישע דוינע, איז גענומען פונעם היכל הנגינה! — בעני האָט
זיך פארענטפערט:
— ווער לאכט דען, ווער?
לייבוש האָט מכבד געווען דעם אָרקעסטער, מיט צו גלעזלעך
בראָנפן און צו שטיקלעך קוילעטש צום פארבייסן. דער פּייקלער,

אן אָפּגעריסענער מיט שרפּענדיקע לעבעדיקע אויגן, מיט א פּאַריסן נעזל, האָט אים מער מיט די אויגן ווי מיט די ליפּן געגעבן צו פאַרשטיין, אז ער וואָלט א בעלן געווען צו פאַרזוכן פון די זיסע זאכן וואָס אויפן טיש, האָט אים לייבוש געענטפערט, אז ס'וועט אים נאָך חלילה אין בייכעלע גרימען.

נעא ניצען, האָט מנוחה צום טיש צוגעפירט, געשטעלט פאַר אים א גאנצע פלאש מיט בראָנפן און אויף א טעצעלע איבערגעדעקט מיט א ווייס סערוועטערל פון אלע זיסע זאכן, אים געבעטן אז ער זאָל זיך אליין באדינען.

צו נעא ניצעס לויב מוז דאָ געזאָגט ווערן, אז ער האָט חלילה נישט אליין אויפגעגעסן אָט די אלע זיסע זאכן. ער האָט מיט א ווונק צוגערופן זיין צעפּליקטן אָרקעסטער, זיי אָנגעגאָסן נאָך אמאָל און נאָך אמאָל צו גלעזעלעך בראָנפן א חוץ מיט וואָס לייבוש האָט זיי מכבד געווען, און דאָס טעצל איז אין איין רגע געוואָרן גלאט ווי א גלאטער טעלער. אָפּגעטרינקען, אָפּגעגעסן ביז צום לעצטן ברעקעלע, האָט ערשט נעא ניצע געוויזן וואָס ער קען, און געצויגן איין דוינע טרויעריקער פון דער אנדערער. אזוי לאנג ביז עזריאל האָט זיך צעבייזערט:

— וואָס האָבמיר היינט, יום כפור? תשעה באָב? צו וואָס? — העי ציגיינער עפּעס א פריילעכס! — און די ציגיינער האָבן גענומען שפּילן, איינס פריילעכער פונעם אנדערן, איינס לעבעדיקער פונעם אנדערן, איינס אויסגעלאַסענער און פאַרשייטער פונעם אנדערן.

העניך האָט זיך געהאלטן וואָרטן. קודם האָט ער מיט א פּאַרבויג פאַרבעטן טאקע די כלה, כאָמעציען אליין צו א טאנץ. אלעס איז געבליבן שטיל, זיך צוגעקוקט צום טאנץ פון חתן כלה. געענדיקט, האָט ער אויך מנוחהן, אזוי ווי ער האָט איר צוגעזאָגט, גענומען צום טאנץ און מיט איר א ווילדן טאנץ געגאַנגען. העניך האָט זיך געטראכט: — לאָז עס גיין מיטן קאָפּ אין ד'רערד אריין. וועל מיר שוין זען שפּעטער, דערווייל, ביז שבת נחמו איז נאָך דאָ געגוג וואָכן!

געענדיקט ס'טאנצן. האָט נעא ניצע מיט א מאך פון דער האנט אָפּגעשטעלט דעם אָרקעסטער זיינעם, וועלכער האָט זיך געגרייט און אָנגעשטעלט איטלעכער זיינע אינסטרומענטן. נעא ניצע, האָט זיך אינמיטן שטוב אוועקגעשטעלט, גענומען ס'פּידעלע אין האנט און אָנגעהויבן זינגען אויף יידיש:

אָט א ייד א באבעלע
אָט א באב א יידעלע,

אָט א ייד א ייד
א ייד א באבעלע!

און דער אָרקעסטער מיט אים אינאייגעם האָבן עס אונטערגע־
כאפט און צוויי מאָל איבערגעשפּילט אויף זייערע כלים. דערנאָך
נאָך ניצע אליין:

שרהלע מיין באב
אָט דעם קוגל געמאכט
פון זונטיק אינדערפרי
ביז פרייטיק אויפדערנאכט.

דאָ האָט ער זיך אומגעקערט צום רעפריין; „אָט א ייד א בא־
בעלע". — און אזוי ווייטער, האָט אלץ נאָך ניצע דערציילט אינעם
לידל וואָסער בריה שרהלע איז, ווי אזוי ס'ברענט אונטער אירע
הענט. ווי פלינק זי קערט אויס די שטוב, ווי גיך זי פליקט אָפּ
א הון, ווי אזוי זי שטעלט צו דאָס וואַרעמס, וויאזוי זי לויפט
אריין צו א שכנטע לייען א זיפּל, וויאזוי זי כאפּט אינדערגיך א
שמועס, וויאזוי אלעס ברענט ביי איר אונטער די הענט, אזש
פון זונטיק אינדערפרי ביז פרייטיק אויפדערנאכט. דער עולם האָט
געלאכט, זיך געפרייט און הנאה געהאַט.

העניך, האָט אין דער מינוט אויך פארגעסן זיין בימער געמיט.
ער האָט זיך אויך געפרייט, געלאכט און הנאה געהאַט.

דעם אנדערן טאָג איז העניך נישט געגאנגען צו דער ארבעט,
דער קאָפּ האָט אים ווי געטון. צי פון אן איבעריק גלעזל משקה,
צו וועלכן ער איז נישט געוווינט געווען, צי דערפאר ווייל ער האָט
זיך דעם קאָפּ געבוירעט, וויאזוי ער זאָל פון דעם עסק ארויס־
שלעפּן די פיס. פארנאכט, איז ער אריבער צו גדליהן. יענער האָט
אים אויפגענומען מיט א ברוך הבא:

— הא? האָסטו געזען אביסל, און אז מ'ווערט שוין א חתן,
הא? האָט גדליה זיך געבייזערט. — ווייסט ווי ס'ברענט, ווי
מ'רייסט שטיקער! און ער גאָרנישט. זיך פארגלוסט אין מיצקע
דערינען א חתן ווערן הא?

אוי האָט זיך העניכן געגלוסט זיין בימער האַרץ, אויפן בא־
לעבאָס קאָפּ אויסגיסן. אָדער, דווקא דערפאר, ווייל ס'ברענט אזוי,
ווייל מ'רייסט טאקע שטיקער, זאָל ער אראָפּנעמען דאָס רעקל
פונעם צוואָק און מיט א טראסק מיט דער טיר אָן א זיי געזונט
אוועקגיין. האָט ער זיך בארעכנט, אז אזוי וועט ער גאָרנישט
אויפטון. ראשית, פארמאָגט ער נישט אפילו א פארע* ביי דער

* פארע — די קלענסטע מטבע.

נשמה, והשנית ווייסט ער אז מ'דארף אָפּפּירן ארבעט קיין שענדרען און קיינעם וועט גדליה נישט שיקן א חוץ אים. און דאָרטן, אין שענדרען איז דאָ שלמה באָדנערס מיידל, חנהלע, נאָך וועלכער ער גייט פּשוט אויס. און זי, חנהלע, האָט אים אויך נישט פיינט, פארקערט, זי האָט אים שטארק האָלד. כאָטש זי האָט עס אים קיינמאָל נישט געזאָגט, נאָר ער ווייסט עס. און מיר, ווייסן עס אויך, אז זי איז גאָרנישט גלייכגילטיק צו העניכן, מחמת, ווען זי דערזעט אים, קומען איר די געבליטן אין פּנים אריין און וואָס פאר א סימן דארף מען נאָך?

וויל ער זיך דאָס איצט זען מיט איר, מיט חנהלען. פאר איר אויסגיסן זיין פארביטערט הארץ.

העניך נעמט אראָפּ דעם היבל, שפּייט אין דער דלאָניע אריין און נעמט זיך היבלען. בשעת מעשה ווארפט ער אזא פינצטערן בליק אויף זיין באלעבאָס, אזש דעם באלעבאָס ווערט עפּעס אומהיימלעך, עפּעס ווערט אים ענג אין גאָרגל און ער הויבט זיך אָן צו קרעכן, גלייך ס'ווערט אים נישט גוט פון עפּעס זייער א ביטערער זאך. תמיד איז אזוי, ווען העניך ווארפט אויף אים אזא אָ בליק, טוט אים א טיאָכקע אין הארצן.

— לאָז אָפּ דעם היבל! — האָט גדליה שוין ווייך געזאָגט. — טו דיך אָן טאָסטו געלט, שפּרינג אריבער צו דער מאמען, זאָל זי האָבן מיט וואָס צו מאכן שבת. און דו וועסט אריינפאָרן קיין שענדרען. מילא, אז דיר האָט זיך פארגלוסט א חתן צו ווערן, פונקט איצט אָ ווען ס'ברענט אזוי שטארק, ווען מ'רייסט אזוי שטארק פון די הענט. — און מיט א געלעכטערל גיט ער צו: — וועסט שוין מוזן דאָרטן נעכטיקן. ביי שלמה באָדנער. און נאָר פריילעך האָט ער צוגעגעבן: — זע נאָר, אז דאָרט, אז דו זאָלסט דיך נישט דאָרט מיט חנהלען! ווייסט שוין וואָס. פארגעס נישט אז דו ביסט שוין א חתן! אז דו האָסט שוין א כלה!

העניך, האָט נאָך אינדעם אויפדערנאכט אלעם ערלעדיגט, איבערגעגעבן דעם רייכן פויער, די טיר און פענצטער און ווען ער איז געקומען צו שלמה באָדנער איז יענער שוין געשלאָפן, נאָר די מומע ברײַנע מיט חנהלען זענען וואך געווען. די מומע ברײַנע האָט זיך געפּאָרעט עפּעס ביי דער קיך און חנהלע איז געזעסן ביים טיש, ביי א פינפער לעמפּל און געשטאָרקעט דאָרט מיט א נאָדל פּאָדעם... אז ער האָט זיך צום טיש געזעצט און די מומע ברײַנע האָט אים דערלאנגט וועטשערע, א הייס גלאָז מילך מיט ברויט, האָט אים חנהלע אָפּגעגעבן דעם מזל-טוב!

— אזוי גיך געווויר געוואָרן? — האָט ער זיך הויך גע־חדושט — ס'איז דאָך ערשט נעכטן געווען! — ער, העניך, האָט איר גענומען דערציילן, וויאזוי ס'איז צוגעגאַנגען. וויאזוי מ'האָט אים אריינגענארט. אז ער האָט נאָר אייגענטלעך געוואָלט דער מוטער צוליב טון, ער האָט נישט געקענט אויסהאַלטן מער אירע טרערן. אז זי האָט נאָר געוואָלט, אז ער זאָל פאָרן אויף א באַשוי, נישט עפּעס אנדערש. וויאזוי לייבוש, נפתלי מיט עזריאלן, האָבן אונטער די אויגן אלעם צוגערייט. און, אפשר, האָט די מאמע אויך געוווסט. מען האָט זי געבראַכט. און אזוי האָט מען אים, אזוי מיינען זיי, אריינגענארט אין זאַק אריין.

הנהלע האָט אָפּגעביסן דעם פאָדעם און אויפשטעלנדיק זיך, האָט זי א הויכן געגעץ געגעבן און זיך אָנגערופן:

צו וואָס, העניך, דארפסטו דיך פארענטפערן? צו וואָס דארפסטו מיר דאָס דערציילן? — דאָס אָ זאָגנדיק, האָט זי זיין ענטפער נישט אָפּגעווארט נאָר ווינטשנדיק אים א גוטע נאכט, איז זי ארויסגעגאַנגען.

העניך האָט א גאַנצע נאַכט קיין אויג נישט געקענט צו מאכן. און אויפן באַנקבעטל, זיין געלעגער, געדרייט זיך פון איין זייט אויף דער אנדערער:

פארקויפט זיך פאר געלט! — האָט ער פון זיך שטיקער געריסן — פארקויפט זיך צו אן אלטער מויד! — נאָר, אפילו ווען מיין טויט זאָל זיין, גיי איך נישט מיט איר צו דער חופּה! אפילו מ'זאָל מיך אָפּגילטן! — האָט ער דען נישט געהערט אסך מאָל די מוטער זאָגן: „דאָס שמאַלץ רינט אויס און דער גרוב בלייבט א גרויב?" — וואָזשע? — פרעגט ער זיך — האָט זי עס נאָר פאר אן אנדערן געזאָגט ? ביי מיר וועט קיינמאָל דאָס שמאַלץ נישט אויסרונען?

די אנדערע וואָך, האָט לייבוש געבראַכט העניכן א מתנה, א גילדערנעם זייגער. העניך איז געווען אין ווארשטאַט ביי דער ארבעט. מלכה, ווען זי האָט דערזען די גרויסארטיקע מתנה, האָט זי זיך די הענט קודם אָפּגעווישט אָנעם פארטוך און מיט די פינגערשפּיצן, גענומען דעם זייגער מיט דער קייט און אים אין שאפע אריינגעלייגט צווישן דער ריינער וועש.

ווען זי האָט די מתנה געוויזן העניכן האָט ער געוואָרטשעט:

— ווער דארף עס, ווער? אָנגעכמורעט זיך, האָט ער זיך מיטן ביסן געוואָרגן. — ווער דארף עס ווער? האָט ער נאָך אמאָל איבערגעחזרט — וואָסזשע דו האָסט נישט אליין גע־זאָגט, אז נאָר אויף א באַשוי? דו האָסט נישט געזאָגט אז דאָס

שמאַלץ רינט אויס און דער גרוב בלייבט? צי מיט לייבושעס שמאַלץ, ביסטו זיכער? זיין שמאַלץ וועט נישט איסרינען?

מלכתּם אויגן, וועלכע האָבן שוין פון עטלעכע טעג נישט געגאָסן מיט טרערן, האָבן זיך פונסניי געעפנט און געגאָסן און געגאָסן, אָן אַ אויפהער אָן אַ אָפּשטעל. העניך, האָט עס נישט געקענט איבערטראָגן און מורא האָבנדיק אַז ער זאָל נישט, איר נאָכגעבן פאַר רחמנות, האָט ער גענומען ס'רעקל, און אַוועק.

פאַר העניכן, האָט זיך געעפנט ס'גיהנום. אויב די מוטער האָט זיך איינגעהאַלטן, אים גאָרנישט געזאָגט און נאָר מיט טרערן געגאָסן, האָבן אָנגעהויבן אָפּט אַריינצוקומען, מיט עצות און מיט מוסר; בעני מיט נפתלין. אָט דער, אָט יענער און ביידע מיט די זעלבע קלוגע עצות, די זעלבע קלוגע ווערטער, אַז בעסער א גט, איידער אַפּלאָזן א שדוך:

— דערפאַר איז דאָך דאָ א גט ביי יידן! — זאָגט בעני.

— דערפאַר צעברעכט מען א טעלער ביי תנאים און א גלעזל ביי דער חופּה. — פאַרטייטשט נפתלי. — צו ווייזן, אַז א גלעזל, האָט נאָך א תקנה; מ'קען עס איבערשמעלצן און ס'זאָל צוריק א גלעזל ווערן, אָבער א טעלער, זאָג שוין דו אליין קען מען עפּעס טון? — ווענדט ער זיך צו העניכן.

העניך, ווי מיר ווייסן, האָט אָבער נישט געקענט אָפּענטפערן, ער האָט נישט געקענט ביישטיין אַזעלכע צוויי ליבן ווי ס'זענען געוועזן; נפתלי מיט בענין. דערום, אַז ער האָט געזעזן, אַז ער האָט נישט וואָס צו ענטפערן, האָט ער געגעבן א כאַפּ ס'רעקל און אַרויס.

— זעט איר, א דאָס טוט ער. — האָט די מוטער מיט די הענט, צו נפתלין פאַרבראָכן.

.11

אין א טאָג איז געקומען א שליח פונעם רבינס הויף און גערופן העניכן.

פּסח לייב, דעם רבינס לייב-גבאי האָט אים גאָרנישט פריינד-לעך אויפגענומען, דאָרט, אין פעדער שטיבל:

אַזוי טוט א ייד? צו פאַרשעמען א יידישע טאָכטער? — און ער האָט אים אויפגעוויזן; דער גיהנום איז צו ווייניק פאַר אים. — איצט, קום אריין צום רבין, וועסטו שוין זען!

ביי העניכן, פונקט ווי ביי אלע יידן פונעם שטעטל, איז געווען א מורא אויסגעמישט מיט אָפּשיי און דרך ארץ פארן רבין. די מורא, איז אָבער נישט געווען, ווי פאר א שלעכטן מענטשן. העניך האָט קיינמאָל נישט געהערט אז עמעצער זאָל זיך וואגן, ארויסצורײדן עפּעס א שלעכט וואָרט אויפן רבין. וואָרעם דער דאָזיקער הויף, האָט אָפּגעהיטן, נאָך די אלטע טראדיציע פונעם נערוזישנעווער, דער ערשטער גרינדער פון דער דאָזיקער דינאסטיע. נישט זיך צו שטעלן שלעכט מיט קיין שום מענטשן. האָט געמעגט די גרעסטע מחלוקתן אויסברעכן אין שטעטל. האָט זיך דער הויף נישט געמישט. געשטאנען ביי דער זייט. דערום, האָבן טאקע, אנדערע רבישע הויפן, פאריבל געהאט אויף אזא מין פירונג. זיי האָבן נישט געקענט אז זיי זאָלן זיך נישט מישן, זיי האָבן נישט געקענט אזעלכע דיפּלאָ- מאטן זיין, דערום האָבן זיי נישט געהאט אזויפיל חסידים און דערום האָבן זיי שטארק מקנא געווען אָט די רבישע הויפן פון דער נערוזשינגעווערס גזע.

העניך איז געשטאנען פארן רבין מיט אראָפּגעלאָזטע אויגן און מיט א פלאטערדיק הארץ און זיך צוגעהערט צום רבינס שטראָפרייד, וועלכע האָבן געפלאָסן ווי א קלאָר ריטשקעלע, מיט וועלכן דער מענטש דערקוויקט זיך אין א הייסן זומערטאָג.

— זאָלסט וויסן זיין מיין קינד, אז דערפאר צעברעכט מען ביי תנאים א טעלער, אונדז צו ווייזן, אז פונקט ווי א טעלער אז ער ווערט צעבראָכן, קען מען אים שוין גאנץ נישט צוריק- מאכן, אזוי אויך אז מ׳לאָזט אָפּ א שידוך. ס׳איז א גרויסע עבירה. מ׳קען עס קיינמאָל נישט פאריכטן. הינטער דער חופּה צעברעכט דער חתן א גלעזל. פארוואָס? ווייל א גלעזל, האָט צוריק א תקומה, מ׳קען עס צוריק איבערשמעלצן און צוריק מאכן פון די שערבעלער ווידער א גאנצע כלי, — א גלעזל. אזוי אויך אז מ׳קאָן נישט וווינען מיטן ווייב, איז דאָ ביי יידן א גט, צוועלף שורות...

ווען דער רבי האָט ביי אים גענומען די האנט און זי צוגע- דריקט צו זיין הארצן, ווו דער שטייגער, האָט העניך ארויס- געלאָזט א פארשטיקטן כליפּ און דערציילט דעם רבין, וויאזוי מ׳האָט אים אָפּגענארט. אז ער איז גאָרנישט געפאָרן א חתן ווערן, אז ער האָט נאָר צוליב געטון דער מוטער, וועלכע האָט אים געבעטן אז ער זאָל זיך נאָר ארײנכאפּן אויף א באשוי, עפּעס אנדערש נישט.

שפּעטער, האָט דער רבי געלאָזט פאַלן א וואָרט, און פּסח־לייב האָט עס איבערגעגעבן לייבושן, אז ס'איז כדאי אז מ'זאָל העניכן געמאך לאָזן. אז ס'איז נישט קיין זיווג. און אז דער אויבערשטער, וועט ווי גיך מזמין זיין א גוטן און א גאָר ווילן שדוך, פאַר לייבושעס בתולה וועגן. און אָט דרייט זיך טאקע ארום שמואל דער שווארצער.

געהערט פּוגעם רבינס מויל אזא בפירושן צוזאָג. און ממש ווי מיטן פינגער, אָנגעוויזן, ווער ס'איז דער זיווג, איז לייבוש אָפּגעקילט געוואָרן פון העניכן, און ער האָט געדערכט געגעבן פּסח־לייבן ווען יענער האָט אים געמוסרט און אים אזוי געזאָגט:

— ביי אזא זאך קומט מען קודם אריין צום רבין. מ'טוט נישט אליין, אָן א שום ישוב הדעת. אָט זעסטו וואָס ס'האָט זיך אויסגעלאָזט. — נאָר נישקשה, — קלאפּט אים פּסח־לייב אויפן אקסל גאָר פריינדלעך — און ווען לייבוש האָט אים אין דער האנט ארייגערוקט זיין פדיון, האָט ער צוגעגעבן: ניש־קשה, נישט געזאָרגט, אָט האָט דיר טאקע דער רבי זאָל לעבן אָנגעוויזן, ווער ס'איז דיין טאָכטערס אמתער זיווג.

.12

שפּעטער מיט עטלעכע טעג, זענען צום רבין אין הויף אריין געקומען לייבוש, יוכבד, שמואל דעם שווארצנס מאמע, נפתלי האָט זיך דאָרט אויך געפונען.

יוכבד די מהותנעסטע, איז געווען ביי זיך שטארק אויפ־געלייגט. זי איז מיטן טיכל פארלייגט הינטער די אויערן געגאנגען פון איינעם צום אנדערן, טראָגנדיק אין דער האנט א טעלער מיט געבעקס:

— געניסט, געניסט איך בעט אייך!

לחיים לייבוש! — האָט נפתלי אים געשטרעקט א האנט. האלטנדיק לייבושעס האנט אין זיינער, זאָגט ער אזוי: — פאָלג מיך לייבוש, אזוי איז בעסער. אזוי איז געזונטער. די ערשטע לוחות זענען אויך צעבראָכן געוואָרן, ווייל מ'האָט זיי געגעבן אויפן בארג סיני מיט קולות וברקים, מיט א גאנצן אויפצוג. בעסער און געזונטער איז אז ס'איז שא! פארשטייסט?

איצט קום אריין צום רבין! — האָט פּסח־לייב געמאָרעט לייבושן.

דער רבי האָט אָנגעוווּנטשן, אַז דער שדוך זאָל עולה יפה זיין. און אַז דאָס פּאָרל זאָל זיך על־מערן אין עושר און אין כבוד! — און לייבוש מאַך נישט קיין שהיות! שטעל אַ חופּה, נאָך איידער מיר גייען אַריין אין די דריי וואָכן.

דער רבי האָט נאָך געוואָרנט, אַז למען השם, זאָל די כלה מוחל זיין העניכן.

שבת נחמו, האָט אויך העניך התונה געהאַט. ענדלעך איז זיין חלום מקוים געוואָרן. אַן אַלבאַסטער ווייסן האַלדז און אַ געזעלע; פּונקט אַזאַ איינס וועלכעס ער האָט באַגעגנט אין שמר'ס ראָמאַנען. אַ פּנים, האָט חנהלע ווי קאַווע מיט מילך, די אויגן גראָע און פאַרדעקט מיט אַזעלכע לאַנגע דינע זיידענע וויעס, אַז ווען זי האָט זיי אַראָפּגעלאָזט האָט זיך געקענט אויסדאַכטן אַז זי שלאָפט, אָדער זי האַלט די אויגן צוגעמאַכט און ווען זי האָט זיי אויפגעמאַכט און אויף עמעצן אַ קוק געטון האָט עס איינעם אַ וואַרעמען צופּ געגעבן.

העניך, איז איבערגליקלעך געווען. מיטן ביסל נדן און שטאַפּיר וואָס ער האָט פון שלמה באָדנער באַקומען, האָט ער זיך ביי דער מוטער אין דער פעדערשטוב אויסגעסטרויעט אַ וואַרשטאַט, זיך איינגעקויפט אַביסל געצייג און אָנגעהויבן אויסצואַרבעטן קליינע פענצטערלעך פאַר אָרעמע פויערים. תחלת, אַ יאָר אַנדערטהאַלבען איז עס אַוועק גאַנץ כמעשה. פויערים האָבן אים ליב באַקומען, פאַר זיין ערלעכקייט, פאַר זיין איינהאַלטן זיך דאָס וואָרט. אַ וואָרט, איז געווען ביי אים הייליק. האָט דאָס דאָזיקע אָבער, דעם געוועזענעם באַלעבאָס זייער שטאַרק געהאַרט, מורא געהאַט טאָמער וועלן די קליענטן, גרעסערע און בעסערע אַריבערגיין צו העניכן. האָט ער קודם פאָרגעשלאָגן העניכן, אַז ער זאָל פאַרמאַכן זיין וואַרשטאַט און אַריבערקומען צו אים אַרבעטן. ס'וועט אים, העניכן, בעסער קאָנווענירן. ער וועט נישט האָבן צו טון מיט קיין שטייערן, מיט קיין פּאַטענט, און בכלל, וועט ער גדליה אים בעסער צאָלן ווי פריער פאַר דער חתונה. אַז העניך האָט אָבער נישט געוואָלט הערן, האָט גדליה זיך גענומען קאָנקורירן. שמייסן מיט פּרייזן אַז אין איינע עטלעכע וואָכן איז העניך געווען אַ פאַרטיקער.

.13

פאַר גדליהן, איז געווען פון די לייכטסטע זאַכן העניכן צו צעלייגן. מחמת, ער, גדליה, ווען ער האָט אָנגענומען אַרבעט,

האָט ער נישט געדאַרפט אין שטאָט פאָרן נאָך מאַטעריאַל, נאָך ברעטער. ביי אים אין הויף איז געלעגן גאַנצע סטיווען מיט ברעטער, אַלערליי סאָרטן. מיט לייסטלעך אַלערליי מינים. נעם די זעג און שנייד וויפל דו ווילסט. האָט ער, ביי דער מלאכה זיך געשטעלט אַ קליין פאַרדינסט אָדער אפשר גאָרנישט קיין פאַרדינסט. ביים מאַטעריאַל האָט ער זיך שוין אַרויסגענומען דעם שאָדן און אפשר נאָך ווי מ׳זאָגט: מיט אַ צימבל. דער פּויער, וועלכער איז אַריבערגעקומען איינצוהאַנדלען מאַטעריאַל ביי גדליהן, האָט זיך תיכף איבערצייגט, אַז ביי גדליהן וועט אים די מלאכה אפילו קיין פּערטל נישט קאָסטן וואָס ביי העניכן.

— געקוילעט, און נישט דערקוילעט, — האָט מלכה געוויינט צו שכנטעס — וואָרעם אַז העניך, האָט שוין יאָ אָנגענומען אַביסל אַרבעט און אַריבערגעגאַנגען צו גדליהן, האָט יענער אים אַזאַ פּרייז געשטעלט פאַר ברעטער אַז ס׳איז אים טונקל געוואָרן אין די אויגן. און אַז העניך האָט געפרעגט:

— ס׳טייטש ר׳ גדליה אַזוי טייער? איר האָט דאָך היינט ערשט, נישט אַמאָל פאַר אַ פּערטל, אַזוי פיל פאַרקויפט?

— געפעלט דיר, איז גוט. אלא נישט לאָז ליגן. ס׳מאָגט נישט קיין עסן. איך דאַרף נישט קיין קונים.

איז, אַז העניך האָט געדאַרפט אָנקומען צו גדליהן, איז שוין געווען אַז ווי צו זייגע יאָר; אָדער ער האָט פאַר דער האָרעוואַניע אויפן שפּיץ מעסער געהאַט אָדער צומאָל טאַקע גאָרנישט. ס׳איז געווען ווי מ׳זאָגט: דער קוילעטש איז אַריין אין דער המוציא.

חנהלע מיט העניכן, האָבן זיך אַרויסגעשטעלט, אַז זיי ראָטן גאָר נישט מיט זייערע עלטערן. קוים אַ יאָר מיט עפּעס נאָך דער חתונה, און חנהלע טראָגט שוין מיטן צווייטן קינד. אַ גרויסע בריה איז חנהלע אין דעם ענין געווען. אָט האָט זי נאָר וואָס אַנטוויינט אַ קינד פונעם זויגן און אָט איז ש..ין ס׳אַנדערע געקומען אָדער ס׳האָט זיך געגרייט ווי גיך אָנצוקומען. יאָר איין יאָר אויס האָט זי מיט קינדער געשיט, ביז זי האָט אַ פּולע שטוב אָנגעשיט. איצט, האָט העניך שוין מסכים געווען אַריבערצוציִען צו גדליהן. איצט איז שוין אָבער געווען צו שפּעט. אַ הארץ האָט ער געהאַט אויף העניכן וואָס דורך אים האָט ער אז׳י פיל אַרבעט, אַזוי פיל סחורה געמוזט פאַרטאַכלעווען, איצט האָט ער נאָר ווי אַ קאַלטער גזלן געשטעלט אַזעלכע תנאים. אַז העניך איז שיר נישט איינגעזונקען געוואָרן פאַר

בושה. איצט, האָט ער געמאָנט; אז העניך זאָל אריבערברענגען ס'גאנצע נעצייג, און דאָ, ביי גדליהן אין ווארשטאט זאָל עס ליגן. דאָס איז איינס, צווייטענס, ווייל ער גדליה, אז העניך זאָל געבן די האנט, אז ער וועט נישט בשתיקה אינדערהיים ארבעטן א צאראנסקע שטיקל ארבעט.

קענען די אָ ביידע פאָדערונגען, איז העניך געווען שטארק אויפגעבראכט. דער סוף איז געווען, אז גוטע פריינד האָבן זיך ארייגנעלייגט אין שלום אריין און אויסגעפויעלט די העלפט; דער גרויסער היבל מיט דער ברייטער זעג זאָלן ליגן ביי גדליהן. און העניך זאָל געבן די האנט אז צאראנסקע ארבעט זאָל ער נישט אויסארבעטן. אָבער קענען שטאָטישע ארבעט, האָט ער גאָרנישט.

— זאָל ער ארבעטן! — האָט ער מיט א פינצטערער מינע געזאָגט.

ביי העניכן, איז שטאָטישע ארבעט, אויך געווען עפּעס. אסך מאָל, ביי די פארדינסטן וואָס ער פלעג ביי גדליהן פארדינען, פלעגט זיך אָפּט, זייער אָפּט זיך מאכן, וואָס ער האָט נישט געהאט צו געבן הנהלען אז זי זאָל קויפן ברויטמעל, פון חלהמעל איז שוין אָפּגעשמועסט אז דאָס איז געווען זייער א זעלטענער גאסט ביי העניכס משפחה, נאָר פשוט ברויטמעל און אז ער האָט געמאָנט ביי גדליהן, האָט יענער זיך געווערטעלט; אז אן אָרעמאן האָט א קישקע אָן א דנאָ, און אז א לעבעריקן זאק קען מען ש.ין גיכער אָנפולן ווי אים. מאכט זיך אָבער אז ביי א שכנטע האָט זיך דער טיש צופאָרן און וויפל שפענדלעך מ'זאָל נישט אונטערלייגן, טאנצט ער. אָדער ביי אנאנדערער האָט זיך די מולטער צעלעכצט, דאָס נעמט זיך פונעם פילן שאָבן און קראצן אזוי, אז די ראָשטשינע רינט אויס. א דאָס אָ איז געווען זיין שטעטישע ארבעט, א דאָס האָט אים גדליה פארגינען און פון דעם אָ פלעג ער אמאָל פארשטאָפּן א שבת. נאָך איין פארדינסטל האָט העניך געהאט; דאָס איז אָבער געווען איינמאָל אין יאָר. די וואָך פון פסח. נאָך א טאָג האָרעוואניע, האָט ער ביז שפּעט ביינאכט געהיבלעוועט טישן ביי שכנים און באקאנטע, כדי מ'זאָל זיי, די טישן קענען כשרן. און כאָטש גדליה האָט דאָך אויף די אָ פארדינסטלעך מסכים געווען, אז העניך זאָל זיי פאר זיינעט וועגן נעמען, דאָך פלעג ער וואָרטשען:

— מיט אָרעמע לייט, איז נאָר גוט קוגעל צו עסן ביים רבין! פאר אָרעמע לייט ביסטו קיינמאָל נישט יוצא! אן אָרעמאן, ער זאָל דיך קענען נאקעט אויסטון, וואָלט ער עס געטון! און

העניך איז א צוגאָב צו זיינע צרות! ער מאכט אים אויס מענטש! בדיל הדל שטעלט ער אים!

אין אזא אָ צייט, פלעגט העניך בלאס ווערן פאַר כעס און ווארפן אויפן באלעבאָס אזעלכע בליקן, וואָס נאָר אזוי קוקט א חיה אויפן יעגער, וועלכער האָט זי ארומגעסטאמפעוועט פון אלע זייטן און קיין אנדערע ברירה האָט זי נישט, די חיה, ווי נאָר זיך צו ווארפן אויף אים.

— שפּין! — פלעגט העניך ארויסזייען פון צווישן די ציין.

ס'פלעגט זיך אויך אָפט מאכן, אז העניך, נישט קאָנענדיק אריבערטראָגן די אלע באליידיקונגען, האָט ער געכאפט צו אים אמאָל דעם היבל, וועלנדיק אים פלעטן דעם מוח, נאָר אין דער לעצטער רגע זיך באדענקט, האָט ער געכאפּט דעם היבל, מיט אים א שמייץ געגעבן צו ד'רערד, געכאפּט דאָס רעקל פונעם צוואָק און אנטלאָפן. גדליה, האָט אים דעמלט נאָכגעשריגן:

— זאָלסט דעמלט צוריק קומען ווען מיין טאטע, וועט פון יענער וועלט צוריק קומען!

איז העניך געזעסן אינדערהיים, א וואָך צוויי און געשלינגען די סלינע און נישט געהאט קיין ארבעט, ווייל ער האָט ש׳ין דעמלט כמעט אלע קליענטן אָנגעווירן. איז הנהלע אריבערגעגאנגען. תחלת האָט זי מיט אים גערעדט מיט גוטען, געבעטן אים, אז ער זאָל רחמנות האָבן אויף די קינדער. (ווען העניך ווייסט דאָס, וואָלט ער זיך א מעשה אָנגעטון) און אז ס'האָט נישט געהאָלפן, ער, גדליה, האָט זיך נישט געלאָזט בייגן, האָט זי אים געסטראשעט, אז זי וועט אים שלעפן צום רבין און אז זיין געביין וועט פארשאָלטן ווערן. און דאָס האָט געהאָלפן: פארן רבין, פאַר קללות האָט גדליה געציטערט. דעמלט האָט ער פון צווישן די ציין ארויסגעזייעט: — זאָל ער קומען, דיין העניך!

העניך האָט באמערקט, אז נישט תמיד איז גדליה אזא געפערלעכער פאסקודניאק. ער איז עס גאָר, נאָכן סעזאָן. אין אזא צייט, ווען ער, גדליה מיטן לערניונגל אליין קענען זיך אן עצה געבן מיט דער ארבעט. אז ס'איז אָבער געקומען סעזאָן, דעמלט האָט ער, גדליה זיך געהיט אז ער זאָל זיך נישט ארויסכאפּן מיט עפּעס א וואָרט, וואָס קען אים, העניכן אָנרירן.

— וואָס איז צום טון? — האָט העניך זיך געקלאָגט צו כאצקל קיזשנער.

— ווייסט נישט וואָס צו טון? פּונקט דעמלט, ווען ער איז פארלייגט מיט ארבעט, פּונקט דעמלט זאָגט מען אים דעם פּסוק!

העניך איז געבליבן שטיין מיט אן אָפן מויל און געפרעגט:

— דעם פסוק? וואָסערער פסוק אין מיטן דערינען?

— גיי, ביסט א נאר, מ'זאָגט אים דעם פסוק פונעם קליינעם שיר השירים. אזוי אָ טוען אויך ארבעטער אין די גרויסע שטעט. אין דער צייט פון סעזאָן צווינגט מען אזא פאסקודניאק, אז ער זאָל א גטערשרייבן א פאפיר, אז אפילו ווען ס'וועט נישט זיין קיין ארבעט אָדער ווייניק ארבעט, דארף ער צאָלן כר וכר. אזוי אָ טוט מען אין די גרויסע שטעט.

העניך האָט עס אָבער נישט געקענט פארשטיין. וויאזוי גייט מען אוועק פון איינעם ווען יענער איז אזוי גוט, ווען יענער קריכט דיר אזוי אונטער די נעגל, ווען יענער איז אזוי ווייך, נאָר צו א מכה אים צוצולייגן.

אָט אזוי האָט זיך העניך געפלאָגט, יאָרן. מיט יעדן יאָר איז צוגעקומען א פריש קינד און ווען ס'זאָל טאקע זיין אזוי ווי העניך פלעגט אויסצורעדן חנהלען, אז יעדעס קינד ווערט געבוירן מיט זיין מזל, און אז צו א קינד דערלייגט מען נישט, וואָלט ער און חנהלע שוין לאנג געגאנגען אין זייד און אין סאמעט און די קינדערלעך וואָלטן נישט געוויינט: „מאמע עסן!“ אזוי אָבער... העניך האָט שטארק ליב די קינדער ממש ווי ס'אייגענע לעבן, צו־מאָל נאָך מער ווי ס'אייגענע לעבן און מיט פארגנינען וואָלט ער אויף זיך גענומען סיי וואָסער ווייטיק, אבי דעם קינד זאָל חלילה גאָרנישט שאטן. דאָס הארץ זיינס צעגייט פאר ווייטיק, וואָס מ'דארף האָבן צו די שלעקלעך און מ'האָט נישט.

האָבן גוטע ברידער, נישט געקאָנט מער צוקוקן וויאזוי דער העניך מוטשעט זיך און געקויפט פאר זיינעטוועגן א טעלעפאָן, וועלכע איז זיך שוין געלאָפן און ערגעץ ארום פסח צייט, אז מיר וועלן דערלעבן, דארף זי קעלבן ס'ערשטע קעלבל. זאָל די שטוב כאָטש זיין פארזאָרגט מיט א טראָפן מילך פאר די קינדער.

שווער איז צוגעגאנגען, ביז וואנען העניך מיט חנהלען האָבן צוגענומען די דאָזיקע מתנה. ווייל העניך מיט חנהלען זענען פון די פארשארטע קבצנים, ביי וועלכע דער האָנאָר שפילט א גרויסע ראָל און זיי ווערן שטארק ברוגז אז מ'רירט אָן זייער כבוד. האָבן די גוטע ברידער נישט געהאט קיין אנדערע ברירה און זיי איינגערעדט, אז די דאָזיקע זשונקע האָבן זיי ברעה געהאט צו געבן דרשה געשאנק, נאָר ס'האָט זיך אלץ נישט צוגעפירט.

אזוי אָ זענען יאָרן פארלאָפן. די דאָזיקע יאָרן זענען העניכן נישט גלאטיק אָפגעלאָפן. אָט האָט ער ביי זיך, אויף זיין וואר־שטאט געארבעט, אָט האָט זיך עפעס איבערגעריסן און ווידער האָט ער געמוזט צום גזלן אָנקומען צו גדליהן. אָט האָט זיך ווי־

דער עפעס פאסירט און ער איז ווידער אנטלאָפן שווערנדיק זיך, אז מער וועט זיין פוס צו דעם גזלן נישט אריינטרעטן. אז מער וועט ער זיין טריפהנע צורה נישט אָנקוקן.

אזוי אָ, זאָגן מיר, האָט העניך אין זיך געניאַנטשעט און געכאָוועט, אזוי ווי מ׳כאָוועט א קליין קינד, די שנאה צו גדליהן. און, פון דעם, זאָגן מיר אויך, האָט ער די שנאה זיינע אריבער־געוואָרפן אויך אויף אלע באלעבאטים. און דאָס איז געווען די סבה, פארוואָס, אין יענער צייט, ווען העניכן איז נישקשה גענאַנ־גען, האָט ער מורא געהאט צוצונעמען א געזעלן, א לערנייונגל, כדי ער זאָל זיך נישט פארגעסן און וועלן שפילן די ראָל פון א באלעבאָס אָדער הנהלע די ראָלע פון א באלעבאָסטע. ער האָט מורא געהאט, ער זאָל נישט קווילן א פרעמד קינד, אזוי ווי מ׳האָט אים געקווילט, וויאזוי מ׳האָט אים געמוטשעט.

און אָט וויאזוי ס׳האָט זיך פארלאָפן, וויאזוי ס׳האָט זיך צוגעפירט, העניכס זיבן גוטע יאָר.

.14

אין א זומער טאָג, ווען ס׳איז טויט דער סעזאָן, ווען פויערים זענען פארנומען אויף די פעלדער. ווען גדליה מאכט דעם חשבון, אז העניך פארדינט אים נישט וויפל ער צאָלט אים אויס יעדע וואָך און דערום גייט ער ארום וואָרטשענדיק און ווארפט פון זיך ארויס אזעלכע ווערטער, וועלכע זענען גאָרנישט לרצון, העניכן, וועלכע רעגן אים אויף ביז אָן א שעור. אָט אין אזא אָ מאָמענט, האָט העניך ווי געווייניטלעך אויסגעלאָזט זיין כעס צום היבל, אים געטלומעט צו ד׳ערד און פון צווישן די ציין ארויסגעזאָגט: „שפין!" געבאפט דאָס רעקל פונעם צוואָק און ארויסגעלאָפן ווי פון א שרפה, שווערנדיק זיך ווי געוויינטלעך; אז מער וועט ער זיין טריפהנע צורה נישט אָנקוקן. אלעס, אזוי ווי ס׳איז אונדז שוין באקאנט.

אינדרויסן איז א מוראדיקע היץ. אויפן שטראָז זענען די בלאָטעס פון הערבסט, די פארפרוירענע גרידעס פון ווינטער צע־ריבן און צעמאָלן געוואָרן אויף פיינעם דינעם שטויב, וואָס אז דו שטעקסט אריין א פוס אהין, גרייכט דער שטויב דיר אין דער נאָז, אין די אויערן און איננאנצן ווערסטו באדעקט מיט דעם שטויב פונעם קאָפּ ביז צו די פיס. די גאס איז ליידיק. פון איין עק שטראָז ביז צום אנדערן איז נישט צו זען א לעבעדיק באשע־

פעניש, א הויז וואָס א קאַץ ליגט און פּראַזשעט זיך אויף דער זון, אָדער א קוואָטשקע מיט קליינע הינדעלעך פּאַרפּעלט זיך אין שטויב, רופט זיי צו דער סעודה, מאַכט א רעש און הויבט אויף א שטויב אז מ'זעט זי קוים ארויס. אָט אין אזא שעה איז העניך ארויסגעלאָפן. לויפט ער אריבער דעם שטראָז, הויבט אויך אויף א שטויב און לויפט אָן אָפּשטעל, גלייך מ'וואָלט אים עמעצער מיט ביימשן געטריבן פון הינטן. פּלוצעם דערזעט ער אזוי וואָס, וועל־כעס ער האָט זיינע אייגענע אויגן נישט געגלויבט. און אזוי ווי מיר ווייסן אז העניך איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט שמרס ביכ־לעך; איז אים זאָפאָרט אריין אין געדאַנק, איז ער נישט אפשר: א „פּאַטאַ מאָרגאַנאַ“? ער האָט פאַר זיין שטיב, דאָרט ווי ס'איז די קערנעצע דערזען א גרויסן וואָגן, און אויפן וואָגן; ברעטער און ברעטער. און סחורה, ערשטע קלאַס!!!

העניך האָט זיך א קנופּ געגעבן; חלומט ער נישט? אָדער זעט ער נישט א „פּאַטאַ מאָרגאַנאַ?“. און אז ער האָט זיך איבערצייגט אז דער קנופּ טוט אים וויי, איז ער צוגעגאַנגען צום וואָגן, כדי צו זען צי ס'איז אין דער אמתן א וואָגן צי ס'זענען דאָס טאַקע ברעטער, צי נאַרט אים נישט אָפּ זיין צעהיצטער מוח! אז ער האָט זיך איבערצייגט אז ס'איז א פויער, געקומען פון פּאָלטי־שען, מיט א וואָגן ברעטער, מחמת דאָרט אין יענער געגענט האָט זיך קיין פּאָפּעשויעס נישט געמאַכט און ער וויל די ברעטער אויף פּאָפּעשויעס אויסבייטן און איצט האָט ער זיך דאָ לעבן דער קערנעצע אָפּגעשטעלט כדי ער זאָל די אָקסן אָנפּאָיען, איז ער ווי א וויכער אריין צו חנהלען און איר פאַרגעשטעלט דאָס גרויסע גליק, ממש געווינען אין דער לאָטעריע, און זי געבעטן אז זי זאָל זיך שוין אין דער מינוט ארייננכאַפּן קיין שינדרען און דער פּאָטער זאָל זען וואָס ער קען מיט און געבן פּאָפּעשויעס. דערווייל איז ער ארויס צום פויער, אים איינגערעדט אז צו וואָס דאַרף ער פאָרן ווייטער אז ער קען דאָס געשעפט מאַכן דאָ אויפן פּלאַץ און מאָרגן אינדערפרי אהיים פאָרן...

.15

מער איז שוין העניך נישט נעגאַנגען צו גדליהן ארבעטן. גדליה האָט, ווי ער איז געווינט געווען אין אזא צייט, זיך גע־נומען צו קאָנקורירן, אָבער מער האָט ער העניכן נישט געקענט צעליינגן און דאָס איז געווען מחמת חנהלע איז געווען שטאַרק אויסגערעכנט און באַרעכנט. העניך האָט טאַקע

ווייטער געארבעט שווער און ביטער און דער ערשטער וואָגן ברעטער האָט זיך שוין מער קיינמאָל נישט אויסגעלאָזט. מיר דארפן אָבער אין דעם נישט זען עפּעס א נס, א ווונדער! ניין! דאָס איז נישט געווען! העניך מיט חנהלען האָבן זיך אויפגעפירט, פּונקט ווי פּויערים, ווען זיי נעמען אראָפּ די תבואה. א טייל לייגן זיי אוועק וועגן זריעה און א טייל אויף צום פארברויכן. העניך מיט חנהלען, ביי יעדעס מאָל ארויסנעמען פארטיק אויסגעארבעטע סחורה האָבן זיי אוועקגעלייגט א טייל וועגן איינקויפן ניי מאטעריאל. און יעדן הערבסט האָט העניך זיך פון דער שטאָט געבראכט א ביסל סחורה. געארבעט מאקע שווער און ביטער אָבער מער האָט ער גדליהס פּרצוף, אזוי ווי ער האָט זיך געוווּנטשן מער נישט אָנגעקוקט. און דאָך, האָט העניך נישט פארגעסן די הייליקע שנאה, אזוי פלעגט ער דאָס אָנצורופן, צו אלע פּאסקודניאקעס וואָס אנדערע ארבעטן פאר זייערטוועגן. די דאָזיקע שנאה האָט ער אויך איינגעפלאנצט ביי זיינע קינדער. און נישט איינמאָל האָבן אים די קינדער זיינע געזען אין גרויסן צאָרן, געקלאַפּט מיט דער פויסט אין טיש און געזאָגט:

— פּרנסה, איז מאקע זייער גוט, נאָר נישט ווערן א פּאסקודניאק.

דערום, ווען דאָס קיזשנערישע שילעכל מיט כאצקלען בראש האָבן זיך נעבונטעוועט קעגן אלע קהל פארזאָרגערס, האָט העניך אויך געוואָרפן דעם היבל און אינאיינעם מיט אלין, מיט בורמאנגען און אנדערע, געהעצט און אָנגערעדט די באלעגאָלעס מיט די באלמעלאָכעס, זיי זאָלן זיך מער נישט לאָזן פירן פון די אָ וואָס דאווענען אין ג׳ה קלייזל, וועלכעס מ׳רופט אויך ס׳זיידענע, מחמת דאָרט דאווענען סאמע איידלע און זיידענע מענטשעלער. ניין! נישט מער! מ׳דארף זיי אויף סים סאָט כפּרות!

— פאָלג מיר, חנהלע, וועסטו זען ווי ס׳וועט נאָך גוט זיין! און פאר פארגניגן, האָט ער זיך אזש די הענט געריבן. און אז חנהלע האָט אים געפרעגט אין וואָס ס׳באשטייט דאָס גוטקייט, דאָס וווילקייט, האָט העניך אקוראט נישט געוווסט צו זאָגן; ער האָט נאָר א פויסט געהויבן, א קולעק געביילט געזעצט איבערן טיש.

— גיב נאָר אכטונג, העניך, אז ביז וואָס ווער ווען זאָל מען דיך חלילה נישט צערייבן. איך האָב זייער מורא! איך בעט דיך מיש דיך נישט, פאָלג מיך ס׳נישט דיין עסק!

— פאָלג מיך חנהלע, נישט געזאָרגט! — האָט העניך איבער־געחזרט. — ס'וועט נאָך אלעס גוט זיין, נישט געזאָרגט!

— ס'וועט גוט זיין, ס'וועט גוט זיין. נאָר דו זאָלסט דיך נישט מישן. א דאָס וויל איך. ס'גייט דיך נישט אָן, — האָט הנהלע געזאָגט, ווערענד זי האָט דאָס געשיר אראָפּגענומען.

און אז קריסטעסקו, דער פּרעטאָר, האָט אלע פונעם ק׳זשנע־רישן שילעכל פארנומען און איינגעזעצט אין תפיסה, אזוי ווי מיר ווייסן שוין פון די פריעריקע קאפּיטלעך, און בשעת מעשה זיי געשאָלטן אויף זיין אויסגעמישטער שפּראַך, האלב יידיש האלב רומעניש; כארכאר, מארטאר, אין דער מאמען אריין! איז חנהלע דעמלט פונקט ווי אלע אנדערע ווייבער, וועלכע מ'האָט זייערע מאנען פארנומען, געלאָפן אין הויף, אין די שילן, נישט געלאָזט אויסנעמען דאָס ריינקייט און צום סוף פארזעצט די בערטע און געגעבן שייקעלעך. און ווען זי האָט שוין זוכה געווען אים אינדערהיים צו זען, האָט זי געשריגן:

— סיידן אז איך וועל נישט לעבן, סיידן אז איך וועל ליגן אויף די זייטן וועסטו נאָך מאכן פּאָליטיק, וועסטו זיך משעפּן צו די גבירים! האָב איך דיר נישט געזאָגט, אז דו זאָלסט דיך נישט מישן? האָב איך דיך נישט געוואָרנט אז ס'איז נישט דיין עסק, וואָס ס'טוט זיך? האָב איך דיר נישט געזאָגט? זעסטו דען נישט פערדאַטש איינער, כ'ל דיר שוין אנדערש נישט זאָגן, זעסטו דען נישט אז קריסטעסקו מיט די גבירים, פארכאפּט זאָלן זיי ווערן, רבונו של עולם, אז דאָס וואָס זיי ווילן א דאָס טוען זיי?

.16

איצט, ווען ס'איז אונדז שוין באקאנט דאָס קאפּיטל העניך, ווען מיר ווייסן ש ין כמעט די גאנצע ביאָגראפיע זיינע, קערן מיר זיך א ם צו דעם מיט וואָס מיר האָבן אָנגעהויבן און מיר דער־ציילן אזוי:

ווען פּעטראקע דער פאסטור, האָט העניכן אריינגעשטופּט דאָס פּאפּירל אין דער האנט אריין, האָט זיך העניך דערשראָקן. ער האָט זיך אומגעקוקט, צי זעט נישט עמעצער. דער עיקר, צי האָט נישט געזען חנהלע. און אז ער האָט זיך איבערצייגט, אז זי איז פארנומען מיטן קעלבעל, איז ער אריין אין דער פּעדער־שטוב, געמאכט זיך אז ער האָט עפּעס נוויטיקס צו ארבעטן און

פאוואָליענקע ביים פענצטער געשלינגען יעדעס וואָרט, וואָס דאָרט איז געווען געשריבן:

„און אויך איר קליינע סוחרימלעך, באַלעגאַלעס און באַלמע־לאָכעס פון סיי וואָסערער נאַציע איר זענט, צו סיי וואָסערער רע־ליגיע איר געהערט, איר האָט אויך גענוג אויסצושטיין פון אייגענע און פון פרעמדע שונאים!“

ווייטער זענען געגאַנגען עטלעכע שורות, וועלכע העניך האָט זיי נישט געקענט איבערלייענען. נאָר אָט האָט ער געכאַפּט עט־לעכע שורות וועלכע ער האָט זייער שווער געקענט לייענען, נאָר דאָך האָט ער זיי אַזוי געלייענט:

„און איך איר, סוחרימלעך, באַלעגאַלעס און באַלמעלאָכעס, וועלכע איר זענט שוין אין דעם לאַנד פון לאַנגע דורות, אייך זאָגט מען אַז איר זענט פרעמדע“.

דערנאָך זענען שורות געווען, וועלכע העניך האָט פון זיי נאָר געקענט כאַפּן, דאָ און דאָרט צו אַ וואָרט און פון דעם אַלעמען האָט ער זיך משער געווען, אַז ס'האָט זיך שוין אָנגעהויבן דאָס וואָס צוריק מיט צוויי יאָר אין רוסלאַנד.

העניך, איז אין דעם דאָזיקן טאָג אומגעגאַנגען ווי אַ דולער, נישט איינגעזעסן אין שטוב. געכאַפּט די זעג, גענומען זיך צו דער אַרבעט און די אַרבעט האָט זיך צו אים נישט געקלעבט. איבער־געלאָזט די זעג, דעם הובל און ווידער אַרויס אינדרויסן און אַלץ געקוקט אויפן שטראָז וואָס שלענגלט זיך ביז און אַריבער דער פעסטונג. אַזוי אַ גאַנצן טאָג. אויפדערנאַכט, ווען שטערן האָבן זיך שוין אָנגעהויבן צו באַווייזן און אַ קיל ווינטעלע האָט זיך אויפגעהויבן איז הנהלע צו אים אַרויס און אים געפרעגט:

— וואָס שטייסטו דאָ העניך? וואָס קוקסטו אַזוי אויפן שטראָז? ווועמען וואַרטסטו? אפשר משיחן?

דעמלט, האָט זיך דער גרויסער קלויסטער גלאָק צעקלינגען, צעיאָלעט גלייך, ווי ער וואָלט מיט אַ מענטשלעך יעמערלעך קול גערופן:

— קומט, גוטע מענטשן! קומט ראַטעוועט! — אויפן הימל האָט זיך אַ רויטער פּאַס באַוויזן. באַוויזן און געלאָשן זיך. ווידער באַוויזן און ווידער געלאָשן.

און אַז דער גרויסער גלאָק האָט אַזוי געליאַרעמט, אַזוי גע־שטורעמט, איז אינמיטן אַ קליין גלעקעלע אַריין און זיך אויף אַ דין קולכעל צעיאָלעט:

—ג—ל—י—ן ג—ל—י—ן זאָלן זיי אין פייער סמאָליען, בראָטן, א כפרה! נישטאָ װעמען צו ראַטעווען! די חזרים אליין שולדיק!

דער גרויסער גלאָק לאָזט נישט, און מיט זיין שווערן קלינג רופט ער:

— ג—ל—א—ן, ג—ל—א—ן ! מוחל זיין, מ׳דארף מוחל זיין!

דער קליינער אָבער גלייך ווי ער שלאָגט אים איבער דעם קלינג צעבייזערט ער זיך:

— ניין! ניין! ג—לין גלין גלין! איך בין נישט מוחל גלין — גלין! סמאָליען זאָלן זיי זיך ווי די חזרים! אָט אזעלכע חזרים! גלין — גלין — גלין!

העניך, האָט געכאפט א בליק אויף חנהלען און זעענדיק זי, ווי זי שטייט אזוי א ציטערנדיקע, א פלאַטערנדיקע, האָט ער זי ארומגענומען, זי צוגעדרוקט צו זיך און איר שטיל געזאָגט:

— זעסטו חנהלע, אויף דעם װארט איך, אויף דעם װארטן מיר.

בוקארעשט אינעם חדש מיי, 1956.

אינהאלט

זייט

קאפיטל א.

דער פריץ און זיין וועקיל 3
ווער איז ער 7
אין בעסאראבער לאנד 8
די אסיפה 11
געגרינדעט די חברה נוסעים 16
דער גרויסער וויברת 17
גבריאל לייגט זיך אריין 18

קאפיטל ב.

גבריאלס יחוס 22
בתריאל 22

קאפיטל ג.

די יידן בויען אויף צוואנציק הייזער. גבריאל איז
אין כעס אויפן פריץ קאַדאטווערמא 30

קאפיטל ד.

דער פריץ שלאָגט גבריאלן 42
דער פריץ שלאָגט גבריאלן. די איינוואנדערער
נעמען זיך צוריק בויען דאָס שטעטל 42

קאפיטל ה.

גרשון „גיטו גאָל" 50

קאפיטל ו.

צוויי לויות אין איין טאָג 61

קאפיטל ז.

ר' ישראל דער טשערנאָבילער רבי מיט זיינע קינ־
דער באַזעצען זיך אין סאדאגערע 79

קאפיטל ח.

דער יונגער פריץ קאַראַטמוערמא 89

קאפיטל ט.

דער פריץ קאַראַטמוערמא, דער וועקיל צונא, ר'
יואל און ברוך פאַרן אַנקוקן סאדאגערע . 92

קאפיטל י.

די שטאָט סאדאגערע. — די רבישע התונה. א
מעשה מיט א שטריימל און מיט א צאפּ . 103

קאפיטל יא

דער רבי קומט, דער רבי פּראַוועט, דער רבי באַ־
זעצט זיך אויף שטענדיק אין שטעטל. — דער
ערשטער מופת. 112

קאפיטל יב.

דער סך הכל און דער מוסר־השכל פון דעם וואס
איז ביז איצט דערציילט געוואָרן 122

צווייטער טייל

קאפיטל א.

די צוויי מתנות 125

קאפיטל ב.

גרויסע און קליינע סוחרים. און „אויך מיר סוח־
רים" 134

קאפיטל ג.

יאַן און וואסילע בהמה־טרייבערס. — וויאזוי באַ־לעגאַלעס באהאנדלען סוחרים. — דאָס באגע־געניש פון אלין מיט יאַנען און מיט וואַ־סילען 151

קאפיטל ד.

אלי דער בלינדער און זיין משפחה. — אינצווישן אביסל וועגן נפתלי שוחט. 163

קאפיטל ה.

אלין געפעלט נישט וויאזוי נפתלי שוחט טייטשט איין דעם „עין יעקב“. — אלי אין א וויזיט ביי שלום שוחט אינדערהיים 192

קאפיטל ו.

ר׳ יעקעלע ריישמאן און דער יידישער פריץ מאַטיע שיף. 203

קאפיטל ז.

וויאזוי ר׳ יעקעלע ריישמאן האנדלט ערלעך. . 220

קאפיטל ח.

דער רבי רופט צו זיך נפתלין. מען העכערט די טאקסע. 234

קאפיטל ט.

די באלמעלאַכעס און באלעגאַלעס פונעם קיזשנע־רישן שילעכל, פארקוקן זיך אויף דעם, וואָס ס׳קומט פאַר אין יענער זייט פרוט. . . . 246

קאפיטל י.

שמחת תורה. מנשה, געוועזענער שניידער, חזן אין ג׳ה קלייזל. 264

קאפיטל יא.

לאה, מאַטיע וואסערפירערס מיידל, באגעגנט זיך מיט לייבלען ביי דער פעסטונג. . . . 283

קאפיטל יב.

זשאנדארן ארעסטירן אלין מיט וועלוועלען. . 295

קאפיטל יג.

א געהיימע זיצונג ביי וואסילען. 302

קאפיטל יד.

קאַסטאַקע האָלצהעקער דערציילט ביילצן זיין לעבנס־געשיכטע — נפתלי שוחט האָט מורא אז ס'איז משיחס צייטן. ער וויל נישט אז ער זאָל קומען. 314

קאפיטל טו.

הענרך 325

822 — Fin